STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03069

GRENETSN BIZ TSUM HIML

M. Tsanin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. צאַנין

גרענעצן ביז צום הימל

פאַרלאַג „המנורה", תל-אביב — תש"ל

GRENETSN BIS TSUM HIML

M. TSANIN

הוצאת ספרים „המנורה", תל־אביב, רח׳ זנגביל 24

כל הזכויות שמורות למ. צאַנין
COPYRIGHT BY M. TSANIN

נדפס בישראל
PRINTED IN ISRAEL

החברה המאוחדת לפרסום והדפסה בע"מ — תל־אביב

מ. צאַנין

גרענעצן ביז צום הימל

נישט פאַרגעסן

איך וויל דאָ דערציילן וועגן מענטשן און געשעענישן אין אַ צייט, וואָס האָט דערשיטערט די גאַנצע וועלט און אונדזער וועלט — צעשטערט.

איך האָב דאָס אַלץ געוואָלט דערציילן נאָך אין יונגע יאָרן, נאָר עס איז מיר נישט געגעבן געוואָרן. איין מאַנוסקריפט פון דעם בוך, וואָס איך האָב אים דעמאָלט אַ נאָמען געגעבן „אַ שליחות קיין וואַרשע", איז דערטרונקען געוואָרן צוזאַמען מיט אַ שיף, וואָס איז פון די דייטשן טאָרפּעדירט געוואָרן אויפן אַטלאַנטיק אין יאָר 1943 ; אַ צווייטער אָפּשריפט פון דעם בוך איז פאַרלוירן געגאַנגען בעת דעם „בליץ" איבער לאָנדאָן ; אַ דריטער אָפּשריפט האָט זיך ערגעץ־ווו פאַרוואַלגערט און איך האָב אים ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אָפּגעפונען. איצט, ווען מיר זענען ביים דריטן צענדליק יאָרן ווי די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגע־הויבן און די געשעענישן גייען אַוועק אין פאַרגעסנקייט צוזאַמען מיט די מענטשן — דרוק איך דאָס בוך, כדי נישט צום פאַרגעסן.

אַלע נעמען פון די מענטשן, וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם בוך, זענען ריכ־טיקע, ווי אויך די געשעענישן, וואָס זענען געשילדערט זענען אָן יעדער באַפּוּ־צונג. זיי האָבן געהאַט זייער אייגענע נאַטירלעכע פאַרב פון אַזאַ רייכקייט, אַז קיין שום קינסטלער אין דער וועלט וואָלט נישט פּעאיק געווען אַזעלכע צו קאָמ־פּאָנירן. נאָר אָנהייבן וועל איך דווקא פון אַ נאַכט, אין וועלכער די איינציקע פאַרבן זענען געווען די גרינע שטערן אין הימל און די רויטע פייער־פליגן פון זעל־נערישן איבערשיסן זיך.

אין איינער אַ נאָוועמבער־נאַכט פון יאָר 1939 האָבן צוויי פויערים — איינער אַ יונגער מיט אַ זעקל אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל, און דער צווייטער אַן עלטע־רער, מיט אַ דיקן שטעקן אין דער האַנט — צעטומלט די פּאַטרולן פוןביידע זייטן פון דער סאָוויעטיש־ליטווישער גרענעץ. צום ערשט האָבן זיך צעהאַוועקעט די הינט פון די סאָוויעטישע פּאַטרולן. דערנאָך זענען געקומען ביקסן־שאָסן, וואָס האָבן זיך צעוואַרעמט און געמערט אויף אַ לאַנגער ליניע.

דער יונגער פויער בין איך געווען. דער עלטערער — איז געווען מיין גרענעץ־פירער. וואָס האָט מיר געהאַט פאַרזיכערט, אַז ער „האָט" אַ פוסטן גרענעץ־חלל, וואָס נאָך האַלבער נאַכט שפּאַצירט מען אים דורך פריי ווי אין אַן אייגענעם עפּל־סאַד. די הינט פון די סאָוויעטישע גרענעץ־פּאַטרולן האָבן אונדז דערשמעקט און די ריסן פון דער דרום־זייט און די ליטווינער פון דער צפון־זייט האָבן אַריינגע־שאָסן אין דער נאַכט אַ ים מיט קוילן. אין אַזאַ פאַל איז צום בעסטן זיך אַוועק־לייגן אויף דער ערד אין איבערוואַרטן דעם אומנייטיקן טומל. אַזוי האָבן מיר

אויך געטון. מיר האָבן זיך אוועקגעלייגט מיט די פּנימער אַרויף. איך האָב געציילט די שטערן, מיין גרענעץ־פירער האָט געזויגן שנאַפּס פון אַ פלעשל, די הינט האָבן געהאַווקעט און די רוסן מיט די ליטווינער האָבן געשאָסן.

אַז איך האָב שוין געהאַט אָנגעציילט אַ זעקס הונדערט שטערן, ביים איבערהיפּערן דעם שטערן־שטויב, און דורך מיין פּעלץ האָט אָנגעהויבן אַדורכדרינגען די קאַלטקייט פון דער פייכטער ערד, איז געוואָרן שטיל, אַ סך שטילער ווי צס איז געווען, איידער מיר האָבן צעטומלט די סאָוויעטיש־ליטווישע גרענעץ. מיין שכן האָט מיך אַ שטויס געטון מיטן שטעקן — אַ סימן אַז ס'איז די ריכטיקע צייט צו נעמען זיך אין וועג אַריין. איינגעבויגענע, מיט וויכע טריט און וואַכע אויערן, האָבן מיר זיך פאַרויסגערוקט אויף צפון. ער אַ טריט און איך אַ טריט, ער קוקט אין איין ריכטונג און איך אין דער צווייטער. מיר זענען אַריבער די גרענעץ. אַ סימן: עס האָט זיך מיר אַריינגעגאָסן וואַסער אין די שיך פון דעם שטרעמל, וואָס האָט באַצייכנט די גרענעץ.

מיין פירער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ שלאָפנדיקן הויז. אַפילו דער פּלויט איז געלעגן אויף דער ערד און געשלאָפן; אַפילו אַ הונט האָט נישט געבילט. קיינער האָט זיך אין דעם הויז נישט אויפגעוועקט. אין דער פינצטער האָט דער פויער מיר אַריינגעשטופּט אין דער האַנט זיין פלעשל שנאַפּס, איך זאָל אַ שלוק טון פון דער לייטזעליקייט. נאָך דעם האָט ער מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּירל מיט אַ ביסל טאַבאַק צו פאַרדרייען אַ ציגאַרעטל און אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. מיר האָבן זיךביידע אָנגעקוקט, ווי מיר וואָלטן זיך פריער איבערהויפּט נישט געזען. מיר האָבן נישט אויסגערעדט אַ וואָרט. ס'איז נישט געווען וואָס צו רעדן. איך בין אויף דער ליטווישער טעריטאָריע און ער וואָרט אויף די רוסישע רובלס פאַר דער טירחה פון פירן מיך איבער דער גרענעץ. ער האָט דעם לוין פאַרשטעקט אין זיין בוזעם־קעשענע. מיר האָבן פאַרלאָשן די לעצטע שטיקלעך פון די ציגאַרעטן און אַרויס צוריק אין דרויסן. אַ שטערן איז גראָד אַראָפּגעפאַלן פון הימל — אַ סימן פון מזל. אינטערן סימן פון מזל האָבן מיר זיך געזעגנט.

איך האָב אַוועקגעאײלט אויף מזרח, ווו מיט אַ שמאָלן וועג בין איך דערגאַנגען צו דער ערשטער באַן־סטאַציע אויף דער ליטווישער טעריטאָריע.

פון ווילנע איז געוואָרן ווילניוס

אין אַ כמעט ליידיקער באַן בין איך צוזאַמען מיטן טאָג אָנגעקומען קיין ווילנע. מיט מיין זעקל פאַרוואָרפן איבערן אַקסל בין איך געגאַנגען אין שטאָט אַריין. אויסער די פאַר פויערים, וועלכע זענען געקומען מיט דער זעלבער באַן וואָס איך, איז דער פּלאַץ פאַרן וואָקזאַל געווען ליידיק פון מענטשן, און ליידיק זענען געווען די גאַסן. דער פאַרטאָג איז גראָ און פייכט. צוויי קירכעס הייבן זיך אָן איבערקלינגען מיט אומהיימלעכע קלאַנגען. וועמען רופן זיי און פאַר וועמען קלינגען זיי אין דער אויסגעשטאָרבנקייט פון דער שטאָט? פאַר אייגענער היימלעכקייט גיי איך אַריבער פון איין זייט גאַס אויף דער צווייטער און די ברוק אונטער מיינע פיס קלינגט אָפּ מיט ליידיקייט.

אויף דער שאָפּען־גאַס און אויף דער קליינסטעפן־גאַס קוקן אַרויס פֿון הייזער שוואַרצע פענצטער־לעכער. אַן איינציקער לאָדן הענגט נעבן אַן אויסגע־שלאָגן פענצטער, ווי אַן אויער, וואָס מען האָט אים אָפּגעשניטן און נישט דער־שניטן. הענגט ער. עס עפנט זיך אַ פאַרנטדיקע טיר און באַלד פאַרקלאַפּט זי זיך מיט שרעק.

פון דער ווייטנס, איבערן שיפן דאַך פון דער קאַטעדרע, איבערן קעניגלעכן געדימין־שלאָס פלאַטערט די ליטווישע געל־גרין־רויטע פאָן — דער איינציקער פאַרביקער פלעק איבער דער גראָ־גרויער שטאָט. איך ווייס אייגנטלעך נישט ווו צו גיין. די פּוסטקייט אויף די גאַסן און דאָס אומהיימלעכע קלינגען פון די קירכן־גלאָקן האָבן מיך צעטומלט. איך האָב געדענקט ווילנע פון פאַר דער מלחמה. איצט בין איך געקומען אַהער ווי אַ פּליט און איך ווייס נישט אין וועלכער טיר אַנצוקלאַפּן.

ערשט דאָ נישט לאַנג צוריק האָט ווילנע געהערט צו פוילן. איצט געהערט זי צו ליטע און זי הייסט ווילניוס. ווילנע צי ווילניוס איז זי ירושלים דליטא. ווו זענען די יידן? אין די פריערדיקע טעג איז אַזאַ באַגינען געווען פול מיט יידיש לעבן. די ווילנער באַלעגאָלעס און מאַרקשטייערינס האָבן מיט געשמאַקע יידישע קללות און מיט ווייכע ברכות צוגעאיילט די באַגינענס שנעלער צו ווערן טאָג. איצט קלינגען די קירכן־גלאָקן און קיינער באַווייזט זיך נישט. פענצטער־רעמען שטייען אָן שויבן און קיינער קוקט פון זיי נישט אַרויס.

אויף יענער זייט גרענעץ, אין סאָוויעטישן לידע, האָבן מיר יידן דערציילט, אַז אין ווילנע איז געווען אַ פּאָגראָם. בעת דער צעטיילונג פון פוילן צווישן סטאַ־לין־רוסלאַנד און היטלער־דייטשלאַנד, האָט די רויטע אַרמיי באַזעצט ווילנע. באַלד דערנאָך האָט רוסלאַנד אָוועקגעשענקט צו ליטע, ווי אַ צייטווייליקע מתנה, — ווילנע. די לעצטע רוסישע זעלנער האָבן נאָך נישט באַוויזן צו פאַר־לאָזן די ווילנער גאַסן, ווי אין שטאָט זענען אַריין דריי ליטווישע טאַנקען און הינטער זיי ליטווישע יוגנט באַוואָפנט מיט שטעקנס און אייזנס. די ליטווישע באַנדעס האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט יידישע קעפּ דערפאַר וואָס די שטאָט האָט צוואַנציק יאָר געהערט צו פוילן... און דערפאַר איז ווילנע אין יענעם באַגינען, ווען איך בין אַהין אָנגעקומען, געווען אַזוי פוסט און די קירכן־גלאָקן האָבן געקלונגען אומהיימלעך.

אויף דער קוויאַטאָווע גאַס לענט זיך אָפּ אַ טיר פון אַ קאָנדיטאָריע. ס'האָט פון דאָרט אַרויסגעזעצט דער ריח פון פרישן און זיסן געבעקס. אויף מיין יידישן גוטמאָרגן, האָט די פרוי פון דער קאָנדיטאָריע אָנגעהויבן רייסן פון זיך שטיקער: „אוי אַ בראָך איז צו מיינע יאָרן... איר זענט אַ ייד?.. זאָלן מיר אָפּגענומען ווערן די הענט, צי איך האָב אייך דערקענט... איז וואָס־זשע שווייגט איר?.. אַ פּליט נעבעך... טאָ זעצט זיך, איך וועל אייך מאַכן אַ הייסע גלאָז מילך... אַ צרה אויף מיר, איך זאָל נישט דערקענען אַ ייד!... לייגט אָוועק דאָס זעקל, קיינער וועט עס ביי אייך נישט צוגנבענען..." זי האָט ביי מיר צוגענומען דאָס זעקל, געשטופּט מיר אין מויל אַריין אַ שטיק קעזקוכן און אויסגעשיט פאַר מיר אַלץ וואָס איז געוואָרן פון ווילנע:

ס'איז נישט מער די שטאָט וואָס איז געווען פריער. דער רוב פון דער יוגנט איז אַוועק נאָך דער רויטער אַרמיי, געלאָפן אין פּאַניק, צום טויט דערשראָקענע, צעטומלטע פון דעם מלחמה־געוויטער. זי האָט נאָך נישט געהאַט באַנומען וואָס עס מיינט די פרײַנטשאַפט פון קאָמוניזם מיט היטלעריזם, אפילו ווען די פרײַנט־שאַפט איז אַ לפנימדיקע, מיט די רעשטלעך פון אילוזיע איז די ווילנער יוגנט געלאָפן אויף דער סאָוויעטישער זייט און געשלאָפן אויף די וואָקזאַלן פון גראָדנע און ביאַליסטאָק.

אין דער צייט ווען די יידישע יוגנט איז געלאָפן פון ווילנע, האָבן צו ירושלים דליטא אַנגעהויבן שטראָמען מאַסן פליטים. וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די דייטשן און שוין געהאַט דערפילט די אויסזיכטלאָזיקייט פון דער סאָוויעטי־שער „באַפרײַאונג". בעיקר זענען קיין ווילנע געלאָפן ציוניסטישע פירער און בונדיסטן, וואָס אויף די געביטן, וועלכע זענען באַזעצט געוואָרן פון די רוסן, האָבן יידישע קאָמוניסטן געלויערט אויף זיי און זיי איבערגעליפערט און די הענט פון דער ענ־קאַ־ווע־דע. ליטע איז געווען אַ קליין אינדזעלע, וווּ ס'איז נישט פאַרלאָשן געוואָרן די האָפענונג צו קענען זיך אַרויסראַטעווען סיי פון דעם סאָוויעטישן און סיי פון דעם היטלערישן גיהנום.

אויך איך בין געטריבן געוואָרן פון דער זעלבער האָפענונג. עטלעכע חדשים האָב איך געהאַט געלעבט אונטער דער היטלערישער אָקופּאַציע אין וואַרשע. דער טעראָר קעגן יידן איז געוואַ־ן וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער. דאָס פאַנגען צו צוואַנגאַרבעט באַגלייט מיט קלעפּ, די רויב־עקספּעדיציע פון ס.ס.־גרופּן איבער יידישע הײַזער און דער שטראָם פון „באַקאַנטמאַכונגען", וואָס האָבן בײַ יידן צוגענומען אַלע בירגערלעכע און מענטשלעכע רעכט, האָבן שוין אין יענע טעג פאַראויסגעזאָגט דאָס ערגסטע, וואָס איז שפּעטער געשען. בין איך געלאָפן אין דעם „באַפרייטן" ביאַליסטאָק און אַרײַנגעפאַלן אין אַן ענלעכער אויסזיכטלאָזיקייט, ווי אין וואַרשע.

ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַרײַנגעקומען אין דער „היים פאַר יידישע שרײַבער" אויף דער שענקעוויטש־גאַס, צו זוכן אַ נאַכטלעגער, האָט מיר דער שרײַבער משה גראָסמאַן, וואָס איז איבערנאַכט געוואָרן דער ממונה איבער יידישע שרײַבער, צוזאַמען מיט דעם דיכטער זישע באַגיש, געפּרעגט אָפּנהאַר־ציק: „וואָס אייגנטלעך זוכט איר אינעם רעוואָלוציאָנערן ביאַליסטאָק, בעת איך קען אייך ווי אַ סאָציאַל־פאַשיסט?" די ווערטער פון דעם נעכטיקן לינקן פּועלי־ציוניסט, וואָס האָט זיך באַלד אַרײַנגעפּאַסט אין דער באָלשעוויסטישער ליניע, איז געווען פאַר מיר אַן אָנצוהערעניש אויף דער צייט, איך זאָל נישט וועלן געניסן פון אַ נאַכטלעגער אינעם הויז פון דער ליטעראַרישער רעוואָלוציע.

(שפּעטער, נאָך זײַנע שווערע נסיונות אין רוסלאַנד, איז משה גראָס־מאַן געוואָרן אַ בלוטיקער שונא פון ראַטנפאַרבאַנד און אָנגעשריבן אײנעם פון די שטאַרקסטע באַשולדיקונגען קעגן רעזשים. אויס דאַנקבאַרקייט פאַר משה גראָסמאַן, וואָס האָט מיך ווי אַ סאָציאַל־פאַשיסט פאַרטריבן פון

ביאַליסטאָק, האָב איך אים אין די יאָרן 1942—1944 געשיקט שפּייז־פּעק־לעך קיין רוסלאַנד...)

אין דער קאָנדיטאָריע אויף דער קוויאַטאָווע גאַס אין ווילנע, האָט די פרוי מיט איר רייסן פון זיך שטיקער, כדי איך זאָל זיך פילן היימיש, צוריקגעגעבן מיר דעם גלויבן אין מענטש, וואָס דורך די פּאָר חדשים האָב איך אים שוין היפּש געהאַט פאַרלוירן. צופעליק איז אין דער קאָנדיטאָריע אַריינגעקומען אַ פּליט פון וואַרשע. ער האָט מיך דערקענט און אויסגערופן: „איך וואָלט געשוואָרן, אַז דאָס איז צאַנין! וואָס זיצט איר דאָ? אַביסל ווייטער, אויף סאַדאָווע גאַס נומער ניין איז די היים פאַר יידישע שרייבער־פּליטים... אפשר ווייסט איר וואָס איז געשען מיט מיין פאַמיליע?"

איך האָב זיין פאַמיליע נישט געקענט און נישט געקענט אים גאָרנישט זאָגן. ער האָט געוואָרפן אַ פּאָר תרעומותדיקע ווערטער, ווי איך וואָלט יאָ געוווּסט, נאָר איך וויל אים נישט זאָגן דעם אמת. די אייגנטימערין פון דער קאָנדיטאָריע האָט מיך גענומען אין שוץ: „איר זעט נישט, אַז דער מענטש איז אויסגעמאַטערט פון וועג? וואָס קריכט איר אויף די גלייכע ווענט?" דער מאַן האָט זיך פאַר־ענטפערט, אַז אויך ער איז אַ פּליט. „איז וואָס־זשע שווייגט איר?" — האָט די פרוי געזאָגט מיט האַסט און אָנגעגאָסן פאַר אים אַ גלאָז טיי פון סאַמאָוואַר, וואָס איז געשטאַנען אויפן טאָמבאַנק.

די ידיעה, אַז איך בין אָנגעקומען קיין ווילנע, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן די שרייבער און פּאָליטישע מנהיגים, וואָס זענען געהאַט אַנטלאָפן פון וואַרשע ביים אויסברוך פון דער מלחמה. איך בין געווען דער ערשטער וואָס האָט געהאַט דורכגעמאַכט די באָמבאַרדירונגען און די בּאַלאַגערונגס־תקופה פון וואַרשע, געווען אַ צוויי חדשים אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע און דורך ביאַ־ליסטאָק אָנגעקומען קיין ווילנע. די אַלע, וועלכע האָבן זיך געהאַט ביז דעמאָלט צוזאַמענגעלאָפן קיין ווילנע, זענען שוין לאַנג געווען אָפּגעריסן פון זייערע היימען און גאָרנישט געוווּסט פון זייערע נאָענטע, וואָס זענען געבליבן אין די חרוב געוואָרענע היימען.

דעם 7־טן סעפּטעמבער 1939, אַ וואָך נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, האָט דער רוף פון דער פּוילישער רעגירונג צו דער אינטעליגענץ, זי זאָל פאַרלאָזן וואַרשע מיט די עוואַקויר־באַנען, אַרויסגעריסן פון זייערע היימען אויך די יידישע צייטונגס־רעדאַקטאָרן, פּאָפּולערע זשורנאַליסטן, אָנגעזעענע שרייבער, מנהיגים פון פּאָליטישע פּאַרטייען און די אַלע, וועלכע זענען געווען זיכער, אַז מיטן אַריינמאַרש פון די דייטשן קיין וואַרשע, וועלן זיי זיין די ערשטע קרבנות פון היטלערישן טעראָר. די אָנגעפּראָפּטע עוואַקויר־באַנען זענען אויפן וועג באַשאָסן און באָמבאַרדירט געוואָרן דורך דייטשע עראָפּלאַנען. די געיאָגטע און געפּלאָגטע זענען זיך גרופּעסווייז צעלאָפן ווו נאָר עמעצן האָט געפירט דער אינסטינקט. די פּוילישע רעגירונג און אירע הויכע באַאַמטע זענען אַנטלאָפן קיין רומעניע. די יידישע אינטעליגענץ איז געלאָפן צו די געביטן, וועלכע זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע. אָבער אויך דאָ האָט

געליווערט אויף זיי געפּאַר אַריינצופאַלן אין די הענט פון ענ־קאַ־ווע־דע, דירעקט, אָדער דורך מסירה פון יידישע קאָמוניסטן פון פּוילן. ווי נאָר ווילנע איז איבער־געגעבן געוואָרן ווי אַ צייטוויייליקע מתנה צו ליטע, האָבן זיך אַהער אַ לאָז געטאָן די יידישע שרייבער, צייטונגס־רעדאַקטאָרן, פּאַרטיי־מנהיגים און די אָנפירער־שאַפט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין וואַרשע.

דער „דזשאָינט" און די ווילנער הייסע יידן, האָבן די פּליטים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און זיי געהאָלפן מיט רירנדיקער האַרציקייט. אויף סאַדאָווע גאַס נומער ניין איז געשאַפן געוואָרן אַ היים פאַר יידישע שרייבער־פּליטים, און אין שכנות, אויף קוויאַטאָווע נומער זיבן, איז געוואָרן אַ היים פאַר דעם בונדישן אַוואַנגאַרד, וואָס האָט זיך נישט געטאָרט ווייזן, נישט אויפן שטח פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע און נישט אויפן שטח פון דער באָלשעוויסטישער אָקופּאַציע.

אויסגעוואָרצלטע יידישע שרייבער

אין דער היים פאַר יידישע שרייבער — אַ שאָטן פון דעם יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקי 13 אין וואַרשע — האָב איך געטראָפן באַקאַנטע פּנימער, היימישע, נאָענטע, נאָר פאַרצערטע פון צער, וואָס זייער וועלט איז אונטער־געגאַנגען.

כדי זיך צו באַגעגענען מיט מיר, מיט דעם ערשטן, וואָס איז נאָר וואָס גע־קומען פון דער נישט ווייטער היים, וואָס איז מער נישט מעגלעך צוריק צו דער־גרייכן, זענען געקומען אַלע שרייבער־פּליטים, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין ווילנע: נח פּרילוצקי, ב. יוסטמאַן־יאושזאָן, י. י. טרונק, ז. סעגאַלאָוויטש, י. מ. ניימאַן, ברוך שעפנער, דוד פלינקער, לאַזאַר קאַהאַן, מענדל מאַזעס, שלמה מענ־דעלסאָן, ישראל ראַבאָן, פּנחס שוואַרץ, הערמאַן קרוק, מנחם פלאַקסער, הערש גוטגעשטאַלט, בער ראָזען, משה עלבוים א״אַ.

זיי האָבן געוואָלט וויסן אַלץ, וואָס עס געשעט אין זייערע צעבראָכענע היימען, וואָס איז מיט זייערע פאַמיליעס, פון וואָס לעבט מען און צי וועט מען דאָרט קענען לעבן. איך האָב פאַר זיי גאָרנישט אויסבאַהאַלטן. איך האָב זיי דערציילט ווי אַזוי אונדזער וועלט איז אונטערגעגאַנגען, ווי אַ שיף זינקט אין ים. און זי איז מער נישטאָ. צוריק? — נישטאָ קיין צוריק. אין דעם צעריסענעם פּוילן האָבן זיך געענדיקט אַלע יידישע האָפענונגען — סיי אויף דער דייטשער און סיי אויף דער רוסישער זייט.

ב. יוסטמאַן, דער פּאָפּולערסטער און צום מערסטן ווירקנדיקער יידישער פּובליציסט צווישןביידע וועלט־מלחמות אין פּוילן, אַ ייד מיט אַן אומדערשי־טערלעכער אמונה, וואָס האָט מיט זיינע פעליעטאָנען און מאמרים געקענט טרייסטן די גאַנצע יידישע וועלט — האָט פאַרבראָכן די פינגער און געזאָגט צו זיך אַליין: „חורבן בית שלישי". יוסטמאַן האָט געהאַט איין איינציקע האָפענונג — זען זיין פאַמיליע, וואָס איז געבליבן אין וואַרשע. ער האָט זי מער נישט געזען. אפילו ווען ער איז שפּעטער אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל איז ער אויך דאָ אַרומ־

געגאַנגען אין אבילות נאָך זיין אונטערגעגאַנגענער וועלט. נאָך אין ווילנע האָט ער געגעבן זיך אַ נדר מער נישט איינצוטונקען זיין פען פאַר פובליציסטישער אַר־בעט. פון ארץ־ישראל איז צו אים דערגאַנגען דורך בריוו ווי וויניק די דאָרטיקע ציוניסטישע מנהיגים נעמען זיך איבער מיט דעם חורבן פון דעם יידישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע און ער האָט אָפּגעמאַכט פאַר זיך אייביק צו שווייגן. ביז זיין טויט, אין ארץ־ישראל, האָט ער מער נישט אָנגעשריבן קיין איין פובלי־ציסטישע שורה. אין ווילנע האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן אין אַ קליין צימערל אין אַ הויז אויף דער שאָפּען־גאַס און אין פאַרצווייפלטער איינזאַמקייט האָט ער זיינע טעג פאַרבראַכט איבער תורה־ספרים. ער האָט מסתמא געזוכט אין זיי אַ פאַר־ענטפערונג אויף דעם אַלעם, וואָס זיין אייגענע אינטעלעקטועלע שאַרפקייט האָט נישט געקענט פאַרענטפערן. אין ירושלים האָט ער ממשיך געווען זיין תורה־ווערק „פון אונדזער אַלטן אוצר".

י. י. טרונק, דער יידישער גייסטיקער אַריסטאָקראַט, דיכטער און פילאָ־זאָף, האָט דעמאָלט אין ווילנע אויסגעזען אַזוי ווי עס האָט מסתמא אויסגעזען דער פאַרמשפּטער סאָקראַטעס. טרונק האָט זיך אין זיינע אויספרעגן אינטערע־סירט מיט קליינגקייטן, ווייל דורך קליניקייטן, האָט ער געהאַלטן, זעט מען בעסער די גרויסע לייוונט. ער האָט געזוכט די קוריאָזיטעט און דעם הומאָר אין טראַגישע איבערלעבונגען. ער האָט פאַניש מורא געהאַט פאַר הונגער און פאַר אַלץ, וואָס קען שרעקן. אין וואַרשע, אין זיין פּאַלאַצל־הויז אין דער געגנט פון דער פוילישער אַריסטאָקראַטיע, האָט ער אפילו מורא געהאַט פאַר זיין אייגענעם הונט, דעם שוואַרצן גוטמוטיקן פודעל, פאַר וועלכן ער פלעגט לייענען זיינע לידער. טרונק איז געווען זיכער, אַז זיין הונט האָט אַ פילאָזאָפישע און עסטעטישע נשמה, אָבער מורא געהאַט פאַר אים האָט ער. ער האָט די מורא פאַר זיין הונט דערקלערט דערמיט וואָס דער פודעל האָט נישט קיין הומאָר. אַ באַשעפעניש — אַ מענטש אָדער אַ חיה — אָן הומאָר, איז פעאיק אויף אַלע אכזריותן. האָט ער געזאָגט. אין מיטן פון מיין דערציילן ווי אַזוי די דייטשן טרייבן יידן צו צוואַנג־אַרבעט, ווי אַ מיטל זיי צו דערנידעריקן און צונעמען ביי זיי דעם זעלבסט־כבוד, האָט טרונק אַריינגעוואָרפן אַ פראַגע: „עסן גיט מען זיי?"

י. י. טרונק איז פאַר דער מלחמה געווען רייך. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו עסן, אָבער צוליב שלעכטן שטאָף־וועקסל האָט ער געמוזט לעבן אויף דיעטע. פלעגט ער אָפּט נעלם ווערן פון אונטער דער קאָנטראָל פון זיין פרוי חנה און זיך אַריינכאַפּן אין אַ רעסטאָראַן אויף „אָפּצונעמען זיך פאַר אַלע צייטן". צוליב די מאָגערע דיעטע־שפייזן אין דער היים, האָט זיך ביי טרונקן אַנטוויקלט אַ הונגער־פסיכאָזע. אפילו נאָכן אָפּעסן אַ פולן, ברייטהאַרציקן מאָלצייט אין סטיל פון וואַרשעווער גבירישקייט, האָט טרונק זיך געקענט אָוועקזעצן און אויפסניי אויפעסן נאָך אַזאַ מאָלצייט. שפּעטער, ווען ער איז ווי אַ פּליט געלאָפן איבער די וועגן, האָט אים אויסגעפעלט אַ שטיקל ברויט. איז ער אָנגעקומען קיין ווילנע מיט אַ מוראדיקער שרעק פאַר הונגער. דער „דזשאָינט" האָט מיט אַ ברייטער און ברידערלעכער האַנט געזאָרגט פאַר די יידישע שרייבער־פליטים אין ווילנע, אָבער וויפל שפייז טרונק זאָל נישט האָבן באַקומען אין דער קיך פון דער היים

פּאַר יידישע שרייבער, האָט ער זיך אַלץ נישט געקענט באַרואיקן. די שרעק פֿאַר הונגער האָט אים פֿאַרפֿאָלגט. אויסער עסן האָט ער געלעבט אין זיין אייגענער פֿילאָזאָפֿישער וועלט; זיין רעאַלע וועלט איז שוין מער נישט געווען. זי איז צעשטערט געוואָרן פֿון די דייטשע באָמבעס מיט אַזאַ גרינטלעכקייט, ווי די באָמבעס וואָלטן געהאַלטן אין כסדרדיקן פֿאַלן פֿון דער ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט. סאָקראַטעס איז געפֿאַלן פֿון אַ באָמבע נישט ווייט פֿון לוקאָוו; פּלאַטאָ איז צוזאַמען מיט אַלע זיינע כתבים אויפֿגעריסן געוואָרן, ווען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער שול פֿון שיעלע קוטנער; סענעקאַ, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידישע שרייבער אָפּגעפֿונען ווי פּליטים אין ביאַליסטאָק און געוועכטיקט אויפֿן וואָקזאַל, האָט דער דיכטער איציק פֿעפֿער געעצהט, זיך צו פּראָדוקטיוויזירן און ווערן אַן אַרבעטער; אייסכילאָס, וואָס האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אין דער שול אין גראָדנע, איז געמסרט געוואָרן פֿון אַ יידישן קאָמוניסט, אַז ער איז אַ פֿאַרשטעלטער בונדיסט פֿון לאָדזש, און די ען־קאַ־ווע־דע האָט אים פֿאַרשיקט קיין סיביר... אין מאָמענטן, ווען טרונק פֿלעגט צוריקבאַקומען זיין הומאָר, פֿלעגט ער אים אויסמישן מיט סאַרקאַזם.

דער קאָנטראַסט צו י. י. טרונק איז געווען דער פּראָזאַיקער ישראל ראַבאָן. ער האָט געשטאַמט פֿון גרויס אָרעמקייט אין לאָדזש און געהאַט אַ געשטופּלט פּנים מיט בלויע ציניש אויגן. זיין קרעפּטיקער שרייבער־טאַלאַנט האָט אים נישט רעקאָמפּענסירט זיין מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס און ער האָט געהאַט אַ סאַדיסטישע הנאה פֿון חוזק מאַכן פֿון אַנדערע. אין דעם פּליטים־לעבן, צווישן שרייבער, וועלכע זענען פֿאַר דער מלחמה אין פּוילן געווען גרויסע פֿאַרדינערס מיט נאָך גרעסערע פּאָזיציעס אין יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, האָט ער אַפֿילו געפֿונען אַ געוויסע באַפֿרידיקונג. ווי אַ פּליט איז אים געגאַנגען בעסער ווי עס איז אים געגאַנגען פֿריער אין זיין היימשטאָט אין לאָדזש. האָט ער געמאַכט בייסיקע וויצן אויף די נעבעכטיקע לאָדזשער און וואַרשעווער גבירים, וואָס האָבן איצט געטראָגן דזשאָנטישע מאַנטלען, ווי ער האָט געטראָגן אַ דזשאַנטישן מאַנטל; זיי האָבן געגעסן פֿון אַ דזשאַנטישער קיך און דאָס זעלבע עס. ראַבאָן האָט ליב געהאַט טרונקן, ער האָט ליב געהאַט זיין דינעם הומאָר, זיין פֿילאָזאָפֿישע תורה, זיינע פּאַראַדאָקסן, אָבער הינטער די פּלייצעס פֿלעגט ער פֿון אים אָפּחוזקן. טרונק, דער נעבעכטיקער גביר, דער איידעם פֿון די פּריוועסעס, דער אַריסטאָקראַט, איז סאָציאַל געווען אויסגעגלייכט מיט אים!ביידע פּליטים... טרונקן האָט געצויגן צו ראַבאָנען דעם ציניקער, אפֿשר דערפֿאַר ווייל ער האָט גוט געקענט ליטעראַטור און אפֿשר נאָך מער דערפֿאַר, וואָס טרונקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איצט איז ראַבאָן שטאַרקער פֿון אים... טרונק איז געווען פֿול מיט פּחדים און ער האָט געדאַרפֿט האָבן עמעצן נעבן זיך, אַזעלכן וואָס איז שטאַרקער און קען חוזקן פֿון אַלעמען.

מער ווי פֿון אַלעמען האָט ישראל ראַבאָן געחוזקט פֿון דעם ראָמאַניסט ז. סעגאַלאָוויטש. סעגאַלאָוויטש איז אַפֿילו אין זיינע גלאַנץ־יאָרן געווען אַן אומעטיקער, אַ סענטימענטאַלער. נאָך שלום אַש איז סעגאַלאָוויטש געווען דער צום מערסטן געלייענטער ראָמאַניסט אין פּוילן און דער בעסטער פֿאַרדינער צווישן

שרײַבער. פֿאַר די לײַענער איז ער געװען אַ פּרינץ. דאָך האָט סעגאַלאָװיטש געזוכט אָנערקענונג בײַ די שרײַבער און זי נישט געפֿונען. זיכער צוליב דעם, װאָס זײ זענען אים מקנא געװען זײַן דערפֿאָלג. אין װילנע איז סעגאַלאָװיטש אַרומגעגאַנגען אַ צעבראָכענער, אַן עלנטער, װי דער חורבן װאָלט געװען נאָר זײַן פּערזענלעכער חורבן. די שרעק, מיט װעלכער ער האָט זיך אָנגעזעטיקט אויף די באָמבאַרדירטע װעגן, האָט אַרויסגעקוקט פֿון זײַנע אויגן מיט בהלה. מיט איין מאָל איז זײַן עלעגאַנטע װעלט פֿון אײנזאַמקייט געלעגן אין חורבות.

דאַכט זיך, אַז קיין מאָל האָט קײנער שענער נישט געטראָגן אײנזאַמקייט װי סעגאַלאָװיטש. ער איז געװען אײנזאַם אין זײַן ליטעראַרישן דערפֿאָלג, אײנזאַם אין ליבע, אײנזאַם אין זײַן שרײַבן, אין זײַנע ראָמאַנען און לידער און אײן און אײנציק בײַ זיך אַלײן. אָבער ערשט װי אַ פּליט אין װילנע איז סעגאַלאָװיטש געװען אײנזאַם אויף אַן אמת. כאָטש װילנער ײדישע משפּחות האָבן זיך פֿאַרנומען מיט אים, װי ער װאָלט געװען זײער בן־יחיד. און ישׂראל ראַבאָן האָט ליב געהאַט צו װערן פֿרײלעך, װען ער האָט זיך באַגעגנט מיט סעגאַלאָװיטשן. אויך סעגאַלאָװיטש טראָגט אַ מאַנטל פֿון דזשאַינט!...

נח פּרילוצקי האָט זיך אין װילנע אינגאַנצן איבערגעגעבן אין די הענט פֿון דער קאַלטער דיאַלעקטישער װעלט־באַנעמונג. פֿון דעם אַלעמען, װאָס איז פֿאָרגעקומען, איז נישטאָ װאָס נתפּעל צו װערן. דאָס װאָס איז געשען אין די פּאָר חדשים, איז אַ טײל פֿון אַ היסטאָרישן פּראָצעס, װאָס קען מיט קלײנע איבעררײַסן דויערן אַ האַלבן יאָרהונדערט. סטאַלין און היטלער זענען געװערקצײַג אין די הענט פֿון דער געשיכטע. די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאַטאַקליזמען זענען באַגלײט־דערשײַנונגען פֿאַר אַ היסטאָרישן ציל, װאָס איז אפֿשר גאָר קיין ציל נישט...

מיט אָט דעם סטאָיציזם איז נח פּרילוצקי געװען דער אײנציקער צװישן די שרײַבער, װאָס האָט אָנגעהאַלטן דעם זעלבן שטאַט, װאָס פֿאַר דער מלחמה. ער האָט גענומען אַ שײנע דירה און נישט פֿאַרמיטן צו שלאָפֿן נאָך מיטאָג און שפּעטער פֿאַררײכערן אַ גוטן ציגאַר. מיט פּראָפֿעסאָרישער רואיקייט האָט ער געאַרבעט איבער זײַנע פֿילאָלאָגישע און פֿאָלקלאָריסטישע פֿאָרשונגען. אַפֿילו שפּעטער, װען ליטע איז באַזעצט געװאָרן פֿון דער רויטער אַרמײ און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנהײב פֿונעם סוף, האָט נח פּרילוצקי נישט פֿאַרלוירן זײַן אינטעלעקטועלע רואיקייט. ער איז געװאָרן פּראָפֿעסאָר אין װילנער אוניװערסיטעט און נישט געהאַט קיין ברעקל אילוזיע װעגן װעלכער עס איז מעגלעכקייט פֿאַר אַ צוקונפֿט פֿון ײדן אין דעם װינקעלע פֿון דער װעלט. און אַז די סאָװיעטישע קולטור־קאָמיסאַרן האָבן אים איבערגעגעבן, ער זאָל פֿון די העברעאישע לערער אין ליטע מאַכן ײדישע לערער, האָט מיר אײן מאָל נח פּרילוצקי געזאָגט: „שװער צו פֿאַרשטײן די מענטשלעכע נשמה. די לערער פֿון די געשלאָסענע העברעאישע שולן װײסן דאָך, אַז דאָס איבערשטעלן זײ פֿאַר ײדישע שולן איז נישט מער װי אַ שפּיל פֿאַרן טײוול; די סאָװיעטישע מאַכט װעט אין ליטע נישט דערלאָזן צו אַ ײדיש שולװעזן; זי װעט װעלן די ײדישע קינדער האָבן אין רוסישע שולן. איז װער בעט די נעכטיקע העברעאישע לערער, זײ זאָלן פֿאַר מיר, פֿאַר נח פּרילוצקי, אָפּגעבן דעקלאַראַציעס, אַז מיט דעם װאָס זײ האָבן געלערנט ײדישע

קינדער העברעאיש, זענען זיי געווען אידייאיש פאַרפירט פונעם ציוניסטישן קאַ־פּיטאַליזם..." ער איז ווייטער געזעסן ביי זיין שרייבטיש, אָנגעטון אין אַ סאַמעטע־נעם שלאַפראָק, מיט אַ דיקן ציגאַר אין מויל און באַשריבן אַ סברה וועגן אַן אידיאַם, וואָס ער האָט באַגעגנט אין מויל פון אַ ווילנער פיש־הענדלערין...

י. מ. ניימאַן, איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „היינט" אין וואַרשע, אַ דיכטער און עסייאיסט, איז אין ווילנע געגאַנגען מיט נערוועזע טריט. פּלוצים פלעגט ער זיך אָפּשטעלן ווי פאַר אַ תהום. אינעם געוויש פון די „יונקער"־ און „סטינעס"־עראָפּלאַנען און אונטער זייערע באָמבעס זענען אויף די פּליטים־וועגן געפאַלן טויט ווי אַלע טויטע — שייגגייסט און עסטעטיק. ניימאַן, וואָס האָט אַלע מאָל געזוכט די קלאַסישע פאָרם, האָט אין די האַרבסט־חדשים פון 1939 „אַנטדעקט" די וועלט אין אַ קלאַסישן חורבן און אין אַ פאָרמלאָזיקייט, וואָס שטעלט אין סכנה די גאַנצע קונסט. ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיין געלאַסנקייט. אין דער צייט, ווען ער האָט געשריבן וועגן קונסט און עסטעטיק, האָבן זיך דערוויל צוגעגרייט די פינצטערע כוחות צו דעם מלחמה־קאַטאַקליזם און איידער וואָס־ווען איז ער שוין געווען אַ פּליט אויף סאַדאָווע נומער ניין אין ווילנע און — נישט אָן שרעק — געטרייסט זיך און אַנדערע, אַז „דאָס אַלץ" וועט זיך שנעל ענדיקן און באַלד דערנאָך וועט קומען די אידעאַלע וועלט מיט געלייטערטן גייסט און נייע איידעלע קונסט־פאָרמען.

פון דער זעלבער שטאָט לאָדזש, פון וועלכער עס שטאַמט י. מ. ניימאַן, איז אויך געקומען ברוך שעפנער. אָט דער מייסטער פון הומאָריסטישן פעליעטאָן האָט אויפגעהערט לאַכן דעם 7־טן סעפּטעמבער 1939, ווען די פּוילישע רעגירונג האָט גערופן צו עוואַקויִרן די הויפּטשטאָט וואַרשע. אָבער אַפילו אין די ערגסטע מינוטן, ווען דייטשע עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט דעם צוג, מיט וועלכן עס האָבן זיך עוואַקויִרט אויך די רעדאַקטאָרן פון די יידישע צייטונגען, האָבן זיינע קאָלעגן נישט אויפגעהערט לאַכן פון זיין „לייכטן הומאָר", כאָטש שעפנער האָט זיין סיטואַציע־הומאָר געמיינט טויט ערנסט. אין ווילנע האָט שעפנער געפּרוווט לאַכן, געפּרוווט אָנהאַלטן זיין הומאָר. ער האָט נישט געהאַט פאַר וועמען, זיינע לייענער זענען געווען איינגעקלעמט אין דעם היטלערישן טעראָר, אָדער זיי זענען געלעגן אויפן וואָקזאַל אין ביאַליסטאָק און געוואַרט אויף אַ באַן, וואָס גייט אין ערגעץ נישט...

דער תמימותדיקער דוד פלינקער, דער רעדאַקטאָר פון דעם וואַרשעווער „טאָגבלאַט", האָט זיך אויפן שטייגער פון בעלי אמונה איבערגעגעבן אין די הענט פון דער השגחה. ער האָט קיין מאָל נישט געגלויבט אין די אָפּגעטער פון דער רעוואָלוציע, במילא האָט ער זיך אין זיי נישט אַנטוישט. האָט מען פון פלינקערן געקענט הערן אַ טרייסטוואָרט אין שעהן פון פאַרצווייפלונג. אפשר דערפאַר האָט זיך צווישן פלינקערן און שעפנערן פאַרבונדן אַ פריינדשאַפט, וואָס מען באַגעגנט זעלטן צווישן מענטשן פון צוויי קעגנזעצלעכע וועלט־אַנשויאונגען. עס האָט אויסגעזען ווי שעפנער, דער אַפּיקורס, זאָמלט ברעקעלעך אמונה און ער באַהאַלט זיי אויס ביי פלינקערן

דער הויכער מענדל מאָזעס, דער דירעקטאָר פון דער יידישער טעלעגראַפן־

אַגענטור אין וואַרשע, האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ גרויס פאַרלוירן קינד. אַנומלט איז ער געוועז דער, וואָס האָט געהאַלטן די האַנט אויפן דופק פון יידישן לעבן; איצט האָט ער געדאַרפט עמעצן, וואָס זאָל אים האַלטן ביי דער האַנט און אים אָנווייזן אַ וועג אין דער צעטומלטער און האַפנונגסלאָזער וועלט. ווו אַלע טעלע־גראַף־דראָטן האָבן זיך מיט איין מאָל פאַרפּלאָנטערט און קיינער ווייסט נישט ווו איין און ווו אויס.

איך האָב אָנגעצייכנט עטלעכע טיפּן פון שרייבער אין זייער פּליטים־גלגול, וואָס איך האָב דעמאָלט באַגעגנט אין ווילנע. נאָר דער וואָס האָט זיי געקענט פון פריער, אין וואַרשע, ווען די וועלט איז געווען וועלט, האָט געקענט זען ווי טיף דער מלחמה־קאַטאַקליזם האָט די מענטשן דערשיטערט.

געיאָגטע און געפּלאָגטע

די פאַקטן און סיטואַציעס, וואָס איך האָב איבערגעגעבן פאַר די יידישע שרייבער אויף סאָדאָווע ביין, ווו זיי זענען געקומען מיך הערן, האָט די מענטשן נאָך מער דערשלאָגן. הייסט עס, אַז אַלץ איז פאַרלוירן? צי איז מעגלעך, אַז דאָס לעבן פון די דריי און אַ האַלבן מיליאָן פּוילישע יידן איז אין גאַנצן צעשטערט געוואָרן? אויך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די דייטשן געכאַפּט יידן צו צוואַנגס־אַרבעט; געפירט אַ ווירטשאַפט פון רעקוויזיציעס און באַגרענעצונגען; עס זענען געווען עפּידעמיעס, הונגער, שטראָפן — דאָך האָבן יידן איבערגע־האַלטן. דער היטלעריזם האָט, וואָס אַן אמת, פאַרויסגעזאָגט צו פאַרניכטן די יידן. אָבער ווי אַזוי קען מען אין האַרץ פון אייראָפּע אויספירן אַ מאָרד איבער אַ פאָלק פון מיליאָנען?

איך האָב געקענט דערציילן בלויז דאָס, וואָס איך האָב אַליין איבערגעלעבט און וואָס מיינע אויגן האָבן געזען סיי בנוגע די יידן אין וואַרשע מצד דער געסטאַפּאָ און סיי בנוגע די יידן אין ביאַליסטאָק מצד דער עג־קאָ־ווע־דע. אָבער אויך איך בין געווען צעטומלט פון די מלחמה־איבערלעבונגען אויפן פראָנט, בעת דער באַלאַגערונג פון וואַרשע, מיינע נסיונות אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע און אונטער דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע אין ביאַליסטאָק און דעריבער נישט געקענט מאַכן קיין שום אויספיר.

פונקט ווי די יידישע שרייבער, אַזוי זענען אויך געווען פאַרלוירן די יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער פון פּוילן. אויך זיי זענען אַוועק פון וואַרשע אויף דעם רוף פון דער פּוילישער רעגירונג, דעם 7־טן סעפּטעמבער, זיי זאָלן זיך עוואַקואירן ערגעץ־ווו אין די מזרח־געביטן פון פּוילן. דאָרט וועט געשאַפן ווערן די נייע רעזידענץ פון דער פּוילישער רעגירונג און פון דאָרט וועט געפירט ווערן דער קאַמף קעגן היטלעריזם. אַזוי ווי די פּוילישע רעגירונג גופא האָט נישט געוווּסט, אַז באַלד וועט די רויטע אַרמיי באַזעצן די מזרח־געביטן און צונישט מאַכן יעדן פּוילישן ווידערשטאַנד, אַזוי אויך האָבן די פירער פון פּוילישן יידנטום נישט גע־וווּסט, אַז זיי עוואַקואירן זיך פון איין גיהנום אין אַ צווייטן גיהנום. דאָך ווען די רויטע אַרמיי האָט באַזעצט די מזרח־געביטן פון פּוילן, האָבן ווייניקסטנס די

יידישע אַרבעטער־פירער געהאַט אילוזיעס, אַז די סאָוויעטישע מאַכט וועט זיי נישט שטערן און אויך אפשר קומען צו הילף אַנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די יידישע מאַסן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע.

די אילוזיעס זענען שנעל צעשוווּמען. אין דעם אָקופּירטן וואַרשע זענען געסטאַפּאָ־גרופּן אַרומגעגאַנגען מיט רשימות פון יידישע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טוער אויף צו פאַנגען זיי און אַרעסטירן; אויף די אָקופּירטע געביטן אויף דער סאָוויעטישער זייט זענען אַרומגעגאַנגען ען־קאַ־ווע־דע־אַגענטן און מיט דער הילף פון יידישע קאָמוניסטן געלויערט אויף די „רעאַקציאָנערע און סאָציאַל־פאַשיסטישע אַגענטן פון קאַפּיטאַליזם".

אויף די גאַסן און וואָקזאַלן פון ביאַליסטאָק און לוצק, פון גראָדנע און קאָוועל, אין אַלע שטעט און שטעטלעך פונעם סאָוויעטישן פאַרנומענעם תחום, האָבן יידישע קאָמוניסטן געלויערט אויף סאָציאַליסטן, ווי אויף חיות. דער אַרעסט פון די צוויי יידישע אַרבעטער־פירער הערש ערליך און וויקטאָר אַלטער האָט אין די יידישע פּליטים־צענטערס אַרויסגערופן אַ בהלה. יעדער וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אַ סאָציאַליסטישער יידישער פּאַרטיי, האָט זיך דערפילט אין סכנה. האָבן אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע פירער און טוער, בונדיסטן, ציוניסטן, פאָלקיסטן אָנגעהויבן לויפן פון די סאָוויעטישע געביטן, ווי פון אַ שריפה. די וועלכע עס האָט אויסגעפעלט כוח צו לויפן, האָבן צעריסן זייערע פּאַפּירן און געפּרוווּט צו פאַרשטעקן זיך אין אַזעלכע פלעצער, ווו מען האָט זיי נישט גע־קענט. אין די פּראַגע־בויגנס, וואָס יעדער איינער פון די פּליטים האָט געדאַרפט אויספילן ביים זוכן אַרבעט, זענען פון דער רובריק „צו וועלכער פּאַרטיי האָסטו געהערט?" פאַרשוווּנדן אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען אין יידישן פּוילן. יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן אויסגעפילט די פּאָליטישע פּאַרטייען און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן, זענען איבער נאַכט געוואָרן „אומפּאַרטייאיש". די אַנגעזעענע פירער און טוער האָבן נישט געקענט ווערן „אומפּאַרטייאיש", זענען זיי געלאָפן קיין ווילנע — אין דעם איינציקן טויער, ווו עס איז נאָך געווען אַ האָפענונג צו אַנטרינען פון ביידע גיהנומס — דעם היטלעריסטישן און דעם סטאַליניסטישן.

אַ טייל פון די יידישע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער זענען געקומען קיין ווילנע שוין דעמאָלט, ווען דאָרט זענען נאָך געזעסן די סאָוויעטן, ווייל אי־בער די אָקופּירטע געביטן האָט זיך צעטראָגן אַ שמועה, אַז ווילנע וועט צוגעטיילט ווערן צו ליטע, כדי אויסצובעסערן אַ היסטאָרישע עוולה און כדי גרינגלעך צו צעטיילן פּוילן צום פערטן מאָל...

אויך דאָ האָט די ען־קאַ־ווע־דע מיט דער הילף פון דאָרטיקע יידישע קאָמו־ניסטן געפאַנגען יידישע „סאָציאַל־פאַשיסטן", „שעדיקער", „פאָלקס־שונאים" און זיי ענלעכע. די אָנגעקומענע פון דער פרעמד האָבן שוין פון פריער געוווּסט, אַז זיי דאַרפן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, נאָר זיך פאַרשטעקן ביז די רויטע אַרמיי וועט פאַרלאָזן די שטאָט. די אָרטיקע האָבן נישט געהאַט דעם נסיון פון די פּליטים און דעריבער זענען אַ טייל פון זיי געוואָרן קרבנות. די ען־קאַ־ווע־דע האָט אַרעסטירט דאָס שיינע געשטאַלט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג

אַנאַ ראַזענטאַל. שוין אַן אַלטינקע געווען ביים אַרעסט און באַלד דערנאָך איז זי געשטאָרבן אין אַ סאָוויעטישער תּפֿיסה. די ען־קאַ־ווע־דע האָט אַרעסטירט און פֿאַרשלעפּט קיין רוסלאַנד דעם פֿילאָלאָג און רעדאַקטאָר פֿון ווילנער „טאָג“ זלמן רייזען.

אַ שליחות קיין וואַרשע

די אַנטלאָפֿענע ציוניסטישע פֿירער האָבן זיך אין ווילנע נישט קאָנצענטרירט אונטער איין דאַך. דאָס זענען געווען פֿירער פֿון פֿאַרשיידענע ציוניסטישע ריכ־טונגען, וואָס אויך אין וואַרשע זענען זיי געווען ווייט פֿון זיך. משה קליינבוים, יוסף שאַפּמאַן, זרח וואַרהאַפֿטיק, שטשופּאַקעוויטש — דער סעקרעטאַר פֿון די רעכטע פּועלי־ציון אין וואַרשע. זיי האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער, נישט אַזוי ווי דער „בונד“. היימיש אין ווילנע — דאָ איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פֿון „בונד“ — זענען אַהער אָנגעקומען כּמעט אַלע פֿון די פֿירער, וועלכע זענען אַנטלאָפֿן פֿון די געביטן, וואָס זענען געווען אָקופּירט פֿון די דייטשן און פֿון די רוסן. אויף קוויאַטאָווע גאַס נומער זיבן. אין שכנות פֿון דער היים פֿאַר יידישע שרייבער, האָט דער „בונד“ געשאַפֿן אַ היים. ער האָט אויפֿגעשטעלט נייע קולטור־אינסטיטוציעס, אַ פֿאַרלאַג, אַן אייגענע קיך און אַ קלוב. די האָפֿענונג איז געווען, אַז אין ווילנע וועט מען איבערלעבן די מלחמה. וועט מען דערוויילֿ, ביז דער שטורעם וועט אַריבער, אויפֿהאַלטן פֿריש און שפּעריש די אייגענע כּוחות.

אין אַ קאַפֿע אויף טראָקער גאַס האָט מיך שלמה מענדעלסאָן, דער פּעדאַגאָג און איינער פֿון די הויפּטפֿירער פֿון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, אָפּגעהאַלטן עטלעכע שעה און אויסגעהערט מיין דערציילונג, ווי אַזוי אין וואַרשע האָט זיך נעבן „דזשאָינט“ אָנגעהויבן אויסצואַרמירן אַן אונטער־ערדיש יידיש געזעלשאַפֿטלעך לעבן. מענדעלסאָן האָט מיר פֿאַרטרויט דעם סוד, אַז דער „בונד“ שיקט עטלעכע שליחים קיין וואַרשע, אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט דער דאָרטיקער אונטערערדישער באַוועגונג און אויב מעגלעך, איינשטעלן אַ געוויסע קאָמוניקאַציע צווישן וואַרשע און ווילנע. פֿיר שליחים האָבן געדאַרפֿט אַרויסגיין איינער נאָכן אַנדערן.

פֿון ווילנע קיין וואַרשע זענען געווען צוויי גוט־געהיטע גרענעצן — די ליטוויש־רוסישע און די רוסיש־דייטשע. אויף דעם רוסישן גרענעץ־פּאַס האָט די ען־קאַ־ווע־דע קאָרומפּירט די פּייערים אין געצאָלט פֿאַר כאַפּן איינעם, וואָס גייט אַריבער די גרענעץ, מיט פֿינף קילאָגראַם זאַלץ, אָדער אַ בלעך נאַפֿט. כּדי קיין וואַרשע זאָלן זיך אַריבערבאַקומען כאָטש צוויי פֿון די פֿיר פּלאַנירטע שליחים און צוריק קיין ווילנע זאָל אָנקומען איינער, מוז מען שיקן פֿיר מענטשן. דריי קאַנדידאַטן זענען שוין פֿאַראַן. דער פֿערטער שליח דאַרף זיין ער אַליין, שלמה מענדעלסאָן, אָדער חיים וואַסער, פֿון די אַלטע רעוואָלוציאָנערע בונדישע טוער און שפּעטער דער דירעקטאָר פֿונעם פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע“ אין וואַרשע. אין אַט די צוויי קאַנדידאַטן האָב איך גענענט זעלבסטמערדער. שלמה מענדעלסאָן

איז געווען אַ האַרץ־און נירן־ליידנדיקער. ביים לויפן אויף די וואַגל־וועגן, אונטער די באָמבאַרדירונגען פון דייטשע עראָפּלאַנען, האָבן טאַקע טייל פון די פּליטים פאַרלוירן זייערע מיחושן, עס האָבן זיך אויסגעהיילט אולקוסן, האַרץ־נעווראַלגיעס, כראָנישע קאָפּווייטיקן און אַנדערע קראַנקהייטן. אָבער שלמה מענדעלסאָן האָט נישט געהאַט דאָס מזל. ער איז מיט זיינע צוויי קראַנקהייטן אָנגעקומען קיין ווילנע. אין זיין צושטאַנד, צו גיין איבער צוויי גרענעצן אין מלחמה־צייט און אין באַדינגונגען פון ווינטער, האָט געהייסן גיין אויף אַ זיכערן טויט. צווישן די גרענעצן איז אויסגעקומען צו גיין לאַנגע שטרעקעס צופוס. אויף די גרענעצן האָבן געלויערט די סאָוויעטישע פּאַטרולן, וועלכע האָבן זיך באַדינט מיט גוט־אויסדרעסירטע הינט, און אויך די קאָרומפּירטע פּויערים זענען געווען אַ סכנה, בעיקר פאַר א מענטש מיט א „יידיש פּנים". דאָס איז געווען די סיבה פאַרוואָס כ'בין געווען אָנגעטון אַזוי ווי אַ פּויער און געטראָגן מיט זיך אַ זאַק איבערן אַקסל. אויך דער צווייטער קאַנדידאַט, חיים וואַסער, האָט מיר אויסגעזען צו זיין אַ זעלבסט־מערדערישער. ער האָט טאַקע איבערגעלאָזט זיין פרוי און טאָכטער אין וואַרשע און געוואָלט זיי נעמען קיין ווילנע. אָבער ער גופא איז אַן עלטערער מענטש, האָט אַ „יידיש פּנים", רעדט אַ זייער שלעכטן פּויליש און דעריבער וועט ער אָדער אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוסן, אָדער אין די הענט פון די דייטשן. אין ביידע פאַלן וועט ער אומקומען. חיים וואַסער איז אין דער רשימה פון דער ענ־קאַ־ווע־דע נאָך פון דעמאָלט ווען אָט די אינסטיטוציע האָט זיך גערופן גע־פּע־או, אין אַכצנטן יאָר, ווען ער איז געווען מיט אַ בונדישער דעלעגאַציע אין מאָסקווע און וויקטאָר אַלטער איז דעמאָלט אַרעסטירט געוואָרן. חיים וואַסער האָט דעמאָלט אינטערווענירט ביי לענינען און לענין האָט געהייסן באַפרייען אַלטערן, אָבער דאָס מאָל וועט סטאַלינס ענ־קאַ־ווע־דע נישט איבערלאָזן אַ לעבעדיקן דעם אַלטן רעוואָלוציאָנער...

איך האָב פאַר מענדעלסאָנען אַרויסגעזאָגט מיינע ספקות וועגן אים און וועגן חיים וואַסער ווי שליחים און וועגן נאָך איינעם, וואָס איז טאַקע געגאַנגען און קיין מאָל נישט דערגאַנגען קיין וואַרשע. איך האָב געזאָגט צו שלמה מענדעלסאָן: מיין פרוי זיצט אין ביאַליסטאָק. איך בין געקומען אַהער כדי אַליין צו זען צי דאָ איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט ווען עס איז אַרויסצורייסן זיך אין דער פרייער וועלט אַריין. סיי ווי מוז איך צוריקגיין קיין ביאַליסטאָק און ברענגען מיט זיך מיין פרוי. שלאָג איך זיך פאַר פרייוויליק צו גיין אין דער שליחות קיין וואַרשע. איך האָב שוין אַ שפּאָר ביסל נסיון ביים אַריבערגיין גרענעצן; איך האָב זיך גוט איינגעלעבט אין דער ראָל פון אַ פּוילישן פּויער און ווי אַ געוועזענער פראָנט־זעלנער אין דער מלחמה. אָריענטיר איך זיך גוט אין שטח.

שלמה מענדעלסאָנען זענען אָנגעפלאָסן טרערן אין די אויגן. ער האָט די טרערן געפּרווט פון מיר אויסבאַהאַלטן. אויף שאָפּען גאַס נומער דריי, אין אַ טונקל צימער פון אַ פּאַרטער־וווינונג איז געווען איינקוואַרטירט דער בונדישער וועטעראַן נח. ער איז דעמאָלט געווען קראַנק און שוואַך פון זיינע וואַגלענישן. אין דעם צימער האָבן זיך פאַרזאַמלט: שלמה מענדעלסאָן, חיים וואַסער, עמנואל שערער, לייוויק האָדעס, אברהם סטאָליאַר (אַבראַם), ד"ר פּיזשיץ און איך. דער

קראַנקער נח האָט אָנגענומען מיין האַנט און געזאָגט מיט אַ שוואַך קול: „איר טוט אַ זאַך פון גרויסער היסטאָרישער וויכטיקייט. ווען איר פאַרבינדט די פרייע וועלט מיט דעם גיהנום, אין וועלכע עס געפינען זיך די יידישע מאַסן, הייבט איר אפשר אָן אַ נייַ קאַפּיטל אין אונדזער געשיכטע. אויב עס איז אַ ניי קאַפּיטל, פאַרשרייבט איר זיך אויף דעם ערשטן זייטל פון דער נייער געשיכטע. אויב נישט, אויב נישט, וועט איר זיין אַן עדות פון אונדזערע באַמיאונגען צו קומען צו הילף אונדזערע ברידער אין זייער גרעסטער נויט.״

פון אונטערן קישן האָט נח אַרויסגענומען אַ קליין צעטעלע, באַשריבן מיט דריבנער שריפט און מיר עס דערלאַנגט: ״דאָס, האָט ער געזאָגט, איז פון מ״ר, פאַר די חברים. זאָגט זיי, אַז איך בין קראַנק פון צער, וואָס איך בין נישט מיט זיי. מיט מיין נשמה בין איך אויף די וואַרשעווער גאַסן, אין די יידישע היימען, אין זייער נויט... הלוואי זאָלן מיר זיך ווידער זען, איר זאָלט מיר קענען איבערגעבן אַ גרוס וואָס און ווי אַזוי אונדזערע חברים אָרגאַניזירן זיך, כדי אָפּצוהיטן אונדזער פאָלק אין אָט דער שווערער, זייער שווערער צייט״.

באַלד ווי איך בין אַוועק פון נחס צימער, האָט עס געהייסן, אַז איך בין מער נישטאָ אין ווילנע און אַז קיינער ווייסט נישט אין וועלכער ריכטונג און פאַרוואָס איך בין אַוועק. אָבער אויב זעקס־זיבן מענטשן האָבן געוווּסט וועגן דעם, אַז איך גיי אין אַ שליחות קיין וואַרשע און אַז דאָס איז אַ סוד — האָבן דעם „סוד״ געוווּסט צענדליקער מענטשן. די צענדליקער מענטשן האָבן אין וואַרשע געהאַט זייערע נאָענטסטע, פרויען און קינדער, און זיי האָבן געוואָלט זייערע פאַמיליעס זאָלן וויסן, אַז זיי געפינען זיך אין ווילנע און זיי זאָלן זיך באַמיען צו שמוגלען איבער די גרענעצן קיין ווילנע.

אויף דער צייט פון די טעכנישע צוגרייטונגען אין וועג אַריין, האָב איך זיך מער נישט געוויזן אויף דער גאַס. איך האָב געוווינט אין אַ צימער אויף סאַוויטש גאַס נומער זעקס. זענען צו מיר אַרויפגעקומען ד״ר פּיזשיץ און יוסף גוטגאָלד און זיי האָבן מיר דערציילט, אַז פאַקטיש בין איך שוין נישטאָ אין ווילנע. נאָר פון דעסטוועגן מוז איך מיטנעמען די אַלע בריוו, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך, ווייל יעדער בריוו איז פון אַ פאָטער צו זיין פאַמיליע און איך טאָר נישט זיין קיין אכזר. ס׳זענען מענטשלעכע לעבנס!

ווען איך האָב שוין געהאַט איינגענייט די וויכטיקע דאָקומענטן און באַהאַלטן אויף זיך דיסקרעטע אָנווייזונגען צו דעם בונדישן קאָמיטעט אין וואַרשע — אַ גרייטער צו פאַרלאָזן ווילנע אויף אַן אמת, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר. די באַלעבאָסטע האָט מיר געמאָלדן, אַז גיטערמאַן וויל מיך זען. דער אָנווייזנדיקער ד״ר פּיזשיץ, וואָס האָט זיכער געוווּסט, אַז גיטערמאַן וועט אַרויפקומען צו מיר, האָט מיר געזאָגט ווי ער וואָלט מיר פאַרטרויט אַ סוד: „גיטערמאַן, דער דירעקטאָר פון „דזשאָינט״ וויל דו זאָלסט אויך פאַר אים אויספירן אַ שליחות. פון ניו־יאָרק האָט מען אים געמאָלדן, אַז דער „דזשאָינט״ אין וואַרשע איז געבליבן אָן מיטלען. דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון „דזשאָינט״ האָבן די דייטשן קאָנפיסקירט. די קיכן, וואָס שפּייזן די יידן אין וואַרשע, זענען געבליבן אָן מיטלען. איז פאַראַן

אַ געלעגנהייט דער וואַרשעווער „דזשאָינט" זאָל אַריינבאַקומען אַ גרויסע סומע געלט און נאָר דורך דיר קען מען עס אַראַנזשירן".

גיטערמאַן האָט מיר דערלאַנגט אַ וואַרעמע האַנט. ער האָט געהערט, אַז איך בין שוין נישט אין ווילנע, אָבער פאַר אים וועל איך מסתמא נאָך זיין אַ פּופּצן מינוט... שנעל האָט ער מיר אויפגעקלערט אין וואָס עס גייט: אין ווילנע האָבן זיך צונויפגעקליבן צענדליקער יידישע גבירים פון וואַרשע. זיי זענען אַנטלאָפן דעם 7־טן סעפּטעמבער. זייערע פרויען זענען געבליבן אין וואַרשע מיט גרויסע פאַרמעגנס אין באַרגעלט. דאָס געלט האָבן די פרויען מסתמא ערגעץ באַגראָבן, אָדער זיי האָבן עס מיט זיך. אין יעדן פאַל: די מענער, וואָס געפינען זיך אין ווילנע, האָבן אָנגעשריבן דיספּאָזיציע־בריוו צו זייערע פרויען אין וואַרשע, זיי זאָלן איינצאָלן די געלטער אין „דזשאָינט" און פאַר דעם געלט וועט דער „דזשאָינט" אין ניו־יאָרק דעפּאָנירן דאָלאַרן אויף די נעמען פון די מענער, וועלכע געפינען זיך אין ווילנע. די דיספּאָזיציע־בריוו צום דזשאָינט־דירעקטאָר גוזיק מוז איך מיטנעמען מיט זיך!

גיטערמאַן האָט מיר נישט געפרעגט, צי איך בין מסכים אָדער נישט. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פּעקל דאָקומענטן און אויך אַ סומע געלט אויפן וועג. ער האָט געשמייכלט מיט דאַנקבאַרקייט. זיינע קליינע וואָנסעלעך האָבן געציטערט: „עס וועט זיין דער ערשטער גרוס פון מיר, אַז דער „דזשאָינט" אין אַמעריקע האָט נישט פאַרגעסן די יידן אין פּוילן. דאָס איז אַ גרויסע זאַך, אַ גרויסע זאַך" — האָט ער איבערגעחזרט און פלוצים געפרעגט: „אפשר דאַרפסט איר אַן אויטאָ, וואָס זאָל אייך צופירן אין דער ריכטונג פון דער גרענעץ?"

„מיט מוזיק", האָב איך באַמערקט. גיטערמאַן האָט געשמייכלט און געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט זיך פלוצים דערמאָנט, אַז דורכן אַמעריקאַנער קאָנסול אין קאָוונע האָט ער באַקומען אַ טעלעגראַפישע ווענדונג פון אַמעריקע, דער „דזשאָינט" אין וואַרשע זאָל ספּעציעל זאָרגן פאַר דעם ווייל פון אַ רבי. איך געדענק נישט דעם נאָמען פון דעם רבין. גיטערמאַן האָט שטאַרק געבעטן פאַר אים. ער האָט מיר דערלאַנגט די טעלעגראַמע מיט אַ בריוו, וואָס איך האָב געדאַרפט באַזונדער באַהאַלטן.

איך פאַרלאָז ווילנע

דעם זעלבן אָוונט האָב איך פאַרלאָזט ווילנע. ס'איז געווען אַ פינצטערער, קאַלטער אָוונט מיט אַ פראָסטיקן ווינט. ביים עק פון דער גאַס איז געשטאַנען אַ הענדלער מיט געפרוירענע עפּל און גערופן צו קיינעם נישט: „קויפט פלעשער ווייַן! קויפט פלעשער ווייַן!" אַ ליטווישער „מעטעראַכציק" (אַזוי האָט מען גערופן די ליטווישע פּאָליציסטן צוליב זייער אַטלעטישן אויסזען) האָט שפּאַצירט אַהער און אַהין. איך גיי אין מיין פוילישער קליידונג, מיט אַ קאַסקעט מיט אַ גלאַנציק דעכל און מיט שווערע שטיוול און נעבן מיר גייען גיטערמאַן און ד"ר פּיזשיץ. זיי ווילן מיך באַגלייטן כאָטש ביז צום פּלאַץ פאַר וואָקזאַל. דאָס געמיט איז שווער. דער וועג איז אַ ווייטער. צי וועל איך נאָך אַמאָל זען די

מענטשן? צי וועלן נאָך מיינע טריט ווידער טרעטן אויף די ווילנער גאַסן? גיטערמאַנען האָב איך מער נישט געזען. דייטשן האָבן אים אַרעסטירט אויף אַ שיף אין מעמעל.

אויף דעם עק פון שאַפּען אין סאַדאָווע גאַס, נישט ווייט פון וואָקזאַל, האָבן מיר זיך געזעגנט.

די באַן האָט מיך געפירט קיין סטאַשילי. ווייטער ווי צו אָט דעם קליינעם יידישן ישוב גייט נישט די ליטווישע באַן. אַ קילאָמעטער ווייטער פון דער סטאַציע הייבט זיך אָן דער סאָוויעטישער שטח. וויניק פּאַסאַזשירן פאָרן מיט דער באַן. ס'איז נישט שווער צו אונטערשיידן צווישן סטאַשילער פויערים און געוויינטלעכע שמוגלערס, וואָס שמוגלען צו דער רוסישער זייט נאַפט, זאַלץ און חזיר־פלייש און ברענגען צוריק פּעק מיט רובלס. איך האָב זיך געזעצט צווישן די פויערים און פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס וועגן וואָס זיי האָבן געוואָלט שמועסן — וועגן דער גרענעץ, וועגן די הינט פון די רוסישע גרענעץ־פּאַטרולן און אויך וועגן נישט־גוטע, וואָס מען האָט לעצטנס באַמערקט אויף דער סאַמע גרענעץ צווישן די זומפּן ביים טייכל... פון דעם, וואָס די פויערים האָבן דערציילט, האָט מיר אויסגעזען, אַז דער דורכגאַנג דורך דער גרענעץ איז געוואָרן שווערער. דער שניי צעשמעלצט זיך ביי טאָג און מאַכט זומפּיק די פעלדער, וואָס אויף דער גרענעץ.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער האַלב־פינצטערער סטאַציע סטאַשילי, ווי זי וואָלט געבליבן שטיין אין מיטן וועג. עטלעכע באַוואָפנטע „שאַוליסן" (אַ ליטווישע פאַשיסטישע מיליטערישע פאָרמאַציע) האָבן מיט עלעקטרישע לאָמ־טערנדלעך אַריינגעלויכטן אין די אויגן דאָ פון דעם פּאַסאַזשיר און דאָ פון אַ צווייטן... צוויי פון די פּאַסאַזשירן האָבן זיי פאַרהאַלטן און אַוועקגעפירט אין אַ זייט. איך האָב זיך געהאַלטן מיט אַ קליינער גרופּע פויערים און צוזאַמען מיט זיי בין איך פאַרבייגעגאַנגען דעם קליינעם סקווער, וואָס נעבן דער סטאַציע, און באַלד זיך פאַרנומען אויף צפון. די „שאַוליסן", אויב זיי קוקן מיר נאָך, זאָלן זען, אַז איך נעם זיך אין דער פאַרקערטער ריכטונג ווי צו דער גרענעץ.

איך בין פאַרבייגעגאַנגען יידישע הייזלעך. די שייבלעך פון די פענצטער זענען געווען וויניק באַלויכטן. איך האָב געהערט די אָפּהילכן פון אַ הויך הייזעריק געזאַנג פון אַ יידישער גראַמאָפאָן־פּלאַטע. פון איין הייזל האָט זיך געעפנט אַ טיר און אַ פרוי האָט אַ גאַס געטון אין פינצטערן דרויסן אַריין אַ פאַמעשאַף. ביים פאַרמאַכן די טיר האָט זי הויך אויף אַ קול צו עמעצן גערעדט אַ זאַפטיקן ליטווישן יידיש. כ'האָב זיך נישט געטאָרט אָפּשטעלן, אפילו נישט אַרויסוויזן די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט. איך בין אַ פויער און מיר גייט נישט אָן דאָס יידישע שטעטעלע סטאַשילי, ווו די דרייסיק יידישע משפחות האָבן אַ ביבליאָטעק מיט אַכט הונדערט ביכער. איך האָב געמוזט גיין ווייטער, צום פוילישן דאָרף, און אויפן וועג פאַרבייגעגאַנגען אַ פאַרליבט יידיש פּאָרל. צוליב מיין דערנענטערן זיך האָבן זיי אויפגעהערט זיך קושן.

דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט, ווי נאָר עס קען זיין אויסגעשטערנט אַ דאָרפישער הימל ווען די לופט איז טרוקן און פרעסטלדיק. ביים ליכט פון אַזוי

פיל שטערן איז לייכט אונטערצושיידן הייזער פון ביימער און די ריכטונגען. איך האָב געוווּסט, אַז אין טאָל אויף דרום־זייט, אַ קילאָמעטער פון דעם פּלאַץ, ווו איך בין געגאַנגען, ליגט די גרענעץ, וואָס איך האָב זי די נאַכט דורכצוגיין. בין איך ווידער געגאַנגען אויף צפון־מערב, צום אויבערשטן ראַנד פונעם דאָרף.

אין אַן אָפּגעלעגענעם פויערישן הויף, נעבן אַ וועלדל, האָט זיך אויף מיר אָפּגעריסן אַ הונט, ווי איך וואָלט געקומען אים קוילען. ער האָט אויפגעוועקט אַלע הינט פון דער נאָענט און פון דער ווייט און גאַנץ סטאַשילי איז פאַרטומלט געוואָרן פון היגטישן בילעריי. „מיין" הונט האָט זיך געריסן אויף דער קייט און שיעור נישט דערשטיקט געוואָרן פון זיין אייגענעם בילן. אַ סקריפּ פון אַ טיר און אַ מאַן באַרואיקט דעם הונט. אַ פויער, אין ווייסע אונטערוועש פון אויבן אַרויפגעוואָרפן אַ פּעלץ, פרעגט אויף פויליש מיט אַ ליטווישן אַקצענט ווען וואָס איך קום צו אים. איך האָב שוין געהאַט פון פריער צוגעגרייט ענטפערס, וואָס מען דאַרף געבן אין יעדן באַזונדערן פאַל און איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין אַ תושב פון דאָרף ביעניאַקאָן, וואָס ליגט איצט פון יענער זייט גרענעץ ביי די מאַסקאַליעס. אַהאַ, ביעניאַקאָן. אָפּגעשניטן איין שכן פון צווייטן מיט אַ גרענעץ. די מאַסקאַליעס! ווער איך ביי אים אַ שפּעטער, אָבער אָנגעלייגטער גאַסט. ער פאַרבעט מיך איך זאָל אַריינגיין אין הויז. אַ פרוי, אין די מיטפּערציקער יאָרן, האָט זיך אויך געהאַט אָנגעטון און זי צינדט אָן אַ נאַפט־לאָמפּ.

„ס'איז אַ משוגענע וועלט געוואָרן — האָט זי באַמערקט — שטאָט צו שלאָפן, דרייען זיך מענטשן אַרום אין די נעכט".

„יעדער גייט וועדליק זיינע באַדערפענישן" — האָט דער מאַן זי באַרואיקט.

מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט שוין אונטער דער קיך געקנאַקט אַ העליש פייער פון טרוקן האָלץ. דער פויער פרעגט ביי מיר וואָס עס הערט זיך אין ביע־ניאַקאָן, ווו ער האָט גוטע באַקאַנטע. ס'איז טאַקע אַ צוואַנציק קילאָמעטער ווייט פון דאַנען, דאָך האָט ער דאָרט באַקאַנטע און אַפילו אויך אַ קרוב. נאַטירלעך קען איך די אַלע וואָס ער רעכנט אויס מיט די נעמען, אָבער — האָב איך אים פאַרטרויט — איך בין אַוועק פון ביעניאַקאָן פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה. איך בין אַ רעזערוו־אָפיציר אין דער פּוילישער אַרמיי. מאָביליזירט געוואָרן, זיך געשלאָגן מיט די דייטשן, צוריקגעלאָפן איבערן בוג און אַריינגעפאַלן אין דער באָלשעוויס־טישער געפאַנגענשאַפט. איך בין אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט און זיך אויסבאַ־האַלטן ביי פאַליאַקן אין ווילנע.

די פויערטע האָט זיך איבערגעצלמט. איך בין אויסגעוואַקסן אין אירע אויגן און זי איז געוואָרן נאָך מער רירעוודיק, אַרויפגעלייגט אויפן טיש אַ לאַבן ברויט מיט אַ שיסל פּוטער און מיט אַ גרויסן טרוקענעם ווייסן קעז. זי האָט אַרויפגע־שטעלט אויף דער קיך אָנוואַרעמען מילך. דאָס איז אַלץ, וואָס זי האָט אין שטוב. אין דער פרי וועט זי האָבן מער.

„אין דער פרי וועל איך שוין זיין ווייט פון דאַנען" — זאָג איך.

„וועסט זיכער ביי אונדז איבערנעכטיקן" — לייגט פאָר דער פויער — „ווו וועסטו, ברודער, זיך שלעפן ביינאַכט".

„זאָל אייך גאָט באַצאָלן פאַר אייער גוט האַרץ. צווישן סטאַשילי און ביעניאַ־קאָן האָט דער טייוול אָנגעשיקט אַ גרענעץ“.

„אָט דאָס איז עס“ — באַשטעטיקט דער פויער — „אַזוי, אַרום צוויי־דריי אַזייגער איז די בעסטע צייט אַריבערצוגיין די גרענעץ“.

די פויערטע מיט אַ פאַררייסן קליידל און באָרוועסע פיס קוקט מיר אָן מיט אַ פאָר ברוינע קעצישע אויגן און באַדויערט מיך:

„זיי וועלן דיך אָוועקהרגענען אויף דער גרענעץ. פאַרטאָג הערט מען נאָר שיסן און שיסן“.

„ער וועט נישט גיין פאַרטאָג“ — זאָגט דער פויער — „אין אַ שעה־צוויי וועט ווערן גוט פינצטער, דעמאָלט וועט ער אַראָפּגיין נישט מיטן וועג, נאָר מיט דעם שטעגל דורך דער שולע“.

„אין דער שולע שטייען די ליטווישע הינט“ — וואָרנט די פויערטע.

„די ליטווינער שלאָפן“ — איז זיי דער פויער מבטל — „די באָלשעוויקעס היטן שוין אויך פאַר זיי“.

איך האָב פאַרשפּאָרט רעדן. מאַן־און־ווייב האָבן פאַר מיר באַטראַכט אַלע מעגלעכע פאַלן פון אַריבערגיין די גרענעץ“.

די פרוי גרייט צו פאַר מיר אַ געלעגער, מיט צוויי בויכיקע קישנס, וואָס אויף זיי שלאָפט מען זיצנדיק, און מיט אַ גרויסער פּערענע. דער פויער זאָגט מיר אַ גוטע נאַכט און דאָס זעלבע די פויערטע. זאָל איך נאָר שלאָפן רואיק. זי וועט מיך שוין אויפוועקן צו דער געהעריקער צייט. איך דאַרף אָנשעפּן כוחות פאַר אַ לאַנגן וועג. די פויערטע האָט אַפילו נישט געוווּסט ווי גערעכט זי איז געווען און וואָס פאַר אַ שווערער וועג ס'האָט מיך דערוואַרט.

אין דעם צימער, ווו איך בין געשלאָפן איז געווען ליבלעך־וואַרעם. זיכער. צוליב די בויכיקע קישנס בין איך טאַקע געשלאָפן זיצנדיק. די וואַנט אַנטקעגן מיין פּנים איז געווען באַהאַנגען מיט איקאָנעס און פאָטאָגראַפיעס. קריסטוס מיט דער דערנער־קרוין האָט געהאַט אַ פּנים מיט שטאַרקע ווייטיקן, נאָר די גרימאַסע פון די ווייטיקן איז געווען אַזאַ ווי ער וואָלט געליטן נישט פון די שטעכיקע דערנער, נאָר פון ענגע שיך. איך האָב געהאַט אַ שטאַרקן חשק אויסצולעשן דאָס קליינע נר־תמיד לעמפּעלע, וואָס האָט געברענט אונטער דער איקאָנע. איך האָב נישט געקענט קוקן אויף אַזאַ ליידנדיק פּנים, בפרט וואָס ער, קריסטוס, איז אויף דער איקאָנע געווען ענלעך צו מיינעם אַ פעטער: דאָס זעלבע ווייכע פּנים, דאָס זעלבע בלאָנדע בערדל און דעם זעלבן ווייטיק אויפן פּנים. נישט מער, מיין פעטער האָט דעם אויסדרוק פון ווייטיק געהאַט צוליב דאגות פּרנסה.

האַלב דריי אַזייגער בין איך שוין געווען אויף די פיס. דער פויער האָט געהייסן נישט אַרויסדרייען די קנויט אין לאָמפּ, עס זאָל זיך נישט אַרויסבאַ־קומען אין דרויסן אַ שטראַל פון ליכט. די פויערטע ציט אַרויף אַ פאָר שטיוול אויף די פיס, פעלצט זיך אָן מיט איר מאַנס לאַנגן פעלץ און פאַרשווינדט פון הויז. באַלד קומט זי צוריק. זי האָט דעם הונט פאַרמאַכט אין שטאַל און זאָל ער נישט בילן אין אַזאַ צייט. זי קוקט אויף מיר מיט רחמנות וואָס איך לאָז זיך איצט אין וועג אַריין און נעמט אַ ברעג פון פאַרטעך צו דער נאָז. פון באַלויבען

זיי פאַרן געלעגער זאָגן זיי זיך אָפּ. איך האָב נישט אָפּגעביסן פון די קישנס — האָט די פויערטע געזאָגט. „טאָ זאָל אייך גאָט באַצאָלן" — האָב איך דערלאַנגט דער פויערטע מיין האַנט. איצט האָט דער פויער זיך אָנגעפּעלצט אין זיין פעלץ. ער וועט מיך באַגלייטן, ווייזן דעם וועג, כדי „אויסצומיידן אַלע הינט".

אין דרויסן איז געווען שטאָק פינצטער און ס'האָט געבלאָזן אַ פראָסטיקער ווינט. אויפן טיף־שוואַרצן הימל האָט מען זעלטן ווו געזען אַ שוואַך־ליכטיקן שטערן. דער פויער גייט פאַר מיר. אין דער טיפער פינצטערניש פאַרליר איך זיך אויף אַ רגע. איך פיל נישט קיין ריכטונג און איך ווייס נישט ווו איך בין. נאָך אַ פּאָר צענדליק טריט קום איך ענדלעך צו זיך. עס הייבן זיך אָן אויסטיילן קאָנטורן. מיר גייען פאַזע אַ שרענגע ביימער. דער פויער פירט גוט. קיינער וועט אונדז נישט זען אויפן האָריזאָנט. און באַלד זענען מיר צווישן נידעריקע הייזלעך און לאָזן זיך אַראָפּ אין טאָל. „מיר האָבן שוין די שול הינטער זיך" — זאָגט צו מיר דער פויער ווי אַ סוד און מיר גייען אַרויס אויף אַ פליין. אונטער די פיס פּלאַצן דינינקע שייבעלעך אייז. אונטער דעם געפּלאַצטן איז די ערד ליימיק, קלעפּט זיך צו די שטיוול. די פיס ווערן שווערער, אָבער זיי טראָגן. ערגעץ־ווייט, ווייט האָט געהאַווקעט אַ הונט און אַז ער איז שטיל געוואָרן האָט די שטילקייט געהויערט, ווי אַלדאָס לעבעדיקע אויף דער וועלט וואָלט אויסגעשטאָרבן.

דער פויער האָט זיך פאַרהאַלטן. מיטן אָנגעפּעלצטן אָרעם האָט ער אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פון טאָל: איצט איז דער וועג אַ גלייכער — האָט ער מיר איינגערוימט אין אויער — אַ פינף הונדערט טריט און דו ביסט אויף דער גרענעץ. דערנאָך גלייך. זאָל דיר גאָט העלפן!

איך בין געבליבן אַליין צווישן אַ געוואַלדיקער מאַסע פינצטערניש. אויף אַ קליינער רגע האָב איך זיך פאַרלוירן, ווי אָן דעם פויער וואָלט איך געבליבן אַן אומבאַהאָלפן קינד. דאָס וואַרעמע און זיכערע הויז, ווו איך האָב פאַרבראַכט סך הכל צוויי שעה, האָט מיך צעצערטלט, „קאַליע געמאַכט". אָבער באַלד ווי איך בין אַראָפּ אין טאָל און דערזען די סילועטן פון ביימער — ביימער אויפן ברעג פונעם גרענעץ־טייכל — האָב איך צוריק באַקומען מיין זעלטענע זעלבסטזיכערקייט, וואָס איך האָב אין יענער צייט געהאַט און וואָס האָט מיך אָפּגעהיט פון טויזנטער געפאַרן.

איך האָב געפּרוווט מיט די הענט אויסטאַפּן דעם ברעג פון טייכל און זוכן אַ שמאָלן דורכגאַנג. די גוזמהדיקע פאָרזיכטיקייט האָט מיך פאַרפירט. דאָס וואָס די פינגער האָבן אָנגענומען ווי אַ האַרטן ברעג האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ טיפער זומפּ באַדעקט מיט אַ הייטל פון אייז. אין אַ שפּרונג בין איך מיט איין פוס אַריין אינעם זומפּ און מיטן צווייטן זיך אָפּגעשלאָגן אין דעם אַנטקעגנאיבערדיקן האַרטן ברעג. איך צי אַרויס דעם פוס פונעם זומפּ, טרייסל אָפּ דעם שטיוול פון דער בלאָטע און — איך בין אויף דער סאָוויעטישער זייט.

אין די הענט פון דער סאָוויעטישער גרענעץ־וואַך

איצט איז מיין וועג אַ גלייכער — אויף דרום. איך דאַרף נאָר אַרויסבאַקו־מען זיך העכער און פאַרבייגיין דאָס ערשטע דאָרף און די הויפט־געפאַר איז אַריבער. די טריט ווערן לייכטער. ס'איז מיר היפש וואַרעם, אָבער עס גייט זיך גוט. עס דאַכט זיך מיר, אַז אין דרויסן ווערט העלער, כאָטש צו טאָג איז נאָך זייער לאַנג. אויפן נאָענטסטן האָריזאָנט באַמערק איך דעם שלאַנקן קראַן פון אַ דאָרפישן ברונעם — דעם סילועט פון אַ הויז און עפּעס וואָס דערמאָנט אַ סטויג היי, אָדער אַ גרופּעביימער איך מאַך אַן אומקרייז אויסצומיידן די נחלה, און פּלוצים — טראַך! ס'פּלאַצט אַ ביקסן־שאָס. איך פאַל צו דער ערד. צי מיינט עס מיך? אַ קורץ מענטשלעך געשריי און עס ווערט נאָך שטילער ווי עס איז געווען פאַר דעם. נאָך אַ מינוט האָב איך זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען מיין וועג מיט אַ געפיל וואָס מען האָט ווען מען קערט צוריק פון אַ לוויה — יענער איז געבליבן און איך גיי צוריק צו דער וועלט פון לעבן...

איך בין אַרויס אויף אַ ברייטן פעלין. פון רעכטס און פון לינקס — פּויערישע כאַטעס. פון דער מאַפּע, וואָס איך האָב מיט אַ טאָג פריער גוט דורכגעאַרבעט, ווייס איך, אַז פון מיין רעכטער האַנט האָב איך דאָס דאָרף סאָלעטשניקי מאַלע; ווייטער, אויף לינקס, איז דאָס דאָרף סאָלעטשניקי ווייעלקע. דאָרט, אין יענעם דאָרף, געפינט זיך דער שטאַב פון דער גרענעץ־וואַך פון דעם אָפּשניט.

וועגן אָט דעם סאָוויעטישן גרענעץ־פּונקט רעדט מען שוין אפילו אין ביאַ־ליסטאָק צווישן די פּליטים, וואָס זיי איז נמאס געוואָרן צו שלאָפן אויפן וואָקזאַל. **דער גרענעץ־פּונקט אין סאָלעטשניקי שטערט זיי אויסצובעסערן זייער גורל. אין סאָלעטשניקי פירן די רוסישע אָפיצירן און זעלבער פון דער גרענעץ־וואַך אַן** אויסטערלישן האַנדל מיט לעבעדיקער סחורה. יעדער פּויער, וואָס ברענגט אַ געפאַנגענעם פּליט פון נעבן דער גרענעץ, באַקומט אַ שכר אין געלט, זאַלץ, אָדער אין נאַפט. אָרעמע פּליטים ווערן אַרעסטירט און אָפּגעשיקט צו אַ גרעסערן ענ־קאַ־ווע־דע־פּונקט און זיי קומען מער נישט צוריק. ביי רייכע נעמט מען צו דאָס צירונג און דאָס געלט, וואָס מען געפינט ביי זיי און זיי גופא ווערן אַרי־בערגעוואָרפן אויף דער ליטווישער זייט פון דער גרענעץ. בעיקר האָבן ליב די סאָוויעטישע וואַך־לייט אַמעריקאַנער דאָלאַרן און האַנט־זייגערלעך. יעדער, ביי וועלכן מען געפינט אָט די גוטע זאַכן באַקומט פון דער וואַך אַ פּאָר רובל אויפן וועג און ער ווערט באַגלייט ביז צו דער ליטווישער גרענעץ, ער זאָל אַריבערגיין אָן שום שטערונגען... רייכע האָבן אומעטום מזל...

איך האָב געשיקט אויסגעמיטן ביידע דערפער. צוליב דעם געמאַכטן אומ־וועג בין איך נישט ווילנדיק אַרויף אויף אַ טראַקט. אַנשטאָט צו גיין מיטן פעלד, און אַנגעקומען צום זוים פון אַ וואַלד פאַר מיר האָב איך דערזען אַן אָפּגעהאַקטן בוים־שטאַם. איך האָב אים געוואָלט אויסמיידן. אָבער פּלוצים האָט דער בוים־שטאַם אויסגערופן אויף רוסיש: „סטאָי!" און שוין האָב איך דערפילט אויף מיין אַנגעבערדעוועטער ברוסט דעם דרוק פונעם באַגנעטן־שפּיץ.

„סטאָי! רוקי וויערך!"
כ'לאָז אָפּ מײַן זאַק און הייב אויף די הענט אין דער הויך. פּאָר מיר שטייען צוויי יונגע רויטאַרמייער אין לאַנגע שינעלן, איבער די אויערן אַראָפּגעלאָזט די לאַפּן פון די וואַטענע קאַלפּאַקעס.
„קודאַ אידיאָש"? — וווהין גייסטו?
„קיין ביעניאַקאָן גיי איך" — ענטפער איך אויף פויליש.
„פון וואַנען גייסטו?"
„פון סאָלעטשניקי מאַלע גיי איך; פון מיינעם אַ קרובֿ".
„וואָריאַש. דו זאָגסט ליגנס. פון ליטע גייסטו".
„ניין, איך גיי פון סאָלעטשניקי מאַלע".
„געווער האָסטו?"
„ניין, איך האָב נישט און איך דאַרף נישט. אין זעקל האָב איך אַ פּאָר פונט פלייש וואָס איך האָב באַקומען פון מיין קרובֿ אין סאָלעטשניקי".
„לאָז אַראָפּ די הענט".
ביידע רעדן צווישן זיך מיט האַלבע ווערטער. פּלוצים ווערט איינער אין כעס און שרייט אויס צו מיר:
„טי ז'ליטווי, סוקין סין!" — ער בויגט זיך איין צום זעקל און שלעפּט פון דאָרט אַרויס אַ שטיק פריש פלייש, אַ ברויט און אַ פּאָר עפּל.
„קום מיט מיר!" — באַפעלט דער וואָס האָט זיך אַנגעצונדן אויף מיר.
„וווהין?"
„איך וועל זען ווו דיין קרובֿ וווינט".
איינער בלייבט אויפן פּאָסטן און דער צווייטער גייט מיר נאָך מיט דער אויסגעשטרעקטער ביקס. איך האָב נישט געוווסט ווו אים צו פירן און אָנגעהויבן איינטענהן מיט אים ער זאָל מיך צורו לאָזן. צו וואָס זאָל מען איבערוועקן מענטשן אין מיטן שלאָף. זעט ער דען נישט, אַז איך בין אַ „ראַבאָטשי טשעלאָוויעק"? אויף דעם האָט ער מיך „געטרייסט", אַז מיר גייען נישט צו מיין קרובֿ, נאָר מיר גייען אין שטאַב. דאָרט וועט מען נאָכזען און מיך גלייך באַפרייען. ס'איז מיר געוואָרן זייער הייס און לויז אין מאַגן. איך בין אין גאַנצן באַלאָדן מיט „קאָנטראַ־באַנדע". ווו ער וועט אַריינשטעקן אַ האַנט וועט ער זי אַ ליידיקע נישט אַרויס־ציען. טאָמער באַזוכט מען מיך — וועט מען מיר נישט געבן אַ פּאָר קערבלעך און אַריבערוואַרפן אויף דער ליטווישער זייט. איך האָב געפּרוווט זיך אָפּשטעלן און רעדן צו אים. ער האָט נישט געלאָזט, ער האָט געדריקט מיטן באַגנעטן־שפּיץ אין רוקן: „אידי ופּעריאָד!" איך בין געגאַנגען. איך האָב געוווסט, אַז איך בין אַ פאַרלוירענער. ווערדליק דעם אַלעמען וואָס איך טראָג מיט זיך, בין איך אַ שפּיאָן, אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער — אַ פּאַרטיקער צום דערשיסן. אָבער מיין קאָפּ האָט געאַרבעט מיט קאַלטבלוטיקייט, ווי איך וואָלט שוין געווען אויף יענער זייט פון שרעק.
דער רויטאַרמייער האָט מיך אַריינגעפירט אינעם „שטאַב" — ער האָט מיך געלאָזט גיין דער ערשטער, ווערדליק די העפלעכקייט־פאָרשריפטן פון עג־קאַ־ווע־דע. און איך האָב זיך געפונען אין אַן אָפּגעלאָזן דאָרפיש הויז. ס'האָט דאָ

געשטונקען מיט מאַכאָרקע, מיט נישט־געוואַשענע לייבער און מיט דזשיעגעכץ. אויף שטרוי־זעק אויף דער ערד זענען געשלאָפן עטלעכע זעלנער אין די שינעלן. אויפן טיש האָט געברענט אַ נאַפט־לעמפּל און אַ לייטענאַנט מיט אַ פאַרוואָרפן פּעלצל איבערן מונדיר איז געווען אַריינגעטאָן אין פּאַפּירן. דער רויטאַרמייער האָט אים געמאָלדן וועגן מיר און אים באַלד אונטערגעזאָגט, אַז איך גיי פון ליטע.

„פון ליטע?" — וויל דער לייטענאַנט האָבן פון מיר אַ באַשטעטיקונג.

„ניין, פון מיין קרוב, דאָ נישט ווייט".

„וואָס טראָגסטו מיט זיך?"

כ'האָב געעפנט דאָס זעקל און אים געוויזן.

„געווער האָסטו? ליידיק אויס די טאַשן!"

פאַמעלעך האָב איך אָנגעהויבן אויסליידיקן די טאַשן. צום ערשט האָב איך אַרויסגעלייגט אַ פּעקל רובלס, טאָמער וועט עס זיי אָנשמעקן. צוזאַמען מיטן געלט האָט זיך מיטגעשלעפּט מיין דאָקומענט, לויט וועלכן איך בין טאַקע אַ פּאָליאַק און אַ קאַטאָליק, אָבער אָן שום שייכות צום דאָרף ביענאַקאָן, אָדער בכלל צו דעם ראַיאָן. איך בין גאָר געווען פון פּולטוסק, וואָס ליגט אויפן דייטשן אָקופּאַציע־שטח.

דער רויטאַרמייער קריכט מיר אַריין מיט אַ האַנט אין טאַש און איך נעם אַראָפּ פון מיין לינקער האַנט דאָס זייגערל. פּלוצים האָט זיך אין דער צווייטער קאַמער צעקלונגען דער טעלעפאָן, איין מאָל און נאָך אַמאָל. עמעצער איז ערגעץ ווו געווען אומגעדולדיק. דער לייטענאַנט איז געגאַנגען אָפּנעמען דעם טעלעפאָן און איך האָב מיין זייגערל אַריינגעלייגט אין דער האַנט פון דעם רויטאַרמייער. ער האָט זיך אַ רגע געוואַקלט, צי ער זאָל עס אָנועקלייגן אויפן טיש און איך האָב אים צוגעהאָלפן באַשליסן: „איך דאַרף עס נישט האָבן. אין שטוב האָב איך צוויי". ער האָט עס באַהאַלטן אין שינעל. דער לייטענאַנט האָט געלאָזן אַריינ־געזאָגט סילאַביזירטע ווערטער אין טעלעפאָן אַריין; נאָך דעם האָט ער עפּעס באַשטעטיקט מיט אָפּגעריסענע דאָ, דאָ, דאָ, דאָ.

ס'איז מיר איינגעפאַלן אַן אידעע. איך האָב זיך איינגעבויגן און אַ קרעכץ געטאָן. דער רויטאַרמייער פרעגט:

„וואָס איז דיר?"

„דער בויך פּלאַצט מיר!" — האָב איך געזאָגט און איך שפּילע אָפּ דעם הויזן־רימען, ווי איך וואָלט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן.

„וואַרט!" — שרייט ער אויס.

„איך קען נישט וואַרטן; איך פּלאַץ!"

„דאַוואַי!" — ווייזט ער מיר אַן איך זאָל אַרויסגיין פון דער קאַמער פאַר אים.

איך בין שוין אין דרויסן. דער זעלנער שטייט איבער דער שוועל. איך בויג זיך איין און רוק זיך אַוועק אַביסעלע ווייטער, הינטער דער וואַנט. דער זעלנער איז אָן דער ביקס און איך בין אינגאַנצן אין שאָטן. איך טו זיך אַ רוק אַביסעלע ווייטער און גיב אַ טיפן קרעכץ פון אימפּעט. איך האָב שוין געהאַט צוריק פאַר־שנאַלט מיינע הויזן און ווי אַ הירש זיך געלאָזט צום אַנטקעגנאיבערדיקן הויז, וואָס איז געווען אָפּגערוקט אויף אַ צען־פופצן טריט. איך בין געלאָפן אָן שום

אָריענטאַציע פון ריכטונג, נאָר בלויז מיטן אינסטינקט. ס׳האָט געדויערט אַ סעקונדע אָדער אַן אייביקייט, ווי איך האָב געהערט אַ קנאַל פון אַ ביקס און אַ געשריי: „סטאָי!״. דער קנאַל איז געווען נאָענט, נאָר דער „סטאָי!״ איז געקרמען ווי פון אַן אַנדער וועלט. און באַלד אַ צווייטער קנאַל און אַ דריטער: „סטאָי!״ איך פיל נישט די ערד אונטער מיינע פיס, אָבער מיט די אויגן זע איך פאַר זיך בולט אַ וואַלד, ווי עס וואָלט בלויז אויף דעם איינציקן פלאַץ אויף אַ רגע טאָג געוואָרן, איך זאָל אין דעם וואַלד זיך קענען ראַטעווען. די ווייטערדיקע שאָסן האָב איך געהערט מיט וואַלדישע ווידערקולות, ווי זיי וואָלטן נישט געמיינט מיך. דאָך בין איך געלאָפן מיט דעם זעלבן אימפעט. דער וואַלד האָט וווּנדערלעך געליכטיקט פאַר מיר. איך האָב זיך נישט געשטרויכלט. דער באָדן איז געווען אַ גלאַטיקער און האַרטער. גאָט אַליין האָט אים פאַר מיר צוגעגרייט. אַ געבענטשט זיי, אינסטינקט פון לעבן. דו ביסט וווּנדערלעך!

דאָס שפּייעכץ פון מויל איז מיר געווען פול מיט זאַלץ. פון אונטערן קאַסקעט איז מיר דער שווייס אַראָפּגערונען אין די אויגן און איך האָב „געשוועבט״ אָן שטערונגען.

איך בין געלאָפן ביז ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן. אַלץ אויף מיר איז געווען נאַס פון שווייס. איך האָב מורא געהאַט זיך אָװעקזעצן אָפּרוען אויך צוליב דער געפאַר קאַלט צו ווערן און כאַפּן אין וועג אַ לונגען־אָנצינדונג. בין איך געגאַנגען מיט שווערע אָבער לאַנגע טריט און געאָטעמט אויף אַ קול ווי אַ בלאָזזאַק. איך האָב אייגנטלעך נישט געוווּסט ווו איך געפין זיך. אַזוי שנעל ווי איך האָב אויסגעפונען פון וועלכער זייט עס רויטלט זיך דער הימל, האָב איך שוין געוווּסט ווו עס איז מזרח און ווו — מערב, אָבער דאָס האָט מיר ווייניק געהאָלפן. איך בין געווען טויט מיד און נישט געקענט זיך קאָנצענטרירן. דאָך דער זעלבער כוח, וואָס האָט מיך געטראָגן דורך דעם וואַלד אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, האָט מיך ווייטער געפירט אין דעם באַגינען, וואָס האָט אויסטערליש געשמעקט מיט רויך.

איך בין אָנגעקומען צו אַ באַן־ליניע. אַז די באַן־ליניע פירט פון לידע קיין ווילנע, דאָס בין איך געווען זיכער, נאָר אין וועלכער זייט עס ליגט לידע און אין וועלכער ווילנע בין איך נישט געווען בכוח אויסצוגעפינען. בין איך פאַר אַלעמען אַריבער אויף דער צווייטער זייט באַן־ליניע און אַריין אין אַ יונג בערעזע־וועלדל. דאָ האָט זיך פלוצים אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ וועלט פון מיסטעריעזער שיינקייט, וואָס איך האָב געזען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. אויף די נאַקעטע צווייגלעך פון די זילבערנע בערעזע־ביימער האָט די יונגע זון אויפגעהאַנגען גינגאָלדענע נעצן און הינטערן וואַלד האָבן רויטע שטיקער וואָלקנס פון דערווייטנס זיך געמיניעט ווי פייער. התלהבותדיקס און פּאַטאָס פאַר לעבן איז געווען אין אָט דער באַגינענדיקער שיינקייט און איך האָב נישט געקענט גיין ווייטער און פאַרזען די פאַמעלעכע איבערפאָרמירונג פון די פאַרבן און געשטאַלטן. ס׳איז מיר געוואָרן גוט אויפן האַרצן און קלאָר אין מוח. ווי האָב איך געקענט נישט אָריענטירן זיך אין די ריכטונגען? ווי קען מען עס לאָזן זיך באַהערשן פון מידקייט ביז צו פאַרלירן די אָריענטאַציע?

איך האָב וויַיט, וויַיט אויף מזרח אויסגעמיטן דעם ישוב ביעניאַקאָן. איך בין געווען זיכער, אַז אַלע נאָענטע באַן־סטאַציעס האָבן באַקומען אַ מעלדונג די מיליץ זאָל זוכן אַ פויער, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער גרענעץ־וואַך. אין יענער צייט האָבן זיך אויף אַלע באַן־סטאַציעס אַרומגעדרייט יונגעליַיט, באַוואָפנט מיט ביקסן, מיט וועלכע זיי האָבן צומאָל נישט געקענט שיסן און געלויערט... אויף וועמען? ס'האָט געהייסן, אַז זיי לויערן אויף פאָלקס־שונאים. אָבער אין דער אמתן זוכן זיי און בישטערן צווישן די פּאַסאַזשירן, כדי אויף דעם אופן נקמה צו נעמען פאַר זייערע פאַרלוירענע יאָרן, פאַר די יאָרן וואָס זענען געווען פאַר זיי יאָרן פון נויט און פאַרפאָלגונג אין דער צייט פון דעם האַלב־פאַשיסטישן און האַלב־מיליטערישן רעזשים אין פוילן פאַר דער מלחמה. שפּעטער האָט די נייַע ווירקלעכקייט אויף זיי אָנגעכאַפּט ביים האַלדז; ווער עס איז פאַרשיקט געוואָרן אויף סיביר, ווער עס איז אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין תּפיסה צוליב קאָלעגיאַלע חשבונות, אָדער מען האָט אים אויפגעדעקט אַלטע „חטאים" פון האָבן געהערט צו אַ ציוניסטישער פּאַרטיי, אָדער צום „בונד". דערוויַיל אָבער האָבן זיי צוגע־האָלפן דער רעוואָלוציאָנערער חברה קדישא — דער ען־קאַ־וועדע — אָנצופילן די תּפיסות און מערן קאַנדידאַטן אויף סיביר.

איך האָב באַשלאָסן נישט צו זיין זייער קרבן, ווי איך האָב נישט געוואָלט זיין קיין קרבן פון היטלעריזם. איך האָב דעריבער אויסגעמיטן די נאָענטסטע באַן־סטאַציעס און אויסגעקליבן אַן אָפּגעלעגן דאָרף, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אין די אָפּגעלעגענע דערפער זענען די פויערים נאָך נישט געווען פאַרדאָרבן, ווי זייערע קאָלעגן אין די גרענעץ־דערפער אויף דער סאָוויעטישער זייט. וואָס אָרנטלעכער אַ פויער איז געווען, אַלץ ברוטאַלער פלעגט ער אַרויסיאָגן פּליטים, וועלכע זענען געגאַנגען צו דער גרענעץ, און ער האָט זיי אפילו קיין גלאָז וואַסער נישט געוואָלט געבן. וויַיל די קאָרומפּירטע פלעגן טאַקע נישט אַרויסטרייבן און יאָ דערלאַנגען וואַסער, אָבער באַלד פלעגן זיי דעם קרבן איבערגעבן אין די הענט פון דער גרענעץ־וואַך און באַקומען דעם שכר. אין די אָפּגעלעגענע דער־פער זענען די פויערים געווען רואיק. די פעלדער זענען געלעגן איבעם ווינטער־שלאָף, די שייערן און די קעלערס זענען נאָך דעמאָלט געווען פול מיט שפע, וויַיל די קאָנפיסקאַציעס האָבן זיך געדאַרפט אָנהויבן צו פרילינג.

איינעם הויז פון אַזאַ רואיקן פויער בין איך אַריין זיך אָפּרוען און באַקומען עפּעס עסן. די באַלעבאַטים האָבן מיך אויפגענומען מיט רירנדיקער גאַסטפריינט־לעכקייט. איך האָב זיי באַגריסט אויפן אַלט־פוילישן שטייגער און זייער האָפער־דיק, פון וואָס זיי האָבן איינטואיטיוו פאַרשטאַנען, אַז איך קום פון יענער זייט גרענעץ.

דער פויער, אַן עלטערער מאַן, האָט געפרעגט:

„אַ שווערן וועג געהאַט?"

„גענוג שווער".

„און ווי איז דאָרט?"

„ווי דער שטייגער".

די פרוי האָט אַרויסגעקרעכצט:

„געגומען אַ לאַנד און צעפּעטלט".

„צעפּעטלט, מוטער" — האָב איך באַשטעטיקט און זיי באַלד דערציילט די זעלבע מעשה, וואָס איך האָב דערציילט מײַנע גאַסט־געבער אין סטאַשילי, אַז איך בין אַ פּוילישער אָפיציר, אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט, זיך אויסבאַהאַלטן אין ווילנע און איצט גיי איך אַהיים. ביידע זענען געוואָרן פּאַטריאָטיש־סענטי־מענטאַל. זיי האָבן אָנגעשטעלט אַ טיש מיט מאכלים פון אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט אין קעלער: אייער, פּוטער, קעז, אַ לאַבן שמעקעדיק קאָרן־ברויט אונ־טערגעבאַקן מיט כריין־בלעטער און אַ קריגל מילך. אַליין האָבן ביידע געגעסן פון איין שיסל קאָרן־ברויט אײַנגעבראָקט אין הייסער מילך, נאָר מיר האָבן זיי געהייסן אויפעסן אַלץ וואָס שטייט אויפן טיש. און אפשר טאַקע אויסשלאָגן נאָך אַ דריי־פיר אייער, וואָרום אין דרויסן איז ווינטער, מיין וועג איז לאַנג און איך דאַרף האָבן כוח אָנצוקומען אַזש אויף יענער זייט גרענעץ, ביי די גערמאַנצעס. בעיקר דאַרף איך טאַקע נישט קאַרגן קיין פּוטער אויפן ברויט; פּוטער „הייצט דעם קעסל" בעסער פון חזיר־שמאַלץ. איך האָב אויסגענוצט די שטימונג און באַלד פאַרגעלייגט, דער פויער זאָל שפּאַנען פערד־און־וואָגן און מיך אָוועקפירן צו אַ וואָס ווייטערער באַן־סטאַציע. דער פויער האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס איך וויל פאָרן מיט אָקס, אויב סך־הכל אייניקע קילאָמעטער פון דאַנען איז די באַן־סטאַציע פון ביעניאַקאָן און פון דאָרט גייט די באַן קיין גראָדנע. אַלע מײַנע תירוצים האָבן דעם אַלטן נישט איבערצייגט, מסתמא דערפאַר ווייל דאָס זענען געווען תירוצים פאַר די בענטשלייכטער און זיי האָבן נישט אָפּעלירט צו אים.

פּלוצים האָט זיך אויסגעדרייט די פרוי, אָפּגעווישט די נאָז מיט אַן עק פאַרטעך און געזאָגט צום מאַן:

„דורע נישט דעם קאָפּ און פרעג נישט קיין פרעגעכצן. דער מענטש וויל נישט ביי דיר קיין עצהס נאָר אַ פערד־און־וואָגן וויל ער"

זי האָט פאַרשטאַנען אַן עסק.

מיט אַ וועלכער שעה שפּעטער בין איך שוין געזעסן אויפן שטרוי־געזעס פון אַ פּויערישן וואָגן, אײַנגעטוליעט אין אַ צעריסענעם פעלץ און מיט אַ וואַ־רעמער דערע אַרום די פיס. דאָס אויסגערוטע פערד איז געלאָפן ווי אַ טייוול. דער דרויסן האָט געשמעקט מיט פראָסט און עפּל. די זון האָט ליבלעך געגלעט. מיר איז געווען גוט. נאָר דעם פויער איז באַפאַלן אַן אומעט. ער האָט געהאַט אַ באַ־דערפעניש צו רעדן און ער האָט גערעדט:

„שוין אַ חודש צייט נישט געפאָרן אין שטאָט אַריין. נישטאָ צו וואָס. פון אָנהויב איז געווען פריילעך. מען האָט געשפּילט און געטאַנצט. לייט האָבן גע־שריגן, אַז מען האָט אונדז באַפרייט. נאָר מענטשן זענען מענטשן. פון שרייען ווערט מען מיד. מען האָט געטאַנצט ביז צו די וואַלן און די מוזיק האָט אונטער־געשפּילט ביז צו די יואַלן. נאָך דעם איז געוואָרן אַ יקרות אויף שיך און קליידער. אַ קערצל קאָרן האָט מען שוין געמוזט פאַרקויפן בגניבה. די מאַנסטראַציעס זענען געוואָרן שיטערלעך. אפילו די זשידקעס האָט עס אָנגעהויבן נמאס ווערן — דאָס טאַנצן און די מוזיק. די טעג ווערן קורץ. שטיין אין די רייען נאָך ברויט.

נאָך אַביסל זאַלץ, נאָך אַביסל נאַפּט מוז מען. איז נישטאָ ווען צו גיין אין די מאַנסטראַציעס. אין אונדזער דאָרף איז אַראָפּגעקומען עפּעס אַ פּריץ אין אַ לע־דערנעם מאַנטל ביז די קנעכל, צונויפֿגערופֿן דאָס דאָרף אין דער שולע און געהאַלטן אַ רעדע פאַר אונדז, אַז מיר דאַרפֿן זיין גליקלעך; ער ברענגט אונדז אַ נייע קאָנסטיטוציע און פאַר דעם דאַרפֿן מיר דאַנקבאַר זיין סטאַלינען; אַרויסהענגען איבער דער שולע אַ רויטע פאָן און מאַכן אַ מאַנסטראַציע מיט בילדער פון סטאַ־לינען. איז דער סאָלטיס געפאָרן קיין לידע און איינגעקויפט סטאַלינען. נאָר ווען עס איז געקומען צו מאַכן די מאַנסטראַציע האָבן לייט אויך אַרויסגענומען ביל־דער פון דער קירכע און דער מיט דעם לעדערנעם מאַנטל ביז די קנעכל האָט געצאָרנט פאַרוואָס מען מישט אויס סטאַלינען מיט די בילדער פון דער קירכע. ביינאַכט האָט מען אויפגעוועקט צוויי יונגעלייט אין דאָרף און זיי אַוועקגענומען. ביז היינט הערט מען נישט פון זיי"...

מיט דער רעוואָלוציע אין וואַגאָן

די וואַגאָנען פון דער באַן אין וועלכער איך בין לסוף איינגעשטיגן זענען געווען ליידיקלעך; צו איינצלנע מענטשן אין אַ קופּע, און איך האָב געזוכט אַ גרעסערע געזעלשאַפט נישט צוליב אַנגענעמלעכקייט, נאָר ווייל אין אַ גרע־סערער געזעלשאַפט איז די חשד־מדיקייט אויף יחידים קלענער. דאָס געשעענע ביינאַכט איז מיר נאָך אַלץ געלעגן אין די ביינער. פון איין קופּע האָט געהילכט דאָס הירזשענדיקע געלעכטער פון אַ מויד און דאָרט האָב איך געפונען אַ גרע־סערע געזעלשאַפט: צוזאַמען מיט דער מויד זענען אין קופּע געזעסן צוויי יידישע יונגעלייט און איינער אַ מאַן מיט אַ שוואַרצן לעדערנעם מאַנטל און מיט אַ רויטן סאָוויעטישן שטערן אויפן היטל אַרויפגערוקט אויפן שפּיץ קאָפּ. דער מאַן האָט מיר אויסגעזען ווי ער וואָלט געווען פון אַ צווילינג מיט דעם פּוילישן אַק־טיאָר סטעפאַן יאַראַטש — מיט אַ גוטמוטיק אָפן פּנים און צעשמייכלטע אויגן. אין דעם קופּע בין איך געווען זיכער. איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז דאָס איז איין געזעלשאַפט, נאָר די צוויי יידישע יונגעלייט זענען נישט דרייסט און זיי זענען דאָ אַ פּינפטער ראָד צום וואָגן. די שפּיל קומט דאָ פאַר צווישן דער מויד מיט דעם מאַן אינעם לעדערנעם מאַנטל. די מויד לאַכט אים אין פּנים אַריין, רעדט בלויז צו אים און ער קוקט אויף איר מיט אַן אָפן מויל און מיט אַ פאַרשוויצטן שטערן. די צוויי יונגעלייט, ביידע מיט געענגע די זעלבע אויס־דרוקן אויפן פּנים — אויסדרוקן פון זשעדנעקייט — קוקן אויף דעם מאַן, וואָלטן וועלן פון אים אַ בליק פון אויפמערקזאַמקייט. נאָר זיי עקזיסטירן נישט פאַר אים.

די מויד האָט גערעדט וועגן עפּעס אַ „פּראַזדניק" און וועגן אויספּוצן אַ זאַל. איר לאַכן האָט געדאַרפט זיין אויף אַרויסצובאַקומען די הסכמה פון דעם מאַן מיט דעם לעדערנעם מאַנטל אויף אַלע אירע איינפאַלן. פונעם ווייטערדיקן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס גייט וועגן אַ זאַל אין דעם שטעטל ביעניאַקאָן, וואָס איך האָב אויסגעמיטן, און וועגן ברענגען אַן אָרקעסטער פון לידע. דער מאַן אינעם

לעדערנעם מאַנטל האָט אויף אַלץ וואָס זי האָט פאַרגעלייגט געזאָגט „דאַ" מיט אַ קאַנטיקן שאָקל מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט דער מאַן זיך אויפגעשטעלט און אַראָפּ־גענומען פון אויבן אַן אַלט־מאָדישן טשעמאָדאַן מיט אַ מעשענעם שלאָס, וואָס איז פון אַלטקייט גרין געוואָרן. מיט אַ באַוועגונג פון אַ קונצנמאַכער האָט דער מאַן אַרויסגעלייגט פונעם טשעמאָדאַן אויפן וואַגאָן־טישעלע פרישע קייזערקעס, זעמעלעך, ווי געקנעטן פון אַלעבאַסטער, אַ לאַנגן רויטן ווורשט, אַן אַ צאָל ריזיקע זויערע אוגערקעס און מיט אַ ספּעציעלער באַוועגונג האָט ער אַרויסגעשטעלט אַ פלאַש אַקעוויט. די מויד האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ געזייערטע אוגערקע, אָפּגעביסן אַ שטיק און מיט דעם איבעריקן פאַרשטופּט די פאַרוווּנדערטע מיילער פון די צוויי יונגעלייט. מיט דער זעלבער באַוועגונג פון אַ קונצנמאַכער האָט דער מאַן אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער דנאָ פון דער פלאַש אין זיין האַרטער האַנטפּלאַד און אַרויסגעשאָסן דעם פּראָפּן צוזאַמען מיט אַ זיילעכל אַקעוויט.

„דאַוואַי!" — האָט ער דער מויד דערלאַנגט די פלאַש.

זי האָט אַ שוואַכן געצווונגענעם זופּ געטאָן און דער אַקעוויט האָט זיך איר אַריינגעגאָסן אין דעקאָלט. איר מויל האָט זיך אויסגעקרומט אין אַ גרימאַסע פון עקל:

„כ׳קען נישט" האָט זי צוריקגעגעבן די פלאַש און דער מאַן מיטן לעדערנעם מאַנטל האָט איר סטימולירט צו טרינקען:

„דאַוואַי!"

די רעוואָלוציע איז איר נישט בייגעשטאַנען. זי האָט זיך נישט געקאָנט באַצווינגען צו טרינקען און ער האָט צוריקגענומען די פלאַש, דערלאַנגענדיק זי צו די צוויי יונגעלייט.

„טרינקט איר" האָט ער שוין דאָס מאָל געזאָגט אויף יידיש, נאָר מיט אַ שווערן רוסישן אַקצענט.

„ניין, טרינקט איר, חבר קאָמיסאַר" — האָבן ביידע יונגעלייט געזאָגט גלייכצייטיק.

„טרינקט ככאוויררים, מאַכט נישט קונצן" — האָט ער געשטופּט די פלאַש.

ביידע האָבן געטרונקען אַביסל פאַרשעמט, ווי זיי וואָלטן געטרונקען הבדלה־וויין פון אַ פלאַש אַנשטאָט פון אַ הבדלה־כוס. נאָך דעם האָט דער קאָמיסאַר אָפּגעריסן שטיקער קאָלבאַס און דערלאַנגט זיינע מיטפאָרער.

צו דעם קאָלבאַס האָט די מויד געהאַט אַ מוראדיקן אַפּעטיט און זי האָט אים פאַרביסן מיט שטיקער געזייערטע אוגערקעס. אויך מיטן קאָלבאַס האָט זיך דער קאָמיסאַר געדאַרפט איינבעטן ביי די צוויי יונגעלייט און זיי, פאַרקערט ווי די מויד, האָבן דעם קאָלבאַס געקייט ווי צעפּיצעשטשעטע בן־יחידלעך, וואָס זיי טוען דער מאַמען אַ טובה, אַז זיי עסן. ער, דער קאָמיסאַר גופא, האָט ווייניק געגעסן. די היפּשע פּאָרציע אַקעוויט האָט אים געמאַכט סענטימענטאַל. ער האָט זיך צעשפּרייט רחבותדיק, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן און אָנגעהויבן זינגען „יעסלי זאַווטראַ וואַינאַ..." ער האָט נישט געענדיקט דאָס ליד ווי ער איז איינגעשלאָפן, און ווי ער איז אַריין אין שלאָף האָט ער באַלד אָנגעהויבן כראָפּען.

די מויד האָט נאָך געקייט אַ שטיקל קאָלבאַס, אָבער דעם קאָמיסאַרס שלאָף

איז געווען פאַר איר אַנשטעקנדיק. זי האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אין אַקסל פון דעם קאָמיסאַר און אויפגעהערט קייען. זי האָט געדרימלט. די צוויי יונגעלייט האָבן געהאַלטן שטיקלעך ניִשט דערעסענעם קאָלבאַס. איינעם האָט אָנגעכאַפּט אַ שלוקערץ, וואָס ער האָט אים געפּרוווט באַהערשן, כּדי ניִשט אויפצוּוועקן דעם קאָמיסאַר. האָט ער טרויעריק געקוקט אויפן שלאָפנדיקן און געזוכט פאַר זיך אַ פאַרענטפערונג. די רעדער פון דער באַן האָבן געקלאַפּט ריטמיש. פאַרביי די פענצטער זענען געלאָפן ווינטערדיק־אומעטיקע פעלדער מיט פאַרשנייטע סטויגן היי, פּויערישע כאַטעס און אויסגעקרומטע טעלעגראַף־סלופּעס.

דער גאַנצער קופּע האָט געדרימלט.

אויף דער באַן־סטאַציע אין לידע איז דער טומל געווען אַ קאָכעדיקער. אַן עשאַלאָן מיט סאָוויעטיש מיליטער איז געשטאַנען אויפן ערשטן פּעראָן, פאַרן וואָקזאַל. גראָד איז אָנגעקומען אַ באַן פון ביאַליסטאָק און גלייכצייטיק איז אויך אונדזער באַן אַרויף אויף דער סטאַציע. מאַסן מענטשן האָבן פאַרפלייצט די פּלאַטפאָרמעס. עס האָבן זיך אויסגעמישט געשרייען מיט געלעכטער און מיט מוזיק פון מאַנדאָלינעס. דער וואַרטעזאַל מיט די בופעטן פון דער צווייטער און דריטער קלאַס זענען געווען אָנגעפּראַפּט מיט מענטשן און פּעקלעך. זעלנער רייסן זיך מיט די הענט איבער די קעפּ פון אַנדערע צו די בופעטן, זיי בעטן, שרייען און זידלען. דורך אַ מעגאַפאָן האָט עמעצער אַנאָנסירט אַ באַן וואָס דאַרף אָפּגיין פיר אַזייגער. ווי קיינער וואָלט אים ניִשט אויסגעהערט האָט ער דאָס זעלבע איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. אַ זעלנער האָט אַ געשריי געטאָן צום מעגאַפאָן „מאַלטשי!“ און זיינע חברים האָבן געלאַכט.

כּדי זיך אַרויסצובאַקומען אויף דער גאַס מוז מען זיך לאָזן געלאָסן שווימען מיט די עלנבויגנס, איבערבעטן, אַ שטופּ טאָן זיך און שווימען. און נאָך אַמאָל: איזווענימיע — אַ שטופּ טאָן זיך און שווימען. ווען ניִשט — באַקומט מען אַ שטופּ צוריק אויף אַ פינף־זעקס טריט און מען דאַרף אָנהויבן אַלץ אויפסניי.

אין יענע טעג איז לידע געווען אַ וויכטיקער צענטער. אַהער האָבן געצויגן פּליטים פון אַלע סאָוויעטיש־אָקופּירטע געביטן, כּדי זיך צו שמוגלען קיין ליטע. צוליב דעם האָט לידע געהאַט גאָר אַן אַנדער אויסזען ווי ביאַליסטאָק. דאָ האָבן זיך די פּליטים ניִשט צופיל געוואָרפן אין די אויגן און זיי האָבן זיך פאַרשטעקט אין פּריוואַטע אכסניות. די ווייניקע האָטעלן זענען סיי ווי געווען פאַרנומען פון ען־קאַ־ווע־דע־ניקעס און מיליטערלייט. יידן פון לידע האָבן צו די פּליטים אַרויסגעוויזן אַזוי פיל וואַרעמע ברידערלעכע געפילן, אַז יעדער האָט וועגן דער שטאָט געהאַט אַ מיינונג, אַז דאָרט האָבן זיך באַזעצט די ל״ו צדיקים.

צוויי קלאַסן יידן זענען דעמאָלט געווען אין לידע: גייער צו דער גרענעץ (די פּליטים) און העלפער צו גיין צו דער גרענעץ (די אָרטיקע איינוווינער). בעלי־אכסניות, באַלעבאַטישע יידן און אַרבעטער (אויסער קאָמוניסטן) זענען געווען אַריינגעטאָן אין דעם ענין פון העלפן די פּליטים. די לינקע פּועלי־ציון האָבן אפילו געהאַט אַן אייגענעם אידעישן שמוגלער. יעדן טאָג פלעגן קיין לידע אָנקומען באַריכטן וועגן צושטאַנד אויף דער גרענעץ. און מיט יעדן טאָג איז געוואָרן שווערער אַדורכצוגיין. בעכטיקע שמוגלער האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין

סאָוויעטישע אַגענטן. מיט אַ טאָג פריער האָבן זיי געפירט פליטים ביז איבער דער ליטווישער גרענעץ. און מיט אַ טאָג שפּעטער האָבן זיי די פליטים פון לידע געפירט גלייך אין שטאָב פון דער גרענעץ־וואַך אין סאָלעטשניקי ווילקע.

דער סקווער אין סאַמע צענטער פון לידע איז געווען אַרומגעשטעלט מיט די עמבלעמען פון אַלע זעכצן סאָוויעטישע רעפּובליקן. צווישן די פליטים האָט זיך געשאַפן אַ וויץ, אַז די געקומענע אַהער האָבן פון אַלע זעכצן אויסגעקליבן דעם זיבעצנטן עמבלעם — דעם ליטווישן, וואָס באַשטייט פון אַ לויפנדיק פערד. צווישן די סאָוויעטישע עמבלעמען איז געווען איינער פון אַ צפונדיקער רעפּובליק, וואָס האָט געוויזן אַ בערגל און איבערן בערגל אַ האַמער און אַ סערפּ. די לידער יידן האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז גראָד אַ יידישער עמבלעם: דאָס בערגל ווייזט, אַז מען איז טיף באַגראָבן, דער האַמער — אַז מען האָט געהאַקטע צרות, און דער סערפּ — מ׳האָט פאַרשניטענע יאָרן...

מיט דער גרויסער צאָל פליטים און זשעדנע מיליטערלייט, האָט לידע אויסגעזען ווי אַ גרויסער יאַריד. די רעסטאָראַנען און רעסטאָראַנדלעך זענען געווען באַלאָדן מיט מענגעס געבראָטענע גענדז, האַרטע אייער און ביר. אַלץ האָט געגעסן, זיך אָפּגענומען פאַר די הונגעריקע וואָכן, אָדער פאַר הונגעריקע יאָרן. אויף מיטאָג בין איך אַריין אין אַ קליינעם פּריוואַטן רעסטאָראַן. אין די צימערן איז געשטאַנען אַ וואַרעמער איבלדיקער ריח פון האַרטע אייער געמישט מיט ביר. ביי איין טישל האָב איך באַמערקט אַ בונדישן טוער פון לאָדזש — סערגיי. ער האָט געטרונקען ביר מיט אַזאַ רואיקייט, ווי ער וואָלט שוין געהאַט אויסגעגעבן די לעצטע טאָכטער און ער האָט מער נישט וואָס צו טאָן. ער האָט זיך געקליבן קיין ווילנע און געוואַרט אויף אַ שמוגלער. איך האָב זיך געמאַכט, אַז איך זע אים נישט און אַזוי אויך האָט ער נישט געקוקט אין מיין זייט. ביי אַ צווייט טישל איז געזעסן אַ גרעסערע גרופּע קריסטן און יידן — אַלע מיט רויטע נעז און פאַרשוויצטע שטערנס — פון טרינקען שנאַפּס און פון די פעטע שטיקער געגדזנס. דאָס זענען געווען לייט פון דער שמוגל־אינדוסטריע: גרענעץ־פירער, מעקלער, אונטערפירער, געלט־האַלטער, דין־תורה־פירער און אַנדערע ספּעציאַליסטן.

נאָך מיטאָג בין איך אַוועק אויפן מאַרק זיך צוגרייטן צו מיין ווייטערדיקן וועג. איך האָב קודם איינגעקויפט אַ זעקל. מיין פריערדיק זעקל איז דאָך געבליבן ביי דער סאָוויעטישער גרענעץ־וואַך. איז ווי קען אַ פּויער בלייבן אָן אַ זעקל? דער מאַרק איז געווען פול מיט כל הגוטס. פּויערים האָבן געבראַכט אין שטאָט אַריין אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזט פאַרקויפן: שעפּסן, הינער, געגדז, אייער, מילכוואַרג, חזירים, פלאַקס, תבואה. די כיטרע פּויערים האָבן פון אַלץ געמאַכט געלט און פאַרן געלט באַלד איינגעקויפט סחורות אויפן שוואַרצן מאַרק: מאַנופאַקטור, לעדער, אייזנגאַלאַנטעריע און אַרבעט־מכשירים. צווישן פּויערים האָט זיך געטראָגן אַ שמועה פון קאָלכאָזן און סעקוועסטראַציעס. דאַרף מען נישט שפּייכלערן צופיל תבואה, פלאַקס, עופות. פאַרן פאַרזיי, אויב עס וועט אויספעלן, וועלן „זיי" זדאָכניען און געבן, אָבער קליידונג און שיך מוז מען זיך באַזאָרגן אויף לאַנגע יאָרן. צו מיין זעקל האָב איך איינגעקויפט אַ זייטל גערויכערט חזיר־

פּעטס און אַ לאַבן ברויט און אַזוי אַרום רעסטאַווירט מיין „קריסטלעכקייט און פּויערישקייט־פּאַרמעגן‟. קיין דאָקומענט אויף אַ קריסטלעכן נאָמען האָב איך דאָך אין לידע נישט געקענט קויפן.

כדי צו זיין פון די ערשטע ביי דער באַן־קאַסע בין איך אין אָוונט אַוועק צום וואָקזאַל מיט צוויי שעה פריער ווי דער צוג האָט געדאַרפט אָפּגיין. ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז ווען איך וואָלט האָבן געקומען מיט פיר, צי מיט זעקס שעה פריער, וואָלט איך אויך געווען אַ פאַרשפּעטיקטער. דאָס קאַסע־פענצטערל איז געווען באַלאַגערט מיט הונדערטער מענטשן. קיינער פון די באַלאַגערער האָט נישט געוואָלט הערן פון פאָרמירן אַ ריי. ווייל יעדער איז געווען ביי זיך זיכער, אַז ער איז געווען פון די ערשטע. אויסער דעם איז דער שטייגער פון די סאָוויעטישע באַן־קאַסירער צו עפענען דאָס פענצטערל אַ האַלבע שעה, צי צוואַנציק מינוט פאַרן אָנקומען פון דער באַן. כ׳האָב נישט געהאַט די מינדעסטע האָפענונג ווען עס איז צו דערשטופן זיך צום פענצטערל.

ווען דאָס פענצטערל פון דער קאַסע האָט זיך געעפנט און מיט איין מאָל האָבן זיך אַהין אַריינגעשטופּט אַ צען הענט מיט רובלס, האָט דער קאַסירער אַרויסגעשריגן, אַז ער וועט נישט פאַרקויפן קיין בילעטן כל־זמן מען וועט נישט מאַכן אָרדענונג. און ווער עס זאָל מאַכן אָרדענונג איז נישט געווען. די מיליציאָנערן האָבן געהאַט וויכטיקערע אַרבעט. צווישן די פּאַסאַזשירן זענען געווען בראָנפן־שמוגלער און ביי זיי האָט מען געקענט כאַפּן אַ פּאָר רובל.

סיי ווי איז צו אַ פאַרקויף פון בילעטן קיין ביאַליסטאָק נישט דערגאַנגען. דער קאַסירער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער איז געבליבן אָן פאַרטיקע בילעטן קיין ביאַליסטאָק און ער מוז דעריבער יעדן בילעט באַזונדער אויסשרייבן. צוליב דעם איז געוואָקסן די בהלה ביים קאַסע־פענצטערל. אַז ס׳האָט זיך דערהערט דער טראַסק פון אַן אָנקומענדיקן צוג, האָט זיך דער גאַנצער עולם אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר:

„מיר וועלן פאַרשפּעטיקן דעם צוג קיין ביאַליסטאָק!‟ — האָבן מענטשן געשריגן און געשטופּט זיך מיט די טשעמאָדאַנען און קוישלעך. איז עמעצן איינגעפאַלן אַ געשריי צו טאָן, אַז דאָס איז גאָר דער צוג קיין מינסק און ער האָט אַנגאַזשירט אין דער בהלה אַלע די, וואָס האָבן דרימלענדיק געוואַרט אויפן מינסקער צוג. דאָס שטופּעניש איז געוואָרן נאָך גרעסער. צום אומגליק האָט דער בילעטן־קאָנטראָלער אָפּגעלייקנט, אַז עס איז אָנגעקומען דער צוג קיין מינסק, וואָרום דערמיט האָט ער געשאַפן אַ קעגן־כוואַליע. די בעלנים אויף מינסק האָבן צוריקגעשטופּט די בעלנים אויף ביאַליסטאָק. האָבן די „ביאַליסטאָקער‟, מורא האָבנדיק, אַז זיי וועלן פאַרשפּעטיקן דעם צוג, אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע מיט די טשעמאָדאַנעס, אָפּגעשטופּט דעם בילעטן־קאָנטראָלער, אומגעוואָרפן די באַריערע, און מענטשן האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען איינער איבערן צווייטנס פּעקלעך און קערבלעך.

דערווייל איז אָנגעלאָפן נאָך אַ באַן. וווהין גייט די באַן? באַראַנאָוויטש. באַראַנאָוויטש? פון וואַנען זאָל איך וויסן? און די באַן איז קיין מינסק, צי קיין ביאַליסטאָק? אַהער און אַהין.

די רויטאַרמייער ביי די אָפענע וואַגאָן־פענצטער מאַכן זיך פריילעך. איך פרעג איינעם:

„חבר, די באַן גייט קיין ביאַליסטאָק?" — ענטפערט ער: „טשאָרט זנאַיעט קודאַ", דער טייוול ווייסט וווהין.

מענטשן וואָס האָבן קוים מיט צרות זיך אַריינבאַקומען אין אַ וואַגאָן און זיך דערוווסט, אַז די באַן גייט נישט קיין מינסק, קענען זיך צוריק נישט אַרויס־באַקומען מיט זייערע זעקלעך און פעקלעך, און שעלטן אין דער וועלט אַריין... עס שעלטן אויך די וועלכע מיינען, אַז דער צוג גייט קיין באַראַנאָוויטש, כאָטש זיי האָבן געדאַרפט וויסן, אַז דער צוג קיין באַראַנאָוויטש דאַרף אָפּגיין ערשט נאָך האַלבער נאַכט. נאָר אַז מען שרייט באַראַנאָוויטש קען מען נישט הייַנטיקע צייטן זיין זיכער מיט אַ פאַרפאַלאַן.

די קופּעען זענען באַזעצט מיט רויטאַרמייער; די קאָרידאָרן זענען אָנגע־שטופּט מיט ציווילע פּאַסאַזשירן. מענטשן זענען אַזוי צוזאַמענגעקוועטשט, אַז פון היץ שוויצן די שויבן און עס שוויצן די ווענט. טאָמער הויבט מען אויף אַ פוס, קען מען אים צוריק נישט אַוועקשטעלן, סיידן אויף עמעצנס פוס. דערווייל לויפט די מיליץ מאַכן „אָרדענונג" מיט די וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן אָן בילעטן. מען שלעפּט מענטשן פון די אָנגעפּראָפּטע וואַגאָנען. צוויי מיליציאָנערן שטופּן זיך אין דעם קאָרידאָר, ווו איך בין קוים מיט צרות אַריין און צו מיין מזל האָט אַ יידישע פרוי אָנגעהויבן מיט גוט־בירגערלעכע טענות צו די מילי־ציאָנערן, הלמאי מען שטעלט נישט צו נאָך וואַגאָנען, די בירגער זאָלן נישט דאַרפן פאָרן ווי הערינג אין פעסלעך. פאַר אָט די טענות האָבן די מיליציאָנערן געפאָדערט די גוטע בירגערין זאָל זיי ווייזן צי זי האָט אַ בילעט. האָט די ביר־גערין געהאַט אַ קעגן־טענה, אַז איר בילעט איז איר בילעט און זי מוז אים נישט ווייזן צו נישט באַפולמעכטיקטע מיליציאָנערן, וואָס זייער פליכט איז עפּעס אַנ־דערש ווי קאָנטראָלירן בילעטן. האָבן די מיליצאָנערן געעצהט זי זאָל נישט אַזוי קלוג זיין און זי האָט זיי געענטפערט, אַז זיי זענען נאַכאַלן. די מאַכט האָט גע־דראָט דער פרוי מיט אַראָפּנעמען פון דער באַן מיט כוח און זיי האָבן טאַקע אַ כאַפּ געטאָן די פרוי ביי די אַקסלען, ווייל צו אירע אָרעמס האָבן זיי נישט גע־קענט צוקומען צוליב דער דרענגעניש.

די פרוי האָט אָנגעהויבן היסטעריש צו שרייען, צוליב וואָס עמעצן פון דער צווייטער זייט קאָרידאָר איז איינגעפאַלן, אַז די געשרייען קומען פון אַ פרוי, וואָס מען שלאָגט זי. האָט דער עמעצער אָנגעהויבן שרייען: נישט שלאָגן! מען טאָר נישט שלאָגן!" האָט די פרוי אויפגעכאַפּט דעם „איינפאַל" און זיך נאָך הע־כער צעגוואַלדעוועט: „ראַזבאַיניקי! מען שלאָגט! מערדער, רוצחים!"

ס'האָט געהאָלפן. די מיליציאָנערן האָבן געפאָדערט נאָר דעם בילעט. עטלעכע יידן עצהן דער פרוי, זי זאָל אָפּלאָזן און ווייזן דעם בילעט. ערשט אויף דער גוטער עצה הויבט אויף די פרוי אַ ניי געשריי, אַז זי האָט פאַרלוירן דעם בילעט. די מיליציאָנערן זענען שולדיק דעריין. צוליב זיי האָט זי דעם בילעט פאַרלוירן, אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט. די באַן האָט אָנגעהויבן פאָרן. די צעטומלטע מילי־ציאָנערן הויבן זיך אָן דורכשטופּן צום אַרויסגאַנג פון וואַגאָן, זיי שניידן דעם

וועג מיט די עלנבויגנס איבער די קעפּ. די באַן נעמט צו אויף דער באַוועגונג און די מיליציאַנערן באַווייזן קוים אַראָפּצושפּרינגען...

אַביסל שפּעטער האָט די פרוי מבשר געווען, אַז זי האָט געפונען איר בילעט. אַז די ענגשאַפט האָט זיך איינגעשאָקלט און זי האָט געקענט רירן מיט אַ האַנט, האָט זי דעם בילעט געפונען אין איר קעשענע. איך האָב געהאַט גרויס סימפּאַטיע צו דער פרוי, וואָרום ווען נישט דער סקאַנדאַל מיט איר בילעט וואָלטן מסתמא די מיליציאָנערן געגאַנגען ווייטער און געקענט אַרויספאַלן אויף מיר. וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין צייכן פון אַ בילעט.

אָבער נישט אַלע האָבן געקענט האָבן צו איר סימפּאַטיע. זי האָט אַ מידן, נישט אויסגעשלאָפענעם רויטאַרמייער אַראָפּגעבעטן פון זיין פּלאַץ און זיך אַליין אוועקגעזעצט. אַז אַן עלטערער ייד האָט איר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דער זעלנער איז טויט מיד, איז די פרוי אַרויס מיט אַ מענה־לשון, אַז זי איז אַ פרייע בירגערין און דערצו אַ „זענשטשינע".

„אוי זענט איר אַ זשענשטשינע!" — האָט דער מאַן צוגעשטימט מיט אַ ניגון און דער עולם איז אויף אַ רגע געוואָרן פריילעך.

אויף דער סטאַציע אין וואָלקאָוויסק איז אַרויס אַ גזירה, אַז פון פיר וואַגאָנען מוזן אַרויס די ציווילע פּאַסאַזשירן. מען דאַרף די פּלעצער פאַרן מיליטער. קיי־נער וויל זיך נישט רירן פון אָרט. איך פאַל אַרונטער אונטער דער גזירה און אויך איך האָב נישט קיין חשק צו בלייבן שטעקן אין וואָלקאָוויסק. די מיליץ הויבט אָן טרייבן: ציווילע קענען וואַרטן אויף אַ צווייטער באַן. ווען גייט אַ צווייטע באַן? נישקשה, זי וועט גיין. דערווייל קריכט אַראָפּ. זיי וואַרטן נישט מען זאָל אַראָפּקריכן, נאָר זיי שלעפּן שוין מיט כוח:

„חבר. בירגער, קריכט אַראָפּ. ווילט נישט מען זאָל אייך באַשולדיקן אין קאָנטררעוואָלוציאָנערער שטערונג".

„אייערע קליינבירגערלעכע געשעפטן וועט איר באַווייזן צו מאַכן מיט אַ צווייטער באַן".

„בירגער, לויטן פּלאַן מוזן מיר האָבן די פיר וואַגאָנען".

איבערן פּעראָן האָבן זיך אין דער פינצטער געטראָגן גאַנצע שטיקער פּאָליט־גראַמאַטע. אפשר זענען די מיליציאָנערן נאָר וואָס געווען נאָך אַ קורס און עס שרייט פון זיי אַרויס דער פּאָליטישער זשאַרגאָן?

אַנגעשפּאַרט אָן אַ שטיקל וואַנט האָב איך געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך שלאָף שטייענדיק. אָבער דאָס שאַרפע אויג פון דער וואָלקאָוויסקער מאַכט האָט מיך אויפגעוועקט:

„בירגער, אויך אייך מיינט די פאַראָרדענונג".

„וואָס פאַר אַ פאַראָרדענונג? — האָב איך געפרעגט — איך פאָר קיין ביאַ־ליסטאָק".

„ניין — האָט געענטפערט דער מיליציאָנער — איר פאָרט שוין נישט. איר ט'פאָרן מאָרגן".

אַלע מיינע אַרגומענטן, ווי די אַרגומענטן פון אַנדערע, האָבן געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.

וועגן אַרייַנבאַקומען זיך אין איינעם פון די וואַגאָנען, וואָס זענען נישט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער גזירה, איז נישט געווען אפילו צו טראַכטן. אפילו די טרעפּלעך פון די וואַגאָנען זענען געווען באַהאַנגען מיט מענטשן. איך האָב געפּרוווט מיין מזל פון דער צווייטער זייט, אפשר וועל איך פון יענער זייט קענען געפינען אַ פּלאַץ כאָטש פאַר איין פוס אויף אַ וואַגאָן־טרעפּל, אָבער אַנ־דערע זענען געווען פלינקער פון מיר און זיי זענען שוין געהאַנגען אויף די טרעפּלעך אויך פון דער צווייטער זייט.

איך האָב געפילט, אַז איך טאָר נישט בלייבן אויף איבער נאַכט אין וואָלקאָ־וויסק. וואָס קלענער דער פּלאַץ, אַלץ טיכטיקער זענען די מיליציאָנערן מיט די רויטע בענדלעך אויף די אַרעמס. לויט זייער איינשטעלונג דאַרף מען יעדן איי־נעם באַטראַכטן ווי אַ פאָלקס־שונא, אויסער די וועגן וועלכע מען איבערצייגט זיך, אַז זיי זענען עס נישט. בנוגע מיר וואָלטן זיי גאָרנישט געדאַרפט זיך אַי־בערצייגן. איך בין אַ ייִד, וואָס סימולירט אַ פּוילישן פּויער; קיין שטיקל דאָקו־מענט וועט איך בין, האָב איך נישט; אַנטלאָפן פון די הענט פון דער סאָוויעטי־שער גרענעץ־וואַך בין איך. אַ דרייפאַכער „פאָלקס־שונא". און טאָמער וואָלט מען ביי מיר געפונען, וואָס איך האָב געפירט מיט זיך, וואָלט איך געווען סיי אַ „פאָלקס־שונא", סיי אַ „סאַבאָטאַזשניק" און סיי אַ „שפּיאָן".

בין איך דעריבער אַוועק צום קאָפּ, צום לאָקאָמאָטיוו, און געפּרוווט פאַרפירן אַ שמועס מיט דעם לאָקאָמאָטיוו־הייצער בנוגע דעם, צי עס פּאַסט זיך בעסער ווען מען הייצט דעם קעסל מיט שטיינקוילן, אָדער ווען מען הייצט אים מיט האָלץ? פון דעם בין איך אַריבער צו אַ סברה, אַז עס וואָלט געווען בעסער ווען די סאָוויעטישע מאַכט לאָזט נאָך איין צוג קיין ביאַליסטאָק. אָט דאַרף איך דאָס לעבן קיין ביאַליסטאָק און איך האָב געמוזט מיין פּלאַץ איבערגעבן צו אַ רויטן קעמפער. טאָמער וואָלט געווען נאָך אַ צוג, וואָלטן אַלע געווען צופרידן, אַלע וואָלטן געפאָרן קיין ביאַליסטאָק. דערווייל חבר, גיב אַן עצה ווי אַזוי פאָרט מען קיין ביאַליסטאָק אין דעם איצטיקן מצב... עס מוז נישט דווקא זיין אומזיסט... אַ פּלאַץ אויפן קוילן־טענדער וואָלט געווען זייער און זייער גוט. אויף אַ פּלאַץ אויבעם טענדער וואָלט איך אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק און ער, דער הייצער, וואָלט פאַרדינט ביי דער זייט אַ פּאָר רובל.

דער הייצער איז אַוועק פרעגן דעם מאַשיניסט און צוריקגעקומען מיט אַן ענטפער „ביעלזיאַ". מען טאָר נישט. נאָר דער „מען טאָר נישט" איז געווען אַ גאַנץ דערמוטיקנדיקער. ס'האָט ביי אים געהייסן, אַז די געפאַר איז נישט אַזוי פאַר אים ווי פאַר מיר. טאָמער געפינט מיך דער „פּראַוואָדניק" (באַן־פירער) אויבעם טענדער, קען ער מיך באַשולדיקן אין פּרוּוון אויספירן אַ סאַבאָטאַזש־אַקט. איך האָב אויפגעהויבן די האַנט צו אַ „שלום עליכם" און אַריינגעלייגט אין דער האַנט פון דעם הייצער אַ טשערוואָניעץ. ער איז געוואָרן ווייכער און מיר געעצהט, אַז אַזוי ווי די ערשטע צוויי וואַגאָנען זענען לאַסט־וואַגאָנען, זאָל איך מיט די טרעפּלעך פון דעם ערשטן וואַגאָן צו דעם ברעמזע־ביידל אַרויפבאַקומען זיך אויפן טענדער אַזוי, אַז נישט ער און נישט דער מאַשיניסט זאָלן דערפון וויסן. פון הינטן ליגט אין טענדער אַ פּלאַנדעקע צו פאַרדעקן דאָס האָלץ עס

זאָל נישט נאָס ווערן פון שניי און רעגן. אין דער פּלאַנדעקע דאַרף איך זיך איינוויקלען סיי קעגן דער קעלט בעתן פאָרן און סיי קעגן דעם פּראַוואָדניק, וואָס וועט דער צוג רירן. זעצט ער זיך אַריין אין דעם ברעמזע־ביידל...

די פּלאַנדעקע האָט מיך וווייניק געשיצט קעגן דער פראָסטיקער קעלט. אַלע ווינטן פון אַלע ווינטערס אין דער וועלט האָבן זיך יענע נאַכט געריסן צו מיר אין קוילן־טענדער, זיך אַדורכבאַקומען דורך מיין „בורקע״ און סוועטערס און שיעור מיך נישט פאַרפירט צום טויט. אויבן, איבער מיר, האָט זיך פון לאָקאָמאָטיוו־קוימען געצויגן אַ טייך פון פונקען, נאָר קיין ברעקל וואַרעמקייט האָבן זיי נישט געגעבן. איך האָב קוים דערלעבט עס זאָל ווערן טאָג און קוים דערלעבט אָנצוקומען קיין ביאַליסטאָק. דאָ האָב איך נאָך געמוזט וואַרטן אַ רעכטע האַלבע שעה ביז מען האָט די באַן אַוועקגעשטעלט אויף אַ זייטיקער ליניע און איך האָב געקענט מיט ווייטיק אין מיינע פאַרפרוירענע גלידער אַראָפּקריכן פון טענדער און נעלם ווערן.

ביאַליסטאָק די „באַפרייטע״ שטאָט

ביים שרייבן די שורות דאַכט זיך מיר, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַ חלום, אָדער אַ קאָשמאַר אין אַ פיבער־נאַכט. אויך אַזעלכע חלומות, צי קאָשמאַרן באַקומען מיט דער צייט מילדערע קאָנטורן. די ציינער פון דער צייט גריזשען אָפּ די קאַנטיקע שטיקער פון די געשעענישן. אַפילו ווען אַזוי, גייט מיר אַדורך אַ פראָסטיקער ציטער דורכן רוקנביין ביים באַשרייבן די געשעענישן דעמאָלט אין ביאַליסטאָק.

אויפן ביאַליסטאָקער וואָקזאַל האָב איך דעמאָלט געטראָפן הונדערטער און הונדערטער מענטשן מיט פעק בעטגעוואַנט און זעק. וואָכנלאַנג זענען זיי דאָ געלעגן אין שמוץ און אין מיסט. איבער די מענטשן איז געהאָנגען אַן איבלדי־קער ריח פון נישט־געוואַשענע לייבער, פוילנדיקן אָפּפאַל און צואה פון קינדער. די פעק מיט די מענטשן זענען געווען אַזוי געדיכט צונויפגעדרענגט, אַז ס'איז מער נישט געבליבן ווי אַ שמאָלער דורכגאַנג.

אין פאָיע פון וואָקזאַל, דאָרט וווּ עס האָבן געבלאָזן די אָפּפרישנדיקע צוג־ווינטן, זענען מענטשן געזעסן אויף זייערע טשעמאָדאַנעס און קוישלעך אין רייען צו די בילעטן־פענצטערלעך. כדי צו באַקומען אַ בילעט אויף אַ באַן, וואָס דאַרף אָפּגיין אין דער פרי, דאַרף מען זיך שטעלן אין דער ריי אַן אָוונט פריער. אַוועקזעצן זיך אין פאָיע אויף סתם איבערצוהאַלטן די נאַכט טאָר מען נישט. די מיליציאָנערן טרייבן אַרויס. אָבער שטיין, אָדער זיצן אין דער ריי צו די בילעטן־פענצטערלעך איז אַ נאָרמאַלע זאַך. קומען אַהער מענטשן, זעצן זיך אַוועק אויף אַ טשעמאָדאַן אין דער ריי און נעכטיקן איבער די נאַכט, ווייל וווּהין צו פאָרן האָבן זיי שוין נישט. פאַר זיי איז ביאַליסטאָק די לעצטע און אויסזיכטסלאָזסטע סטאַציע אין דער גאַנצער וועלט.

ביאַליסטאָק איז דעמאָלט געווען איבערפולט. די פליטים האָבן פאַרדרייפאַכט די באַפעלקערונג. אין די האָטעלן און אכסניות זענען אפילו די בוידעמער און די קאָרידאָרן געווען פול מיט מענטשן; זיי האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט אַזוי פיל

שטולן וויפל עס זענען געווען גרייטע אויף איבערצושלאָפן אַ נאַכט זיצנדיק. איז מען געשלאָפן זיצנדיק אויף דער ערד. פון אָנהויב מלחמה, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען וואַרעם, זענען צענדליקער טויזנטער מענטשן געשלאָפן אין די פּאַרקן און אויף די סקווערן. איצט האָט זיי דער פראָסט אַראָפּגעיאָגט פון די גאַסן. די קאַלאַריפערן פון דער צענטראַלער באַהייצונג אויפן וואָקזאַל זענען באַקלעפּט מיט מענטשן. ווער עס האָט זיך צו זיי צוגעכאַפּט, וועט זיך מער נישט לאָזן אָוועקשטופּן. אומגליקלעך איז דער וואָס מוז אַוועקגיין דערליידיקן זיין נאַטיר־לעכן געברויך. ווען ער וועט צוריקקומען, וועט ער שוין דאָ זיין אַ פרעמדער און מוזן בעטלען מען זאָל אים לאָזן אַנוואַרעמען אַ פוס, אַ האַנט.

פאַרבייגייענדיק דעם וואָקזאַל האָב איך בײַ אַ קאַלאַריפער באַמערקט דאָס געשטאַלט פון דעם וואַרשעווער יידישן פאָלקסקאָמפּאָזיטאָר שניאור. איך האָב אים דערקענט פון זיין אָפּגעשאָסענעם ברוינעם מאַנטל און דורכגעפעטסטן שוואַרצן הוט. זיין פּנים האָב איך נישט געזען. ער שטייט מיט די גאַנצע פּלייצעס צום קאַלאַריפער און דאַך איז ער איינגעבויגן אויף פאַרנס. אפשר האָט ער דעמאָלט, אין דעם פריען ווינטערדיקן פרימאָרגן געחלומט, אַז דאָס יידישע פאָלקסליד גייט נאָך אַלץ פאַראויס און ער באַגלייט עס. ווי ער האָט עס זיין גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן באַגלייט? איך טו אים אַ ריר ביים אַקסל. ער רעאַגירט נישט מער. וועק איך אים: „חבר שניאור!” ער הויבט אַרויס דעם קאָפּ פון קאָלנער און קוקט מיך אָן מיט מיט דינע שפּעלטלעך פון זיינע אָנגעשוואָלענע אויגן. „חבר שניאור!” — זאָג איך נאָך אַמאָל.

„ווער זענט איר?” — פרעגט ער גלייכגילטיק.

„איר דערקענט מיך נישט? איך בין צאַנין”.

„טאַקע צאַנין, פון וואַנען קומט איר איצט?”

„נישט פון וואַרשע” — האָב איך אויסגעמיטן אַ דירעקטן ענטפער.

„אפשר קען מען צוריקגיין קיין וואַרשע?” — פרעגט ער.

„קיין וואַרשע? — צו די דייטשן? איר?”

ער האָט שטיל געשעפּטשעט: „חבר צאַנין, חבר צאַנין, איך בין קראַנק. איך האָב נישט מער קיין כוח דאָ צו שטיין און זיך וואַרעמען. די כוחות פאַרלאָזן מיך”.

איך האָב אים פאַרגעלייגט ער זאָל גיין מיט מיר אין אַ קאָנדיטאָריע אויס־טרינקען אַ פּאָר גלעזער הייסע טיי.

„אַ צימער האָט איר? — האָט ער געפרעגט — אַ צימער אָוועקצולייגן זיך און אויסציען די ביינער?”

„ניין, חבר שניאור, קיין צימער האָב איך נישט. איך קום נאָר וואָס צו פאָרן”. וויל נישט שניאור אַוועקגיין פון קאַלאַריפער. ער וויל נישט פאַרלירן די וואַ־רעמקייט. האָב איך פון מיין זעקל אַרויסגענומען אַ שטיק פלייש, אָפּגעריסן פונעם שוואַרצן לאַבן ברויט אַ היפּשן שטיק און עס דערלאַנגט שניאורן. ער האָט עפּעס געמורמלט מיט די ליפּן און עס אָנגענומען...

כאָטש באַגינען, איז די באַוועגונג אויף די גאַסן געווען אַ שטאַרקע. דאָס איז נישט געווען יענע באַוועגונג פון דעם פריערדיקן ביאַליסטאָק ווען אין אָט די פריע שעהן פלעגן טויזנטער אַרבעטער גיין צו דער אַרבעט אין די פאַבריקן. די

גרויסע באַוועגונג איז איצט געווען פון פּליטים. פון אויסגעוואָרצלטע מענטשן. אויפן מאַרק האָט זיך געשטעלט אַ יאַריד נישט פון פויערים, ווי אַמאָל, נאָר ווידער פון אויסגעוואָרצלטע מענטשן. דאָס איז געווען דער ביאַליסטאָקער „טאָלטשאָק". אויסער סחורות און אַלטע זאַכן, האָט מען דאָ אויך געהאַנדלט מיט פּלענער ווו צו גיין און וואָס צו טון. אין די קליינע טראַקטירלעך, ווו מער ווי טיי האָט מען שוין נישט באַקומען, האָט מען אונטערגעהאַנדלט מיט גייער קיין וואַרשע. דאָ האָט מען געהאַנדלט מיט גוים. אַ גוי איז געווען אַ יקר המציאות, ער האָט זיך געקענט פּריי און אומגעשטערט באַוועגן סיי אויף דער טעריטאָריע פון דער סאָ־וויעטישער און סיי אויף דער טעריטאָריע פון דער דייטשער אָקופּאַציע. אמתע גוים זענען געגאַנגען איבערן בוג און געפירט אַ טויש־האַנדל און אויך באַגלייט יידן צו דער דייטשער זייט. יידישע יונגעלייט האָבן זיך אויסגעפּוצט אין גלאַנציקע שטיוועלעך און זיידענע קראַוואַטלעך און געהאַנדלט מיט וואָס עס האָט זיך גע־לאָזט האַנדלען. אין דער ערשטער צייט נאָך דער מלחמה זענען היטלען וואָס עס טראָגן סקי־פּאָרער געוואָרן דער סימן פון גויאישקייט, אָבער ווען איך בין צום צווייטן מאָל אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק זענען די סקי־היטלען געווען קאָמפּראָ־מיטירנדיק, ווי היטלען וואָס עס טראָגן נאָר יידן.

איבערן ריזיקן „טאָלטשאָק" האָבן זיך אויפגעהויבן נאָך ריזיקערע פּאָרטרעטן פון סטאַלינען, קאַלינינען און מאָלאָטאָווען. דאָס זענען געווען איבערבלייבעכצן פון דעם זיבעטן נאָוועמבער, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער „פּלעביסציט". דאָס בילד פון דעם „טאָלטשאָק" און די ווונק־שפּראַך פון די הענדלער און „סוחרים" האָבן מיך געטריבן.

איך בין אַוועק צו מיין פרוי, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן צוזאַמען מיטן קינד ביי איינער אַ גוטער און ליבער פרוי ווייט פון שטאָט־צענטער. מיין פרוי האָט געוואָרט אויף ידיעות פון מיר פון ווילנע און אָט בין איך דאָ אַליין! ווען מיר דאָ בלייבן? חלילה! דאָ ענדיקן זיך אַלע האָפענונגען. זי האָט זיך געפרייט: לאָמיר שוין פּאַקן די פּעקלעך און זיך לאָזן קיין ווילנע! אין דער שטאָט איז אַ שטימונג פון בין־השמשות פון אַלץ. אַז נאָרמאַלער האַנדל האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט מען זיך גענומען צו ספּעקולאַציע, עס האָט געצויגן דער האַזאַרד פון אי־בעראַשנדיקע פאַרדינסטן. נאָר אַז ספּעקולאַציע ווערט ריזיקאַליש — זוכט מען אַ וועג צו היכלע אַמטן. אָבער די היכלע אַמטן פאַרטראָגן שלעכט סיי די ביאַליסטאָ־קער יידן און סיי די פּליטים־יידן. מען קען טאַקע לייכט דערגיין צו אַן אַמט. נאָר אומעטום זענען פאַראַן „צוטראָגער" וואָס מסרן, אַז מען איז געווען אַ סוחר, אַ סאָציאַליסט, אַ פאָלקס־שונא און מען קען ברעכן ס'גניק אויף אַזאַ אַמט.

פון די „האַניק־חדשים" פון דער „באַפרייאונג" איז שוין נישט געבליבן קיין שריד ופליט. די אָרקעסטערס האָבן שוין אויפגעהערט שפּילן און וואָכעדיקע טעג האָבן זיך געשטעלט. נעכטיקע צוטראָגערס זיצן שוין אין די תפיסות צוזאַמען מיט זייערע קרבנות און נייע צוטראָגערס, נישט קיין אידייאישע מוסרים, נאָר גאַנץ געוויינטלעכע מוסרים, פאַרטרעטן די אידיי זייער עפעקטיוו און די טורמע איז פּונקט אזוי איבערבאַפּעלקערט ווי עס איז איבערבאַפּעלקערט די שטאָט גופא. די

אַרמיי „געוועזענע קאָמיסאַרן" וואַקסט פון טאָג צו טאָג און די נעכטיקע קאָמיסאַרן ציטערן.

„ווען לויפן מיר קיין ווילנע? — האָט מיין פרוי געוואָלט וויסן — פון דאַנען מוז מען שוין אַנטלויפן!"

איך האָב איר פאַרטרויט, אַז איך האָב אַ געזעלשאַפטלעכע שליחות קיין וואַרשע. איך מוז די שליחות אויספירן. ערשט ווען איך וועל צוריקקומען פון וואַרשע, וועלן מיר זיך נעמען אין וועג אַריין קיין ווילנע. אין מיין פרויס אויגן האָט זיך באַוויזן פחד:

„איצט גיין אין אַ שליחות קיין וואַרשע? די דייטשן שיסן צו די וואָס שיפלען זיך איבערן בוג, ווי צו פייגל. יעדן טאָג הערט מען וועגן דערשאָסענע. ווי קענסטו איצט גיין קיין וואַרשע און מיך איבערלאָזן מיטן קינד?"

די ווערטער פון פאַרנונפט האָבן נישט אַפּעלירט צו מיר. איך האָב געפילט אין זיך מעכטיקע כוחות און אַן אמונה, וואָס מען קען פאַרגלייכן נאָר צו גאָר שטאַרקער רעליגיעזיטעט. איך וועל גיין! איך וועל מיין שליחות אויספירן ביז צום סוף און צוריקקומען אַ לעבעדיקער! דעמאָלט וועלן מיר גיין קיין ווילנע און דערגיין!

אָפּגערוט זיך אַביסל, זיך אַרומגעוואַשן און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שווערן וועג, בין איך אַוועק צו מיין פריינד שייע טרונק, אַ היסטאָריקער, אויך אַ פּליט, אַ קרוב פון דעם שרייבער י. י. טרונק, וואָס איז שוין אין יענער צייט געזעסן אין ווילנע. טרונק האָט צוזאַמען מיט ראָטענבערג דעם לערער פון די יידישע שולן אין וואַרשע געוווינט אין אַ פינצטער צימערל. דריי פּערטל פון מעסלעס זענען זיי געלעגן אין די בעטן. דאָס ליגן אין די בעטן האָט געקאָסט ביליקער און איז געווען זיכערער ווי אַרומדרייען זיך אין די גאַסן. קיין אַרבעט האָבן ביידע נישט געהאַט, זיי זענען אָבער געווען ערלעכע סאָציאַליסטן און דאָס איז אַ פאַרברעך. אינעם טונקעלן צימער האָט זיך אַריינגעשאַרט שלמהקע זוסמאַן, אַ ציש"א־טוער פון וואַרשע. ער האָט מיר אָפּגעשטעקט אַ קאַלטן „שלום עליכם" און געזאָגט מיט פאַרוווּרף:

„צו וואָס זענט איר צוריקגעקומען? ווייניק האָבן מיר דאָ פּאָר די מוסרים און כאַפּער?"

שלמהקע זוסמאַן איז געווען דער רואיקסטער מענטש, וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגנט, נאָר דאָס מאָל האָט אים זיין טענה צו מיר, פּאַר מיין צוריקקומען, אויפגעקאָכט: אויף די עקן פון די הויפּטגאַסן שטייען וואַרשעווער יונגעלייטלעך און קוקן אויס אויף סאָציאַליסטן. זיי דערקענען פון דערווייטנס ווער עס איז אַ פּועלי־ציוניסט און ווער אַ בונדיסט און צי אַזאַ, אַדער אַזעלכער כאַפּן זיי אים און גיבן אים איבער אין די הענט פון דער מיליץ. דער ביאַליסטאָקער בונדישער קאָמיטעט איז שוין אין קאָמפּלעט אין תפיסה. איצט כאַפּט מען פון צווישן די פּליטים. ביים רעגיסטרירן זיך אויף אַרבעט זענען די צענדליקער טויזנטער אָרגאַניזירטע, באַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטער געוואָרן „אומפּאַרטייאישע", סתם בעל־מלאכהס און חברה־שער־און־אייזן, ווי מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס מען ליגט אין די בעטן? מען וויל נישט ליגן אין תפיסה־קאַמער.

שייע טרונק האָט באַרואיקט. ער האָט אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. אוודאי דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק און נישט לאָזן זיך כאַפּן, אָבער מען דאַרף נישט איבערטרייבן. ער איז געווען זייער רואיק. שפּעטער האָט מען אים פאָרט געכאַפּט, אים אַריינגעפּאַקט אין אַ לאַסטוואַגאָן און פאַרשיקט קיין סיקטיווקאַר אויף „איבערדערציען".

איך האָב טרונקן אַרויסגעצויגן פון בעט. איך האָב געוואָלט ער זאָל מיט מיר גיין אין דער היים פאַר שרייבער אויף דער שענקעוויטש גאַס. פון ווילנע האָב איך געהאַט אַ דיספּאָזיציע צו טרעפן זיך מיט דעם עסייאיסט לעאָ פינקעלשטיין.

פון אָנהייב האָב איך שוין קורץ דערמאָנט די „היים" פאַר יידישע שרייבער און ווי אַזוי איך בין אויפגענומען געוואָרן. דאָס מאָל האָב איך די „היים" געטראָפן אין נאָך אַן ערגערער אַטמאָספער.

לענגאויס אַ לאַנגן זאַל זענען געשטאַנען איינס נעבן אַנדערן צוויי רייען בעטן און צווישן זיי איז געבליבן בלויז אַ שמאָלער דורכגאַנג. אַן אָרט אויף אָוועקזעצן זיך צי שרייבן איז נישט געווען. מען האָט נישט געדאַרפט. שרייבער האָבן נישט געשריבן. אַ טייל האָט מורא געהאַט צו שרייבן, נישט געוווסט וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. און אַ טייל פון די שרייבער זענען געוואָרן „געזעלשאַפטלעך־פּאָליטיש אַקטיוויזירט" און געבלאָזן פון זיך.

אינעם שטאַטישן סאָוויעט האָט נאָך געוועלטיקט דער דיכטער זישע באַגיש. פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער געוווינט אין ביאַליסטאָק און דערפאַר איז ער מיטן אַריינקומען פון דער סאָוויעטישער מאַכט געוואָרן דער קאָמיסאַר פון דער קולטור־אָפּטיילונג. אינעם שטאַטישן סאָוויעט האָט ער פאַרנומען אַ באַזונדער צימער מיט אַ באַזונדערן טיש און מיט אַ באַזונדער אָרט אין דער וועלט...

אויסער משה גראָסמאַן, וואָס באַגיש האָט אים געלאָזט זיין זיין באַפולמעכטיקטער אין דער „היים" פאַר יידישע שרייבער, האָט אַ העכערע ראָל אין דער „היים" געשפּילט אויך דער פאַרלעגער מאַרק ראַקאָווסקי. די צרה איז געווען, וואָס דריי אָונטן אין דער וואָך איז די שרייבער־היים דורך דער זעלבער קולטור־אָפּטיילונג פונעם שטאַטישן סאָוויעט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאַנץ־זאַל פאַרן פּראָלעטאַריאַט. אויך טאַנצן איז קולטור. פאַר יעדן טאַנץ־אָוונט פלעגט מען פונעם זאַל אַרויסטראָגן די בעטן מיט די שטרוי־זעק און נאָכן טאַנצן האָט מען זיי ווידער אַריינגעבראַכט און אויסגעשטעלט. זישע באַגיש האָט נישט ספּעציעל גוט געשפּילט זיין ראָל און שפּעטער איז צו מיר דערגאַנגען, אַז מען האָט אים אַראָפּגעזעצט פון זיין אַמט און ער איז צוריק געוואָרן דיכטער. ער איז געווען אַן אויסטערלישער קאָמיסאַר אויך מיט זיין קליידונג, וואָס האָט געפּאַסט צום סאָוועטישן סטיל, ווי אַ צילינדער פּאַסט צו ווינטער־גאַטקעס. ער האָט געטראָגן אַ שוואַרץ־אויפגעשטעלטן דיכטערישן הוט, אַ ווייס שאַלעכל האָט עקסטראַוואַגאַנט אַרומגענומען זיין האַלדז און ער האָט געקוקט זייטיק. אויף דער פּאַן פון דער

ביאַליסטאָקערווירקלעכקייט האָט ער מער אויסגעזען ווי אַ דעטעקטיוו פון אַן אַמעריקאַנער אַוואַנטורע־פילם איידער אַ קולטור־קאָמיסאַר...

אין דער „היים" האָב איך גראָד געטראָפן לעאָ פינקעלשטיין. ער איז געווען אין דער מיט פון אַ הייסן וויכוח מיט מאַרק ראַקאָווסקי.

מאַרק ראַקאָווסקי האָט דעמאָלט אויסגעשטעלט באַשולדיקונגס־אַקטן פאַר יידישע שרייבער פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פוילן. פינקעלשטיין איז געווען דער פאַרטיידיקער. מאַרק ראַקאָווסקי האָט זיך געהאַט צוגעאייגנט דעם סאָוויעטישן זשאַרגאָן מיט אַזאַ טאַלאַנט, ווי ער וואָלט יאָרן לאַנג געהאַט געלעבט אין רוסלאַנד. מיר זענען אַריינגעקומען אין דער „היים" ווען מאַרק ראַקאָווסקי האָט געהאַלטן ביי נח פּרילוצקי. און ער האָט מיט אַ פויסט געקלאַפּט אין ראַנד פון אַ בעטל:

„ווען איך באַקום אַרייז אין מיינע הענט נח פּרילוצקי, וואָלט איך אים אָפּגע־האַקט דעם קאָפּ!"

ווי נאָר ראַקאָווסקי האָט מיך דערזען, האָט ער אויסגערופן:

„גוטמאָרגן, צאַנין, וואָס טוט איר אין ביאַליסטאָק?"

„וואָס עס טוען אַלע".

„מ'האָט דאָך געשמועסט, אַז איר זענט אַוועק צו די ווייסגוואַרדייער אין ווילנע".

„איר האָט זייער שלעכטע אינפאָרמאַטאָרן. אַזעלכע אינפאָרמאַטאָרן וואָלט איך אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ!"

„זענט איר נישט געווען אין ווילנע?"

„איך בין געווען מיט צוויי יאָר צוריק, פאַר דער מלחמה".

„וועט איר דאָך מסתמא קומען היינט אין טעאַטער אויף דעם ליטעראַרישן אָוונט" — האָט ראַקאָווסקי מיך גאַסטפריינטלעך פאַרבעטן.

ס'איז געווען אַ ליטעראַרישער אָוונט פון אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, מיט פּרץ מאַרקיש און אַקסלראָד פון ראַטנפאַרבאַנד און פון די „באַפרייטע" פון דער יידישער ליטעראַטור: דער נאָוועליסט אפרים קאַגאַנאָווסקי. און פון דער פּוילישער ליטעראַטור — וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי.

פאַרן אָוונט זענען מיר, איך און מיין פרוי, אַוועק מיט אַ וויזיט צו אפרים קאַגאַ־נאָווסקי. ער האָט געוווינט ביי באַקאַנטע אין אַ קליין אָבער געמיטלעך צימערל, וווּ מען האָט כמעט נישט געפילט די אַטמאָספער פון פּליטישקייט. אויב מען האָט געפילט עפּעס פון פּליטישקייט איז געווען בלויז צוליב דעם, וואָס גראָד דעמאָלט זענען קיין ביאַליסטאָק אָנגעקומען דער שרייבער קאַוואַ מיט זיין פרוי און ביידע זענען געווען פאַרלוירן ווי הונדערט פּליטים. זיי זענען לאַנגע טעג געלעגן ערגעץ אויסבאַהאַלטן אין אַ וואַלד נעבן דעם שטעטל זאַרעמבי קאָשטשעלנע, וווּ די דייטשן מיט די רוסן האָבן געשפּילט קאַץ־מויז מיט די פּליטים. קאַוואַ און זיין פרוי האָבן געשלעפּט מיט זיך צוויי אָנגעפּראָפּטע רוקזעק מיט זאַכן — זייער גאַנץ פאַרמעג.

ווען קאַוואַ איז אָנגעקומען נאָענט צו דער גרענעץ, האָבן די דייטשן אים געפאַנגען און זיין פרוי איז אַנטלאָפן. די דייטשן האָבן געמאָלדן אים און אַנדערע געפאַנגענע יידן, אַז זיי זענען פאַרמשפּט צום טויט. נאָר איידער זיי ווערן דערשאָסן

מוזן זיי אויסרייניקן די סטאַציע־קלאָזעטן מיט די בלויזע הענט. דערנאָך זענען זיי אונטער מערדערישע קלעפּ געטריבן געוואָרן צו אַ וואַגאָן אויסצופירן די טויט־עקזעקוציע. צוויי מאָל איז דער „טויט־אורטייל" אויסגעפירט געוואָרן. די דייטשן האָבן געשאָסן איבער די קעפּ פון די אומגליקלעכע און זיך געוויצלט. אַז זיי האָבן נישט געטראָפן, ווען זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט צום דריטן מאָל דערשאָסן צו ווערן אויף אַן אמת, האָבן די דייטשן באַלד דערנאָך זיי באַפוילן צו לויפן אין דער ריכטונג פון דער גרענעץ און די לייפּנדיקע נאָכגעשאָסן, ווי צו האָזן. אויפן נייטראַלן פּאַס, נעבן שטעטעלע זאַראַמב, האָט קאַוואַ אָפּגעפונען זיין פרוי. דאָ זענען זיי דריי מעסלעס געלעגן אַן ברויט און אָן וואַסער. ווען זיי זענען אין דער פּערטער נאַכט אַריבער די סאָוויעטישע גרענעץ, זענען זיי געכאַפּט געוואָרן פון אַ גרענעץ־הונט, אָפּגעפירט געוואָרן אין ען־קאַ־ווע־דע, וווּ זיי האָבן אויסגע־הערט מוסר פון אַ סאָוויעטישן אָפיציר, אַז יידן זענען אַ פאַרשאָלטן פאָלק: זיי קענען פאַר זיך קיין אָרט נישט געפינען, נאָר לויפן אַהין און צוריק; קומען זיי אויף דער רוסישער זייט — ווילן זיי צוריק צו די דייטשן; לויפן זיי צו די דייטשן — ווילן זיי באַלד צוריק צו די רוסן. דער אָפיציר האָט באַפוילן קאָנפיסקירן די זאַכן, וואָס אין דעם רוקזאַק פון פרוי קאַוואַ און ביידע פאַרטרייבן צוריק אויף דער דייטשער זייט. ווידער זענען זיי צוויי מעסלעס געלעגן אויף דעם נייטראַלן פּאַס און דערנאָך, מיט דער הילף פון יידן פון זאַראַמב, זענען זיי אָנגעקומען אין שטעטל און פון דאָרט אַוועק קיין ביאַליסטאָק.

אפרים קאַגאַנאָווסקי, וואָס האָט שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז ער גייט נישט קיין ווילנע, נאָר בלייבט אין ביאַליסטאָק, האָט נישט געגלויבט און נישט געטאָרט גלויבן די דערציילונג פון די קאַוואָס. כאָטש אַן אומעט האָט באַדעקט זיין פּנים.

מיר זענען אַלע אַוועק אין שטאָטישן טעאַטער, אויף דעם ליטעראַ־רישן אָוונט. דער זאַל איז געווען געפּאַקט. ס'איז געווען וואַרעם און ליכטיק. אַזאַ געמיטלעכע פייערלעכע ליכטיקייט, וואָס איך האָב שוין באַלד פאַרגעסן, אַז אַזאַ קען בכלל זיין. פון די קאַפּעען, פון „טאַלטשאַק" און פון די פאַבריקן האָבן צום טעאַטער געשטראָמט טויזנטער מענטשן, וואָס דאָס טעאַטער האָט גאָרנישט גע־קענט אַריינעמען. אין די ערשטע רייען זענען געזעסן שרייבער און אַקטיאָרן. אברהם מאָרעווסקי איז געזעסן אין צענטער און געאָטעמט מיט התלהבות: „אָט דאָס הייסט פריידיקע שאַפונג. אַזאַ „סבאָר"! נאָר די רעוואָלוציע קען געבן אַזעלכע סבאָרן". דער יונגער און טאַלאַנטירטער יצחק גרודבערג, דאָס מוזיקל פון דער קינסטלער־משפחה טורקאָוו איז דעמאָלט געווען דער אָנפירער צי סעקרעטאַר פונעם יידישן טעאַטער. אין זיין יוגנטלעכן לעבן און אין זיין קינסט־לערישער קאַריערע איז עס געווען דער הויכער פּלי. נישט תמיד האָט דאָך יידיש טעאַטער געקענט שפּילן אין אַזאַ שיינעם זאַל. איז ער צווישן עולם אַרומגעגאַנגען ווי דער גאַסט־אויפנעמער. די אויגן האָבן אים געפינקלט פון התלהבות, ווי ביי אַ קינד, וואָס זיין חלום איז מקוים געוואָרן.

דער צענטראַלער פּונקט פונעם אָוונט איז געווען דאָס אַרויפקומען פון די שרייבער אויף דער סצענע. שרייבערישע פאַרברידערונג. אינטערנאַציאָנאַלע

סאָלידאַריטעט אונטער די באַפרייערישע הימלען פונעם גרויסן פירנדיקן ראַטנ־פאַרבאַנד...

נאָר אפרים קאַגאַנאָווסקי האָט געלייענט איינע פון זיינע נאָוועלן פון דער סטאָווסקי גאַס אין וואַרשע. דער ראַפּינירטער נאָוועליסט איז נישט אַנטלאָפן פון זיך. פאַר אים איז דאָס סטאָווסקי געסל געוועז אַ שטיק פון זיין נשמה; זיין האַרץ איז געווען צווישן זיינע צעפייניקטע העלדן אויף דער וואַרשעווער גאַס און זיין ווייכער טאָן פון לייענען האָט זיך וויניק אַריינגעפּאַסט אינעם צעליכטיקטן ביאַליסטאָקער טעאַטער. אויך דער פוילישער דיכטער וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי האָט געלייענט לידער וועגן דער ווייטער שטאָט וואַרשע און איר פּאַוויע גאַס, וועגן דער לבנה איבער די דעכער פון פּאַוויע און מוראַנאָוו און וועגן יידישן שניידער...

ווען די שרייבער האָבן געלייענט איז אין זאַל געוואָרן שטילער ווי שטיל. זיי האָבן געלייענט וועגן גאַסן ווו עס האָבן זיך געפונען די צעשטערטע היימען פון אַ סך, אַ סך פון די, וועלכע זענען געווען אין זאַל. מענער האָבן געוויינט; פרויען האָבן געכליפּעט אויפן קול. בלייך און פאַרעמד האָבן שפּעטער אָפּגעקלונגען די לידער פון אָקסעלראָד און די רעדע פון פּרץ מאַרקיש. דער סובטעלער דיכטער פּרץ מאַרקיש האָט גערעדט זייער נישט סובטעלע רייד. ער האָט גערעדט וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן. ער האָט די שרייבער און די ליטעראַטור באַוואָרפן מיט בלאָטע און זיי פאַרמשפּט צום טויט, נישט געקוקט דערויף וואָס די דייטשן האָבן אויף זייערע אָקופּאַציע־שטחים שוין געהאַט אומגעבראַכט דאָס גאַנצע יידישע עפנטלעכע לעבן צוזאַמען מיט דער קולטור. מיט די שרייבער און מיט אַלץ אַן אַנדער „עס האָט געשלאָגן האָט מאַרקיש געזאָגט. די היסטאָרישע שעה פון משפּט. עס איז געקומען דער סוף פון אַן עקלהאַפטער און איבערלעבטער עפּאָכע און מיט איר גייט אונטער אַלדאָס פאַרפוילטע אין דער יידישער וועלט". די ווערטער האָבן געשניטן ווי מיט מעסערס. די משפּטער זענען געווען די ס.ס.־באַנדעס פון היטלערן און די ען־קאַ־ווע־דע באַטאַליאָנען פון סטאַלינען...ביידע תלינישע כוחות זענען געווען די שופטים. אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ, וואָס פּרץ מאַרקיש האָט געהאַט צו זאָגן די יידישע שרייבער און דיכטער. ער האָט גערופן די אַלע, וועלכע זענען געקומען פון דער דייטשער זייט, זיי זאָלן אויפהערן שרייבן און זיך נעמען צו פּראָדוקטיווע אַרבעטן. קיינער דאַרף נישט האָבן אַזוי פיל שרייבער פון דער אונטערגעגאַנגענער וועלט. דער גרויסער באַ־פרייערישער ראַטנפאַרבאַנד דאַרף האָבן גוטע און ערנטלעכע שוסטער, שניידער, פאַבריק־אַרבעטער · פּראָדוקטיווע מענטשן.

די שטימונג אין טעאַטער איז געוואָרן אַ שווערע. די ווערטער האָבן דער־שלאָגן. פון מאַרקישס מויל האָט גערעדט דער „זיגער". וואָס דיקטירט דעם „באַזיגטן".

ס'איז אויפגעשטאַנען לעאָ פינקעלשטיין, אַ בלייכער, מיט שווייס אויפן שטערן, און מיט געמאַכטער רואיקייט האָט ער געענטפערט מאַרקישן, אַז דער יידישער שרייבער פון פוילן איז נישט קיין גאַסט אין ביאַליסטאָק און ער איז קיינעם גאָרנישט שולדיק ער איז צווישן זיין אייגן פאָלק און זיין פאָלק האָט אים נישט

באַזייטיקט פֿון דער פּאָזיציע, וואָס ער פֿאַרנעמט ביז איצט. ליטעראַטור, ראָמאַנען, לידער — ווער האָט עס געפּסקנט, אַז זיי זענען נישט פּראָדוקטיוו? אפשר איז אָנשרייבן אַ ליד אַזוי וויכטיק ווי אויפֿנייען אַ פּאָר הויזן, אָדער אַרבעטן אין אַ פֿאַבריק?..

יענעם אָוונט זענען עטלעכע דיכטער אַוועק זיך אָנשיכורן אָנשטאָט צוריקגיין אין דער „היים" פֿאַר יידישע שרייבער אויף דער שענקעוויטש־גאַס. נאָך מאַרקישעס ווערטער האָבן זיי שוין פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס די „היים" פֿאַר יידישע שרייבער ווערט עטלעכע מאָל אין דער יואָר פֿאַרוואַנדלט אין אַ טאַנץ־זאַל — ס'איז פּראָדוקטיווער.

דער משוגענער פּאַטריאָט

כ'האָב מער נישט פֿאַרטראָגן ביאַליסטאָק און דערפֿון נישט געמאַכט קיין סוד. איך האָב געפֿילט, אַז דאָ ענדיקן זיך אַלע האָפֿענונגען. האָב איך באַשלאָסן וואָס שנעלער צו גיין מיין וועג קיין וואַרשע, צוריקקומען בשלום, נעמען מיין פֿרוי מיטן קינד און אַוועק קיין ווילנע. מיין פֿרוי איז געווען דערשראָקן פֿון מיין איילעניש. דערצו נאָך האָב איך באַקומען פֿיבער. ס'איז געפֿערלעך צו לאָזן זיך אין אַזאַ מצב אין וועג אַריין, וואָס איז פֿול מיט סכנות. אויך י. ראָטענבערג און ש. טרונק האָבן געהאַלטן, אַז מיין איילעניש איז „אומנאַטירלעך". אָבער דער אומגעזעענער כוח, וואָס האָט מיך דעמאָלט געפֿירט, האָט איבערגעוויגן אַלע אַרגומענטן. מיין פֿרוי איז געווען זיכער, אַז מיין אייליקייט איז נישט קיין גוטער סימן. זי האָט מיך באַגלייט אין דרויסן. ס'איז געפֿאַלן אַ שניי מיט געדיכטע פֿליטערלעך. איך האָב דאָס אָנגענומען פֿאַר אַ גוטן סימן. אַז דער שניי פֿאַלט געדיכט און מען זעט קוים אַ פּאָר טריט פֿאַר זיך, איז לייכטער אין אַזאַ צייט צו לעבן. ווייניק אויגן קוקן אויף דיר; אַ סך אויגן זענען שלעכטע. איך האָב זיך געזעגנט מיט דאָרען און שנעל אַוועק צו דער באַן. איך בין אַפֿילו נישט אַריין אין וואָקזאַל. איך האָב פֿיינט באַקומען דאָס אומעטיקע וואָקזאַל־בילד פֿון פּליטים מיט פּעקלעך, וואָס וואַרטן אויף אַ באַן. אונטער דעם געדיכטן שניי איז געווען גאָר לייכט אַריבערצוקלעטערן איבער דער דראָטענער צוים, וואָס אַרום דער באַן־פּלאַטפֿאָרם. קיינער האָט מיך נישט באַמערקט. איך האָב גראָד אָנגעטראָפֿן אויף אַ באַן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפֿאָרם און אַריינגעשטופּט זיך אין אַן אָנגעפּראָפּטן וואַגאָן. איך האָב אַפֿילו נישט געפֿרעגט וווהין די באַן גייט. טאָמער וועט זי פֿירן אין דער ריכטונג פֿון דרום איז אוודאי גוט און אויב נישט — האָב איך שטענדיק צייט אַראָפּצושפּרינגען.

דער צוג האָט גערירט אין דער גוטער ריכטונג. נאָר פֿון דעם וואָס די פּאַסאַזשירן האָבן גערעדט צווישן זיך האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דער צוג גייט בלויז ביז טשערעמכע. זאָל זיין, אַבי וווייטער פֿון ביאַליסטאָק! די אָנגעפּראָפּטקייט אין וואַגאָן האָט אַ מעלה וואָס די צונויפֿגעקוועטשטע לייבער פֿון די פּאַסאַזשירן פֿאַרטרעטן באַהייצונג. און מען קען דרימלען אַפֿילו ווען מען שטייט. די שכנים נעבן מיר, יידן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן קרובֿי למלכות. איינער האָט דערציילט.

אַז ער פאַרט צוריק פון אַ קאָנוואָי, וואָס האָט אָפּגעפירט אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה עטלעכע דיווערסאַנטן — פּאַליאַקן און יידן. אין טשערעמכער קרייז איז אַנטדעקט געוואָרן אַ געהיימע פּוילישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. זי אַרבעט אויף ביידע זייטן פון בוג — אויף דעם דייטשן און סאָוויעטישן שטח. דער מאַן האָט זיך געקלאָגט הלמאי יידן העלפן צו די פּוילישע דיווערסאַנטן אויף איבערצו־שמוגלען מענטשן איבערן טייך. „נאָר — האָט ער געזאָגט — מיר, די מאַכט אין טשערעמכע, זענען גענוג וואַכזאַם, די רעוואָלוציע זאָל נישט געשטערט ווערן אין אירע באַפרייערישע צילן. איך — האָט ער געזאָגט באַרימעריש — דערפיל זיי פון דער ווייטנס און איך כאַפּ זיי ווי די האָזן”...

דער אַמאָל שיינער טשערעמכער וואָקזאַל איז געלעגן אין חורבות. בלויז איין פליגל פון אים איז ניצול געוואָרן פון די דייטשע באָמבעס. אין דעם גאַנץ־געבליבענעם וואַרטעזאַל ליגן אויף דער ערד אויסגעלייגטע מענטשן. עטלעכע פויערים שטייען איבער אַ געבונדענעם גייסטיק־קראַנקן, וואָס איז שוין הייזעריק פון שרייען. דער קראַנקער רייסט זיך פון די שטריק און רעוועט: „איר האָט גע־בונדן פּוילן! באַפרייט פּוילן! איר האָט באַרויבט פּוילן און זי געבונדן! באַפרייט פּוילן!” — און אַזוי אין אַ רעדל. די פויערים פּרוון אים פאַרשטופּן דאָס מויל, בעטן אים ער זאָל שווייגן, זיי רעדן צו אים ווי צו אַ קינד, אָבער ער שרייט: „איר האָט געבונדן פּוילן! באַפרייט פּוילן! איר האָט באַרויבט פּוילן!” די קינדער צווישן די וואַרטנדיקע חזרן איבער די געשרייען פון דעם גייסטיק־קראַנקן מיט דעם זעלבן הייזעריקן טאָן ווי ער. די מיליציאַנערן טרייבן דעם עולם, הייסן די קינ־דער שווייגן. דעם קראַנקן פירט מען אין אַ דול־הויז אין ביאַליסטאָק. איין באַן האָט ער שוין פאַרשפּעטיקט; אַ צווייטע באַן וועט גיין אין אַ צען־צוועלף שעה אַרום. איך האָב נישט געהאַט בדעה צו בלייבן אין דער אַטמאָספער פון דעם משוגע געוואָרענעם פּוילישן פּאַטריאָט ביז עס וועט אָנקומען זיין באַן און איך בין אַוועק צו פוס אויף דרום. אין אַזעלכע צייטן איז געזונטער כסדר צו זיין אין באַוועגונג. און וואָס ווייטער פון מענטשן־געזעמלעך.

אינעם פּערימעטער אַרום דער סטאַציע איז נאָך פריש געווען דער חורבן, וואָס די דייטשע באָמבעס האָבן גורם געווען אָט דעם וויכטיקן באַן־קנופּ אין אָנהייב מלחמה. אויף די זייטיקע ליניעס זענען געלעגן איבערגעדרייטע וואַגאָנעס. פון אונטערן שנײ האָבן אַרויסגעקוקט אייזערנע רעדער, צעריסן געהילץ, אַרויס־געריסענע ביימער און אין הינטערגרונט — חורבות פון הייזער, איינציקע ווענט, איינציקע קוימענס.

דער ריח פון שריפות האָט שוין לאַנג אויסגעוועפּט, אָבער דאָס בילד פון חורבות לעבט צוריק אויף די ריחות. עס דאַכט זיך מיר, אַז עס פילט זיך דער ריח פון פאַרברענטע שמאַטעס און פגרים. נאָך אַ האַלבער שעה גיין בין איך אָנגע־קומען אין אַ חרוב דאָרף. ווידער איינצלנע ווענט, דעכער וואָס זענען קאַמיש געבליבן הענגען ווי אין דער לופטן, צעשפּאָלטענע הייזער אונטערגעלענטע מיט באַן־שוועלן. דאָס גאַנצע חרובע דאָרף איז באַזעצט פון רויט־אַרמייער. ברייט־אַקסיקע רוסישע וועגענער פאַרשטעלן די הייף און פּלעצער. די גאַנץ געבליבענע שייערן זענען פאַרנומען דורך פערד. פון עטלעכע פעלדקיכן זעצט אַ שוואַרצער

רויך. פלוצים דערזע איך אין אַ קליין שייבל פון אַ הויז דאָס פּנימל פון אַ קינד מיט דעם נעזל צוגעפּלאַטשיקט צו דער שויב. דערזען מיך, איז דאָס קינד פאַרשוונדן פון פענצטער. אין דעם הויז האָב איך געפונען אַ מוראדיקע אָרעמקייט און עלנט. ביים פענצטער איז געשטאַנען אַ שוסטער־וואַרשטאַט און אין דער טיף פונעם צימער — אַ ריזיקער פּיעקאַליק. נעבן שוסטער־וואַרשטאַט זיצן אויף נידעריקע בענקעלעך צוויי מענער; אויפן פּיעקאַליק איז אַ באַזונדער וועלט. די קלאַנגען, וואָס עס דערגייען פון דאָרט, זענען פון אַ סך קינדער. אַ פינף פאָר אייגעלעך קוקן אַראָפּ צו מיר.

אויף מיין גוטמאָרגן שטעלט זיך אויף איינער פון די צוויי מענער, אַ לאָמער, מיט אַ נישט־ראַזירט פּנים און אונטערגעשלאָגענע אויגן. עס זעט אויס, אַז ער איז דער באַלעבאָס פון אָט דער גאַנצער אָרעמקייט. איך זאָג אים, אַז איך וויל זיך אָנוואַרעמען און איך זוך ווו צו דינגען אַ פערד־און־וואָגן קיין סעמיאַטיטש. ביידע מענער האָבן זיך געוווּנדערט וואָס אין אַזאַ קעלט וויל איך פאָרן מיט אַקס קיין סעמיאַטיטש. איך האָב זיי אויפגעקלערט אַז אַ באַן וועט זיין ערשט אין אַ פערצן שעה אַרום און איך דאַרף זיין אין דראָהיטשין היינט אין אָוונט. אומנויטיק האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט מיט דראָהיטשין. ס׳איז אָבער געווען צו שפּעט זיך צוריקצוציען. דער צווייטער מאַן האָט באַלד געזאָגט: „איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי אַלץ. אַלע יאָגן מיר זיך נאָך די פּאַטאַ מאָרגאַנאַס, וואָס פאַרפירן אונדז". פון דעם אופן ווי דער מאַן האָט געזאָגט די ווערטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב צו טון נישט מיט קיין פויער, נאָר ער איז פאַרקליידט פאַר אַ פויער, ווי איך בין אָנגעטון אין קליידער פון אַ פויער. איך רעאַגיר אַזוי, אַז אויך ער זאָל וויסן, אַז איך בין נישט קיין פרימיטיווער פויער. דער לאָמער מאַן פרעגט: „זענט איר הונגעריק?" „ניין, אָבער אַ גלאָז וואַרעמס וואָלט איך געטרונקען". דער מאַן האָט גערופן „מאַגדאַ" אין דער ריכטונג פונעם פּיעקאַליק און פון דאָרט איז אַראָפּ אַן אויסגעבלייכטע מאָגערע פרוי אין די מיטעלע יאָרן. דער לאָמער באַלעבאָס האָט אויסגעטון זיינע שטיוול און די פרוי האָט זיי אָנגעטון; זי האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ צעפּליקטן פעלץ און איז אַרויס פון שטוב.

די קינדערלעך האָבן ווי קליינע חיהלעך אַראָפּגעקוקט פון פּיעקאַליק. איך האָב געעפנט מיין זאַק און אַרויסגענומען אַ שטיק פלייש. אין דער הייך אויפן פּיעקאַליק איז געוואָרן אַ באַוועגונג. די קינדערלעך האָבן זיך געשושקעט. איך האָב צעשניטן דאָס פלייש אויף שטיקלעך און צוגעגאַנגען צום פּיעקאַליק צו צעטיילן צווישן די קינדער. דאָס קליינוואַרג האָט זיך געשעמט און זיך פאַרשטעקט. אָבער דער הונגער האָט זיי דרייסטער געמאַכט און צום סוף גענומען פון מיין האַנט. די פרוי איז צוריקגעקומען מיט אַ ביסל מילך אין אַן ערדענעם טאָפּ, זי האָט אָנגעצונדן בערעזע־צווייגלעך אויף דער קיך און דערנעבן אַוועקגעשטעלט דעם ערדענעם טאָפּ. די אָרעמקייט אין הויז איז געוואָרן אַביסל פריילעכער.

פלוצים האָט צו מיר געזאָגט דער צווייטער מאַן: „דו ביסט נישט פון פויערישער אָפּשטאַמונג".

„ניין — האָב איך מסכים געווען מיט אים — איך בין נישט פון פויערישער און נישט פון שלאַכטישן אָפּשטאַם; איך בין אַ ייד".

„אַ ייד?"

„יאָ, אַ ייד פון וואַרשע". מיין אומדירעקטקייט, אַז איך בין אַ ייד, האָט היפש צעטומלט די מענטשן. דער צווייטער מאַן האָט געזאָגט ווי ער וואָלט גאַרנישט איבעראַשט געוואָרן:

„אייגנטלעך וואָס איז די נפקא מינה? עס איז לעכערלעך צו קוקן אויף מענטשן ווענדליק זייער גלויבן אָדער אָפּשטאַם. דער עיקר איז דאָך וואָס זיי זענען און ווי אַזוי זיי האַנדלען. נישט אַזוי?"

„אַזוי דאַרף עס זיין און הלוואי וואָלט עס אַזוי געווען" — האָב איך געזאָגט.

דער מאַן איז געוואָרן נייגעריק צו וויסן פאַרוואָס, ווי אַ ייד אין דער צייט, טראָג איך נישט קיין גלאַנציקע שטיוועלעך, נאָר איך בין אָנגעטאָן אין קליידער פון אַ פויער. אין דער סאָוויעטישער אָרדענונג איז דאָך לייכטער צו זיין אַ ייד, ווי אַ קריסט. איך האָב אים געזאָגט: „מיין ליבער הער, אַ סך פּאָליאַקן טראַכטן אַזוי. זיי אידענטיפיצירן אַ ייד מיט קאָמוניזם און באָלשעוויזם. ווען איר וואָלט געווען אַ ייד, וואָלט איר פאַרשטאַנען די לעכערלעכקייט פון אַזאַ מין אידענטי־פיקאַציע. יידן זענען תמיד צווישן פייער און וואַסער: אַז עס ברענען זיי די הענט, כאַפּן זיי זיך אָן אין וואַסער און אַז זיי דערפילן די סכנה פון דערטרינקען ווערן כאַפּן זיי זיך אָן אין פייער. איצט מאַכט איר אַליין דעם אויספיר. אַ פּשוטן פּוילישן מענטש איז זיכער שווער צו לעבן אונטער דער היטלעריסטישער אָקו־פּאַציע, אָבער די סכנות פון אומקום זענען פאַר אים נישטיקע אַנטקעגן די סכנות פאַר יידן. אַזוי אויך איז לייכטער צו לעבן אַ פּשוטן מענטש אונטער דער רוסישער אָקופּאַציע. ער זיצט אויף אַ פּלאַץ. ער לויפט נישט".

„יידן האָבן איבערגענומען די מאַכט" — האָט דער מאַן געזאָגט מיט פאַרדרוס.

„דאָס איז די ביטערע אילוזיע — האָב איך אים געענטפערט — ביז דער מלחמה זענען די יידן געווען רעכטלאָז און דיסקרימינירט, דאַכט זיך דיר, אַז ווענדליק דער מאָס פון אומרעכט האָבן יידן אַריינבאַקומען אין זייערע הענט די מאַכט. די יוגנט איז טאַקע פאַרשיכורט פון די פונקציעס, אָבער אין רוסלאַנד האָט מען אומגעבראַכט אפילו די הויפּט־אָנפירער, במילא וועט אויך דער גורל פון די פּשוטע פונקציאָנאַרן נישט זיין קיין בעסערער. און וואָס שייך מוסרים, זענען זיי פאַראַן ביי אַלע פעלקער. נאָך דעם ווי אין חודש סעפּטעמבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן דער פּוילישער אינטעליגענץ און אפילו אין דער פּוילישער רעגירונג גופא זענען געווען אָן אַ שיעור דייטשע שפּיאָנען, וואָס האָבן געהאָלפן חרוב מאַכן פּוילן, דאַרפן מיר ווייניקער רעדן וועגן די יידישע יונגע־לייט מיט די רויטע בענדלעך אויף די אָרעמס, וועלכע לויערן אויף יידישע סאָ־ציאַליסטן. אין ווילנע האָבן די באָלשעוויקעס אַרעסטירט די מוטער פון די יידי־שע סאָציאַליסטן אַנאַ ראַזענטאַל, זיי האָבן אַרעסטירט די יידישע סאָציאַליס־טישע פירער ערליך און אַלטער"...

דער מאַן איז אויפגעשפּרונגען:

„דער אַדוואָקאַט ערליך אַרעסטירט? וויקטאָר אַלטער? איך קען זיי גוט. מיט ערליכן בין איך געזעסן צוזאַמען אין וואַרשעווער שטאָטראַט. פאַרוואָס האָט מען זיי אַרעסטירט?"

„ווייל זיי זענען יידישע סאָציאַליסטן. די זעלבע, וואָס איר זאָגט, אַז זיי האָבן באַקומען די מאַכט — יידן — האָבן אַרעסטירט און איבערגעגעבן אין די הענט פון ען־קאַ־ווע־דע די צוויי מענער".

„איר גייט אויף יענער זייט בוג" — האָט פּלוצים געזאָגט דער מאַן.

„ניין. איך גיי נישט" — האָב איך געענטפערט.

„אַנטשולדיקט מיר. איך האָב נישט געדאַרפט פרעגן".

„איר מעגט פרעגן און איך האָב אייך געענטפערט".

איך האָב שוין מער נישט געדאַרפט רעדן קיין סך, כדי דער באַלעבאָס, דער לאָמער מאַן, זאָל גערן איינשפּאַנען זיין שקאַפּע און מיך פירן קיין סעמיאַטיטש. ער האָט עס געמאַכט זייער דיסקרעט. ער האָט זיך אָפּגערעדט מיט מיר, אַז צו־ליב דעם וואָס אין דאָרף סטאַציאָנירן „זיי" (רויטאַרמייער), זאָל איך אים אָפּ־וואַרטן מיט זיין פערד־און־וואָגן אַ קילאָמעטער ווייט פון דאָרף, אויף דרום מיטן הויפּט־טראַקט. איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט דעם פרעמדן מאַן, וואָס האָט מיר געווונטשן מיר זאָלן זיך טרעפן אין אַן „אידעאַל פּוילן". געזעגנט זיך מיט די קליינע קינדערלעך, וואָס האָבן ווי די קעצלעך אַראָפּגעקוקט פון פּיעקאַליק, מיט דער אויסגעבלייכטער באַלעבאָסטע, און אַוועק.

מיט דעם לאָמען פויער האָב איך זיך געטראָפן ווי אָפּגעשמועסט. ער איז געקומען מיט אַ שקאַפּע, וואָס איך האָב געספּקט צי וועט זי קענען זיך שלעפּן עטלעכע קילאָמעטער. זי איז געווען הויט און ביינער און מיט רינענדיקע אויגן. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זי וועט שלעפּן ווי אַ מזיק. ער ווייסט אפילו נישט פון וואַנען זי נעמט כוחות. וואָרום אַז ער האָט נישט גענוג שפּייז פאַר זיינע קינדער פון וואַנען זאָל ער נעמען גענוג שפּייז פאַר דער שקאַפּע? דער פויער איז געווען גערעכט — די שקאַפּע איז געלאָפן ווי אַ מזיק. זי האָט געדעכעט מיט די זייטן אויסגעשוויצט דאָס לעצטע ביסל פייכטקייט פון איר גוף, אָבער געלאָפן. נאָר עס איז געשען וואָס איך האָב פון אָנהויב מורא געהאַט, אַז עס וועט געשען: מיר זענען אָנגעקומען קיין סעמיאַטיטש ווען אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען. איך האָב געהייסן פאַרהאַלטן דעם וואָגן איידער מיר זענען אָנגעקומען אויפן מאַרק. דער פויער האָט פאַרהאַלטן דאָס פערד. די פעל פון דער חיה איז געווען דורכגעשוויצט און זי האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. דער פויער האָט אַ צי געטאָן די גזשיווע פונעם פערד, ווי דאָס טוען בעל־העגלהס ווען זיי פּאָיען אַן אַ פאַרשוויצט פערד און איבער זיין רוקן אַרי־בערגעוואָרפן די דערע מיט וועלכער איך בין געווען איינגעדעקט. אין דער רגע ווי ער האָט די דערע אַריבערגעוואָרפן איז די שקאַפּע איינגעפאַלן ווי אַ צעבראָכן שטיקל מעבל. דער אייגנטימער האָט זיך אָנגעכאַפּטביים קאָפּ און אויסגעשריגן: „אָלאַ באָגאַ". איך האָב אים אַריינגעשטופּט אין האַנט אַ באַנקנאָט פון הונדערט גילדן און געלם געוואָרן איידער מענטשן זענען זיך צונויפגעלאָפן אויף די געשרייען פון דעם אומגליקלעכן פויער.

דאָס פאַלן פון דער שקאַפּע האָט פון דעסטוועגן אויך מיך געטראָפן. איך בין אַזוי אויך געווען שיכור פון דער קאַלטער לופט, פונעם לאַנגן אויסמאַטערנ־

דיקן וועג. נאָר ווען איך בין אָוועק פון דעם ליגנדיקן פערד, איז מיר באַפאַלן אַ שרעקלעכע מידקייט, עס האָט מיך געצויגן צו דער ערד איינצושלאָפן, איינצושלאָפן.

דאָס שטעטעלע סעמיאַטיטש איז אין יענע חדשים געווען אַ ריזיקער צענטער פון יידישן לויפן. ס׳איז געווען די ערשטע שטאָט אויף דער סאָוויעטישער זייט, ווו נאָכן אַריבערשמוגלען זיך איבערן בוג האָבן יידן פריי אָפּגעאָטעמט פון היטלערישן קאָשמאַר. הונדערטער און הונדערטער טויזנטער יידן זענען אַדורך דורך סעמיאַטיטש, כדי פון דאַנען פונאַנדערצולויפן זיך איבער די „באַפרייטע" מרחקים — קיין ביאַליסטאָק, לעמבערג, אָדער איבער די שטעט פון וואָלין. קרעמלעך פון צעלניק־סחורות און דירות פון לאַטוטניקעס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אכסניהס און אין רעסטאָראַנדלעך פאַר די פליטים. דאָס שטעטל האָט „אויפגעבליט".

פון תמיד אָן איז סעמיאַטיטש געווען באַקאַנט ווי אַ צענטער פון קאַכלעסאון ציגל־אויוונס. גאַנץ פוילן האָט געבויט קאַכל־אויוונס פון סעמיאַטיטשער פראָדוקציע. איצט זענען די אַלע אויוונס געשטאַנען פאַרלאָשענע, טויטע. מען האָט מער נישט געדאַרפט קיין קאַכלעס און ציגל אויף דער וועלט. ס׳האָט זיך געשטעלט אַ צייט פון צעשטערן און נישט פון בויען. דאָס יידישע פאָלק איז געלאָפן, געלאָפן אין גרופן, אין מחנות און אין קהילות, און דאָ, אין סעמיאַטיטש, אויף אַ רגע אָפּגעאָטעמט מיט פרייע לונגען נאָך וואָכן פון געפאַר, פחד און אומזיכערקייט. די אַרבעטער פון די טויטע קאַכל־ און ציגל־אויוונס, אָן אַרבעט, ליידיקגייערישע, גערייצטע פון די מעשיות וועגן די „שטיקער גאָלד", וואָס וואַלגערן זיך אויף דער ערד, האָבן זיך אויך אַ לאָז געטאָן איבערן בוג אויף דער דייטשער זייט, כדי אַהערצושלעפן נאָפט און זאַלץ, וואָס זענען אויפן סאָוויעטישן שטח געוואָרן צוגלייך מיט גאָלד, און מאַנופאַקטור און פוטערוואַרג, וואָס מען האָט באַלד פאַרוואַנדלט אין גאָלדשטיקלעך. די סאָוויעטישע מענטשן האָבן אַלץ פאַרשלונגען און געצאָלט מיט פעק פאַפיר. רויטאַרמייער האָבן דערשמעקט, אַז אין סעמיאַטיטש קען מען קויפן זייגערלעך, האַנט־זייגערלעך. זענען זיי געקומען אַהער מיט גרויזאַוויקעס פון ווייטע מרחקים: „דאַוואַי טשאַסי!". זענען סעמיאַטיטשער געלאָפן אויף דער דייטשער זייט און געבראַכט אַלץ וואָס מען האָט געקענט אָנרופן זייגערל — פון דעם טייערסטן גאָלדן „אָמעגאַ"־זייגערל, ביז ניקעלנע „ציבעלעס", אפילו זייגערלעך וואָס האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט גיין, נאָר די ווייזערס האָבן פונדעסטוועגן געוויזן אַן אומפאַרענדערלעכע צייט. איז סעמיאַטיטש געוואָרן אַ שטאָט פון לעבעדיקע און טויטע צייט־מעסטער, אַ קאָכעדיקער מאַרק, וואָס האָט געהאַנדלט און געוואַנדלט פון פריען באַגינען ביז אין דער שפעטער נאַכט אַריין.

אָבער דעמאָלט ווען איך בין אָנגעקומען קיין סעמיאַטיטש, איז דאָס שטעטל געווען ליידיקלעך ווי אַמאָל, ווען עס האָבן געברענט די קאַכל־ און ציגל־אויוונס

און דער עולם איז געווען אַריינגעטאָן אין אַרבעט. דער מאַרק איז געווען ליי־דיק, בלויז דער שניי איז געווען היפש צעטראָטן. אַ סימן אַז מענטשן זענען פון דעסטוועגן יאָ געווען אויפן מאַרק. די געוועלבלעך און קלייטלעך — די ניי אויפגעקומענע „טשייניעס" — זענען געווען פאַרהעמערט.

נעבן אַ קליינעם האָטעל, אויפן מאַרק, האָב איך דערזען די סיבה: פאַרן האָטעל זענען געשטאַנען צוויי גרויסע שוואַרצע לימוזינעס מיט האַקנקרייץ־פענדלעך פון פאַרנט, אויפן ראַדיאַטאָר. איך האָב פאַרלוירן דעם אָטעם, ווי איך וואָלט פּלוצים דערזען, אַז איך געפין זיך אויפן געביט פון דער דייטשער אָקור־פּאַציע. צוויי יידן גייען פאַרביי און איינער פון זיי שפּייט אויס אין דער ריכ־טונג פון די אויטאָס: „ימח שמם!". איך בין אַריין אין האָטעלעכל, ווייל איך האָב געהאָפט דאָ צו געפינען אַ נאַכטלעגער. אַן אויפגערעגטער האָט דער בעל־אכסניה מיר אַנטקעגנגעוואָרפן אַ „ש'טאָ, גייט געזונטערהייט, ש'טאָ גאָרניש..." „בלויז איבערשלאָפן" — בעט איך אים. ער איז געוואָרן היסטעריש: „איר זענט בלינד, נישט צו זען?!"

איך האָב באמת נישט באַמערקט. אין גאַסטצימער זענען ביי אַ לאַנגן טיש געזעסן פון איין זייט ס.ס.־לייט אין ברוינע מונדירן און געסטאַפּאָ־אָפיצירן אין שוואַרצע מונדירן מיט האַקנקרייצן אויף די אַרבל, און פון דער צווייטער זייט זענען געזעסן ענ־קאַ־ווע־דע־אָפיצירן. דער בעל־אכסניה האָט אָנגעפילט גרויסע קופלס ביר און אַנגעלייגט שטיקער געזנזנס אויף אַ גרויסער טאַץ און דעם כיבוד באַגלייט מיט „אַז דערוואָרגן זאָלט איר אַלע ווערן... אויסקרענקען זאָלט איר עס, רבונו של עולם אין הימל".

איך בין נעלם געוואָרן אויף דער צווייטער זייט פון מאַרק, וווּ אין אַ הויז איז געשטאַנען אַ געזעמל יידן. אַריבערגעקוקט צום קליינעם האָטעלעכל און ספּעקולירט. צי די ימח־שמוניקעס פאַרהאַנדלען דאָרט וועגן איבערגעבן סע־מיאַטיטש צי די דייטשן, אָדער די ריסן האָבן בדעה צו באַקומען „עפּעס" אויף יענער זייט בוג... ס'איז דעמאָלט געווען גאָר צייט ווען די צוויי שותפים, וואָס האָבן זיך איינגעטיילט מיט פּוילן, האָבן „אויסגעגלייכט ליניעס".

אַ מיליציאָנער איז פאַרבייגעגאַנגען, באַמערקט דאָס געזעמל יידן און גע־זאָגט צו זיי מעשה הערשער:

— „יידן, צעגייט זיך".

„מיר זענען זיך שוין גענוג צעגאַנגען" — האָט אים געענטפערט אַ ייד און דער מיליציאָנט האָט זיי צו רו געלאָזט.

אין סעמיאַטיטש זענען אַלע אכסניות געווען פאַרנומען. דערבאַרעמט איבער מיר האָט זיך אַ ייד אַ שניידער. איך האָב נושא געווען אין זיינע אויגן און ער האָט מיר פאַרגעלייגט, איך זאָל טיילן דאָס בעט פון זיין עלטערן זון. זיין רחמנות צו מיר איז געשטאַרקט געוואָרן פון די שוואַרצע לימוזינעס אויפן מאַרק. די האַקנקרייצן האָבן אים אויפגעקאָכט:

„אפילו דאָרט איז פאַראַן אַ ליידיק בעט, זאָלט איר דאָרט נישט שלאָפן. זאָלן דאָרט די עמלקים פאַרברענט ווערן צוזאַמען מיט דעם הויז!"

איך ווייס נישט צי איך בין געשלאָפן אַליין אין דעם בעט, אָדער מיט מיר

איז אויך געשלאָפן דעם שניידערס עלטערער זון. זיבן אין אָוונט בין איך אריינ־געקראָכן אין בעט אונטער אַ וואַרעמער פּערענע און אָפּגעשלאָפן אָן איבעררייס ביז אַכט אין דער פרי. איך בין געווען איינער אַליין אין בעט. דער שניידער האָט מיך באַגעגנט מיט אַ ברייטן גוט מאָרגן און געפרעגט מיט פּאַטערלעכער גוטמוטיקייט, צי איך דאַרף נישט אַ קעצל זאָל מיר אויסלעקן די אויגן נאָך אַזאַ „קורצן" שלאָף. נאָך דעם האָט די באַלעבאָסטע אַוועקגעשטעלט פאַר מיר אויפן טיש אַ פעטן קרויט־באָרשטש און אַ ברוקעווע־צימעס. פוןביידע שיסלען האָט זיך געטראָגן אַ געדיכטע פּאַרע. „האַקט אַריין! — האָט דער שניידער מיר צוגעגעבן מוט — נאָך אַזעלכע צוויי שיסלען איז וואַרעם אין די ביינער אַ גאַנצן טאָג".
אַז איך האָב די ביידע שיסלען אויסגעליידיקט, האָט די באַלעבאָסטע אַריינגע־בראַכט אַ גרויסן טאָפּ און געוואָלט מיר צוגיסן אַ „נאַבאַווקע" און מיר מכבד געווען מיט אַ גרויסן ביין אַרומצוגריזשען... ביים געזעגענען זיך האָב איך אַוועק־געלייגט אויפן טיש אַ צוואַנציקער גילדן. דער שניידער האָט דעם באַנקנאָט צוגעשאַרט צו זיך און אַריינגעשריגן צום ווייב אין דער קיך: „אָט האָסטו דיר אַ ייד אַ טשודאַק. נישט גענוג וואָס ער האָט מיר צוגעשאַנצט אַ מצווה, צאָלט ער נאָך מיט קנאַקעדיקע צוואַנציקערלעך... זאָל ער מיר זיין געזונט". ער האָט אויס־געשטרעקט צו מיר אַ וואַרעמע האַנט און געווונטשן איך זאָל מצליח זיין ווו איך וועל זיך קערן און ווענדן.

דער וועג פון סעמיאַטיטש צו דעם שטעטעלע דראָהיטשין, נאָענט צום בוג, האָב איך דורכגעמאַכט צו פוס. ס'איז געווען זיכערער. דער וועג איז געווען אַ היימלעכער. אין דער פאַרקערטער ריכטונג זענען געפאָרן פויערישע וועגן מיט פּליטים. מיליציאָנערן האָבן אָפּגעשטעלט די געשפאַנען און געזוכט אין שטרוי. ס'איז שוין געווען נאָכן פּלעביסציט. ס'האָט געהייסן, אַז די פריערדיקע פּליטים זענען שוין סאָוויעטישע בירגער און די וואָס קומען אָן פון דער זייט פונעם בוג זענען פרעמדע. די יידישע מיליציאָנערן זענען געווען בייז אויף די קומענדיקע פּליטים נאָר דערפאַר וואָס זיי לייקענען, אַז זיי זענען אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט אַריבער דעם בוג פון דער דייטשער זייט.

דראָהיטשין ביים בוג איז געווען אַ קליין יידיש שטעטעלע מיט אַ גרויסער יידישער אָרעמקייט. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה איז דראָהיטשין, ווי אַלע יידישע שטעטלעך, פאַראָרעמט געוואָרן. יידישע פרנסות האָבן זיך אויסגע־לאָזט; די יידישע יוגנט איז געוואָרן אַרבעטלאָז. קיינער האָט נישט געדאַרפט איר ענערגיע און איר פלייס. די יידישע יוגנט איז פאַר זיך אַליין געוואָרן איבעריק. די נייע ביכער, וואָס פלעגן אָנקומען אין דער יידישער ביבליאָטעק, האָבן נאָר געשטאַרקט די בענקשאַפט צו אידעאַלן און שיינקייטן, פאַר וועלכע ס'איז אין שטעטל קיין אָרט נישט געווען. דראָהיטשין איז געלעגן אויפן ברעג פון בוג, און ביים ברעג פון טייך איז געשטאַנען אַ ווייסע געקאַלכטע קירך מיט אַ רויטן דאַך, אָבער אין די פריייטיק־צו־נאַכטן, ווען יידישע מאַמעס האָבן געבענטשט די שבת־ליכט, האָבן די פלעמלעך געטובלט זיך אין די בוג־וואַסערן און ס'האָט זיך צומאָל געדאַכט, אַז דער טייך האָט אָנגעהויבן פלייסן פאַמעלעכער.

נאָר אין יענע טעג, ווען איך בין דאָרט געווען, האָט זיך אין דראָהיטשין אָפּגעשפּילט אַ וועלט־מיסטעריע. דער טייך איז געווען די גרענעץ צווישן צוויי בייזע כוחות. דאָ, אין דראָהיטשין, איז געווען אַ חול־המועד־שטימונג. די הונ־דערטער טויזנטער יידן, וועלכע זענען אַהער געקומען פון יענער זייט בוג, האָבן מיט זייער גראַטעוועט לעבן אויפגעהייטערט די דראָהיטשינער יידן. די אַריבער־געקומענע האָבן נישט געקאַרגט דעם גראָשן אייב נאָר זיי האָבן אים געהאַט. ווארום דאָס לעבן איז דאָך נאָר וואָס געווען אָפּגעראַטעוועט. איז וואָס איז ווערט דאָס געלט? די דראָהיטשינער יידן זענען אויפגעריכט געוואָרן אויך דורך דעם שמוגל־האַנדל איבערן בוג. פּוילישע פּויערים האָבן פון דער דייטשער זייט אַרי־בערגעבראַכט זאַלץ. זענען יידן געווען די פאַרמיטלער. די חול־המועד־שטימונג איז אויך געווען צוליב דעם געשטייגערטן געפיל פון זיכערקייט. דאָרט, איבער דער בריק, הערשן די דייטשן מיט פייער און שווערד. יידן באַהאַלטן זיך און זיי לעבן כסדר אין פחד.

אויף יענער זייט צום דייטשן גיהנום, האָב איך זיך געקליבן.

אין האַלבער נאַכט בין איך אַוועק צום טייך. כאָטש אָנעם ליכט פון דער לבנה, איז אין דרויסן געווען העל פון דעם ווייסן שניי־שיכט אויף דער ערד. מיין אָריענטאַציע־חוש האָט געאַרבעט, ווי עמעצער וואָלט מיך געפירט ביי דער האַנט. די פּאָר צעליכטיקטע שטערנס צווישן די שניי־וואָלקנס, זענען געווען גע־נוג צו ווייזן מיר די ריכטונג. איך האָב געדאַרפט זיך דערווייטערן אַ פּאָר קילאָ־מעטער פון שטעטל, דורך אַ דאָרפישער געגנט, דורך הינטערוועגן און זייטיקע שטעגלעך. דאָך בין איך געגאַנגען מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי איך וואָלט פריער די גאַנצע געגנט אויסגעפאָרשט. איך האָב געוווסט, אַז איך דאַרף פאַרבייגיין דעם צוזענטאָר, גיין פון זיין רעכטער זייט גלייך מיטן שניי, אָן אַ וועג, אַ פּאָר הונ־דערט טריט, און איבערשניידן אַ ברייטן טראַקט. דאָרט געפינט זיך אַ דאָרפישער ישוב פון עטלעכע הייזער; דאַרף איך די הייזער לאָזן הינטער זיך און שאַרף זיך נעמען אויף לינקס, ווו איך וועל צוקומען צו אַ בערגל.

ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דאָס אַלץ וואָס איך דאַרף פאַרבייגיין, קומט גאָר מיר אַנטקעגן. ס'איז אַזוי לייכט, אַזוי לייכט! מען דאַרף נאָר האָבן פאַרטרויען אין די אייגענע כוחות, זיין זיכער אין דעם וואָס מען טוט און אַלץ וועט אַוועק כשורה.

הינטער דעם בערגל האָב איך געפונען אַן איינזאַם הויז — גענוי ווי מען האָט מיר אין דראָהיטשין אָפּגעמשלט דעם פּונקט, ווו מען שמוגלט זיך אַריבער צום לייכטסטן. איידער איך בין צוגעקומען צום הויז האָב איך געהערט מענטשלעכע שטימען. מען האָט גערעדט פּויליש. איך האָב אָנגעטראָפן אויף עטלעכע פּויערים, דריי צי פיר מענער און אַ פרוי. נישט איך באַגריס זיי און נישט זיי מאַכן זיך פון דעם וואָס איך האָב זיך דערנענטערט צו זיי. איינער האָט געפרעגט: „האָסט קיינעם נישט באַמערקט?" „ניין — האָב איך געענטפערט — „קיינעם נישט". „דאָ, אין דער נאָענט דרייט זיך אַ פּאַטרול" — האָט מיר דער מאַן אינפאָרמירט.

איינער האָט געהייסן בלייבן שטיל. „דאַכט זיך, קאַצאַפּעס גייען" — האָט ער געזאָגט. אַלע זענען געבליבן שטיל. זיך איינגעהערט אין דעם קאַלטן דרויסן. פון איבער דעם בערגל בלאָזט אַ פראָסטיקער ווינט פון דער ריכטונג פון טייך. א בליציקער שטערן האָט שאַרף אַראָפּגעפינקלט, ווי ער וואָלט געגעבן אַ שיפער־וואָרענונג. איינער פון די מענער האָט אָנרופנדיק די פרוי ביי איר פערזענלעכן נאָמען געעצהט איר אַראָפּגיין צום שטעגל און זיך אַרומקוקן.

ס'איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט. פון דעם אומגעדולד פון די מענער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיי וואַרטן שוין דאָ לאַנג. און אונטן האָט געריצט דער שוואַרצער פּאַס, וואָס איז געווען דער טייך. דאַכט זיך: אַזוי נאָענט און דאָך געפערלעך ווייט, געפערלעך ווייט. אַ צווייטער שטערן פינקלט אַרויס פון אַ שטיקל אָפּגעדעקטן הימל. זיין ליכט איז קאַלט־גרין און קלענער ווי דער ערשטער. אויך ער רעדט אַ שיפער־לשון. די פרוי גייט אַרום דאָס בערגל און איר קוים־באַמערקטער סילועט רוקט זיך אַראָפּ מיטן שניי קווער צום טייך. באַלד ווערט זי פאַרלוירן, כאָטש גאַרנישט פאַרשטעלט זי.

די פרוי איז צוריקגעקומען. „מסתמא שלאָפן שוין די קאַצאַפּעס" — האָט זי געזאָגט. אַן אָפּצורעדן זיך און אָן עפּעס צו זאָגן אויף דער באַמערקונג פון דער פרוי, האָבן אַלע אָנגעהויבן גיין איינער הינטערן אַנדערן און איך — מיט זיי. דער שניי איז געווען אַ טיפער און ווייכער. וואָס נידעריקער אַלץ שטילער איז געוואָרן. קיין צייכן פון אַ ווינט, ווי אויך דער דרויסן וואָלט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. פאַר מיר גייען צוויי מאַנסלייט און די פרוי. דער וואָס גייט דער ערשטער, איילט צו די טריט און מיר — נאָך אים. דער שוואַרצער פּאַס פון טייך פאַרשווינדט פלוצים און מיר גייען פאַרביי אַ קעמפּעביימער. מיר זענען שוין נאָענט צום טייך־ברעג, נאָר די ביימער פאַרשטעלן די אויסזיכט. אַלע שרעקן זענען שוין געהאַט פאַרביי. מען ווערט לחלוטין גלייכגילטיק, ווייל אָט וועט מען זיך אַריינשלייכן אין אַ שיפל און אָפּשלאָגן פון ברעג.

אויף דער צווייטער זייט פון דער קעמפּע ביימער האָבן זיך אָפּגעדעקט דער טייך און די שטערן. נאָר דאַסמאָל איז די שטים געקומען פון אַ ווינקל, וואָס קיינער האָט זיך נישט געקענט ריכטן. „סטאָי"! — האָט באַפוילן די שטים אויף רוסיש און אַ צווייטע, יינגערע שטים, האָט אים אונטערגעהאַלטן: „סטאָי!" צוזאַמען מיט די פיס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די הערצער. פון הינטן זענען נאָכגעקומען צוויי רויטאַרמייער אין פעלצן און מיט די שאַרפע אויפגעפלאַנצטע באַגנעטן אויף די ביקסן. אין ערשטן אויגנבליק בין איך געווען זיכער, אַז איך בין אַ קרבן פון אַ פּראָוואָקאַציע. דאָס האָבן די מענער צוזאַמען מיט דער פרוי ביים הייזל אָפּגעוואַרט אַזעלכע וואָס ווילן זיך אַריבערשיפן אויף דער דייטשער זייט, כדי זיי אויסצוליפערן אין די הענט פון די רויטאַרמייער. אויפגעשטעלט אַ לויערונג. די טעכניק פון די רוסן גייט פאַראויס. נאָר באַלד פרעגט איינער פון די רויטאַרמייער: „און איר, וווהין גייט איר דאָ?" איינער פון די פויערים ענטפערט: „ווו זאָלן מיר גיין? אַהיים גייען מיר" — און ער האָט אָנגערופן אַ נאָמען פון אַ דאָרף. דאָס דאָרף ליגט אויף דער זייט. „פאַרוואָס גייט איר צום טייך?" — האָט דער רויטאַרמייער געפרעגט. „מיר גייען נישט צום טייך,

נאָר מיר מיידן אויס צו גיין אויבן צוליבן ווינט, ס'איז נישט ווייטער ווי מיט דעם וועג אויבן". „איר זענט פאַליאַקן?" — האָט דער רויטאַרמייער געפרעגט. „אוודאי פאַליאַקן" — האָבן אַלע געענטפערט און איך דאָס זעלבע. „נו, דאַוואַי וו'שטאַב!" — האָט דער רויטאַרמייער פּלוצים באַפוילן. ס'איז מיר געוואָרן זייער הייס. טראָפּנס שווייס האָבן מיר אָנגעהויבן רינען פון אונטערן היטל אויפן שטערן אַרויס. איצט בין איך שוין אַ פאַרפאַלענער. דאָס מאָל וועל איך זיך פון זייערע הענט נישט אַרויסדרייען. דער זעלבער האָט אָנגעוויזן צו גיין אין דער זעלבער ריכטונג ווי פריער. דער צווייטער זעלנער איז געגאַנגען פאַראויס.

איינער פון די פויערים האָט זיך פּלוצים פאַרהאַלטן און געזאָגט צו אַ צווייטן אויף פויליש: „גיב מיר אַ מאַכאָרקע". האָט זיך דער גאַנצער קאַראַוואַן פאַר־האַלטן און די לייט האָבן אַרויסגענומען מאַכאָרקע־טאָרבעלעך מיט ביבל־פּאַפּיר צו דרייען ציגאַרעטלעך. די רויטאַרמייער האָבן נישט געשטערט. פאַרקערט, אויך זיי האָט מען מכבד געווען מיט פּאַפּירלעך און אונטערגעשטעלט פאַר זיי די טאָרבעלעך: „נעמט, זעלנער, — האָט געזאָגט איינער פון דער גרופּע — אין אַזאַ הינטיש קאַלטער נאַכט דאַרף מען פאַררויכערן אַ מאַכאָרקע". אַלע האָבן פאַר־רויכערט. דער ביטערער טאַבאַק־ריח פון עטלעכע ציגאַרעטלעך מיט איין מאָל האָט געמאַכט היימיש. דער וועמען עס איז איינגעפאַלן די אידעע מיט אַ מאַ־כאָרקע־ציגאַרעטל, האָט דעם רויטאַרמייער פון הינטן אַריינגעשטופּט אין האַנט אַריין דאָס טאָרבעלע מיט מאַכאָרקע: „נאָך פון פאַר דער מלחמה" — האָט ער געזאָגט אויף פויליש און אויף רוסיש צוגעגעבן: „פּערווי סאָרט". אויך דער וואָס האָט געדאַרפט גיין פאַראויס האָט באַקומען אין דער האַנט אַריין אַ טאָר־בעלע מאַכאָרקע. די רויטאַרמייער זענען געוואָרן ווייך. זיי האָבן מער נישט באַפוילן צו גיין פאַראויס. „נו — האָט איינער לסוף געזאָגט — אין דער שפּע־טער נאַכט דאַרף מען נישט גיין נאָענט צום טייך מען קען אָננעמען פאַר שפּיאָ־נען און ספּעקולאַנטן. בעסער גיין ווייטער מיטן וועג. נאָר היט זיך, דאָרט ווײַ־טער גייט אַ צווייטער פּאַטרול".

ביידע האָבן זיך אויסגעדרייט אָן אַ „גוטער נאַכט" און אַוועק צוריק צו דער קעמפּע ביימער. מיר זענען אַוועק פאַראויס, ווי פריער. כלומרשט זענען מיר געגאַנגען אַביסל העכער, אָבער נאָך אַ צוויי הונדערט טריט האָט זיך דער פירער שאַרף פאַרקערעוועט צום טייך. ער האָט געפּרוווט נאַכציען נאָך זיך אין גע־לויף, נאָר דער שניי איז געווען טיף. ער האָט באַלד רעזיגנירט פון לויפן. אייליק זענען מיר אַראָפּ צום ברעג און דער גרענעץ־מומחה האָט געגעבן אַ צייכן אַוועקצולייגן זיך אויף דער ערד. ער האָט אַ פייף געטאָן. פון דער צווייטער זייט איז געקומען אַן ענטפער — אַ קורצער פייף. אַ שיפל האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון יענער זייט ברעג. וועסלעס האָבן מיט ווייכע קלעפּ געפּעטשלט אין וואַסער. דאָס שיפל איז פּלוצים אויסגעוואַקסן נעבן אונדז, אַריינגעכאַפּט אונדז און צוריק אָפּגעשלאָגן פון ברעג.

אַ שטאַרקער ביקסן־קנאַל האָט איבערגעריסן די שטילקייט. אַלע אין שיפל האָבן זיך ראַפּטום אַראָפּגעבויגן. דאָס מולטערל האָט זיך אַ בויג געטאָן אויף אַ זייט. ערגעץ ווייט האָט געשריגן אַ פרוי מיט אַ באַנומען געשריי. די צוויי

שטערן — דער גרעסערער און דער קלענערער — האָבן גרין שעמערירט זייער שטום־לשון.

„דאָס מיינט מען נישט אונדז״ — האָט דער שיפּל־רודערער געזאָגט — „ס׳איז היינט אַ נאַכט פון שדים. צוויי שיפלעך האָבן זיך היינטיקע נאַכט איבער־געקאַטשעט אין יענעם פונקט און בלויז ווייבער געוואַלדעוועט. איר האָט צו־געגרייט געלט? צו פערציק זלאָטעס״. יעדער האָט אים אַריינגעשטופּט פּאַפּיר־לעך אין האַנט. דער רודערער האָט, נישט איבערייסנדיק זיין אַרבעט, מיט איין האַנט געטאַפּט די פּאַפּירלעך. דאָס שיפּל איז צוגעשווומען צום ברעג פון גיהנום.

אויפן ברעג פון דער דייטשער זייט האָט אַ געזעמל מענטשן געטאַפּטשעט אין וויכן שניי, אונטערגעשפרונגען און זיך אַרומגעקלאַפּט מיט די אייגענע אָרעמס, כדי אויפצוהאַלטן דאָס אייגענע ביסל וואַרעמקייט. דער ברעג איז גע־ווען פאַרשטעלט מיט אַ וואַלד, האָבן די מענטשן געקענט זיך דאָ אויפפירן פריי און אָן בהלה, אַ פּאַטרול פון דער רוסישער זייט זאָל זיי באַמערקן אויפן ברעג. דאָס געזעמל איז באַשטאַנען פון יידן און קריסטן, וואָס האָבן געוואָלט אַריבער אויף דער רוסישער זייט, נאָר מורא געהאַט צו ריזיקירן צוליב דער „נאַכט פון שדים״. די שיסערייען און די ווייבערישע געוואַלדן אין איין פונקט שרעקן אָפּ די מענטשן אויף אַלע פונקטן. די מענטשן ווילן וויסן ווי עס זעט אויס דער וועג פון דעם ברעג ביז דראָהיטשין, צי זעט מען ביינאַכט אַ שטיקל וועג, אָדער מען דאַרף בלאָנדזשען? ווי זעען אויס די רוסישע גרענעץ־פּאַטרולן? יידן ווילן וויסן מער: צי קען מען דאָרט לעבן? אַנדערע ווילן וויסן דעם גאַנצן אמת, וואָרום וועגן דעם וואָס עס טוט זיך דאָרט זאָגט איינער אַזוי און דער אַנדערער גאָר אַנדערש. פאַרוואָס זאָגן נישט אַלע דאָס זעלבע? די לעצטע פראַגע האָט מיך געפרעגט אַ ייד אין אַ שלעכטן פּויליש און איך האָב אים געענטפערט אויף יידיש: „אַלע זאָגן נישט דאָס זעלבע, ווייל קיינער פון די אַלע איז נישט אין דער היים, אַלע זענען אויסגעוואָרצלט. איז דעם שלעכט און יענעם ערגער און אַ דריטער קען זיך קיין אָרט נישט געפינען״. דערהערט, אַז איך בין אַ ייד, האָבן זיך אַלע יידן אַרום מיר אַרומגעשטעלט: „ביי אַן אייגענעם וועט מען אַלץ וויסן. זאָלן נאָר נישט אַלע רעדן מיט איין מאָל״. „פאַרוואָס קומען פון דאָרט יידן צוריק אויף דער זייט? — ווייל איינער וויסן — איז דאָרט אַזוי ביטער? זאָגט דעם אמת״. כ׳האָב געזאָגט: „יידן, דערווייל איז מען דאָרט זיכער מיטן לעבן; דער עיקר איז — אַרויס פון גיהנום און זיך באַמיען לויפן וואָס ווייטער, וואָס ווייטער״.

איינער פרעגט מיך אַ קשיא:

„אויב איר הייסט טאַקע לויפן, פאַרוואָס קומט איר צוריק? פאַרוואָס זענט איר דאָרט נישט געבליבן?״

דאָס האָבן אויך אַנדערע געוואָלט וויסן. און איינע אַ פרוי האָט מיר גע־עצהט איך זאָל טאַקע זיך אומקערן צוריק, טאַקע מיט דער גרופּע יידן. וואָרום די דייטשע באַנדיטן זענען איבגאַנצן אַראָפּ פון זינען. זיי רויבן און מאָרדן. זיי קענען זיך גאָרנישט אַנזעטיקן. מען דאַרף נישט פרעגן וואָס דאָרט, נאָר מיט די לעצטע כוחות אַוועק פון דאַנען. פון גיהנום.

די גרופע יידן געפינט זיך אויפן ברעג שוין דעם דריטן טאָג. די גרענעץ איז געוואָרן שווערער. דאָ קומט די דייטשע וואַך צו „רעווידירן" נאָך אַמאָל די זעלבע פעקלעך און נאָך אַמאָל צונעמען וואָס זיי האָבן נעכטן איבערגעלאָזט, און דאָ ווידער האָט מען מורא אַריבערצושיפן זיך אויף יענער זייט, ווייל די רוסישע גרענעץ־פּאַטרולן זענען ווילד געוואָרן.

„בייטאָג מוז מען ליגן ביים ערל אויפן בוידעם און ביינאַכט ליגט מען אויפן ברעג און מען הערט די שיסערייען און די געשרייען" — קלאָגט זיך אַ ייד.

ס'האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ געדיכטער שניי. די פּליסאַקעס, וואָס האָבן זיך פּאַרנומען מיט אַריבערשיפן מענטשן איבערן טייך, זענען אויפגעלעבט געוואָרן. איצט קען מען אַלע אַריבערוואַרפן אויף דער צווייטער זייט! ווער ס'איז גרייט זאָל אַראָפּ אין שיפל! נו, ווער נאָך? יידן האָבן געהויבן די פּעקלעך, מיט פאַר־זיכטיקע טריט האָט מען געזוכט דעם אַראָפּגאַנג צום טייך. דער געדיכטער שניי־פאַרהאַנג האָט אַלץ פאַרדעקט.

ביי איינעם פון די ברעג־פּויערים האָב איך געבעטן ער זאָל מיך אַוועקפירן צו זיך אַהיים און מיר געבן אַ נאַכטלעגער. איך דאַרף נישט קיין בעט, קיין שטרוי־זאַק, נאָר אַ פּלאַץ זיך אַוועקצולייגן, אפילו אויף דער ערד, אַבי רוען, רוען נאָך אַזאַ לאַנגן און שווערן טאָג. איך בין געווען אַזוי מיד, אַז איך האָב אפילו נישט געוווּסט וווהין דער פּויער פירט מיך און איך האָב אויך נישט גע־פילט קיין שום סכנה. דער פּויער האָט מיך אַריינגעפירט צו אים אין הויז און ביים ליכט פון אַ לאָמטערן האָט ער מיר געהייסן איך זאָל מיט אַ לייטער אַרויפ־קריכן אויפן בוידעם. אין שטרוי וועל איך שלאָפן געשמאַק. איך האָב אפילו נישט געדענקט ווי אַזוי איך בין אַרויפגעקראָכן אויפן לייטער, וואָרום איך האָב די פיס נישט געקענט אויפהייבן פון מידקייט. און ווי נאָר איך האָב דערפילט דאָס שטרוי, האָב איך נישט געזוכט קיין באַזונדערן פּלאַץ, נאָר גלייך איינגעשלאָפן.

איך בין אַריינגעשלאָפן אין טאָג אַריין און זיך אויפגעכאַפּט מיט קאָפּ־ווייטיק און מיט סכנה־באַוווסטזיין, אַז איך בין אויף דער טעריטאָריע פון דער דייטשער אָקופּאַציע. דאָס סכנה־באַוווסטזיין דריקט זיך אויס פיזיש דערמיט וואָס מען האָט דאָס געפיל, אַז אונטערן האַרץ הענגט אַ שווערע לאַסט, אַ בלייענער גע־וויכט. אפילו מען טראַכט נישט וועגן דער סכנה, לאָזט נישט אָפּ די שווערקייט ביים האַרץ.

פאַר אַ גוטן לוין האָט מיר דער פּויער איינגעשפּאַנט אַ געשפּאַן — אַ וואָגן געשפּאַנט מיט צוויי פייערדיקע פערד. דער טרייבער האָט נישט געקאַרגט די כוחות פון די צוויי ווילדע חיות און זיי געטריבן איבער די פעלדער אַזש שטי־קער שוואַרצע ערד האָבן די פערד אַרויסגעריסן מיט זייערע פּאָדקאָוועס פון אונטער דעם שניי־צודעק. דער טרייבער האָט לעבעדיק געקנאַלט מיט דער בייטש. טשאַטעס קראָען האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן מיט אַ הונגעריקן ווינטער־דיקן „קראַ! קראַ!". דער דרויסן האָט געשמעקט מיט טאַרף און פראָסט.

צו האַלבן טאָג בין איך שוין געווען אין דעם יידישן שטעטל מאָרדי.

אין יענער צייט איז אין מאָרדי געווען אַ שם־דבר דער גלעזער יאַנקל. ער איז געווען אַ באַלעגאָלע, וואָס האָט געפירט יידן צום בוג, זיך אַריבערצושמוג־

לען אויף יענער זייט. ער האָט געהאַט אַ וואַרעמע שטוב. זיינע יונגע טעכטער האָבן געהאַט אויסגעקלעפּט אַ וואַנט מיט פֿאַרביקע בילדער אויסגעשניטענע פֿון אילוסטרירטע זשורנאַלן. די בילדער זענען געווען פֿון יונגע און שיינע פֿרויען. און אויך דעם געלן יאַנקלס טעכטער זענען געווען יונג און שיין. ער אַליין, דער באַלעגאָלע, איז געווען אַ לעבעדיקער, פֿריילעכער ייד — איז יאַנקלס שטוב געווען פֿול מיט יידן, וואַרעם־היימיש. דאָ האָט מען זיך געפֿילט האַלב געראַטע־וועט. וואָרום דער געלער יאַנקל האָט געפֿונען אַ לשון צונויפֿצורעדן זיך מיט די דייטשע וואַך־זעלנער. איין גלעזעלע בראָנפֿן מאַכט דעם דייטש ווילד און נאָך מער אוממענטשלעך ווי ער איז, אָבער אַ גאַנצער שטאָף בראָנפֿן פֿאַרביסן מיט אַ שטיק שפּעק (חזיר־פּעטס) אַנטוואָפֿנט דעם דייטש אויף אַ גאַנצן טאָג. און ווען יאַנקל „אַנטוואָפֿנט" די דייטשע וואַך — קענען יידן פֿראַנק און פֿריי פֿאָרן צו דער גרענעץ, צום בוג. אויף יעדן פֿאַל, פֿאַרשטעקט יאַנקל אינעם שטרוי פֿון וואָגן נאָך אַ שטאָף בראָנפֿן, „ווי אַ מעשה זאָל זיך בישט מאַכן אויפֿן וועג"...

יאַנקלס ווייב, אַ קליינטשיקע רואיקע יידענע, גלויבט אויך אין איר מאַנס כוח, אָבער אין אירע אויגן טראָגט זי דעם ים פֿון יידישע צרות. אפֿילו דעם זאַטן דייטש טאָר מען נישט גלויבן. קיינער ווייסט נישט ווען דער רוצח וועט זיך אָפּרייסן. זי האָט אַ פּאָר מאָל געזען ווי זיי ממיתן יידן און דאָס האַרץ זאָגט איר, אַז... זי וויל נישט ברענגען פֿאַרן מויל וואָס דאָס האַרץ זאָגט איר...

דערלאַנגט זי פּאַר די וואַרטנדיקע פּליטים טעפּלעך הייסע טיי, געזיסטע מיט צוקער און מיט ברכות, זיי זאָלן אָנקומען אויף יענער זייט בשלום און מיטן רעכטן פֿוס.

אַז די פֿרוי פֿון יאַנקלען האָט מיך דערזען, האָט זי אָנגעשטעלט אויף מיר אירע גוטע אויגן און אויסגערופֿן:

„אוי, ווי איז מיר נעבעך, איר זענט מיר דאָך עפּעס אזוי היימיש באַקאַנט!"

איך האָב איר דערמאָנט, אַז מיט אַ צייט צוריק בין איך געווען ביי איר אין הויז מיט אַ פֿרוי און אַ קליין ייִנגעלע און אַז ביזן הייַנטיקן טאָג פֿיל איך נאָך דעם טעם פֿון איר טעפּל טיי, וואָס אַ צווייטס אַזאַ איז גאָר אויף דער גאַנצער וועלט נישט פֿאַראַן. זי האָט מיט שמחה מיר אָנגעגאָסן אַ טעפּל טיי און מיר גע־ווונטשן, אַז ווו איך וועל זיך קערן און ווענדן זאָל איך באַשירעמט ווערן פֿון בייז און די דייטשן זאָלן אייַנזינקען פֿאַר מיר אין דער ערד.

דאָ, אין מאָרדי, האָב איך געמוזט אָרויפֿציען אויף זיך פֿולע גוישקייט. דאָס האָט געמיינט: האַלטן אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, קוקן גלייך און דרייסט אין די אויגן און נישט אויסמיידן קיין דייטשן.

פֿון מאָרדי קיין שעדלעץ בין איך געפֿאָרן מיט אַ קריסטלעכן פֿיאַקער. דער באַלעגאָלע איז געזעסן הויך אויף דער קעלניע און איך אונטן, אין דעם אָפֿענעם פֿיאַקער, אַלע פֿאַרבייגייער זאָלן מיך זען. אויף דער פּלייצע פֿון דעם באַלעגאָלע האָט זיך געבאַמבלט אַ שילדל מיט אַן אויפֿשריפֿט אויף פּויליש „קריסט". מיר פֿאָרן פֿאַרביי די דייטשע וואַך. די זעלנער לייגן נישט קיין אַכט. דער באַלעגאָלע דרייט זיך אויס צו מיר און זאָגט:

„צו די יידן איז געקומען אַ סוף. די דייטשן לאָזן מער נישט דורך קיין יידישע דראָזשקעס. גאָט האָט זיי שווער געשטראָפט, די יידן".

„אין שעדלעץ זענען מער נישטאָ קיין יידישע באלעגאָלעס?" — פרעג איך מיט אַ טאָן פון אַבסאָלוטן גלייכגילט.

„יידישע באלעגאָלעס זענען פאַראַן, נאָר זיי פאַרקויפן אויס די פערד. זיי וועלן שוין מער נישט פאָרן. די דייטשן כאַפּן זיי אויס, די יידן, פאַרשלעפּן זיי ערגעץ צום טייוול און זיי קומען מער נישט צוריק".

איך האָב נישט רעאַגירט, כדי נישט אַרויסצורופן אַ פאַרדאַכט, אַז איך בין אַ ייד, אָבער דער באַלעגאָלע האָט געהאַט אַ באַדערפעניש מיר צו לאָזן וויסן, אַז „ווערסט שוין איצט אין שעדלעץ קיין ייד נישט זען אויף דער גאַס. די דייטשן כאַפּן זיי אויס ווי די חיות".

„דערפאַר פאַרדינען איצט אונדזערע בעסער ווי זיי האָבן פאַרדינט פריער" — האָב איך געזאָגט, כדי דאָך עפּעס צו זאָגן.

„ניין, ניין! — האָט ער דערווידערט — ס'האָט זיך אַמאָל געדאַכט, אַז ווען מען וואָלט פּטור געוואָרן פון די זשידעס וואָלט אונדז געווען בעסער. ס'איז נישט אַזוי. איצט זענען מער נישטאָ קיין יידישע פיאַקערס און דאָך האָב איך אין מאָרדי געוואַרט אַ גאַנצן טאָג אויף אַ פּאַסאַזשיר צוריק קיין שעדלעץ. ווען נישט דו, וואָלט איך געמוזט צוריקפאָרן אַ ליידיקער. יידן פאָרן נישט. האָבן מורא. אונדזערע דראַלעווען צו פוס, וועלן נישט אויסגעבן אַ פּאָר זלאָטעס אויף אַ פיאַקער. צום סוף וועלן אויך מיר פאַרקויפן די שקאַפּעס".

ביים אַריינפאָר קיין שעדלעץ האָט דער באַלעגאָלע אַראָפּגענומען דאָס היטל פאַר דעם דייטשן וואַך־זעלנער. דער זעלנער האָט אָנגעוויזן מיט אַ באַהענטשקעטער האַנט, אַז דער וועג איז פריי. דער וועג איז געווען פריי צו אַן אויסגעשטאָרבענער שטאָט. די אַמאָל גובערניאַלע שטאָט איז געווען ענלעך צו אַ קליין שטעטל. עטלעכע פּרויען, אַרומגעבונדענע מיט דערעס צוליב דער קעלט זענען פאַרביי־געלאָפן די גאַס. דאָ און דאָרט האָט מען געזען אַ דייטשן זעלנער, וואָס איז גע־גאַנגען מיטן טראָטואַר און זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט ביי אַן עק גאַס. אין צענטער זענען געשטאַנען פאַרלאָשענע און טיילווייז באַדעקטע מיט שניי די חורבות פון יידישע הייזער. אָט דאָס איז געוואָרן פון שעדלעץ אין איינציקע פיר חדשים זייט דעם אויסברוך פון דער מלחמה. אין די פיר חדשים איז חרוב געוואָרן די יידישע וועלט. די יידן באַהאַלטן זיך ערגעץ אויס אין פון אויבן — אַ וויסטער בית־עלמין.

צו דער באַן קיין וואַרשע איז נאָך געווען עטלעכע שעה, און געזונטער איז געווען נישט אַרומצודרייען זיך צו לאַנג אויפן וואָקזאַל. האָב איך געזאָגט צום באַ־לעגאָלע: „פיר מיך צו אַ קנייפּע אויף אַ טרינק". ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ שענק, וואָס איז געווען דער איינציקער פּלאַץ אויף דער גאַנצער גאַס, ווו עס האָט גע־ברענט אַן עלעקטריש לעמפּל. און אין דער קנייפּע בין איך געווען דער איינצי־קער גאַסט. די שענקערין האָט מיר גוט אַריינגעקוקט אין די אויגן און געוואָר־טשעט, אַז אייגנטלעך האָט זי נישט קיין שנאַפּס. אַלץ ענדיקט זיך אין שעדלעץ. נאָר פאַר מיר וועט זי נאָך געפינען אַ טראָפּן. אַ פּאָליאַק פאַר אַ פּאָליאַק אין אַזאַ

צייט. פון אונטערן בופעט האָט זי אַרויסגענומען אַ פלעשל בראָנפן און מיר אָנגעקוקט, איך זאָל איר זאָגן וויפל זי דאַרף אַריינגיסן אין דער גלאָז. ווי זי האָט נישט געפרעגט מיט ווערטער, אַזוי האָב איך אויך נישט געענטפערט מיט ווערטער, נאָר פאַרהאַלטן איר האַנט ווען זי האָט אָנגעגאָסן צו פיל. איך האָב טאַקע געשפילט די ראָל פון אַ גוי, נאָר באַלד ווי איך האָב אויסגעטרונקען די האַלבע גלאָז בראָנפן, האָט זיך אין מיר אָפגערופן דער „יידישער שיכור". דער קאָפ האָט זיך מיר פאַרדרייט און איך האָב זיך דערשראָקן טאָמער גיי איך ווערן אויף אַן אמת שיכור. מיט אַלע כוחות האָב איך געוואָלט זיך ראַטעווען פון צו ווערן שיכור און געפרעגט דער שענקערין, צי זי האָט עפּעס זויערע און שאַרפע שפייזן — הערינג, פיש, עפּעס אַזעלכעס וואָס איז ממשותדיק. אויסער זויערקרויט האָט זי גאָרנישט געהאַט. איך האָב איינגעשלונגען אַ שיסל געפרוירענעם זויערקרויט. איך בין נישט געוואָרן שיכור, נאָר דער קאָפ איז מיר געוואָרן שווער ווי איך וואָלט געהאַט אַ מוח פון בליי. איך האָב געדענקט וואָס איך האָב ביי זיך אָפגעמאַכט: רעדן וואָס ווייניקער, אָבער איך האָב געהאַט אַ באַגער צו רעדן. האָב איך שנעל באַצאָלט פאַרן כיבוד און אַרויס פון דער שענק.

ס'איז נאָך אַלץ געווען אַ סך צייט צו דער באַן און איך האָב נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט זיך. אויפן וועג צום וואָקזאַל בין איך פאַרבייגעגאַנגען אַ באָד־אַנשטאַלט. אויף דער טיר איז געהאַנגען אַ גרויסע אויפשריפט אויף דייטש און אויף פויליש: „פאַר יידן דער אַריינגאַנג שטרענג פאַרבאָטן!" איך בין אַריין און געדונגען אַ וואַנע. ווייזט אויס, אַז אַ ביסל שיכור בין איך דאָך געווען, וואָרום ווען די באַדינערין האָט מיך געפרעגט, צי איך וויל אַ וואַנע ערשטע, אָדער צווייטע קלאַס, האָב איך איר געענטפערט, אַז איך וויל ביידע קלאַסן צוזאַמען און דערפאַר זאָל זי מיר צוגעבן די דריטע קלאַס ווי אַ צולאָג. די באַדינערין האָט געוואָלט טרעפן, צי איך קום פון אַ חתונה וואָס מיר איז פריילעך, און איך האָב איר געענטפערט, אַז איך קום פון אַ לוויה און אין אַ הייסער וואַנע וויל איך זיך דערוויסן, צי איך לעב נאָך. „דאָס — האָט זי געזאָגט — זעט מען" און זי האָט מיר דערלאַנגט אַ בילעט פאַר אַ וואַנע ערשטע קלאַס מיט אַ גרויסן ליילעך „ווי פאַר דער מלחמה"...

אויפן וואַנע־בילעט איז געווען אָנגעשריבן אַ וואָרענונג, אַז די וואַנע איז געדונגען בלויז אויף איין שעה און פונקט צו דער מינוט האָב איך געהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר, אַז איך דאַרף באַפרייען דאָס צימער. דער קלאַפּ אין דער טיר האָט מיך איבערגעשראָקן צום טויט. אויף אַ הונדערטסטל פון אַ סעקונדע האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דאָס קלאַפּן דייטשן אין דער טיר, כאָטש די וואָרענונגס־שטים, אַז די שעה האָט זיך געענדיקט, איז געווען פון אַ פרוי. כדי זיך אַליין צו באַרואיקן, האָב איך אַ געשריי געטאָן מיט אַ פּוילישער קללה, אַז אין דער באָד ברענט נישט איך זאָל מוזן אין דער זעלבער מינוט אַנטלויפן פון צימער.

די געשמאַקע פּוילישע קללה האָט גוט געאַרבעט. איך בין געווען זיכער, אַז די באַדינערין האָט מער נישט קיין סיבה צו פאַרדעכטיקן, אַז איך בין נישט

קיין פּאָליאַק. איך בין אָפּגעלעגן אין דער וואַנע אַ צוויי שעה און אַוועק צום וואָקזאַל אָן אויפגעפרישטער און מיט נייע כוחות אַנטקעגן דעם וואָס האָט מיך געקענט דערוואַרטן.

דייטשער שטייגער

דער שעדלעצער וואָקזאַל איז אַלע מאָל געווען אַן אומהיימלעכער, אַן אומגעלומפּערטער, אָבער נאָך ערגער איז געווען זיין אַטמאָספער דאָס מאָל. ער איז געווען האַלב באַלויכטן און ליידיקלעך. עטלעכע עלטערע פּויערים האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די קאָרידאָרן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיך אַרויסבאַקומען פון דעם גרויען בנין און זיי זוכן דערצו אַ זייטיקן וועג, וואָס זיי געפינען נישט. קריסטלעכע יינגלעך האָבן אין אַ ווינקל געשפּילט קאָפּ־צי־שלאָק. אין דער בילעטןקאַסע איז געזעסן אַן אַלטער מונדורירטער דייטש מיט ברילן אויף דער שפּיץ נאָז און מיט דער שפּיץ צונג אַרויסגעשטעקט צווישן די ליפּן. ער האָט עפּעס געשריבן אויף אַ פּאַפּיר און דעריבער דעם קאָפּ געהאַלטן אויסגעבויגן אויף אַ זייט. ווען איך לייג אַוועק דעם באַנקנאָט אויפן ברעטל פון פענצטערל, דרייט ער זיך אויס מיטן גאַנצן גוף און קוקט נישט אויף מיר. ער זאָגט געלאַסן, ווי צו זיך אַליין:

„יאַ, וואָהין, מיין הער? וואָהין?"

„כ'בעט אַ בילעט קיין וואַרשע" — האָב איך געזאָגט אויף פּויליש.

איצט הויבט ער אויף זיין לעמעשקעוואַטע פּנים, קוקט אַריבער צו מיר איבער זיינע ברילן און זאָגט מיט אַ רואיקן, באַלערנדיקן טאָן:

„נאָך וואַרשאַו זאָגט מאַן, נאָך וואַר־שאַו. פערשטאַנדען?"

„איך בעט אַ בילעט קיין וואַרשע" — חזר איך איבער, ווי איך וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט צו מיר. דאָס פּנים פון דעם אַלטן דייטש האָט זיך אָנגעפּילט מיט רויטקייט. ער האָט העכער אַרויפגערוקט די ברילן און אַ ביסל געטאָן מיט פּלוצימער רוגזה:

„דו בלוטפאַרדאַמטער פּאָאָלע, קיין וואַרשאַווע מעהר. וואַרשאַו, וואַר־שאַו!"

איך האָב ווידער געבעטן ער זאָל מיר געבן אַ בילעט, אָבער דעם נאָמען פון דער שטאָט האָב איך אַרויסגעזאָגט ווי ער האָט אים אַרויסגעזאָגט — סילאַביזירט — וואַר־שאַו. דער קאַסיר איז געווען גליקלעך:

„יאַ, זאָ איזט עס גוט. וואַר־שאַו, וואַר־שאַו; ניע ווידער וואַרשאַווע, פערשטאַנדען?"

איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך פאַרשטיי נישט קיין איינציק וואָרט וואָס ער האָט מיר געזאָגט.

דאָס נישט פאַרשטיין דייטש איז געווען אַ סגולה נישט פאַרדעכטיקט צו ווערן, אַז מען איז אַ ייד. כדי דעם קאַסירער נאָך מער צו איבערצייגן אין מיין פאַרעקשנטער פּוילישקייט, האָב איך אים געפרעגט אויף פּויליש ווען געגנוי די באַן גייט אַוועק פון שעדלעץ און ווען געגנוי זי וועט אָנקומען קיין „וואַרשאַווע". איך האָב דעם קאַסירער אַרויסגעבראַכט פון די כלים און ער האָט מיך פאַרטריבן

פון קאַסע־פּענצטערל מיט אַ ירגזון, אַז איך בין „איין רעכט דומער פּאָלע״. די פּאָר פּאָליאַקן, וואָס זענען געווען עדות פון דער סצענע האָבן מיט זייערע בליקן זיך סאָלידאַריזירט מיט מיין פּאַטריאָטיזם.

דאָס אַלץ האָט אויף אַ רגע נישט צוגעאײַלט די צייט. דער גרויסער זייגער מיט די אַלטמאָדישע ווייזערס איז געבליבן שטיין אין אַ צייט פון אַ פערטל אויף פינף אָן אַ דאַטע. אין דעם צייטונגס־קיאָסק האָט מען אָנשטאָט צייטונגען פאַרקויפט האַרטע אייער און האַרטע האָניק־קיכלעך מיט קראַכמאַל־צוקער. דער זאַל פון בופעט איז געווען געשלאָסן און דורך דער אויסגעשלאָגענער שויב אין דער טיר האָט די פינצטערניש געאָטעמט מיט דעם ריח פון ביר און שימל. כדי זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן, האָב איך זיך אויפן שטייגער פון אַנדערע פּאַסאַזשירן אַוועקגעזעצט אויפן דיל אין אַ ווינקל און געוואַרט. נישט ווייט פון מיר האָט אַ פּויערטע, וואָס איז אויך געזעסן אויפן דיל מיט דער פּלייצע אָנגע־שפּאַרט אין דער וואַנט, געגעבן צו זויגן אַן עופעלע. דאָס עופעלע האָט מיטן הענטל געקנעטן אין דער גרויסער ווייסער ברוסט און געוועקט דערמיט אַ ים מיט רחמנות.

אַ קלאַפּערײַ פון באַטשוועקעוועטע שטיוול האָט אָפּגעהילכט איבער די קאָ־רידאָרן. אַ כאַפּטע דייטשע מיליטער־לייט איז אָנגעקומען מיט חוצפּהדיקן טומל. די זעלנער האָבן געגרעדט הויך, הפקרדיק. נאָך די זעלנער האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין וואָקזאַל פּוילישע מענער און פרויען באַלאָדענע מיט קוישן און קאַנען. זיי האָבן זייער לאָדונג אַראָפּגעלאָזט ביי די ווענט און זיך אויף דעם אַוועקגעזעצט, כדי נישט אויפצורייסן די אויגן פון דייטשן, וואָרום זיי האָבן געפירט פּראָדוקטן קיין וואַרשע און די דייטשן זענען געווען להוט אויף די גוטע זאַכן.

אַ גרופּע דייטשע זשאַנדאַרמען מיט שילדן אויף די בריסטן זענען אין מיליטערישער אָרדענונג דורכגעגאַנגען דורכן וואָקזאַל און אַרויס צום פּעראָן. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז באַלד וועט די באַן קיין וואַרשע אָנקומען. דער בילעטן־קאָנטראָלער ביי דער טיר האָט אויסגערופן, אַז די באַן „נאָך וואַרשאַו״ דערנענטערט זיך און פון אַלע ווינקלען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פּאַסאַזשירן צום אַרויסגאַנג. פריער זענען גאָר אויפן וואָקזאַל נישט געווען אַזוי פיל מענטשן וויפל עס זענען זיך אָנגעלאָפן. און אָט הערט זיך פון יענער זייט טיר אַ געשריי נאָך הילף פון אַ פּאָליאַק. די זשאַנדאַרן מאַכן שוין „אָרדענונג״.

די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך געשטופּט פּאַראויס צום אַרויסגאַנג, זענען פון די הילף־רופן צוריקגעשטויסן געוואָרן. די פּוילישע שמוגלערס צעלויפן זיך אויף אַלע זייטן. אַ זשאַנדאַר קומט אַריינצולויפן מיט אַן אויפגעהויבענער ביקס און ער האַקט מיט דער קאָלבע אומברחמנותדיק וועמען עס לאָזט זיך. קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס און פאַר וועו. דער זשאַנדאַר שרייט: „אָרדענונג, אָרדע־נונג!״ און ער שלאָגט מערדעריש. מער שטופּט מען זיך נישט. די פּאַסאַזשירן דערנענטערן זיך צום בילעטן־קאָנטראָלער איינציקווייז און מיט הכנעה. „יאָ, זאָ איזט עס גוט. אָרדענונג מוז זיין״. אין דער „אָרדענונג״ קענען די זשאַנדאַרן זען יעדן איינציקן פּאַסאַזשיר, אַריינקוקן אים אין די אויגן, זען זיין באַגאַזש. איך שאַר זיך צו צו דער פרוי, וואָס האָט פריער געגעבן צו זייגן דעם קינד און

איך פאַרהאַלט זיך אַזוי ווי זי וואָלט געהאַט צו מיר אַ נאָענטן שייכות. די צע־שראָקענע פויערטע האָט מיך אָנגעקוקט און פאַרשטאַנען, אַז מיין האַנדלונג איז אַן אויסרייד פאַר די דייטשע זשאַנדאַרן. זי דערלויבט מיר נעמען אירע קויש־לעך און איך זאָג איר, אַז איך וועל גיין פאַראויס און וועל זיי אַריינטראָגן אין דעם וואַגאָן וווּ עס וועט זיין אַ פּלאַץ פאַר איר. איך גיב דער פרוי אויך מיין באַן־בילעט און זאָג איר, אַז זי זאָל דעם בילעטער געבן ביידע בילעטן, פאַר זיך און פאַר מיר. איך לאָז די פרוי גיין די ערשטע דורך דער טיר. זי גיט די צוויי בילעטן, די זשאַנדאַרן קוקן יעדן אין די אויגן. זיי זעען דאָס קינד אין די אָרעמס פון דער פרוי און קוקן שוין ווייניקער אויף מיר. באַלד ווי מיר דער־ווייטערן זיך הער איך אַן אויפשוידערנדיקן געשריי „יודע?!" איך קוק זיך נישט אום. אָבער איך הער, אַז דאָרט גיט מען שוין קלעפּ. אַ געשלאָגענער שרייט, אַז ער איז נישט קיין ייִד און די זשאַנדאַרן גרילצן „יודע! יודע!"

די קעלט אויפן פּעראָן ווערט נאָך קעלטער און דער שמוציקער צעטרעטע־נער שניי ווערט עקלהאַפט, ווי מען וואָלט געטאָפּטשעט אין צואה. איך גיי אַרי־בער מיט דער פרוי איבער דער ערשטער באַן־ליניע. דאָרט, אויף דער צווייטער באַן־ליניע, דאַרף אָנקומען די באַן. פון דעם פּלאַץ, וווּ עס איז פינצטער קען מען זען וואָס עס טוט זיך ביי דער טיר. די זשאַנדאַרן שלעפּן אַ מענטש אין שניי, ווי ער וואָלט געווען טויט. די פּאַליאַקן, וואָס דערנענטערן זיך, זאָגן שטיל: „מסתמא וועלן זיי אים הרגענען. אַ זשיד. אויב ער זשיפּעט נאָך". די פויערטע נעבן מיר זאָגט: „גאָט, וואָס פאַר אַ וועלט איז עס געוואָרן" און איך עצה איר זי זאָל שווייגן, זי האָט אַ קינד מיט זיך.

די באַן קומט אָן. זי גייט פון ביאַלאַ פּאָדלאַסקאַ. זי ברענגט מיט זיך אומ־היימלעכקייט. די וואַגאָנען זענען קוים באַלויכטן. די פּאַסאַזשירן אין די וואַגאָנען זעען אויס ווי טויטע. די גרינלעכע גאַז־ליכט שטרייכט נאָך מער אונטער זייער בלייכקייט. ס'איז אַ בית־עולם אויף רעדער. ווי עס שווייגן די פּאַסאַזשירן ווען די באַן שטייט, אַזוי שווייגן זיי אויך ווען די באַן רירט פון אָרט. קיינער רעדט נישט צו קיינעם. אַלץ איז קלאָר, אַלץ איז פאַרענדיקט. די באַן שטעלט זיך אָפּ אויף אַלע סטאַציעס. אַלע זענען פאַרפינצטערט. אַלע פּאַסאַזשירן זעען אויס ווי שאָטנס, שטייגן איין און שליסן זיך אָן צום שווייגן. איין מאָל האָט דאָס עופעלע פון דער פויערטע אָנגעהויבן וויינען. האָבן אַלע אויסגעדרייט די קעפּ ווי אויף עפּעס וואָס איז אומנאַטירלעך. און אַז די מיטער האָט געזאָגט צום קינד „וויין נישט" — איז די פאַרוווּנדערונג געוואָרן נאָך גרעסער. אָבער אויך די פאַר־וווּנדערונג איז געווען אָן לשון, אַ שווייגנדיקע.

איך בין געווען נאָענט צום ציל. דער צוג האָט מיך געטראָגן קיין וואַרשע. איך בין דורכגעגאַנגען אַלע מכשולים אין וועג און אָט בין איך אויף דעם לעצטן עטאַפּ. דאָך איז מיר אַזוי אומעטיק, אַזוי אומעטיק!

די באַן איז פּלוצים אַרויפגעפאָרן אויפן מזרח־וואָקזאַל אין פּראַגע, אַ פאָר־שטאָט פון וואַרשע. זי איז שטיין געבליבן אומגעריכט פאַר די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געהאַט דאָס באַוווּסטזיין, אַז זיי פאָרן קיין וואַרשע, נאָר דאַכט זיך, אַז אין דער אמתן האָט קיינער פון זיי דאָס נישט דערוואַרט. אין איין רגע זענען

די פּאַסאַזשירן אַרויס פֿון די וואַגאָנען און זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז איצט איז דער לעצטער שאַנס. אויך דאָס לויפֿעניש איז אין שווייגן. ביי די זייטן שטייען זשאַנדאַרן מיט קליינע אויטאָמאַטישע ביקסן אויף די אַקסלען. נעבן די בילעטן־אָפּנעמער שטייען ווידער זשאַנדאַרן און קוקן אין די פּנימער און אויף די הענט פֿון די פּאַסאַזשירן. ווער וועט איצט ווערן זייער קרבן? וועמען זוכן זיי? איך האַלט מיין בילעט אַזוי, אַז יעדער וואָס האָט אויגן זאָל זען, אַז איך בין אַ סאָלידער פּאַסאַזשיר, וואָס האָט אויסגעקויפֿט אַ בילעט און היט די „אָרדענונג״.

„האַלט!״ — שרייט אויס אַ זשאַנדאַר. אויף וועמען קומט דער סוף? אַלע וואַרטן. יעדער מיינט: מסתמא פֿאַרהאַלט מען אים. דער זשאַנדאַר מיינט איצט קיינעם נישט. ער וויל נאָר „אָרדענונג״, די מאַסע פּאַסאַזשירן זאָל זיך נישט שטופּן און יעדער זאָל אָפּגעבן דעם באַן־בילעט. „אָרדענונג!״

אַלץ איז אַדורך בשלום און אַלע סכנות הויבן זיך אָן אויפֿסניי. דער וואָקזאַל איז געשלאָסן. ס׳איז שוין פֿאַר האַלבער נאַכט און די באַן־באַוועגונג ווערט אָפּגעשטעלט ביז פֿינף באַגינען. טאָר קיינער דעמאָלט נישט זיין צווישן די ווענט פֿון וואָקזאַל. די געקומענע פּאַסאַזשירן בלייבן שטיין אין אַ צונויפֿגעשטופּטער מאַסע אויפֿן פּלאַץ פֿאַרן וואָקזאַל, ווי אַ סטאַדע בהמות. וואָרום אין שטאָט אַריין טאָר מען נישט גיין. ס׳איז נאַכט־שפּערע פֿון זיבן פֿאַרנאַכט ביז זיבן אין דער פֿרי. אין די צוועלף שעה האָט יעדער מיליטערישער פּאַטרול רעכט צו דערשיסן יעדן איינעם, וואָס געפֿינט זיך אין דער צייט אויף דער גאַס. רעכט... די צונויפֿגעקוועטשטע מאַסע ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. הינטער מיינע פּלייצעס שטייען עטלעכע יידן. זיי רעדן שטיל, זיי פּליסטערן קוים אין פּוילישן לשון, אָבער מיין פֿאַרשאַרפֿטער געהער כאַפּט אויף די יידישע טענער. „דאָ טאָר מען נישט בלייבן״ — האָט איינער געזאָגט — „פֿאַרטאָג כאַפּט מען צו אַרבעט״... אויף די טרעפּ פֿון וואָקזאַל רעדט אַ זשאַנדאַר, נישט ער רעדט, נאָר ווי ער וואָלט אַרויסגעשאָסן זיינע ווערטער פֿון דער קורצער אויטאָמאַטישער ביקס. פֿון די אַרויסגעשאָסענע ווערטער דאַרף מען פֿאַרשטיין אַזוי: די אַלע, וועלכע געפֿינען זיך אויפֿן פּלאַץ, געפֿינען זיך דאָ אומגעזעצלעך. נאָר די זשאַנדאַרם־קאָמענדע נעמט אין אַכט, אַז די באַן האָט געבראַכט די מענטשן און דעריבער קען מען זיי נישט באַשטראָפֿן. די קאָמענדע קומט אַנטקעגן די פּאַסאַזשירן: ביים וואָקזאַל געפֿינען זיך פּלאַטפֿאָרמעס געשפּאַנטע מיט פֿערד. די פּלאַטפֿאָרמעס האָבן דערלויבענישן צו באַוועגן זיך אין דער פֿאַרבאָטענער צייט, ווייל זיי באַזאָרגן די שטאָט מיט לעבנסמיטלען. דעריבער באַקומען איצט די פּלאַטפֿאָרמעס רשות אַוועקצופֿירן די פּאַסאַזשירן אין שטאָט אַריין, קיין וואַרשע, נאָר מיט אַ תּנאַי, אַז יעדער איינער וועט צוגעפֿירט ווערן צום טויער פֿון דעם הויז וווּ ער וווינט. יעדער איינער וואָס וועט אַנטרונען ווערן פֿון דער פּלאַטפֿאָרם אויף איינער פֿון די גאַסן פֿון דער שטאָט, דאַרף זיין געוואָרנט, אַז ער וועט דערשאָסן ווערן אָן יעדער מעלדונג. פֿאַרשטאַנען?!

ס׳איז געוואָרן אַ לויפֿעניש צו די פּלאַטפֿאָרמעס. מענטשן פֿאַלן איינער איבערן צווייטן. איינער טרעט אויפֿן צווייטן. יעדער וויל פֿאַרכאַפּן אַן אָרט אויף אַ

פלאַטפאָרמע. די געפאַלענע ווערן „טרעפּ" פאַר די, וועלכע האַלטן זיך שוין אין ראַנד פון אַ פלאַטפאָרמע, נאָר קענען נישט אַרויפשפרינגען. „האַלט, דאַנערוועטער!" — שניידט דורך אַ געשריי די פּינצטערניש. די צעיאַכמערטע מאַסע ווערט תיכף פאַרגליווערט. יעדער פאַרהאַלט זיך אין דעם מעמד, אין וועלכן עס האָט אים געטראָפן דער „האַלט"! אָרדענונג זאָל זיין! די פאַרשאָלטענע באַנדע ווערט גלייך צעשאָסן אויב זי וועט נישט אָפּהיטן די „אָרדענונג". און דער באַפעל איז, אַז די גאַנצע „שווייגען־באַנדע" זאָל זיך צוריקציען פון די פלאַטפאָרמעס אויף צען טריט. אויך די וועלכע זיצן שוין אויף די פלאַטפאָרמעס דאַרפן זיך צוריקציען אויף צען טריט. אַלע ציען זיך צוריק. אַנטקעגן דער מאַסע וואָס רוקט זיך הינטערווייִלעכטס גייען צוויי זשאַנדאַרן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן. וועלן זיי אַ צי טאָן דאָס צינגל? זיי באַוועגן מיט די ביקסן אַהין און אַהער, אַהין און אַהער. „ריקווערטס, ריקווערטס!" דערנאָך קומט אַ צווייטער באַפעל: אַלע פּאַסאַזשירן דאַרפן אין איילעניש, אָבער אין פולער אָרדענונג פאַרנעמען פּלעצער אויף די פלאַטפּאָרמעס. דאָס דאַרף געשען אין דער צייט ווען דער באַפעלגעבער וועט אָפּציילן פון איינס ביז צען. נאָך דער צאָל צען דאַרפן די פלאַטפאָרמעס זיין גרייט צו פאָרן.

„אַכטונג! נישט לויפן... אָרדענונג... אָרדענונג... נישט לויפן... איינס... צוויי..."

די מאַסע טוט זיך אַ שפּאַר פאָראויס, נאָר זי לויפט נישט, זי שפּאַרט פאָראויס. ווער עס פאַלט גייט מען איבער אים אַריבער און ער ווערט צעטרעטן. מענטשן שרייען, פרויען וויינען, וואָיען ווי די הינט, אָבער קיינעם אַרט עס נישט. די מאַסע שפּאַרט צו די פלאַטפּאָרמעס. זעקס... זיבן... אַכט... אָרדענונג... אָרדענונג... צען!

די פלאַטפּאָרמעס רירן פון אָרט. צענדליקער מענטשן האַלטן זיך ביי די ראַנדן און שלעפּן זיך נאָך. אַנדערע בלייבן ליגן אויף דער ערד. ווער עס איז צעטרעטן און ווער עס האָט באַקומען אַ קלאַפּ איבער דער האַנט מיט אַ שטיוול, ער זאָל נישט באַשווערן דעם פערד צו שלעפּן די פלאַטפּאָרמע. און איך? ווי אַזוי איז עס געשען, אַז איך געפין זיך אויף אַ פלאַטפּאָרמע? ביז היינט פאַרשטיי איך נישט פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען די פלינקייט אַרויפצובאַקומען זיך אויף דער פלאַטפּאָרמע. וואַרשיינלעך בין איך דורך דער מאַסע אַרויפגעשטופּט געוואָרן, וואָרום איך האָב געפילט אַ ווייטיק אין דער ברוסט, ווי מען וואָלט מיך צוגעקלעמט. אָבער איך בין נישט געבליבן!

פינף אָדער זעקס טונקעלע פלאַטפּאָרמעס פאָרן מיט אַ פינצטערער גאַס, ווי אין אַ טונעל. פון ביידע זייטן סטאַרטשען אַרויס נאָך מער פינצטערע גופים פון אויסבאָמבאַרדירטע הייזער. דאָ, אין שטאָט, איז נישטאָ קיין סימן פון שניי. אַלץ איז טויט און פינצטער. די מענטשן אויף דער פלאַטפּאָרמע זענען צונויפגעקוועטשט און זיי שווייגן. אַ מידע אויסגעפייניקטע מאַסע מענטשן ווערט געפירט אין אַן אומגעווייִנלעכער נאַכט. מ'האָט בפירוש געפילט: איבער דער גאַס גייט דער טויט. נעבן דער בריק אויף דער זיגמונטאָווסקאַ גאַס באַמבלט זיך אויף אַ זייל די ערשטע באַלויכטענע לאַמטערן. זי באָמבלט זיך אין ווינט ווי אַ געהאָנגענער.

לענגאויס דער זיגמונטאָווסקאַ לייכטן עטלעכע לאַמטערנס. דאָס בלייכע ליכט באַלייכט בלייכע מידע פּנימער. די פיס טוען וויי פון זיצן צונויפגעדרענגט אויף דער פּלאַטפאָרמע. נאָך אַ צען מינוט וועט מען קענען אַראָפּגיין און אויסגלייכן די ביינער; זיך אָוועקלייגן שלאָפן און זיך אויסרוען, אויסרוען אומגעשטערט.

„האַלט!" — האָט אַ גרילץ געטאָן אין דער פינצטערניש.

די פּלאַטפאָרמעס פאַרהאַלטן זיך. מיר זענען ביים אַריינפאָר פון דער קער־בעדזש־בריק איבער דער ווייסל. עס קומט אַ באַפעל: „יודען הערונטער!" אַ דייטש לויפט מיט אַן אויסגעשטרעקט אָנגעצונדן באַטעריע־לעמפּל און באַלייכט פּנימער אויף די פּלאַטפאָרמעס: „יודען הערונטער! הערונטער!" איינצלנע יידן שפּרינגען אַראָפּ פון די פּלאַטפאָרמעס און ווערן באַלד אונטערגעשטופּט מיט קלעפּ. אַנדערע ווערן אַראָפּגעשלעפּט און שוין ווערן זיי געטרעטן מיט די פיס. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז מערן זיך די יידן. איך בין אינגאַנצן רויִק, צופיל רויִק. מיך מיינט עס נישט. איך וועל זיך נישט מודה זיין, אַז איך בין אַ ייד. מיט וואָס זע איך אויס אַנדערש פון די, וועלכע בלייבן רויִק זיצן? „יודען הערונטער!". איינער, וואָס זיצט נעבן מיר, מיט אַ טיפּיש סלאַוויש פּנים, האָט באַקומען אַ קלאַפּ אין קאָפּ — „יודע הערונטער!" און שוין איז ער אונטן. מיין זיכערקייט פּלאַצט. דער דייטש פרעגט: „יודע?" איך לייקן: „ניע, יאַ פּאָליאַק". ער שטעלט אָן אויף מיר דאָס לעמפּל: „יודע?" — „ניע, פּאָליאַק". ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די פיס און אַ כוואַליע פינצטערניש האָט מיך פאַרפלייצט. איך ווייס מער נישט וואָס מיט מיר געשעט. קיין ווייטיק פיל איך נישט, כאָטש איך ווייס, אַז איך באַקום האַרטע קלעפּ. נאָר באַלד קום איך צום פולן באַוווסטזיין און איך שטיי שוין צוזאַמען מיט אַלע אויפן טראָטואַר. אַ צוויי צענדליק זענען מיר גע־ווען צוזאַמענגענומען. די פּלאַטפאָרמעס באַקומען אַ באַפעל אָוועקצופאָרן און מיר בלייבן ביי דער קערבעדזש־בריק. סך־הכל ווערן מיר באַהערשט פון צוויי דיי־טשן מיט ביקסן און מיר זענען צוויי צענדליק יידן און פּאָליאַקן. נאָר אַלע זענען מיר געליימט. וועמען וועט איינפאַלן אין אַזאַ נאַכט זיך קעגנשטעלן? וועמען זיך קעגנשטעלן? ס'איז נאַכט פון טויט. די שפּער־פּאַטרולן זייען טויט אין דער שטאָט.

ס'קומט אַ באַפעל אַלע זאָלן אויסשטרעקן די אָרעמס און אַראָפּנעמען די זייגערלעך. איך בין פּטור. מיין זייגערל האָב איך דאָך אָוועקגעגעבן דעם סאָ־וויעטישן וואַך־זעלנער אין סאַלעטשניקי ווילקיע, וואָס לכל הדעות איז ער אַ פאַרבינדעטער פון דעם דייטשן וואַך־זעלנער ביי דער קערבעדזש־בריק אין וואַר־שע. דער צווייטער דייטש זאַמלט איין די זייגערלעך און באַגלייט דאָס מיט אַ קלאַפּ אין דער האַנט, מען זאָל זי אַראָפּלאָזן. קיינער שרייט נישט פון ווייטיק. ס'איז נישט די צייט אויף צו שרייען. דער דייטש דערנענטערט זיך צו מיר. מיין שכן, אַ יונגער יידישער בחור שנאַלט אָפּ נערוועז דאָס רימענדל פון זייגער. דער דייטש באַמערקט עס און מיטן גאַנצן כוח טוט ער אים אַ זעץ אין פּנים מיט אַן אָפענער האַרטער האַנט. דער ייד פאַלט. דער דייטש טרעט אים מיט די פיס. „שטיי מאָל אויף!" — באַפעלט ער און ווען דער ייד וויל אויפשטיין, טוט ער דעם קרבן ווידער אַ זעץ און ער פאַלט צוריק. „שטיי מאָל אויף, יודע!" אַ טויטער, גאַלוואַניזירט פון ווייטיק, שטייט ער אויף מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט און

דער דייטש רייסט פון אים אַראָפּ דאָס זייגערל. איך באַמי זיך וואָס מער אויסצוציען דעם אָרעם פון אַרבל אַרויס, ער זאָל זען, אַז איך האָב נישט קיין זייגערל. איידער איך האָב אים דאָס געזאָגט אויך מיט ווערטער, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין האַלדז. איך האָב זיך געוואַקלט ווי אַ שיכור און אַרויפגעפאַלן אויף דעם שוך־אַנלען פון דער בריק. נאָר פאַרלוירן די קלאָרקייט פון באַוווסטזיין האָב איך נישט. איך האָב זיך אויסגעגלייכט מיט צוויי רייען מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען ביים אַנלען.

אַלע זענען שוין „באַאַרבעט". וואָס וועט דער דייטש ווייטער טאָן? פּלוצים נעמט ער אַרויס דעם רעוואָלווער פון זייטן־טעשל, גייט אָפּ הינטערווייליכץ אַ פּאָר טריט און צילט די רעוואָלווער־לופע צום צענטער פון די צוויי רייען מענטשן.

„אַלע די, וועלכע האָבן ביי זיך געלט, לייגן אַרויס דאָס גאַנצע געלט און אויב עמעצער וועט עפּעס וואָס אויסבאַהאַלטן, וועט ער דערשאָסן ווערן אויפן פּלאַץ". יידן האָבן אַרויסגענומען טייסטערלעך און זעקעלעך און זיי אַרויסגע־שטעלט צום צווייטן דייטש, וואָס האָט דאָס געלט צוגענומען.

אין יענער צייט האָבן יידן, לויט אַ „באַקאַנטמאַכונג" פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, געמעגט האָבן ביי זיך באַר געלט בלויז ביז צוויי טויזנט גילדן. אויב עמעצער האָט פאַרמאָגט מער, אין באַר געלט, אין טשעקן אָדער אין וועקסלען, האָט ער דעם עודף געמוזט דעפּאָנירן אין אַ באַנק. פאַר נישט אויספירן די פאַראָרדענונג האָט געדראָט טויט־שטראָף. לויט אָט דער פאַראָרדענונג בין איך סיי ווי געווען אַ פאַרמשפּטער צום טויט. אויסער אַ גרעסערע סומע געלט האָב איך געהאַט ביי זיך דאָקומענטן אויף געלט, בריוו און שיפער־בריוו. ווו דער דייטש זאָל נישט זוכן ביי מיר וועט ער געפינען עפּעס, וואָס וועט מיך פאַרמשפּטן לויט זייערע „געזעצן".

אָנגענומען אַ באַשלוס האָט געדויערט אַ סך ווייניקער ווי אויפשרייבן די ווערטער. איך האָב באַשלאָסן צו לייקענען, אַז איך האָב געלט, אויסער קליינגעלט אין אַ בייטעלע. איך האָב באַמערקט, אַז ווען מען דערלאַנגט דעם דייטש אַ טעשל מיט געלט איז ער זיך נוהג אַזוי: אויב דאָס טעשל געפעלט אים — נעמט ער עס צו צוזאַמען מיטן געלט. און אויב דאָס טעשל איז נישט נושא חן אין זיינע אויגן, נעמט ער אַרויס דאָס געלט און וואַרפט אַוועק דאָס טעשל איבערן קאָפּ פון דעם באַרויבטן. ווען עס איז געקומען די ריי אויף מיר, האָב איך אים דערלאַנגט דאָס בייטעלע מיט קליינגעלט.

„לייג אַרויס דיין גאַנץ געלט, יודע!" — שרייט ער צו מיר מיט רוגזה.

„דאָס איז מיין גאַנץ פאַרמעגן. מער איז מיר נישט געבליבן" — האָב איך געענטפערט אַזוי קאַלט ווי נאָר דער אינסטינקט האָט מיר געהאָלפן דערצו.

„ווו האָסטו דיין געלט!?" — שרייט ער ווידער.

„ביי זיך האָב איך נישט. אין דער היים. אויף נאַוואַליפּיע גאַס, וועל איך דיר געבן יופל איך האָב דאַרט".

ער האָט מיר געוואָרפן אין פּנים דאָס בייטעלע מיט קליינגעלט.

פּלוצים הייבט אָן דער מיטן רעוואָלווער צו זידלען די יידן, אַז זיי זענען

רויבער, גנבים, ספעקולאַנטן, וואָס ווילן באַלד דאָ אַלע אויסגעשאָסן ווערן, און אַנווייזנדיק אויף דער בריק גרילצט עס אויס:

„היער, היער, יודען אָוסבויטלער, לאַופען, לאַופען!"

די גאַנצע מחנה האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד און זיך אַ לאָז געטון מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט איבער דעם וועג פאַר פוסגייער דורך דער בריק. דער דייטש האָט בהלה־מאַכנדיק געפייערט מיט ווילדע געשרייען „לאַופען־לאַופען־לאַופען־לאַופען!". איינער איז געשפּרונגען איבערן צווייטן, איינער איז געפאַלן איבערן צווייטן. איינער האָט זיך אָנגעהאַקט אינעם צווייטן און אים אומגעוואָרפן. אָבער אין אימפּעט איז דער אַנידערגעפאַלענער גלייך ווידער געשטאַנען אויף די פיס און געלאָפן. אין דעם הילצערנעם באָדן פון דער בריק האָבן די לויפנדיקע טריט אָפּגעקלאַפּט ווי דאָס גאַלאָפּעווען פון פערד. די גענוג לאַנגע בריק האָט מען דורכגעמאַכט אין געציילטע רגעס. אָט־אָט און מען איז שוין אויף דער וואַרשעווער זייט פון דער בריק, אַנטקעגן נאָווי זיאַזד. אָבער פּלוצים — „האַלט!" אַ מונדירטער דייטש מיט אַן אויסגעשטרעקטער ביקס פאַרשטעלט דעם אַרויסלויף. „האַלט! ווער זענט איר? צי ווייסט איר נישט, אַז איצט טאָר מען זיך נישט געפינען אויף דער גאַס?" נעבן דעם דייטש רוקט זיך צו אַ פּוילישער פּאָליציאַנט אין אַ פאַרמלחמהדיקן פּאָליציי־מונדיר. ער חזרט איבער אויף פּויליש דאָס זעלבע, וואָס דער דייטש האָט געזאָגט אויף זיין לשון. עטלעכע פון דער מחנה הייבן אָן פאַרענטפערן זיך, שטאַמלענדיק: דאָרט... צוגענומען... געלט... אוהר... לאַופען... דער דייטש האָט זיך צעלאַכט אויפן קול. מסתמא ווייסט ער אין וואָס עס גייט. מסתמא זענען מיר נישט די ערשטע לויפער איבער דער בריק. ער לאַכט אויפן קול און ווייזט אָן מיט דער ביקסן־לופע: „אָבער, גאָט, וואָרום שוויצן די יודען? איזט עס זאָ הייס?"

דער דייטש איז געוועזן זייער גוטמוטיק. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די ביקס און איינעם אַ קלאַפּ געטון אין אַקסל: „עס מאַכט ניכט, שוויצן איזט געזונד". און ער עצהט, אַז גייענדיק דורך דער שטאָט זאָל מען „שוויצן" זייער פאַרזיכטיק, אויב מען וויל דערלעבן דעם טאָג. דער פּוילישער פּאָליציאַנט האָט פון זיין זייט צוגעגעבן, אַז מען זאָל זיך האַלטן ביי די ווענט און זיין פאַרזיכטיק אַנצוטרעפן זיך מיט פּאַטרולן. זיי שיסן צו מענטשן אָן וואָרעניש.

די פּאָר מענטשלעכע ווערטער האָבן גערירט ביז טרערן. נאָר אויף סענטי־מענטן איז נישטאָ קיין צייט. דער טויט לויערט אויף די גאַסן פון בייזנאַכטיקן וואַרשע. די שוואַרצע נאַכט וואָס דעקט צו דעם אויסבאָמבאַרדירטן קעניגלעכן שלאָס; די שוואַרצע נאַכט, דורך וועלכער מען דאַרף אַדורכרייסן דאָס געראַטעוועטע שטיקל לעבן, וואָרפט אָן אַן אימה. און באַלד אַן אַנטקעגן־מחשבה: צי זענען די פּאָר מענטשלעכע ווערטער אַן אויסרייד, אַז ווען מיר וועלן אַוועק פון דעם פּלאַץ וועט דער דייטש נאָכשיסן נאָך אונדז? ניין, ער חזרט איבער אין דעם זעלבן מענטשלעכן טאָן. מיר זאָלן גיין דורך די גאַסן קראַקעווער פאַרשטאָט, מיאָדאָווע און דלוגע. דאָרט זענען פאַראַן אַ סך חורבות. אויב מען הערט זעלנערישע טריט פון דער ווייטנס, איז בעסער זיך אויסבאַהאַלטן אין די חורבות, ביז די טריט

וועלן מער נישט געהערט ווערן. נאָר גיין נישט אַלע צוזאַמען. ס׳איז נישט קיין ערשטע מאַי־פּייערונג.

די מחנה האָט זיך צעשיט כהרף עין. צו צוויי און צו דריי האָבן זיך אַלע פאַרשטעקט אין דער נאַכט. דאָס איז געשען אינסטינקטיוו, ווי ביי חיות אין צייט פון סכנה. איך בין מיט נאָך צוויי אומבאַקאַנטע שנעל און אויף די שפּיץ פינגער אַרויף צו דער קראַקעווער פאַרשטאָט און די ערשטע „אָבסערוויר־סטאַציע געמאַכט הינטערן דענקמאָל פון קעניג זיגמונט. אַנטקעגן, אין דער מיט פון דער ברייטער גאַס איז געשטאַנען אַן אַלמער אָפּגעמאָלן אויף ווייס און צו איר צוגעשלאָגן אַ ברעט, ווי אַ ווענווייזער, מיט אַ גרויסן אויפשריפט „לובלין״. אַ קורצע ווײַלע האָבן מיר זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט און ווידער אָפּגעלאָפן אַ הונדערט מעטער ביז צו דער מיאָדאָווע גאַס. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די חורבות פון די יידישע געשעפטן און הייזער. די נאַכט איז נישט געווען אַזאַ פינצטערע ווי די חורבות האָבן געאָטעמט מיט שוואַרצקייט. און נאָך שוואַרצער פון די חורבות זענען געווען די לעכער פון די פענצטער און טירן.

ערגעץ אין אַ ווייטערער גאַס זענען געפאַלן איינציקע שאָסן פון אַ ביקס. כאָטש די שאָסן זענען געווען ווייטע, זענען מיר, די דריי, אַריין אין אַ חורבה און אָפּגעוואַרט עס זאָל אַדורך דער אָפּהילך. ס׳איז ווידער געווען שטיל, זענען מיר ווייטער געלאָפן אויף די שפּיץ פינגער ביז צו דער דלוגע גאַס. אויף דעם פּלאַץ קראַשינסקי, אין פּאַלאַץ פון אַפּעלאַציע־געריכט, געפינט זיך דער שטאַב פון געסטאַפּאָ; אין דעם היסטאָרישן אַרסענאַל אויף דלוגע גאַס סטאַציאָנירט אַ גרויסע אָפּטיילונג פון דער ווערמאַכט. אָט די צוויי געפערלעכע פּונקטן מוז מען דורכגיין, אויב מען וויל אָנקומען צו דער יידישער געגנט פון פּשעיאַזד און נאַוואָליפּיע. אונדזער דריילינג רעדט נישט צווישן זיך. נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן. קען עמעצער פאַרויסזאָגן וואָס ס׳איז בעסער — צי ס׳איז בעסער איצט צו ריזיקירן און זיך דורכבאַקומען דער געפאַר, אָדער פאַרשטעקן זיך אין אַ חורבה און אָפּפרירן דאָרט ביז עס וועט ווערן טאָג און מען וועט מעגן פריי גיין. און אַז מען מעג פריי גיין — כאַפּן די דייטשן צו דער אַרבעט. צעשיידן מיר זיך און איינציקווייז, אָפּגערוקט איינער פון צווייטן אויף אַ צען־פופצן טריט שאַרט מען זיך ביי די ווענט. אויף דלוגע גאַס וואַקסן אויס ווי אונטער דער ערד צוויי פּוילישע פּאָליציאַנטן. צו לויפן איז שפּעט. זיי וועלן נאָכשיסן. דאָ זענען נישטאָ קיין חורבות און די טויערן זענען פאַרשלאָסן. איך שפּאַר זיך צו צו דער וואַנט, ווי איך וואָלט זיך אין איר אַרייַנגעקנעטן. זיי באַמערקן מיך, אָבער פרעגן גאָרנישט. זיי זענען פאַרנומען מיט א שמועס. איך הער ווי זיי זאָגן צו דעם, וואָס איז געווען הינטער מיר: „וואָס שלייעט איר זיך אַרום אין גאַס אין דער צייט? זיי וועלן אייך דערשיסן״.

אין האַרץ פון יידישן וואַרשע

ענדלעך בין איך אַריבער אויף דעם טייל פון דער דלוגע גאַס, וואָס איז איבער די נאַלעווקעס און ביעלאַנסקי. איצט דאַרף מען בייקומען דעם אַרסענאַל.

צום גליק ברענט דאָרט אין טויער אַן עלעקטריש ליכט. איך געפין זיך אויף דער צווייטער זייט גאַס, אין דער פּינצטערער. כאָטש אין טויער זע איך קיינעם נישט, אָבער צוליב מיין וואַכזאַמקייט דאַכט זיך מיר, אַז איך הער טריט פון באַטשוועקעוועטע שטיוול. ס'האָט זיך מיר בלויז אויסגעדאַכט. און איך בין שוין אויף דער פשעיאַזד גאַס, אין סאַמע האַרץ פון דעם יידישן וואַרשע.

פשעיאַזד האָט פאַרבונדן די געגנט פון די נאַלעווקעס מיט גזשיבאָוו, זי איז געווען אַ בריק צווישן דער יידישער געגנט און „יענע" גאַסן, די גאַסן פון אַן אַנדער, נישט־יידישער וועלט. פשעיאַזד איז געווען די הויפּט־אַרטעריע אינעם יידישן כרך. אַהער האָבן אַרויסגעקוקט די פענצטער און דער באַלקאָן פון טלאָמאַצקע 13.

אין דער נאַכט ווי איך האָב זיך געשלייכט ביי די טויערן פון פשעיאַזד איז מיין בליק געפאַלן צום ערשטן שטאָק, צום באַלקאָן פון טלאָמאַצקע 13, וווהין עס זענען „אַמאָל" געווען געווענדעט די אויגן נישט נאָר פון יידישן וואַרשע, נאָר פון אַלע עקן פון יידיש מלכות. וואָס האָט געהייסן פוילישע שטאָט און שטעטל. ווו יידישע יונגעלייט און מיידלעך האָבן געבענקט צו זיין נאָענט צו דער יידישער ליטעראַטור. אַז יידן פלעגן פאַרבייגיין דעם פשעיאַזד, האָבן זיי אַרויפגעקוקט צום באַלקאָן, טאָמער וועלן זיי דערזען דעם שרייבער וועמענס ביכער זיי לייענען, אויף וועמענס אַרטיקלען אין די צייטונגען זיי וואַרטן פון פרייטיק צו פרייטיק. פון דער גאַס־אַרויף האָבן זיי געקענט זען „מיט זייערע אייגענע אויגן" ווייסענבערגן, צי נאָמבערגן, אָדער גאָר סעגאַלאָוויטשן, וואָס איבער זיינע ראָמאַנען האָט מען געטראַכט לאַנגע טעג נאָכן איבערלייענען זיי, כדי „צו פאַרשטיין דעם מיין פון דעם שרייבער"... אַ שאַרפער קאַלטער ווינט יאָגט אַן פון מילנע געסל און טרייבט מיך אַרויס פון דער טויער־טיפקייט. איך בין געלאָפן צו דער נאָוואָליפּיע גאַס, צום הויז נומער פערצן — ווו עס איז געווען די דירה פון דעם שרייבער און פעדאַגאָג ח. ש. קאַזדאַן, אין וועלכער עס האָט געוווינט מיין שוועסטער מיט איר קליין עופהלע. ח. ש. קאַזדאַן מיט זיין פאַמיליע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין ווילנע. איך האָב לאַנג געקלונגען אין טויער פון דעם הויז און געקלונגען אומזיסט. דער קריסטלעכער שומר האָט דעם טויער נישט געעפנט. איך בין געווען טויט מיד און איך האָב געפילט, אַז מיין אויסדויער הייבט אָן שוואַך צו ווערן. אַזאַ צושטאַנד קען ווערן סכנהדיק. אָבער וווהין גייט מען אין אַזאַ נאַכט? וועלכער הויזוועכטער וועט אַריינלאָזן אַ פרעמדן מענטש אין אַזאַ ווילדער צייט? איך דערמאַן זיך, אַז אויף דער זעלבער גאַס, נומער זיבן, ווו ס'איז געווען די רעדאַקציע פון דער „פאָלקסצייטונג", קען מיך דער הויזוועכטער. דאָרט וווינט אויך סאָניאַ נאָוואָגרודזקי. איך בין צוריק־געלאָפן עטלעכע טויערן און שטאַרק אָנגעקלונגען. דער הויזוועכטער איז אַרויס־געקומען און געפרעגט דורך דעם געשלאָסענעם טויער:

„צו וועמען?"

„צו נאָוואָגרודזקי".

„ווער ביסטו?"

„אַן אייגענער".

ער שפּאַרט אָפּ די טיר פונעם טויער, צינדט אָן אַ שוועבעלע און קוקט אויף מיר מיט חשד.

„פרוי נאָוואָגרודזקי איז אין שטוב?" — האָב איך געפרעגט און ער האָט אויפגעעפנט ברייט די טיר. איך האָב אים אַריינגערוקט אין דער האַנט אַ באַנקנאָט.

שטיל, ווי א גנב ביינאַכט, בין איך אַרויף אויפן פערטן שטאָק, כדי מיט מיינע טריט איבער די טרעפּ זאָל איך נישט שרעקן די שלאָפנדיקע יידן. און פאַרזיכטיק האָב איך לייכט א דריק געטאָן אין קנעפּל ביי דער טיר. אין אַזאַ נאַכט קען דער קלונג אין דער טיר אַראָפּפירן אַ מענטשן פון זינען.

היינט לעבט נישט מער סאָניאַ נאָוואָגרודזקאַ. ווער ווייסט ביי וואָס פּאַר אַן אומשטענדן זי איז געשטאָרבן, אָדער דערמאָרדעט געוואָרן. זי איז אין יענע טעג געווען צופיל שעפעריש, זי זאָל זיין פעאיק איבערצוטראָגן דעם גיהנום. מיט לייב און לעבן האָט זי זיך מקריב געווען צו דערהאַלטן דעם קיום פון פשוטע יידישע מענטשן און עס איז אַזוי נאַטירלעך, וואָס זי האָט געטיילט דעם גורל פון די, פאַר וועלכע זי האָט געלעבט. עס איז שווער צו ווייגען איבער אַן איינציקן קבר, ווען אונדזער גאַנצע וועלט איז געוואָרן צו אַ קבר גלייך. אויף מיין קלונג אין יענער נאַכט, האָט סאָניאַ נאָוואָגרודזקאַ געעפנט די טיר, נישט פרעגנדיק אַפילו ווער עס קלינגט. איך בין אַריינגעקומען און זי האָט נישט רעאַגירט.

„איר דערקענט מיך נישט, סאָניאַ?" — האָב איך געפרעגט.

אַ רגע איז זי געשטאַנען אַ צעטומלטע און געפרעגט: „צי מאַך איך אַ טעות? צי בין איך געשלאָפן און שלאָף נאָך?"

„סאָניאַ, דאָס בין איך — צאַנין!" — האָב איך געזאָגט און פאַרמאַכט הינ־טער זיך די טיר. „איר זענט אַליין?"

„יאָ, איך בין אַליין, איך האָב געוואַרט אויף אַבראַשאַן" — האָט זי געזאָגט און אין דער פינצטער אָנגעכאַפּט מיין האַנט מיט פאַרוואונדערונג: „צאַנין, צאַנין, פון וואַנען נעמט איר זיך דאָ? איר זענט דאָך שוין לאַנג אַוועק אויף מזרח".

„איך מוז זיך אָוועקזעצן, די כוחות פאַרלאָזן מיך" — האָב איך געזאָגט — „איך קום פון אַ ווייטן וועג. פון ווילנע".

סאָניאַ האָט ענדלעך אויפגעוואַכט. זי האָט אַלץ באַגריפן.

„איך האָב געוואַרט אויף אַבראַשאַן. איך האָב זיך אָפּגעשמועסט אויף זעקס אַזייגער, איידער די דייטשן כאַפּן צו דער ארבעט. וויפל איז איצט דער זייגער?" — האָט זי געפרעגט.

„אפשר צוויי אַזייגער און אפשר דריי; איך האָב פאַרלוירן די אָריענטאַציע פון דער צייט".

ערשט איצט איז זי אַרויפגעפאַלן אויף מיר און מיך אַרומגענומען און אויס־געגרופן אַ צעטומלטע:

„מען קען אַראָפּ פון זינען. איך באַגרייף קוים, וואָס דו קומסט פאַר. וואָס הייסט, איר קומט פון ווילנע? ווי אַזוי קומט איר פון ווילנע?"

„איך קום אין שליחות" — האָב איך געזאָגט — „נאָר ווי גאָט איז מיט אייך, איך מוז זיך אָוועקזעצן, וואָרום די פיס ברעכן מיר זיך איין פון מידקייט".

אין דער פינצטער האָט זי מיך דורכגעפירט דורך אַ צימער, וווּ עס האָט גע־

בלאָזן אַ פראָסטיקער ווינט. די פענצטער זענען געווען אויסגעשלאָגן און די פּאָר־האַנגען זענען געפלויגן ווי אַ שרעק־סצענע אין אַ פילם. זי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ ווייטן צימער, וווּ דער ווינט האָט מער נישט געבלאָזן, נאָר אויך דאָרט איז געווען אויסטערליש קאַלט. סאָניאַ פאַרענטפערט זיך, אַז במשך די אַלע חדשים נאָך דער באָמבאַרדירונג, האָט זי נישט געקענט געפונען קיין גלעזער, וואָס זאָל אַריינשטעלן נייע שויבן. נישטאָ קיין שויבנגלאָז. אָבער אייגנטלעך ווױנט זי בלויז אינעם לעצטן צימער. דאָרט איז מען געוווינט געשיצט פון פראָסט. אָבער ווּעגן וואָס רעדן מיר? ! — איז זי גלייך איבערגעגאַנגען — איר קומט פון אַזאַ ווייטן וועג. וואָס מאַכט נח? וואָס מאַכט שלמה מענדעלסאָן? וואָסער, לייוויק — אַלע, אַלע, רעדט, דערציילט. אפשר האָט איר עפּעס געהערט פון מיין ייִנגל, פון מיין מאַיוסן, פון עמנואל? איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג מיט אַמעריקע? אַלץ האָט זי געוואָלט וויסן מיט איין מאָל. איך האָב איר בלויז געענטפערט ווּעגן איר זון: אייער ייִנגל איז אין ווילנע. ער איז געזונט, נאָר ווי גאָט איז מיט אייך — איך שטאַרב פון מידקייט, איך מוז שלאָפן!

מיר זענען אַריין אין לעצטן צימער. אויסער דער סאָפע, אויף וועלכער זי אליין איז געשלאָפן זענען אין דעם צימער געווען נישט מער ווי דריי שטולן. זי האָט די דריי שטולן צוזאַמענגערוקט, אונטערגעלייגט איר מאַנטל און איך בין אויף אָט דעם „געלעגער" אַוועקגעפאַלן ווי אַ טויטער.

אַכט אַזייגער אין דער פרי בין איך שוין געווען ביי מיין שוועסטער, אין דער דירה פון ת. ש. קאַזדאַן. איר קליין טעכטערל האָט מיך דערקענט און מיך אַרומ־גענומען, ווי עס וואָלט געפילט, וואָס עס געשעעט אויף דער וועלט. פון מיין שוועס־טער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיט אַ טאָג פריער איז מיין ייִנגערע שוועסטער מיט איר מאַן, דעם דיכטער סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ, אַוועק צו דער גרענעץ, זיך אַדורכצושמוגלען קיין לעמבערג, צו די סאָוויעטן. צי וועלן זיי דערגיין אַהין לע־בעדיקע? — זיי האָבן אויסגעקליבן די שאַנסן צו דערגיין לעבעדיקע. און אויב אומקומען אויף דער גרענעץ, איז בעסער ווי צו לעבן אין היטלערישן גיהנום. דאָ, אין וואַרשע, האָבן זיך געענדיקט אַלע האָפענונגען.

ווי איך האָב זיך אָפגעשמועסט מיט סאָניען, איז דער ערשטער צו מיר אַרויפגעקומען בערנאַרד. לאַנגע מינוטן זענען מיר געשטאַנען איינער אַנטקעגן צווייטן און קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען. דער מאַן, וואָס קיין מאָל איז דער שמייכל נישט פאַרשוווּנדן פון זיין פּנים, האָט מער נישט געשמייכלט.

„וואָס הערט זיך דאָ"? — האָב איך איבערגעריסן דאָס אומדערטרעגלעכע שווייגן.

„גיהנום איז נישט קיין באַגריף פאַר דעם וואָס עס געשעעט" — האָט ער גע־זאָגט שטיל. אַזוי האָט באַצייכנט דעם מצב דער אַלטער אויסגעפּרוּווטער רעוואָ־לוציאָנער, אַ געוועזענער פאַרשיקטער אויף סיביר. במשך פון אַ סך יאָרן איז בערנאַרד געווען דער קאָמאַנדיר פון די בונדישע שוץ־גרופּן אין וואַרשע. די יאָרן פאַר דער מלחמה, ווען די פאַשיסטישע מגיפה האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער פוילן, איז בערנאַרד מיט זיין גרופּע קעמפער אָפט געקראָכן אין דער געפאַר אײדער די כוליגאַנישע געפאַר איז געקומען אין דער ייִדישער געגנט. ער האָט

נישט געוווּסט פון קיין שרעק. די שוץ־גרופּן פלעגן איבערפאַלן כוליגאַנישע פּוילישע מחנות, וואָס אין דער צאָל זענען זיי געווען אַ סך מער ווי די יידישע יונגעלייט. בערנאַרד פלעגט שטיין אין אַ זייט און אַכטונג געבן ווי זיינע בראַווע יונגעלייט ברעכן די ביינער פון די אַנטיסעמיטן. אויך דעמאָלט איז דער שמייכל נישט אַראָפּ פון זיין פּנים. איצט זאָגט ער, אַז אַ גיהנום איז אין וואַרשע.

„וואָס טוט מען אין ווילנע ורעגן אַרויסראַטעווען יידן?" — האָט ער פּלוצים געפרעגט.

איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב וועגן אַזאַ זאַך נישט געהערט. יעדער וואָס וויל זיך אַרויסראַטעווען פון וואַרשע גייט פון זיין אייגענער איניציאַטיוו צו דער גרענעץ.

„אייגענע איניציאַטיוו" — האָט בערנאַרד איבערגעחזרט. — דאָס איז גאָרנישט. פון אייגענער איניציאַטיוו גייען טויזנט, צען טויזנט. און וואָס איז מיט פרויען און קינדער וואָס זענען געבליבן אַליין? זאָלן זיי אויך גיין אין פראָסט און אין שניי פון אייגענער איניציאַטיוו?"

אַנשטאָט צו ענטפערן דירעקט אויף זיין פראַגע, האָב איך אים דערציילט, אַז אויסער דער שליחות צו אים און צו אַרטור זיגעלבוים, האָב איך אויך אַ שליחות צום „דזשאָינט". איך האָב געלט־בריוו אויף העכער אַ מיליאָן גילדן, צו העלפן די געבליבענע אין וואַרשע. וועגן אַן אַנדער פאָרם פון ראַטעווען יידן האָב איך נישט געהערט.

„איז וואָס זשע זוימסטו זיך?" — האָט בערנאַרד געפרעגט — „די דזשאָינטישע קיכן וועלן צוליבן פעלן פון מיטלען נישט האָבן מיט וואָס צו באַשפּייזן די הונגעריקע. אַ ים מיט הונגעריקע אין וואַרשע. שטיי נישט, צאַנין!"

עס איז געווען נישט לייכט אין יענער שעה אַריבערצוקומען אין די ביוראָען פון „דזשאָינט". אויף דער גאַס האָט געהערשט אַ בהלה־שטימונג. פאַרבייגייענדיקע פרויען האָבן אומבאַמערקט געוואָרנט: „יידן, באַהאַלט זיך. אויף פזשעיאַזד כאַפּט מען..." צוריקגיין האָב איך מער נישט געקענט. בערנאַרדס ווערטער האָבן מיר נישט געלאָזט רוען. ער האָט שוין געהאַט נסיון ווי אַזוי אויסצומיידן די דייטשע כאַפּערס. די דייטשע זעלנער זענען געשטאַנען נעבן דעם סקווער אויף פזשעיאַזד, אַנטקעגן דעם הויז נומער 9. האָט מיך בערנאַרד געפירט דורכן הויז אויף באַוואַליפיע נומער 1, וואָס האָט געהאַט אַן אַדורכגאַנג צו דעם מילנע געסל. דאָ, אין הויף, האָב איך אָפּגעטרעטן אין הויז פון די עלטערן פון באַשע טרונק, די פרוי פון דעם היסטאָריקער ישעיהו טרונק, וועמען איך האָב אין ביאַליסטאָק צוגעזאָגט, אַז אויב זיין פרוי וועט זיך וועלן שיידן פון אירע עלטערן און קומען צו אים קיין ביאַליסטאָק, וועל איך זי מיטנעמען מיט זיך אויף מיין צוריקוועגס. די יונגע פרוי האָט גלייך מסכים געווען זיך צוגרייטן אַזוי, אַז צו יעדער צייט, ווען איך וועל איר צו וויסן געבן, וועט זי גרייט זיין צו נעמען זיך אין וועג אַריין.

בערנאַרד האָט מיך באַגלייט ביז דער לעשנאָ גאַס און אַליין בין איך אַוועק צום נומער דרייצן, ווו עס האָט זיך געפונען דער לאָקאַל פון „דזשאָינט". אויף דער גאַס, נעבן טויער פון הויז נומער דרייצן זענען געשטאַנען אַ סך מענטשן אין אַזאַ פאַרזיכטיקער פּאָזיציע, אַז טאָמער וועט מען דערזען אַ דייטשן אויטאָ, אָדער

דייטשע זעלנער, זאָל מען באַלד קענען פאַרשווינדן אין הויף אַריין. אַ גרויסן טייל פון די מענטשן האָב איך געקענט. דאָס זענען געווען יידישע לערער, שרייבער, קינסטלער, זשורנאַליסטן — פאַרוואַלטער פון קיכן און קינדערהיימען. זיי זענען געווען די ערשטע געטראָפענע פון דעם דלות און זייער איינציקער אַדרעס איז געווען דער „דזשאָינט״. איך האָב אויסגעמיטן זייערע אויגן און געגאַנגען צום ערשטן שטאָק. ביי דער טרעפּן־טיר האָב איך זיך באַגעגנט מיט דעם לינק־פּועלי־ציוניסטישן טוער שכנא זאַגאַן. בעת איך האָב אים דערלאַנגט די האַנט, האָט ער מיר מיט אַ פינגער געקיצלט אין דער האַנטפלאַך און געפרעגט:

„פאַרוואָס זענט איר צוריקגעקומען אין דעם גיהנום?״

„חבר זאַגאַן, ס׳איז אין אָרדענונג״ — האָב איך אים געענטפערט — „אין גיהנום אַריין קומט דער, וואָס מען צווינגט, אָדער דער וואָס זוכט דאָרט עפּעס״.

זאַגאַן האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע גוטע, שמייכלענדיקע קינדערשע אויגן:

„געקומען ספּעציעל?״ — האָט ער געדרייט מיט די פינגער.

„אין דעם ערך. איך גיי איצט צו גוזיקן״.

„עפּעס ממשותדיקס?״ — האָט ער געפרעגט.

„אין דעם ערך״ — האָב איך געענטפערט.

שכנא זאַגאַן האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע. איך האָב זיך דערמאָנט אין בערנאַרדן און געפרעגט זאַגאַנען, צי ער בלייבט אין וואַרשע, אָדער ער גרייט זיך אַוועקצוגיין צו דער גרענעץ. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטון מיט תרעומות מיט זיין גאַנצן גרויסן גוף: „שכנא זאַגאַן וועט נישט איבערלאָזן די מחנה!״ — האָט ער געזאָגט ערנסט — „שכנא זאַגאַן וועט זיין דער לעצטער נאָך דער מחנה״.

„איר זענט צו פּאָפּולער אויף צו בלייבן דאָ״ — האָב איך געפּרוּווט.

„טאָקע דערפאַר בלייב איך. ס׳איז נישט קיין קליינער נסיון. איך וועל נישט דעזערטירן פון די קיכן, פון די חברים, פון דער באַוועגונג. איצט בלייב איך דאָ!״

„וואָס וועט דאָ ווערן?״ — האָב איך געפרעגט נאָך אַלץ שטייענדיק הינטער דער טיר.

זאַגאַן איז געוואָרן ערנסט: „איצט זענען מער נישטאָ קיין אילוזיעס. אין די נאָענטסטע וואָכן וועט מען אונדז אָפּשליסן אין אַ געטאָ. דאָס וועט זיין דער אָנהייב פונעם סוף. די פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט וועט ווערן שווער. דאָס זעלבסטגעפיל פון די מאַסן וועט זיכער ווערן שווער. פאַר גאָרנישט דאַרף מען אַזוי מורא האָבן ווי פאַר דער רעזיגנאַציע פון די מאַסן. איך האָב מורא צו טראַכטן ביזן סוף...״

ס׳איז פּלוצים געוואָרן אַ בהלה. פון דער זייט פון טלאָמאַצקע זענען אָנגעלאָפן יידן מיט אַ געשריי: „מען כאַפּט!״. די וועלכע זענען געשטאַנען ביים טויער, האָבן זיך געשטופּט אין הויז אַריין. די בהלה האָט זיך איבערגעטראָגן אויף די טרעפּ. זאַגאַן איז געבליבן אין טויער און איך ביז אַרויף אויף די טרעפּ. מער האָב איך זיך מיט אים נישט געטראָפן. דאָס איז געווען אונדזער לעצטער שמועס. שכנא זאַגאַן, דער וויצע־פּאַרזיצער פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע, איז געבליבן צוזאַמען מיט די פּאַר וועלכע ער איז געווען אַ פאָטער און אַ ברודער.

אַרייַנבאַקומען זיך אין לאָקאַל פון „דזשאָינט" איז געווען קריעת ים־סוף. די טיר איז געווען געשלאָסן. נויטבאַדערפטיקע יידן האָבן זי באַלאַגערט. זיי האָבן אין דעם לאָקאַל געזען זייער רעטונג. זיי האָבן געקלאַפּט אין דער טיר און איך האָב געקלאַפּט אין דער טיר — און זי האָט זיך נישט געעפנט. איך האָב אָנגעהויבן קלאַפּן אין דער טיר אַלאַרמירנדיק. דער טיר־שומר האָט געעפנט אַ שפּאַרע און אַרויסגעשריגן מיט כעס: „וואָס פאַר אַ חוצפּה?!"

„דרינגענד רוף צו דעם דירעקטאָר גוזיק!" — האָב איך אויסגערופן. זייטיקע מענטשן אַרום האָבן מיר צוגעהאָלפן, אַז אויב איך בעט צורופן גוזיקן, איז מסתמא זייער וויכטיק. דערווייל האָבן זיי אַרייַנגעשטעקט פיס אין דער שפּאַרע פון דער אָפּגעלענטער טיר און דער שומר קען שוין די טיר נישט צומאַכן. אַ האַסטיקער שטופּ און איך ווער געטראָגן פון די מענטשן, וואָס זענען הינטער מיר. איך בין שוין אינעווייניק. די צימערן זענען אָנגערויכערט און דומפּיק. אויך דאָ באַגעגן איך באַקאַנטע פּנימער. צווישן זיי דאָס פּנים פון סאָניא נאָוואָגרודזקאַ. זי שטייט צווישן אַ גרופּע יידישע לערער. ווייזט אויס, אַז זי וואַרט שוין אויף מיר. עס דער־נענטערט זיך צו מיר דער ציוניסטישער טוער, אַ מיטגליד פונעם וואַרשעווער שטאָטראַט קירשנבוים. מיר האָבן זיך געקענט פון פאַר דער מלחמה. ער האָט גע־ווּוסט, אַז איך בין געהאַט אַוועק פון וואַרשע, און ער פרעגט מיר דיסקרעט. „איר זענט צוריקגעקומען קיין וואַרשע? איר זענט פון זינען אַראָפּ?" איך האָב אים געענטפערט אַזוי: „טוט אַלץ איך זאָל שוין אויפגענומען ווערן פון גוזיקן. דאָס איז וויכטיקער פון מיין ענטפער אויף אייער פראַגע".

קירשנבוים איז געווען אַ געניטער סוחר. פון מיינע ווערטער האָט ער זיך אָנ־געשטויסן, אַז עפּעס וויכטיקס ברענג איך מיט זיך, און ער איז אַוועק צום קאָרי־דאָר, ווו עס האָט זיך געפונען דער קאַבינעט פון דעם דירעקטאָר גוזיק. ער האָט גאָרנישט געפועלט. די מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט ביי דער טיר אָנצוקומען צו גוזיקן, האָבן קיינעם נישט געגלויבט. אַלע דאַרפן צו אים, דאַרף זיין אַ ריי, אַלע לויט דער ריי. קירשנבוים איז געווען אוממעכטיק. ווי קען מען קעמפן קעגן ליידנדיקע מענטשן? אלע ליידן. איך האָב אים אויסגעמיטן, צו צו דער טיר און נישט פרעגנדיק ביי קיינעם אַריין אינעווייניק. „איר מוזט וואַרטן לויט דער ריי!" — האָט זיך גוזיק אויפגעשטעלט פון זיין פאָטעל הינטערן שרייבטיש. „ביין" — האָב איך אים דערווידערט — „איר וועט אַזוי גוט זיין אַרויסבעטן אויף אַ מינוט די, וואָס זיצן דאָ ביי אייך. דער ענין איז ברענענדיק. גיטערמאַן!" — האָב איך אָקצענטירט דעם נאָמען.

גוזיק האָט רעזיגנירט. ער האָט איבערגעבעטן די מענטשן, וועלכע זענען געזעסן ביי זיין טיש. ווען זיי זענען אַרויס פון צימער, האָב איך איבערגעדרייט דעם שליסל אין דער טיר און זאָגנדיק, אַז איך האָב געבראַכט געלט־מיטלען פון גיטערמאַנען אין ווילנע, האָב איך זיך אָנגעהויבן אויסטון. גוזיק איז געשטאַנען אַ פאַרבליפטער. עפּעס האָט ער יאָ באַגריפן און עפּעס האָט ער נישט באַגריפן. ער האָט געשוויגן. איך האָב זיך פריער נישט געהאַט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז איך בין אָנגעטון אין אַזוי פיל העמדער און סוועטערס. איך האָב זיך אויסגעטון ווי אַ ציבעלע. די לעצטע צוויי סוועטערס, וואָס איך האָב געטראָגן אויפן לייב,

האָב איך אויסגעטון ווי אַ פּאַנצער. „גיט מיר אַ שערל" — האָב איך געבעטן. גוזיק האָט פון שופלאָד אַרויסגענומען אַ שער און זי מיר דערלאַנגט. איך האָב אויפגעטרענט די נעט פון די צוויי צונויפגענייטע סוועטערס און פון צווישן זיי אָנגעהויבן אַרויסשלעפן פּאַפּירן, בריוו, קוויטלעך, צייכנס. „נעמט אַ בלייפעדער און שרייבט, עס זאָל זיין קלאָר, וואָס יעדעס בריוול מיינט. אויפן טיש האָב איך אַוועקגעלייגט אַ היפש פּעקל געלט און אָנגעהויבן אָפּציפערירן די געלט־בריוו: נ3 מיינט דעם נאָמען... און איך לייען אַרויס פון דער רשימה דעם שיפרירטן אַדרעס, ווו דער „דזשאָינט" דאַרף באַקומען פאַר דעם געבראַכטן בריוו הונדערט טויזנט גילדן. ב3 מיינט דעם נאָמען פון דער פרוי... פאַר דעם בריוו וועט זי איינצאָלן אין „דזשאָינט" הונדערט און פערציק טויזנט גילדן... דער סימן 222× איז דער נומער פון אַן אויטאָ, דאָס איז אַ סימן פאַר דער פרוי... זי זאָל אויסצאָלן הונדערט טויזנט גילדן... און דאָס איז אַ בריוו וועגן אַרויסראַטעווען דעם רבין... געלט וועט איינצאָלן... יוד... דאָס איז דער צייכן פאַר דעם נאָמען פון אַ חסיד אויף די נאַלעווקעס, וואָס וועט דעקן די הוצאות פאַרן אַרויסבאַקומען דעם רבין פון פוילן אין דער שווייץ. דער פרוי... דאַרף מען זאָגן דעם סימן, אַז איר פאָטער ע"ה איז געשטאָרבן דעם צווייטן טאָג אין חודש חשון, וועט זי אויסצאָלן צוויי הונדערט טויזנט גילדן...

מיין שיפער האָט גוט געאַרבעט. נאָך אַ האַלבער שעה בין איך געווען פאַרטיק מיטן איבערגעבן אַלע דיספּאָזיציעס.

איך בין געשטאַנען אַ האַלב נאַקעטער איז מיר נישט געווען הייס אָבער גוזיק איז געווען באַגאָסן מיט שווייס. קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט פאַרשריבן האָט ער איבערגעחזרט: „צי האָט איר נישט געמאַכט קיין טעות מיט אָפּציפערירן די אַדרעסן און די געלט־סומעס?". „איך האָף אַז נישט" — האָב איך אים פאַרזיכערט — „אויב עפּעס פון דעם אַלעמען וועט נישט קלאַפּן, געפינען איך זיך אויפן אַדרעס..." איך האָב אָנגעשריבן דעם אַדרעס פון קאַזדאַנס דירה.

גוזיק איז געווען אַ קאַלטער מענטש. דאָך די סצענע האָט שטאַרק געווירקט אויף אים. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך האָב אויפגעטון אַ גרויסע זאַך. ער וועט אַריינבאַקומען א מטמון מיט געלט, אויב אַלע בריוו וועלן אויסגעצאָלט ווערן. מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער צונויפגענומען די בריוו, די קוויטלעך און דאָס פּעקל געלט און עס אַריינגעלייגט אין שופלאָד.

„איך בין זיכער, אַז ביי דעם מצב אין שטאָט וועט איר זיין געניג דיסקרעט" — האָט ער זיך באַוואָרנט און איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס בעט איך ביי אים, ווייל איך וויל אַ לעבעדיקער צוריק זיך אַרויסבאַקומען פון וואַרשע.

ווען איך בין אַרויס פון גוזיקס קאַבינעט, האָבן מיר די וואַרטנדיקע מענטשן באַלאַגערט. איך בין נשתומם געוואָרן צו הערן, אַז זיי ווייסן מיט וואָס איך בין געקומען. איינער האָט געפרעגט: „איר האָט געבראַכט אַ סך?" דער צווייטער: „מאַכט נישט דעם אָנשטעל. נישטאָ קיין סודות. מ'עט עפענען די קיכן?" אַ דריטער: „איר האָט געדאַרפט טיילן דירעקט, וואָלט אָנגעקומען מער". איך האָב נישט רעאַגירט און אַנטלאָפן. סאָניאַ האָט מיך דעריאָגט: „דריי אַזייגער ביי בערנאַרדן" — האָט זי מיר געזאָגט און מיך געלאָזט אַוועקלויפן.

פון דער מינוט ווי איך בין אַוועק פון „דזשאָינט״, האָב איך מער קיין רו נישט געהאַט. ווי פון דער לופט וואָלטן זיך מענטשן דערוווסט, אַז איך בין געקומען פון ווילנע, זענען פרויען געקומען צו מיר — אַזעלכע פאַר וועלכע איך האָב געהאַט בריוו און גרוסן און אַזעלכע, פאַר וועלכע איך האָב גאָרנישט געהאַט און אַפילו נישט געקענט זיי און זייערע נאָענטע, אויף וועמען זיי האָבן געפרעגט. עס איז געקומען צו מיר די פרוי פון יוסטמאַנען. איך האָב איר איבערגעגעבן אַ גרוס פון איר מאַן. איך האָב זי דערמוטיקט, זי זאָל נעמען די קינדער און זיך אַוועקלאָזן צום בוג. זי האָט מורא געהאַט. מיט מיידלעך אין אַזאַ שווערן וועג. ס׳איז ווינטער. פרעסט. מענטשן דערציילן שרעקלעכע זאַכן וועגן די גרענעצן. ווו נעמט מען כוח פאַר אַזאַ שווערן וועג. אפשר וועט גאָט העלפן און די מלחמה וועט זיך שנעל ענדיקן. זי האָט זיך נישט דערוואַרט.

מיין שוועסטער, וואָס אין איר וווינונג זענען די מענטשן זיך צוזאַמענגעקומען, האָט געציטערט פון שרעק. דער קריסטלעכער הויזוועכטער זעט אַזוי פיל מענטשן גיין צו איר. עס קען געשען אַן אומגליק. דאָס דריי־יאָריקע מיידעלע פון מיין שוועסטער האָט זיך פון דער גרויסער צאָל מענטשן דערשראָקן און געוויינט אָן אויפהער. איר געוויין איז פאַר מיר געוואָרן אַ וואָרענונג און איך בין אַנטלאָפן פון דעם הויז.

צו בערנאַרדן אין הויז, אין שכנות, אויף נאָוואָליפיע 12, בין איך געקומען אַ דערשעפטער. איך בין נישט געווען פעאיק איינצוזאַפן אַזוי פיל טרערן, וויפל איך האָב געזען אין די פאָר שעה. בערנאַרדס דירה איז געווען אויסגעליידיקט. די ווענט שוואַרץ, מיט סאַזשע. דורכן פענצטער האָב איך געזען דאָס שכנותדיקע אָפגעברענטע הויז, נאָך פון דער באָמבאַרדירונג. דאָס גאַנצע מעבל אין בערנאַרדס הויז איז באַשטאַנען פון אַ פאָר ווינער שטולן און אַ קיך־טישל. ס׳האָט זיך געפילט דער ריח פון אַן אַלטער פאַרלאָשענער שריפה. מיט די הענט אין די קעשענעס האָט בערנאַרד אַרומשפאַצירט איבער דעם ליידיקן צימער ווי אין אַ תפיסה־קאַמער. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָפגעשטעלט, מיר אָנגעקוקט און געזאָגט „אַזוי איז עס, צאַנין״ און ווייטער שפאַצירט. ס׳איז אַריינגעקומען אַבראַשאַ. ווען איך האָב אָנגעהויבן שרייבן וועגן מיין שליחות, האָב איך נאָך געהאָפט, אַז אַבראַשאַ לעבט און דעריבער האָב איך צוליב דיסקרעציע אים נישט געוואָלט אָנרופן ביי זיין פאַמיליען־נאָמען. איבעריקנס איז שוין אַבראַשאַ דעמאָלט געווען אַזוי גרויס, אַז בלויז דער איינציקער נאָמען — אַבראַשאַ — האָט געקלונגען ווי דער נאָמען פון איינעם פון די ל״ו־צדיקים. אין מיטן פון שרייבן די ווערטער איז צו מיר דערגאַנגען, אַז אויך ער איז שוין אומגעקומען. אומגעקומען אויף קידוש השם — אַבראַשאַ בלום איז געווען זיין פולער נאָמען. ער איז געפאַלן אויף די באַריקאַדן פון וואַרשעווער געטאָ.

בעת דער דרייוואָכיקער באַלאַגערונג פון וואַרשע, איז באַשאַפן געוואָרן אַ לעבעדיקער מיטאָס, וואָס איז פון גוטסקייט אויסגעפאָרמירט געוואָרן אין פייער פון שריפות. דער מיטאָס איז אַבראַשאַ. בעת די דייטשן האָבן באָמבאַרדירט וואַרשע, האָט אַבראַשאַ מיט זיין פאַמיליע עטלעכע מאָל פאַרלוירן דעם דאַך איבערן קאָפ. יעדעס מאָל האָט ער פון דער שריפה ווייניקער אַרויסגעראַטעוועט

ביז ער איז געבליבן אַזוי אָרעם, אַזוי אָרעם, אַז זיין קינד איז געבליבן אָן אַ מלבוש אויפֿן לייב און אָן אַ פּאָר שיכלעך אויף די פיס. ווייל דאָס לעצטע מאָל האָט ער דאָס קינד אַרויסגעראַטעוועט פון אַ ברענענדיק הויז בייגאַכט. די דייטשע באָמבעס האָבן פאַרברענט הייזער, צעשטערט גאַנצע קוואַרטאַלן, אָבער אַבראַשאַס בטחון האָבן זיי נישט אַנגערירט. אַ שעה נאָך דעם ווי זיין פאַמיליע האָט אַלץ פאַרלוירן, איז ער שוין געזעסן אויף אַ באַראַטונג ווי אַזוי צו העלפן אַנדערע, וואָס זענען פונקט אַזוי אויסגעברענט געוואָרן ווי זיין פאַמיליע. אין דער אַרבעטער־היים, אויף דלוגע 26, האָט אַבראַשאַ בלום אַליין צוזאַמענגע־שלעפּט פּראָדוקטן, אַליין געקאָכט די זופּן, אָפּגעהיט דאָס געקעכץ זאָל חלילה נישט צוברענען און אַליין דערלאַנגט די שפּייז צו הונגעריקע.

ווען אַבראַשאַ איז אַריינגעקומען צו בערנאַרדן אין הויז, האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז עס קומט אַריין אַ נזיר. הויך, אויסגעמאָגערט, דאָס פּנים בלייך און אויסגעצויגן. די דאַרע נאָז און די דינע ליפּן דריקן אויס עקשנות. דורך די ברילן האָבן אַדורכגעקוקט צוויי אַ ביסל פאַרזשמורעטע פאַרשנדיקע אויגן. ער האָט אַריבערגעלייגט זיין אָרעם איבער מיין פּלייצע און געשמייכלט צו מיר מיט גרויסע ווייסע ציין.

„וואָס מאַכט נח?... מסתמא נישט געזונט אין אַזאַ צייט?... איז ער גע־זונט?... כסדר קראַנק, האַ?.... אָט גייט אַרטור".

די אַנטפּלעקונג פון אַרטור זיגעלבוים

ס'איז אָנגעקומען אַרטור זיגעלבוים. ער איז אַלע מאָל געווען אַ סענטימענ־טאַלער. זענען מיר זיך אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס. נישט געוווסט פון וואָס מען הייבט אָן. בערנאַרד האָט מורא געהאַט פאַר סענטימענטאַליזם (וואָרום ער איז אַליין געווען סענטימענטאַל) און ער האָט אַ סוף געמאַכט צו דער סצענע: „נו, גענוג געבוג. איר וועט זיך אַזוי האַלטן ביז ס'וועט אָנקומען די צייט פון דער שפּערע?" מיר האָבן זיך באַפרייט פון די אָרעמס. אַרטור, נישט ווייזנדיק זיין פּנים, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַ לאַנגע מינוט געבליבן דאָרט שטיין מיט די פּלייצעס אין צימער אַריין.

היינט ווייסט די וועלט וועגן דער גרויסקייט פון אַרטור זיגעלבוים. איצט וועט ער באַזונגען אין לידער און פּאָעמען ווערן אים געווידמעט. אָבער זיין גרויסקייט איז נישט אין זיין לעצטן אַקט — אין זיין פּראָטעסט־זעלבסטמאָרד. ווען ער האָט אין לאָנדאָן אויסגעטרונקען דעם בעכער גיפט און אויסגעשריגן צו דער וועלט: מיין פאָלק ווערט אויסגעקוילעט! — איז עס געווען בלויז דער דראַ־מאַטישער פינאַל פון זיין האַסטיקן אויפבלי אין דעם אומגליק פון זיין פאָלק. אַ מענטש ווערט נישט פּליצים גרויס. אויב ער טראָגט נישט אין זיך דעם קערן פון גרויסקייט

דעם 7־טן סעפּטעמבער 1939, ווען דער באַפעל צו עוואַקואירן וואַרשע און לאָדזש האָט אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל אונדזער יידיש לעבן, ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט פאַרלאָזט וואַרשע, האָט געשלאָגן די שעה אַרטור זי־

געלבוים זאָל פאַרנעמען זיין היסטאָרישע פּאָזיציע. אים איז געווען באַשערט צו ווערן דער אויסדריקער פון דעם ווילן פון די יידישע מאַסן אין זייער נסיון. ביז די דייטשע באָמבעס האָבן איבערגעריסן דעם עלעקטרישן שטראָם אין וואַרשע, האָט אַרטור טאָג־טעגלעך אַרויסגעגעבן די „פאָלקסצייטונג". נישט מיט אותיות איז די צייטונג געווען געדרוקט נאָר מיט לעבעדיקע מענטשלעכע קעמערלעך, וואָס האָבן גערופן אומדערמידלעך: יידן, פאַרטיידיקט אייער כבוד און אייער לעבן! יידישע אַרבעטער, פאַרטיידיקט אייער באַסטיאָן קעגן דער היטלערישער חיה! כל זמן דער אָטעם איז פאַראַן — צום געווער! צום געווער!

יידישע יונגע יידן האָבן געשטראָמט צום ווערביר־פונקט אין פּאַלאַץ מאָס־טאָווסקיך אויף פּשעיאַזד־גאַס. דאָרט איז געשטאַנען אַרטור זיגעלבוים און גע־רופן צו די אָנקומענדיקע יידישע פרייוויליקע: „ווען אַפילו עס זאָלן אויספעלן ביקסן, באַוואָפנט זיך מיט דרענגער און לאָפּאַטעס צו פאַרטיידיקן אונדזער פרייהייט און דאָס לעבן פון אונדזערע פרויען און קינדער! וואַרשע איז די באַס־טיליע פון אונדזער פרייהייט!"

דער אימפּעט, מיט וועלכן עס האָט דעמאָלט געלעבט דאָס קעמפנדיקע וואַרשע, איז געוואָרן דער אימפּעט פון אַרטור זיגעלבוים. ער איז געווען אויף דער גאַס וואַרעצקי נומער 7, אין לאָקאַל פון פּ. פּ. ס.־ישן „ראָבאָטניק" און אין די קעלערן פון דעם „פּרודענציאַל"־בנין, ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער פאַרטיידיקונג פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט. אַרטור האָט די פאַרטיידיקונג פון וואַרשע גענומען אויסטערליש פּערזענלעך. דאָס פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע האָט זיך ביי אים פאַרוואַנדלט אין אַ פּערזענלעך אינטים געפיל און אין אַ ריזיקער אַמביציע, נישט צו דערלאָזן דעם שונא צו פאַרנעמען די שטאָט. ווער עס האָט אין יענע טעג נישט געזען אַרטור זיגעלבוים, דער האָט אין זיין לעבן נישט געזען אַ מענטש, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אידעע.

אָט פון דעם טיפן איבערלעבן האָט זיך אַרטור זיגעלבוים מער נישט באַ־פרייט. אַזאַ איז ער געבליבן, ווען ער איז אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין איינער פון די זאַקלאַדניקעס פון דער הויפּטשטאָט און מיטגליד פון יודענראַט און אַזאַ איז ער אויך פאַרבליבן, ווען ער איז שפּעטער געווען מיטגליד פון פּוילישן נאַציאָ־נאַל־ראַט אין לאָנדאָן.

ביי אָט דעם ערשטן צונויפטרעף מיט די, צו וועלכע איך האָב אויסגעפירט מיין שליחות, האָט אַרטור נישט געקענט אויסרעדן אַ וואָרט. אויף אויסצובאַהאַלטן זיינע געפילן איז ער געשטאַנען מיטן פּנים צום פענצטער, די אָרעמס אַראָפּגעלאָזט שווער, הגם מער ווי אַן אויסגעברענט הויז איז דורכן פענצטער נישט געווען צו זען. דער צונויפטרעף איז געווען אַ נישט פאָרמעלער. אַבראַשאַ האָט אַרויסגע־בראַכט דאָס פּעקל פּאַפּירן און דאָקומענטן, וואָס איך האָב צוליב פאָרזיכטיקייט איבערגעלאָזט ביי סאָניען. איך האָב די דאָקומענטן אויסגעסדרט וועדליג זייער וויכטיקייט, אויסגעשיפרירט די אַדרעסן לויט דעם שיפער, וואָס איך האָב געהאַט פאַרשריבן אויף דער זייט פון מיין העמד און איבערגעגעבן בערנאַרדן, ער זאָל איבערלייענען דאָס בריוועלע פון נחן. דער סענטימענטאַלער בערנאַרד האָט נישט

געהאַט קיין כוח צו לייענען און ער האָט עס איבערגעגעבן צו אַבראַשאַן. אַבראַשאַ האָט געלייענט: „איך ווייטיק וואָס איך בין נישט מיט אייך, כאָטש קיין איין מינוט וועט מיין לעבן מער נישט געהערן צו מיר. איך בין מיט אייך מיט מיין נשמה און מיט מיינע געדאַנקען, וואָס וועלן אייך באַגלייטן אויף די וואַרשעווער גאַסן, אין די קעלערס און אויף די בוידעמער, וווהין איר, טייערע חברים, וועט געטריבן ווערן דורך דעם גרויזאַמען שונא".

איך האָב פאַר די אָנוועזנדיקע אויפגעקלערט, אַז אַנשטאָט מיר האָט קיין וואַרשע געדאַרפט קומען שלמה מענדעלסאָן, אָדער חיים וואַסער, וואָס נישט דער ערשטער און נישט דער אַנדערער וואָלטן דעם וועג קיין וואַרשע דורכגעמאַכט. מיר איז געגעבן געוואָרן דער זכות צו העלפן שאַפן אַ קליינע עפענונג אין דער שוואַרצער נאַכט, אַן עפענונג דורך וועלכער דאָס דערדריקטע יידישע וואַרשע און דורך איר אַלע יידישע קהילות אין דער היטלערישער געפאַנגענשאַפט, זאָל קענען אַרויסשרייען זייער ווי אין דער ברייטער וועלט אַריין און אין דער ערשטער ריי אין דעם נאָך פרייען ליטע.

פלוצים האָט זיך אַרטור אויסגעדרייט מיטן פנים אין צימער אַריין. מיט שוועריקייט האָט ער איינגעהאַלטן זיין רו. ער האָט געזאָגט אַזוי:

„ביסט גערעכט. מיר לעבן איצט אין אַ נאַכט, וואָס איז נישט צו געפינען אין קיין שום פנקסים, אין קיין שום זכרונות פון אונדזער לאַנגער געשיכטע. אין אָט דער נאַכט דאַרף מען אַנדערש רעדן וועגן אַלץ, וואָס האָט צו טון מיטן לעבן. עס זענען קאַטעגאָריעס פון לעבן, וואָס מיט אַזעלכע זענען יידן נאָך נישט גע־פרווט געוואָרן. מיר לעבן נישט, באַר מיר ראַנגלען זיך כסדר נישט צו שטאַרבן, נישט אויסצוגיין. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער אונטערערד, כדי דאָרט אויפצוהאַלטן דעם פונק פון קיום, אַז טאָמער וועלן זיך צוריק שאַפן מעגלעכקייטן פאַר לעבן, זאָלן מיר דעם פונק קענען צוריק אויפבלאָזן. אַז דו וועסט צוריקקומען אַ לעבעדיקער קיין ווילנע, זאָלסטו זאָגן די חברים: אונדזער ווילן איבערצולעבן איז אַזוי גרויס, ווי ס׳איז גרויס די ברוטאַלקייט פון דער געסטאַפּאָ אונדז צו פאַר־ניכטן. מיר קענען זיך נישט מאַכן קיין שום אילוזיעס בנוגע דעם, אַז די געסטאַפּאָ האָט אַ גוט אויסגעאַרבעטן פּלאַן אומצוברענגען די יידן אונטער דער היטלערישער אָקופּאַציע. דער דאָזיקער פּלאַן דאַרף זיין פאַר אַלעמען אַזוי קלאָר, ווי ער איז פאַר אונדז! דער פּלאַן פון דער געסטאַפּאָ איז אַ מעטאָדישער. אין דער ערשטער פּאַזע וויל זי צעברעכן אונדזער ווילן צו לעבן דורך דערנידעריקן אונדז אין אונדזערע אייגענע אויגן. אויף דעם האָט זי כוח, פונקט ווי די היטלערישע מאַשין האָט געהאַט כוח איינצונעמען וואַרשע. אויב די פּוילישע אַרמיי האָט מיט איר באַ־וואָפענונג נישט געקענט זיך קעגנשטעלן דעם שונא, ווי קענען מיר, אומבאַוואָפנטע און אָן דער הילף פון דער וועלט, זיך קעגנשטעלן דעם שונא?

„כדי אונדז צו דערנידעריקן אין אונדזערע אויגן, דאָס לעבן זאָל אונדז נמאס ווערן. קומט דער געסטאַפּאָ־שעף יעדן טאָג אין דער יידישער קהילה אויף אַרויס־צוגעבן באַפעלן. ער איז זיך נוהג אַזוי: ער לייגט אַרויף זיין באַהייקע אויפן שרייב־טיש פון אינזשיניער טשערניאַקאָוו און ער דיקטירט באַפעלן. ער דיקטירט

די באַפעלן ווי געבאָטן און ער באַליידיקט שווער מיט די עקלדיקסטע ווערטער. שפּעטער, ווען די באַפעלן זענען איבערגעגעבן געוואָרן צום וויסן פון דער יידי־שער באַפעלקערונג, קומט דער געסטאַפּאָ־שעף ווידער, לייגט אַרויף די נאַהייקע אופן שרייב־טיש און שעלט מיט באַליידיקנדיקע קללות און ציט צוריק די באַפעלן, וואָס ער האָט נעכטן געגעבן. אויף זייער פּלאַץ גיט ער פונקט קאַפּויערדיקע באַפעלן, אָבער אויף די גאַסן פון וואַרשע ווערן די יידן געפּייניקט, פאַרוואָס זיי פירן נישט אויס באַפעלן, וועגן וועלכע זיי האָבן קיין מאָל נישט געהערט.

„אינזשיניער טשערניאַקאָוו איז גרויס אין זיין באַהערשטקייט. קיין שום מענטש אויף דער וועלט האָט נאָך אַזאַ קאַלטע רואיקייט אין אַזעלכע באַדינגונגען נישט אויפגעהאַלטן, ווי טשערניאַקאָוו. ער ווייסט צו וואָס די דייטשן גרייטן זיך. אויב דו ווייסט דערלעבן צוריקצוקומען קיין ווילנע שריי אַזוי הויך ווי דו ווייסט קענען וואָס די דייטשן גרייטן זיך צו טון מיט די יידן. טשערניאַקאָוו נעמט אויף די זידלערייען און קללות אַזוי ווי ער וואָלט זיי וועלן פאַרשפּאָרן פון די פּשוטע יידן אויף די וואַרשעווער גאַסן. די מיטגלידער פון יודענראַט, פון אַלע שיכטן און קלאַסן, ווי דער געסטאַפּאָ־שעף האָט זיי באַשטימט, האַלטן זיך אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר פאָרשטייער און זאַקלאַדניקעס פון אַ באַזיגט אָבער שטאָלץ פאָלק. עס איז ביי אַלע מיטגלידער פון דער קהילה לעבעדיק דאָס געפיל, אַז די געשיכטע קוקט אויף זיי און זיי פירן זיך אויף ווי זיי וואָלטן שפּעטער געדאַרפט אָפּגעבן דער געשיכטע אַ דין־וחשבון. בלויז איין־איינציקער פון יודענראַט האָט זיך אַרויסגעבראָכן. אויף איינער אַ זיצונג איז ער געקומען מיט אַ פאָרשלאַג, אַז די קהילה־פאַרוואַלטונג זאָל זיך ווענדן צו דער דייטשער מאַכט צו עוואַקואירן אַלע יידן פון דעם שטח פון גענעראַל־גוווערנעמענט. אַלע, אַלע אויף דער זיצונג האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז דער עוואַקואַציע־פאָרשלאַג איז נישט די המצאה פון דעם מיטגליד פון יודענראַט. דורך זיין מויל האָט גערעדט עמעצער אַנדער. אין זיצונגס־זאַל איז געוואָרן אַזוי פיינלעך שטיל, ווי ביי אַלע וואָלט אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. די לעבעדיקע אָרום טיש האָבן געשוויגן פונקט אַזוי ווי עס האָבן געשוויגן די טונקעלע פאָרטרעטן פון די אַלטע קהילה־פּרנסים אויף די אַרומיקע ווענט. נאָך אַ צען מינוט פון אַזאַ שווייגן האָט דער ברענגער פונעם עוואַקואַציע־פּראָיעקט זיין פאָרשלאַג צוריקגעצויגן. אַלטע יידן, גרויבערדיקע, באַלעבאַטישע מיטגלידער פונעם ראַט האָבן געוויינט ווי קינדער.

„מיר האָבן אַ סך כוח. די וואַרשעווער יידישע באַפעלקערונג, די יידישע פּאָלקסמאַסן האָבן גלויבן. די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פאַרקאָנספּירירן זיך און אָרגאַניזירן אַ געוויסע פאָרם פון לעבן אויף אַנצוהאַלטן די אמונה אין לעבן. אָבער דער שונא האָט ראַפינירטע מיטלען, אויסגעמאָסטענע און אויסגעפּרוווטע. ער קען גענוי די שוואַכע פונקטן אין דער מענטשלעכער פּסיכיק און ער האָט דאָס געוואוסט צו טרעפן אין די שוואַכע פונקטן. פאַר דעם האָב איך מורא! דער וואָס איז אין דער לאַגע פון פאַרטיידיקן זיך, ווייסט קיין מאָל נישט מיט וואָס און אין וועלכן אָרט דער שונא וועט אים אָנגרייפן. דאָס וואָס די געסטאַפּאָ האָט ביז הייַנט שוין דערגרייכט, איז דאָס באַוווסטזיין פון יעדן ייד אין געטאָ, אַז ער איז רעכטלאָז און הפקר. אַלע געזעצן פון אויסן זענען געווענדעט קעגן אים; דאָס געזעץ פון שוץ

ליגט בלויז אין זיינע נאַקעטע הענט. דאָס איז אַ שרעקלעך געפּיל. דער וואָס באַגרייפט דעם צושטאַנד — און אַלע באַגרייפן אים שוין — ווערט קודם כל מאָ־ראַליש אונטערמינירט און די באַציאונג צום אייגענעם לעבן ווערט אויסטערליש.

„אַ פּרווו פון דעם האָבן מיר שוין געהאַט בעת דעם ערשטן מאַסנמאָרד, וואָס די דייטשן האָבן דורכגעפירט אין דער שטאָט. פּאַר אַ טויער אויף נאַלעווקעס נו־מער 9, איז דערשאָסן געוואָרן אַ פּאָליציאַנט. די געסטאַפּאָ האָט אַרעסטירט אַלע מענער, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין דעם הויז נומער 9. זייער צאָל איז געווען 53. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום תחנונים — אַלע 53 זענען דערשאָסן געוואָרן. טשערניאַקאָוו האָט באַקומען אַ באַפעל פונעם געסטאַפּאָ־שעף, דער יודענ־ראַט זאָל יעדער פאַמיליע באַזונדער מודיע זיין וועגן טויט פון איר פאָטער, זון צי ברודער. דער יודענראַט האָט געדופן אַלע איבערלעבער פון דעם געטראָפענעם הויז. די מיטגלידער פונעם ראַט האָבן נישט געוואָלט זיין דערביי, נאָר די לאַסט אַרויפ־געלייגט אויף טשערניאַקאָוון, ער זאָל יעדער פאַמיליע אָנזאָגן די ביטערע בשורה. טשערניאַקאָוו האָט געבעטן מען זאָל אים נישט לאָזן אַליין; עס איז שווער פאַר איין מענטש אויסצוטראָגן אַזאַ לאַסט פון אָנזאָגן 53 מאָל וועגן טויט פון אַ נאָענטן, 53 מאָל אויסהערן דאָס וויסטע געשריי. איך בין געבליבן מיט טשערניאַקאָוון. יעדעס מאָל, ווען די טיר האָט זיך געעפנט און אַ פרוי איז אַריינגעקומען, האָט טשערניאַקאָוו שטיל געזאָגט: 'איך בין אייך דערמיט מודיע, אַז נעכטן אין דער פרי איז אייער מאַן דערשאָסן געוואָרן...' איך בין אייך מודיע, אַז נעכטן אין דער פרי איז אייער זון דערשאָסן געוואָרן'. אַזוי 53 מאָל.

„הערט, מיר זענען דורך טויזנטער יאָרן דערצויגן געוואָרן אויסצוהאַלטן ענויים, מיר האָבן זיך אויסגעלערנט איבערצוהאַלטן שטורעמס, וואָס קיין שום פאָלק וואָלט קיין מאָל נישט אויסגעהאַלטן, אָבער במשך פון טויזנטער יאָרן האָט נאָך קיינער נישט צוגעטראַכט אַזעלכע יסורים, ווי עס טראַכטן צו די דייטשן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

„דאָס אומגליק אויף די נאַלעווקעס האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף דער יידי־שער באַפעלקערונג. איינעם באַוווסטזיין פון יעדן איינציקן ייד פרעסט זיך איין דאָס געפיל, אַז מאָרגן, צי איבערמאָרגן, וועט ער ווערן פונקט אַזאַ קרבן ווי יענע. אמת, מיר האָבן גרויסע מאָראַלישע רעזערוון, אָבער מיר האָבן נישט גענוג ברויט אויף אונטערצוהאַלטן די פיזישע כוחות כדי צו האַלטן די מאָראַל אויף אַ הויכער מדרגה. מיר ווייסן, אַז די קיכן, וואָס מיר האָבן געשאַפן, זענען נישט נאָר אַ מיטל אויף צו זעטיקן הונגעריקע מאָגנס, וואָס פאַר זיך אַליין איז עס אַ גענוגנדיקער ציל. מיר ווילן דורך זאַטע מאָגנס אויפהאַלטן אַן אָרגאַניזירטן מאָראַלישן און פיזישן כוח. וואָס מער קיכן, וואָס מער שפּייז, וואָס גרעסערע מיטלען און אַלץ גרעסער וועט זיין אונדזער כוח איבערצוהאַלטן, און אַלץ העכער וועט זיין די מאָראַל אין אונדזער סביבה. אויב די געסטאַפּאָ זאָל ווייטער אָנווענדן דעם סיסטעם פון אויסהונגערן אונדז — דעמאָלט... דעמאָלט...

אין דערוואַרטונג

„גיט איבער אונדזערע חברים און דער גאַנצער יידישער פרייער וועלט, זיי זאָלן זיך היטן פאַר דעם, וועלכן מיר האָבן געהאַלטן פאַר איינעם פון די פיינסטע מענטשן אין דער יידישער סביבה — אינזשיניער י. זיין טעטיקייט איז געוואָרן פאַרדעכטיקט. איך האָב נאָך נישט קיין גענוגנדיקן יסוד צו באַשולדיקן אים אָפן. אויך צווישן יידן זענען שוין פאַראַן דעמאָראַליזירטע עלעמענטן, וואָס מיינען, אַז זיי וועלן זיך אָפּראַטעווען דורך דעם וואָס זיי וועלן דער געסטאַפּאָ צושטעלן קרבנות פון אַנדערע. אויך אָט די קללה באַקעמפן מיר דורך די קיכן. אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט שוין באַוויזן צונויפבינדן אַלע פעדעם און צוריק געשאַפן אַ גאַנצקייט, וואָס איז גוט פאַרקאָנספּירירט און איז צעטיילט אין קעמערלעך. אין אַ וויטפאַל וועלן זיי קענען האַנדלען זעלבשטענדיק. די נייעווירקלעכקייט האָט געשאַפן אַ נייעם טיפּ געזעלשאַפטלעכן טוער און נייע מעטאָדן פון אַרבעט. ליידער מוז איך אויסערלעך שטיין ווייטער פון דער אָרגאַניזאַציע. די געסטאַפּאָ האָט מיך באַשטימט ווי איינעם פון די זאַקלאַדניקעס פון דער הויפּטשטאָט און מיטגליד פון יודענראַט. איצט פאָדערט פון מיר דער געסטאַפּאָ־שעף, איך זאָל פאַר אים צונויפשטעלן אַ רשימה פון די יידישע פּאָליטישע טוער, וועלכע זענען געווען טעטיק אין פוילן פאַר דער מלחמה. עטלעכע מאָל האָט ער מיך גערופן צו זיך, עטלעכע מאָל האָט ער מיך אָפּגעשטעלט אין לאָקאַל פון דער קהילה און געפאָדערט די רשימה. דערווייל האַלט ער זיך „קאָרעקט" צו מיר; ער רעדט שטיל און זידלט מיך נישט. ער פאַרפירט מיט מיר שמועסן און ער וויל איך זאָל זיין דער הויפּט־רעדער. איך פיל: עס דערנענטערט זיך דער אויסברוך; די ערד הייבט אָן ברענען אונטער מיינע פיס. די „קאָרעקטקייט" פון דעם געסטאַפּאָ־שעף זאָגט נישט אָן קיין גוטס פאַר מיר. עס דערנענטערט זיך דער טאָג ווען איך וועל מוזן בעלם ווערן. ער קען קומען שוין היינט אָדער מאָרגן. איך האָב אַביסל נסיון; איך וואָלט נישט וועלן צעריבן ווערן מיט מיין נסיון, בעת איך קען אים אויסנוצן פאַר אונדזער פאָלק. איך מוז אַריבער די גרענעץ פון דייטשלאַנד אין דער ריכטונג פון מערב. אויך דעם פונקט וועסטו ברענגען פאַר אונדזערע חברים נאָך דיין צוריקקומען בשלום קיין ווילנע. די ריכטונג פון דער סאָוויעטישער גרענעץ עקזיסטירט נישט פאַר מיר. די אַרעסטן, וואָס די סאָוויעטישע מאַכט האָט אויסגעפירט צווישן די יידישע סאָציאַליסטן און בכלל צווישן יידן, איז אַן אויסערגעוויינלעכע הילף פאַר די דייטשן צו צעברעכן די מאָראַל צווישן יידן אויף זייערע געביטן. די סאָוויעטישע מאַכט העלפט צו צו שאַפן ביי יידן דאָס געפיל, אַז זיי זענען פאַרשפּילט פון אַלע זייטן און קיין רעטונג איז פאַר זיי נישטאָ. יידן, וועלכע קומען צוריק פון דער סאָוויעטישער זייט און דערציילן וועגן אַרעסטן און פאַרשיקונגען, פאַרשפּרייטן פאַטאַליזם: אויב עס איז באַשערט צו שטאַרבן, לאָמיר שטאַרבן אויפן אייגענעם בעט אין היטלערישן גיהנום, איידער אויף דער גאַס אויף דער סאָוויעטישער זייט. זאָג זיי דאָרט, די יידן אין ווילנע: דער באַוווסטזיניקער טייל פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, דער דענקענדיקער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן נישט פאַרלוירן די אמונה אין מענטש, אין

ייד, אין וועלט. די רעליגיעזע יידן זענען אומגעבראַכן אין זייער אמונה. אָבער די וועלכע קומען צוריק פון דער סאָוויעטישער זייט אַנטוישטע און זעען אומע־טום גיהנום און פינצטערניש — זייער השפעה איז אַ שרעקלעכע. זיי איז נישט געבליבן קיין ברעקל אמונה אין גאָרנישט! מיר האָבן נישט וואָס זיי צו געבן זיי זאָלן צוריקגעפינען זייער מאָראַלישע שטאַנדהאַפטיקייט".

אין דרויסן איז געוואָרן טונקל. אַבראַשאַ האָט אָנגעזאָגט, אַז עס דערנענטערט זיך די צייט פון דער שפּערע. ער האָט עס געזאָגט ווי ער וואָלט פּלוצים געהערט אַן אַלאַרם. מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט אויף צו מאָרגנס אין דער זעלבער צייט און איך בין אַוועק, איבערלאָזנדיק די דריי. אין דרויסן האָט געריסן אַ פּראָסטיקער ווינט. מענטשן זענען געלאָפן אייַנגעהויקערטע פון קעלט און אומרו. איך האָב געהאַט דורכצוגיין בלויז עטלעכע טויערן און איך בין געווען אין דער היים. אויפן הויף פון דעם זעלבן הויז, וווּ איך בין געווען ביי מיין שוועסטער, האָב איך באַגעגנט דעם יידישן שוישפּילער קורץ. ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ גרוס, אַז אַ גאַנצע טאָג האָט זיך נישט פאַרמאַכט די טיר אין דער דירה פון מיין שוועס־טער. קיין עין־הרע האַלב וואַרשע...

„וואָס הערט זיך ביי אייך, חבר קורץ?"

„אזוי ווי ביי אַלע יידן אין וואַרשע; אַ האָר נישט ערגער. איר האָט אפשר געהערט וועגן מיין זון אין ביאַליסטאָק?

„ניין, נישט געהערט".

„ווי אַ שטיין אין וואַסער אַריין — האָט קורץ אַ זיפץ געטון — די מוטער וועט עס נישט אויסהאַלטן".

„זאָרגט נישט — האָב איך אים געטרייסט — אויב נאָר אייער זון איז אָנגע־קומען קיין ביאַליסטאָק וועט ער ווי אַ מוזיקער נישט פאַרפאַלן ווערן. אויך די באָלשעוויקעס דאַרפן מוזיק, ווי אַ זיסע פיל צו די עמערס פיאַלון".

קורצס זון, אייגנטלעך זיין שטיף־זון, דער מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר שייע־וויטש, האָט שוין דעמאָלט געהאַט געמאַכט אַ גרויסע קאַריערע. שייעוויטש האָט אין זיינע קאָמפּאָזיציעס געהאַט אייראָפּעאישן פאַרנעם און יידישלעכן ליריזם. דאָס האָט אים פריי געמאַכט דעם וועג קיין מאָסקווע, וווּ ער האָט אויפגעבליצט ווי אַ קאָמעטע. וועגן דעם האָב איך זיך דערוווּסט שפּעטער, ווען איך בין צוריק־געקומען קיין ביאַליסטאָק. קורץ האָט פאַרדעכטיקט, אַז איך ווייס יאָ וועגן זיין זון, נאָר איך וויל אים נישט זאָגן. ער האָט מורא געהאַט, אַז אויך זיין זון איז צווישן די וואָס זענען געלאָפן צוריק קיין וואַרשע און אפשר איז מיט אים עפּעס געשען אויפן וועג.

„מיר האָבן געטראַכט גיין אויף יענער זייט. וואָס האָבן יידישע אַקטיאָרן צו טון אין דעם איצטיקן וואַרשע? נאָר אַז יידן לויפן אויך פון דאָרט, איז וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס גאַנצע לויפעניש?"

איך האָב אים געזאָגט: „קורץ, נעמט אייער ווייב און גייט, גייט! וואָס מער יידן דאַרפן גיין. דאָרט זענען גרויסע צרות, אָבער פאַר פּשוטע יידן זענען עס טרוקענע צרות. אין די הינטערגעסלעך קענט איר אויסמיידן די סכנות. איר גע־דענקט די לעצטע פּיעסע, אין וועלכער איר האָט געשפּילט, אין פּרעגערס „האָצמאַך"?

אַן אָרעמע כאַלאַסטרע, אָבער פריילעך. אויף די גאַסן אין ביאַליסטאָק קענט איר גיין אַ גאַנצע נאַכט, איר קענט זינגען די פריילעכע סאָוויעטישע מאַרשן, טרינקען קיפיאַטאָק בחצי חנם נאָר בתנאי, אַז איר זאָלט לייקענען, אַז איר זענט אַ סאָציאַליסט, אָדער וועלכער עס איז אַנדערס „איסט" אויסער אַ קאָמוניסט. פאַר אונדזערע מענטשן איז דאָרט שווער און ביטער, אָבער מיט אַ האָפענונג צו קענען זיך ראַטעווען. גייט, קורץ!"

קורץ האָט נישט געוואָלט הערן מיינע ווערטער. ער האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מיינע ווערטער גייען צוזאַמען מיט דעם וואָס יידן אַנטלויפן פון דער סאָוויעטישער זייט צוריק צו די דייטשן, „צו שטאַרבן אויף אַן אייגן בעט".

איך האָב אים נאָך אַמאָל געזאָגט: „קורץ, לויפט! איך קען אייך נישט דערקלערן געגוי ווי דאָרט איז דער מצב, נאָר יידן דאַרפן לויפן קודם כל אַרויס פון דעם גיהנום".

עס איז געוואָרן שפעט. ביי מיין שוועסטער אין שטוב האָבן נאָך געוואַרט אויף מיר פרויען, וואָס זייערע מענער זענען געווען אין ווילנע. צווישן זיי זענען געווען פרוי פערעגזאָן מיט איר זונעלע ניקאַ, היים פיזשיצעס פרוי און רעגינאַ שוואַרץ, די פרוי פון דעם זשורנאַליסט פנחס שוואַרץ. פאַר אַלע האָב איך געהאַט גרוסן, בריוו און געלט פון זייערע מענער אין ווילנע. פון די גרוסן איז אין שטוב געוואָרן פריילעך און לייכט. אַלע האָבן אויף אַ רגע פאַרגעסן די צרות, פאַרגעסן די אויסזיכטלאָזיקייט, אַזוי ווי דער נעכטן וואָלט פלוצים צוריקגעקומען נאָך אַ שווערן חלום. די פריילעכע שטימונג האָט נישט לאַנג געדויערט. רעגינאַ שוואַרץ האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער און אויסגערופן: „ס'איז שוין דריי פערטל זיבן!" ווי אַ זייפנבלאָז האָט געפּלאַצט די גוטע שטימונג. אין די אויגן האָט זיך צוריק באַוויזן דער אומרו, וואָס האָט די מענטשן געפרעסן גאַנצע טעג. די מוטערס האָבן געכאַפּט זייערע קינדער און נעלם געוואָרן. אין שטוב איז געבליבן אַ מוראדיקע פוסטקייט.

דורך די געשלאָסענע פענצטער האָט מען געהערט דעם קלאַפּ פון דעם הויזוועכטערס פאַרמאַכן דעם טויער. עס קומט נאָך איין אומרואיקע נאַכט אין וואַרשעווער געטאָ.

יענע נעכט אין געטאָ זענען נישט געווען קיין נעכט פון רו און שלאָף. די נעכט זענען געווען קראַנק. זיי האָבן זיך געראַנגלט אין קאָשמאַרן. צי וועט די נאַכט פאַרביי רואיק? זי קען נישט זיין רואיק. די נאַכט אין געטאָ איז אַ שטראָף. אַ האַסטיק קלאַפּן אין טויער האָט אַרויסגעריסן די איינוווינער פון די בעטן. אַלע זענען געווען גרייט. יעדער איז געווען זיכער, אַז דאָס מיינט מען אים. אַן אויטאָמאַטאָר האָט שטאַרק געברומט. שווערע זעלנערישע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין אַספאַלט פון הויף. צו וועמען? ווער איז דער קרבן? עס ווערט שטיל. שפּעטער דערוויטערט זיך דער גערויש פון אויטאָמאָביל. דער טויער פאַרקלאַפּט זיך. געלויבט צו גאָט — מען מיינט נישט מיך.

באַגינען, ווען יידן שטייען אויף מידע פון דער נאַכט, דערוויסט מען זיך: ביי אַ סוחר פון פאַרטיקע מלבושים האָט די געסטאַפּאָ געמאַכט אַ רעוויזיע: אויסגערוימט די גאַנצע סחורה, צוגענומען דאָס געפונענע געלט, צירונג און

ווערטפולע קלייניקייטן און דעם סוחר מיטגענומען מיט זיך. זעסט, בייגאַכט האָט קיינער אַפילו נישט געררופן נאָך הילף, נישט געשריגן, נישט געוויינט. צוגענומען אַ מענטש און — שוין. וועמען עס טרעפט — אַזאַ איז זיין גורל.

אין דער פרי זענען די גאַסן געווען הויך באַדעקט מיט שניי. די טונקעלע קאַרניזן פון די הייזער זענען באַזוימט מיט הויכע שניי־קעלנער. היימלאָזע טויבן טוליען זיך אונטער די באַלקאָנען. פרויען לויפן אַנטקעגן: „יידן, באַהאַלט זיך, מען כאַפּט". די יידישע מאַמעס, וואָס דער אינסטינקט צו שיצן זייערע קינדער איז ביי זיי שטאַרקער ווי ביי אַלע מאַמעס אויף דער וועלט, לויפן און שרייען אין די טויערן: „יידן, מען כאַפּט צו דער אַרבעט!"

אויף עק קאַרמעליצקאַ און נאַוואָליפּיע פאַנגען געסטאַפּאָ־לייט יידן, ווי מען פאַנגט חיות. פאַרשלאָפענע, צעשראָקענע, לאָזן זיך יידן אַרויס אין גאַס אויף צו פאַרדינען אויפן טאָג, ווערן זיי געכאַפּט ביי די קעלנער און די לעצטע פאַרשלאָפנקייט ווערט מיט נאַהייקעס אַראָפּגעהאַקט פון זייערע אַקסלען.

סך הכל פינף־זעקס דייטשן מיט די בלויזע באַגנעטן אין איין האַנט און אין דער צווייטער האַנט אַ נאַהייקע, האַלטן די וואַקסנדיקע מחנה יידן אין טויט־שרעק.

„יודע! יודע! יודע!"

זיי פאַנגען יידן מיט דעם וואָרט „יודע", וואָס ווירקט ווי אַ זעץ מיט אַ שטיין אין קאָפּ. מען קען נישט אַנטלויפן, די גלידער ווערן געליימט.

פאַר דעם סקוועער ביים דרייעק פון קאַרמעליצקאַ, נאַוואָליפּיע און מילנע שטייט שוין אַ גרייטע אַ מחנה יידן. די זעקס דייטשן צעשטעלן זיך פון די זייטן און פון הינטן און באַפעלן: „פאַראויס, יודען!" די יידן ווערן געטריבן דורך דעם חרוב געוואָרענעם מילנער געסל. אַ מחנה גרויע שאָטנס. איבערן פרישן שניי טרעטן זיי מיט שווערע קאַטאָרזשנע טריט, ווי פאַרמשפּטע צום טויט. אַן אומדער־וואַרטעטער גרילץ באַפעלט: „יודען, זינגען!" נאַהייקעס צעפּאַכען זיך איבער יידישע קעפּ: „יודען, זינגען!" אַ געשלאָגענער ייד וויינט יאָמערלעך, ווי אַן איינלייטונג צום געזאַנג וואָס דאַרף קומען. די מחנה יידן טוט זיך אַ שפּאַר צו דער וואַנט פון דער קאַפּליצע פון דעם עוואַנגעלישן שפּיטאָל. די נאַהייקעס צעפּאַכען זיך: „אָרדענונג, יודען!", „אָרדענונג, יודען!" יידן הייבן אָן זינגען: איינער — אַ ניגון פון ראש השנהדיקן דאַווענען, אַ צווייטער — אַ יידיש פאָלקסליד, אַ דריטער — אַ טעאַטער־קופּלעט. די נאַהייקעס שלאָגן: „אָרדענונג מוז זיין אויך אין זינגען. די מוזיקאַלישע דייטשן פאַרטראָגן נישט קיין דיסהאַרמאָניע.

אין יענער שעה בין איך געגאַנגען אין דער פאַרקערטער ריכטונג, צו דער פּאַוויע גאַס, איינהאַנדלען אַ דאָקומענט פאַר מיינעטוועגן — אַ דאָקומענט מיט אַ פּוילישן נאָמען און דערצו פון אַ קאַטאָליק. מיין פריערדיקער דאָקומענט איז דאָך געבליבן אין די הענט פון דער סאָוויעטישער גרענעץ־וואַך אין סאָלעטש־ניקי ווילעקע און איך בין בכלל געבליבן אָן וועלכן עס איז דאָקומענט. איך האָב זיך דעמאָלט נישט געקענט באַפרייען פון דעם אויסטערלישן פאַרגלייך, אַז ווען יידן ווערן געטריבן צו צוואַנגסאַרבעט — גיי איך אין דער פאַרקערטער ריכטונג זיך באַזאָרגן מיט אַ פּאַספּאָרט אויסצובאַהאַלטן מיין יידישקייט.

אויף דעם אַדרעס, וואָס בערנאַרד האָט מיר אָנגעוויזן, האָב איך געקענט אויסקלייבן דאָקומענטן סיי ווי אַ קאַטאָליק און סיי ווי אַן עוואַנגעליקער. אַן עוואַנגעלישער דאָקומענט האָט געקאָסט טייערער. דאַכט זיך, אַז מען האָט ביי מיר געפאָדערט אַ דאָפּלטן פּרייז ווי פאַר אַ קאַטאָליק, ווייל ווי אַן עוואַנגעליקער האָט מען געקענט שפּילן די ראָל פון אַ פאָלקס־דייטש. מיר האָט געעקלט אַזאַ שפּיל און איך האָב אויסגעקליבן אַ דאָקומענט פון אַ קאַטאָליק מיט אַ נאָמען פון אַ פּויער — אַן אַ „סקי" ביים סוף. דעם זעלבן פאַרנאַכט האָב איך באַקומען דעם פּאַרטיקן דאָקומענט און אויסער דעם קריסטלעכן הויז־וועכטער בין איך געווען אין דעם הויז אויף נאַוואָליפּיע דער צווייטער „קריסט"

יענעם טאָג האָט דאָס געטאָ נישט געהאַט קיין מינוט רו. אויף די גאַסן האָבן זיך אָנגעזאַמלט בערג שניי און דאָס כאַפּן ידן אַפּצורייניקן דעם שניי האָט געדויערט ביז פאַרנאַכט. מען האָט געדאַרפט אַ סך פלינקייט און אַ סך מזל כדי אויסצומיידן די דייטשע כאַפּערס אויך דאָ, אויף די גאַסן פון וואַרשע. האָבן זיך אויסגעשפּרייט געפערלעכע גרענעצן, וואָס מען האָט געדאַרפט קענען אַריבערגיין אין דער געהעריקער צייט. אַפילו ווען איך האָב שוין געהאַט דעם קריסטלעכן דאָקומענט ביי זיך, האָב איך זיך צו פיל נישט געוואָלט באַווייזן אויף די גאַסן. פּוילישע מוסרים פלעגן די דייטשן העלפן אין דערקענען ווער עס איז אַ ייד און איך האָב זיך נישט געטאָרט אויסשטעלן צו דער סכנה צו ווערן געמסרט אין מיין יידישקייט און זיך דאַרפן לעגיטימירן מיט אַ דאָקומענט ווי אַ קריסט. דאָס קען קאָסטן דאָס לעבן. אָבער די צייט האָט געאיילט און מיין אַרבעט האָב איך געמוזט אָפּטון וואָס שנעלער און ווי מעגלעך ביז צום סוף.

בין איך איבער די וואַרשעווער גאַסן געגאַנגען ווען איך האָב געמוזט, ווי איבער גרענעצן. איך האָב באַוויזן נאָך אַמאָל צו זיין אין „דזשאָינט" און נעמען פון גרויקן דיספּאָזיציעס פאַר גיטערמאַנען אין ווילנע. דאָס מאָל האָב איך שוין נישט געהאַט קיין שוועריקייטן ביים אַריינקומען אין „דזשאָינט". דער שומר ביי דער טיר האָט מיך דערקענט און צו די זייטיקע אָנגעוונקען אויף מיר. ער איז געווען זיכער, אַז איך באַמערק עס נישט.

נאָך דער יידישער קהילה, איז דער „דזשאָינט" דעמאָלט געווען די צענ־טראַלע יידישע הילפס־אינסטיטוציע, וואָס די דייטשן האָבן דערלויבט צו פירן אַ טעטיקייט. אַרום „דזשאָינט" זענען געווען אָרגאַניזירט אַלע געזעלשאַפטלעכע און יחידיש־שעפערישע כוחות, צווישן זיי עמנואל רינגעלבלום, יאַנאָס טורקאָוו און אַלע, אַלע פאַרבליבענע טוער פון אַלע יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען אין פּוילן.

אונטער דער לעגאַליטעט פון „דזשאָינט" האָט עמנואל רינגעלבלום געקענט אַנטוויקלען אַ זייער אינטענסיווע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער יידישער זעלבסטהילף־געזעלשאַפט ביים סאַמע אָנהויב פון דער באַלאַגערונג פון וואַרשע, און זיך קונה שם געווען ביי אַלע, וואָס האָבן געזוכט הילף און אַן עצה. אַפילו בלויז אויסהערן די טענות פון דער־לעגאַציעס איז אין יענער צייט געווען צוגלייך ווי געבן הילף. אין הילפלאָזיקייט איז אויך אַ טרייסט — אַ פּראַקטישע הילף. און רינגעלבלום האָט נישט בלויז

געטרייסט. דעמאָלט ווען איך האָב אים געטראָפן אין „דזשאָינט" איז ער שוין געווען מיד.

יאָנאָס טורקאָוו איז געווען פון די ווינציקע יידישע אַקטיאָרן, וואָס זענען געבליבן אין וואַרשע. איז ער געזעסן ביי אַ טיש אין „דזשאָינט" און „מיטגע־שפּילט" די יידישע טראַגעדיע פון דער תקופה. וואָס פאַר אַ ראָלן יידישע אַקטיאָרן מוזן עס קענען שפּילן!

צוליבן זוימען זיך אין „דזשאָינט" האָב איך זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט צום אָפּגעשמועסטן צוזאַמענטרעף ביי בערנאַרדן אין הויז. אַלץ איז שוין גע־ווען צוגעגרייט פאַר מיר. בערנאַרד האָט געזאָרגט, אַז צוויי יונגע קריסטלעכע פרויען זאָלן מיך באַגלייטן ביז איבער דער גרענעץ אויף מיין וועג צוריק, כדי צו „כשרן" מיין קריסטלעכקייט. דאָס זענען געווען צוויי מיטגלידערינס פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, צו וועלכע מען האָט געקענט האָבן צוטרוי.

זיגעלבוים איז דאָס מאָל געווען אין אַ נאָך מער געדריקטער שטימונג. אין דער פרי, האָט ער מיר דערציילט, האָט אים פאַרהאַלטן דער שעף פון געסטאַפּאָ אין דער קהילה אויף גזשיבאָווסקי 26 און פון אים געפאָדערט קאַטעגאָריש ער זאָל אים צושטעלן די רשימה פון די יידישע פּאָליטישע טוער אין פּוילן. זיגעלבוים ווייסט וואָס עס מיינט אַ קאַטעגאָרישע פאָדערונג פון דעם רוצח.

„נעמט אייער פאַמיליע און קומט מיט מיר! — האָב איך אים געעצהט — מיט מיין נסיון וועלן מיר אַן איבעריקע שוועריקייטן אַריבער דעם בוג, איר טאָרט דאָ נישט בלייבן".

אַרטור האָט געשאָקלט דעם קאָפּ אויף ניין:

„דאָרט ווו מען אַרעסטירט פאַר זיין אַ סאָציאַליסט — איז היטלעריזם. וועל איך נישט איינבייטן איין היטלעריזם אויף אַ צווייטן. אויב איך וועל זיך נישט קענען אַדורכבאַקומען אויף מערב — בלייב איך דאָ און איך וועל טיילן דעם גורל פון אַלע יידן. דאָ וועלן מיינע פיזישעליידן כאָטש זיין באַפרייט פון די מאָראַלישע ליידן, וואָס אַ סאָציאַליסט ליידט דאָרט!"

זיגעלבוים האָט געוואָלט, אַז דאָרט, ס'הייסט אין ווילנע, זאָל מען וואָס טיפער באַגרייפן דעם מצב פון די יידן אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. האָט ער גערעדט צו מיר מיט ברען, ווי יעדעס וואָרט באַזונדער וואָלט זיך גע־דאַרפט איינפרעגן אין מיין לייב. אַבראַשאַ בלום האָט געקוקט אויף אים מיט זיינע גוטע אויגן און ווי באַוווּנדערט אַרטורן, די קלאָרקייט מיט וועלכער ער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע ווערטער. פאַר אַבראַשאַן איז אויסער זיין אייגענעם אומדערקלערלעכן גלויבן, אַלץ געוואָרן אומקלאָר, פאַרנעפּלט. קיין באַרע־דעוודיקער איז ער קיין מאָל נישט געווען, אָבער דאָס מאָל האָט ער קיין צוויי־דריי ווערטער נישט געקענט פאַרבינדן אין אַ זאַץ. ער האָט געשמייכלט טרויעריק און געהייסן איבערגעבן גרוסן אַלע חברים און פריינט, אפשר לעצטע גרוסן וואָרום ער ספקט, צי די קאָנטאַקטן וועלן זיך לאַנג לאָזן אָנהאַלטן. די באַדינגונ־גען ענדערן זיך יעדן טאָג און יעדע שעה. זיין פאַרלעגנהייט האָט איבערגעריסן אַ דיסקרעטער קלאַפּ אין דער טיר. ס'איז געווען סאָניאַ באַוואָגרודזקאַ. זי איז

געקומען דערמאָנען אַבראַשאַן, אַז ער דאַרף זיין אויף קאַרמעליצקאַ גאַס, ווו עס וואַרטן אויף אים די לערער. עס אָרגאַניזירן זיך געהיימע שולן און קינדער־היימען. יאָ, אין אַרבעטער־ווינקל אויף דלוגע גאַס איז אין דער קיך פאַרגעקומען אַ סכסוך, וואָס נאָר ער, אַרטור, קען אויסגלייכן. די אייביקע שפּאַנונג איז גורם, אַז דער קלענסטער פונק זאָל אויפרייסן אין אַ שריפה.

כ׳האָב אייליק באַהאַלטן דאָס פּעקל בריוו און די נאָטיצן און זיך אָפּגעשמועסט, אַז מיר וועלן זיך נאָך איין מאָל טרעפן פאַר מיין אָוועקפאָרן. צו דעם איז מער נישט געקומען. וואָס מער איך האָב זיך אָנגעזאַפּט מיט דער אַטמאָספער פון געטאָ, אַלץ שווערער איז מיר געוואָרן אויפצונעמען ווערטער. איך האָב באַוווּנדערט די מענטשן וואָס קענען נאָך בכלל טראַכטן און רעדן נאָרמאַל. פאַר מיר, וואָס איך בין שוין אין צווישן געווען אין אַ פרייער וועלט, איז אַלץ דאָ אויסגעקומען נישט נאָרמאַל.

כאָטש דער געטאָ איז נאָך נישט געווען פאַרמויערט מיט ווענט, האָב איך זיך געפילט ווי איך וואָלט געווען פאַרמויערט און ס׳איז אַ ספק, צי איך וועל זיך אַרויסבאַקומען פון צווישן די מויערן. דאָס כאַפּן אויף אַרבעט הערט נישט אויף פון באַגינען ביז פאַרנאַכט. אויף די פלעצער, ווו מיט אַ וואָך שפּעטער האָט געדאַרפט אויפגעשטעלט ווערן די געטאָ־מויער, זענען אויפגעקלאַפּט גרויסע טאָוולען מיט אויפשריפטן: „אַכטונג! זייכען־געפאַר. איינטריט פיר דויטשע זאָל־דאַטען פערבאָטען”. אָבער די וואָרענונגס־טאָוולען קעגן טיפוס צווישן יידן האָט נישט אָפּגעהאַלטן די געסטאַפּאָ־באַנדעס אַרומצופאָרן איבער די יידישע גאַסן מיט אויטאָס, איבערפאַלן יידישע הייזער און זיי אויסרויבן. אויסער דאָס כאַפּן אויף אַרבעט, האָט די קהילה יעדן טאָג צוגעשטעלט אַ קאָנטינגענט צוואַנג־אַרבעטער. באַגינען זענען די אַרבעטער געפירט געוואָרן דורך אַ באַאַמטן פון יודענראַט און אין אָוונט זענען זיי צוריקגעבראַכט געוואָרן מידע, צעבראָכענע. זיי האָבן קוים געשלעפּט זייערע פיס און די לאָפּאַטעס אויף די אַקסלען. אין יענעם פאַרנאַכט האָט דער געטאָ אַ ציטער געטון פון דער ידיעה, אַז צוויי יונגע יידישע פרויען זענען פאַרשלעפּט געוואָרן דורך דייטשע מיליטערלייט אין אַן אויטאָ. ביז דעמאָלט זענען יידישע פרויען געווען זיכער. הייסט עס, אַז די רייף אַרום די יידן ווערט איינגעצויגן. גאַרנישט, גאָרנישט איז זיכער. יידן זענען הפקר. הפקר. פאַרוואָס אַנטלויפן נישט די יידן? ווי אַזוי איבערצייגט מען זיי, אַז זיי דאַרפן אַנטלויפן פון דעם גיהנום?

די ידיעה וועגן פאַרכאַפּן יונגע יידישע פרויען האָט אָפּגעהאַלטן אַנדערע פרויען צו באַוועגן זיך אין די גאַסן. ביי מיר אין שטוב האָב איך קיין איינע פון די פרויען, וואָס האָבן געדאַרפט קומען, נישט געטראָפן. מיין שוועסטער איז געווען אַליין מיט איר פיצעלע קינד. דאָס מיידעלע איז אַלט געווען קוים דריי יאָר, אָבער ס׳האָט פאַרשטאַנען די אַטמאָספער. דאָס קינד האָט געוואָלט איך זאָל פאַרזיכערן, אַז איך וועל נישט אַוועקפאָרן, נאָר בלייבן מיט איר. איך האָב געשוויגן. און ס׳האָט פאַרשטאַנען, אַז איך וועל נישט בלייבן און דאָס קינד האָט זיך צעוויינט.

די נייע שליחות — צו די יידן אין דער פרייער וועלט

קורץ פאַר דער שפּערע־שעה זענען געקומען צו מיר צוויי יידן. איינער איז געווען קירשנבוים, וואָס איך האָב זיך באַגעגנט מיט אים אין „דזשאָינט״, דעם צווייטן האָב איך נישט געקענט. קירשנבוים שטעלט אים פאָר פאַר מיר: „אליעזר ליפּא בלאָך, דירעקטאָר פון קרן קימת״. ביידע איילן, די צייט איז אַ קאַרגע און זיי מוזן רעדן מיט מיר „תכלית״. איך האָב זיי אַריינגעבעטן אין אַ באַזונדער צימער און ביידע באַלעבאַטישע יידן האָבן אָנגעהויבן רעדן „תכלית״. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז זיי קומען אַזוי שפּעט צוליב דעם וואָס זיי האָבן פאַרזוימט ביי יצחק שיפּער. יצחק שיפּער און זיי צוויי, בלאָך און קירשנבוים, זענען די פּאַקטישע לייטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע אויפן שטח פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן. מיט אַ טאָג פריער האָבן זיי באַשלאָסן צו רעדן מיט מיר. און אייגנטלעך האָט אויך שיפּער געזאָלט איצט זיין דאָ. אָבער צום אומגליק האָט ער באַקומען הויכע טעמפּעראַטור. מסתמא אַ גריפּע. זיי האָבן געהאָפט, אַז ביז פאַרנאַכט וועט די טעמפּעראַטור אַראָפּפאַלן און שיפּער וועט קענען אַרויס פון שטוב. זענען זיי פריער געגאַנגען צו אים. אָבער די הויכע טעמפּעראַטור האַלט אָן און זיי ביידע, בלאָך און קירשנבוים, האָבן באַשלאָסן נישט צו וואַרטן, נאָר קומען צו מיר און רעדן. און זיי רעדן אין נאָמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

בלאָך האָט אַרויפגעלייגט זיי האַנט אויף מיינע און געזאָגט:

„מיר וויסן — איר מוזט עס נישט באַשטעטיקן — אַז איר זענט געקומען אין שליחות צום „בונד״ און צום „דזשאָינט״. אָבער היינט זענען דאָס אַלץ בלייכע ווערטער. אויך ווען מיר רעדן אין נאָמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז עס בלויז איר זאָלט זיך אָריענטירן ווער מיר זענען. אויך פאַר דער געסטאַפּאָ זענען די נעמען פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס נישט מער ווי אָריענטאַציע־נעמען, ווייל זיי אונטערשיידן נישט צווישן יידן, צווישן יידישע ריכטונגען. מיר אַלע, אַלע, זענען זייערע קרבנות — ווער פריער, ווער שפּעטער. ווילן מיר איר זאָלט אייער שליחות אויספּרייטן אויך אויף אונדז — פון אונדז צו די ציוניסטישע עסקנים פון פּוילן, וועלכע געפינען זיך אין ווילנע און צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ליטע. מיר וויסן — און ווידער מוזט איר עס נישט באַשטעטיקן — אַז איר קלייבט זיך צוריק קיין ווילנע. ווילן מיר איר זאָלט אַלאַרמירן די דאָרטיקע ציוניסטישע פירער און זיי פון זייער זייט זאָלן אַלאַרמירן צו דער יידישער אַגענץ אין ירושלים און צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, אַז אויב עס וועט נישט אָנגעהויבן ווערן אַן אַקציע צו ראַטעווען דאָס פּוילישע יידנטום, וועט חלילה קיין איין איינציקער ייד נישט בלייבן לעבן. די דייטשע פּאָליטיק כלפּי יידן איז אַן אויסראָטונגס־פּאָליטיק לויט אַ גוט־אויסגע־אַרבעטן פּלאַן. די אויסהונגערונגס־סטאַדיע האָבן זיי שוין אָנגעהויבן. צוליב דער קאַרגער באַשפּייזונג ווערט פון טאָג צו טאָג אָפּגעשוואַכט די ווידערשטאַנד־פעאיקייטן צו קראַנקהייטן. די עפּידעמיע פון טיפוס שפּרייט זיך אויס קאַטאַס־טראָפאַל, די צאָל טויטפאַלן איז אַ שרעקלעכע. אַלע דייטשע פאַראָרדענונגען,

אַנהויבנדיק פון פאַרשריפטן וועגן בית־הקברות ביז צונעמען ביי יידן די רעכט צו גענויסן פון עפנטלעכער הילף, ביז פאַרבאָטן יידן צו האַנדלען — האָבן איין ציל: פאַרניכטונג. דורך דעם אינזשיניער י. האָבן די דייטשן דורכגעפירט אַ ציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און מיר האָבן ידיעות אין וועלכער ריכטונג די געסטאַפּאָ באַאַרבעט די מאַטעריאַלן פון דער ציילונג. אין דער ערשטער ריי גרייטן זיי זיך צונעמען די באַשפייזונג פון די יידן, וועלכע קענען נישט אויס־געניצט ווערן צו אַרבעט. דאָס מיינט, אַז זיי גייען פאַרהונגערן אונדזערע קינדער, פאַרהונגערן צוויי דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג. מיר האָבן נישט דעם אויטאָריטעט און אויך נישט די מיטלען ווי אַזוי צו וואָרענען די יידן זיי זאָלן לויפן איבער דער גרענעץ, זיך ראַטעווען קודם כל אויף דער סאָוויעטישער זייט. די יידן, וועלכע קומען צוריק פון דער סאָוויעטישער זייט און דערציילן וואָס דאָרט טוט זיך, נעמען צו די לעצטע האָפענונגען. בלויז ווייניקע לאָזן זיך נישט באַאיינפלוסן פון דעם וואָס די צוריקגעקומענע דערציילן און זיי לויפן. די מאַסע בלייבט דאָ און די מאַסע מוז מען אַרויסראַטעווען פון אַ זיכערן אומקום! וועגן דעם דאַרף אַלאַרמירט ווערן ניו־יאָרק און ירושלים. די יידן אין דער פרייער וועלט טאָרן נישט רוען! אונדזער פאָלק איז אין טויט־סכנה. איר זענט אונדזער שליח וועגן דעם צו דערציילן, אַלאַרמירן. איר וועט זיך פון דער שליחות נישט אָפּטרייסלען!"

„איך נעם אויף זיך די שליחות — האָב איך געזאָגט — צופעליק בין איך געוואָרן דער שליח פון „בונד" און פון „דזשאָינט". נעם איך אויך צופעליק אייער שליחות און הלוואי עס זאָל מיר אויך די שליחות פון אייך אָפּגליקן אַזוי ווי די שליחות האָט מיר אָפּגעגליקט ביז איצט".

קירשנבוים האָט אַ נצחונדיקן קוק געטון אויף בלאָכן, פון וואָס איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס ווענדט זיך צו מיר איז געווען זיין איינפאַל.

„פאַרשרייבט ביי זיך, אָדער מאַכט זיך סימנים צו געדענקען — האָט קירשנ־בוים געזאָגט — אַז אויסער וואָס איר האָט געהערט פון בלאָכן, זאָלט איר איבערגעבן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ווילנע און די ציוניסטן־פּלי־טים אין ווילנע, אַז אונדז איז געלונגען אַרויסצוראַטעווען אַלע ציוניסטישע פאָנדן. די געלטער זענען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן די מיטגלידער, וועגן וועלכע מיר האָבן געוווּסט, אַז זיי זענען געבליבן אָן מיטלען צום לעבן. אַ טייל פון דעם געלט האָבן מיר צעטיילט צווישן דער אינטעליגענץ, וואָס האָט די ערשטע אָנגעהייבן הונגערן. מיר באַמיען זיך אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט ירושלים דורך אַן איטאַליענישער פירמע, אָבער קיין פאַרבינדונג איז נאָך נישטאָ. די ווילנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף דעריבער וואָס שנעלער אָנקניפּן אַזאַ קאָנטאַקט צווישן אונדז און ירושלים, מען זאָל אונדז וואָס שנעלער צושיקן הילף, וואָס מער הילף. פון דער הילף איז אָפּהענגיק צי די יידישע באַפעלקערונג וועט זיין פעאיק איבערצוהאַלטן, אָדער זי וועט פאַלן און אומקומען. זאָגט זיי, אַז איבערלאָזן אונדז אָן הילף, הייסט העלפן די דייטשן וואָס שנעלער אונדז אומ־צוברענגען".

בלאָך האָט פון וועסטלקעשענע אַרויסגענומען דעם זייגער און זיך אויפגע־

הייבן א דערשראָקענער: „שפּעט!״ האָט ער אויסגערופן — „איך בין זיכער, אַז איר יענט אייך אינדזער שליח״! האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט.

ביידע זענען אַוועק. איך האָב זיך דערפילט ווי די צוויי יידן וואָלטן אויף מיינע פּלייצעס אָנגעלאָדן אַ משא. וואָס איך קען קוים שלעפּן אויף זיך. זייערע יווערטער האָבן מיך אויפגערידערט און צעטומלט. זיי זענען געקומען אַזוי אומ־געריכט אין די לאַסט אַרויפגעוואָרפן אויף מיר אַזוי שנעל. אַז איך בין יענע נאַכט נישט איינגעשלאָפן איך האָב זייערע ווערטער איבערגעחזרט צום פאַרגעדענקען. ייייערע יוערטער האָבן אויף מיר געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז פּערזענלעך האָב איך שפּעטער פאַר אָט דער שליחות ש־עור נישט באַצאָלט מיט מיין לעבן. :אַר יועגן דעם יועל איך דערציילן שפּעטער.

די שלאָפלאָזע יווינטער־נאַכט האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. ווי אַ שטראָף וואָס יוערט אויסגעטיילט ביסלעכווייז וואָס מער איך האָב געטראַכט וועגן דעם וואָס די צוויי יידן האָבן אין מיר אַריינגערעדט. אַלץ מער האָט דאָס אַריינגערעדטע אין יוערטער אָנגענומען דאָס געשטאַלט פון קאָשמאַרע בילדער. איך האָב געטאַפּט מיין אייגענעם שטערן, אויסגעהערט מיין אייגענעם דופק, צי איך האָב נישט קיין פיבער איך שלאָף נישט און דאָך האָב איך קאָשמאַר־זעאונגען. איך האָב קוים דערלעבט צו זען אַ שטראַל פונעם אָנקומענדיקן טאָג דורך אַ שפּאַרע פון ־עם פארהאָנגענעם פענצטער.

איך בין אַראָפּ פון בעט און אָפּגעדעקט דאָס פענצטער. אין דעם גרויען באַ־גינען פון דעם הויף־קאָסטן איז געשטאַנען א געזעמל מענער און פרויען. אַהאַ, עפּעס איז שוין געשען ביינאַכט איך בין נישט געשלאָפן און דאָך גאָרנישט גע־הערט שפּעטער האָב איך זיך דערוויסט. אז אין אַ שכנותדיקער דירה, אין דעם פליגל, וווּ עס האָט געוווינט דער אַקטיאָר, איז ביינאַכט געשטאָרבן אַ ־ינגערמאן יואָס איי אין אָוונט צוריקגעקומען פון צוואנגסאַרבעט. ער איז גע־קומען א צעשלאָגענער די פינגער פון ביידע הענט צעשניטן. דאָס פּנים שוואַרץ און די ־ינגען אָפּגעהאקט ער איז אַוועקגעפאַלן אויפן בעט און ביינאַכט אויס־געהייכט דאָס לעבן. מען האָט ביינאַכט קיין געוויין נישט געהערט, קיין זיפץ פון אבלית

אַ געוויינטלעכע נאַכט אין געטאָ. און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוויינלעכער טאָג אין געטאָ: דורך דער נאָוואָליפּיע גאַס האָט פאַרביימאַרשירט א מחנה יידן צו „געאָרדנטער״ צוואנגס־ארבעט פאַר דער מחנה איז געגאַנגען אַ ייד מיט אַ שיוארצער טעקע א סימן פון אָפיציעלקייט. ער פירט די מחנה יידן צו צוואַנגס־ארבעט יועדליק דעם קאָנטיגענט. וואָס עס דאַרף יעדן טאָג צושטעלן דער יודענ־ראט יוער פון אָט דער מחנה וועט זיין דער קרבן די נאָענטסטע נאַכט? וועמען פון זיי יועלן די דייטשן אָפּהאַקן די לונגען? די יידן גייען ווי פאַרמשפּטע, מיט די קעפּ איינגעצייגן אין די אויפגעשטעלטע קעלנער. די קעלט איז אַ פראָסטיקע, דער ברוק איז גליטשיק פון דער אייזיקייט. וואָס האָט זיך געשאַפן ביינאַכט.

די מחנה יידישע צוואַנגסאַרבעטער האָט קוים באַוויזן צו פאַרשווינדן פון דער נאָיואָליפּיע גאַס יוי יידישע פרויען האָבן געוואָרנט. אַריינשרייענדיק אין די טויערן: „יידן, גייט נישט אַרויס. אויף קאַרמעליצקע כאַפּט מען צו אַרבעט!״.

איך האָב זיך וואָס אַמאָל מער געפילט ווי אַ פאַרמשפטער און אויפגעהערט אַרומגיין אין גאַס. איך האָב געוואָרט, אַז דער וואָס דאַרף, זאָל קומען צו מיר. סוף־כל־סוף האָב איך זיך נישט געטאָרט צופיל עקספּאָנירן. איך האָב נישט גע־הערט צו זיך. איך בין געווען אַ שליח פון יידן צו דער פרייער וועלט...

ביי טאָג איז געקומען צו מיר אין הויז אַרטור. ער האָט געהייסן איך זאָל מיט אים אַריינגיין אין דער קיך. דאָ האָט ער מיר געזאָגט שטיל און אָן בהלה:

„אזוי ווי די שטייסט געזעגן זיך מיט דיין שוועסטער און ווער נעלם. איך האָב אַ סיבה צו פאַרדעכטיקן, אַז מען האָט דיך געמסרט. ביז וואָס־ווען גיי אַרויף צו בערנאַרדן אין הויז".

ער איז גלייך פאַרשוואונדן. מיין שוועסטער, וואָס האָט פאַרגעפילט, אַז עפּעס ערנסטס געשעט, איז אַריינגעקומען אין קיך מיטן קינד אויף דער האַנט. איך האָב איר געזאָגט אין וואָס עס גייט. מיר האָבן זיך צעקושט. איך האָב אַ קוש געטון דאָס קינד און בין פאַרשוואונדן. דאָס קינד האָט מיר געפרעגט, צי איך וועל עפּעס ברענגען פון גאַס. איך האָב געזאָגט: „יאָ, מיין קינד" — אָפּגענאַרט. איך האָב עס מער נישט געזען.

דאָס קינד האָט זיך אָפּגעראַטעוועט ביי קריסטן, וועלכע האָבן דאָס מיידעלע פון אָן אויסערגעוויינלעכער שיינקייט, אויסגענוצט אויף צו פאַרקויפן בייגל אויף דער מאַרשאַלקאָווסקאַ גאַס אין וואַר־שע. די שוועסטער האָט זיך אָפּגעראַטעוועט דורך אַנטלויפן פון אַ דייטשער געווער־פאַבריק, ווו זי איז באַשעפטיקט געוואָרן ביים אָנ־פילן אַרטילערישע קוילן מיט דינאַמיט. דאָס איז די טאָכטער און פרוי פון דעם גענעראַל וואַצלאַוו קאָמאַר, וואָס האָט אין יאָר 1956 פאַר־טריבן פון וואַרשע ניקיטאַ כרושטשאָוו.

אין די פּאָר שעה וואָס איך בין נאָך פאַרבליבן אין הויז פון בערנאַרדן, האָט מען צוזאַמענגעבראַכט אַלץ, וואָס איך האָב געדאַרפט מיטנעמען מיט זיך. ערשטנס מיין פּויעריש זעקל. מען האָט מודיע געווען די צוויי קריסטלעכע פרויען, וואָס האָבן מיך געדאַרפט באַגלייטן און „כשרן" מיין פּוילישקייט, און אויך צוויי פרויען, וואָס איך האָב זייערע מענער צוגעזאָגט, אַז איך וועל זיי צורעדן צו פאָרן מיט מיר. איינע פון די צוויי פרויען איז געווען באַשע, די פרוי פון שייע טרונק, און די צווייטע אַ לערערין, וואָס איך וועל איר נאָמען אויסנלאָזן צוליב איר אומטענטשלעך אויפפירן זיך אויפן וועג. די צוויי פרויען האָט מען מודיע געווען, זיי זאָלן פאָרן קיין שעדלעץ מיט דער באַן, וואָס גייט אָפּ פינף פאַרנאַכט פון מזרח־וואָקזאַל. זיי דאַרפן זיך אַריינזעצן אין אַן אַנדער קופּע ווו איך וועל אַריינגיין, און זיי זאָלן דעם גאַנצן וועג אויסהיטן זיך צו פאַרשטענדיקן זיך מיט מיר. ערשט נאָכן אַרויסגיין פון דעם וואָקזאַל אין שעדלעץ, וועל איך זיך ווענדן צו זיי.

קיין מאָל אין מיין לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן דאָס געזעגענען זיך מיט אַרטורן און בערנאַרדן. אַרטור האָט נאָך געהאַט כוח צו באַהערשן זיך, נאָר בער־נאַרד, דער מענטש וואָס איז עטלעכע מאָל אין זיין לעבן געשטאַנען ביים ראַנד

פון טויט, האָט זיך איינגעבראָכן און האָט געוויינט ווי אַ קינד. ער האָט זיך ספּאַז־מאַטיש איינגעקנעטן אין מיינע אָרעמס און מיך נישט אָפּגעלאָזט. אַרטור האָט געביסן די ליפּן, געדרייט מיט דער נאָז אַהין און אַהער און נישט געקענט פון דעסטוועגן פאַרמיידן טרערן זאָלן זיך אָנקייקלען אין די אויגן־ווינקלען. אָבער אַראָפּגעפאַלן זענען די טרערן נישט...

בערנאַרד האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אויף דער אַרישער זייט. נאָך דער מלחמה האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע. צוויי יאָר איידער ער איז געשטאָרבן, האָט ער באַזוכט ישראל און מיר האָבן ביידע דערמאָנט יענע מינוטן, ווען מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אַ געפּיל, אַז מיר וועלן זיך שוין מער נישט זען קיין מאָל.

איך האָב פאַרוואָרפן מיין זעקל איבערן אַקסל, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון מיין פּעלצענער „בורקע", דאָס היטל אַראָפּגערוקט איבער די אויגן און אַוועק.

ביים טויער פונעם הויז נומער זיבן זענען געשטאַנען סאָניע, די לערערין פון די יידישע שולן מרים גוטגעשטאַלט און אַבראַשאַ בלום. נישט זיי האָבן זיך באַקענט צו מיר און נישט איך האָב זיך באַקענט צו זיי — פרעמדע: זיי — יידן אין געטאָ; איך — אַ „פרייער" גוי, אַ פויער, נאָר אונדזערע בליקן האָבן זיך צונויפגעטראָפן און אַזוי האָבן מיר זיך געזעגנט. איך האָב זייערע בליקן געפילט הינטער זיך אַפילו דעמאָלט ווען איך בין שוין געהאַט אַריבער דעם פּשעיאַזד. חורבות פון וואַרשע זענען מיר אַנטקעגנגעקומען: דער חרובער פּאַלאַץ פון פינאַנס־מיניסטעריום אויף באַנק־פּלאַץ, דאָס חרובע אָפּערע־הויז אויף טעאַטער־פּלאַץ. שניי האָט באַדעקט די חורבות, נאָר ווי דורך אַ באַנדאַזש פלעקט זיך דורך דאָס בלוט פון אַ וווּנד, אַזוי האָבן זיך דורכן שניי דורכגעפלעקט די בראַנד־וווּנדן פון די אַמאָל געוועזענע שיינע פּאַלאַצן.

עס איז אַזוי שווער צו געזעגענען זיך מיט אַ שטאָט וווּ מען איז אויפגעוואַקסן און אַלע יוגנטלעכע געפילן און איבערלעבונגען זענען פאַרבונדן מיט סקווערן, מיט הייזער, מיט ווינקלען פאַרשאָטנטע — אלדאָס איבערגעלעבטע במשך פון יאָרן יאָגט אָן אויף דיר מיט אַזוי פיל רעמיניסצענצן, דערוועקט זכרונות. צו אַלע שדים מיט די סענטימענטן! און דאָך איז מען געפאַנגען פון די סענטימענטן. עס איז טרויעריק מיט זיי, אָבער עס איז אויך גוט מיט זיי, זיי זענען אייגן, זיי זענען נאָענט, ווי אייגן בלוט.

אויף דער חרובער וויעזשבאָווע גאַס און פּילסודסקי פּלאַץ האָבן באַלעבאַטישע יידן מיט בערד און אין לאַנגע מאַנטלען מיט גרויסע בעזעמער גערייניקט די גאַסן פון שניי און דעם „גוי" איז געווען אַזוי טרויעריק, אַזוי טרויעריק, וואָס ער לאָזט איבער אָט די טייערע וואַרשעווער יידן מיט די ברייטע „יאַכן" און „ווועסן" — הילפלאָזע יידן אין די הענט פון מערדער־דייטשן און אומדאַנקבאַרע פּערפידע פּאָליאַקן.

וואָס ווייטער איך קום אין די צענטראַלע פּוילישע גאַסן, אַלץ לעבעדיקער ווערט. מענטשן באַוועגן זיך פריי און האָפערדיק, ווי פאַר דער מלחמה. די געשעפטן זענען אָפן. אין דער קינסטלער־קאַפע „זיעמיאַנסקאַ" איז אַ באַוועגונג,

אַפילו די בוכהאַנדלונג פון דעם אַסימילאַטאָר מאַרדקאָוויטש איז אָפּן און קונים קויפן ביכער, כאָטש די באַלעבאַטים זענען דאָ מער נישטאָ. מאַרדקאָוויטשעס אַסימילאַנטישקייט איז אים נישט בייגעשטאַנען — די אַריער האָבן אים צוריק־געשטויסן צו זיין יידישן אָפּשטאַם, צו די „קאַפּאַציאַזשעס", ווי ער פלעגט רופן די יידן פון די נאַלעווקעס, אַזוי ווי די אַנטיסעמיטן פלעגן זיי רופן.

דאָרט, אויף די גאַסן פון וועלכע איך קום, פון נאָוואָליפּיע, קאַרמעליצקאַ און נאַלעווקעס, איז דאָס לעבן אין צאַפּלעניש; די געשעפטן זענען אויסגערויבט, די מאַגאַזינען אויסגעליידיקט פון באַנדיטן; די הענדלער אין די הויפן פאַרקויפן דאָס לעצט פון זייער איבערבלייב — און דאָ, אויף די קריסטלעכע גאַסן, לעבן די אָקופּירטע פּאָליאַקן אַ נאָרמאַל לעבן. ווי פאַר דער מלחמה גייען אַרויס פון „זיע־מאַנסקאַ" מענער מיט אָנגעהאָנגענע פּעקעלעך זיסוואַרג און געבעקס אויף די קנעפּלעך פון זייערע מאַנטלען — די אַלטע פּריצישע עלעגאַנץ און שאַרמאַנטקייט. ווי לייכטזיניק, פעמינאַל־עקסהיביציאָניסטיש און פּוסט־אָנגעבלאָזן עס זענען די פּאָליאַקן, וואָס פילן אַפילו נישט זייער אייגענע בראָך און מאַכן דעם אָנשטעל פון נאָרמאַלקייט. דאָרט, אין יידישן געטאָ, פילט מען דעם ווירקלעכן מצב פון דעם צעריסענעם, פאַרשקלאַפּטן און אומגליקלעכן פּוילן, בעת דאָ, אין די נאָר־מאַלע גאַסן לעבן די פּאָליאַקן ווי פאַרעטער פון זייער אייגן פאָטערלאַנד; ווי גאַרנישט וואָלט געשען מיט זייער לאַנד.

מיינע צוויי באַגלייטערינס

די צוויי יונגע פרויען, וואָס האָבן מיך געדאַרפט באַגלייטן, האָבן גרייטע געוואַרט אויף מיר אויף דער וואַרעצקי גאַס אין אַ בירגערלעכער פּוילישער דירה. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. זיי האָבן שוין געוווסט מיין נאָמען און באַלד מיר אָנגערופן ביי מיין ערשטן גויאישן נאָמען: „יולעק". אין מיין דאָקומענט האָב איך געהייסן יוליאַן. אויך איך האָב געוווסט, אַז אײנע פון די פרויען הייסט מאַרישאַ און די צווייטע זאָסיאַ, נאָר איך האָב נישט געוווסט ווער עס איז ווער און ביים פאָרשטעלן זיך האָבן זיי זייערע נעמען אַקצענטירט. ביידע זענען געווען גוטע וועג־חברטעס; ביידע דאַרף איך דאַנקבאַר זיין וואָס אויף מיין צוריקוועגס בין איך נישט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ אַפילו ווען איך האָב געהאַט אַ פּאַספּאָרט, אַז איך בין אַ פּאָליאַק־קאַטאָליק. זייער פריילעכקייט און זייער ווייבערישער פּלוידער האָבן מיך אַ סך בעסער געשיצט ווי מיין פויערישע קליידונג און מיין קריסטלעכער דאָקומענט.

מאַרישאַ איז געווען אַ הויכע, אַ בלאָנדע, מיט אַביסל אַ פּויערישן אויסזען. זי האָט געהאַט אַן אָפן פּנים, פון וועלכן עס האָט געשלאָגן מיט פּשוטקייט און גוטסקייט. זי איז געווען ערנסט און נישט געהאַט קיין ברעקל הומאָר, אָבער מיט איר אומיטלבאַרקייט האָט זי געשאַפן אַ גוט געמיט. זי האָט נישט געוווסט פון פּחד. אַנדערש איז געווען זאָסיאַ. זי איז געווען אַ גרויסשטעטיש־ראַפּינירטע, קליין, טונקלהאָריק און מיט גריבע קעצישע אויגן. זי האָט ליב געהאַט צו דער־

ציילן שאַרפֿע גבֿול־פּה וויצן און געהאַט אַ זעלטענע הנאה אַרויסצובלעקן די צונג הינטערן רוקן פֿון אַ דייטש.

ווען מיר זענען געפֿאָרן אין אַ דאָראָזשקע דורך דער אַלייע פֿון 3־טן מאַי און פּאָניאַטאָווסקי־בריק צום מזרח־וואָקזאַל, איז די דאָראָזשקע מסתמא געווען די פֿריילעכסטע אויפֿן לאַנגן וועג. די צוויי פֿרויען זענען געווען געררייצט פֿון רייזע־פֿיבער. ביידע האָבן גערעדט הויך און געלאַכט. דער פֿיאַקער האָט זיך אויסגעדרייט און געפֿרעגט די פֿרויען:

„פֿריילעך אייך?"

„אַלץ איינס וועלן מיר שטאַרבן..." — האָט אים זאָסיאַ געענטפֿערט מיט אַ וווּלגאַר וואָרט אָנשטאָט שטאַרבן.

ביים וואָקזאַל, אין פּראַגע, זענען מיר געגאַנגען ווי איך וואָלט געווען אַ חתן־בחור — אינדערמיט — און ביידע האָבן זיך אויפֿגעפֿירט טומלדיק, גערעדט צו מיר הויך, אַז יעדער פֿאַרבייגייענדיקער דייטשער מיליטערמאַן זאָל הערן און זען מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן: „יולקו, קויף אויס בילעטן!", „יולקו, צי וועט די באַן אָנקומען פּינקטלעך?" ביידע האָבן זייער גוט געשפּילט, צו גוט. אַביסל איבערגעטריבן. ביי דער אַרויסגאַנג־טיר שטייען, ווי דער שטייגער, צוויי זשאַנדאַרן. זיי קוקן אויף די הענט פֿון די פּאַסאַזשירן, צי זיי דערלאַנגען זייערע בילעטן און דערנאָך קוקן זיי אין די אויגן, טאָמער אַ פֿאַרדעכטיקטער. פֿאָראויס גייט זאָסיאַ, איך נאָך איר און הינטער מיר — מאַריסיאַ.

„יולקו, דו האָסט אַלע דריי בילעטן?" — פֿרעגט די פֿאָראויסגייענדיקע און זי שמייכלט צום זשאַנדאַר, וואָס קוקט אויף איר.

„כ'האָב!" — האָב איך געזאָגט האַסטעדיק און זיי דערלאַנגט דעם קאָנטראָלער.

מיר זענען שוין פֿאַרביי די קאָנטראָל. דער צוג קיין שעדלעץ איז שוין איבערפֿולט. אין שטופּעניש באַמערק איך מיינע צוויי אַנדערע באַגלייטערינס — באַשע טרונק און די לערערין. אין זייער געזעלשאַפֿט געפֿינט זיך אויך אַ יידישער יונגערמאַן און אַ יונגע פֿרוי. איך מאַך דעם אָנשטעל, אַז איך זע זיי נישט. איך מיט מיינע באַגלייטערינס שטופּן זיך אַריין אין אַ שכנותדיקן וואַגאָן. איידער וואָס־ווען האָט שוין זאָסיאַ אויסגעהנדלט אַ זיץ־פּלאַץ פֿאַר זיך און פֿאַר מאַריסיאַ. נו, באַלד וועלן מיר זיין אין וועג. אויפֿן פּעראָן, פֿאַרן צוג, שרייען דייטשע זשאַנדאַרן, ס'זאָל זיין אָרדענונג, זיי שלעפּן אַראָפּ ביי די פֿיס די, וועלכע שטייען האַרט ביי די טירן און מען קען דערוויל די וואַגאָן־טירן נישט צומאַכן. „אָרדענונג! אָרדענונג!" — אַ קלאַפּ עמעצן אין רוקן און שלעפּן אים אַראָפּ ביים קאָלנער. ס'איז נאָך פֿינף מינוט צום אָפּגיין פֿון דער באַן, נישט מער ווי פֿינף מינוט. די פּאַסאַזשירן קוועטשן זיך צונויף אין די וואַגאָנען צו פֿאַרנעמען וואָס ווייניקער פּלאַץ, כדי די זשאַנדאַרן זאָלן זיך נישט איזדעקוועון איבער די, וואָס ווילן זיך אַריינבאַקומען אין אַ וואַגאָן. דער לאָקאָמאָטיוו לאָזט נאָך אַ וואָלקן פּאַרע, ער גרייט זיך צו רירן פֿון אָרט. ס'איז נאָך פֿיר מינוט, נאָך דריי מינוט. אַ שוואַרצער רויך שפּרייט זיך אויס איבערן צוג. אָט באַלד וועט דער צוג רירן. און פּלוצים אַ גרילצנדיק געשריי, אַ טומל:

„הערױס, פֿאָלען! הערױס!"
„נור פֿיר זאָלדאַטען, דאָנערוועטער!"
זשאַנדאַרן פֿראַלן אויף די טירן און אַט קלאַפּן זיי שוין מיט די ביקסן־קאָלבעס צו רירן די פּאַסאַזשירן פֿון די וואַגאָנען. די וואַגאָנען זענען באַשטימט נאָר פֿאַר זעלנער און זיי זענען פֿאַרנומען געוואָרן דורך ציווילע פּאַסאַזשירן. צוויי וואַגאָנען זענען אויסגעליידיקט געוואָרן. די פּאַסאַזשירן שטייען אומבאַהאָלפֿענע אויפֿן פּעראָן. נאָך איין מינוט און די באַן וועט אַוועקלויפֿן. די צוויי וואַגאָנען זענען ליידיק. קיין זעלנער זעט מען נישט.
„זאָסיאַ — זאָג איך — די וואַגאָנען בלייבן ליידיק און מיר וועלן דאָ בלייבן. פּרוּוו עפֿענען אַ טיר".
זי אַריענטירט זיך שנעל, עפֿנט אַ טיר פֿון אַ קופּע. אַ זשאַנדאַר לויפֿט צו: „פֿערבאָטען!"
„ניין — זאָגט זאָסיאַ אויף פּויליש — ס'איז נישט פֿאַרבאָטן. די וואַגאָנען זענען ליידיק און קיין זעלנער זעט מען נישט. „ניכט דאַ" — פֿאַרענדיקט זי. זי האַנדלט זיך צום זשאַנדאַר און ווײַזט אָן אויף מיר און אויף מאַרישאַ: „גאָר דרײַ". דער זשאַנדאַר לייגט אַרויף זײַן האַנט אויף איר האַנט, דאָך עפֿנט זאָסיאַ די טיר און זי איז שוין אויף די טרעפּלעך. „פֿערבאָטען!" „נישט פֿאַרבאָטן!" זאָשיאַ שמייכלט ווייבעריש צום זשאַנדאַר. איך טו אַ שטופּ מאַרישאַן פֿאָראויס און איך בין שוין אויפֿן וואַגאָן־טרעפּל. און שוין האַלט מיך דער זשאַנדאַר בײַם קאָלנער און שלעפּט מיך אַראָפּ. זאָשיאַ שפּרינגט צוריק אַראָפּ און שרײַט צום דײַטש אַלץ אויף פּויליש, פּרוּוונדיק אַ וואָרט זאָגן אויך אויף דײַטש:
„זײַ נישט קיין שוטה, ער איז מײַן מאַן! אָן אים פֿאָר איך נישט!"
די באַן רירט פֿון אָרט. איך טו אַ שפּרונג אויפֿן טרעפּל.
„שמוציגער פֿאָלע!" — רעגט זיך אויף דער דײַטש און דאָך העלפֿט ער זאָסיאַן אַרויפֿבאַקומען זיך.
זאָסיאַ קען זיך נישט באַרויִקן:
„אַ נאַרישער שוואָב. זאָל נאָך הײַנט זײַן ווײַב ווערן אַן אלמנה".
די וואַגאָנען זענען געווען נישט קיין געהייצטע. פֿון די ווענט האָט זיך געטראָגן דער שאַרפֿער ריח פֿון קאַרבאָל און האָט דערמאָנט אין שפּיטאָל. צוליב דער קעלט און פֿינצטערניש זענען די צוויי פֿרויען געוואָרן שטיל און פֿאַרלוירן. עפּעס ווי אַ פּלוצימע מידקייט וואָלט ביידע באַפֿאַלן. די באַן לויפֿט פֿאַרבײַ מרה־שחורהדיקע, אויסגעליידיקטע סטאַציעס, פֿאַראייבנזאַמטע הײַזער, אַ באַפּט־לאַמטערן. דער לאָקאָמאָטיוו פּײַפֿט אָפֿט און אַזוי פֿאַרצווייפֿלט, ווי ער וואָלט נישט געוווּסט דעם וועג און בעל כורחו מוז ער לויפֿן וווּ דער כּוח טראָגט אים...
אין דעם אומעט וויל מאַרישאַ וויסן ווי לאַנג די רײַזע וועט דויערן הין און צוריק. איך האָב זי באַרויִקט, אַז אין צוויי טעג אַרום וועט זי שוין צוריק זײַן אין וואַרשע. צוויי טעג האָבן איר אויסגעזען צו לאַנג. זאָסיאַ דערקעגן האָט געזאָגט, אַז פֿון איר'עטוועגן מעג דער וועג דויערן אַפֿילו אַ וואָך צײַט, עס זאָל נאָר נישט זײַן אַזוי קאַלט.
איך האָב זיי געטרייסט, אַז באַלד וועלן מיר אָנקומען קיין שעדלעץ; מיר

וועלן אויסזוכן דעם בעסטן און וואַרעמסטן האָטעל און מיר וועלן עסן אַ גוטן וואַרעמען אָוונטברויט מיט שנאַפּס. אָט דער צוזאָג האָטביידע פרויען אויפגע־וועקט צו רעדן וועגן עסן פון פאַר דער מלחמה. זיי האָבן „סערווירט" טישן מיט פוילישע סעודות: „פלאַטשקעס", אַ „באַרשטשיק", „פיש אויף יידיש", געדעמפּ־טער „סכאַב" מיטן ביינדל און אַ גלעזל „וויבאַראָווא" (ערשטקלאַסיקער שנאַפּס). דער טיש געדעקט מיט זילבערנעם באַשטעק, דער קריסטאַלענער זשיראַנדאָל ברענט בישט, דער קריסטאַל שלאָגט נאָר אָפּ דאָס געדעמפּטע ליכט וואָס ברענט אין לייכטער אויפן טיש, אַזוי ווי ביי „פוקער אויף אַלטשטאָט" (אַן אַריסטאָקראַ־טישער רעסטאָראַן אויף וואַרשעווער אַלטשטאָט).

אוי, וואָס פאַר אַ תהום ליגט עס צווישן מיר און אָט די צוויי יונגע פוילישע פרויען. איך האָב נאָר וואָס איבערגעלאָזט די גרעסטע יידישע קהילה אין דער גאַנצער וועלט, אַ קהילה וואָס איז פאַרמשפּט צום טויט און ראַנגלט זיך פאַר יעדער מינוט לעבן. דאָרט צאַפּלען די יונגע יידישע פרויען פאַר די לעבנס פון זייערע מענער און פאָטערס און ברידער, און דאָ רעדן צוויי פוילישע פרויען פון דער זעלבער שטאָט וואַרשע וועגן אַ סעודה ווי ביי „פוקער אויף אַלטשטאָט". נאָר דאָס האָבן זיי פאַרלוירן. נאָר דאָס. זיי רעדן וועגן די קליידער ביים עסן, וועגן שטילער קלאַוויר־מוזיק. צום ליבסטן: אַ ווינער וואַלס. דער אומעט, וואָס טראָגט זיך פאַר מיר פון זייער שמועס, טראָגט מיך אָוועק אין מיין אייגענעם וויטן אַמאָל, אין אַ שבת פאַרנאַכט, ווען אַ געדיכטע טונקלקייט טיילט אָפּ די קדושה פון שבת פון דער וואָכעדיקייט פון אַלע טעג. מיין מאַמעס ניגונט אויס „גאָט פון אברהם". ערגעץ אין אַ ווינקל פון צימער גרילצט אַ גריל. איך געפין דער מאַמעס וואַרעמע האַנט און איך האָב מער נישט מורא פאַר דער טונקלקייט. אויפן הימל שייערט זיך אויס אַ שטערן, אָט דער ערשטער שטערן, וואָס קינדער פלעגן זאָגן, אַז ביי זיין פייער צינדט אָן אליהו הנביא זיין הבדלה־ליכט, ערגעץ ווו אין שכנות צינדט מען אָן אַ ליכט.

פאַרביי די וואַגאָן־פענצטער שוועבן דורך אַ פאָר ליכטער פון לאַמטערנעס, די באַן לויפט איבער וועקסלשינעס, די רעדער שרייען און רעשן און ברעמזן מיט גרילצעניש...

פון די וואַגאָנען ליידיקן זיך אויס די פּאַסאַזשירן מיט איין מאָל און לויפן צום אַרויסגאַנג דורך דער קאָנטראָל ביי דער טיר פונעם וואָקזאַל. יעדער אייגער וויל וואָס שנעלער זיין פון יענער זייט וואָקזאַל. הערשט ביים אַרויסגאַנג — אַ שטור־פעניש, אַ געשריי, אַ דאָנערוועטעריי. די זשאַנדאַרמען שטופּן צוריק די פּאַסאַ־זשירן מיט די ביקסן־קאָלבעס אין דער לופט. איך נעם די צוויי יונגע פרויען אונטער די אָרעמס. איינע האַלט מיין זעקל. איך לאָז זיך דווקא נישט צוריקשטופּן און דעריבער בלייבן מיר דריי פון די ערשטע ווייטער דורכצוגיין די קאָנטראָל. פון ביידע זייטן שטייען צו צוויי זשאַנדאַרן. צוויי טאַפּן אין די פעקלעך און צוויי קוקן אויף די הענט, צי מען האָט אָנגעגרייט די בילעטן אָוועקצוגעבן. איך דעמאָנסטריר. אַז איך האַלט גרייט אַלע דריי בילעטן און זאָסיאַ העלפט מיר צו: „יולקו, וויז די הערן די בילעטן, אַז מיר זענען נישט געפאָרן אומזיסט". „און וואָס איז דאָ?" — וויזט אָן איינער פון די זשאַנדאַרן אויפן זאַק. דערווייל בין

איך מיט איינער פון די פרויען אַדורך די קאָנטראָל און מיר זענען שוין אין וואָקזאַל. אַ רגע שפּעטער קומט אָן די צווייטע פרוי. זי בלעקט אַרויס די צונג — אַ סימן, אַז זי האָט די דייטשן אין דער אדמה.

אויף יענער זייט פּונעם וואָקזאַל האָבן שוין געוואַרט די לערערין און באַשע טרונק. זיי גייען אונדז נאָך. באַשע זאָגט: „ס'איז געשען אַן אומגליק". איך פאַר־האַלט זיך און זי דערציילט, אַז דעם יונגנמאַן און די פרוי, וואָס זענען געווען אין דעם זעלבן וואַגאָן וואָס זיי, האָבן די זשאַנדאַרן פאַרהאַלטן ווי יידן. נאָר וואָס האָט זי געהערט געשרייען, וואָס זענען געקומען פונעם ערשטן שטאָק. זי איז זיכער, אַז דאָס זענען געשרייען פון דעם יונגנמאַן. מיר רוקן זיך אַלע אָפּ טיפער אין שאָטן אַריין. איך בעט מאַרישאַ זי זאָל צוריקגיין אין וואָקזאַל באַכזען וואָס עס איז געשען מיט די פאַרהאַלטענע. זי דערשרעקט זיך פון מיין בקשה. זאָסיאַ קומט מיר צו הילף. זי זאָגט צו איר, אַז זי האָט זיכער נישט וואָס מורא צו האָבן. די דייטשן וועלן זי נישט פאַרנעמען ווי אַ יידישע. מאַרישאַ לאָזט זיך איבערצייגן און לסוף איז זאָסיאַ מיט איר מיטגעגאַנגען.

די לערערין איז געוואָרן אויפגעבראַכט און אַנגעהויבן איילן מיר זאָלן אַוועק־גיין. מיר זאָלן נישט וואַרטן ביז די צוויי פרויען וועלן צוריקקומען. איך האָב זי באַרואיקט, אַז ווען מיר שטייען אין שאָטן און ווייטער פון וואָקזאַל דראָט אונדז קיין סכנה. מיר מוזן וויסן וואָס איז געשען מיט די צוויי יידישע מענטשן. די לערערין האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און איז אַרויס מיט דעם, וואָס איז איר געלעגן אויפן האַרצן:

„מיט אייערע שיקסעס וועט איר ברענגען אַן אומגליק אויף אונדז אַלעמען" — האָט זי געזאָגט היסטעריש.

פון דעם היסטערישן טאָן האָט זיך באַשע טרונק דערשראָקן און זי האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן מיט אומרו.

איך האָב באַשען אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט אַזוי' עס זאָל נישט בלייבן קיין ספק וועגן מיין באַשלוס:

„ווער עס וויל זאָל אַוועקגיין. איך בלייב דאָ ביז איך וועל וויסן וואָס עס איז געשען מיט די מענטשן, לכל הפחות ביזן צוריקקומען פון די צוויי פרויען".

„אַן אַנשיקעניש מיט שיקסעס. די גרעסטע צרות וועלן מיר האָבן צוליב זיי" — האָט די לערערין איבערגעחזרט איר היסטעריע. זי איז פון דעסטוועגן געבליבן. זיך נישט גערירט פון אָרט.

זאָסיאַ און מאַרישאַ זענען צוריקגעקומען. זיי ווייסן שוין אַלץ. די אַלע פּאַסאַזשירן וואָס די זשאַנדאַרמעריע האָט געפאַנגען ווי יידן, זענען אַרויפגעפירט געוואָרן אויפן ערשטן שטאָק פונעם וואָקזאַל. דאָרט וואַרטן זעלנער, וועלכע האָבן באַקומען אורלויב. די זאַכן פון די יידן ווערן צעטיילט צווישן די זעלנער ווי מתנות פאַר זייערע היימען אין פאָטערלאַנד. די יידן באַקומען קלעפּ הלמאי זיי זענען געפאַרן נישט געקוקט אויף דעם פאַרבאָט פאַר יידן צו פאָרן מיט עפנטלעכע טראַנספּאָרט מיטלען. באַרויבטע און צעשלאָגענע, ווערן זיי שפּעטער אַוועקגעפירט אויף דער פּאָליציי־סטאַציע פאַר „געריכטלעכער באַהאַנדלונג".

ס׳האָט מער נישט געהאַט קיין זין צו וואַרטן און מיר זענען אַוועק אין שטאָט אַריין. די לערערין האָט טאַקע געשטאַמט פון שעדלעץ און איר אַלטער פאָטער האָט דאָרט געלעבט. איז זי אַוועק צו אים. מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט זיך צו טרעפן זיבן באַגינען ביים האָטעל. איך מיט די דריי פרויען זענען אַוועק צום איינציקן גרעסערן האָטעל. איך האָב גענומען אַ גרויס וואַרעם צימער, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט אַ סך בעטן ווי אין אַ קאַזאַרמע. דער האָטעל־אייגנ־טימער, אַ פּאַליאַק, האָט, ווייזט אויס, שוין לאַנג נישט געהאַט קיין בעלנים אויף זיינע צימערן, האָט ער אונדז אויפגענומען ווי גאַר אָנגעלייגטע געסט. זיכער, עס קען גאָר אַנדערש נישט זיין, מיר זענען דאָ אַלע פּאַליאַקן, מיר געפינען זיך אין שעדלעץ פאַרביי־פאָרנדיק. באַגינען פאָרן מיר צו אונדזערע קרובים אין סאָקאָלאָוו. אויף צו באַשטעטיקן אונדזער פּוילישקייט האָב איך געוויזן מיין דאָקו־מענט און איין דאָקומענט פון די צוויי קריסטלעכע פרויען און עס איז געווען גענוג פאַר אים. ער האָט באַלד אַריינגעבראַכט אַ פלאַש בראָנפן מיט פאַר־בייסעכץ, און מיט אונדז געמאַכט אַ לחיים.

נאָכן ערשטן גלעזל האָט זיך ביי אים פונאַנדערגעפלאַכטן די צונג. עס האָט אַרויסגערעדט פון אים: אין שטאָט איז זייער ביטער. קיין מערק שטעלן זיך נישט מער. די יידישע געשעפטן זענען אויסגעליידיקט, צערויבט אָדער קאָנפיסקירט; אין די פוילישע געשעפטן איז נישטאָ קיין סחורה. האָבן נישט די פויערים צוליב וואָס צו קומען אין שטאָט אַריין. שטאַרבט אָפּ די שטאָט. אויס שעדלעץ! געווען אַ שטאָט שעדלעץ!

אַז איך בין געוואָרן היימישער מיטן האָטעל־אייגנטימער, האָב איך אים געבעטן ער זאָל עמעצן אַרויסשיקן רופן צוויי פיאַקערס, וואָס זאָלן אונדז באַגינען אַוועקפירן קיין סאָקאָלאָוו. כ׳האָב צוגעטראַכט די ריכטונג סאָקאָלאָוו, כדי נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכטן, אַז מיר קלייבן זיך צום בוג צו דער גרענעץ. ס׳איז מיר אויסגעקומען זייער אויסטערליש וואָס צוזאַמען מיט צוויי געראָפענע קריסטלעכע פיאַקערס האָט זיך אויך אַריינגעשטעלט די לערערין. אָן צו רעכענען זיך מיט דער סכנותדיקער סיטואַציע, האָט זי מיר איינגערוימט אַ סוד אַזוי צו זאָגן: „שיקט אַוועק צו אַלדע שוואַרץ יאָר די צוויי שיקסעס. ביי מיין פאָטער אין הויז איז פאַראַן גענוג פּלאַץ, וועט איר דאָרט שלאָפן אַנשטאָט דאָ אין האָטעל".

טאַקע צוליב דער סכנותדיקער סיטואַציע האָט איך איר נישט געקענט מאַכן קיין סקאַנדאַל און דעריבער, פאַרקערט, געמאַכט זיך, אַז איך בין איר דאַנקבאַר פאַר דעם וואָס זי האָט מיר איינגערוימט אין אויער. איך האָב זי אַרויסבאַגלייט פון האָטעל און אויף דער גאַס געזאָגט צו איר דראָענדיק:

„אויב איר ווילט נישט איך זאָל אייך איבערלאָזן אין שעדלעץ, אָדער איר זאָלט אַליין דאַרפן זאָרגן פאַר אייער ווייטערדיקן וועג, זאָל אייער פוס מער נישט אַריבערשטעלן די שוועל פון דעם האָטעל, נישט היינט און נישט באַגינען. מיר וועלן אַרויספאָרן זעקס אַזייגער באַגינען. זאָגט מיר אייער פאָטערס אַדרעס און באַגינען וועל איך פאַרבייפאָרן און אייך מיטנעמען".

זי האָט מיר פאַרזיכערט, אַז טאַקע אין דעם איז עס איר געגאַנגען, איך זאָל זי נעמען באַגינען פון איר פאָטערס הויז. ס׳איז נישט שיין, האָט זי מיר געמאַכט

פאַרוורפן, וואָס איך פאַוואָריזיר דריי פרויען, בעת איר, אַ לערערין פון יידישע שולן לאָז איך איבער אויף הפקר. זי האָט כמעט געוויינט פון אויפרעגונג. זי האָט מיר געזאָגט איר פאָטערס אַדרעס און איז אַוועק.

איך בין צוריק אַריין אין האָטעל מיט אַן אָנשטעל, אַז איך בין ביז גאָר אויפגעלייגט און אין אַ גוטער שטימונג האָב איך איינגעפּאַטשט מיט די צוויי פּיאַקערס, אַז פינף אַזייגער באַגינען וואַרטן זיי פאַרן אַרייַנגאַנג אין האָטעל.

ס׳איז געווען אַ קאָשמאַר־נאַכט. איך בין געווען אויסערגעוויינטלעך מיד פון שפּאַנונג און אויך די צוויי צי דריי גלעזלעך בראָנפן האָבן מיך צעשרויפט. איך האָב געוואָלט שלאָפן, שלאָפן, אָבער דער שלאָף האָט זיך געריצט מיט מיר. אָט גלעט ער מיינע אויגן־וויעס, ער לעשט אויס אַלע מחשבות אין מוח און אָט אַנטלויפט ער און איך בין ווידער וואַך מיט אַ קלאָרן מוח. אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער, פייפנדיקער ווינט. ער האָט געטרייסלט די לאָדנס, געריסן זיי ווי מיט מענטשלעכע הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט מען זאָל פאַר אים עפענען די פענצטער. באַשע טרונק איז פון דעם קלאַפּן אין די פענצטער געווען פול מיט שרעק. יעדעס מאָל האָט זי זיך אויפגעזעצט אין בעט און געקוקט דאָ צו דער טיר און דאָ צום פענצטער. קיינער איז נישט אַרייַנגעקומען. זאָסיאַ און מאַרישיאַ זענען געשלאָפן אין איין בעט און שטיל האָבן זיי זיך דערציילט מעשיות, פון וועלכע אַמאָל די און אַמאָל יענע האָט געלאַכט.

אַז דער זייגער מיט די צוויי געוויכטער האָט הייזעריק אויסגעקלונגען פינף און מען האָט געדאַרפט אויפשטיין, זענען דיביידע פרויען איינגעשלאָפן. זיי זענען איינגעשלאָפן מיט אַזאַ געזונטן און טיפן שלאָף, אַז מיין וועקן איז געווען אַ ברכה לבטלה. איך האָב באַשע טרונק איבערגעלאָזט זי זאָל וועקן די צוויי פרויען, זיי זאָלן זיין גרייט ווען איך וועל צוריקקומען צום האָטעל מיט דער לערערין. איינער פון די פיאַקערס האָט מיך אַוועקגעפירט אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס.

דער לערערינס פאָטער האָט געוווינט אין אַ קליין אַלקערל, וואָס איז געווען אין גאַנצן אויסגעפילט מיט בעטן און אַלמערס. כאָטש ס׳איז געווען קוים האַלב זעקס באַגינען, איז איר פאָטער, אַ גרייז־גרויער ייד, געזעסן איבער אַ ספר. דאָס גאַנצע „ליכט” אין אַלקערל איז געווען פון אַ קליין נאַפט־לעמפּל, וואָס האָט קוים באַלויכטן די גמרא. אויף זיין נאָז איז געזעסן אַ פּאָר מעשענע ברילן. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער איז אַזוי אַריינגעטון אין לערנען, אַז ער האָט אפילו נישט באַמערקט מיין אַריינקומען. די לערערין איז ווידער אַרויס מיט טענות צו מיר, באשר מיט פינף מינוט צוריק האָט זיך איר געדאַכט, אַז איך וועל נישט קומען, נאָר זי איבערלאָזן אין שעדלעץ.

דער זקן האָט איבערגעריסן דאָס לערנען, אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין אַלקערל אַריין און געפרעגט:

„אפשר קענט איר מיר דאָ אַלע געבן צו פאַרשטיין וואָס פּאַראַ מיין ליגט עס אין דעם לויפעניש? וואָס מיינט איר זיך — די וועלט איז פּאַקע געוואָרן הפקר?”

ער האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער. אויסגעדרייט צוריק דעם קאָפּ צום ספר און ממשיך געווען מיט אַ נגון. פאַר אים, פאַר דעם אַלטן שעדלעצער ייד, האָט זיך גאָרנישט געענדערט אויף דער וועלט. אַזוי ווי זיין עלטערזיידע

און זיידע פלעגן אין די באַגינענס זיך אַוועקזעצן לערנען אַ בלאַט גמרא, אַזוי ציט ער ווייטער דעם המשך פון יידישקייט.

— „וועדליק מיר, איז דאָס לויפּעניש נישט קיין דרך״ — האָט ער פּלוצים איבערגעריסן דאָס לערנען און געזאָגט נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פון ספר — „דער רבונו־של־עולם זעט דאָך אַלץ און אוודאי געשעט גאָרנישט אָן זיין רצון. איז וואָסזשע לויפט מען?״

מיר זענען געלאָפן. מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער האָבן צוויי דראָזשקעס געפירט אונדז נישט קיין סאָקאָלאָוו, נאָר צו דעם שטעטעלע מאָרד. דער יונגער טאָג איז געבוירן געוואָרן אַ טויטער, אַ קאַלטער — אַ פאַרלווירענער. ס'האָט מיר אויסגעזען, אַז אויך מיר אין די דראָזשקעס צוזאַמען מיט די פיאַקערס זענען טויט. די איינציקע וואָס לעבן זענען די פערד און דער סימן פון זייער לעבן איז דאָס וואָס יעדע פּאָר מינוט זענען זיי זיך מישב און שטינקען אונטער מיט זייער טרוקענער צואה.

אין דער דאָזיקער קאַלטער טויטער וועלט איז געווען אַ מעלה וואָס מען האָט אויך קיין איין איינציקן דייטש נישט באַמערקט; נישט ביים אַרויספאָר פון שעדלעץ און נישט ביים אַריינפאָר קיין מאָרד. אייגנטלעך האָב איך זיי מער נישט געזען אין אַלע דריי לאַנגע מעסלעסן ביז צום אַריבערשיפן זיך דעם בוג. אָבער די אַטמאָספער איז געווען פול מיט דייטשן, מיט געסטאַפּאָ. זייער געשפּענסט האָט מען געפילט פיזיש.

ביים געלן יאַנקלען אין שטוב איז שוין געווען שפּעטער טאָג. אין די וואַרעמע חדרים האָט געשמעקט מיט מילכיקער גריץ און מיט פריש, וואַרעם ברויט. יאַנקלס ווייב, די קליינע גוטע יידענע, האָט אַ פּאַטש געטאָן אין בײדע הענט און מיך אויפגענומען ווי אַ נאָענטן קרוב:

„געלויבט צו גאָט, אָבי איר זענט שוין דאָ צוריק. דערלאַנג די געסט אַ טעפּל וואַרעמס — האָט זי געזאָגט צו דער טאָכטער, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביי דער קיך — זע נאָר, די מענטשן זענען דורכגעפרוירן״.

אונטער דעם דאַך פון דעם געלן יאַנקלס הויז האָט מען אין יענע טעג געקענט זיך גוט אויסרוען און אויך אַ רגע באַפרייען זיך פון דער אייביקער קלעמעניש. די ווענט פון דעם ערשטן ליכטיקן חדר, אויסגעקלעפּט מיט די אילוסטרירטע און פאַרביקע פראַנטבלעטער פון זשורנאַלן, האָבן פאַראייניקט מיט דער גרויסער — פּאָר אונדז דעמאָלט שלווהדיקער וועלט. די האַלב־נאַקעטע פילם־אַקטריסעס, וועלכע האָבן אַראָפּגעקוקט פון די ווענט מיט זייער גלוסטיקן לייב, האָבן נישט געפּאַסט צום כאַראַקטער פון יאַנקלס ווייב, אָבער זייער סעקסאַפּיל האָט געגעבן דעם אָרעמען לעבן אַ רייץ. אין יענע מאָרגן־שעהן האָט די מענלעכקייט פון קאָנראַד ווײדט און פערבענקס, וואָס אויך זיי האָבן אַראָפּגעקוקט פון יאַנקלס ווענט, זיך גוט אויסגעמישט מיטן ריח פון דער מילכיקער גריץ, און אויף אַ רגע געשאַפן דאָס גוטע געמיט, וואָס אין סטאַבילקייט.

אָבער די מינוטיקע שלווה איז נישט באַקומען. פון מאָל צו מאָל איז עמעצער אַריינגעקומען צו דערציילן נישט גוטע נייעס: אויפן וועג צווישן סאָקאָלאָוו און דעם דאָרף ווירזאַמב האָבן די דייטשן באַרויבט אַ מחנה יידן און די יידן גופא

דערשלאָגן. אין ביאַלע האָט די געסטאַפּאָ צוגערויבט דאָס גאַנצע יידישע פאַר־מעגן. אָט קומט אַריין אַ יונגערמאַן מיט אַ מינע פון סודותדיקייט. ער האָט גאָר וויכטיקס צו דערציילן, נאָר ער וויל נישט דערציילן און נישט ווילנדיק דער־ציילט ער, אַז אויף ביידע זייטן בוג ווערן געבויט שטאַרקע פאַרפעסטיקונגען. ביידע פריינט, סיי דער דייטש און סיי דער רוס, גראָבן זיך איין אין דער ערד, אין בעטאָנענע בונקערס. דאָס טוען זיי פון גרויס „ליבשאַפט" צו זיך. אין דער צייט וועלן ביידע פאַרשטאַרקן די שמירה ביים בוג, יעדער אויף זיין זייט, איין פריינט זאָל נישט צופיל אַריינקוקן אין טעפּל פונעם צווייטן פריינט. פאַר יידן איז עס נישט גוט. פון דער דייטשער זייט ווערט די טעג די זשאַנדאַרמעריע פאַר־ביטן אויף געסטאַפּאָ צו היטן דעם ברעג פון בוג.

יאַנקלס ווייב האָט פאַרבראָכן די הענט:

„גאָטס שטראָף. גענומען אַ לאַנד און עס האַלבירט ווי אַ הערינג און נאָר מען מאַכט פאַראַנדקעס, ווי זיי וואָלטן זיך דאָ באַזעצט אויף אייביק. און אַלץ גייט אויס צו יידישע קעפּ נעבעך. דאָס איינציקע שטיקל טיר, דעם טייך, וועט מען שוין אויך חלילה פאַרקלאַפּן. ימח־שמוניקעס".

די פּליטים, וואָס זענען געהאַט אָנגעקומען קיין מאַרד און דערוויל זיך דאָ פאַרהאַלטן צוליב דער רואיקער אַטמאָספער, האָבן אַלע מיט איין מאָל באַשלאָסן זיך צו נעמען אין וועג אַריין. גוטע נייעס אין אַזעלכע צייטן איז שקר; שלעכטע נייעס — איז אמתע נייעס. האָבן אין שטאָט באַלד אויסגעפּעלט יידישע ווע־גענער און יאַנקל האָט אָנגעהויבן דינגען פּויערישע פורלעך. יאַנקל איז נישט מיד געוואָרן פון פּאַקן אין שטרוי שטאָפּן בראַנפן און געבראָטענע גענדז — צוויי סגולות אָפּצושפּרעכן דאָס שלעכטס פון דייטשע זשאַנדאַרן. אויף יעדן וואָגן: פינף יידישע פּאַסאַזשירן, צוויי שטאָפּן בראַנפן און איין געבראָטענע גאַנדז. און יאַנקל האָט אָנגעזאָגט די יידישע פּאַסאַזשירן אויף די פּויערישע פורלעך:

„למען השם, טאָמער פאַרהאַלט אייך אַ דייטש אויפן וועג, זאָלט איר גאָרנישט רעדן. לאָזט אים זוכן אין שטרוי ביז דער ימח שמוניק וועט זיינס געפינען און איר וועט מערטשעם פון אים פטור ווערן". צוליב דער איילעניש האָט יאַנקלען אויסגעפּעלט בראַנפן. ער איז נישט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ לויפעניש. פאַר מיר מיט די פיר פרויען איז אויסגעקומען צו פאָרן נאָך מיטאָג. זענען מיר אַריינ־געפּאַלן צווישן נאָך צוויי וועגענער, פאַר וועלכע יאַנקל האָט נישט געהאַט קיין שטאָפּן בראַנפן. האָט ער אָנגעזאָגט די פּויערים ווי אַזוי זיי זאָלן פאָרן, כדי אויס־צומיידן די דייטשע וואַך ביי עפּעס אַ מיל. צוליב דעם האָט זיך דער וועג צום בוג אויסגעצויגן. אַנשטאָט צוואַנציק קילאָמעטער האָט ער גענומען דרייסיק קילאָ־מעטער.

מיר זענען אַריינגעפאָרן אין אַ בלאָטיקער נאַכט. דאָס פערד פון דעם וואָגן אויף וועלכן מיר זענען געפאָרן, איז געוואָרן טויט מיד און מער נישט געקענט שלעפּן די לאַסט. דער פּויער האָט אונדז געהייסן אַראָפּגיין פון וואָגן. דער פראָסט האָט בלויז פאַרשטייפט די אויבערשטע שיכט פון די בלאָטעס, אָבער אונטער אַ שווערער מאַסע זענען די רעדער איינגעזונקען ביז איבער די אַקסן. דאָס פערד

האָט קוים געשלעפּט זיינע אייגענע פיס. עס האָבן נישט געהאָלפן די פויערישע קללות און וויאָעווען. דריי פרויען און איך זענען געגאַנגען ביי דער זייט פון וועג, וואָס איז אויך ליימיק און גליטשיק. די לערערין האָט זיך איינגעקשנט, אַז וואָס שייך איר האָט זי באַצאָלט אויף צו פאָרן אויפן וואָגן און נישט צו גיין נעבן וואָגן. איבעריקנס איז זי נישט שווערער פון איינעם פון די זעק, וואָס ליגן אויפן וואָגן, און זי איז נישט ערגער פון אַ זאַק...

דער וועג איז געווען שווער ווי קריעת ים־סוף. אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן איז געוואָרן שטאָק־פינצטער און מען האָט אפילו נישט געקענט זען ווו מען שטעלט אַוועק אַ פוס. זענען די פיס געזונקען אין ליים. די כוחות זענען אַוועק נישט אויף גיין, נאָר אויף אַרויסצושלעפן די פיס פון זומפּ, כדי נישט צו בלייבן הינטערשטעליק און זיך נישט פאַרלירן האָט זיך אייבער געמוזט האַלטן ביים צווייטן. האַלטן זיך ביי די הענט איז געווען אוממעגלעך. ווי נאָר מען האָט דאָס געוואָלט טאָן האָט אייבער מיטגעשלעפּט דעם צווייטן צום זומפּ און צו פאַלן. האָט זיך איין פרוי געהאַלטן ביי מיין פּאָלע און זי האָט זיך פאַרבונדן מיט די אַנדערע צוויי פרויען דורך אָנהאַלטן זיך ביי אַ שאַל. אַזוי האָט דער וועג גע־דויערט אין דער אומענדלעכקייט.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט איינע פון די צוויי פרויען, די נאָענטסטע צו באַשע טרונק, אויסגעשריגן איך זאָל נישט ציען פאַראויס. באַשע שטאַרבט. ס'איז געווען אַ גוזמה. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די פרוי האָט הויכן פיבער און זי פאַרלירט רגעווייז דאָס באַוווסטזיין.

„גייט אַראָפּ פון וואָגן און לאָזט די קראַנקע פרוי זיך אָפּרוען אַ האַלבע שעה!" — האָט זאָסיאַ געשריגן צו דער לערערין.

ס'איז געווען אַ ברכה לבטלה. אפילו מיין דראָאונג, אַז איך וועל זי מיט כוח אַראָפּשלעפּן פון וואָגן, האָט נישט געהאָלפן. די לערערין איז אַרויס מיט היסטערישע געשרייען, אַז אַלע שטייען אָן אויף איר לעבן. דער פויער, וואָס איז געווען פאַרמאַטערט צום טויט פון אינטערשטופּן דעם וואָגן, האָט פאַרלוירן דאָס געדולד און געזאָגט אָפנהערציק, אַז אַנשטאָט די דייטשע זשאַנדאַרמעריע זאָל זיך צוזאַמענלויפן אויף די געוואַלדן פון דער פרוי אויפן וואָגן, וועט ער ליבערשט אַליין מאַכן אַ קירצערן וועג און אַריינפאָרן גלייך אין שטאָב פון דער זשאַנ־דאַרמעריע... איך האָב געמוזט רעזיגנירן. צוויי, איך פון איין זייט און זאָסיאַ פון דער צווייטער זייט, האָבן גענומען די קראַנקע באַשע אונטער די אָרעמס און זי געפירט מיט פאַמעלעכע טריט. פערד־און־וואָגן האָבן זיך צוליב דעם דער־ווייטערט און נאָר מאַרישאַ האָט אָנגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט צווישן דעם געשפּאַן און אונדז, וואָס זענען שוין געווען הינטערשטעליק אויף עטלעכע צענדליק טריט.

פלוצים הערט זיך אַ געשריי:

„געוואַלד. געוואַלד. ראַטעוועט!"

דאָס זענען געווען היסטערישע הילפס־רופן פון דער לערערין. איך האָב גע־לאָזט די צוויי פרויען און מיט מיינע לעצטע כוחות געאיילט פאַראויס. דאָס בילד, וואָס איך האָב דערזען איז געווען אי קאָמיש אי טרויעריק. דער וואָגן איז געלעגן אויף אַ זייט און די לערערין הענגט אַראָפּ מיטן קאָפּ צו דער בלאָטע. דער פויער

שטייט ביז איבער די קני אין וואַסער און האַלט דאָס פערד, ווייל איין שלעפ פּאַראויס און דער וואָגן וועט צוזאַמען מיט דער לערערין דערטרונקען ווערן.

„ראַטעוועט, ראַטעוועט, איך קען זיך מער נישט האַלטן!" — האָט די לע־רערין געשריגן.

זאָסיאַ האָט מיך אַ ציִ געטאָן ביים אָרעם:

„ראַטעווע נישט! זאָל זי זיך אָפּבאָדן אין דער בלאָטע וועט מען זי שפּעטער אַרויפליייגן אויף אַן אויוון זי אויסצוטריקענען. זאָל די קליפּה פאַרשטיין אויך אַנדערע".

איך בין אַריין אין וואַסער, אונטערגעהויבן די לערערין און זי אַראָפּגע־שלעפּט פון וואָגן. איצט האָבן מיר מיט בשותפותדיקע כוחות געקענט אויס־גלייכן דעם וואָגן און אים העלפן אַרויספירן פון דער סכנה. בין איך ביז איבער די קני געוואָרן דורכגענעצט. איך האָב די גליטשיקייט געפילט אין די שטיוול און פאַרקלעפּט זענען געווען די שטיוול מיט ליים, אַז מיינע פיס זענען געוואָרן שווער ווי קלעצער.

פאַר האַלבער נאַכט האָבן מיר זיך קוים דערשלעפּט צו אַ דאָרף. דער גע־לער יאַנקל איז אונדז אַנטקעגנגעקומען ער איז געווען זיכער אַז אָדער עס האָט געפּלאַצט אַן אַקס פון וואָגן, אָדער מיר זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ דייטשער וואַך אין דער צייט פאַר האַלבער נאַכט, איז די ריכטיקע שעה פון אָנהויבן אַריבערשיפן זיך אויף יענער זייט ברעג האָט יאַנקל געאיילט. אויב מיר זענען יאָ אַרויס טרוקן, זאָלן מיר גלייך פון וואָגן זיך נעמען צו די שיפלעך ביי די פויערישע הייזלעך איז געווען הויך־יאַריד פויערים האָבן געשלעפּט פּעק און זעק און נאָך זיי האָבן זיך נאָכגעשלעפּט די פּאַסאַזשירן אויף אַריבער־צושיפלען זיך יאַנקל איילט: ווי גאָט איז מיט אייך די דייטשע וואַך איז בכיוון נעלם געוואָרן זיי האָבן צו טרינקען און צו פרעסן אויף אַ גאַנצער נאַכט אויף וואָס וואַרט איר?

באַשע טרונק האָט געפלאַמט פון פיבער מיינע צוויי קריסטלעכע באַגליי־טערינס ווי נאָר זיי זענען אַריין אין אַ פּויערישער כאַטע אין דערפילט די וואַ־רעמקייט, האָבן זיך גלייך אויסגעצויגן אויף דער ערד מיט דעם. אַז זיי מוזן אָדער שטאַרבן אָדער שלאָפן פון מידקייט די נאַכט ריירן זיי זיך נישט פון אָרט און ווי זיי האָבן געזאָגט, אַזוי האָבן זיי געטאָן זיי זענען איינגעשלאָפן אויף דער ערד, נעבן דער טיר. ווו נאָך אַנדערע זענען געשלאָפן און נאָך אַנדערע וואַכעדיקע — האָבן געטרעטן איבער זיי, קיינעם האָט עס נישט געקימערט. עס איז די צייט ווען יעדער טראַכט נאָר וועגן זיך

אונטן, ביים ברעג פון בוג, אַ צוואַנציק־דרייסיק טריט פון די הייזלעך, האָבן זיך מענטשן שטיל געקריגט, שטיל זיך געשאָלטן און בלחש זיך געדראָט קעגנ־זייטיק צו דערמאָרדן פאַרוואָס, האָט קיינער נישט געוויסט. צוויי קליינע מולטער־שיפלעך האָבן זיך באַוויגן אַהין און צוריק. אָט שלאָגט צו צום ברעג דער מול־טער, אַ פּויער שטופּט אונטער די פּאַסאַזשירן. העלפט שלעפּן די פּעק. שנעלער, שנעלער! דער רודערער זעצט איין די פּאָר מענטשן און שוין שלאָגט ער אָפּ פון ברעג. אין איין רגע האָט געפּלאַצט אַ רויט פלעמל פון אַ ביקס. זאַפטיקע

רוסישע קללות האָבן זיך געשאָטן אויף יענער זייט ברעג. די קללות האָבן אָפגעקלונגען אַזוי קלאָר און דייטלעך, ווי זיי וואָלטן אַרייַנגעשריגן געוואָרן אין אויער... די צוויי שיפלעך זענען צוריקגעקומען פון יענער זייט ברעג און צוריק אַרויסגעלאָזט די פּאַסאַזשירן. איצט האָבן די פויערן געשאָלטן אויף פויליש מיט קללות, וואָס האָבן געגנוי אַרייַנגעפּאַסט זיך צו די רוסישע. אויף מענטשלעך לשון האָבן די קללות באַדייט, אַז הייַנטיקע נאַכט וועט עס זייַן נישט לייכט.

די ישיבה־בחורים און זייער באַגאַזש

דער געלער יאַנקל האָט געהאַט איין איינציק וואָרט אויף דעם אַלעם: „ימח שמם". און ער האָט געזאָגט צו איינעם אַ ייד, וואָס איז געזעסן אויף אַ פּעקל:

„איר זעט דאָך וואָס עס טוט זיך!"

דער ייד האָט זיך אויפגעהויבן און אַרייַנגעפּליסטערט אין דער פינצטערניש:

„בחורים, לאָמיר גיין צוריק אונטער אַ דאַך ביז פּאַניע וועט גיין שלאָפן".

אַ מחנה יונגעלייט האָבן זיך אויסגעטיילט פון דער פינצטערניש און נאָכגעגאַנגען דעם ייד. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז אַ ישיבה און בראש פון איר — דער ראש־ישיבה, אַ ווילנער ייד. ווי נאָר ער איז מיט זייַנע בחורים צוריקגעקומען אין דעם פויערישן הויז, האָט דער ראש־ישיבה באַפוילן אַרויסנעמען גמרות פון די פּעקלעך און זעקלעך און נישט זיצן ליידיק. דאָס איז געווען אַן אויסטערליש בילד, אַנטקעגן וועלכן איך בין געבליבן שטיין, ווי עס וואָלט געווען נישט דאָ־וועלטיש. אַרום די ווענט, וואָס זענען באַהאָנגען מיט איקאָנעס פון ישו, פון מאַריע און אַ צענדליק הייליקע, זענען אויסגעזעצט די ישיבה־בחורים. אַנדערע ליגן אויף דער ערד מיט די גמרות, באַנט צו זייערע אויגן. דער ראש־ישיבה ליגט אויף אַ זייט, אָנגעשפּאַרט אויף זייַן אָרעם. די יונגעלייט זענען מעיין אין די גמרות. ביי איינעם רייסט זיך אַרויס אַ שטיקל פון אַ גמרא־ניגון, טוט אַ קוק אויפן ראש־ישיבה און ווערט שטיל. אַ צווייטער שאָקלט זיך. די ישיבה, ווי אַ סך אַנדערע, אַנטלויפט פון אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע און איר ציל איז: ווילנע. יש אומרים, אַז דאָרט קען מען ווידער עוסק זייַן אין לערנען תורה. האָבן די יונגעלייט מיטגענומען מיט זיך צו אייניע און צוויי גמרות, כדי צוזאַמען זאָל מען ווידער האָבן גאַנצע ש"ס. צווישן איין שיפל און צווייטן נעמט מען אַרויס די גמרות און מען איז מרביץ תורה.

אויף די גרענעצן האָב איך געזען מחנות יוגנטלעכע מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס, דערוואַקסענע אינטעליגענטן און פּאָלקסמענטשן, אַרבעטער און פּאַרטיי־לייט — יעדער מיט זייַן קערבל, צי פּעקל. איך האָב געזען אָרגאַניזירטע גרופּן פון „השומר הצעיר", וואָס האָבן זיך געשמוגלט קיין ווילנע און געראַטעוועט זייערע אָנפירער. ביי קיינעם פון די אַלע האָב איך נישט באַמערקט, ער זאָל האָבן מיטגענומען אַ ספר פון זייַן אידעאָלאָגיע, צי פון זייַן פירער, צי פון זייַן טעאָריע. אין די פּעקלעך און רוקזעק האָט מען געהאַט פּראַקטישע זאַכן: אַ פּאָר וועש, זאָקן, נאָך אַ רעקל, און צומאָל בילדער פון אייגענע. אָבער זיי, די ישיבה־

בחורים, זיי האָבן אויף די וועגן פון נע־ונד מיטגענומען, וואָס פרומע יידן פלעגן אַלע מאָל מיטנעמען אויף זייער וואַנדער־וועג: דאָס ספר! וואָס פאַר אַ נסיון אין זיין נע־ונד!

דער ראש־ישיבה קוקט אַריין אין זיין גמרא מיט אַזאַ רואיקייט, ווי נישט ער וואָלט געלעגן אויף דער ערד אין אַ פּויערישער כאַטע, ביי אַ געפּערלעכער גרענעץ, נאָר ווי ביי זיך אין הויז אויף אַ באַקוועמער קאַשעטע. ער גלעט די באָרד, קנייטשט דעם שטערן. אפשר ווידער אַ האַרבע קשיא בייגאַכט אין מיטן דערינען אין דער פּויליש־פּויערישער כאַטע? און ווען אַ האָר פון דער באָרד בלייבט אים צווישן די פינגער, מישט ער איבער אַ דף און באַהאַלט דעם האָר אין ספר. ס׳איז דען עק וועלט?

יאַנקל קומט אַריין צולויפן:

„רבי, ס׳איז צייט!"

דער ראש־ישיבה שפּרינגט־אויף נערוועז און מיט אים — זיינע בחורים. אייליק לייגט מען צוריק אַריין די ספרים אין די פּעקלעך און זעקלעך. דער געלער יאַנקל וויל זיך איינקויפן עולם הבא און ער איילט־צו פּאַטערלעך:

„נו, קינדערלעך, טוט זיך אַ שאָקל".

די יונגעלייט איילן זיך ווי זיי קענען. יאַנקל גייט מיט זיי צום ברעג טייך. ער שטופּט אַלע אָפּ אין די זייטן. יידן מיט ווייבער און קינדער רייסן זיך צו די שיפלעך, זיי טענהן, אַז שוין צוויי נעכט זיצן זיי ביים וואַסער. האָט פאַר זיי יאַנקל נאָר אַ קרעכץ. און צום ראש־ישיבה זאָגט ער:

„רבי, גייט אַריין אין שיפל. פּאַמעלעך".

„אַ יישר כוח, ר׳ יאַנקל. זאָל אייך גאָט העלפן איר זאָלט מציל זיין וואָס מער יידן".

דאָס פולע שיפל שלאָגט אָפּ פון ברעג און באַלד גייט נאָך אַ צווייט שיפל. די צוויי שוואַרצע פלעקן אויף דעם טונקעלן שליאַך פון וואַסער טראָגן אַוועק דעם גייסט פון יידישן נצח, דעם אייביקן ייד, וואָס טראָגט מיט זיך אַ ים אמונה אין א וועלט, וואָס איז קיין ברעקל אמונה נישט ווערט.

דער געלער יאַנקל וואָס האָט שוין געהאָט דורכגעלאָזט אַ סך הונדערטער און אפשר טויזנטער יידן איבערן בוג, איז ער דאָס מאָל מיט זיין האַרץ און נשמה אין די צוויי שיפלעך, וואָס האָבן געפירט ישיבה־בחורים מיט הייליקע ספרים. דאָרט, אין די שיפלעך געפינט זיך זיין עולם הבא. זאָלן די ישיבה־בחורים אַריבערקומען מיט מזל דעם וועג און ער, יאַנקל, האָט אַ געזיכערט אָרט אין גן־עדן ביז משיח וועט קומען.

צוויי פאַלן פון זאָרג, נישט סתם פאַר יידן, נאָר פאַר דער יידישער נשמה, האָב איך געזען אין מיין לעבן. דער ערשטער פאַל איז געשען אין מיין שטעטל סאָקאָלאָוו אין יאָר 1920 בעת דער באָלשעוויסטיש־פּוילישער מלחמה. ווי אַ יינגל האָב איך מתוך נייגעריקייט בייגעוווינט די שלאַכט איבערן שטעטל — דעם צוריקגאַנג פון די פּאָליאַקן און דעם פאָרויסגאַנג פון די באָלשעוויקעס. איך בין צוריקגעלאָפן צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן און זיך פאַרהאַלטן מזרחדיק פונעם שטעטל, וווּ צופוסנס פון דער רוסישער צערקווע האָט זיך געפונען אַ טיפער

יאַמדיקער טאָל פון יואַנעז דאָס שטעטל פלעגט נעמען זאַמד צום בויען. דאָ איז פאָרגעקומען א בליטיקע שלאַכט. צי יועלכער איך האָב זיך צוגעקוקט פון דער נאָענט געהערט די געשרייען פון די פאַרוואונדעטע און אין דעם זאַמדיקן טאָל ענגע געבליבן צענדליקער געפאַלענע זעלנער פוןביידע מחנות. די שלאַכט איז שוין געהאט אַריבער איך בין נאָך געלעגן אַ צעטומלטער פון דעם וואָס מײַנע ייִנגע אויגן האָבן געזען. אין מיין באַהעלטעניש צווישן די הויכע גראָזן ביי דער מויער אַרום דער צערקווע. אין געזען האָב איך אַזאַ בילד: חוה פעסקעס, די גבאיטע פון דער ווייבערישער שול. איז אָנגעקומען פון דער זייט פון אַלטן בית־עולם און איילק זיך אַראָפגעבויגן איבער די גופים און ביי יעדען איינעם איפגעקנעפלט די הויזן די געפאַלענע זענען געלעגן אין די סאַמע אויסטער־ישסטע פאָזיציעס אַזוי ווי עס פאַלן זעלנער. וואָס ווערן געטראָפן פון אַ טויט־קויל. חוה האָט זיי אַלע אויסגעגלייכט מיט די פנימער צום הימל און אויף זייערע גופים געזוכט דעם צייכן פון דעם פאַרשניטענעם בונד מיט גאָט, כדי די געפאַלענע יידישע זעלנער צו ברענגען צו קבר ישראל.

דעמאָלט ווי א יונג ייִנגל האָב איך נאָך נישט געוווּסט וועגן אַ שרה בת טובים — און חוה פעסקעס די גבאיטע איז געוועזן אַ שרה בת טובים. ביים ברעג פון בוג, ביים אַריבערשיפן די ישיבה מיט די ספרים, האָב איך אין יאַנקלען דעם בעל־עגלה געזען אַ ל״ווניק — און ער איז געוועזן אַ ל״ווניק. ער איז נישט אַוועק פון טייך־ברעג ביז דאָס לעצטע ליידיקע שיפל איז צוריקגעקומען, און דער פליסאַק, דער רודערער פון שיפל, האָט געמאָלדן: „טאַק, יאַנקעלו, אַלע זענען אויף יענער זייט און קיין קאַצאַפּ זעט מען נישט פאַר די אויגן״.

יאַנקל האָט אויסגעשנייצט די נאָז און געזאָגט: „געלויבט השם יתברך״ און ער איז אַוועק. ער האָט זיינס אָפּגעטון.

פאַרטאָג איז יאַנקל צוריקגעפאָרן קיין מאָרד. אינעם דערפל זענען געבליבן אַ פערציק יידן, וואָס זענען די נאַכט נישט אַריבער דעם בוג.

די פויערים האָבן געוואָרנט די געבליבענע זיי זאָלן זיך בייטאָג נישט ווייזן אין דרויסן. דייטשע פאַטרולן לויפן אַרום לענגאויס דעם ברעג. זיי זענען, אמת, אַלע אונטערגעקויפט. אָבער טאָמער כאַפּן זיי אַ ייד — נעמען זיי אים צו צוואַנגאַרבעט און באַרויבן אים. די פויערטע אין דעם הויז, ווו מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן, האָט געעצהט, די יידן זאָלן איר איבערגעבן צו באַהאַלטן אַלע זייערע ווערטזאַכן, וואָרום טאָמער ווערן אַריינפאַלן די פרייסישע רוצחים וועלן זיי ביי די יידן צורויבן ביז צו דער לעצטער פרוטה. יידן האָבן דער פויערטע אָנפאַרטרויט זייער לעצט פאַרמעגן. זי האָט נישט געציילט, נישט געקוקט וואָס מען גיט איר צו באַהאַלטן, נאָר אַלע פעקלעך איינגעוויקלט אין אַ שטיק לייוונט און דאָס פאַרמעגן באַהאַלטן. נאָך מיטאָג, ווען ס'איז פאַרביי די צייט ווען די פאַטרולן באַווייזן זיך אין דאָרף, האָט די פויערטע אַריינגע־בראַכט דאָס גאַנצע פעקל, אויסגעלייגט דאָס אָנפאַרטרויטע אויפן טיש און געהייסן יעדער זאָל זיך אויסקלויבן וואָס איז זיינס. באַלד דערנאָך איז אין דאָרף געוואָרן אַ בהלה. אין מיטן העלן טאָג האָבן שמוגלער זיך אַריבערגעשיפט אויף דער צווייטער זייט ברעג און דאָס שיפל איז צוזאַמען מיט די שמוגלער

און זייער טראַנספּאָרט אַריינגעפּאַלן אין די הענט פון אַ סאָוויעטישן פּאַטרול אויף יענער זייט טייך. דאָס איז געווען אַ בשורה, אַז אין דער נאַכט וועט פון דעם פונקט נישט זיין קיין באַוועגונג צו דער צווייטער זייט. ווי נאָר די פויערים האָבן די בשורה באַשטעטיקט, האָבן מיר, איך און די פיר פרויען, גענומען אונדזערע פּעקלעך און איבערגעוואַנדערט ווייטער אויף מערב צו אַן אַנדער פונקט פון אַריבערשיפן זיך איבערן בוג. דער פונקט איז געווען נישט קיין ווייטער, אָבער צוליב דער קראַנקער באַשע טרונק, וואָס איר שווערער הוסט און דער פיבער האָבן עדות געזאָגט, אַז זי ליידט אויף אַ שאַרפן בראָנכיט, האָט דער וועג גענומען אַרום אַ שעה גאַנג. מיר זענען אָנגעקומען אין אַ קליינעם וואַלד־ישוב. אין דער מיט פון דעם וואַלד זענען געשטאַנען עטלעכע הייזער. דער וואַלד האָט דערגרייכט כמעט ביז צום טייך־ברעג. אין די הייזלעך האָבן מיר געפונען אַ הונדערט „איינגעזעסענע" פּליטים — אַזעלכע, וועלכע האָבן דאָ געוואַרט שוין עטלעכע טעג און זיך נישט געקענט אַריינבאַקומען אין אַ שיפל. דאָ, אויפן ברעג, הערשט דאָס געזעץ פון כוח און דער חסד פון די פליסאַקעס, וועלכע אַרבעטן מיט דריי שיפלעך. די קאַמערן פון די פויערישע הייזער האָבן אויסגעזען ווי הקדשים. צווישן שמוץ און דומפּיקער לופט זענען די פּליטים און זייערע פּעקלעך געווען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד.

די פויערישע פאַמיליעס פון די הייזער זענען אַריבער וווינען אויף די בוידעמער און זייערע קאַמערן איבערגעלאָזט פאַר די פּליטים. די פויערישע קינדער, באַוואַקסענע, מיט אייגעלעך ווי פון חיהלעך, האָבן מיט נייגער אַראָפּ־געקוקט פון די בוידעמער צו די אויסטערלישע מענטשן, וואָס אַז זיי שלאָפן נישט אויפן דיל באַוועגן זיי זיך ווי שיכורע. די סיבה פאַרוואָס די פויערישע פאַמיליעס האָבן זיך איבערגעקליבן אויף די בוידעמער איז אויך געווען דאָס, וואָס אין די חדשים פון שמוגל איבערן טייך האָבן זיי אָנגעקליבן זעק מיט באַנק־נאָטן, וואָס זיי זענען אפילו נישט געווען אימשטאַנד איבערצוציילן. פאַר די זעק מיט געלט האָבן זיי אויך נישט געהאַט קיין פּלאַץ אין די קאַמערן, זענען די פאַמיליעס צוזאַמען מיטן געלט, אַרויף אויף די בוידעמער און כדי צו זיין זיכער מיט זייערע אוצרות האָבן זיי די לייטערס אַרויפגעצויגן אין דער הויך.

פון דעם רעדן מיט די פליסאַקעס אויפן ברעג האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב מער נישט צו טון מיט „זאַבוזאַקעס" (פויערים, וואָס וווינען ביים בוג און צייכענען זיך אויס מיט פּרימיטיווקייט), נאָר מיט פאַרדאָרבענע מענטשן, וואָס דאָס פּלוצימע רייך ווערן האָט זיי דערנענטערט צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דער אַמאָליקער דעגענערירטער פּוילישער שליאַכטע. פון אָנהייב האָב איך געפּרוווט רעדן צו זיי ווי אַ פּאָליאַק צו פּאָליאַקן, וואָס האָט אויף יענער זייט עפּעס „גאָר וויכטיקס און פּאַטריאָטישס" צו טון. זיי האָבן געחוזקט פון מיר. אַלץ, האָבן זיי געזאָגט, האָט זיך געענדיקט; די הורנזין האָבן פאַראַטן פּוילן און דאָס וואָס איך זאָג זיי איז נישט מער... (אויף דעם פּלאַץ האָבן זיי באַנוצט עטלעכע פּוילישע נבול־פּה ווערטער. וואָס האָבן אַלץ פאַרענטפערט...). אַז איך האָב אַוועק־געלייגט אַן אַ זייט דעם פּאַטריאָטישן סענטימענט און אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ ספּעציעלער געלט־באַלוינונג, האָט איינער פון די פליסאַקעס פרעגט מיר

אנגעוויזן אויף זיין געשלעכט־גליד און צום געלעכטער פון זיינע חברים געזאָגט: „ווען דו קענסט מיר געבן נאָך אַזאַ זאַך, וואָלט איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ פּרייז. נאָר אויב דו רעדסט וועגן געלט — רעדסטו וועגן געבן מיר דרעק". ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם־טאַש אַ פּאַק נישט־סאָרטירטע הונדערטער־באַנקנאָטן און מיר געפּאַכעט פאַר דער נאָז: „אין אַ יאָר אַרום יועל איך האָבן מיין כאַטע אויסטאַפּעטירט מיט אָט דעם דרעק".

צו האַלבער נאַכט איז געוואָרן אַן אַדליגע און ס'האָט געגאָסן אַ דינער רעגן, אַזאַ וואָס עסט זיך איין אין די ביינער מיט זיין פּאַמעלעכדיקייט. די ייִדן וואָס האָבן אָנגעהויבן שלעפּן זייערע פּעקלעך צום ברעג טייך זענען באַלד געוואָרן דורכגענעצט ביזן העמד. די פּליסאַקעס האָבן זיך נישט געאיילט צום טייך. אויף די בוידעמער, צווישן דעם טרוקענעם שמעקעדיקן היי מיט די זעק מיט געלט, איז וואַרעם. ס'גלוסט זיך נישט איבעררייסן דעם שלאָף צוליב געלט, וואָס וועט ווערן טאַפּעטן־פּאַפּיר. זענען די ייִדישע פּליטים געזעסן ביים ברעג טייך אויף זייערע פּעקלעך און דורכגענעצטע פון רעגן געדולדיק געוואָרט: אַבי זיי זאָלן נאָר קומען; אַבי מען זאָל נאָר נישט זיצן אומזיסט. און ווידער: פאַרוואָס זאָלן זיי יאָ קומען אין אַזאַ רעגן? ווער און וואָס טרייבט זיי? זיי שלאָפן זייער רויִקן שלאָף צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און פאַמיליעס, קיין שום געפאַר דראָט זיי נישט.

וואָס מער דער רעגן האָט זיך איינגעפרעסן אין די ביינער און די קעלט אין די פיס האָט געשניטן, אַלץ מער האָט זיך געלאָשן די האָפענונג, אַז די פּליסאַקעס וועלן אַראָפּברענגען זייערע שיפלעך. אַלע האָבן געשוויגן. נישט געווען צו וועמען צו האָבן טענות אויסער צום אייגענעם ייִדישן גורל. פון דעם שוויגן האָט זיך אויסגעבראָכן די לערערין. מיט איר טרוקענער איינטאָניקער שטים האָט זי זיך אָנגעזעצט אויף מיר מיט תרעומות הלמאי מיר איז איינגעפאַלן אָוועקצוגיין פון דעם ערשטן דאָרף און זיך איבערקלייבן אַהער אין דעם וויסטן וואַלד. דאָ וועלן מיר זיכער אַריינפאַלן אין די הענט פון אַ דייטשן פּאַטרול; זיכער ווי עס איז נאַכט אין דער וועלט. זי פילט די געפאַר ווי זי וואָלט שוין דאָ געווען. פון דער מזרח־זייט פון טייך זענען דערגאַנגען דעמפּיקע ביקסן־שאָסן און ווייטווייטע געשרייען פון פּרוּוען, ווי ביים איינרייסן קברים. דאָס האָט דער לערערין געדינט ווי אַ נייע טענה צו מיר, אַז דאָרט פון וואַנען די שיסערייען קומען, גייט מען אַדורך דעם בוג, נאָר מיר זיצן דאָ און ווערן צעווייקט פון רעגן. און באַלד נאָך אַ טענה, אַז לאָ די מיר גייען נישט אַדורך די גרענעץ, וועט נאָך אַהער פאַרבלאָנדזשען אַ קויל און אונדז אַלע אויסהרגענען.

ווי איך האָב אויסגעהאַלטן דעם רעגן, וואָס איך האָב אים שוין געפילט אינעם מאַרך פון מיינע ביינער, אַזוי האָב איך געדולדיק אויסגעהאַלטן די זלידנע רייד פון דער לערערין — נאָך איין נאַטור־אומגליק, ווי עס איז דער רעגן, דער טייך, די דייטשן, די רוסן. פון דעסטוועגן האָבן אירע ווערטער געווירקט אויף מיין געמיט אַזוי דערדריקנדיק, אַז ווען איך האָב שפּעטער געהערט אַ פאַרדעכטיקטע באַוועגונג צווישן די ביימער, בין איך געווען זיכער, אַז אַ דייטשער פּאַטרול באַפאַלט אונדז. ווי איך האָב געהערט די פאַרדעכטיקטע באַוועגונג, אַזוי האָבן

אויך אַלע אַנדערע געהערט, נאָר אַנשטאָט צו טראַכטן האָבן אַלע באַלד אָנגע־הויבן לויפן מיט די פּעקלעך און זעקלעך — זיך ראַטעווען פון די מערדערישע דייטשן. עס זענען נישט געווען קיין דייטשן, נאָר יידישע פּליטים, וואָס זענען אָנגעקומען פון דעם זעלבן דאָרף פון וועלכן מיר זענען פריער אָנגעקומען. דאָרט איז דער בוג פאַרקלאַפּט ווי מיט ברעטער. דאָס איינציקע שיפל איז באַשאָסן געוואָרן פון די רוסן פון דער צווייטער זייט ברעג. אַ סברה, אַז דאָס שיפל האָט זיך איבערגעדרייט און די פאַרוואונדעטע זענען אַריינגעפאַלן אין טייך. היינט מוז מען אַריבער דעם בוג! מען מוז! מאָרגן קען זיין צו שפּעט!

דריי יונגע מענער, איך און נאָך צוויי זענען מיר לסוף אַוועק איבערוועקן די פּליסאַקעס. אַלע זענען זיי געשלאָפן אויף די בוידעמער און די לייטערס זענען אַרויפגעצויגן. אין איין הויז האָט מען געקענט זיך אַרויפבאַקומען אויך אָן אַ לייטער: איינער איז אַרויפגעקראָכן אויף מיינע פּלייצעס און אויף די אַקסלען, אָנגעכאַפּט זיך אָן די בוידעם־קראָקוועס און ער איז אין דער הייך. דער צווייטער ביז איך אַרויף און דער דריטער, אַ פליבקער, האָט נישט געדאַרפט קיינעמס הילף. ווי אַ קאַץ איז ער אַרויף. אויפן בוידעם האָט געלויכטן אַ שטאַל־לאַמטערן. אין דעם שוואַכן ליכט האָבן מיר אין אַ טיפן ווינקל אָפּגעפונען די שלאָפנדיקע פאַמיליע. די ערשטע האָט זיך אויפגעכאַפּט די פויערטע: „ווו קריכט איר? וואָס ווילט איר דאָ?״ אויף איר פרעגן האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט דער פויער. „וואָס איז געשען?״ — האָט ער זיך געוואָנדן צו זיין ווייב. ער איז געווען פאַר־זונקען אין שלאָף אַז ער האָט אונדז אַפילו נישט געזען. ער האָט זיך אויפגעזעצט און פון דעם פולן זעקל, וואָס איז געווען פאַר אים אַ קישן האָבן אַרויסגעקוקט פּעקלעך הונדערטער־גילדנס.

„באַלעבאָס״ — האָב איך געזאָגט דער ערשטער — „מענטשן וואַרטן שוין צוויי שעה ביים ברעג טייך. זיי זענען דורכגעווייקט פון רעגן. האָב רחמנות און לאָז די שיפלעך״.

„גייט צו מיין שכן. הייגט האָט ער געדאַרפט לאָזן די שיפלעך. דער שכן״.

„באַלעבאָס. האָט רחמנות. שיקט נישט אָפּ צו אַן אַנדערן. אויך איר דאַרפט זיין״ — האָט אַ צווייטער ייד געבעטן.

די פויערטע דערזעט ווי מיר קוקן אויפן אָפענעם זאַק מיט געלט נעבן איר מאַן, ציט זי אויס די האַנט און פאַרשטעלט די עפענונג. זי האָט אונדז געוואָלט וואָס שנעלער פּטור ווערן און זי האָט נישט געשטערט איר מאַן אויפשטעלן זיך.

מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער זענען די שיפלעך אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אויפן טייך און מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן שטופּן צו זיין די ערשטע. וועגן דעם, מיר זאָלן אין דער נאַכט אַריבערשיפן זיך האָב איך קיין האָפענונג נישט געהאַט. באַשע טרונק איז געווען ערנסט קראַנק. זי האָט פון איר פּעקל נישט געקענט זיך אויפשטעלן. די פיס האָבן זיך אונטער איר איינגעבראָכן. די לערערין איז אָנגע־לאָפן אויף מיר, אַז אין אַלעמען בין איך שולדיק; צוליב מיר וועט אויך זי אומ־קומען. איך האָב געקענט פאַרשטיין איר קנאה ווען זי האָט געזען ווי אַנדערע שטייגן איין אין די שיפלעך. דאָך האָב איך געזאָגט צו איר געבוג ברוטאַל: „איך וועל אַלץ טון כדי פּטור צו ווערן פון אייך. קומט און איך וועל באַצאָלן וויפל

די פליסאַקעס וועלן נאָר פאָדערן פאַר אַריבערשיפן אייך אויף יענער זייט און אַוועקפירן קיין סעמיאַטיטש. אַבי איך זאָל מער נישט הערן אייערע תרעומות". זי האָט נישט געוואָלט זיך לאָזן אין וועג אַריין אַליין און אויך זי איז בלית ברירה געבליבן אויף דער זייט.

איך האָב די קראַנקע איינגעדעקט מיט מיין בורקע, וואָס האָט געהאַט אַן אונטערשלאַק פון שעפסן־פעל און אונטערהאַלטנדיק אונטער די אָרעמס האָבן מיר זי אַוועקגעפירט אין אַ פויעריש הויז. איך האָב באַקומען אַ פּריש בינטל היי אויסצושפּרייטן אויף דער ערד, אַ הייס קריגל מילך און די פויערטע האָט אויך פון ערגעץ אַ באַהעלטעניש געבראַכט אַ האַלבע גלאָז מאַלינע־סיראָפּ „אויף אויסצושוויצן דאָס חולאת". די קראַנקע האָט אויסגעפיבערט די נאַכט. ווי די קראַנקהייט וואָלט פאַרברענט געוואָרן אין דער היץ. די פויערטע איז געווען שטאַלץ מיט דעם באַוווסטזיין. אַז איר הילף האָט געבראַכט פאַר דער קראַנקער אַ נס און דערפאַר האָט זי זיך באַמיט ביי איר מאַן, אַז מיר זאָלן זיין די ערשטע ביים נאָענטסטן אַריבערשיפן זיך. און איר מאַן צוזאַמען מיט איר זון זאָלן אונדז העלפן טראָגן די פּעקלעך אויף יענער זייט ביז מיר וועלן אָנקומען אין אַ זיכערן פּלאַץ.

די נאָענטסטע נאַכט איז געווען ווי פון גאָט באַשאַפן אַריבערצושמוגלען זיך איבערן בוג.

אַ לייכטער פרעסטלדיקער ווינט האָט געהאַט אייסגעטריקנט די פעלדער. די נאַכט איז געווען אַ טיף פינצטערע, אָבער דער הימל — אויסגעשטערנט מיט קלאָרע שטערנס, וואָס זייער לעבעדיק ליכט מאַכט לייכט דאָס געמיט. דער טייך — אַ רואיקער, אַ סמאָלע־שפּיגל כאָטש אַריבערצוגיין צופוס. אין האַלב נאַכט האָבן די פויערים אַראָפּגעלאָזט צוויי שיפלעך. אַ גרופּע פרויען מיט קינדער באַגלייט פון וועג־פירער זענען אַריבער די ערשטע. די שיפלעך האָבן פון יענער זייט צוריקגעבראַכט עטלעכע שמוגלער מיט אַ טראַנספּאָרט נאַפט און געלט. די פליסאַקעס האָבן ביי די שמוגלער אויסגעפרעגט וואָס עס הערט זיך אויף יענער זייט, און זיי האָבן געוואָרנט פון אַריינגיין צו איינעם אַ געוויסן פויער, „וואָס אויפן בערגל אויפן וועג קיין דראָהיטשין". יענער איז געוואָרן אַ „זייערי־קער" און ער באַקומט צו הונדערט רובל פאַר יעדן געכאַפּטן מענטש...

עס איז געקומען די ריי מיר זאָלן אַראָפּגיין אין די שיפלעך. אין איינס הייס איך אַריינטראָגן די פּעקלעך מיט דריי פּאַסאַזשירן, דעם עלטערן פויער, וואָס דאַרף אונדז באַגלייטן, די לערערין און זאָסיא. אין צווייטן וועלן מיר זיין פיר פּאַסאַזשירן — צוויי פרויען איך און דעם פויערס זון, וואָס אויך ער דאַרף העלפן טראָגן די פּעקלעך און אונדז באַגלייטן. די לערערין באַשליסט אויפן אָרט, אַז אַפילו ווען איך זאָל פּלאַצן וועט זי נישט פאָרן אין אַ שיפל אָן מיר. און זי עקשנט זיך איין: זי גייט נישט אַראָפּ אין שיפל. און זי שרייט היסטעריש:

„איר ווילט מיך אומגליקלעך מאַכן, מערדער, רוצח!"

די פליסאַקעס זענען אַריין אין צאָרן. די רוסישע פּאַטרולן אויף יענער זייט וועלן דערהערן דאָס געשריי און דער טייוול וועט נעמען די נאַכט. איינער פון די פליסאַקעס, אַ פעסטער פויער אין אַ פעלץ, האָט די לערערין אַ נעם געטון ביי די

אַקסלען, ווי אַ שפּילצייג, זי אַריינגעזעצט אין ערשטן שיפל און דאָס שיפל האָט אָפּגעשלאָגן פון ברעג. מיט סעקונדן שפּעטער זענען אויך מיר נאָכגעקומען אוןביידע שיפלעך האָבן כמעט גלייכצייטיק צוגעשלאָגן צו דער צווייטער זייט.

דער מרחק פון איין ברעג צום צווייטן האָט נישט דערגרייכט אין דעם פּלאַץ קיין הונדערט מעטער. אָבער גלייך ווי איך בין אַרויס אויפן צווייטן ברעג האָב איך געהאַט דאָס געפיל ווי פון מיין האַרץ וואָלט מען אָפּגעטשעפּעט אַ שווערע בלייענע משא, וואָס האָט מיר גורם געווען ווייטיקלעכע קלעמעניש די גאַנצע צייט פון מיין זיין אויף דעם שטח פון דער דייטשער אָקופּאַציע. דאָס האַרץ ווערט באַפרייט פון קלעמעניש, בעת די זאָרג נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די סאָוויעטישע פּאַטרולן איז גאָר פון אַן אַנדער קוואַליטעט. מען ווערט האַר־פּערדיקער, זעלבסטזיכערער. דער פּויער און זיין זון, וואָס באַגלייטן אונדז און טראָגן די פּעקלעך, קענען גוט די געגנט. די פעלדער זענען זייערע, זייערע זיידעס און עלטערזיידעס האָבן דאָ געאַקערט און געזייט, זיי קענען דאָ יעדן שפּאַן. דאָך גייען זיי פאָרזיכטיק, ווי פוקסן, וואָס גנבענען זיך ביינאַכט אונטער צו וואַרעמע שטאַלן.

די קלאָרע שטערן ציטערן איבער אונדזערע קעפּ מיט זייער גרין־ליכט, ווי זיי וואָלטן אונדז באַגלייט און געשיצט.

צוגלייך מיטן טאָג האָבן מיר זיך שוין אָן דער באַגלייטונג פון די פּויערים געשאָקלט אויף אַ וואָגן אין דער ריכטונג פון סעמיאַטיטש. דער הויפּט־שאָסיי איז שוין במשך פון וואָכן געווען געשלאָסן פאַר פרעמדע. אויף די בערגלעך האָבן געאַרבעט רויט־אַרמייער. טראַקטאָרן האָבן געשלעפּט נאָך זיך וועגענער מיט שטיקער פעלדזן. אַנטקעגן אונדז, מיט די שלעכטע פּוילישע וועגן האָבן לאַסט־אויטאָס געפירט טראַנספּאָרטן צעמענט. קיינער האָט דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די רוסן איילן זיך אַזוי שנעל צו בויען פאָרטיפיקאַציעס אַנטקעגן דעם בוג. די פריינטשאַפט צווישן די דייטשן און די רוסן איז דאָך אַזאַ פרישע און אַזאַ הייסע! אין די דערפער, טיפער פון דער גרענעץ, האָבן פּוילישע אַרבעטער גע־פלאַסטערט וועגן און מיט יעדן שטיקל פאַרענדיקטן וועג איילן לאַסט־אויטאָס צו די צעראַיעטע בערגלעך.

אין סעמיאַטיטש האָט עס אויסגעזען נאָכן יאַריד, מיט מיסטבערג אויפן ליידיקן מאַרק־פּלאַץ און יידן דרייען זיך אַרום מיט גאָרנישט אויף די טראָטואַרן: „איר האָט עפּעס צו פאַרקויפן?" „וואָס דאַרפט איר? ווייכע? האַרטע?" איך מיט מיין „האַרעם" און מיט די פּעקלעך קליבן זיך אַריין אין רעסטאָראַנדל. ווו עס טוט זיך גאָרנישט און דאָך איז פריילעך — פריילעך פון גאָרנישט. און עס קען זיין פריילעך פון גאָרנישט! דער באַלעבאָס פון רעסטאָראַנדל זעט, אַז מיר זענען פרישע, פרעגט ער צי מיר האָבן עפּעס צו פאַרקויפן, האַרטע, ווייכע, אָדער אפשר ווילן מיר גאָר קויפן טשערוואָנצעס?

„מיר האָבן גאָרנישט צו פאַרקויפן — האָב איך געזאָגט — מיר זענען פּראָ־לעטאַריער.

דער ייד האָט אַ זאָג געטון אונטער דער נאָז: „נישט קיין חריפה סחורה דאָ..."

„אפשר קענט איר מיר זאָגן ווי אַזוי דערקלייבט מען זיך שנעל קיין ביאַ־ליסטאָק?" — האָב איך געוואָלט וויסן.

דער רעסטאָראַן־אייגנטימער האָט מיט אַ הילצערנער שופלע אַראָפּגענומען דעם שוים פון אַ גרויסן קופל ביר און געזאָגט:

„אויב איר זענט שוין יאָ אַ פּראָלעטאַריער, וועל איך אייך זאָגן, אַז איר האָט אַ שאַנס. דאָ אין סאַלאָן ביי מיר זיצן גרויסע לייט, וואָס קלייבן זיך מיט אַ גרוּ־זאָוויק קיין ביאַליסטאָק. זאָל איינע פון די פרויען מאַכן צום פּולקאָווניק אַן אייגל און ער וועט אייך מיטנעמען".

די לערערין, וואָס האָט געהאַלטן אין דער מיט פון טרינקען אַ הייסע גלאָז טיי פון אַ סאַמאָוואַר, האָט שיעור נישט איבערגעדרייט דאָס גלאָז אויף זיך פון דעם וואָס זי האָט געהערט. אויב רעדן צו אַ סאָוויעטישן פּאָלקאָווניק רוסיש — דאַרף מען זי צולאָזן. זי געדענקט נאָך רוסיש פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און זי ווייסט ווי אַזוי מען רעדט צו גרייסע לייט. נאָר אַ שפּיגעלע מיט אַביסל פּודער דאַרף זי האָבן. אַזוי ווי זי זעט אויס פון וועג קען זי נישט רעדן צו אַ סאָוויעטישן פּאָלקאָווניק. נישטאָ דאָ קיין שפּיגעלע? קיין ביסל פּודער? די לערערין האָט נאָך נישט געהאַט געענדיקט נאָכפרעגן אויף אַ שפּיגעלע מיט אַביסל פּודער, ווי זאָסיאַ האָט געגעבן אַן עפן די טיר פון סאַלאָן און שוין זעט מען זי נישט. די לערערין האָט קוים באַוויזן צו ווערן גרין פון כעס, ווי זאָסיאַ איז געווען צוריק מיט דער בשורה: מיר פאָרן קיין ביאַליסטאָק.

דער פּאָלקאָווניק איז געווען נישט ציפרידן יואָס מיט די פיר פרויען פאָרט אויך מיט אַ מאַנספּאַרשוין — איך. דאָך יאָסיאַס עקשנות (איך מסתמא די פאָר רוסישע ווערטער, וואָס די לערערין האָט געזאָגט צו אים מיט אַ סך פּאַטאָס, ווי זי וואָלט דעקלאַמירט אַ ליד) האָט געפועלט, ער זאָל אויך מיך טאָלערירן און מיטנעמען. אויפן ליידיקן לאַסט־אויטאָ האָבן אַרויפגעקלעטערט דריי רויט־ארמייער, די פיר פרויען און איך. אין שאָפער־ביידל איז אריין דער פּאָלקאָווניק נעבן דעם שאָפער. די גרויסע מאַשין האָט זיך געטראָגן ווי אַ טייוול און געטרייסלט ווי אַ שטראָף פון גאָט. די רעדער צעשפּריצן דעם נאַסן שניי אויף די זייטן און די מאַשין פאָרט אַריין אין דער נאַכט. עס ווערט מוראדיק קאַלט. דער ווינט אין דעם אָפּגעדעקטן אויטאָ רייסט דאָס פּנים ווי מיט בלעך. די רויט־ארמייער האָבן אויסגעצויגן אַ ברעזענט און איינגעלאַדן די פרויען זיי זאָלן זיך אַוועקלייגן נעבן זיי. מיינע צוויי קריסטלעכע באַגלייטערינס האָבן די איינלאַדונג אָנגענומען אָן שהיות, באַשע האָט זיך דערשראָקן און זיך אָנגעהאַלטן אין מיר און די לערערין האָט פאַרלעגן געשמייכלט. די זעלנער האָבן איבער זיך און איבער די צוויי פרויען איבערגעדעקט א צווייטע פּלאַנדעקע און זיך געוואַרעמט אין איינאַנדער. די געלעכטערס פון אונטער די פּלאַנדעקעס זענען געווען שטיפעריש, זאַרגלאָזע. דער אויטאָ שניידט אַדורך ביעלסק פּאָדליאַסקי. דאָס שטעטעלע איז האַלב פינצ־טער און אויסגעליידיקט און נאַס, נאַס — די רעדער פּאַטשן איבעם צעגאַנגענעם שניי און ס'איז אומעטיק, אומעטיק. וואָס איז געוואָרן פון די יידישע שטעט און שטעטלעך? פאַר וועלכע זינד ווערן זיי פאַרפינצטערט און חרוב? די זעלנער מיט די צוויי פרויען אונטער דער פּלאַנדעקע הערן נישט אויף צו שטיפן און לאַכן

און דער קאָנטראַסט צווישן זייערע שטיפעריייען און דעם חרובן אויסזען פון ביעלסק פּאָדליאַסקי שניידט ווי מיט מעסערס.

די לערערין, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל פון אויטאָ און דער קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן אויף איר, האָט אויף דער שטיפעריי פון די מיידלעך מיט די זעל־נער געשאָלטן מיט וויסטע קללות, ווי אַ מאַרק־שטייערין, און געזוכט ווערטער און בישט געפונען, כדי זיי צו באַצייכענען מער ווי „קורוועס". אין דעם אויסדרוק „קורוועס", וואָס זי האָט איבערגעחזרט מיט אַפּעטיט, האָט זי אַריינגעלייגט איר גאַנצע פאַרביטערונג און אַלע אירע נקמה־גלוסטן.

דער לאַסט־אויטאָ איז אַרויסגעלאָפן פון ביעלסק פּאָדליאַסקי. ער וואַרפט פאַר זיך רעפלעקטאָרן־ליכט, וואָס מאַכט די אַרומיקע פינצטערניש נאָך שוואַרצער און די גומי־רעדער קלאַפן אָפּ אין שאָסיי, ווי זיי וואָלטן געלאָפן אין וואַסער. אין איין רגע האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער געשטעפּ, דער אויטאָ האָט זיך אויס־געבויגן אויף אַ זייט, אויף אַ רגע האָבן מיר פאַרלוירן דעם באָדן און דער אויטאָ האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן אַן אַראָפּהענג אין אַ ראָוו, נעבן אַ טעלעגראַפן־סלופּ. דער שאָפער איז אַרויסגעשפרונגען פוןביידל. ס'איז געשען אַ קליינע קאַטאַס־טראָפע: דער אויטאָ האָט פאַרלוירן אַ ראָד. די מענער שפרינגען אַראָפּ. ווו איז דער ראָד? מען זעט נישט קיין ראָד. עס העלפט נישט קיין „סוקין סין". דער פאַרלוירענער ראָד האָט אויך פאַרלוירן די שרויפן, וואָס פעסטיקן אים צו צום האַלב־אַקס. ווו זוכט מען דעם ראָד און ווו זוכט מען די שרויפן? די רעפלעקטאָרן פון אויטאָ באַלייכטן דאָס פעלד פאַראויס און דער ראָד מיט די שרויפן זענען גע־בליבן פון הינטן. דער פּאָלקאָווניק מאַכט אַ חשבון, אַז וואָס שייך דעם ראָד, האָט ער זיך מסתמא נישט ווייט אַוועקגעקאָלערט, אָבער ערגער איז מיט די שרויפן. זיי האָבן געקענט אָנהייבן אַראָפּפאַלן אַפילו אַ קילאָמעטער און אפשר צוויי קילאָ־מעטער און גיי זוך שוואַרצע שרויפן אין אַ שוואַרצער בלאָטע אויף אַ שטח פון ביז אַ צוויי קילאָמעטער. דער פּאָלקאָווניק באַראָט זיך מיטן שאָפער און עס בלייבט, אַז מיר, דער פּאָלקאָווניק און איך, ברענגען פון דעם נאָענטסטן פאַרביי־געפאָרענעם דאָרף עטלעכע פויערים מיט נאָפט־לאָמטערנס און מיר וועלן גיין מיטן שאָסיי זוכן דעם ראָד און די שרויפן. דערווייל האָבן די רויט־אַרמייער פון אונטער דער פּלאַנדעקע געמאַכט פאַקלען פון פלאַקס מיט בענזין און אַליין אָנגעהויבן זוכן דאָס פאַרלוירנגעגאַנגענע.

אויפן וועג האָט דער פּאָלקאָווניק מיר אויסגעפרעגט ווער איך בין און פון וואַנען איך בין. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַ ייד און האָב געלעבט אין וואַרשע און אַז, ווי ער זעט, האָב איך זיך געראַטעוועט אין דעם טייל, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון דער העלדישער רויטער אַרמיי. דער פּאָלקאָווניק האָט אַרויסגעוויזן אַ „פּערפעקטע" קענטשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטיש־פאַשיסטישע באַ־דינגונגען אין פאַרמלחמהדיקן פוילן. ער האָט געוווּסט, אַז אין פוילן האָבן די פאַבריקאַנטן געשלאָגן די אַרבעטער איידער זיי זענען צוגעגאַנגען צו די מאַשינען אַרבעטן. די אַרבעטער אין פוילן האָבן געלעבט קאַשאַרירטע נעבן די פאַבריקן און זיי זענען געשטאָרבן פון הונגער. געוויינלעך האָבן די פוילישע קאַפּיטאַליסטן גוט געפרעסן פאַר די אויגן פון זייערע אויסגעהונגערטע אַרבעטער, כדי זיי צו

דערנידעריקן. אַז איך האָב געפּרוווט דערווידערן, האָט ער גוטמוטיק געזאָגט, אַז איך בין דורך צענדליקער יאָרן פּאַראַגיטירט געוואָרן פון די פּוילישע פאַשיסטן און אַז ער ווייסט בעסער פון מיר ווי אַזוי די אַרבעטער האָבן געלעבט אין פּאַנסקין פּוילן.

מיר זענען אָנגעקומען אין אַ קליין דאָרף, וואָס פאַרבייפאַרנדיק האָב איך עס אַפילו נישט באַמערקט. אין ערשטן הויז האָבן מיר אויפגעוועקט דעם פּויער און אים געבעטן ער זאָל אויפוועקן אַנדערע און צוזאַמען מיט אונדז דאַרפן זיי גיין זוכן אויפן שאָסיי אַ ראָד מיט שרויפן... פינף פּויערים מיט שטאַל־לאַמטערנס און מיר מיט זיי זענען אַרויס אויפן שאָסיי און אָנגעהויבן גיין אין דער ריכטונג צום אויטאָ. מיר זענען געגאַנגען אין דער ברייט פון שאָסיי זיבן מענטשן און מיט די אויגן דורכגענישטערט די בלאָטעס. די זעלנער האָבן שוין, פאַר אונדז, געהאַט געפונען דעם ראָד און מיר מיט די פּויערים האָבן געפונען איינציקווייז די זעקס שרויפן. וועלכע זענען געווען צעוואָרפן אויף אַ לענג פון אַ קילאָמעטער. אַזוי שנעל ווי דער פּאַלקאָווניק האָט געהאַט מיט שמחה באַפרייט די פּויערים, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אויטאָ פאַרמאָגט נישט קיין לעוואַר, אים אונטערצוהייבן, כדי דעם ראָד אַרויפצוזעצן. דער פּאַלקאָווניק האָט זיך געשעמט מודה צו זיין, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות און דעריבער זיך איינגעשפּאַנט צו העלפן אויפהייבן דעם אויטאָ. ער האָט געגעבן זיינע כוחות פאַר דריי. „בו. דאַוואַי, — האָט ער דערמוטיקט די זעלנער זיי זאָלן אים העלפן אויפהייבן דעם שווערן קאַסטן — דאַוואַי נאָך אַמאָל!” פינף מענערישע אַקסלען האָבן מיר ווי עס איז אונטערגע־הויבן דעם אויטאָ, דער שאָפער האָט אַרויפגעזעצט דעם ראָד און איצט „דאַוואַי!” — דער שאָפער איז פאַרמאַטערט און דער פּאַלקאָווניק קריכט אַליין אַרונטער אונטערן אויטאָ, כדי פעסט צוהאַלטן דעם ראָד ביים צושרויפן. אַז ער איז אַרויס פון דער בלאָטע אַן אויסגעשמירטער ביז איבער די אויערן, האָט ער נאָך געקלאַפּט אין די פּלייצעס פון די זעלנער: „פאַרמאַטערט. וואָס? ניטשעוואָ. דאַוואַי. מיר פאָרן ווייטער”.

עלף אַזייגער פאַר האַלבע נאַכט זענען מיר מיט מזל אָנגעקומען קיין ביאַליס־טאָק.

אַלע זענען מיר געווען אויסגעטרייסלט און דורכגעפרוירן פון דער נסיעה מיט גרוזאָוויק און פון די פּריערדיקע איבערלעבענישן. די שרעקלעכע ליידיקייט פון די ביאַליסטאָקער גאַסן אין אָט דער שעה — אַ ליידיקייט ווי די שטאָט וואָלט געהאַט אויסגעשטאָרבן, האָט געשאַפן אַ נערוועזיטעט פון פּחד. האָב איך קודם כל זיך באַפרייט פון דער לערערין — זאָל זי זאָרגן פאַר איר אייגענעם גורל; פאַר די צוויי באַגלייטערינס מיינע האָב איך געפינען אַ נאַכטלעגער אינעם קאָרידאָר פון אַ האָטעל; באַשע טרונק האָב איך אַוועקגעפירט צו איר מאַן און ערשט נאָך דעם האָב איך זיך מיט די לעצטע כוחות אַוועקגעשלעפּט צו דאָרען, זי זאָל זען, אַז איך בין דאָ צוריק פון וואַרשע אַ לעבעדיקער. זי האָט נישט געגלויבט אירע אויגן. זי האָט געהאַט שלעכטע פאָרגעפילן, אַז מיט מיר וועט עפּעס געשען אויפן וועג. איר פילבאַרע אינטואיציע איז צום ערשטן מאָל פאַרפירט געוואָרן. אָט בין איך צוריק אַ לעבעדיקער פון דעם דייטשן גיהנום.

אין דער פרי בין איך אַוועק אין האָטעל און געפונען מיינע צוויי באַגלייטערינס אין אַ זעלבסטמערדערישער שטימונג. מיט זייער בלייכקייט און נערוועזקייט האָבן זיי אָנגעוואָרפן אויף מיר אַ שולד־געפיל. וואָס אַזעלכעס איז געשען? ווער האָט זיי באַליידיקט? ס'איז גאָרנישט געשען און קיינער האָט זיי נישט באַליידיקט, אָבער זיי ווילן קיין איבעריקע מינוט אין ביאַליסטאָק נישט בלייבן. זיי פאַרשטייען נישט פאַרוואָס לעבן דאָ מענטשן און ווי אַזוי לעבן זיי? פון דעם וואָס זיי האָבן באַוויזן צו הערן און זיך צוזען, איז דאָ ערגער ווי אויף דער דייטשער זייט... ס'האָט נישט געהאַט קיין זין צו פירן מיט זיי דיסקוסיעס — זיי זענען קריסטלעכע פרויען און איך בין אַ ייד. איינע און די זעלבע פאַקטן זענען פון אַנדערן ווערט פאַר זיי און פון אַנדערן — פאַר מיר.

נאָך זיבן שעה שטיין אין דער ריי נאָך באַן־בילעטן האָב איך ענדלעך באַקומען צוויי בילעטן קיין זאַרעמבי קאָסציעלנע — דאָס גרענעץ־שטעטעלע נעבן מאַלקין, וואָס איז אין יענער צייט געווען דער ערגסטער פון אַלע גיהנומס. מאַלקין איז געוואָרן אַ שרעק־וואָרט פאַר יידן. האָב איך דעם גיהנום געוואָלט אויך אויסמיידן פאַר די צוויי יונגע פרויען, וואָס האָבן מקריב געווען זייערע כוחות און זייער צייט און געזונט פאַר מיין זיכערקייט. אָבער צו דער סטאַציע סעמיאַטיטש האָט מען דעמאָלט נישט פאַרקויפט קיין באַן־בילעטן, טאַקע צוליב דעם וואָס אין דער געגנט זענען געבויט געוואָרן פאָרטיפיקאַציעס. האָט זיך ביי די רוסן צעאַרבעט זייער שפּיאָנען־קאָמפּלעקס און בכלל אָפּגעשטעלט די באַן־קאָמוניקאַציע פאַר ציווילע קיין סעמיאַטיטש. איך האָב די צוויי פרויען פאָראויסגעזאָגט, אַז אויף דער גרענעץ צווישן זאַראָמב און מאַלקין דערוואַרטן זיי שווערקייטן און באַליידיקונגען. זיי האָבן מיר אָנגעקוקט ווי איך וואָלט אַראָפּ פון זינען. איך האָב לגמרי פאַרגעסן, אַז זיי זענען נישט קיין יידישע.

זאָסיאַ האָט אויסגעצויגן צו מיר איר האַנט:

„האָסט פאַרגעסן, אַז מיר זענען... אַרישע?"

איצט האָבן זיי אָנגעהויבן זאָרגן וועגן מיר, און מיר געוואָרנט איך זאָל מער נישט גיין איבער גרענעצן. דאָס לעבן געווינט מען נישט אויף לאָטעריע און מען דאַרף נישט שפּילן דערמיט לייכטזיניק. פון די דורכלעבונגען אין די עטלעכע טעג האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז גיין איבער די גרענעצן איז שפּילן אין רולעטקעביים איינשטעלן אין קאָן דאָס לעבן. איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז ווען די וועלט וועט צוריק זיין וועלט און מיר וועלן זיך אַמאָל ווידער טרעפן, וועל איך זיי דערציילן וואָס פאַר אַ שליחות איך טראָג מיט זיך איבער די געפערלעכע גרענעצן און דעמאָלט וועלן זיי, אויך ווי אַרישע פרויען, פאַרשטיין, אַז מיין גיין איבער די גרענעצן איז נישט קיין לייכטזין, נאָר אַ מענטשלעכע פליכט, ווי זיי האָבן אויסגעפירט אַ מענטשלעכע פליכט דערמיט וואָס זיי האָבן מיך באַגלייט.

במשך פונעם טאָג האָב איך דורכגעזען, אַז די נערוועזיטעט, וואָס האָט געהאַט באַהערשט די צוויי באַגלייטערינס מיינע בלויז פון אַ פּאָר שעה זיין אין ביאַליסטאָק, איז כלל־נערוועזיטעט. אַלע זענען אָנגעשטעקט מיט איר. אַלע לעבן אין פּחד. דאָרע דערציילט מיר, אַז די באַדינגונגען אין ביאַליסטאָק זענען געוואָרן אַזעלכע, אַז פריינד האָבן פאַרלוירן דעם צוטרוי צו אייננאַנדער. און די וואָס

האָבן נאָך אַביסל מענטשלעכקייט — זיי רעדן שטיל. מיט עטלעכע טעג צוריק איז זי געווען זיכער, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן. אין פאַרצווייפלונג האָט זי געהאַט באַשלאָסן אַליין צו לאָזן זיך מיטן קינד קיין ווילנע. זי האָט געזאָלט גיין צוזאַמען מיט דער שוישפּילערין שושנה קאַהאַן. זי האָט שוין געהאַט פאַרפּאַקט די פּעקלעך, אָבער אין דער לעצטער רגע, האָט זי באַשלאָסן אויספּרוּוון דעם גורל און זי איז געבליבן וואַרטן — אפשר וועל איך דאָך צוריקקומען.

איצט האָט זי געאײַלט מיר זאָלן אין ביאַליסטאָק נישט בלייבן קיין איין איבעריקע רגע. דאָ האָבן זיך געענדיקט אַלע האָפענונגען. דאָ לעבן אַלע אויף דערוויל. די וואָס האָבן סוחרישע כיטרעקייט זענען אַוועק האַנדלען אויפן „טאָלטשאָק", אָדער מען פאַרנעמט זיך מיט ספּעקולאַציע, כדי צו קענען גוט עסן, זיך אָנעסן — טאָמער וועט מאָרגן מער גאָרנישט זיין... דער רעוואָלוציאָנערער ענטוזיאַזם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט אילוזיעס — האָט אויסגעוועפּט. די סאָוויעטישע קאָמיסאַרן זענען ליגנער — אַלע זייערע צוזאָגן זענען נישט ווערט די ווערטער. שושנה קאַהאַן איז אַנטלאָפן, ווייל זי האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז דאָס שפּילן יידיש טעאַטער אין ביאַליסטאָק איז אייגער פון די בלאָפן פון די קולטור־קאָמיסאַרן, וואָס ווילן שאַפן אילוזיעס פון אַ נאָרמאַל יידיש לעבן. די מערהייט יידישע שרייבער אין שטאָט (אויסער די ניִיע מיטלויפער, וואָס זענען געוואָרן באָלשעוויסטיש פרום און זיי זאָגן „קריאת שמע" ביי דער רויטער פאָן) טראָגן זיך אַרום מיט פּלענער צו לויפן קיין ווילנע, אָבער זיי קלערט נישט קיין איניציאַטיוו און זיי האָבן מורא טאָמער כאַפּט מען זיי אויף דער גרענעץ. דרייען זיך אַרום די יידישע שרייבער אַרום דעם „ביאַליסטאָקער שטערן", וואָס קען מפרנס זיין בלויז עטלעכע מענטשן. די איבעריקע לעבן פון קופּאָנען אויף מיטאָגן און פון באַכטלעגער איבעם טאָגן־זאַל אויף שענקעוויטש גאַס. אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געהאַט אַוועקגעלאָזט אויף אַרבעט אין די רוסישע געביטן פון פאַר דער מלחמה, זענען צוריקגעקומען מיט שווערע הערצער און פאַרמאַכטע מיילער. „פרעג נישט — איך וועל דיר סיי ווי נישט ענטפערן".

אין די ביאַליסטאָקער „טשיינעס" ווייסט מען אַלץ. דאָ זענען נישטאָ קיין שום סודות. שמועסט מען, אַז די וועלכע וואַקלען זיך און נעמען נישט אָן סאָוויעטישע בירגערשאַפט, וועלן „נישט לעקן קיין האָניק" — „סיביר איז גרעסער פון גאַנץ אייראָפּע" און דעריבער איז אויף דער בערזע פון שמוגלען זיך צוריק אויף דער דייטשער זייט „כדי צו שטאַרבן אויף דעם אייגענעם בעט" — אַ האַסע. עס שטייגן די פּרייזן פאַר שמוגל און מיט גאָלד צו גלייך ווערט דער פּרייז פאַר טויף־צעטלען. פיר סאָרטן וואַלוטע זענען פאַראַן אויף דער ביאַליסטאָקער בערזע: טויף־צעטלען, דאָלאַרן, גאָלד און שטערלינג־פונטן. די ערגסטע פון די פיר וואַלוטעס זענען די שטערלינג־פונטן. די ביאַליסטאָקער בערזע האָט נישט קיין גרויסע אמונה אין דער בריטישער אימפּעריע. סטאַלין און היטלער וועלן זיי צעקוועטשן און זיי וועלן מאַכן פונעם ענגלישן פונט דאָס וואָס זיי האָבן געמאַכט פון דעם פּוילישן גילדן. די בעסטע וואַלוטעס זענען: טויף־צעטלען און גאָלד. קריסטנטום און גאָלד לעבן איבער אימפּעריעס. גאָלד האָט אפילו איבערגעלעבט

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און אַ רוסישער אָפיציר, וואָס האָט צוגעטשעפּעט צו זיין ברוסט צוויי גאָלדענע מעדאַלן זענען זיי פאַר אים מער ווערט ווי די גאַנצע רעוואָלוציע.

דער רעוואָלוציאָנערער טערמאָמעטער איז אין ביאַליסטאָק געפאַלן נידער־ריקער פון זעראָ. ווי די יוגנט איז פריער געלאָפן אַהער, אַזוי איז זי פון דאַנען געלאָפן ווו די אויגן האָבן זי געטראָגן. די יוגנט איז געווען אַנטוישט. אָבער מסתמא איז דאָס שטייענדיקע וואַסער בלויז אין ביאַליסטאָק, אין דער „באַפרייטער" שטאָט, „ווו די קליינבירגערלעכע עלעמענטן האָבן זיך גענומען צו ספּעקולאַציע אַנשטאָט זיך איבערצופּראָדוקטיוויזירן"... האָט די יוגנט אָנגעהויבן שטעלן חופות — אין צווייען איז די עלנד קלענער. און די פרישע פּאָרלעך זענען זיך צעלאָפן — קיין מינסק, לעמבערג, אָדער אין די קלענערע און ווייטערע שטעט.

אויף דער גאַס האָב איך צופעליק באַגעגנט וואָלף יאַסני. אַ לאָדזשער, אַ היסטאָריקער. ער האָט אָנגעשריבן „די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאָדזש". ער האָט אויסגעזען צעבראָכן און פאַרלוירן. זיין פראַגע איז געווען:

„וואָס טוט מען מיט זיך? קאָנקרעט: וואָס זאָל איך טון?"

ער האָט זיך פאַרטרויט פאַר מיר, אַז ער האָט פאַרלוירן יעדן גלויבן נאָך דעם ווי ער האָט זיך צוגעזען צו דער סאָוויעטישערווירקלעכקייט. אָבער קיין לאָדזש גייט ער נישט צוריק. גיין צוריק צום היטלעריזם הייסט גיין צום טויט. אָבער אויך בלייבן אין ביאַליסטאָק הייסט פאַרמשפּטן זיך צו לעבן אויף קוויטלעך אויף מיטאָג און צו שלאָפן אויף טרעפּ.

איך האָב אים געזאָגט:

„איר דאַרפט גיין קיין ווילנע. ווילנע איז אַ קליינע שפּאַרע, דורך וועלכער מען וועט זיך אפשר קענען אַרויסרייסן פון ביידע גיהנומס".

ער איז געווען סקעפּטיש. ער גלויבט נישט. אונדזער דור איז אַ פאַרשפּילטער, האָט ער געזאָגט. ער וועט צעריבן ווערן צווישן פאַשיזם און באָלשעוויזם.

איך האָב אים צוגערעדט צו ווילנע. איך האָב אים געזאָגט, אַז קיין ווילנע וועלן מיר גיין אין אַ גרופּע און ער זאָל מיטגיין. איך האָב זיך אפילו מיט אים אָפּגעשמועסט אין וועלכער שעה צו טרעפן זיך, כדי צו לאָזן זיך אין וועג אַריין. יאַסני איז נישט געקומען אויף דעם אָפּגערעדטן פּלאַץ און אין דער אָפּגערעדטער צייט. ער איז געבליבן אין ביאַליסטאָק.

וואָלף יאַסני האָט איבערגעלעבט די מלחמה אין רוסלאַנד. נאָך דער מלחמה עולה געווען פון פּוילן און איז געווען אַ לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער אין „לעצטע נייעס". ער פלעגט מיר אָפט דערמאָנען אונדזער געשפּרעך אין ביאַליסטאָק און די פאַרוואורפן וואָס ער האָט זיך שפּעטער געמאַכט הלמאי ער איז נישט געקומען צום אָפּגערעדטן פּלאַץ...

פאַרן פאַרלאָזן ביאַליסטאָק זענען מיר, דאָרע און איך, אַוועק צום שרייבער ק. זיך געזעגענען. די דירה ווו ער האָט געוווינט איז געווען זייער גוט געהייצט, אָבער אין זיין צימער איז גאָרנישט געווען וואַרעם. דער קלוגער שרייבער האָט

געשוויגן ווי אַ פּיש. געשוויגן און געשמייכלט. מיר האָבן נישט געמאַכט פאַר אים קיין סוד, אַז מיר לאָזן זיך קיין ווילנע. ער האָט נישט געזאָגט — נישט יאָ, נישט ניין, נאָר זיין פרוי האָט נאָמענלאָז געזידלט די אַלע וואָס אַנטלויפן, וואָס — ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט „פאַראַטן דאָס נייע לעבן".ביים אָװעקגיין האָט ק. געזאָגט מיט זיין טיפער מעגלעכער אַביסל פלעגמאַטישער שטים:

„מסתמא וועט זיין גוט, כאָטש ווער ווייסט ווי אַזוי מען וועט עס דורכקומען. פאַר די נייע געביטן פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָנטיגענט פון זעכציק דרוקבויגן פאַר דער יידישער ליטעראַטור פאַרן גאַנצן יאָר 1940; פאַר אַלע יידישע שרייבער קנאַפּע טויזנט זייטן. וועט נישט אויסמאַכן איר זאָלט אָנשרייבן צו אייב קאַהאַן אין „פאָרווערטס" ער זאָל געדענקען וועגן מיר..."

צו דער גרענעץ

אין וועג אַריין האָבן מיר זיך אָװעקגעלאָזט מיט די יונגע מאַן־און־ווייב וואָלדענבערג און זייער פריינד מאיר האַפּמאַן,ביידע מענער אינזשעניערן. ביידע האָבן שוין געהאַט אַ סך נסיון פון פליטים־לעבן און געוווּסט ווי אַזוי זיך צו באַגיין אין שווערע סיטואַציעס. די וואָלדענבערגס זענען שפּעטער, אין חודש מערץ פון דעם זעלבן יאָר אַפּגעפלויגן קיין ארץ־ישראל פון ריגע. בעת דער ערשטער באָמבאַרדירונג פון תל־אביב, זומער 1940, איז וואָלדענבערג געהרגעט געוואָרן אויף דער גאַס פון אַ באָמבן־שפּליטער.

דעם וועג קיין ווילנע האָבן מיר דורכגעמאַכט אויף פּריילעך. פון אונדזער אויפפירן זיך אויף די וואָקזאַלן וואָלט קיינער נישט געגלויבט, אַז מיר „פאַראַטן דאָס נייע לעבן" און פאָרן צו דער גרענעץ צו שמוגלען זיך קיין ליטע. מיר האָבן זיך אויפגעפירט ווי אַלע יונגע פליטים דעמאָלט. וואָס האָבן נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ און קיין באָדן אונטער די פיס און געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט — געזוכט דעם נעכטיקן טאָג. מיט אָט אַזאַ יוגנט זענען אַלע צוגן געווען געפּאַקט. זיי זענען געווען די מערהייט אין די לאַנגע רייען צו די בילעטן־פענצטערלעך אויף די וואָקזאַלן.

אַ סך געהאָלפן האָט אונדז אונדזער קליינער יהודה. ער איז דעמאָלט אַלט געווען זיבן יאָר און געווען גוט געקאָרמעט, מיט וואָרעמע אייגעלעך. ער האָט שטאַרק נושא חן געווען ביי די גוטברודערישע, צוגעלאָזענע רויטאַרמייער און ער איז געוואָרן אונדזער קמע. אַז מען האָט יהודהן צום ערשט אַריינגעשטופּט אין אַ וואַגאָן, פלעגט אויך באַלד ווערן פלאַץ פאַר אונדז און אונדזערע פּעקלעך און זעקלעך.

איבער נאַכט זענען מיר דערפאָרן ביז לידע.

די, ביי וועלכע איך האָב געגעכטיקט דעם פריערדיקן מאָל אין לידע, ווען איך בין געפאָרן קיין ביאַליסטאָק, האָבן אונדז אויפגענומען ווי מען נעמט אויף גאָר נאָענטע און ליבע קרובים. זיי האָבן לכבוד אונדז געמאַכט אַ סאַמאָוואַר,

געשטעלט כיבוד און נישט געוווסט וואָס צו טון מיט אונדז, אונדז זאָל זיין גוט.
נאָך דעם קאַלטן און האַלב פאַרווילדעוועטן ביאַליסטאָק, האָט לידע אויסגעזען ווי אַ גן־עדן. פאַר אונדזערע גאַסטגעבער האָבן מיר נישט אויסבאַהאַלטן אַז מיר קלייבן זיך קיין ווילנע. זיי זענען געווען אַרבעטסמענטשן. דער מאַן האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק. ער איז געווען פאַרביטערט פון דעם נייעם שטייגער פון אַרבעט, אַ שטייגער וואָס צווינגט אָפּצונאַרן און צו פּטרן רווישטאָף און די קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע. אין זיין פאַבריק, ווי אין אַלע פאַבריקן אין לידע, זענען איינגעפירט געוואָרן ווילדע נאָרמעס. וואָס ביי סאָלידער און פאַר־אַנטוואָרטלעכער אַרבעט איז אוממעגלעך אויסצופירן זיי. דער עיקר איז די צאָל און נישט די קוואַליטעט. כדי אָנצוּיאָגן די נאָרמע ווערט אָוועקגעהרגעט די קוואַליטעט און מען ברענגט אויס דריי מאָל אַזוי פיל רווישטאָפן וויפל מען דאַרף פאַר דעם זעלבן קוואַנטיטעט פּראָדוקציע. האָט זיך דער מאַן געקלאָגט, אַז ער קען נישט שלום מאַכן מיט אַזאַ אָפּנאַרעריי און דאָס לעבן ווערט אים נמאס.
דער ברודער פון דעם מאַן האָט אין אָוונט אונדז געבראַנגט ווייס געבעקס און זיך מיט אונדז אונטערהאַלטן. ביינאַכט האָט זיך די קליינע דירה פון צוויי צימערלעך פאַרוואַנדלט אין איין גרויס בעט. מיר זאַלבע זעקס און די פאַמיליע פיר און דערצו נאָך אַ קרובה פונעם באַלעבאָס — אַלע זענען מיר געשלאָפן אין דעם גרויסן בעט.
דאָס אויסזען פון לידע האָט זיך ראַפּטום געביטן. קלייניקע קרעמלעך פון פּרוכטן און צייטונגען זענען נאָך געווען אָפן; די רעסטאָראַנען האָבן געגעבן גוט צו עסן. אָבער דאָס עפנטלעכע ווירטשאַפטלעכע לעבן איז פאַרשווונדן. אפילו קיין „סאָלטשאָק" איז מער נישט געווען. דער האַנדל איז געגאַנגען „היינטנאַרום"; דאָס לעבן אויך אַזוי. כלפי חוץ האָבן זיך אָנגעזען בלויז די פּליטים.
איינער פון די פּאָפּולערסטע גרענעץ־פירער קיין ליטע איז אין לידע געווען אַ לינקער פּועלי ציוניסט וו. פון ראַדאָם. ער האָט זיך אין לידע באַזעצט מיט זיין פרוי און קינד. דער עיקר פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיט אַריבערשמוגלען געזעלשאַפטלעכע טוער און זייערע פאַמיליעס. ער האָט געוווינט אין אַ זייער ענגן צימער. אויסער צוויי בעטן מיט אַ טישל האָט אין דעם צימער גאָרנישט געקענט אַריין. געסט האָט ער אויפגענומען אויף די בעטן. דורך זיין צימער, בעסער געזאָגט דורך זיינע בעטן זענען אַדורך צענדליקער און צענדליקער געזעלשאַפטלעכע טוער, זייערע ווייבער און זייערע קינדער.
ער האָט געהאַט אַן אויסטערלישן געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג צום פּליטים־שמוגל. צום ערשט האָט ער רק דיסקוטירט אויף געזעלשאַפטלעכע טעמעס, נאָך דעם איבערגעגאַנגען צו פּאָליטיק און צום סוף דערגאַנגען צום עיקר: ווען ווילט איר אַריבער די גרענעץ? זיין פרוי, אַ יונגע, זייער סימפּאַטישע, האָט תמיד געקאָרמעט דאָס קינד; געקאָרמעט דאָס קינד און זייער העפטיק געגומען אַנטייל אין די געשפּרעכן. ווען מען איז אַריינגעקומען אין דעם קליינעם צימערל האָט זיך דאָס ערשטע געוואָרפן אין די אויגן אַ ווייסע שפּעדיקע באַקעטע ברוסט און דאָס רויטע פּנימל פון דעם עופהלע. זי האָט געהאַט אַ סך טעמפּעראַמענט און איר אָנטייל אין די געשפּרעכן איז געווען מיט אַזאַ געררייצטקייט, אַז אַלע

מאָל פלעגט דאָס עופהלע פּאַרלירן דעם ברוסט־וואָרצל און וויינען, ווי עס וואָלט פּראָטעסטירט קעגן דער מאַמעס אַרגומענטן.

„איר פרעגט זיך נאָך צי מיין מאַן דערליידיקט גוט די גרענעץ? וואָס פרעגט איר? ווען האָט דען מיין מאַן נישט אַדורכגעפירט?"

„אייער מאַן האָט געפירט פרידע זרובבל און מען שמועסט, אַז זי איז זייער ביטער אַריינגעפאַלן". — האָב איך געזאָגט.

„וואָס הייסט אַריינגעפאַלן? געפירט האָט מען זי גוט, נאָר ערשט שפּעטער, אויף דער סאַמע גרענעץ, האָט מען זי אַרעסטירט. מיין מאַן איז שולדיק אויב עמעצער האָט נישט קיין מזל?" — האָט די פרוי זיך אויפגערעגט.

שפּעטער, אין ווילנע, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז פרידע זרובבל איז גאַנץ ביטער אַריינגעפאַלן. זי האָט געהאַט אַ זייער שווערן וועג, געקראָכן דורך וועלדער און זומפּן און לסוף איז זי געפאַנגען געוואָרן אויף דער ליטווישער זייט און צוריקגעשיקט געוואָרן אויף דער סאָוועטישער זייט... ווילנע האָט זי נישט דערגרייכט. אויך ישראל סטאָלאַרסקי איז געפירט געוואָרן פון דעם זעלבן אידיי־אישן גרענעץ־שמוגלער און פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דער ליטווישער זייט.

ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער גאַנצער „שמוגלער" איז טאַקע אַ געזעל־שאַפטלעכער טוער, וואָס האָט נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג וואָס עס טוט זיך אויף דער גרענעץ און ווי עס זעט בכלל אויס אַ גרענעץ. ביי אים אויף די בעטן האָט עס אויסגעזען, אַז אַלע גרענעצן, די גרענעץ־שמוגלער צוזאַמען מיט די גרענעץ־פּאַטרולן האָט ער אין איין וועסטל־קעשענע: זיינע יידישע פאַרבינדלער אין די שטעטלעך וועראַנאָוו און ביעניאַקאָן גייען אויס פאַר אים. אָבער ווי נאָר ער איז אַרויס פון זיין צימערל, הינטער דער טיר, האָט ער מורא געהאַט פאַר דער פינצטערניש פון דער נאַכט. פאַר אַ קאַץ איז ער אָפּגעשפרונגען ווי פון דער גרעסטער סכנה.

איך האָב זיך אָפּגעשמועסט מיט דעם „גרענעץ־פירער", אַז אונדזער גרופּע גייט סעפּאַראַט. ער טאָר קיינעם נישט צוטשעפּען צו אונדז און אונדז נישט פאַרבינדן מיט קיינעם. דערווייל איז קיין לידע אָנגעקומען דער פּועלי ציוניס־טישער פירער פון וואַרשע, געוועזענער מיטגליד פון וואַרשעווער שטאָטראַט — יצחק לעוו.

יצחק לעוו איז געווען זייער „טריף". דאָס געיעג פון יידישע קאָמוניסטן און זייערע מיטלויפער צו פאַנגען יידישע סאָציאַליסטן און זיי איבערגעבן אין די הענט פון דער ען־קאַ־ווע־דע, האָט נישט אויסגעמיטן יצחק לעוו. נאָך אַלע זיינע וואַגלענישן און פלאָגן אויף די באָמבאַרדירטע וועגן און אין ברענענדיקע שטעט, איז לעוו אַרעסטירט געוואָרן אין ביאַליסטאָק אויף דער גאַס. דורך אַ גליקלעכן צופאַל איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון פּאָליציי־פּאָסטן, איידער מען האָט אים אַריינגעפירט צו פאַרשן. זיינע חברים האָבן אים אויסבאַהאַלטן. ביינאַכט, פאַרן אָפּגיין פון דער באַן קיין לידע, האָבן אים די זעלבע חברים זיינע צוגעפירט צום דראָטענעם פלויט פון באַן־וויאַדוקט און אים אַריבער־געוואָרפן. ער איז אָנגעקומען קיין לידע און זיך פאַרבונדן מיט זיין פאַרטייאישן „גרענעץ־שמוגלער". ער איז געווען אויסבאַהאַלטן און ערשט פאַרן קלייבן זיך

אין וועג אַריין, האָט דער „גרענעץ־שמוגלער״ מיר געזאָגט, אַז יצחק לעוו באַהאַלט זיך אויס אין לידע און ער וויל גיין קיין ווילנע צוזאַמען מיט אונדז.

נאָך צוויי טעג „ענערגישע צוגרייטונגען״, האָט דער „גרענעץ־שמוג־לער״ מעשה קאַפּיטאַן ערב אַ געוואַגטער עקספּעדיציע, אונדז געגעבן אינ־סטרוקציעס ווי אַזוי זיך אויפצופירן: נישט רעדן מיט קיינעם, אַז מען גייט דורך דער גרענעץ; נישט לאַכן און נישט רעדן הויך; נישט סודן זיך אין דער באַן; נישט פאַרלירן דעם באַן־בילעט; נישט פאַרגעסן קיין פּעקל; נישט זאָגן וויפל איר האָט באַצאָלט; נישט עסן צופיל פאַרן אַרויסגיין צו דער סאַמע גרענעץ און — האַלטן מיט זיך אַ פלעשל ליקער גרייט פאַר דער ליטווישער גרענעץ־וואַך. גאַרנישט האָבן די ליטווינער אַזוי ליב ווי ליקער. צום סוף האָט ער מיר געבעטן אַבסאָלוטע דיסקרעציע און אין קיין פאַל און ביי קיין שום סיטואַציע נישט דערמאָנען זיין נאָמען. טאָמער וועט איר חלילה זאָגן, אַז אַ געזעלשאַפט־לעכער פירער האָט אייך געפירט — ווערט איר באַלד פאַרדעכטיקט אין שפּיאָנאַזש און אין די סאַמע ערגסטע זאַכן, פאַר וועלכע מען גייט אין קייטן. דערקעגן ווען איר וועט זאָגן, אַז אַ געוויינלעכער פויער האָט אייך געפירט, איז די גאַנצע מעשה גאַרנישט מיט גאָרנישט און איר גייט אַרויס אויף דער פריי. והא ראיה — פרידע זרובבל.

נאָך אָט די אַלע אינסטרוקציעס זענען מיר אַוועק צו דער באַן מיט האַק און פּאַק. מיר האָבן אַפילו אויך געהאַט אַ פלאַש רויטן ליקער. דער קליינער יהודה, וואָס האָט שטאַרק געוואָלט זיין ענלעך צו אַ דערוואַקסענעם און אויך עפּעס טראָגן — האָט געהאַלטן די פלאַש ליקער מיט דער דיקער זייט אַרויף, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ בוקעט רויטע בלומען. די שטימונג איז געווען אַ גוטע, ווי מיר וואָלטן געפאָרן אויף אַן אויספלוג. עס האָט גאָר קיינעם נישט געקענט איינפאַלן, אַז אָט די גרופּע פון צוויי עלעגאַנטע פרויען, דריי מענער און ביי דער זייט אַזאַ פיינער יאַט, גרייטן זיך צו אַזאַ שרעקלעכן פאַרברעך ווי שמוגלען זיך איבער דער גרענעץ...

פון דער וויטנס, אָפּגערוקט פון אונדז אויף דריי וואַגאָנען, איז געשטאַנען אונדזער „גרענעץ־שמוגלער״. ער איז געווען פאַרדעכטיקט בלייך מיט צעשראָ־קענע אויגן, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געהרגעט אַ מענטש. ער האָט געמאַכט אויסטערלישע העוויות מיטן מויל, מיט דער נאָז, מיט די הענט. קענטיק ער האָט אונדז געגעבן ווייטערדיקע „געהיימע אינסטרוקציעס״, וואָס איך האָב זיי צו מיין באַדויערן נישט פאַרשטאַנען.

מיר זענען איינגעשטיגן אין איין וואַגאָן און אַ דריי וואַגאָנען ווייטער — אונדזער „פירער״. אין ווערענאָוו, אויף דער כמעט ליידיקער סטאַציע, האָט זיך אונדזער „פירער״ דערנענטערט צו אונדז אויף אַ רגע און געזאָגט מיט טריאומף:

„נו, געלויבט צו גאָט, דער ערשטער שווערער עטאַפּ איז אַדורך. איצט וועל איך אייך איבערגעבן אין די הענט פון מיין פאַרטרעטער דאָ, אין ווערענאָווע. ער האָט אונדז „איבערגעגעבן אין די הענט״, זיך געזעגנט מיט אונדז און דער־מיט האָט זיך זיין פירערשאַפט פאַרענדיקט.

דער וואָס האָט אונדז איבערגענומען איז געווען אַ קליין יידעלע מיט אַ פול

מויל סמכן און אָן איין שין. ער איז נישט געווען אַ סך העכער פון דעם זיבניעריקן יהודהן און אַנטקעגן אונדז צופעליק דריי הויכגעוויקסיקע מענער, האָט ער זיך דערפילט אויסטערליש פאַרלוירן:

„רבותי, — האָט ער געזאָגט — זייט וויסן, אַז איר זייט צווישן יידן, אין אַ יידיסער סטאָט. אפשר דאַרפט ווער פון אייך אַ קליינס, צי אַ גרייס זאָל ער זיך ניט סעמען. איר זענט צווישן יידן”.

דער ייד האָט אונדז אָװעקגעפירט אין שטעטעלע אין אַן אכסניה, וואָס האָט פאַרמאָגט בלויז איין קליין חדרל מיט אַ שמאָלע שלאָפבאַנק.

„דאָ וועט איר סלאָפן” — האָט ער געזאָגט.

„אויף דער שלאָפבאַנק קען שלאָפן קוים איין מאָגערער מענטש — האָב איך אים געזאָגט — און מיר זענען דריי מענער מיט צוויי פרויען און אַ קליין יינגל דערצו. ווו וועלן מיר דאָ שלאָפן?”

„קרענקט אייך נישט — האָט דער ייד רואיק געענטפערט — איר וועט סיין אימירצעסעם סלאָפן”.

און מען איז טאָקע געשלאָפן. עטלעכע טעג זענען מיר געשלאָפן אין דעם דאָזיקן פיצינקע שטעטעלע ווערבאַנאָוו און עטלעכע טעג געגעסן האַרטע אייער מיט בולבעס און פאַרטרונקען מיט מילך. דאָס שטעטעלע איז געלעגן אין דער מיט פון אַ טיפן ווינטער. די געסלעך, די דעכלעך, דער ברונעם אויפן מאַרק זענען געווען צוגעדעקט מיט אַ געדיכטן שניי. קוים, קוים, אין דער מיט פון די פאַרפרוירענע שייבלעך פון די הייזער האָבן זיך אויפגעטייעט „אויגן”, וואָס האָבן דערמאָנט, אַז דאָרט אינעווייניק זענען וואַרעמע היימען פון יידישע קינדער ווייסע ציגן, ווי שטיקער לעבעדיקער שניי, זענען אַרומגעקראָכן איבער די געסלעך און געגריזשעט די ווינקלען פון די הילצערנע ווענט. אַזאַ שטילקייט איז געלעגן איבער דעם שטעטעלע, אַ שטילקייט וואָס עס טרייבן אָן שטייענדיקע זייגערס. און אין ווערבאַנאָוו איז די צייט געשטאַנען, אָדער אפשר האָט זי בכלל פאַרגעסן צו קומען אַהער?

אונדזער באַלעבאָסטע האָט יעדן טאָג געקאָכט פאַר אונדז בולבעס, אייער אויף האַרט און אויפגעקאָכט אַ טאָפּ מילך און אונדז געווונטשן עס זאָל אונדז וויל באַקומען. דריי מאָל אין טאָג איז אַריינגעקומען דער שטעלפאַרטרעטער פון אונדזער לידער „גרענעץ־פירער” און אונדז מבשר געווען, רייבנדיק די הענט:

„רבותי, ס'איז הייַנט אַ פראָסט אין דרויסן”.

„ווען גייען מיר?” — האָב איך געוואָלט וויסן.

דער ייד האָט זיך דערפילט ווי באַליידיקט:

„אָט אַ ייד אַן עקסן! וואָסי? עמעצער טרייבט אייך חלליה אַרויס פון סטאָט? קרענקט אייך ניט. איר זייט אין אַ יידיסער סטאָט צווישן יידן”.

אויך די באַלעבאָסטע האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מיר איילן זיך אַזוי. מען וועט גאַרנישט — האָט זי געזאָגט — פאַרשפעטיקן. אין ווערבאַנאָוו האָט מען נישט געפילט קיין מלחמה, נישט קיין אָקופּאַציע, נאָר דער שניי איז יעדן באַגינען געוואָרן העכער און העכער. דאָ האָט מען אפילו נישט געוווּסט צו וועמען די שטאָט געהערט. מסתמא האָט ווערבאַנאָוו אַזוי אויסגעזען אין די צייטן פון צאַר.

און אַזוי אונטער דער פּוילישער הערשאַפט און אַזוי אויך איצט אונטער דעם רעזשים פון דער „באַפרייערישער רעוואָלוציע". יאָ, איין מאָל איז אין אונדזער אכסניה אַריינגעקומען אַ גוי מיט זייער דיקע וואָנסעס. פאַר איין מאָל האָט ער אויפגעגעסן אַ האַלב לעבל ברויט מיט זעקס האַרטע אייער, אָפּגעווישט די וואָנסעס און אַוועק. די באַלעבאָסטע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען די נאַטשאַלסטווע פון ווערהאַנאָוו — דער „סטאַיקאָווע". דער מאַן האָט איר אויס־געבעסערט, אַז אין די איצטיקע צייטן איז ער נישט קיין „סטאַיקאָווע", נאָר אַ „מיליציאַנער".

„וואָס איז מיר די נפקא מינה סטאַיקאָווע צי מיליציאַנער? — האָט זיין ווייב געוואָלט וויסן.

„ס'איז אַ נפקא מינה — האָט ער געענטפערט — די מעשה איז אַזוי... — און דער ייד האָט זיך צעוואָרעמט, ער איז געווען גרייט אויפצוקלערן פאַר זיין ווייב היסטאָרישע פּראָצעסן, נאָר זי האָט נישט געוואָלט הערן:

„דורע נישט דעם קאָפּ מיט דער מעשה. די בולבעס וועלן מיר צוברענען".

איין מאָל, ווען אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז אויף בולבעס און האַרטע אייער וועלן מיר אָפּווינטערן דעם ווינטער אין ווערהאַנאָוו, איז אַריינגעפאַלן דער „סיני־קער" שטעלפאַרטרעטער פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן „גרענעץ־פירער" און אָנגעהויבן איילן:

„סנעלער, סנעלער, מירלן פּאַרספּעטיקן די באַן! דער סליטן וואַרט ביי דער טיר. סאָסקע, מאַכט דעם חשבון פאַר די בעזנצעס!" — האָט ער געשריגן צו דער באַלעבאָסטע.

אין דער אכסניה האָט „אויסגעבראָכן" אַ באַוועגונג. דער שליטן פאַר דער טיר האָט געוואַרט. דאָס גאַנצע שטעטעלע האָט אויפגעלעבט. דער סטאַיקאָווע־מיליציאַנער האָט געהאָלפן שלעפּן די פּעקלעך מיט די זעקלעך, ווייבער און מאַנסבילן זענען אַרויס צום שליטן געבן די „בעזנצעס" שלום.

דער שליטן איז אָנגעקומען צו דער סטאַציע גלייך מיט דער באַן. און דאָ האָבן מיר זיך געטראָפן מיט יצחק לעוו. נאָך אַ האַלבער שעה פאָרן מיט אַ ליי־דיקער און קאַלטער באַן זענען מיר אויסגעשטיגן אויף אַ סטאַציע, וואָס בשום אופן האָב איך נישט געקענט דערגיין איר נאָמען. דער שילד מיטן אויפשריפט איז געווען פאַרשנייט; די פויערים האָבן אַריינגעענטפערט זייער ענטפער אין די פעלצן אַריין.

העכער אַ שעה צייט האָבן מיר געוואַרט אויפן אָפענעם וועג אויף אַ גע־שפּאַן, וואָס האָט געדאַרפט קומען אונדז נעמען. אַ קאַלטער שנייאיקער ווינט האָט געריסן די פּנימער. פון די אָפענע ווייסע פליינען איז אָנגעלאָפן אַ נאַכט, וואָס פון אָנהויב איז זי געווען אַ שוואַרצע און וואָס וויטער אַלץ בלאָער און בלאָער איז זי געוואָרן, ווי עס וואָלט זיך פאַר דער צייט געשטעלט אַ באַגינען. די פאַרשנייטע פעלדער זענען געווען בלאָ, דער הימל איז געוואָרן בלאָ און אויך מיר אַליין זענען געוואָרן בלאָע שאָטנס. אַ וואָגן האָט אונדז געפירט אין אַ בלאָען פראָסט אַריין. די רעדער האָבן געסקריפּעט אויף דעם פאַרפראָסטיקטן שניי. נעבן וואָגן זענען געגאַנגען דער שטעלפאַרטרעטער פון דעם פועלי־ציוניס־

טישן „גרענעץ־פירער" און דער באַלעגאַלע. דער ייד האָט דעם גוי כסדר אַריינ־
געסמכט אין אויער אַריין און דער גוי האָט געשוויגן. געשוויגן ווי די נאַכט.

צום סוף זענען מיר אַריין אין אַ דאָרף. דער וואָגן האָט פּאַרקערעוועט אין
אַ הויף אַריין און דער ייד האָט אונדז געהייסן אַריינגיין אין הויז „אָפּכאַפּן ס'חיות".
אינעם הויז זענען געווען מענטשן, אָבער ליידיק פון מעבל. ס'איז אפילו נישט
געווען וווּ זיך אַוועקצוזעצן. אַן אויסטערלישער אומעט האָט געהויערט אין דעם
הויז, ווי די איינוווינער וואָלטן געווען דאָ פרעמדע און צייטווייליק. שפּעטער
זענען אַריינגעקומען נאָך צוויי פּויערים און מיט זיי איז מיטגעקומען די אָט־
מאָספער פון דער ווירקלעכער גרענעץ.

שווער איז דער וועג צו פרייהייט

אַלע זענען מיר אַרויס אויפן הויף. די פּויערים האָבן מיט שטריק צוגעפּעס־
טיקט אונדזער באַגאַזש אויף זייערע פּלייצעס. יצחק לעוו האָט אויך זיין זעקל
אָנגעטאָן אויף צוויי אַקסל־שטריק, ווי אַ רוקזאַק. דאָרע האָט געפירט דאָס קינד
ביי דער האַנט און אַלע — באַלאָדן ווי קעמלען אין אַ קאַראַוואַן, זענען מיר
אַרויס אין וועג. דער ווערּאָנאַוער ייד האָט אונדז מיטגעגעבן זיינע ברכות און
אונדז געווונטשן דאָס אייביקע לעבן.

מיר זענען אַרויס אין אַ שנייאיקן מדבר — הימל און שניי, הימל און שניי.
פאָראויס זענען געגאַנגען די פּויערים, נאָך זיי זענען מיר נאָכגעגאַנגען. דער
קאַראַוואַן האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַ דרייסיק־פערציק טריט אין דער טיף.
די פיס האָבן געזונקען אין טיפן שניי און פון אָנהויב האָט יעדער זיך באַמיט
אויסצונוצן פאַר זיינע פיס די אָפּדרוקן פון דעם פאָראויסגייער. באַלד איז עס
נמאס געוואָרן. מען גייט באַרג אַרויף, די משא אויף די פּלייצעס באַשווערט, עס
ווערט הייס און דער קאַראַוואַן ציט זיך אויס. די פּויערים מאַכן לאַנגע טריט
און רייסן זיך אָפּ אויף פאָראויס. ס'האָט זיך געדאַכט מיר ווען זיי מער נישט
אָניאָגן. האָט מען געצויגן די פיס מיט אַלע כוחות. די צרה איז וואָס דער שניי
קלעפּט זיך צו די זוילן, ווערט פאַרהאַרטעוועט, ווי עס וואָלטן זיך צוגעקלעפּט
שטיינער. יעדער באַמיט זיך אָפּצוקלאַפּן דעם האַרטן שניי און נאָכהאַלטן די
לאַנגע שפּרייזן פון די גרענעץ־פירער. וואָס לויפן זיי אַזוי שנעל? איך היט,
אַז דאָרע מיטן קינד זאָלן נישט בלייבן הינטערשטעליק. ביידע שווייגן. איך
זע ווי דער קליינער הייבט אויף דעם פוס, רייסט אָפּ דעם צוגעקלעפּטן שניי פון
די קנאָפל און גייט ווייטער מיט דער פלאַש ליקער אין דער האַנט, ווי ער וואָלט
געטראָגן שלח־מנות. דאָס קינד פאַרשטייט די ערנסטקייט פון דער שעה און ער
שלעפּט דעם יאָך צוזאַמען מיט דער מוטער.

פּלוצים הער איך יצחק לעווס שטים הינטער מיר:

„צאַנין, גיט מיר אַ האַנט. די פיס טראָגן מיך נישט מער".

פון מיינע אייגענע צרות האָב איך געוווּסט וואָס אים קוועלט: די גרודעס
האַרטער שניי צוגעקלעפּט צו די זוילן. איך האָב געהייסן אים זיך אַוועקלייגן

אויפֿן שנײ און מיט מײַנע געשמידטע קנאַפּל האָב איך אָפּגעהאַקט די שנײ־גרודעס פֿון זײַנע שיך. ער איז געגאַנגען װי אַ ניי געבוירענער.

„מיר זענען שוין באַלד ביים ציל — האָב איך געזאָגט — נאָך אַ האַלבער קילאָמעטער מער־ווייניקער און מיר האָבן דאָס ערגסטע הינטער זיך".

יצחק לעוו איז געווען נישט בלויז פיזיש מיד. ער איז געווען מאָראַליש דערשלאָגן פֿון זײַנע איבערלעבונגען אויף די „שטחים, וואָס די רעוואָלוציע האָט באַפרייט פֿאַר דער געפּייניקטער מענטשהייט". וואָכן לאַנג האָט ער זיך דאָך געפילט ווי אַ חיה, וואָס ווערט געיאָגט פֿון יעגער און די יעגער זענען געווען רעוואָלוציאָנערע מוסרימלעך פֿון די ביאַליסטאָקס און קאָוועלס. דער פּחד פֿון רדיפה האָט אָפּגעשוואַכט זײַנע כוחות אויך אויף דעם וועג צו דער גרענעץ. לעוו האָט זיך אָנגעהאַלטן אין מײַן אָרעם און איך האָב אים געצויגן נאָך זיך, כדי זיך צוריק צו דערנענטערן צום קאַראַוואַן.

פּלוצים איז אַנטקעגן אויסגעוואַקסן אַ ווייסע וואַנט מיט טונקעלע פלעקן — אַ שורה פֿאַרשנייטעביימער. אינסטינקטיוו האָט מען דערפֿילט, אַז אויף דעם פּלאַץ ליגט דער גרענעץ־פֿאָדעם, וואָס אַז מען שפּרייזט אים אַריבער בשלום, איז מען אין אַן אַנדער וועלט. די פּויערים פֿאַרלאַנגזאַמערן די טריט, מיר קומען זיך צוזאַמען נענטער, קאָמפּאַקטער. איינער פֿון די פּויערים זאָגט: „פּאַרזיכטיק!" און ער מאַכט דעם ערשטן גרויסן שפּרייז. אונטער זײַנע פֿיס פּלאַצט דאָס אייז און עס הערט זיך אַ פּליוסק פֿון וואַסער. יעדער שפּרינגט ווי ער קען. איך העלף דאַרען אַריבערשפּרינגען און כאַפּ אַריבער אויף דער צווייטער זייט דאָס קינד. דער דינער אייז ברעכט זיך, דאָס וואַסער פּליוסקעט. איינעמס שיך טרינקען זיך אָן מיט וואַסער מער און אַ צווייטנס ווייניקער — אַלע זענען אויף דער צווייטער זייט. עס ווערט שטיל. די פֿיס טרעטן איצט ווי איבער אַ ווייכן ווייסן טעפּיך. מיר זענען אויף דער ליטווישער זייט.

נאָכן אָפּגיין אַ צען־צוואַנציק טריט פֿון טייכל — טראַך! צווישן די ביימער פּלאַצט אַ רויט פּלעמל. טרררראַך! טרררראַך! — מיר לויפֿן שנעלער, מיט אַלע כוחות, מיר זענען געראַטעוועט. די קוילן פֿון דער סאָוויעטישער זייט האָבן אונדז נישט דערגרייכט.

אַ האַלבן קילאָמעטער פֿון דער גרענעץ, אויף דער ליטווישער טעריטאָריע, האָבן מיר זיך אַוועקגעלייגט אויפֿן שנײ אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. דאָס איז געווען אַן אָפּרו וואָס זיין תענוג קען נישט פֿאַרגליכן ווערן מיט קיין שום אַנדערן פֿיזישן און גייסטיקן תענוג, וואָס אַ מענטש לעבט איבער אין זײַן לעבן.

אונדזערע בראַווע גרענעץ־פֿירער האָבן אונדז געבראַכט אין אַ פּאַראייִנצלט הויז, וווּ עס זענען שוין געווען צוגעגרייט צוויי וואָגנס מיט גוט אויסגערוטע פערד, וואָס האָבן אונדז געדאַרפט אַוועקפֿירן אין דעם יידישן שטעטעלע, וואָס זיין נאָמען האָט ביז דעמאָלט געקלונגען פֿאַר אונדז ווי דער נאָמען פֿון אַ שטעטעלע אויף צו מאַכן ליצנות. ס'האָט געהייסן: איישישאָק.

דער וועג צו איישישאָק איז געווען פריי. די דערפֿער וואָס מיר זענען פֿאַר־בייגעפֿאָרן אין באַגינען זענען נאָך געשלאָפֿן. מיר זענען געווען פרייע מענטשן און די שטימונג איז אַ האָפֿערדיקע, ווי גאַרנישט קען אונדז מער געשען. מען

זעט נישט קיין ליטווישן זעלנער אפילו אויף קיין רפואה. האָבן מיר געעפנט דאָס פּלעשל ליקער, וואָס דער קליינער יהודה האָט עס דעם גאַנצן וועג גע־שלעפּט פּאַר אַ ליטווינער זעלנער, און מיר האָבן אַליין גענומען צו ביסלעך. ס׳איז געווען דעמאָלט אַ זעלטענער זון־אויפגאַנג. אינעם טונקעלן האָריזאָנט האָט זיך איינגעשניטן אַ בויגן־שניט און פון דעם שניט גיסט זיך אַרויס אַ רויט ליכט אינעם טאָן פון דעם ליקער אין פּלעשל...

איך געדענק נישט פּאַרוואָס עס איז אַזוי געשען, אַז אויפן ערשטן וואָגן זענען געפאָרן בלויז צוויי מענער — די אינזשינירן וואַלדענבערג און האָפמאַן; אויפן צווייטן וואָגן — די פרויען מיטן קינד און יצחק לעוו. אויך דער גאַנצער באַגאַזש איז געווען אויף דעם צווייטן וואָגן. איך מיט דעם באַלעגאָלע זענען מיר געגאַנ־גען צופוס נעבן דעם צווייטן וואָגן. מיר דערנענטערן זיך צו איישישאָק. די הייזלעך פון שטעטל זעט מען שוין אויפן האָריזאָנט. דער ערשטער וואָגן, אַ וויניקער באַלאַדענער, האָט אָנגעהויבן פאָרן שנעלער און זיך אָפּגעריסן פון אונדז אויף אַ הונדערט מעטער פאָראויס. פּלוצים וואַקסט אויס פאַר אונדזער וואָגן אַ ליטווישער זעלנער מיט אַ ביקס. דער פויער זאָגט עפּעס צום זעלנער אויף ליטוויש און דער זעלנער כאַפּט אָן דאָס פערד ביים ציימל.

„ער אַרעסטירט אונדז" — זאָגט צו מיר דער פויער אויף פויליש.

יצחק לעוו שפּרינגט אַראָפּ פונעם וואָגן. איך הויב אָן אונטערהאַנדלען מיטן זעלנער אויף שטום־לשון און איך העלף זיך צו מיטן „אינטערנאַציאָנאַלן לשון" — איך פּרוּוו אים געבן געלט. דער זעלנער שטופּט אָפּ מיין האַנט מיטן געלט און הייסט דעם פויער פאָרן ווי ער ווייזט אים אָן. איך הויב אָן רעדן צום זעלנער אויף פּראָסט יידיש און ווייז אים, אַז איך לייג צו נאָך געלט:

„שוטה — האָב איך אים געזאָגט — נעם דאָס געלט און טו אונדז נישט אָן קיין צרות".

דער זעלנער קוקט אויפן געלט און טרייסלט מיטן קאָפּ אויף נישט. מסתמא האָט ער מורא. און ער פירט אונדז אַריין אין שטעטל — גלייך אינעם ליטווישן גרענעץ־שטאַב. אונדזער אָנקומען האָט אויפגעוועקט דעם גאַנצן שטאַב — די זעלנער מיט די אָפיצירן.

וואַלדענבערג און האָפמאַן, וואָס זענען אָנגעקומען אין שטעטל אַריין פרייע האָבן אַלאַרמירט קהל וועגן דעם, אַז מיר זענען פאַרהאַלטן געוואָרן. דער נאַ־טשאַלניק פונעם גרענעץ־פּאָסטן, נאָך אין אונטערוועש, האָט באַפוילן, די פרויען מיטן קינד זאָל מען אַריינפירן אין בנין און אַז איך מיט לעוון זאָלן אַראָפּלאָדן די זעקלעך מיט די פּעקלעך און זיי אויך אַריינטראָגן אין בנין.

ביים אַריינטראָגן דאָס ערשטע און דאָס צווייטע פּעקל איז אונדז אַ זעלנער נאָכגעגאַנגען מיט דער ביקס. אָבער ביים דריטן און פערטן האָט ער באַקומען צו אונדז צוטרוי און געבליבן אין פירהויז. איך האָב זיך איינגעבויגן צו לעוון, וואָס האָט געהאַלטן ביים אויפהויבן אַ פּעקל און אים געזאָגט: „אַנטלויף!" און נאָך איידער איך האָב זיך אומגעקוקט איז ער שוין געהאַט נעלם געוואָרן. ביים אַריינטראָגן אַ ווייטערדיק פּעקל, פרעגט מיר דער זעלנער אויף אַ צעבראָ־כענעם פּויליש יוי עס איז דער צווייטער און איך ענטפער אים, אַז ער איז פּאַר

מיר אַ פרעמדער און איך ווייס נישט ווו ער איז נעלם געוואָרן. דער זעלנער שטייט צו צו מיר מיט דער ביקס אַז ער וועט מיך שיסן. האָב איך געפרעגט אַזוי רואיק ווי איך האָב געקענט:

„פאַרוואָס זאָלסטו מיך שיסן? צי בין איך דען אַנטלאָפן? כאַפּ און שיס דעם, וואָס איז אַנטלאָפן".

האָט מיר דער זעלנער געהייסן שווייגן, איך זאָל קיינעם נישט דערציילן, אַז עמעצער איז אַנטלאָפן.

„אוודאי וועל איך שווייגן. פאַרוואָס זאָל איך רעדן?" — בין איך מיט אים מסכים געווען.

און אויך דער זעלנער האָט געשוויגן ווי אַ פיש. ער האָט „פאַרגעסן" צו מעלדן, אַז ער האָט פאַרהאַלטן צוויי מענער.

דער אָנפירער פון שטאַב האָט געהייסן עפענען די פעקלעך. און אַלע זעלנער, אַ מאַן פופצן, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט די הענט אין די זעקלעך און פעקלעך אויף צו זוכן געווער. אַז זיי האָבן דעם שעף געמאָלדן, אַז זיי האָבן קיין געווער נישט געפונען, האָט ער זיך באַראָטן מיט זיינע לייט און צום סוף מיר געהייסן איך זאָל צוריק אַרויפלאָדן דעם גאַנצן באַגאַזש אויפן וואָגן און אויך אַז די פרויען און מיטן קינד זאָלן זיך אַרויפזעצן און מען וועט אונדז באַגלייטן צוריק צו דער גרענעץ.

אויף האַלב יידיש און האַלב דייטש האָט מיר דער אָפיציר געזאָגט אַזוי:

„איך האָב פאַראָרדנט, אַז ביים מינדסטן פרווו צו אַנטלויפן זאָל מען אייך שיסן".

באַגלייט פון צוויי זעלנער מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן האָט אונדז דער וואָגן געפירט צום מאַרק פון שטעטל. דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ הויז און אהין איז אַריין איינער פון די זעלנער. באַלד איז דער זעלנער צוריקגעקומען מיט אַ פסק־דין:

„גלייך צוריקפירן צו דער גרענעץ און אַריבערשטעלן אויף דער סאָוויעטישער זייט".

אויפן מאַרק האָבן זיך שוין צוזאַמענגעקליבן יידן, זיי קוקן אויף אונדז מיט קלעמעניש. פליטים נעבעך און מען האָט נישט אויף זיי קיין רחמנות. די יידן גייען נאָך אַ שטיקל וועג און שאָקלען מיט די קעפּ אויף דעם בילד ווי פוןביידע זייטן וואָגן גייען די זעלנער מיט די ביקסן גרייט צום שיסן, ווי זיי וואָלטן געפירט באַנדיטן.

אויף אַ רגע האָב איך פאַרלוירן די גלייכגעוויכט. מען פירט מיך צו דער סאָוויעטישער גרענעץ מיט צוויי פרויען און מיט אַ קינד צוזאַמען מיט די פעקלעך. אפילו דער זאַק פון יצחק לעוו איז געבליבן מיט מיר. הינטערן שטעטל קומען צו נאָך דריי זעלנער. ווערן מיר געפירט פון אַן עסקאָרט פון פינף. צווישן זיי איז אויך פאַראַן דער וואָס האָט אונדז פאַרהאַלטן. איך שפרונג אַראָפּ פון וואָגן מיט דער טענה, אַז דאָס פערד איז מיד פון אַ לאַנגן וועג און איך הויב אָן אינטערהאַנדלען מיט די זעלנער. איינער פון זיי איז אַ ליטווישער דייטש. ער פרעגט מיר, צי איך האָב רייכסמאַרקן. פאַר רייכסמאַרקן וועט זיך אפשר

לאָזן עפּעס טאָן ביי זיינע קאָלעגן. איך זאָג אים, אַז איך האָב טשערוואָנצעס און רובלס און פאַר זיי קען מען קויפן וויפל רייכסמאַרקן מען וויל. איז ער מסכים אויף טשערוואָנצעס, אָבער ער האָט מורא. ער קלערט מיר אויף, אַז דער וואָס האָט אונדז פאַרהאַלטן איז אַ מיטגליד אין דער האַלב פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע „שאַוליסן" און ער לאָזט זיך נישט איבערקויפן. דער ליטווישער דייטש רופט אַוועק אין אַ זייט אַ צווייטן זעלנער, רעדט מיט אים עפּעס און דער זעלנער זאָגט צו מיר אויף יידיש:

„הערט, איר זענט גאָר מיאוס אַריינגעפאַלן. מיר האָבן צו טאָן מיט אַ דרעק אַ שאַוליס, וואָס לאָזט נישט יענעם לעבן און אַליין האָט ער אויך אַ שוואַרצע קרענק. דער טיוול האָט אים אָנגעשיקט, ער זאָל היינט זיין אויף דער וואַך".

„איר זענט אַ ייד?" — פרעג איך אים.

„וואָס דען, אַ גוי בין איך?" — האָט ער געענטפערט.

איך האָב דעם ייד געעצהט ער זאָל זיך פונאַנדעררעדן מיט די איבעריקע זעלנער, זיי זאָלן פטור ווערן פונעם שאַוליס און דאָס עסק וועט זיי לוינען. עס האָט נישט געהאָלפן. נישט ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן צו נעמען שוחד און נישט ער האָט געוואָלט אַוועקגיין פון דעם עסקאַרט.

מיר זענען אָנגעקומען צו דער גרענעץ.

אין דער ברייט פון דעם שאָסיי פון ווילנע קיין לידע ליגט אַ קלאָץ אונטערגעשפּאַרט אויף שטיינער. דער קלאָץ טיילט פונאַנדער צוויי וועלטן — פון איין זייט איז ליטע און פון יענער זייט סאָוויעטרוסלאַנד. דער וואָגן שטעלט זיך אָפּ. די זעלנער העלפן אַראָפּנעמען די פּעקלעך. די פרויען פרוון, ווי געוויינטלעך, ווירקן אויף די זעלנער מיט טרערן. עס גייט נישט. די פּעקלעך זענען שוין אין ראַטנפאַרבאַנד און מיר זענען נאָך אין ליטע. דער שאַוליס הויבט אויף די ביקס אויסצושיסן אין דער לופטן, כדי אַרויסצורופן פון יענער זייט די סאָוויעטישע גרענעץ־וואַך. האַלט איך אים אָפּ און בעט ביים יידישן זעלנער ער זאָל אים דערקלערן, אַז זיין זאַך איז מיר זאָלן פאַרלאָזן ליטע. אָבער עס איז נישט זיין באַבעס דאגה אַרויסצורופן די סאָוויעטישע גרענעץ־וואַך. וואָס איז ער — אַ ליטווישער פּאַטריאָט, אָדער אַ באַלשעוויסטישער משרת? ס'האָט געווירקט. מען שיסט נישט אין דער לופטן. אָבער דער שאַוליס פאָדערט, אַז פּונקט ווי די פּעקלעך ליגן אויף דער סאָוויעטישער זייט, זאָלן אויך מיר אַלע, איך מיט די פרויען און דעם קינד אַריבערגיין אויף דער סאָוויעטישער זייט און דער באַפעל וועט זיין אויסגעפירט וועדליק דעם געזעץ. האָב איך ווידער גענומען דעם יידישן זעלנער מיט דעם ליטווישן דייטשן זעלנער און מיט זיי איינגעטענהט, אַז די זאַך פון ליטע איז מיר זאָלן פאַרלאָזן ליטע — דאָס לייגט זיך אויפן שכל, אָבער אויף וועלכער טעריטאָריע איך זאָל אַוועק — דאָס איז מיין זאַך. און איך קלייב אויס צו בלייבן אויף דעם ניטראַלן פּאַס, אין קיינעמס לאַנד. די נייטראַלע טעריטאָריע איז דער קלאָץ.

בין איך אַריבער אויף דער צווייטער זייט פון קלאָץ, די פרויען מיט דעם קינד זענען געבליבן אויף דער ליטווישער זייט פון קלאָץ און איך האָב געזאָגט: „איצט זענען מיר אויפן נייטראַלן פּאַס". אין כאַטש מיר זענען געווען אויף צוויי

פאַרשידענע יועלטן — איך אינעם לאַנד פון רעאַליזירטן סאָציאַליזם און די פרויען מיטן קינד אויף דער טעריטאָריע פון דער ליטווישער קאַפּיטאַליסטישער רעפּובליק. האָבן מיר זיך — אַזוי האָב איך אינטערפּרעטירט פאַר די זעלנער — געפונען אויף קיינעמס לאַנד, אייגנטלעך אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן קלאָץ.

דער שאָוליס האָט אָפּגעשאַצט, אַז דאָס לייגט זיך אויפן שכל: מיר זענען שוין פאַרטריבן פון ליטע. דער עסקאָרט איז אַוועק. איך האָב צוגעוואָרט די זעלנער זאָל זיך דערווייטערן אויף אַ היפּשן מרחק און איך בין צוריק אַריבער דעם קלאָץ צו דער ליטווישער זייט און אויך אַריבערגעשלעפּט די פּעקלעך. מיר זענען צוריק אין ליטע. פון דעסטוועגן האָב איך איילִיק אָנגעהויבן אַוועקשלעפּן די פּעקלעך אַ פּאָר מעטער ווייטער פון דער גרענעץ און די פרויען געהייסן אַראָפּגיין טיפער אין דעם וועלדל אויף דער ליטווישער זייט, כדי נישט אַרויס־צורופן קיין אינטערנאַציאָנאַלע אַוואַנטורעס טאָמער באַוויַזט זיך די סאָוויעט־טישע גרענעץ־וואַך...

דאָס מאָל, האָב איך געוווסט אויף זיכער, וועל איך שוין אויף דער סאָוויעט־טישער זייט נישט פאַרטריבן ווערן! ס'איז איבער די כוחות פון איין מענטש אין אַזאַ שנעלן טעמפּאָ צו בייטן פּאָליטישע קלימאַטן. מען קען צווישן זיי אויסהויכן די נשמה.

בעת איך האָב אַראָפּגענומען די פּעקלעך, כדי זיי אַריבערצושטעלן אויף דער סאָוויעטישער זייט, האָב איך שטיל געזאָגט צום באַלעגאָלע, ער זאָל אַוועקפאָרן אויף אַ זייטיקן וועג אין וועלדל אַריין און צוואַרטן ביז וואַנען די זעלנער וועלן אַוועק. ווען די זעלנער וועלן מער נישט זיין — זאָל ער צוריקקומען, מיר וועלן נעמען די פּעקלעך און זיך ערגעץ־ווו אויסבאַהאַלטן. דער באַלעגאָלע האָט געהאַלטן וואָרט. ער איז צוריקגעקומען מיטן וואָגן, מיר האָבן אָנגעלאָדן די פּעקלעך און זיך אָפּגעשמועסט. אַז ער וועט פאָרן צו דער קאָלאָניע, וואָס מיר זענען פאַרבייגעפאָרן, און מיר וועלן אַהין קומען צופוס דורכן וועלדל. דער פּלאַן האָט געאַרבעט.

אין דער קאָלאָניע האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ גאַסטפריינטלעכער שטוב פון אַ פּאָליאַק. ער האָט אונדז אויפגענומען מיט אַלטפּוילישער גאַסטפריינט־לעכקייט. כאָטש ער האָט געהאַט אַ סיבה צו זיין אַ שונא סיי פון די רוסן און סיי פון די ליטווינער, איז זיין גאַסטפריינטלעכקייט צו אונדז געווען מתוך מענ־טשלעכקייט. פון אַלץ וואָס איז געווען אין הויז האָט ער אַרויפגעשטעלט אויפן טיש. מיר זאָלן זיך פילן ווי אין דער היים. אין טאָקע צוזאַמען מיט דעם פּאָליאַק האָבן מיר אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי די פרויען מיטן קינד זאָלן אָנקומען קיין איישישאָק, די יידן זאָלן וויסן, אַז מיר זענען נישט איבערגעגעבן געוואָרן צו דער סאָוויעטישער מאַכט און זיי זאָלן זיך באַמיען אויך מיך אַריינצונעמען אין שטאָט אַריין.

דאָרע און פרוי וואָלדענבערג זענען צוזאַמען מיטן קינד געפאָרן אין שטאָט אַריין ווי פויערטעס — מיט טיכלעך אויף די קעפּ און אין וואָגן פויערישע ליי־דיקע קוישלעך. איך בין געבליבן מיט די פּעקלעך און זעקלעך במשך דעם טאָג, אויסדערציילט דעם קאָלאָניסטס קליינע קינדערלעך מער מעשיות, ווי זיי

האָבן געהערט אין זייער גאַנץ יונג לעבן. אַלע קרויינפּרינצן פון דער גאַנצער וועלט און אַלע לעבעדיקע און רעדנדיקע שוועמלעך פון אַלע וועלדער איבער דער גאַנצער וועלט, צוזאַמען מיט אַלע פּרעש און מיט אַלע שרייטעלעך האָב איך דעם טאָג אַריינגעבראַכט צום קאָלאָניסט אין הויז און די קינדערלעך האָבן געפּלאַמט פון שפּאַנונג. אָבער אין אָוונט איז געשען די סאַמע פאַנטאַסטישסטע מעשה, וואָס איז געווען רעאַל:

צו דער קאָלאָניע איז פאָרפאָרן אַ גרויסער פּויערישער וואָגן מיט אַ ייד פון איישישאָק און מיט אַ ליטווישן זעלנער. דער ייד האָט מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום עליכם און מיר אָנגעזאָגט די בשורה: „מיר פאָרן!"

„ווו פאָרן מיר?" — האָב איך געפרעגט.

דער ייד האָט מיך באַרויִקט:

„דער יוון וואָס איז געקומען מיט מיר איז אַ געשמירטער און אונטער זיין באַגלייטונג וועט איר אַריינגעפירט ווערן אין שטאָט, אַז מער קיינער זאָל נישט האָבן איבער אייך קיין שליטה".

ס'איז נישט אַריבער קיין האַלבע שעה ווי דער וואָגן איז פאָרפאָרן אויף אַ יידישן הויף, דער זעלנער איז פאַרשוווּנדן און יידן האָבן תיכף צעכאַפּט די פּעקלעך מיט אַזאַ אימפּעט, ווי זיי וואָלטן אויסגערויכערט געוואָרן.

מיך האָט מיין באַגלייטער אַריינגעפירט אין אַ ליכטיקער יידישער שטוב, ווו איך האָב געטראָפן אונדזער גאַנצע חברותא. עס איז געווען די שטוב פון דעם איישישאָקער חזן. אַלע זענען געווען אויסגעבאָדן און אויסגערוט. פון דעם שווערן אויסמאַטערנדיקן וועג איז אויף קיינעמס פּנים קיין צייכן נישט געבליבן. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ גלאַנציקער סאַמאָוואַר און אונטער דער סטעליע פון דעם הויז איז געהאַנגען אַזאַ ליבשאַפט און אַזאַ פרידלעכקייט, ווי דאָס גאַנצע הויז וואָלט געווען איין גרויס מענטשלעך האַרץ.

„נו וואָס שטייט איר און גאַפט אַזוי?" — האָט מיר געפרעגט דער חזן און צעעפנט זיינע אָרעמס, ווי ער וואָלט וועלן די גאַנצע וועלט אַרומנעמען און זי אַוועקלייגן פאַר מיינע פיס — „וואַשט זיך און זעצט זיך צום טיש; איר זענט ביי זיך אין דער היים".

אַ גרויסע שמחה האָט געהערשט צווישן די יידן. וואָרום זייט איישישאָק איז אויסגעפאַלן אויף דער זייט פון ליטע, האָבן די יידן געגרינדעט אַ קאָמיטעט צו ראַטעווען יידן סיי פון די לענדער, וואָס פאַרניכטן און סיי פון די לענדער וואָס „באַפרייען"... און אָט האָבן זיי אַרויסגעראַטעוועט נאָך אַ ייד פון דער געפאַר אַריינצופאַלן אין די הענט פון די „באַפרייער"...

ווען ס'איז געקומען די צייט איינצואָרדענען פאַר אונדז נאַכטלעגערס — און איישישאָק האָט קיין ווילעס און פּאַלאַצן נישט פאַרמאָגט — האָט דער שמש פון דער שול שטאַרק געבעטן, מען זאָל אים מזכה זיין מיט דער מצווה, איך זאָל ביי אים שלאָפן. ווי אַ קינד האָט ער זיך געפרייט, ווען ער האָט געפּועלט און ער האָט געקרעכצט פון גליק, ווען ער האָט מיך געפירט אין זיין הויז דורך אַ פינצטערן הויף. דאָס בעסטע מעבלשטיק אין זיין הויז איז געווען אַ סאָפע — האָט ער מיט זיינע אייגענע הענט אויסגעשפּרייט אויף דער סאָפע אַ פרישן שמעקעדיקן

ליילעך און געזוכט מיט וואָס אַלץ ער וועט מיך איינדעקן. עס זאָל מיר חלילה נישט זיין קאַלט. ווייל איך דאַרף זיך אויסרוען. אַז אַלע מידקייטן פון וועג זאָלן מיר ארויס פון די ביינער — האָט ער געזאָגט. אַז ער האָט מיך שוין גוט איינגעדעקט, האָט ער נאָך זיין מאַנטל אַרויפגעלייגט אויף מיינע פיס, נעבן דער סאָפע אַוועקגעשטעלט אַ טעפּל בעגל־וואַסער, און מיר געוווּנטשן אַ גוטע־גוטע נאַכט.

מען האָט אונדז אַלע אויפגעוועקט פאַרטאָג, צוזאַמענגענומען ביים חזן אין שטוב צו אַ בשותפותדיק פרישטיק. אויפן הויף האָט שוין געוואַרט דער לאַסט־אויטאָ, וואָס פירט יעדן טאָג פּראָדוקטן קיין ווילנע. אויף אָט דעם לאַסט־אויטאָ האָבן מיר זיך אַנגעלאָדן און מיט די ברכות פון די איישישאָקער טייערע יידישע הערצער האָבן מיר זיך געלאָזט קיין ירושלים דליטא — צו דעם ירושלים, וואָס נאָך זיין חורבן האָט עס אַפילו נישט קיין ירמיהו, וואָס זאָל עס באַקלאָגן אַזוי דערהויבן, ווי דערהויבן און שיין עס איז געווען.

די האַרציקע באַציאונג צו אונדז פון די איישישאָקער יידן האָט ווי מיט איין מאָל אויסגעבלאָזן אין מיר דאָס פייער פון מיין שליחות. דער לאַנגער און סכנות־דיקער וועג, וואָס האָלט כסדר אין שפּאַנונג און שמידט צו די אויפמערקזאַמקייט צו יעדער קלייניקייט, האָט געהאַט צוגעדעקט דעם פּלאַם; אין איישישאָק האָט ער מיך צוריק באַהערשט. בעכטן זענען מיר אַליין געווען אין סכנה אומצוקומען. דער גורל פון מיינע נאָענטסטע האָט זיך געוויגן צווישן דעם, אַז דער שאוליס וועט אויסשיסן אין דער לופטן, כדי צו אַלאַרמירן די סאָוויעטישע גרענעץ־וואַך, אָדער מיר וועט געלונגען אים אָפּצוהאַלטן דערפון. אין וואַרשע וויגט זיך נישט אַפילו דער גורל פון די יידן; ער איז געחתמעט! נאָר פון אויסערלעכער הילף איז אָפּהענגיק ווער און וויפל פון די פאַרמשפטע יידן ס'וועלן געראַטעוועט ווערן.

הגם איך האָב געהערט צו אַ פּאַרטיי און מיין שליחות קיין וואַרשע האָב איך אויסגעפירט פאַר אַ פּאַרטיי, איז מיר אַלע מאָל געווען פרעמד דער פּאַרטיי־אישער באַגרענעצטער סעפּאַראַטיזם. איך האָב אויך נישט געקענט דעם פּאַרטיי־אישן צערעמאָניאַל ווי אַזוי מען דאַרף זיך נוהג זיין, כדי דער פּרעסטיזש פון דער פּאַרטיי זאָל חלילה נישט ליידן. און ס'איז געווען די צייט פון דער היטלעריסטישער מלחמה קעגן דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט אַלע יידן אויסגעגליכט. האָב איך פאַרגעסן נאָכצופרעגן זיך אויפן פּאַרטיי־צערעמאָניאַל און גע־האַנדלט ספּאָנטאַן. פאַר אָט דער ספּאָנטאַנישקייט פון מיין גלויבן, אַז איך האַנדל ריכטיק, האָב איך שפּעטער שיעור נישט באַצאָלט מיט מיין לעבן.

די טויבע וועגט פון דער יידישער וועלט

מיין אָנקומען קיין ווילנע האָט אויפגערודערט סאָדאָווע נומער ניין און קוויאַטאָווע נומער זיבן. פון אַלע פיר שליחים, וואָס זענען אַוועק קיין וואַרשע, איז איינער אָנגעקומען קיין וואַרשע און דאָרט פאַרבליבן. צוויי זענען קיין וואַרשע נישט דערגאַנגען — זיי זענען אָדער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די רוסן און פאַרשיקט געוואָרן אויף סיביר, אָדער אין די הענט פון די דייטשן און זיי זענען

פאַרפייניקט געוואָרן. איך בין צוריקגעקומען און געבראַכט הונדערטער און הונ־דערטער גרוסן און צענדליקער בריוו. מיטן איבערגעבן די גרוסן צו יחידים, האָב איך אויך איבערגעגעבן צום פּאַרטיי־סעקרעטאַר אַבראַם סטאַליאַר און צו דעם פינאַנס־לייטער פון דער פּאַרטיי ד״ר חיים פּיזשיץ די בריוו פון אַרטור זיגעלבוים, פון בערנאַרדן און פון סאָניע נאָוואָגרודזקאָ און זיי בקיצור דער־ציילט וועגן דעם גיהנום אין וואַרשע. איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז דעם באַריכט בעל־פה וועל איך פאַר דער אָנפירערשאַפט פון דער פּאַרטיי אָפּגעבן שפּעטער. דערווייל האָב איך עפּעס גאָר וויכטיקס.

די ציוניסטישע עסקנים פון צווישן די פּליטים פון וואַרשע — עסקנים פון אַלע פּאַרטייען — האָבן נישט געהאַט קיין בשיתפותדיקע אָרגאַניזאַציע, אָדער לאָקאַל, ווו מען זאָל זיך קענען מיט זיי צוזאַמענרעדן. יעדער האָט זיך געהאַלטן באַזונדער. איך האָב אויך נישט געקענט די ווילנער ציוניסטישע עסקנים. איז מיר אָנגעקומען זייער שווער מיט אַלע זיך צו פאַרשטענדיקן און זיי צוזאַמענברענגען. קיין ווילנע זענען דורך דער צייט אָנגעקומען נאָך יידישע שרייבער און יידישע כלל־טוער פון לעמבערג און פון קראָקע און די אַטמאָספער איז געווען אַ מער האַ־פערדיקע ווי ביים ערשטן מאָל פון מיין אָנקומען קיין ווילנע.

דאָך דורך עטלעכע טעג איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער צוזאַמענטרעף פון מיר מיט די יידישע שרייבער און ציוניסטישע און נישט ציוניסטישע כלל־טוער פון צווישן די פּליטים און פון ווילנע. עס זענען דעמאָלט אויך געקומען צוויי פאַר־שטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאָווגע. דער גרויסער עס־זאַל איוף סאַדאָווע נומער ניין האָט נישט געקענט אַריינגעמען די אַלע, וואָס זענען געקומען הערן מיין באַריכט.

איך בין פיזיש און גייסטיק נישט געווען אימשטאַנד צוצוגרייטן זיך צו דעם באַריכט — האָט דאָס יידישע וואַרשע אַרויסגעשריגן דורך מיין מויל אַזוי ווי איך האָב די יידן געזען אין זייער נויט און קלעם. איך האָב דערציילט וועגן דעם שפּעטן באַזוך פון די פאַרשטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע — קירשנבוים און בלאָך — און וועגן זייערע תחנונים צו אַלאַרמירן ירושלים און ניו־יאָרק, די גאַנצע יידישע פרייע וועלט, אַז אויב מען וועט נישט באַצייטנס ראַטעווען די יידן פון פוילן, וועט קיין איין איינציקער נישט בלייבן לעבן. ווי אייגער וואָס האָט נאָר וואָס דורכגעמאַכט די גרענעצן און די געפאַרן, וועלכע לויערן, זאָג איך אייך — האָב איך אויסגעשריגן — עס איז אוודאי אוממעגלעך צו ראַטעווען אַלע יידן אונטער דער היטלעריסטישער אָקו־פּאַציע אין פוילן, אָבער מיט דער הילף פון די יידישע אינסטיטוציעס אין דער פרייער וועלט קען מען דאָ, אין ליטע, אָרגאַניזירן די רעטונג פון צענדליקער און צענדליקער טויזנטער יידן. אויב די רעטונג וועט איצט נישט געמאַכט ווערן, דערוואַרט אונדז אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע. מען קען אויך ראַטעווען יידן קיין איטאַליע און אין דער שווייץ — אין וואַרשע זענען דערצו פאַראַן די מעגלעכקייטן, אָבער אָט די רעטונג איז פאַרבונדן מיט אויסערגעוויינטלעך גרויסע געלט־סומעס. די פרייע יידישע וועלט מוז מאָביליזירט ווערן צו ראַטעווען אונדזער פאָלק!

דעם זעלבן אָוונט האָט מענדל מאָזעס, דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער

יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור אין וואַרשע, טעלעגראַפירט צו דער צענטראַלע אין ניו־יאָרק אַן אַלאַרמירנדיקן באַריכט וועגן דעם, וואָס איך האָב דערציילט. דאָס זעלבע האָט געטון דער בונדישער עסקן מאַוריצי אָזשעך, וואָס איז דעמאָלט געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס" אין ניו־יאָרק. ציוניסטישע עסקנים האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז באַלד אויף צו מאָרגנס וועלן אַוועקגיין אויספירלעכע באַריכטן צו דער יידישער אַגענץ אין ירושלים און צו דער אָנפירערשאַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. איך ווייס, אַז אַזעלכע באַריכטן זענען אַוועק, און איך ווייס אויך, אַז ירושלים און ניו־יאָרק האָבן דעמאָלט נישט געטון קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער, כדי אַרויסצוראַטעווען כאָטש עטלעכע צענדליק יידן פון וואַרשע.

דער איינציקער רעזולטאַט פון מיין אָפּגעבן דעם „ציוניסטישן באַריכט" איז געווען אַ רוגז נישט צו פאַרריכטן מצד דער בונדישער אָנפירערשאַפט צו מיר. די פאַרביטערונג צוליב מיין „פאַראַט" איז געווען אַזוי גרויס, אַז די בונדישע לייטונג האָט מוותר געווען אויסצוהערן פון מיר אַ באַריכט בעל־פּה. אין דער פּאַרטייאישער באַגרענעצטקייט האָט עס געהייסן, אַז קיין וואַרשע בין איך אַוועק אַ בונדיסט און צוריק בין איך געקומען אַ ציוניסט... אָבער ביי די ציוניסטן בין איך ווייטער געבליבן אַ בונדיסט, וואָס האָט זיך אויף אַ רגע דערהויבן צו אומפּאַרטייאישקייט. אָט דער פּאַרטייאישער פאַנאַטיזם, אַפילו אין אַ צייט, ווען אונדזער וועלט האָט געברענט פון אַלע זייטן, האָט זיך אין מיר נוקם ונוטר געווען שפּעטער, ווען מען האָט זיך אויך פון ליטע געדאַרפט ראַטעווען.

דער שטראָם פליטים קיין ליטע האָט נישט אויפגעהערט ביז אַרום חודש מערץ פונעם יאָר 1940. דער פליטים־שטראָם האָט אויך געגעבן קרבנות. בדרך כלל איז די ליטווישע מאַכט, וואָס יידישע מנהיגים האָבן געהאַט אויף איר אַן אַן איינפלוס, געווען ליבעראַל צו די פליטים און געקוקט דורך די פינגער אויף דעם כסדרדיקן שטראָם פון יידישע פליטים. אָבער דאָ און דאָרט האָט די פּאָליציי און די גרענעץ־וואַך געזוכט קרבנות פאַר איר אייפער. די צוויי זין פון לאַזאַר און שושנה קאַהאַן — ביידע אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן — זענען געכאַפּט געוואָרן פון דער ליטווישער פּאָליציי, איבערגעגעבן זיי צו דער סאָוויעטישער גרע־נעץ־וואַך. ביידע זענען נעלם געוואָרן אויף אייביק. דער איינציקער זון פון דעם פּראָפעסיאָנעלן טוער אין וואַרשע, שאַפּראַן, אַ יונגערמאַן אונטער צוואַנציק יאָר, איז געכאַפּט געוואָרן אויף דער סאָוויעטיש־ליטווישער גרענעץ און פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ סך יאָרן סיביר. פון זיינע בריוו צום פאָטער קיין ווילנע האָט מען זיך דאָס ערשטע מאָל דערוווסט דעם אויסטערלישן שטייגער פון דער סאָוויעטי־שער גערעכטיקייט. דער יונגער בחור האָט באַשריבן ווי אַזוי אים האָט געפאַרשט אַ יונגע אויספאָרש־ריכטערין. צום סוף פון דער אויספאָרשונג האָט די ריכטערין אויפגעהויבן דאָס קליידל, אים געוויזן איר הינטן און אים געזאָגט, אַז ער וועט פאַרשיקט אויף אַ פּלאַץ, וווּ ער וועט זיין גאַנץ לעבן מער נישט זען, וואָס זי ווייזט אים. ענלעכע סצענעס זענען באַשריבן געוואָרן אויך דורך אַנדערע קרבנות, וואָס זענען געפאַנגען געוואָרן אויף דער גרענעץ און פאַרשיקט געוואָרן אויף סיביר.

ביי אַזעלכע בשורות האָבן די פליטים אין ליטע זיך געזען ווי אין אַ גן־עדן.

און ליטע איז געווען אַ גן־עדן אויף דער ערד. פון דער געבענטשטער שפע אין אַט דעם לאַנד האָבן די פּליטים געגאָסן דורך דעם „דזשאָינט״ און דורך דער גרענעצלאָזער גאַסטפריינטלעכקייט און ברידערלעכקייט פון די ליטווישע יידן. די יידן אין ליטע האָבן געשאַפן אַ מלכות ישראל, וואָס מיר קענען גאָרנישט אַזאַ אין דער יידישער געשיכטע. פאַר די ליטווישע יידן איז נישט געווען קיין גרענעץ פון הילף און פון אַריינגעמען נאָך און נאָך יידן. אָבער פאַר דער ליטווישער מאַכט איז די קאָנצענטראַציע פון די יידישע פּליטים אין די שטעט געוואָרן אַ לאַסט.

אין איינעם אַ טאָג איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע פּליטים זאָלן זיך רעגיסטרירן אין ספּעציעל געשאַפענעם פּליטים־קאָמיסאַריאַט. לויט דער פאַראָרדענונג וועלן אין די גרויסע שטעט האָבן וווין־רעכט פּליטים מיט פרייע פּראָפעסיעס, אַנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע טוער און מענטשן אויף הויכע פּאָזיציעס. די פּליטים־מאַסן וועלן מוזן פונאַנדערשפּרייטן זיך איבער די קליינע שטעטלעך. אַט די פאַראָרדענונג האָט אַרויסגערופן אַ בהלה. קיינער האָט נישט געוואָלט געהערן צו דער פּליטים־מאַסע. אַלע האָבן געוואָלט ווערן „אַנגעזעענע לייט״ און בלייבן אין די גרויסע שטעט, ווי ווילנע און קאָוונע. דאָס איז געווען נישט שווער. פּליטים האָבן נישט קיין דאָקומענטן. אויף דעם זענען זיי פּליטים זיי זאָלן נישט האָבן קיין דאָקומענטן. די רעגיסטראַציע קומט פאָר מיט עדות. איך זאָג עדות פאַר דיר און דו ביסט מיין עדות. מען שרייבט אויס פאָרמולאַרן, די עדות שרייבן זיך אונטער און אויף דעם סמך באַקומט מען אַרויס אַ ליטווישן דאָקומענט. איז במשך פון איין וואָך אָנגעוואַקסן אַן אַרמיי גענעראַל־סעקרעטאַרן, פּרעזעסן, צייטונגס־רעדאַקטאָרן, גרויסע פאַבריקאַנטן, געוואַלדיקע סוחרים, פירער פון פּאָליטישע פּאַרטייען אין פּוילן פון פאַר דער מלחמה און אַנדערע „גרויסע לייט״. ס׳איז כמעט נישט געבליבן קיין פּשוטער פּליט און ס׳איז כמעט נישט געווען ווער עס זאָל פאָרן זיך באַזעצן אין די קליינע שטעטלעך. די פּליטים — איצט בלויז גענעראַלן — זענען געבליבן קאָנצענטרירט אין די גרויסע שטעט, בעיקר ווילנע און קאָוונע.

אויבנאויפיק איז דאָס לעבן געוואָרן נאָרמאַל. די פּליטים האָבן אָנגעהויבן אַריינלעבן זיך אינעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן און שאַפן אויך נייע אינסטיטוציעס. די פירער פון ציש״אָ האָבן געשאַפן אַ ביכער־פאַרלאַג און זיין אָנפירער איז געוואָרן ח. ש. קאַזדאַן. נח פּרילוצקי און ישראל ראַבאָן האָבן אָנגעהויבן צוגרייטן אַ ליטעראַרישן אַלמאַנאַך. „אָרט״ האָט אָרגאַניזירט קורסן פאַר דערוואַקסענע פון צווישן די פּליטים אויף איבערצופּראָדוקטיוויזירן זיך. טיכטיק אויף דעם געביט איז געוואָרן דער פּעדאַגאָג און פירער פון די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן אליעזר פּינעס. צווישן די פּרויען פון דער אינטעליגענץ איז פּאָפּולער געוואָרן דער קורס צו לערנען צוזאַמענשטעלן קאָסמעטישע פּרעפּאַראַטן. די אינסטרוקטאָרין פון דעם קורס איז געווען די אלמנה נאָך דעם שרייבער דוד קאַסעל צוזאַמען מיט דער נאָרמאַלקייט האָבן זיך אָנגעהויבן מערקן סימנים פון פאַרלירן דעם מאָראַלישן ווידערשטאַנד־כוח קודם כל ביי אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס צו טון מיט זייער ענערגיע.

אונטער דער נאָרמאַלקייט פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן האָט מען געקענט פילן די שטראָמען פון די אַנקומענדיקע סכנות. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געגלויבט, אַז ס׳איז אין דער פּאָליטיק סיי פון די רוסן און סיי פון די דייטשן איבערצולאָזן אַ פרייַ און זעלבשטענדיק ליטע און אַז אַזאַ וועט ליטע בלייבן במשך דער גאַנצער מלחמה. ווייל אויב דאָס איז נישט דער פּלאַן — פאַרוואָס האָט רוס־לאַנד פריער באַזעצט ווילנע און שפּעטער די שטאָט אָוועקגעגעבן צו ליטע? איך בין געווען משוגע אויף דעם פּונקט, אַז ליטע איז אַ גאָלדענע שטייג און די רוסן האַלטן די שליסעלעך פון דער שטייג. פון דער שטייג מוז מען זיך אַרויסרייסן וואָס שנעלער. ווארום אָט איז ליטע פריי און זעלבשטענדיק, אָבער ווי נאָר עס האָט זיך אַרויסגעריררט דער זשורנאַליסט בערנאַרד זינגער, כדי זיך אַריבערבאַ־קומען קיין ריגע — איז ער געפאַנגען געוואָרן דורך די רוסן און איז פאַרשלעפּט געוואָרן. מאַוריצי אָזשעך, קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס״ און דער „דזשאָינט״־דירעקטאָר גיטערמאַן זענען אַראָפּגענומען געוואָרן פון אַ שיף אין מעמעל און מער האָט מען וועגן זייער געביין נישט געהערט. דער ליטוויש־לעטלענדישער ברעג פון באַלטישן ים איז געווען פּאַטרולירט פון סאָוויעטישע פישער־שיפלעך און זיי האָבן געפאַנגען יעדן איינעם, וואָס האָט זיך געוואָלט אַריינשמוגלען אין דער ריגער בוכטע. לעגאַל האָט מען געקענט אַרויסבאַקומען זיך נאָר מיט דער באַן קיין לעטלאַנד, אויב מען האָט געהאַט אַ לעטלענדישע וויזע, אָדער — דורך אַ נס — דורך רוסלאַנד, אויב רוסלאַנד וואָלט געגעבן אַן אַדורכפאָר־וויזע.

ציוניסטישע עסקנים צווישן די פּליטים האָבן באַמבאַרדירט ירושלים מיט פאָדערונגען אייליק אַרויסצושיקן סערטיפיקאַטן כאָטשבי בלויז פאַר די עסקנים און פאַרדינסטפולע ציוניסטן. ווי ירושלים האָט זיך נישט אָפּגערופן אויף די אַלאַרם־רופן, וואָס איך האָב געבראַכט פון וואַרשע, אַזוי האָט אויך די אַרטיקע יידישע אַגענטור נישט שטאַרק זיך איבערגענומען מיט די רופן פון ווילנע. פון אויער צו אויער האָט מען זיך געסודעט צווישן די ציוניסטישע עסקנים, אַז סערטי־פיקאַטן זענען פאַרזיכערט נאָמענטלעך נאָר פאַר צוויי: פאַר ד״ר משה קליינבוים (פון יצחק גרינבוימס פראַקציע) און פאַר יוסף שאָפּמאַן (פון די רעוויזיאָניסטן). אויסער פאַר זיי דאַרפן אָנקומען נאָך צוויי סערטיפיקאַטן, אויף וועלכע עס זענען פאַראַן אַ סך פרימערע קאַנדידאַטן און דעריבער וועט מען וואַרפן גורל וועמען מען זאָל זיי געבן. סערטיפיקאַטן אויסער דער יידישער אַגענטור האָבן באַקומען אַזעלכע פון צווישן די פּליטים, וועלכע האָבן געקענט אָנווייזן, אַז זיי האָבן קאַפּי־טאַל, אָדער אייגנטום אין פּאַלעסטינע. צו זיי האָבן געהערט די וואָלדענבערגס, וואָס זענען צוזאַמען מיט מיר אָנגעקומען קיין ווילנע.

די גליקלעכע זענען אַרויסגעפאָרן אין חודש מערץ קיין ריגע און פון דאָרט מיט אַן עראָפּלאַן איבער פראַנקרייך קיין ארץ־ישראל. אָבער אויך אין די פּלאַן פון לעגאַלן אַרויספאָר האָבן די דייטשן און די רוסן אויסגעפועלט סיי ביי דער ליטווישער רעגירונג און סיי ביי דער לעטלענדישער רעגירונג, זיי זאָלן נישט געבן קיין טראַנזיט־וויזעס פאַר מענער, וועלכע זענען עלטער פון אַכצן און ייִנגער פון פינף און דרייסיק יאָר. צוליב דעם וואָס משה קליינבוים האָט זיך נישט גע־קענט מאַכן, אַז ער איז ייִנגער פון אַכצן, האָט ער זיך פאַרלאָזט אַ פאַר דיקע

וואַנסעס און זיך געמאַכט עלטער פון פינף און דרייסיק; יוסף שאַפּמאַן, וואָס האָט אויסגעזען זייער יוגנטלעך, מיט אַ ראָז פּנים, און ער האָט בשום אופן נישט געקענט מאַכן דעם אַנשטעל, אַז ער איז עלטער פון פינף און דרייסיק, האָט מען דערציילט, אַז ער האָט איבערגעמאַכט זיין פּאַספּאָרט אַזוי, אַז ער איז יינגער פון אַכצן, ער איז אַ זון פון זיין פרוי און אַ ברודער צו זיין טאָכטער. ער האָט זיך אַנגעטון אין קורצע הייזלעך און געמאַכט דעם אַנשטעל פון אַ תמעוואַטע זינדל, וואָס די מוטער דאַרף אים פירן ביי דער האַנט... אין יענעם חודש איז אויך דאָרע אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיטן קינד.

ליטע איז פאַרמאַכט געוואָרן פון אַלע זייטן. די גאָלדענע שטייג איז געווען אַ פּערפעקטע.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אָנגעקומען קיין קאָוונע, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין אַריינגעקומען אין יידיש מלכות. אויסער די שילדן מיט ליטווישע אויפשריפטן און די שפּראַך פון די באַן־ און טראַמוויי־קאָנדוקטאָרן — איז די אַטמאָספער געווען אַ יידישע. די לייסוועס אַלייע, די הויפּטגאַס פון קאָוונע, איז געווען אַ יידישע גאַס. דאָ איז יידיש לשון געווען דאָס הערשנדיקע לשון נאָך מער ווי אין ווילנע, וואָרום אין קעגנזאַץ צו ווילנע איז קאָוונע געווען אַ רייכע יידישע שטאָט און די ליטווישע קולטור האָט נישט געשפּאַרט אויף יידן, אַזוי ווי עס האָט געשפּאַרט די פּוילישע קולטור.

אין דעם קאַפע־הויז „מאַניקאַ" אויף לייסוועס אַלייע האָט מען איבערהויפּט פאַרגעסן, אַז מען איז אין אַ נישט־יידישער מדינה. דאָס איז געווען אַ זייער עלעגאַנט קאַפע־הויז, וואָס מען האָט עס געקענט פאַרגלייכן צו די גרעסטע קאַפע־הייזער אין וואַרשע, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער עלעגאַנץ און אייראָפּעאישקייט. אין דעם עלעגאַנטן „מאַניקאַ" איז דאָס הערשנדיקע לשון געווען יידיש. עלעגאַנט־געקליידעטע פרויען האָבן ביי די טישלעך געלייענט יידישע צייטונגען מיט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער נאַטירלעכקייט. אַהער האָט אַפילו דער אָפּהילך פון דער מלחמה נישט דערגרייכט, אויסער וואָס די צייטונגען האָבן דערציילט, אַז עס קומט פאַר אַ מלחמה. אין קאָוונע איז זיכער געווען אַן אָרעמקייט. איך האָב די אָרעמקייט שפּעטער געזען, אָבער די געוואַלדיקע שפע פון שפּייז־אַרטיקלען און די אָנגעפּראָפּטע מאַגאַזינען מיט סחורות האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז קאָוונע באַשטייט פון בלויז רייכע, באַזירטע יידן אין זייער אייגן מלכות...

אין אָט דעם מלכות האָט זיך באַזעצט דער ראָמאַניסט ז. סעגאַלאָוויטש. ער האָט זיך דערפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. די עלעגאַנטע דאַמען פון „מאַניקאַ" האָבן געהאַט געלייענט די ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלע ראָמאַנען פון סעגאַלאָוויטשן, און אָט איז צו זיי געקומען ער אַליין — דער שרייבער! ער גופא האָט אויסגעזען ווי אַ העלד פון זיינע ראָמאַנען: איינזאַם, ערנסט, מיט סענטימענטאַלע אויגן און אַ שלאַנקע פיגור פון אַן אייראָפּעאישן מאַנסביל. צו דעם האָט ער ליב געהאַט צו שפּילן קאָרטן. ער איז געוואָרן דער העלד פון „מאַניקאַ" און פּאָפּולער אין גאַנץ קאָוונע. און כאָטש סעגאַלאָוויטש האָט נאָך אַלץ געטראָגן דעם דזשאָנ־

טישן מאַנטל, איז ער פון דעסטוועגן געווען צווישן די עלעגאַנט־געקליידעטע מע־נער אין „מאַניקאַ".

קאַנקורירט מיט סעגאַלאָוויטשעס עלעגאַנץ האָט בלויז איין איינציקער מאַן, וואָס פלעגט כמעט יעדן אָוונט זיצן אין „מאַניקאַ". ער האָט געהאַט אַ סטאַביל טישל. קיינער פלעגט צו אים נישט צוקומען, אויסער דער קעלנער. דער מאַן איז שטענדיק געווען אָנגעטון אין אַ פּערפעקט גענייטן ענגלישן קאָסטיום, אין אַ גוט־געפּרעסט העמד, מיט אַ ברילִיאַנטענער נאָדל אין קראַוואַט און מיט אַ בריליאַנ־טענעם רינג אויף דער האַנט. כאָטש דער מאַן פלעגט די אָוונטן אָפּזיצן אַליין, איז ער קיין מאָל נישט געווען פאַרלאַנגווייליקט. די שטאַם־געסט פונעם קאַפע־הויז האָבן געגעבן געוווּסט ווער ער איז און זיך דערמיט אויף קיין רגע נישט איבערגע־נומען, ווי ער וואָלט געהערט צו דעם מעבל פון דעם פּלאַץ. ער איז געווען אַ סאָוויעטישער אַגענט. מיט חדשים שפּעטער, ווען די רוסן האָבן באַזעצט ליטע, האָט ער אין דער ערשטער צייט פאַרנומען אַ הויכן אַמט אין ען־קאַ־ווע־דע.

כאָטש ז. סעגאַלאָוויטש האָט אין זיינע ראָמאַנען באַשריבן רעוואָלוציאָנערן, איז ער אַליין געווען זייער ווייט פון אַ העלד. פאַר דריי האָט ער מורא געהאַט אימת מות: צו פאָרן אין אַן אויטאָ; נעבן אים זאָל זיך אַרומדרייען אַ הונט און נאָענט פון אים זאָל זיין פּאָליציי, אָדער פּאָליציי־אַגענטן. איך דאַקעגן האָב נישט מורא פאַר די דריי זאַכן, פאַרקערט: איך האָב ליב אַן אויטאָ (ער גיט די מעג־לעכקייט צו באַוועגן זיך פריי אויף גרויסע מרחקים), איך האָב ליב הינט (זיי האָבן אַלע גוטע אייגנשאַפטן פון מענטשן און גאָרנישט פון זייערע שלעכטע אייגנשאַפטן), אָבער אָרגאַניש פאַרטראָג איך נישט קיין געהיים־אַגענטן. זיי רופן אין מיר אַרויס אַ פיזישן עקל. אַז איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דער מאַן, וואָס זיצט יעדן אָוונט אין „מאַניקאַ" איז אַ סאָוויעטישער אַגענט, האָב איך עס איבער־געחזרט סעגאַלאָוויטשן ווען מיר זענען ביידע געזעסן אין קאַפע און אים געזאָגט: „אָט דער מיט דער בריליאַנטענער נאָדל אין קראַוואַט איז אַ סאָוויעטישער שפּי־צעל און ער וועט זיין אונדזער אומגליק". סעגאַלאָוויטש האָט אַ קוק געטון אויף דעם מאַן מיט זיינע גראָלעכע אויגן, זיך אויפגעהויבן און אַוועק און מער האָט זיין פוס נישט אַריבערגעשטעלט די שוועל פון „מאַניקאַ".

סיי ווי איז סעגאַלאָוויטש געווען אָנגעפּולט מיט שרעק פון דער צייט ווען ער איז געלאָפן אויף די וועגן אונטער די דייטשע באָמבעס און באַשיסונגען, אָבער זייט איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם ען־קאַ־ווע־דעניק, האָט ער געזוכט איין זאַך: אַ פאַרטנער צו שפּילן מיט אים אין קאָרטן און זיך פאַרגעסן, נישט טראַכטן, ווייל קיין האָפענונג אַרויסצורייסן זיך פון ליטע איז נישט געווען.

פּריליגנצייט איז קיין ווילנע געקומען אַ גאַר וויכטיקער גאַסט פון ריגע — דער אַלטיטשקער שמעון דובנאָוו. ער איז געווען דער גאַסט פון די יידישע שריי־בער־פּליטים אויף סאַדאָווע נומער ניין. דער צוזאַמענקום מיט אים איז געווען אַ גרויסער יום־טוב פאַר די שרייבער, וואָס דאָס אַרומגיין ליידיק און דאָס אייביקע נאָכטראַכטן, וואָס עס גייט ווערן, האָט זיי פאַרטריבן אין שוואַרצע מחשבות.

שמעון דובנאָוו איז געווען פול מיט אָפּטימיזם. זיכער איז זיין צוזאַמענטרעפן זיך מיט אַזוי פיל אָנגעזעענע שרייבער פון דעם גרויסן פּוילישן צענטער אויף

פאַר אים געווען אַ שטאַרקע איבערלעבונג און דאָס האָט מסתמא פאַרשטאַרקט זיין אָפּטימיזם. אין זיין רעפעראַט פאַר די שרייבער האָט ער געפרוווט באַווייזן, אַז פאַקטיש האָט דאָס יידישע פאָלק קיין מאָל נישט פאַרשפּילט און ער האָט גע־מאַכט דעם אויספיר, אַז אויך דאָס מאָל וועט דאָס יידישע פאָלק אַרויס פון קלעם און וועט נישט באַזיגט ווערן...

אויף אַ קורצער רגע האָט שמעון דובנאָוו ביי דעם און יענעם געשאַפן די איי־לוזיע, אַז אויב מיר גייען נישט פאַרשפּילן, וועט מסתמא ליטע זיין דאָס אינדזעלע, וווּ מיר וועלן איבערלעבן די מלחמה און גלייך ווי די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן מיר זיין נאָענט פון אונדזערע היימען און די וועלט וועט ווידער זיין וועלט, ווי זי איז געווען.

היסטאָריקער באַשעפטיקן זיך מיט דערשיינונגען און פאַקטן, וואָס זענען גע־ווען און געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט. אין אַט דעם אָפּגעקילטן און פּאַסיוון שטאָף זענען זיי אַפּט מייסטער. זיי מוזן עס נישט זיין צווישן לעבעדיקע פאַקטן און דערשיינונגען, וואָס וועקסלען זיך אָפּ פון סתירהדיקע, נישט באַהערשטע באַ־דינגונגען. דאָ זענען היסטאָריקער אָפּט ווי קינדער, וואָס גלויבן, אַז די פאַקטן וועלן אויספאָלגן זייער טעאָריע. בעת יענעם רעפעראַט אין ווילנע האָט שמעון דובנאָוו זיך פולשטענדיק טועה געווען. קיין ניצוץ פון זיין אָפּטימיזם און אויספיר האָט זיך נישט באַשטעטיקט. פאַרקערט, דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרשפּילט, ווי עס האָט אַ סך מאָל אין זיין געשיכטע גאָר ביטער פאַרשפּילט.

דער אָנהייב פון סוף

אין איינער אַ יוני־נאַכט האָט מיך אויפגעוועקט דער געבראַזג פון שווערע אייזערנע רעדער און פערדישע פּאַדקאָוועס אינעם שטיינערנעם ברוק. איך בין אַראָפּ פון בעט, געעפנט דאָס פענצטער און דערזען: עס ציען קאַראַוואַנען האַר־מאַטן געשפּאַנט מיט פערד, עס גייען מאַסנהאַפטע בלאָקן פון סאָוויעטישער אינ־פאַנטעריע, נאָך זיי גייט נאָך דער אַלטער רוסישער טאַבאָר פון וועגענער מיט ברייטע אַקסן, ווי איך האָב זיי געדענקט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. און באַלד ווידער — נאָך האַרמאַטן, נאָך טאַנקן, נאָך אינפאַנטעריע. איך בין אַזוי געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער ביז באַגינען און ס׳האָט קיין סוף און קיין עק נישט גענומען צו די מאַסן האַרמאַטן. אָבער אין וואָס פאַר אַ קלאָגעדיקן מצב דאָס אַלץ איז געגאַנגען! די לופעס פון די האַרמאַטן זענען געווען פאַרשטופּט מיט שמאַטעס כדי זיי צו שיצן פון שטויב; די באַגנעטן פון דער אינפאַנטעריע זענען צוגעבונדן צו די ביקסן מיט שטריקלעך; די זעלנער האָבן זיך באַוועגן נישט ווי זיי וואָלטן אָקופּירט, נאָר ווי זיי וואָלטן צוריקגעקערט פון אַ פאַרשפּילטער שלאַכט. און דער טאַבאָר, דער טראַנספּאָרט — איז אַ וויסטער כאַאָס פון וועגענער מיט אַנגעהויפטע זעק, ווי דער טראַנספּאָרט פון פּליטים.

אָבער ס׳איז נישט געווען קיין שום ספק, אַז די דאָזיקע אַרמיי אָקופּירט ליטע. איך האָב זיך שנעל אָנגעטון און אַראָפּ אין גאַס. די שטאָט איז שוין געווען באַזעצט. אויף די עקן פון די גאַסן שטייען רויטאַרמייער; ווו די גאַסן קרייצן זיך שלעפּן זיך שווער פאַראייַנצלטע טאַנקן. איצט איז מיר קלאָר געוואָרן די סיבה פאַרוואָס

מיט צוויי טעג צוריק איז דער ליטווישער פרעמיער איילִיק אַרויסגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע און ער איז איילִיק אַהין געפאָרן און פאַרוואָס מאָסקווע האָט צוגע־טראַכט אַ בלבול, אַז צוויי רויטאַרמייער זענען פאַרשוואונדן פון איר גאַרניזאָן אין ליטע. די רעוואָלוציע „באַפרייט" ליטע.

ס'איז נאָך נישט געהאַט אַריבער דער געבראַזג פון די שווערע האַרמאַטן־רעדער, ווי יידישע קאָמוניסטן זענען אַרויס אויף דער זאַוואָלנע גאַס מיט אַן אָר־קעסטער צו באַגריסן די זיגרייכע און באַפרייערישע רויטע אַרמיי. זיי האָבן גע־רופן צו מאַניפעסטאַציעס און די מאַניפעסטאַציעס זענען געגאַנגען מיט רויטע פענער און מיט מוזיק און די ענטוזיאַסטישע מאַניפעסטאַנטן האָבן געזונגען דאָס וואָלגאַרע ליד, וואָס זאָגט, אַז ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ לאַנד ווו דער מענטש זאָל אָטעמען אַזוי פריי ווי אין רוסלאַנד. די פאַרברידערונג מיט די „באַפרייער" איז געווען אין לשער, ווי קיין גרעסער גליק וואָלט גאַרנישט געקענט קומען. צוויי טעג און צוויי נעכט האָט געקנאַקט די מוזיק און די מאַניפעסטאַנטן זענען נישט מיד געוואָרן פון פרייד און פון גליק און פון ליבּ פאַר דעם אויסגעטרוימטן פלו־צימען געשאַנק פון פרייהייט...

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין קאָוונע געפינט זיך אַן איינזאַמער ז. סעגאַלאָ־וויטש. צוליב דער „באַפרייאונג" וועט ער דאָרט אויסגיין פון שרעק. איצט וועט ער נישט וואַגן צוריקקומען קיין ווילנע. בין איך אַוועק קיין קאָוונע אויף צו דער־מוטיקן אים. פון דעם וואַקזאַל אין קאָוונע האָב איך שוין צו סעגאַלאָוויטשן נישט געקענט פאָרן. די לייסוועס אַלייע איז געווען באַלאַגערט פון מאַניפעסטאַנטן מיט אָרקעסטערס. אויך דאָ יובלען די יידישע קאָמוניסטן צוליב דער גרויסער פרייד פון „באַפרייאונג". די געפּוצטע לייסוועס־אַלייע זעט אויס ווי נאָך אַ פּאָגראָם. די מערהייט געשעפטן זענען געשלאָסן. אויף די פלאַנטן אין דער מיט פון דער אַלייע שטייען טאַנקן מיט די לופעס אין הימל אַריין. די טאַנקן האָבן צעטרעטן די בלומען און זיי פאַרטרעטן איצט בלומען. קיינער דאַרף מער נישט קיין בלומען — די פרייהייט איז געקומען.

מיט צוויי טעג פריער איז קאָוונע געווען יידיש מלכות, אַ יוסטע עקאָנאָמיש פּראָספּערירנדיקע שטאָט; איצט האָט זי פאַרלוירן דאָס פּנים. זי איז אַראָפּ פון דער מדרגה. און אַ היסטעריזירטע מאַסע ווערט נישט מיד פון יובלען. אָ, ווען זיי זאָלן וויסן כאָטש אַ טייל פון דעם, וואָס עס גייט ווערן פון זייער לעבן; אַז אין אַ צוויי־דריי וואָכן אַרום וועלן זיי שוין שטיין אין דער ריי נאָך אַ לעבל ברויט און קיין סימן פון דער קוואַליקער שפּע אין ליטע וועט נישט בלייבן — וואָלטן זיי אַנטלאָפן אַהיים און געטרויערט אויף דעם אומגליק, וואָס איז געקומען אויף זיי.

ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אין אַזאַ שטימונג האָב איך געפונען סעגאַ־לאָוויטשן. ער האָט אַלע מאָל געהאַט אַ טונקעלע הויט. אָבער ווען איך האָב אים באַגעגנט איז ער געווען שוואַרץ, די אויגן — צעשראָקענע און פאַרטרערטע. דאָס ערשטע וואָס ער האָט מיר געפרעגט: „צאַניו, ווו לויפט מען? מען מוז אַנטלויפן!" דאָס איז געווען געזאָגט פון פאַרצווייפלונג, ווייל סעגאַלאָוויטש האָט געוווסט, אַז ס'איז מער נישטאָ ווו צו לויפן. איך האָב אים באַרואיקט, אַז ער, ווי אַ ראָמאַניסט, האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, נישט פאַר די יידישע קאָמוניסטן און נישט פאַר

דער ענ־קאַ־ווע־דע. זיינע ראָמאַנען זענען נישט קיין פּאָליטישע, צו קיין פּאָליטי־שער פּאַרטיי האָט ער נישט געהערט, וועט מען אים קיין שלעכטס נישט טון. מען דאַרף נאָר רואיק צוואַרטן און זען וואָס פון דעם אַלעם וועט זיך אויסקאָכן און עס קען גאָר זיין, אַז דאָס געשעענע איז לטובה — דער עולם וועט אינטענסיווער זוכן אַן אַנטרינונג.

סעגאַלאָוויטש איז געווען אַ סענטימענטאַלער מענטש. ער האָט גענומען מיינע הענט אין זיינע און זיך צעוויינט:

„צאַנין, איך בין אַן אומבאַהאָלפּענער מענטש — האָט ער געזאָגט — בעט איך אייך איר זאָלט נישט פאַרגעסן אין מיר. איך האָב נישט מער קיין כוח".

איך האָב אים פאַרזיכערט נישט צו פאַרגעסן אין אים און אים געוואָרנט, אַז דערווייל זאָל ער בלייבן אין קאָוונע. אין ווילנע זענען קאָנצענטרירט די בונדישע און די ציוניסטישע עסקנים, דער פּאַרטייאישער אַקטיוו פון די פּליטים און דאָרט וועט זיך איבערחזרן דאָס זעלבע וואָס עס איז געשען אין ביאַליס־טאָק: די יידישע קאָמוניסטישע פּראָוואָקאַטאָרן און זייערע צוהעלפער, וועלן כאַפּן מענטשן אין די גאַסן און זיי איבערגעבן אין די הענט פון דער ענ־קאַ־ווע־דע.

און אַזוי איז באַלד געשען. נאָך מיין צוריקקומען קיין ווילנע האָט מען מיר געוואָרנט נישט צו וואַרפן זיך צופיל אין אויגן אויף דער גאַס. „מען כאַפּט"; „די קעלערן פון דער לוקישקער תפיסה זענען שוין היפש באַפעלקערט" און דער עולם סאָציאַליסטן איז זיך צעלאָפן ווי פון אַ שריפה. אויף זאַוואַלנע, ווו עס איז געווען דער נייער פאַרלאַג, ביי דער בונדישער קיך און נעבן קוויאַטאָווע זיבן, דרייען זיך שוין אַרום יונגעלייט און לויערן אויף קרבנות. אָבער קיינעמס פוס טרעט שוין דאָרט נישט אַריין. אויף סאַדאָווע ניין, ביי די יידישע שרייבער, עס מען כמעט בלויז פּרויען. צו מיטאָג כאַפּן זיך נאָך אַריין אַ פּאָר שרייבער, עסן אָפּ שנעל און אַנטלויפן אין זייערע היימען. אפילו אַרעסטירט ווערן על־פּי טעות קען זיין געפערלעך. דער טעות קען אַמאָל אַרויסקומען אויף סיביר און פון דאָרט קען מען נישט צוריקקומען...

איך האָב געהאַט אויף מיין געוויסן גרענעצן. זעקס מאָל אַריבערגעגאַנגען די סאָוויעטישע גרענעץ אומלעגאַל. אַנדערע זענען בלויז פאַר איין מאָל אַריבער־גיין די גרענעץ דערשאָסן געוואָרן — קומט מיר לכל הפחות צוויי מאָל צו שיסן און פיר מאָל פאַרשיקט צו ווערן אויף סיביר. דער ערשטער וואָס איז געכאַפּט געוואָרן איז געווען הערש גוטגעשטאַלט, אַ יידישער דיכטער, דער מחבר פון דער פּאָעמע „ווען גורלות וויגן זיך", ווו ער האָט פּאַראויסגעזען דעם יידישן חורבן אין פּוילן. דער וואָס האָט אַנגעוויזן אויף אים ווי אויף אַ פאָלקס־שונא, האָט נישט געקענט אָנווייזן זיינע פאַרברעכנס קעגן פאָלק און נאָך אַ חודש פאַרשן במשך די נעכט איז ער באַפרייט געוואָרן. קיינעם פון די וויכטיקע סאָ־ציאַליסטישע עסקנים פון צווישן די פּליטים האָט מען נישט געכאַפּט ווייל זיי זענען זיך צעלאָפן. למען געשיכטלעכן אמת דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז די צאָל געכאַפּטע „פאָלקס־שונאים" פון צווישן די פּליטים איז געווען פאַרשוויג־דנדיק קליין אַנטקעגן די מאַסן־אַרעסטן צווישן דער אויטאָכטאָנער באַפעלקערונג, ווי פירער פון פּאָליטישע פּאַרטייען, פון ווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַציעס, סוחרים,

לאַנד־אייגנטימער און פאַבריקאַנטן סיי יידן און סיי ליטווינער, וואָס האָבן נישט געהאַט די דערפאַרונג פון די פליטים, אַז ווען די סאָוויעטן „באַפרייען" דאַרף מען זיך אויסבאַהאַלטן, אויב מען קען נישט אַנטלויפן.

ווו האָט מען זיך אויסבאַהאַלטן? קודם כל דאָרט, ווו יידישע קאָמוניסטן האָבן נישט געקענט די פּנימער פון די „פאָלקס־שונאים" צווישן די פליטים. איז דער בעסטער פּלאַץ געווען אין די וועלדער נעבן קאָוונע. אין די וועלדער זענען געווען הייזער וואָס האָבן מסתמא געדינט פאַר דאַטשעס אין די זומער־חדשים. די קאָוונער יידן האָבן שוין אין יענעם זומער געהאַט אַן אַנדער „דאַטשע", במילא האָבן זיך אין די הייזער באַזעצט די וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופה פון פאַרלאָזן זיך בערד, וואָנסעס און פּיאות. אין די ערשטע וואָכן האָבן די וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויסגעזען ווי קאַטאַרזשניקעס — נישט־ראַזירטע, ביי וועלכע די האָר פון די קומענדיקע בערד און וואָנסעס זע־נען געוואַקסן אין אַלע ריכטונגען און ווילד ווי קראַפּיווע. אָט די ווילדע האַלב־און פערטלדיקע בערד האָבן זייער גוט געפּאַסט צו די צעשראָקענע אויגן.

אויך איך האָב אָנגעהויבן לאָזן זיך אָנוואַקסן וואָנסעס. איך האָב נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז סוף כל סוף וועט מיר געלינגען אַרויסרייסן זיך פון דעם „באַפרייטן" ליטע. אין אַזאַ פאַל וועל איך מוזן האָבן אַ פּאַספּאָרט, אין וועלכן איך זאָל זיין עלטער פון פינף און פערציק יאָר. כדי אויסצוזען עלטער האָב איך געמוזט האָבן גרויסע דיקע וואָנסעס. צו מיין אומגליק זענען מיינע וואָנסעס געוואַקסן פּאַמעלעך און דערצו האָט זיך זיי פאַרגלוסט צו זיין געל, וואָס האָט געמאַכט איך זאָל אויסזען יינגער. איך האָב אין מיינע וואָנסעס אַריינגעלייגט זייער אַ סך כוח זיי זאָלן וואַקסן שנעלער, און אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אין דער געהעריקער צייט וועל איך זיי פּשוט טונקען אין טינט, אָדער זיי שמירן מיט סאַזשע אַבי איך זאָל אויסזען אַ סך ווייטער פון מיליטער־עלטער. פאַרנעמען זיך מיט מיינע וואָנסעס האָב איך געקענט, אָבער אויף אויסבאַהאַלטן זיך האָב איך נישט געהאַט קיין געלט. פאַר מיין צימער אויף שאַפּען־גאַס אין ווילנע האָט געצאָלט דער „דזשאָינט", געשפּייזט האָב איך זיך אין דער שרייבער־היים אויף סאַדאָווע ניין; אויף אויסבאַהאַלטן זיך האָט מען געדאַרפט האָבן באַזונדער געלט, וואָס איך האָב נישט געהאַט. די וועלכע האָבן זיך אָנגעלענט אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, האָבן באַקומען פּאָנדן אויף אויסצובאַהאַלטן זיך. אָבער איך בין אַריינ־געפאַלן אין אומחן פון די בונדישע פּירער צוליב דעם וואָס איך בין געוואָרן אַ „ציוניסטישער שליח", ביי די ציוניסטן בין איך געווען אַ בונדיסט און דערי־בער בין איך געווען געצוווּנגען צו בלייבן אין מיין צימער אויף דער שאַפּען־גאַס.

מיין מורא געמסרט און אַרעסטירט צו ווערן האָט זיך אויסגעדריקט נישט אין פּחד פאַר פּייניקונגען, נאָר פאַר לעבן אין אויסזיכטלאָזיקייט, פאַר זיין באַ־גראָבן לעבעדיקערהייט אין אַ תּפיסה. האָב איך איבערהויפּט אויפגעהערט צו גיין אין צענטער שטאָט. דער זומער איז געווען אַ הייסער, און מיין צימער האָב איך זיך געפילט ווי אין אַ תּפיסה, האָב איך אויסגעפונען אַ באַקוועמען פּלאַץ, ווו צו פאַרברענגען מיינע טעג: אין דער ווילנער קאַטעדראַלע.

אין דער ווילנער קאַטעדראַלע האָט זיך אין יענע חדשים גאָרנישט געביטן.

די פֿאַרביקע וויטראַזשן און קונסט־געמעלן אויף די ווענט, און די איבונגען, וואָס דער אָרגאַניסט האָט יעדן טאָג געמאַכט אויפֿן אָרגל — האָבן דעם פּלאַץ פֿאַר־וואַנדלט אין דעם רואיקסטן אָרט אויף דער ערד. אַזאַ געפֿיל האָב איך געהאַט. צו דעם האָבן די דיקע ווענט נישט אַדורכגעלאָזט די היץ פֿון דרויסן, די וויט־ראַזשן האָבן נישט דורכגעלאָזט צופֿיל זון־ליכט — איז געווען דאָ קיל און באַ־רואיקנדיק. פֿלעג איך יעדן אין דער פֿרי גיין אין דער קאַטעדראַלע, זיך אַריינ־זעצן אין אַ נישע און אַזוי אָפּזיצן ביז פֿאַרנאַכט. ווי דער אָרגאַניסט וואָלט געוווסט, אַז ערגעץ־ווו אין אַ נישע זיצט אַ פֿאַרווירטער מענטש, פֿלעגט ער פֿון צייט צו צייט שפּילן אין דער פֿוסטער קאַטעדראַלע אַ פֿראַגמענט פֿון באַכס אָדער מאָצאַרטס רעליגיעזער מוזיק, וואָס האָט געווירקט ווי אַ מעכטיקער פּראָ־טעסט קעגן דער רשעותדיקער ווירקלעכקייט.

אין איינעם אַ טאָג האָט מיך הערש גוטגעשטאַלט געפֿרעגט וועגן עפּעס אַ רשימה, וואָס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אַמעריקע צו ראַטעווען די, וועלכע זענען אין געפֿאַר אַרעסטירט צו ווערן. ער איז געווען זיכער, אַז איך ווייס וועגן דער רשימה. איר עקזיסטענץ האָט, אמת, געדאַרפֿט געהאַלטן ווערן בסוד און גוטגעשטאַלט איז געווען אַ דיסקרעטער מענטש, אָבער ווי קען צאַנין נישט וויסן פֿון איר? איך בין צוגעשטאַנען צו אים און ער האָט מיר פֿאַרטרויט דעם סוד, אַז די אָנפֿירערשאַפֿט פֿון „בונד" האָט אַוועקגעשיקט אַ רשימה פֿון מענטשן צום יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין אַמעריקע. בראש פֿון דעם קאָמיטעט שטייט יעקב פּאַט און ער האָט די שטיצע פֿון די יידישע אַמעריקאַנער אַרבעטער־פֿירער און יוניעס. דער אַרבעטער־קאָמיטעט באַמיט זיך ביי דעם פּרעזידענט רוזוועלט, ער זאָל פֿאַראָרדענען צו שיקן צו דעם אַמבאַסאַדאָר אין קאָוונע אָנ־ווייזונגען אַרויסצוגעבן רעטונגס־וויזעס צו די אַלע, וועלכע געפֿינען זיך אויף דער רשימה.

צוליב דעם וואָס די אָנפֿירער פֿון „בונד" זענען אַנטלאָפֿן פֿון ווילנע און זיך אויסבאַהאַלטן אין קאָוונע, בין איך אַוועק אַהין אויסצוגעפֿינען עמעצן פֿון די מענטשן און דערוויסן זיך צי מיין נאָמען איז פֿאַראַן אין דער רשימה, צי בין איך אויך אַ קאַנדידאַט געראַטעוועט צו ווערן.

אין אַ קליינעם קאַפֿע־הויז אויף דער לייסוועס אַלייע האָב איך על פּי צופֿאַל אָנגעטראָפֿן הערמאַן קרוק, דעם דירעקטאָר פֿון דער גראָסער־ביבליאָטעק אין וואַרשע. מיר זענען געווען גוטע פֿריינט און ער האָט פֿאַר מיר באַשטעטיקט, אַז ס'איז ריכטיק די מעשה מיט די אַמעריקאַנער רעטונגס־וויזעס דורך דעם אַר־בעטער־קאָמיטעט, אָבער ער האָט מיר נישט געקענט זאָגן, צי מיין נאָמען איז פֿאַראַן אין דער רשימה. ער האָט מיר נאָר אָנגעדייט, אַז אויב קיינער פֿון די אָנפֿירער האָט מיט מיר נישט גערעדט וועגן דעם, איז אַ סימן, אַז איך בין גע־בליבן אויסער דער רשימה, ווארום ביי יעדן וואָס האָט געדאַרפֿט געראַטעוועט ווערן, האָט מען געפֿאָדערט די נויטיקע פּערסאָנאַליען.

צוויי טעג האָט עס גענומען ביז איך בין דערגאַנגען ווו עס געפֿינט זיך אַבראַם סטאָליער. ער איז געווען אַביסל פֿאַרווונדערט ווען ער האָט מיך דער־זען אין זיין הויז, וואָס איז געווען אַ געהיימניש. אַבראַם, אַ סאָלידער, אויפֿריכ־

טיקער און גוטער מענטש, איז אים געווען פּיינלעך צו באַשטעטיקן, אַז אויף דער רשימה, וואָס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן צום יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק איז מיין נאָמען נישטאָ.

„איז עס אַ שטראָף פאַר דעם וואָס איך בין געגאַנגען קיין וואַרשע אין שלי־חות פון „בונד״ און צוריקגעקומען מיט אַ שליחות אויך פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע?״ — האָב איך געפרעגט.

אַבראַם האָט אויסגעמיטן אַ דירעקטן ענטפער, נאָר מיר געבעטן איך זאָל פאַרשטיין דעם אַפּאַראַטישן געבוי פון אַ פּאַרטיי און אַז ביים באַשטימען זאַכן צעטיילן זיך די מיינונגען, אָבער די באַשלוסן פון אַ פּאַרטיי דריקן נישט שטענ־דיק אויס די מיינונג פון אַלע...

איך האָב אַבראַמען דערמאָנט די סצענע ביים קראַנקן בעט פון נחן און די ווערטער זיינע אין דער אַנוועזנהייט פון כמעט אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, אַז מיט מיין שליחות הייב איך אפשר אָן אַ ניי קאַפּיטל פון אונדזער געשיכטע און אַזוי ווייטער און ווייטער. אַבראַם האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איך האָב אים געפרעגט:

„פאַר דער זאַך פון דער גרויסער היסטאָרישער וויכטיקייט, ווי נח האָט אָנגערופן מיין שליחות, האָט איר מיך פאַרמשפּט צום טויט, נאָר דערפאַר ווייל אין דער צייט פון אונדזער אומגליק האָב איך מיין יידישע פליכט געשטעלט העכער פון דעם פּאַרטיי־צערעמאָניאַל?״

אַבראַם האָט זיך אויפגערעגט:

„מיר האָבן אייך נישט פאַרמשפּט צום טויט. די רשימה האָט נישט צונויפגע־געשטעלט דער צענטראַל־קאָמיטעט. ס'איז פאַראַן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע״.

„איך באַשולדיק נישט אייך פערזענלעך — האָב איך אים באַרואיקט — אָבער מיין געפיל איז און וועט בלייבן, אַז איר האָט מיך באַשטראָפט מיט דער העכסטער שטראָף, וואָס אין מענטשלעכע הענט״.

אגב, די אַקציע פון אַרבעטער־קאָמיטעט איז נישט געבליבן קיין סוד און האָט דערשיטערט די טויזנטער און טויזנטער פּליטים, וועלכע זענען געווען אַן האָפענונג געראַטעוועט צו ווערן. זיי האָבן געפרעגט: פאַרוואָס קען אַן אַרבע־טער־אינסטיטוציע אין אַמעריקע אויספועלן ביים פּרעזידענט רוזוועלט צו ראַ־טעווען בונדיסטן און ציוניסטישע סאָציאַליסטן און פאַרוואָס זיצט מיט פאַר־לייגטע הענט די ציוניסטישע אָנפירערשאַפט סיי אין אַמעריקע און סיי אין ירו־שלים? ביז דעמאָלט האָבן זיי קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער נישט געטאָן, אויסער די פאַר סערטיפיקאַטן פאַר אייגענע מענטשן. פאַרנונפטיקע האָבן זיך געטרייסט, אַז איצט וועט שוין אויך ירושלים מוזן עפּעס טאָן, כדי עס זאָל נישט הייסן, אַז דער „בונד״ אין דער פרעמד איז מער אַקטיוו אויף צו ראַטעווען זיינע מענטשן, ווי עס זענען די ציוניסטן אין זייער אייגענער היים אין פּאַלעסטינע אויף צו ראַ־טעווען יידן. און אַ כוואַליע פון האָפענונג האָט פאַרפלייצט די הערצער פון די פּליטים. שפּעטער האָט זיך די האָפענונג באַשטעטיקט. די אַקציע פון אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס האָט אַרויסגעראַטעוועט פון זיכערן אומקום הונדערטער פּליטים, האָט געמאַכט אַן איינדרוק אין די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן אין אַמעריקע.

ירושלים איז ענדלעך אַלאַרמירט געוואָרן. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ דרוק מצד ציוניסטישע פירער אין אַמעריקע אויף דער ענגלישער רעגירונג, זי זאָל פאַראָרדענען דעם הויך־קאָמיסאַר אין פּאַלעסטינע צו געבן אַ גרעסערע צאָל סערטיפיקאַטן פאַר פליטים אין ווילנע.

איך בין געווען אויסגעשלאָסן פון ביידע: ביים „בונד" בין איך געווען אַ ציוניסטישער איבערלויפער און ביי די ציוניסטן בין איך געווען אַ בונדיסט.

מיין פאַרביטערונג האָט נישט לאַנג געדויערט. דערווייל האָב איך געדאַרפט האָבן אַ נאַכטלעגער און נישט געהאַט. הערמאַן קרוק האָט געוווינט אין אַ קליין האָטעלעכל אויף לייסעווס אַלייע אין שכנות פון „מאַניקאַ". ער האָט געזען אויף וואָס פאַר אַ גרויסע צרות איך בין און מיר פאָרגעשלאָגן איך זאָל שלאָפן צוזאַמען מיט אים אין זיין בעט. שפּעטער איז זיין בעט געוואָרן אויך מיין בעט ווען נאָך איך האָב נישט געהאַט אויף קיין נאַכטלעגער. ביסלעכווייז האָב איך אויך צו־געוווינט דעם האָטעל־אייגנטימער, אַז איך שלאָף צוזאַמען מיט הערמאַן קרוק און דער האָטעל באַקומט נישט דערפאַר גאָרנישט. פון אָנהויב האָט דער האָטעל־אייגנטימער מסכים געווען דערויף מתוך גוטהאַרציקייט פאַר אַ פּליט, און דער־נאָך, ווען דער האָטעל איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרן און אים האָט מען איבער־געלאָזט ווי דעם אָנפירער, האָט ער אין דעם צימער אַריינגעשטעלט אַ צווייט בעט פאַר מיינעטוועגן און איך האָב געוווינט אויפן חשבון פון דער רעוואָלוציע, ווי אַ מלך...

די אַטמאָספער אין ליטע איז וואָס אַמאָל מער סאָוויעטיזירט געוואָרן. דער שטייגנדיקער מאַטעריעלער און גייסטיקער דלות איז געוואָרן וואָס אַמאָל שאַר־פער און מען האָט אים געקענט אָנטאַפּן מיט די פינגער. קראָמען זענען געוואָרן אויסגעליידיקט. די געשעפטן און רעסטאָראַנען פון דעם ליטווישן מילך־קאָאָפּע־ראַטיוו „פּיענאָצענטראַס", וואָס האָבן געטריפט מיט מילך און האָניק בפועל ממש און ווו מען פלעגט פאַרקויפן פוטער פון פעסער, און די געשעפטן פון דעם פלייש־קאָאָפּעראַטיוו „מאַיסטאַס", וואָס זייערע סופיטן האָבן זיך געבראָכן פון די אָראָפּהענגענדיקע מאַסן פליישן — אָט דאָס אַלץ איז שוין געווען חרוב. פון די גרויסע מאַנופאַקטור־ און לעדער־מאַגאַזינען איז קיין סימן נישט געבליבן. אויך דער קעלבערנער ענטוזיאַזם פון די יידישע קאָמוניסטן מיט זייערע אָר־קעסטערס און הורא־פּאַראַדן זענען געפאַלן מיטן הייבן זיך פון דלות און דחקות.

ווי אַ לץ אין סאָוויעט־רוסלאַנד וואָלט געוואָלט חוזק מאַכן פון ליטע, איז קיין ווילנע אָנגעקומען אַ צוג מיט אַרבוזן און אויף די וואַגאָנען זענען געווען אָנגעשריבן מיט קרייד גרויסע אויפשריפטן: „דליאַ גאַלאָדייאישטשיך ליטווי" — פאַר די הונגעריקע פון ליטע... אין ווילנע האָט מען די אַרבוזן נישט אויסגעלאָדן, נאָר מען האָט דעם צוג געפירט קיין קאָוונע, אַז גאַנץ ליטע זאָל זען ווי דער גרויסער ראַטנפאַרבאַנד זאָרגט פאַר די אויסגעהונגערטע מאַסן אין דער ליטע, וואָס די רויטע אַרמיי האָט דער באַפרייט און דער באַפרייער גייט געבן די הונגעריקע אַ פעטן ביסן...

דער שרעקלעכער אַראָפּפאַל פון דעם פריערדיקן ווילזיין צו דער סאָוויע־טישער אויסזיכטלאָזיקייט, האָט געווירקט דערדריקנדיק: שפּייז ווערט וואָס אַמאָל

ווייניקער, קיין אַרבעט איז נישטאָ, קיין אויסזיכטן אַרויסצוראַטעווען זיך זענען נישטאָ. ווי לאַנג דער „דזשאָינט״ וועט קענען אַרבעטן ווייסט מען נישט. וועד־ליק דעם ווי עס גייט, וועט מען מסתמא דעם „דזשאָינט״ פאַרבאָטן צו אַרבעטן.

דעם 15־טן יוני, ווען די סאָוויעטישע אַרמיי האָט אַריינמאַרשירט קיין ליטע, האָט עס געהייסן, אַז ליטע בלייבט אַ זעלבשטענדיקע מדינה, נאָר „ענגער פאַר־בונדן מיט דעם באַשיצערישן ראַטנפאַרבאַנד״. בראש פון דער נאַציאָנאַלער רע־גירונג האָט רוסלאַנד באַשטימט דעם קאָמוניסטישן זשורנאַליסט פּאַלעצקיס. די מיטגלידער פון דער רעגירונג זענען געווען פון אַלע געזעלשאַפטלעכע קרייזן אין ליטע, צווישן זיי אויך אַ ייד. אָבער גלייך ווי אין די שויפענצטער פון די אויסגעליידיקטע געשעפטן האָט זיך באַוויזן דער פּאָרטרעט פון פּאַלעצקיס, האָבן די פליטים געוווסט, אַז דאָס איז דער אָנהויב פון סוף פונעם זעלבשטענדיקן ליטע. אַגב, דער פּאָרטרעט פון פּאַלעצקיס אין די פענצטער פון די אויסגעליי־דיקטע געשעפטן האָט געמאַכט אַ דערדריקנדיקן איינדרוק, ווי בראש פון דער רעגירונג וואָלט אָוועקגעשטעלט געוואָרן בכיוון אַ פּרימיטיוו פויערל. דער עולם האָט אָנגעהויבן חוזק. די מאַכט האָט זיך געכאַפּט, אַז פּאַלעצקיס נאַטירלעכער פּנים טויג אויף כפרות און נאָך אַ צען טעג זענען פון די פענצטער פאַרשוווּנדן די ערשטע פּאָרטרעטן און זיי זענען פאַרטרעטן געוואָרן מיט אַן אויסגעצייכנט גרימירטן פּאַלעצקיס, וואָס אַנטקעגן דעם ערשטן האָט ער אויסגעזען ווי אַ נאָר־פּאַלעאָן קעגן אַ פּאַסטעכל...

די געפרוווטע שרייבער אויף סאַדאָווע ביין זענען פון טאָג צו טאָג געוואָרן מער דערשלאָגן. מען האָט אויפגעהערט קומען אַהין און יעדער באַזונדער האָט געלעבט מיט זיין אייגענער זאָרג. אין אָנהויב פון חודש אויגוסט איז געקומען דער ענדגילטיקער קלאַפּ: ליטע איז דערקלערט געוואָרן ווי די 16־טע רעפּובליק פון ראַטנפאַרבאַנד. די פריערדיקע זאָרג האָט פאַר אַ סך זיך אָנגעהויבן פאַר־וואַנדלען אין פאַרצווייפלונג.

די אָנפירנדיקע בונדיסטן און ציוניסטן פון צווישן די פליטים האָבן באַ־קומען וויזעס פון אַמעריקע. צו די וויזעס פון אַמעריקע האָבן די אָנפירנדיקע ציוניסטן אויך באַקומען סערטיפיקאַטן קיין ארץ־ישראל. פאַר זיי איז געשטאַנען בלויז די פראַגע פון אַן אַרויספאַר־וויזע און דורך וואַנען צו פאָרן. דערקעגן איז די גרויסע מאַסע פליטים געבליבן אָן אַן אויסוועג, ווי עס איז געבליבן אָן אַן אויסוועג דאָס גאַנצע ליטווישע יידנטום. וואָס טוט מען? ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך?

דאָס ערגסטע איז געווען: זיצן מיט די אייגענע מחשבות אין אַן אָפּגעשלאָסן צימער. ס׳האָט אַרויסגעטריבן אין גאַס אַריין. נאָר נישט זיין אין דער היים! בין איך איין מאָל אין אַ פאַרנאַכט געשטאַנען עק שאָפּען און סאַדאָווע גאַס, כדי צו האָבן דאָס געפיל, אַז איך בין צווישן „אַ סך מענטשן״. אַנטקעגן איז פון ־ער סאַ־דאָווע גאַס אָנגעקומען דער דיכטער ח. ער איז דעמאָלט געווען דער דירעקטאָר פון דעם יידישן מלוכהשן טעאַטער. כאָטש ס׳איז געווען זומער איז ער געגאַנגען אין אַ לאַנגן שווערן מאַנטל מיט די הענט פון הינטן — הינטערן מאַנטל, ווי עס גייען אַמאָל מענטשן שפּאַצירן אין שלווה. ח. האָט זיך דעמאָלט זיכער נישט אָפּגע־

געבן קיין חשבון, אַז זיין הויכע פּאָזיציע ווי דירעקטאָר פון דעם יידישן מלוכהשן טעאַטער האָט נישט דעם מינדסטן האָפּט. אָבער פון דער הויכער פּאָזיציע האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ און ער האָט נישט געפילט דעם אומרו, וואָס איך האָב געפילט — אַז אַלץ ענדיקט זיך. האָט ער זיך דערנענטערט צו מיר מיט אַ געלאַ־סענעם שפּאַציר־טריט, מעשה באַלעבאָס, געבליבן שטיין זייער נאָענט צו מיר, כמעט אָנגערירט מיט זיין בויך, וואָס ער האָט אַרויסגעשטופּט, מיין בויך, און פירנ־דיק מיט אַ פינגער אונטער מיין נאָז געזאָגט זייער האַפּערדיק:

„נו, צאַנין, פאַרענדיקט זיך דאָס גיין איבער גרענעצן — וואָס?"

איך געדענק נישט צי כ'האָב אים געענטפערט, אָדער פאַרשוויגן, וואָרום אויף אַ רגע האָב איך פאַרלוירן דאָס ליכט פון פאַר די אויגן. ווען איך בין צוריק צו זיך געקומען, האָב איך געזען ווי ח. שפּאַצירט אַוועק מיט דער זעלבער געלאַסנ־קייט ווי ער האָט אָנשפּאַצירט אַנטקעגן מיר. איך האָב נישט מורא געהאַט, אַז ער פּערזענלעך וועט מיר שלעכטס טון, חלילה, אָבער דער אופן פון זיין ווענדונג צו מיר האָט אויף מיר אַנגעיאָגט אַזאַ בהלה, אַז איך בין ווידער אַנטלאָפן קיין קאָוונע צו הערמאַן קרוק אין בעט אַריין.

און דאָס איז גראַד געווען אין אַ גוטער שעה. אין קאָוונע האָב איך זיך דער־ווּסט, אַז די אויסזיכטלאָזע יידן־פּליטים, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אַמערי־קאַנער רעטונגס־וויזעס, אָדער רעטונגס־סערטיפיקאַטן קיין פּאַלעסטינע און האָבן נישט געהאַט קיין גואל און קיין פריינט אויף דער גאַנצער וועלט, האָבן צוגעטראַכט, אַז זיי האָבן אויך ווו זיך צו ראַטעווען: קיין קיראַסאַאָ. ווו ליגט קיראַסאַאָ? צי אויסער וואָס מיט דעם נאָמען ווערט באַצייכנט אַ גוטער פראַנצויזישער ליקער, איז אויך פאַראַן אַזאַ לאַנד? האָט זיך „אַרויסגעוויזן", אַז קיראַסאַאָ איז אַ האָלענדישער אינדזל, וואָס כדי דאָרט אַריינצופאָרן דאַרף מען נישט קיין וויזע. האָבן יידן אָנגעה־הויבן זוכן ווו עס געפינט זיך קיראַסאַאָ און זיי האָבן אויסגעפונען, אַז דער אינדזל געפינט זיך ביים אַריינפאָר אין דער ווענעזועלער בוכטע און ער געהערט צו האָ־לאַנד. פאַר די פּליטים איז דאָס געווען אַן אַנטדעקונג נישט קלענער ווי קריסטאָף קאָלומבוסעס אַנטדעקונג פון אַמעריקע פאַר די געדודפטע פון אייראָפּע.

אויסער דער ענ־קאַ־ווע־דע אַרבעט די סאָוויעטישע אַדמיניסטראַציע־מאַשין פּונקט אזוי שווער ווי עס האָט געאַרבעט די צאַרישע אַדמיניסטראַטיווע מאַשין. אַפילו ווען ליטע איז שוין געוואָרן די 16־טע רעפּובליק פון ראַטנפאַרבאַנד, איז דער ענין פון וויזעס נאָך אַלץ געלעגן אין דער קאָנסולאַרער אָפּטיילונג פון דער רוסישער אַמבאַסאַדע אין קאָוונע, ווי זי איז געווען איידער די רויטע אַרמיי האָט באַזעצט ליטע. האָבן יידן אַרויסגענומען פונעם פּליטים־קאָמיסאַריאַט לעסע־פּאַסע־דאָקומענטן („ליידימאַס" אויף ליטוויש) און אַוועק צו דער סאָוויעטישער אַמבאַ־סאַדע נעמען אַרויספאַר־וויזעס. די סאָוויעטישע באַאַמטע האָבן באַקוקט די דאָקו־מענטן און געזוכט די וויזעס וווהין די יידן ווילן פאָרן. זיי האָבן באַלד אָפּגעוואָרפן די דאָקומענטן, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט דאָס וויכטיקסטע — אַן אַריינפאָר־וויזע אין וועלכן עס איז לאַנד. האָבן די יידן אָנגעהויבן אויפקלערן, אַז קיראַסאַאָ איז אַזאַ לאַנד, ווו מען לאָזט אַריין אָן וויזעס. האָבן די רוסישע באַאַמטע נישט געוואָלט גלויבן. נישטאָ אַזאַ לאַנד אויף דער וועלט, ווו מען לאָזט אַריין אָן אַ וויזע!

אויב אַזאַ אויסטערלישקייט איז יאָ פֿאַראַן און קיראַסאַ האָט אַ טאַטן, דאַרף מען פֿון האָלענדישן קאָנסולאַט באַקומען אַ וויזע, אַז מען דאַרף נישט קיין וויזע אויף אַריינצופֿאָרן קיין קיראַסאַ.

זענען יידן געלאָפֿן אין האָלענדישן קאָנסולאַט און געבעטן וויזעס אַז מען דאַרף נישט קיין וויזעס קיין קיראַסאַ. דער האָלענדישער קאָנסול, מיט אַ פֿאַרקער־טער לאָגיק פֿון דער סאָוויעטישער לאָגיק, האָט דערקלערט די יידן, אַז אויב מען דאַרף נישט קיין וויזע קען ער נישט געבן קיין וויזע, אַז מען דאַרף נישט קיין וויזע. האָבן די יידן איינגעטענהט מיט דעם האָלענדישן קאָנסול, געגעבן אים צו פֿאַרשטיין, אַז וואָס עס איז אין דער נאָרמאַלער וועלט גלייך איז אין רוסלאַנד פֿאַרדרייט און אַז פֿון דער וויזע, אַז מען דאַרף נישט קיין וויזע איז אָפּהענגיק זייער לעבן. וואָס אַרט אים, אז ער וועט אַנשרייבן אין לעסע־פּאַסע אַ וויזע, אַז מען דאַרף נישט קיין וויזע און דערמיט וועט ער ראַטעווען מענטשן? דער קאָנסול, וואָס האָט שוין געקענט דעם סאָוויעטישן שטייגער, האָט זיך געלאָזט איבערצייגן. ער האָט באַשטעלט אַ סטעמפּל מיט אַ טעקסט, אַז „דער האָלענדישער קעניגלעכער קאָנסולאַט אין קאָונאַס באַשטעטיקט, אַז דער אַריינפֿאָר קיין קיראַסאַ איז אַ פֿרייער אין האָט נישט נויטיק קיין וויזע".

צענדליקער טויזנטער פּליטים זענען געלאָפֿן צום האָלענדישן קאָנסולאַט נעמען אַ וויזע, אַז מען דאַרף נישט קיין וויזע קיין קיראַסאַ. פֿון די האָלענדער איז געקו־מען די גאולה. פֿון סאַמע באַגינען האָבן זיך ביים קאָנסולאַט אויסגעשטעלט אין א ריי הונדערטער און הונדערטער יידן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די „אינדוסטריע" פֿון פּאַפּירלעך און אַוטאָביאָגראַפֿיעס, וואָס די סאָוויעטן האָבן געפֿאָדערט פֿון יעדן וואָס האָט געוואָלט אַן אַרויספֿאָר־וויזע, און ס'האָט זיך געשטעלט דער גרויסער און שרעקלעכער סעזאָן פֿון נאָכט־אויספֿאַרשונגען פֿון יעדן וואָס האָט אָנגעגעבן אויף אַן אַרויספֿאָר־וויזע.

מענדל מאָזעס, דער דירעקטאָר פֿון ייט"א אין וואַרשע, האָט געוואַרט אויף אַ וויזע קיין אַמעריקע, אָדער אויף אַ סערטיפֿיקאַט קיין פּאַלעסטינע פֿאַר זיך און פֿאַר זיין פֿאַמיליע. ביידע האָבן זיך פֿאַרזוימט. די אַמעריקאַנער רעטונגס־וויזעס פֿאַר בונדיסטן און ציוניסטן פֿון דער ערשטער קלאַס זענען שוין געהאַט אָנגעקומען און אויך סערטיפֿיקאַטן פֿאַר די ציוניסטישע אַנשי שלומינו, זענען שוין געהאַט אָנגעקומען. אָבער נישט פֿאַר מאָזעסן. איז ער געוואָרן נערוועז. ער איז געקומען צולויפֿן קיין קאָוונע. פֿון מיין אומגעוויינטלעכער אויסערלעכער רואיקייט האָט מאָזעס געגלויבט, אַז איך האָב שוין אין טאַש אַ פֿאַרטיקע וויזע ערגעץ־ווו אַריינצופֿאָרן. איך האָב אים געזאָגט דעם אמת, אַז איך האָב נאָך גאָרנישט. קיין אַמעריקאַנער וויזע האָב איך נישט, ווייל איך בין באַשטראָפֿט געוואָרן פֿון „בונד"; קיין סערטיפֿיקאַט האָב איך נישט ווייל איך בין נישט קיין „ציוניסטישע שישקע". דאָרט און מיין שוועסטער אין תּל־אָביב באַמיען זיך אין ירושלימער העברעאישן אוניווערסיטעט איך זאָל אָנגענומען ווערן ווי אַ סטודענט־פֿאָרשער. מיין וויסנ־שאַפֿטלעכע אַרבעט איז באַלייגט געוואָרן אין אוניווערסיטעט און איך וואַרט אויף אַ ידיעה וועגן באַקומען אַ סערטיפֿיקאַט. אַלנפֿאַלס קיין קיראַסאַ וועל איך נישט פֿאָרן, אָבער פּרוּוון אַרויסבאַקומען אַן אַרויספֿאָר־וויזע וועל איך.

כדי צו זען מיט וואָס אַזאַ זאַך שמעקט, בין איך גלייך אַוועק צום „אויסהער־באַאַמטן" איידער איך בין נאָך אַריין צום וויזע־באַאַמטן. דער אויסהער־באַאַמטער איז באַטירלעך געווען אַן אַגענט פון ען־קאַ־ווע־דע. צופעליק אַ ייד, מיט בלאָנדע געקרייזלטע האָר און בלאָע דורכדרינגלעכע אויגן, האָט ער מיך אויפגענומען זייער העפלעך, גענומען מיין לעסע־פּאַסע, ווו אין דער רובריק „פּראָפעסיע" איז געווען אָנגעשריבן סטודענט, און נאָכגעקוקט אין אַ ביכעלע, צי איך בין נישט אַ „געזוכטער קליענט" פאַר זיינעטוועגן. ער האָט געפרעגט וווהין איך וויל פאָרן. איך האָב געענטפערט:

„קיין פּאַלעסטינע".

„צו וואָס פאָרסטו קיין פּאַלעסטינע? סטודענטן קענען אויך ביי אונדז שטודירן און מאַכן קאַריערעס אויף אַלע געביטן" — האָט ער געזאָגט.

„אין פּאַלעסטינע געפינט זיך מיין פרוי" — האָב איך אים געוואָלט איבערצייגן.

דעם אַרגומענט האָט דער ען־קאַ־ווע־דיסט בכלל נישט פאַרשטאַנען:

„צוליב אַ פרוי פאָרן קיין פּאַלעסטינע?! אין ראַטנפאַרבאַנד זענען פאַראַן אַ סך פרויען און ביי אונדז וועסטו זיך קענען אויסקלייבן וואָס נאָר פאַר אַ פרוי דו וועסט וועלן. איבעריקנס וועט די רויטע אַרמיי אויך זיין אין פּאַלעסטינע".

אַז איך האָב אָנגעהויבן רעדן וועגן ליבע, האָט מיר דער יידישער ען־קאַ־ווע־דיסט אָנגעקוקט ווי איך וואָלט געקומען צו אים פון מיט אַ פאַר טויזנט יאָר צוריק, אָבער דאָך בין איך אַ פּאָליטיש־פאַרדעכטיקטער מענטש. ער האָט מיר פּלוצים געגעבן אַ פרעג וועמען איך קען אין פּאַלעסטינע. איך האָב זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פראַגע און דעריבער געענטפערט סתם אין דער וועלט אריין:

„אין פּאַלעסטינע קען איך טעאָדאָר הערצל, מאַקס נאָרדוי, יצחק גרינבוים, פּנחס רוטענבערג..."

"וואָט שפּיאָן!" — האָט דער ען־קאַ־ווע־דיסט אויסגערופן.

איך האָב זיך פאַרלוירן. אין דער ערשטער רגע בין איך געווען זיכער, אַז ער מיינט, אַז איך בין אַ שפּיאָן, וואָרום די גאַנצע געשיכטלעכע סענסאַציע איז מיר געהאַט איבערהויפּט ארויס פון זכרון. איך האָב געהאַט מיינע צרות פון 1940, דאַרף איך געדענקען וועגן צרות איידער איך בין געבוירן געוואָרן? האָב איך אים אָנגעקוקט און געפרעגט:

„קאַקאָי שפּיאָן, וואָס פאַר אַ שפּיאָן?"

— „וואָט עטאָט רוטענבערג שפּיאָן!" — שרייט ער אויס.

געלויבט צו גאָט, אַבי ער מיינט נישט מיך. האָב איך זיך געמאַכט נאַאיוו און אים געפרעגט:

„קאַקאָי אָן שפּיאָן, וואָס פאַר אַ שפּראָן איז ער?"

„האָסט געהערט וועגן גאַפּאָנען אין צאַרישן רוסלאַנד?" — האָט ער מיר געפרעגט.

„געהערט" — האָב איך געענטפערט — „געווען אַ גלח".

„אָן טאָזשע שפּיאָן, ער איז אויך אַ שפּיאָן — האָט דער ען־קאַ־ווע־דיסט גע־

לערנט מיט מיר אַ פּרשה פּאָליטגראַמאַטע. — עטאַ שפּיאַן רוטענבערג אוביל שפּיאָנאַ גאַפּאָנאַ, דער שפּיאָן רוטענבערג האָט געהרגעט דעם שפּיאָן גאַפּאָן".

כ'האָב דערזען פאַר זיך ס'גיהנום. אַריינגעקראָכן אין אַ שפּיאָנען־בלאַטע מיט אַ מעשה פון טויזנט ניין הונדערט פינף, מיט אָכראַנע־פּראָוואָקאַציעס, מענשעוויקעס, באָלשעוויקעס, רעוואָלוציעס און דאָ זיץ איך פאַר אַן אַגענט פון ען־קאַ־ווע־דע. איצט האָב איך געהאַט פאַר זיך איין איינציקן ציל: אַרויסקריכן פון דער בלאָטע און אַרויסמאַכן זיך פון די הענט פון דעם ען־קאַ־ווע־דיסט. איך האָב אים געגעבן אַ פרעג מיט אַן אינטימען טאָן אויף יידיש:

„איר זענט אַ ייד, אמת?"

„יאָ, איך בין אַ ייד" — האָט ער געענטפערט מיט אַ טיף רוסישן אקצענט.

„לויט אייער פּנים בין איך איבערצייגט, אַז איר זענט אַ מינסקער ייד" — האָב איך געזאָגט.

„יאָ, איך בין אַ מינסקער ייד. פון וואַנען ווייסט איר?" — האָט ער געפרעגט נישט אָן נייגער, און איך האָב אַריינגעשפּילט:

„מיין פעטער פון דער מאַמעס צד האָט חתונה געהאַט קיין מינסק נאָך פאַר דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געקומען צוגאַסט און איך געדענק זיין פּנים. ווען איך האָב אייך דערזען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זע מיין פעטער. אַזאַ ענלעכקייט..."

אויסטערליש: דער ען־קאַ־ווע־דיסט האָט זיך פאַררויטלט, געפּרווט שמייכלען און נאָך אַמאָל אַריינגעקוקט אין מיין לעסע־פּאַסע. ער האָט מיר צוריקגעגעבן דעם דאָקומענט און צוריק געוואָרן אָפיציעל, וואָרום ער האָט געמישט יידיש מיט רוסיש:

„אַז איר וועט האָבן אַ וויזע קיין פּאַלעסטינע וועט איר דאַרפן אָנגעבן אין קאָנסולאַט אייער אַוטאָביאָגראַפיע, דריי בילדער און אַלע דאָקומענטן און דער קאָנסול וועט באַשליסן, צי איר זאָלט באַקומען אַן אַרויספאָר־וויזע".

איך בין אַרויס פון אים אַ צעהיצטער, ווי פון אַ מרחץ. מענדל מאָזעס האָט געאיילט אַנטקעגן מיר און געפרעגט:

„האָסט אַן אַרויספאָר־וויזע?"

„כ'האָב אַ פעטער אין מינסק איז ער אַן ען־קאַ־ווע־דיסט" — האָב איך געזאָגט. מענדל מאָזעס האָט נישט צופיל זין פאַר הומאָר און ער האָט מיר אָנגעקוקט ווי איך וואָלט אַראָפּ פון זינען.

איך האָב שפּעטער עטלעכע מאָל געטראָפן דעם ען־קאַ־ווע־דיסט אויף לייסוועס אלייע, וואָס איז געוואָרן סטאַלינאַ גאַטווע און זיך באַגריסט מיט אים, ווי ער וואָלט געווען מיין קרוב, אָבער ער האָט מער נישט געוואָלט זיך אַריינלאָזן מיט מיר אין אַ שמועס.

מענדל מאָזעס האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימנים פון פאַרצווייפלונג. אַן אידעאַלער מאַן און אַן אידעאַלער פאָטער, האָט ער נישט אויפגעהערט איבערחזרן פאַר מיר:

„וואָס וועט זיין מיט סעניאַ? וואָס וועט זיין מיט דאַנקען? מיין פרוי האָט אַ שוואָך האַרץ".

איך האָב אים געטרייסט, אַז ער האָט זיכער נישט קיין סיבות צו זיין פאַר־

צווייפלט. לאַנדאַו, דער דירעקטאָר פון ייט״א אין ניו־יאָרק, וועט זיכער איינלייגן וועלטן צו שיקן פאַר אים און זיין פאַמיליע רעטונגס־וויזעס. אויסער דעם קען מען גוט זיין נאָמען אין דער יידישער אַגענטור אין ירושלים און מסתמא וועט אויך פון דאָרט אָנקומען אַ סערטיפיקאַט. הלוואי וואָלט איך געווען אַזוי זיכער, אַז איך וועל געראַטעוועט ווערן, ווי איך בין זיכער, אַז ער וועט נישט פאַרבלייבן אין רוסלאַנד.

אין זיין שווערער שטימונג האָט מאַזעס נישט געוואָלט שלאָפן אַליין אין אַ האָטעל־צימער ווען ער פלעגט קומען פון ווילנע קיין קאָוונע. פלעגט ער אין דעם זעלבן האָטעל, וווּ איך בין געשלאָפן אין איין בעט מיט הערמאַן קרוק, נעמען אַ צימער מיט צוויי בעטן און איך בין געשלאָפן מיט אים אין דעם צימער. מיט מיר האָט ער זיך געפילט זיכער.

מיין דעמאָלטדיקער כוח צו האַלטן זיך און צו דערמוטיקן אַנדערע האָט מיך אויך געמאַכט פאַר אַ „גנב״: צווישן די פליטים־שרייבער אין ווילנע איז געווען דוד לאַזאַר, דער רעדאַקטאָר פון דער פוילישער ציוניסטישער צייטונג אין קראָקע „נאָווי דזיענניק״. ער איז נישט געווען זיכער, אַז ער וועט באַקומען אַ סערטיפיקאַט קיין פּאַלעסטינע פאַר זיך און זיין פאַמיליע און ער האָט געליטן גיהנום־ליידן פון פחד און פאַרצווייפלונג. ס׳האָבן נישט געהאָלפן די דערמוטיקונגען פון זיין בראַווער פרוי. ער האָט מורא געהאַט פאַר הונגער אין פאַל מען וועט שליסן די קיך פאַר די שרייבער־פליטים און דער „דזשאָינט״ וועט אויפהערן שטיצן; ער האָט מורא געהאַט טאָמער באַקומט ער נישט קיין סערטיפיקאַט און פחד מות האָט ער מורא געהאַט פאַר דער אויספאַרשונג, וואָס מען מוז אַדורכגיין אין ען־קאַ־ווע־דע אויף צו באַקומען אַן אַרויספאַר־וויזע, אויב ער וועט שוין יאָ האָבן אַ סערטי־פיקאַט. ער איז פול מיט פחד. איין מאָל בין איך אַריינגעגאַנגען צו אים אין שטוב אין ווילנע און אים געטראָפן אין אַ מצב אויפן ראַנד פון צוזאַמענברוך.

„מיר וועלן אַלע אומקומען. — האָט ער געזאָגט אין פאַנישער שרעק און, אָנווייזנדיק מיר אויפן קראַגן פון זיין זשאַקעט אין דעם פלאַץ וווּ עס איז צור־געגנייט דער הענגער, האָט ער אויסגערופן:

„דו זעסט, דאָ האָב איך איינגענייט אַ פינפער רובל אין גאָלד. דאָס איז מיין גאַנץ פאַרמעגן! מיין קינד וועט שטאַרבן פון הונגער!״

זיין קליין טעכטערל האָט געקוקט אויף אים און קוים פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאַר מיט איר פאָטער. דעמאָלט האָב איך געזאָגט מיט קאַטעגאָרישער פעסטקייט:

„לאַזאַר, אויב עס וועט זיך שאַפן אַזאַ מצב, אַז דיין קינד וועט נישט האָבן קיין ברויט, דעמאָלט וועל איך גנבענען ברויט און דיין קינד וועט נישט ליידן פון הונ־גער״.

לאַזאַר האָט זיך גוט אויפגעטראָגן מיט ראָמאַן בראַנדשטעטער, דעם שרייבער און ציוניסטישן פובליציסט אין פויליש, און מיט דעם ברודער פון משה קליינבוים. אויך זיי זענען געווען די אָפּלייטער פון זיין היסטערישן פחד. עטלעכע טעג נאָך דער סצענע ביי דוד לאַזאַר אין הויז, בין איך אַרויפגעקומען צו ראָמאַן בראַנד־שטעטער. ער האָט געהאַט אַ יאַוויאַלן הומאָר און ער איז נאָך דעמאָלט געווען לאַנג פאַר די אויסמאַטערנדיקע נאַכט־אויספאַרשונגען אין דער ען־קאַ־ווע־דע, וואָס ער

איז אַדורכגעגאַנגען אין דער זעלבער צייט וואָס קליינבוים און לאַזאַר. אין אַן אויפגעלייגטער מינוט האָט מיר בראַנדשטעטער געפרעגט אויף פויליש:

„אייגנטלעך וואָס פאַר אַ גנב גייסטו ווערן און וואָס לוינט בעסער: אַ קעשענע־גנב, אָדער אַ מאַרעוויכער? צום בעסערן נעם מיך פאַר אַ שותף". און בראַנד־שטעטער האָט אַקטיאָריש איבערגעגעבן ווי אַזוי לאַזאַר האָט אַנגעשטעלט אַן ערנסט פּנים און אים געזאָגט, אַז צאַנין האָט זיך פאַר אים פאַרטרויט, אַז ער גייט ווערן אַ גנב. ווען איך האָב בראַנדשטעטערן דערציילט וועגן דער סצענע ביי לאַזאַרן אין הויז, האָט ער פאַרלוירן דעם הומאָר און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ: „בידני פאַציענט" (אָרעמער פּאַציענט)... וואָס אַלץ פּחד קען מאַכן פון אַ מענטש"

אַ שטיקל צייט נאָך דעם איז געפאַלן דער ערשטער וויזע־קרבן, וואָס האָט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אַפילו אויף די דרייסטע און מוטיקע.

געדענקענדיק וואָס עס איז געשען מיט די צוויי בונדישע פירער הערש ערליך און וויקטאָר אַלטער אויף דעם סאָוויעטישן אָקופּאַציע־שטח אין אָנהייב מלחמה, זענען שלמה מענדעלסאָן און עמנואל שערער געווען זיכער, אַז מיט דער סאָוויע־טישער אַנעקסיע פון ליטע זענען זיי אין אַ פּולאַפּקע. אַפילו זיי וועלן האָבן אַמע־ריקאַנער רעטונגס־וויזעס, וועלן זיי אַריינפאַלן אין די הענט פון דער ען־קאַ־ווע־דע ביים באַמיען זיך צו באַקומען סאָוויעטישע אַרויספאָר־וויזעס. ווילנער יידישע קאָמוניסטן האָבן וועגן זיי געוווסט און געזוכט צו דערלאַנגען זיי ווי אַ „מתנה" דער סאָוויעטישער מאַכט. ביידע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן הינטער ווילנע זייט דעם טאָג ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין קיין ליטע. אָבער אין איינער אַ נאַכט זענען זיי בכלל פאַרשוווּנדן פון ליטע.

די פּרטים פון דער מיסטעריע ווי אַזוי שלמה מענדעלסאָן און עמנואל שערער זענען פאַרשוווּנדן פון סאָוויעטישן ליטע זענען קיין מאָל נישט דערציילט גע־וואָרן, נישט פון זיי אַליין און זיכער נישט פון דעם, וואָס איז געווען באַטייליקט אין אָרגאַניזירן די מיסטעריע — ד״ר חיים פּיזשיץ. ווייל ער אַליין, פּיזשיץ, איז אַביסל שפּעטער אומגעבראַכט געוואָרן פון סאָוויעטישע אַגענטן. אין אַלגעמיינע שטריכן האָב איך זיך דערוווּסט, אַט וואָס: דער דייטשער עקספּרעס־צוג פון בערלין קיין מעמעל, וואָס לויט דעם אָפּמאַך מיט רוסלאַנד איז ער געלאָפן דורך ליטע מיט געשלאָסענע וואַגאָנען, פלעגט זיך פאַרהאַלטן אין ווילנע, ווו ער האָט גענומען וואַסער פאַרן לאָקאָמאָטיוו און וואַגאָנען־באַדינונג. דער עקספּרעס פלעגט אָנקומען אויף דער ווילנער סטאַציע אין אָוונט. אין איינעם אַן אָוונט זענען שלמה מענדעלסאָן און עמנואל שערער אַריינגעזעצט געוואָרן אין אַט דעם צוג. זיי זענען בשלום אָנגעקומען קיין מעמעל און פון דאָרט קיין שטאָקהאָלם. פון וואַנען זיי האָבן געהאָלפן אין דער רעטונגס־אַקציע פון ליטע. זייער הילף איז געווען אַ געבענטשטע.

אַזאַ האַזאַרד־אונטערנעמונג האָט געקענט דורכגעפירט ווערן נאָר איין מאָל. אַלע אַנדערע, וואָס די סאָוויעטישע אַגענטן האָבן זיי געוואָלט האָבן אין זייערע הענט, האָבן געמוזט זיך דורכרייסן דורך דעם קאָרדאָן פון ען־קאַ־ווע־דע, אָדער אומקומען.

ד״ר חיים פּיזשיץ, דער דירעקטאָר פון דער טעאַטער־אָפּטיילונג פון דער

„קולטור־ליגע" אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע, איז אין ליטע געווען דער פינאַנס־לייטער פון דער בונדישער פּליטים־גרופּע. נאָך דעם ווי עס האָבן זיך געראַטעוועט שלמה מענדעלסאָן און עמנואל שערער אויף דעם אופן מיט דעם דײַטשן עקספּרעס־צוג און אויך אַנדערע דיספּאַניערטע בונדישע טוער, ווי נח און חיים וואַסער, זײַנען אַרויסגעפאָרן אויף געפעלשטע דאָקומענטן, אָבער מיט אמתע אַרויספאָר־וויזעס — האָט אויך ד"ר פּיזשיץ באַשלאָסן, אַז אין זײַן געפערלעכן מצב מוז ער בעלם ווערן פון ליטע. ער האָט זיך באַזאָרגט מיט אַ געפעלשטן „ליידימאַס־סאָף־קאַנדואַי". אויף וועלכן דער אַמעריקאַנער קאָנסול האָט אַרויפגעשטעלט אַן אַרײַנפאָר־וויזע קיין אַמעריקע. איצט האָט ער געמוזט אַנהייבן אַדורכגיין דאָס גיהנום — די אויספאָרשונג פון ען־קאַ־ווע־דע. וואָס פון איר אויסגאַנג איז אָפּהענגיק דאָס לעבן, אָדער דער טויט.

צי צוליב לייכטזיניקייט, אָדער אפשר צוליב אויסערגעוויינלעכער ראַפינירט־קייט האָט פּיזשיץ געהאַלטן, אַז פאַר אים וועט זײַן צום זיכערסטן צו וווינען דווקא אין דעם עלעגאַנטן האָטעל אויף לייסוועס אַלייע, נישט ווייט פון דעם קאַפע־הויז „מאַניקאַ". דער האָטעל האָט געהאַט אַ צווייטן אײַנגאַנג אויף אַ זײַטיק געסל, ווו ס'האָט זיך געפונען דער פּליטים־קאָמיסאַריאַט. אין דעם האָטעל האָבן געוווינט אויך די אָנפירער פון דער ען־קאַ־ווע־דע. וועט עמעצן אײַנפאַלן, אַז אונטער דער נאָז פון דער ען־קאַ־ווע־דע וווינט אַן אַנגעזעענער „פאָלקס־שונא"?

אין איינעם אַ פרימאָרגן איז פּיזשיץ אַוועק אויף דעם אויסהער. אויפגענומען האָט אים דער ען־קאַ־ווע־דיסט, וועלכער פלעגט אַן עלעגאַנט־געקליידעטער און מיט אַ ברילליאַנטענעם רינג אויף דער האַנט, זיצן איינער אַליין אין קאַפע־הויז „מאַניקאַ" אין די גוטע צײַטן. פּיזשיץ האָט אים דערלאַנגט דעם „ליידימאַס", ער האָט אַרײַנגעקוקט אין אים, אַוועקגעלייגט אים אין אַ זײַט און געזאָגט אַזוי:

„לאָמיר זײַן אויפריכטיק און רעאַל. איך ווייס גענוי ווער דו ביסט און איך בין געווען זיכער, אַז פריער אָדער שפּעטער וועסטו דאַרפן אָנקומען צו מיר. אַלזאָ..." דער עלעגאַנטער ען־קאַ־ווע־דיסט האָט פון שופלאַד אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער, אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש און ווייטער געזאָגט: „איך גיב דיר צוויי ברירות: איינע — דו זאָלסט מיר צונויפשטעלן אַ פולע רשימה פון אַלע בונדישע פירער און טוער, וועלכע געפינען זיך אין די גרענעצן פון ליטע, סײַ פּליטים און סײַ דאָיקע. אַזוי שנעל ווי דו וועסט מיר איבערגעבן די רשימה, וועסטו באַקומען אַן אויסרייזע־וויזע און יעדע אַנדערע הילף, דו זאָלסט שנעל אָנקומען קיין אַמעריקע. אויב דו זאָגסט זיך אָפּ אַזאַ רשימה צו געבן — איז די צווייטע ברירה: דו זאָלסט זיך דאָ בײַ מיר אין צימער אַרײַנהאַקן אַ קויל אין קאָפּ".

ער האָט אויסגעצייגן די האַנט ווי ער וואָלט פאַרגעלייגט פּיזשיצן נעמען דעם רעוואָלווער.

פּיזשיץ האָט אויפן פלאַץ מסכים געווען אָנצונעמען די ערשטע ברירה — אי־בערגעבן אַ רשימה פון בונדיסטן. ווי דער פינאַנס־לייטער פון „בונד" האָט ער גענוי געוווּסט ווער פון די ווילנער בונדישע טוער האָט שוין געהאַט פאַרלאָזט ליטע און געפינט זיך נישט מער אין די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט געבעטן אַ בויגן פּאַפּיר און אָנגעהויבן שרײַבן נעמען. נאָכן אויפשרײַבן עטלעכע

נעמען האָט ער געזאָגט צום ענ־קאַ־ווע־דיסט, אַז דאָס וואָס עס איז געשען מיט אים דאָ אין צימער האָט אים שווער צעטומלט און ער קען זיך מער נישט קאָנ־צענטרירן. ער בעט פיר און צוואַנציק שעה צייט און ער וועט אים איבערגעבן די פולע רשימה פון אַלע נעמען וואָס ער וועט נאָר קענען צוזאַמענגעמען. דער ענ־קאַ־ווע־דיסט איז העפלעך מסכים געווען דערויף.

„דער האָטעל, אין וועלכן איר וווינט, איז אַ באַקוועמער, און דאָרט וועט איר זיך ווירקלעך קענען קאָנצענטרירן". האָט ער אים געזאָגט און צוריק אים אַוועק־געגעבן זיין דאָקומענט דערמיט, אַז אויף צו מאָרגנס דערוואַרט ער אים אין דער זעלבער צייט.

חיים פיזשיץ איז אַוועק אין האָטעל. ער איז אַריין אין האָטעל דורך דעם הויפּט־אַריינגאַנג אויף לייסוועס אַלייע און זיך אויפגעפירט אַזוי, אַז נישט נאָר דער פּאָרטיער זאָל זען, אַז ער איז אין האָטעל, נאָר אַז אויך אַלע אַנדערע אויגן אין פּאָיע זאָלן זען, אַז ער גייט אַרויף אין זיין צימער. פיזשיץ האָט פון זיין צימער גענומען עטלעכע קלייניקייטן און אומבאַמערקט אַרויס פון האָטעל מיט דעם צווייטן אַרויסגאַנג אין דעם זייטיקן געסל, כדי נעלם צו ווערן אַן צו זאָגן עמעצן וואָס עס איז געשען. צופעליק, ביים אַריבערגיין אויף דער לייסוועס אַלייע, האָט ער אָנגע־טראָפן אויף וויקטאָר שולמאַן, וואָס איז ביזן אויסברוך פון דער מלחמה געווען דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון דער „פאָלקס־צייטונג". ער האָט שולמאַנען אַ צי געטון נאָך זיך. ער זאָל גיין מיט אים, און ער האָט אים געגנבֿי דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען און צו וואָס ער איז מסכים געווען. ער האָט שולמאַנען אויך אויס־געערעכנט די נעמען פון די בונדישע טוער וואָס ער האָט פאַרן ענ־קאַ־ווע־דיסט אויפגעשריבן.

„איך אַנטלויף קיין פּאַלאַנגען — האָט פיזשיץ געזאָגט — און וועל זיך באַ־מיען פון דאָרט מיט א שיפל זיך שמוגלען קיין שוועדן. זאָל קיינער נישט פרעגן אויף מיר אין האָטעל און זאָל קיינער נישט פּרווון אַרויסנעמען מיינע זאַכן פון דעם האָטעל־צימער".

ד"ר פיזשיץ איז אַוועק, אַוועק אויף אייביק. מיט אַ וואָך שפּעטער האָט מען שוין געוווסט: אין פּאַלאַנגע איז ער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון סאָ־וויעטישע אַגענטן, וועלכע האָבן געשפּילט די ראָל פון שמוגלער, וואָס פירן אַרי־בער מענטשן דורכן באַלטישן ים קיין שוועדן, און ער איז פאַרפייניקט געוואָרן.

צי די סאָוויעטישע אַגענטן אין פּאַלאַנגע האָבן געוווסט, אַז זיי פאַרפייניקן חיים פיזשיץ, וועלכער האָט דער ענ־קאַ־ווע־דע אין קאָוונע צוגעזאָגט צושטעלן זיי אַ רשימה פון בונדיסטן אין ליטע — וועגן דעם וועט מען מסתמא קיין מאָל נישט דערגיין. מעגלעך, אַז זיי האָבן נישט געוווסט, וואָרום מיט אַ צען טעג שפּעטער האָט די ענ־קאַ־ווע־דע אין ווילנע אַרעסטירט פיזשיצעס אַ ברודער. זיי האָבן געפאָדערט פון אים ער זאָל זיך מודה זיין, אַז ער איז דער געזוכטער חיים פיזשיץ, וואָס האָט אָפּגענאַרט די סאָוויעטישע מאַכט. זיי האָבן אים געהאַלטן אין לוקישקער תפיסה און דורך אינטענסיווע נאַכט־אויספאָרשונגען מיט דער טעכניק פון לאָזן אים איינשלאָפן און באַלד אים אויפוועקן און אַזוי עטלעכע

מאָל במשך פון לאַנגע נעכט — האָבן זיי אים פאַרוואַנדלט אין אַ געצייג אין זייערע הענט.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן מענטשן געזען פּיזשיצן פריי אַרומגיין איבער די גאַסן פון ווילנע. ווען האָט מען אים באַפרייט? וואָס איז געשען? דאָס האָבן באַקאַנטע געוואָלט וויסן און צוגעלאָפן צו פּיזשיצן באַגריסן אים צו דער באַפרייאונג און אויספרעגן אים ווען און וואָס. פּיזשיץ איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פריש געפרעסטן קאָסטיום, אין אַ ריין, גוט־געפרעסט העמד מיט אַ קראַוואַט, אָבער זיין אויפפירן זיך ביים דערפרייען זיך מיט אים איז געווען אויסטערליש. ער דרייט מיט די אויגן, פאַרציט די נאָז, פאַנפעט און בעבעט און רעדט נישט ווי קיין נאָרמאַלער מענטש. מסתמא איז דאָס דער רעזולטאַט פון די סאָוויעטישע אויספאָרשונגען... אין די ערשטע צוויי נעכט פון די טעג ווי מען האָט געזען פּיזשיצן פריי אַרומגיין איבער די ווילנער גאַסן, זענען באַקאַנטע אַרויסגענומען געוואָרן פון די בעטן. מ'האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז די וועלכע מען האָט ביי־נאַכט אַרויסגענומען פון די בעטן, זענען די זעלבע וואָס האָבן זיך בייטאָג דער־פרייט מיט דעם „באַפרייטן" און אויסטערלישן פּיזשיץ, וואָס שפּאַצירט איבער די ווילנער גאַסן. אויסער דעם — באַקאַנטע, וואָס זענען אַוועק אין דעם צימער, וווּ עס האָט געוווינט פּיזשיץ, כדי אים צו באַגריסן צו דער באַפרייאונג, האָבן אים נישט געפונען אין דער היים און די באַלעבאָסטע האָט זיך געוווּנדערט וואָס מען קומט אים זוכן בעת אַלע ווייסן, אַז ער זיצט אין לוקישקע...

דער „טריק" פון ען־קאַ־ווע־דע איז געלייזט געוואָרן: פּיזשיץ איז ווייטער געווען אַן אַרעסטאַנט. נאָר יעדן טאָג פלעגט מען אים אַרויסלאָזן אויף די גאַסן פון ווילנע אויף אַ צוויי שעה. אויף אַ ווייטערן מרחק הינטער אים זענען נאָכ־געגאַנגען צוויי אַגענטן. פּיזשיץ האָט געהאַט אַ באַפעל צו געדענקען ווער עס פאַלט אויף אים אַרויף צו באַגריסן אים, ווער עס זאָגט אים גוטמאָרגן פון דער־ווייטנס און ווער עס שטעלט אים אָפּ צו רעדן מיט אים. כדי צו פאַרמיידן קרבנות האָט פּיזשיץ דורך דרייען מיט די אויגן, פאַרציען מיט דער נאָז און דורך פאַנפען און בעבען געוואָרנט מען זאָל זיך נישט פרייען מיט אים, מען זאָל נישט רעדן צו אים, מען זאָל אַנטלויפן פון אים. נאָכן צוריקקומען אין דער לוקישקער תפיסה האָט ער געמוזט אָפּגעבן אַ באַריכט ווער עס זענען די מענטשן וואָס האָבן זיך געפרייט מיט אים און אים באַגריסט. זיי זענען שפּעטער אַרויסגענומען געוואָרן פון די בעטן.

אין די ווייטערדיקע טעג האָט פּיזשיץ נישט געדאַרפט געבן קיין סימנים. ער האָט אַרומשפּאַצירט איבער די גאַסן ווי אַן עלעגאַנטער גולם. באַקאַנטע האָבן געווייכט פון אים ווי פון דער פּעסט. מען האָט זיך געמאַכט, אַז מען באַמערקט אים גאָרנישט. אַז די אַגענטן האָבן איינגעזען, אַז קיינער קלעפּט זיך מער נישט צו אים צו און אַז פאַר פּיזשיצן איז עס נאָר אַ גוטער שפּאַציר — האָט מען אים צוריק פאַרמאַכט הינטערן ריגל. נאָך אַ צוויי חדשים זיצן אין תפיסה האָט מען אים באַפרייט און פאַר באַקאַנטע האָט ער דערציילט זיינע איבערלעבונגען בעת די נאַכט־פאָרשונגען און ווי אַזוי מען האָט אים צוגעגרייט צו די שפּאַצירן איבער די ווילנער גאַסן, ער זאָל זיין אַ מאַגנעט פאַר „פאָלקס־שונאים".

ביסלעכווייז, ביסלעכוויז האָט זיך די רינג פונעם סאָוויעטישן רעזשים איינגעצויגן און ווער מער און ווער ווייניקער האָט זי אָנגעהויבן פילן אויף זיין אייגענעם גוף. דערמיט וואָס אַנדערע איז געלונגען אַרויסצופּאָרן, איז די געבליבענע געוואָרן ענגער.

ז. סעגאַלאָוויטש האָט אָנגעהויבן אַרויפקומען צו מיר אין האָטעל־צימער און אַלע מאָל מיט דער זעלבער קשיא:

„וואָס וועט זיין? וועלן טאַקע אַ ל ע אַרויספּאָרן און מיך וועט מען דאָ לאָזן אומקומען?"

איך האָב קיין ענטפער אויך נישט געהאַט פאַר זיך. ווייסנדיק ווי מיר איז ביטער, האָב איך גוט פאַרשטאַנען ווי נאָך מער ביטער ס'איז סעגאַלאָוויטשן, וואָס ווערט אויסער אַלעמען פאַרפאַלגט פון פחד. סעגאַלאָוויטש פלעגט אין אונדזער האָטעל־צימער (פון מיר און הערמאַן קרוק) אָפּזיצן גאַנצע טעג. ער האָט זיך געקלאָגט הלמאי נישט קרוק און נישט איך שפּילן אין קאָרטן, וואָס וואָלט גוט אָוועקגעהרגעט די צייט. האָב איך אים פאַרגעלייגט, אַז ווען ער קומט צו אונדז אין צימער זאָל ער אויך מיטברענגען עמעצן מיט וועמען ער וועט קענען שפּילן אין קאָרטן. ווי אַ פּאַרטנער האָט ער געבראַכט צו אונדז אין צימער אַריין דעם געוועזענעם שעף פונעם דעפּאַרטאַמענט פאַר יידישע ענינים ביים פּוילישן אויסערן־מיניסטעריום, האַפּטקע. נאָר ביידע, נישט האַפּטקע און נישט סעגאַלאָוויטש, האָבן געהאַט קאָרטן. אין קאָוונע און אין ווילנע האָט מען מער נישט באַקומען קיין פּעשל קאָרטן. אפילו נישט פאַר קיין מיליאָן. ס'איז געווען אַ צער צוצוקוקן זיך ווי די צוויי מענטשן האָבן געטרויערט אויף דעם ציוויליזאַציע־חורבן פון דער וועלט וואָס אַפילו אַ פּעשל קאָרטן איז געוואָרן אַ חלום.

דאָס איז געווען דער איינציקער חלום, וואָס איך האָב געקענט רעאַליזירן מיט מיינע אייגענע הענט. פון די אַלטע גוטע צייטן האָב איך איבעם אַלטוואַרג־מאַגאַזין פון האָטעל געפונען אַ שטויס קאַרטאָנען און שעכטלען פון באָנבאָניערעס, ציגאַרן און פּערפומען. די לוקסוס־זאַכן זענען מער נישט געווען צו באַקומען, אָבער די קאַרטאָנען זענען געבליבן ווי אַ זכר לחורבן פון אַ קליינעם גן־עדן אויף דער וועלט. האָב איך אַרויפגענומען אין צימער אַריין אַ טייל פון די קאַרטאָנען און אויספאַבריצירט צוויי פּעשלעך קאָרטן. צום ערשטן האָב איך אייסגעשניטן די קאָרטן און דערנאָך האָב איך מיט פאַרביקע בלייפעדערס גע־צייכנט די קאָרטן. געמאַכט טייז מיט מלכים, מיט מלכות, מיט דער גאַנצער דזשאַקער־און־פּאַקער־משפּחה, צאַצקעדיקע קאָרטן, וואָס האָבן דערפרייט דאָס האַרץ פון סעגאַלאָוויטשן און זיין פּאַרטנער האַפּטקע. צו אַזעלכע צוויי פּעשלעך קאָרטן האָט האַפּטקע געבראַכט צימער אויך זיין ווייב און אַ קוזינע מיט נאָך צוויי מענער און עס איז אַוועק אַ קאָרטן־שפּילן פון צען אַזייגער פאַר־מיטאָג ביז עלף אין אָוונט. דער קליינער האָטעל־צימער איז געשטאַנען אין וואָלקנס ציגאַרעטן־רויך, וואָס מען האָט אים מער נישט געקענט פאַרטרייבן אַפילו אין די נעכט. די קאָרטן און דער ציגאַרעטן־רויך האָבן פאַרשיכורט ווי מיט האַשיש.

נאָר ווי באַלד איך האָב אין קאָרטן נישט געשפּילט, האָט די אַטמאָספער מיך שיעור נישט אַראָפּגעפירט פון זינען. וואָס וועט זיין? ווי אַזוי רייסט מען זיך

דאָך אַרויס פון דער אויסזיכטלאָזיקייט? איך האָב געפילט ווי אַ פּעטליע פון אַ שטריק וואָלט זיך וואָס אַמאָל מער און מער פאַרצויגן אַרום מיין האַלדז. וואָס אַמאָל מער און מער האָט קאָוונע אָנגענומען דאָס געשטאַלט פון ביאַליסטאָק. און איך בין אין דעם צווייטן ביאַליסטאָק, ווען אַנדערע האָבן וויזעס און זיי פאָרן אַוועק!

פון אָנהויב פלעגן די סאָוויעטן געבן אַרויספאָר־וויזעס דורך מעמעל. שפּעטער האָבן זיי דעם וועג פאַרשלאָסן און יידן האָבן צוגעטראַכט צו פאָרן דורך — יאַפּאַן. פאַר די, וועלכע האָבן געהאַט וויזעס קיין אַמעריקע, איז יאַפּאַן געווען אַן אידעאַ־לער טראַנזיט־וועג, אָבער פאַר די וועלכע האָבן געהאַט סערטיפיקאַטן קיין פּאַ־לעסטינע, האָט יאַפּאַן געהייסן אַרומפאָרן אַ האַלבע וועלט, כדי אָנצוקומען צו אַ פּלאַץ, וואָס נאָרמאַל האָט מען אים געקענט דערגרייכן אין צען טעג.

נאָר אַזעלכע וויטאַלע מענטשן, ווי יידן, האָבן געקענט צוטראַכטן דעם טראַנ־זיט דורך יאַפּאַן. אָן שום ספק האָט דאָ געשפּילט אַן ערשטקלאַסיקע ראָל דער „דזשאַינט"־דירעקטאָר אין קאָוונע ד"ר בעקעלמאַן, וואָס פאַרדינט מען זאָל אים אויפשטעלן אַ דענקמאָל פאַר זיינע רעטונגס־מעשים אין ליטע אין יענע פינצטערע חדשים. נישט ווייניקער האָט זיך פאַרדינט אַ דענקמאָל דער יאַפּאַנישער קאָנסול אין קאָוונע, אַ מענטש מיט אַ האַרץ פון אַ מלאך און מיט אַ גוטמוטיק פּנים, וואָס ווען נישט זיין הילף , וואָלטן אין ליטע אומגעקומען נאָך טויזנטער יידן. אויך איך בין אים דאַנקבאַר פאַר מיין לעבן. ווען איך האָב שוין געהאַט פאַרלוירן אַלע האָפענונגען צו באַקומען הילף פון יידישע הענט, האָב איך זי באַקומען פון די הענט און פון האַרץ פון דעם יאַפּאַנישן קאָנסול. צוליב זיין גוטהאַרציקייט האָבן אים די פּליטים גערופן „דער טאַטע סעמפּו סאַגיהאַראַ", אָדער ענלעך צו אַזאַ נאָמען.

אין נאָרמאַלע צייטן איז זעלטן ווער געפאָרן פון קאָוונע קיין יאַפּאַן. ווען ס'האָט זיך געפונען אַזאַ אַמאַטאָר, איז עס געווען נישט שווער פאַר אַ באַאַמטן אין קאָנסולאַט אויפצושרייבן מיט אידעאָגראַפן אַ וויזע און דער קאָנסול זאָל לייגן זיין זיגל־אונטערשריפט. דער קליינער פּערסאָנאַל אין קאָנסולאַט האָט זיך אויך אָן עצה געגעבן מיט אויפשרייבן מיט דער האַנט די טראַנזיט־וויזעס פאַר די וועלכע זענען געפאָרן קיין אַמעריקע, ווייל סוף־כל־סוף זענען זיי געווען קליין אין דער צאָל. אָבער ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז יידן קענען פריי פאָרן קיין קיראַסאַאָ און קיראַסאַאיסטן זענען געווען אין די טויזנטער — האָבן זיי אַלע באַלאַגערט דעם יאַפּאַנישן קאָנסולאַט צו באַקומען טראַנזיט־וויזעס. „דער טאַטע סעמפּו סאַגיהאַראַ" איז גרייט געווען אַלע צו געבן וויזעס, אָבער ווי אַזוי באַ־ווייזט מען מיט דער האַנט אויפצושרייבן טויזנטער וויזעס? יעדן אין דער פרי שטעלן זיך פאָרן קאָנסולאַט הונדערטער יידן, אָבער בלויז אַ צענדליק גליקלעכע געלינגט אַריינצובאַקומען זיך נאָך דער וויזע. ביי דעם טעמפּאָ פון שרייבן וויזעס מיט דער האַנט וועט דער לעצטער קיראַסאַאיסט אָנקומען צו זיין ציל אין אַ צען יאָר אַרום... און דאָ דערוויסט מען זיך, אַז די סאָוויעטן האָבן צו אַלע דיפּלאָ־מאַטישע און קאָנסולאַרע פאָרשטייערשאַפטן אין קאָוונע צוגעשיקט אַ פאָדערונג. זיי זאָלן איינפּאַקן זייערע טשעמאָדאַנעס און פאַרלאָזן ליטע. ליטע איז אַ סאָ־וויעטישע רעפּובליק און איר הויפּטשטאָט איז איצט מאָסקווע. איז גענוג וואָס אין

מאָסקווע זיצן פרעמדע פאַרשטייערשאַפטן. אין קאָוונע זענען זיי פאַר די סאָ־וויעטן אומגוויטיק. איב די סאָוויעטישע גזירה איז אַן אמתע — ענדיקן זיך ווידער אַלע האָפענונגען. נאָך אַ יאַפּאַנישער טראַנזיט־וויזע וועט מען דאַרפן פאָרן קיין מאָסקווע, בעת וועדליק דעם סאָוויעטישן שטייגער דאַרף מען האָבן אַ וויזע אויך אויף צו פאָרן קיין מאָסקווע...

יידן האָבן דעם יאַפּאַנישן קאָנסול געגעבן אַן עצה: זאָל ער געבן אַ וויזע־טעקסט געשריבן מיט דער האַנט און זיי וועלן דערפון מאַכן אַ סטעמפּל. אַ סטעמפּל לאָזט זיך קלאַפּן וויפל מען וויל. דער קאָנסול האָט קוים געגלויבט, אַז אין קאָוונע קען מען געפינען עמעצן, וואָס זאָל פעאיק זיין צו מאַכן אַ סטעמפּל מיט אידעאָ־גראַפן. ער איז גערן מסכים געווען אויף דעם פאָרשלאָג. דער ייד וואָס האָט זיך אונ־טערגענומען צו באַשטעלן דעם סטעמפּל האָט גלייך באַשטעלט דריי: איינעם האָט ער געשענקט אַ מתנה דעם יאַפּאַנישן קאָנסול און צוויי האָט ער גענומען פאַר זיך... מיט דעם וויזע־סטעמפּל האָט דער יאַפּאַנישער קאָנסול באַקומען אַ פרייען אָטעם און ווער נאָר עס האָט געהאַט אַ צייכן פון אַן אַריינפאַר־וויזע, אָדער ער האָט געזאָגט, אַז ער פאָרט קיין קיראַסאָ, האָט ער באַקומען אַ יאַפּאַנישע טראַנ־זיט־וויזע פאַר אַ שיבוש.

אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט קיין אַריינפאַר־וויזע אין קיין שום לאַנד און אויך נישט געוואָלט האָבן אין מיין „ליידימאָס" דעם סטעמפּל, אַז קיין קיראַסאָ דאַרף מען נישט קיין וויזע, האָב איך נישט געהאַט קיין מאָטיוו צו בעטן אַ יאַפּאַ־נישע טראַנזיט־וויזע.

און אָט קומט קיין קאָוונע מענדל מאָזעס און ער וויזט מיר, אַז אין אַ מזל־דיקער שעה האָט ער מיט דער הילף פון דער יידישער טעלעגראַפּישער אַגענטור אין ניו־יאָרק באַקומען די אַמעריקאַנער וויזע. די זון האָט פאַר אים אויפגע־שיינט. איצט גלויבט ער, אַז ער וועט זיך אַרויסראַטעווען פון דעם סאָוויעטישן גיהנום. ער דאַרף נאָר זעקס אַזייגער אין דער פרי שטעלן זיך אין דער ריי צום יאַפּאַנישן קאָנסולאַט אויף צו באַקומען די טראַנזיט־וויזע. ווי ווויל איך בין אויפ־ריכטיק געווען צופרידן וואָס נאָך אַזוי פיל צער האָט מאָזעס ענדלעך די מעג־לעכקייט צו ראַטעווען זיין פאַמיליע און זיך, אַזוי האָט ער געפילט, אַז ער דאַרף מיט מיר מיטליידן וואָס איך דריי זיך נאָך אַרום מיט דעם ליידיקן „ליידימאָס". איך האָב זיך נישט געגוויטיקט אין מיטלייד. און איך האָב עס געזאָגט מאָזעסן, אַז אַ פריינט קען ווערן ערגער פון אַ שונא. אַ שונא האָט נישט קיין מיטלייד און האָט נישט קיין רחמנות. מיטן מאָמענט ווען אַ פריינט באַקומט מיטלייד, אָדער הויבט אָן האָבן רחמנות, איז עס אַן אומדערטרעגלעכע באַליידיקונג. איז מאָזעס געפאַלן אויף אַ המצאה: אַזוי ווי ער האָט שוין די אַמעריקאַנער וויזע און ער וועט מער נישט דאַרפן אָנקומען צום פּאַלעסטינע־קאָמיטעט נאָך אַ סערטיפיקאַט, וועט ער פּרוון בעטן אפשר וועט דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט טאָן עפּעס פאַר מיינעטוועגן.

דער פּאַלעסטינע־קאָמיטעט פון די פּליטים אין קאָוונע איז געווען אַ געהיי־מער. ער איז באַשטאַנען פון דריי מענטשן: זרח וואַרהאַפטיק, מיטגליד פון צענ־טראַל־קאָמיטעט פון „מזרחי" אין וואַרשע, ל. שטשופּאַקעוויטש, גענעראַל־סעק־

רעטאַר פון די רעכטע פּועלי ציון אין פּוילן, און שמואל ראָזענבערג, געוועזענער הויכער באַאַמטער אין פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע. זרח וואַרהאַפטיק און ל. שטשופּאַקעוויטש האָבן שוין דעמאָלט געהאַט אַמעריקאַנער וויזעס פאַר זיך און זייערע פאַמיליעס און, נאַטירלעך, ווי מיטגלידער פון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט האָבן זיי אויך געהאַט באַשטעטיקונגען פון דעם בריטישן קאָנסולאַט אין קאָוונע, אַז פאַר זיי ליגן גרייט וויזעס קיין פּאַלעסטינע.

די דריי פון דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין אַ צימער פון אַ קליינעם האָטעל אין קאָוונע, אין שכנות פון דעם גרויסן מאָדערנעם בנין אויף לייסוועס אלייע, ווו עס האָט זיך אינסטאַלירט די ענ־קאַ־ווע־דע פאַר גאַנץ ליטע, און אויף דער זעלבער גאַס וואָס דער האָטעל איז אויך געווען דער פּאָליציי־בנין, ווו מען פלעגט דעם עולם פּליטים פאַרשן אין די נעכט פארן אַרויסגעבן אַרויספאָר־וויזעס.

מענדל מאָזעס האָט געוווסט דעם פּלאַץ און די צייט ווען דער דריילינג פון דעם פּאַלעסטינע־קאָמיטעט קומט זיך צוזאַמען און ער האָט מיך צוגערעדט איך זאָל גיין מיט אים. ער, ווי דער דירעקטאָר פון דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור אין פּוילן און איצט אויך מיט אַן אַמעריקאַנער וויזע אין קעשענע, וועט פּועלן דער קאָמיטעט זאָל מיר העלפן. איך האָב זיך געלאָזט צורעדן, הגם איך האָב אויף קיין רגע נישט געגלויבט, אַז די לייט וועלן עפּעס טאָן פאַר מיר, אין דער צייט ווען צווישן די פּליטים געפינען זיך פאַרדינסטפולע ציוניסטן, וואָס צוליבן פאַרלירן די האָפענונג צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט קיין פּאַלעסטינע, האָבן זיי בלית ברירה געשטעלט אויף קיראַסאַ. דעם קליינעם האָטעל אין דער הילצערנער געביידע האָב איך געקענט פון פריער. איך האָב דאָרט אַמאָל געהאַט איבערגע־שלאָפן עטלעכע נעכט און דעריבער געקענט דעם פּאַרטיער. אַן צו פרעגן וואָס און ווען זענען זענען מיר אַרויף צום קאָמיטעט, און גלייך ווי איך בין אַריין אין צימער האָב איך דערזען די זויערע מינעס פון די לייט פון דעם „רעטונגס־קאָמיטעט”. איך האָב געוווסט: איך האָב געמאַכט אַ פעלער. איך האָב נישט געדאַרפט קומען. ווי אויף אַ טעאַטער־סצענע, ווו אַן אַקטיאָר זאָגט עפּעס „אַ־פּאַרט” און די אַנ־דערע אַקטיאָרן אויף דער סצענע מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי הערן גאָרנישט, אַזוי האָט וואַרהאַפטיק געוואָרפן אַ וואָרט, שטשופּאַקעוויטש האָט זיך פאַרקרימט, ווי ער וואָלט געקייט אַ ביטערע פּיל —ביידע מיט אַ שטומער טענה הלמאי ער, מאָזעס, האָט מיך געבראַכט צופירן צו זיי. איידער די זויערע מינעס זענען אַראָפּ פון זייערע פּנימער, בין איך שוין נישט געווען אין צימער. איך בין געלאָפן ווי אַ באַנומענער. איך האָב פריער אפילו נישט געטראַכט וועגן דעם יאַפּאַנישן קאָנ־סולאַט, נאָר די זויערע מינעס פון די „נאַציאָנאַלע רעטער” האָבן מיך אַזוי באַ־ליידיקט, אַז אָן צו טראַכטן האָבן מיך די פיס געטראָגן צום „טאַטן סעמפּו סאַ־גיהאַראַ”.

דער יאַפּאַנישער קאָנסולאַט האָט זיך געפונען אין אַ קעלער. איך בין געקר־מען אַהין שוין נאָך די אויפנעם־שעהן. די קעלער־פענצטער זענען נאָך געווען אָפן, אָבער קיין קליענטן זענען נישט געווען. איך האָב גערופן אין קעלער אַריין.

ס'איז צוגעקומען דער דינער, אַ פּאָליאַק, און איך האָב אים געזאָגט אויף ענגליש און גאַנץ ענערגיש:

„איך מוז שוין רעדן מיטן קאָנסול!"

ער האָט מיר עפּעס געענטפערט אויף ליטוויש. איך האָב געמאַכט אַ באַוועגונג פון אומגעדולד און בין געוואָרן נאָך מער צודרינגלעך:

„איז דער קאָנסול דאָ אין ביוראָ? מיין זאַך איז אייליק!"

דער דינער איז אַוועק פון פענצטער, צוריקגעקומען מיט אַ יאַפּאַנישן באַאַמטן, וואָס האָט געפרעגט ביי מיר אויף דייטש וואָס איך וויל און איך האָב אים געענטפערט פאַרטרויליך:

„די זאַך איז אַ דיסקרעטע. איך קען רעדן נאָר מיטן קאָנסול גופא".

די טיר האָט זיך פאַר מיר געעפנט. דער באַאַמטער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער, ווו עס איז געזעסן אַ יונגער מענטש מיט אַ שמייכלענדיק פנים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיר אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף אַ שטול, איך זאָל זיך זעצן. ער האָט זיך צוריקגעזעצט און איך בין געבליבן שטיין. איך האָב אַוועקגעלייגט פאַר אים מיין „ליידימאַס" און געזאָגט מיט אַ ציטערנדיקער שטים פון אויפרעגונג:

„אייער עקסעלענץ, איר זענט איצט דער איינציקער מענטש אויף דער וועלט, וואָס האָט אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען מיין לעבן. איך האָב דורכגעמאַכט די באָמבאַרדירונג פון וואַרשע; איך האָב דורכגעמאַכט געפערלעכע גרענעצן. איך וויל נישט אומקומען אין דעם גיהנום־רעזשים פון באָלשעוויזם. סעיוו מי, ראַטעווע מיך, גיב מיר אַ וויזע קיין יאַפּאַן".

„ווו איז דיין ציל?" — האָט ער געפרעגט.

„איך האָף צו קענען פאָרן קיין פּאַלעסטינע. דאָרט לעבט מיין פרוי. דאָרט האָב איך פאַמיליע. אָבער איך שווער ביי גאָט, אַז אפילו אין ערגסטן פאַל וועל איך נישט בלייבן אין יאַפּאַן און וועל נישט פאַלן צו לאַסט דער יאַפּאַנישער רעגירונג".

„ס'איז שווער" — האָט ער געזאָגט און געהויבן מיט די אַקסלען. פּלוצים האָט ער געפרעגט סיי אין רוסיש און סיי אין ענגליש: „דיענ׳עטשקי אָ וואָס יעסט? העוו יו לענדינג מאָני?" (50 דאָלאַר וואָס מען האָט געדאַרפט ווייזן ביים אַנקומען קיין יאַפּאַן).

„כ'האָב!" — האָב איך געענטפערט, כאָטש איך האָב דעמאָלט אפילו קיין איינציקן דאָלאַר נישט געהאַט.

ווי אין שטייגער פון אַ יאַפּאַנער ווען ער נעמט זיך שטאַרק איבער, האָט דער קאָנסול אַריינגעצויגן אַ סך לופט אין זיינע לונגען און מיר געהייסן וואַרטן אין אויפנעם־צימער. געזעסן און געוואַרט אַ צען מינוט און איך זע פּונעם קעלער־פענצטער ווי עס לויפט אַן מענדל מאַזעס. איך האָב אַ פריידיקן געשריי געטאָן:

„מאַזעס, איך האָב!"

אַ צעטומלטער פון מיין אויסרוף האָט מאַזעס אַרויסגענומען פון בוזעם־טאַש זיין פּעקל דאָקומענטן און עס דורכן פענצטער אַראָפּגעוואָרפן צו מיר.

„בעט אויך פאַר מיר; מיר וועלן פאָרן צוזאַמען".

דער דינער וואָס האָט דאָס געזען, האָט אַ כאַפּ געטאָן די דאָקומענטן און זיי צוריק אַרויסגעוואָרפן. זיי זענען געפלויגן ווי געשאָכטענע פייגל, און מאָזעס, זעענדיק ווי עס פליען זיינע דאָקומענטן, אין וועלכע עס געפינט זיך די אַמעריקאַנער וויזע, האָט אָנגעהויבן ברעכן די פינגער ווי עס וואָלט אים געשען אַ גרויס אומגליק.

אַז איך האָב שוין געהאַט די יאַפּאַנישע וויזע האָב איך זיך גענומען צוגרייטן דאָקומענטן אויף אַן אויסריייזע־וויזע. דאָס וויכטיקסטע איז, ווי דער שטייגער אין סאָוויעטישן רעזשים, די „אַוטאָביאָגראַפּיע". די מערהייט דורכפאַלן זענען געשען מיט אַוטאָביאָגראַפּיעס. כדי צו־איילן די אַרויספאָר־וויזע האָבן טייל פּראַקטישע יידן אָנגעגעבן סיי אין ווילנע און סיי אין קאָוונע; דאָ אָנגעגעבן אַן „אַוטאָביאָגראַפּיע" און דאָרט אַן „אַוטאָביאָגראַפּיע", נאָר אַזוי ווי זיי האָבן געשריבן די „אַוטאָביאָגראַפּיעס" איינע פריער פון דער צווייטער, האָבן זיי — וואָס איז גאַנץ נאַטירלעך — אויך געמאַכט קליינע טעותים, וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין גרויסע צרות. אין די קליינע אונטערשיידן אין די אַוטאָביאָגראַפּיעס זעט די ען־קאַ־ווע־דע אַז עפּעס באַהאַלט מען אויס און אַזוי ווי אַלע „אַוטאָביאָגראַפּיעס" קומען זיך סוף־כל־סוף צוזאַמען אין איין און דעם זעלבן פּלאַץ — קען מען ווערן אומגליקלעך. פון דעם נסיון פון אַנדערע, שוין געליטענע, בין איך אַוועק צו אַ סטענאָטיפּיסטין און באַלד געמאַכט מיין „אַוטאָביאָגראַפּיע" אין זעקס קאָפּיעס, אַז ווי אַ מעשה זאָל זיך נישט מאַכן זאָלן אַלע שטימען אפילו אין די קלענסטע פּרטים.

געווען אַזעלכע וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מוט אָנצוגעבן אויף אַן אַרויספאָר־וויזע. די פּערספּעקטיוו „פאַרבעטן" צו ווערן אויף אַן אויספאָרשונג אין מיטן דער נאַכט, וואָרום די ען־קאַ־ווע־דיסטן האָבן אָנגעהויבן אַמטירן צוועלף אַזייגער אין דער מיט נאַכט, האָט ביי אַ טייל אָפּגענומען העגט און פיס פון שרעק. אַ קלאַסישער פאַל פון שרעק איז געשען מיט דעם זשורנאַליסט פּנחס שוואַרץ.

אין ווילנע איז פּנחס שוואַרץ געווען מיט זיין פרוי און זון. ער האָט באַקומען אַן אַמעריקאַנער וויזע פונעם אַרבעטער־קאָמיטעט.

פּנחס שוואַרץ איז געווען איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער פון דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג". אין „בונד" האָט ער פאַרטרעטן די פראַקציע „צווייער", דאָס הייסט דעם לינקן פליגל. ער איז נאַטירלעך געווען אַ מאַרקסיסט און אַן אַטעאיסט — אַ מאַן פון אַ טיפּיש מאַטעריאַליסטישער וועלט־אָנשויאונג. ווען ער האָט געדאַרפט גיין אָנגעבן די פּאַפּירן אויף אַן אַרויספאָר־וויזע אין ווילנע איז אים באַפאַלן אַ שרעק, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט פּסיכאָזע. אָבער נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און די פּאַפּירן אָנגעגעבן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז די ען־קאַ־ווע־דע וועט באַלד אַריינפאַלן צו אים און אים אַרעסטירן. ער האָט מורא געהאַט צו בלייבן אין דער היים און ער איז גאַנצע טעג געווען אין הויז פון דוד פלינקער, ווו עס האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון סטאַביליטעט און אמונה. דוד פלינקער פלעגט אים באַרואיקן, רעדן צו זיין לאָגיק, באַווייזן אים מיט ראיות, אַז סאָציאַליסטן נישט ווייניקער דיספּאָנירטע ווי ער, פּנחס שוואַרץ,

זענען געגאַנגען צו די אויספאָרשונגען, זיי האָבן באַקומען די אַרויספּאַר־וויזעס און זענען אַרויסגעפאָרן. אויך איך האָב געפּרווט ווירקן אויף אים, אַפּעלירן צו זיין אַגרעסיוון מוט וואָס ער האָט געהאַט אין וואַרשע, ער, דער רעוואָלוציאָנער, זאָל זיך שעמען אַזוי מורא צו האָבן פאַר די באָלשעוויקעס.

ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. ביי דעם מינדסטן קלאַפּ אין דער טיר פון פלינקערס הויז האָט זיך פּנחס שוואַרץ גלייך פאַרשטעקט הינטער דעם גרויסן אָנלען פון דער קאַשעטע. ס'איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק, אַז זיין פרוי זאָל אָנ־געבן אויף אַן אַרויספאָר־וויזע באַזונדער פאַר זיך מיטן זון. זיי וועלן אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע און ער — ער וועט פאַרניכטן זיינע דאָקומענטן און זיך אַוועק־לאָזן ערגעץ־ווו אַנאָנים, קיינער זאָל נישט וויסן ווער ער איז. אָפט ווען איך פלעג אים זען אַ פאַרשטעקטן הינטער פלינקערס קאַשעטע האָט זיך מיר אָפּגעע־ריסן דאָס האַרץ פון צער. איך האָב געזען, אַז דער מענטש גייט דורך גיהנום־ליידן.

איין מאָל, ווען איך בין אַרויפגעקומען צו פלינקערן, האָט מיר פּנחס שוואַרץ דערציילט, אַז ער איז געווען ביי אַ טרעפער און פון דעם וואָס דער טרעפער האָט אים פאָראויסגעזאָגט, איז ער געוואָרן נאָך מער איבערצייגט, אַז זיין פּחד איז באַגרינדעט. עס דערוואַרט אים אַ גרויס אומגליק, אויב ער וועט גיין צו דער אויס־פאָרשונג אין שייכות מיט דער אַרויספאָר־וויזע. ווערדליק זיין שרעק האָב איך געוווּסט, אַז עס האָט נישט מער קיין זין צו רעדן צו זיין דיאַלעקטיש־מאַטעריאַ־ליסטיש־מאַרקסיסטישער וועלט־אָנשויאונג. ער זאָל זיך שעמען דערמיט וואָס ער, פּנחס שוואַרץ, דער „צווייער", דער מוטיקער קעמפער, זאָל זיך לאָזן משפּיע זיין פון אַ טרעפער. איך האָב אים אויסגעפרעגט וואָס דער טרעפער האָט אים גע־זאָגט, און שוואַרץ האָט דערציילט, אַז דער טרעפער האָט געזאָגט אַזוי: „ווערדליק די שטערן און די מזלות זע איך, אַז דו ביסט אַ פּליט. עס דערוואַרט דיר זייער און זייער אַ לאַנגער וועג. אויף דעם לאַנגן וועג זע איך שטערונגען פון פּאַפּיר־לעך, אַ סך פּאַפּירלעך. די פּאַפּירלעך שטערן, זיי מערן זיך. אַ סך וויל מען און דאָס איז עס".

אויסגעהערט וואָס דער טרעפער האָט אים פאָראויסגעזאָגט, האָב איך שוואַרצן פאַרגעלייגט אַזאַ אָפּמאַך: אויך איך וועל גיין צום זעלבן טרעפער און הערן וואָס ער וועט מיר פאָראויסזאָגן. כדי ער, שוואַרץ, זאָל מיר גלויבן, וואָס איך וועל אים שפּעטער דערציילן, וואָס דער טרעפער האָט מיר געזאָגט, וועל איך מיטנע־מען מענדל מאָזעסעס פרוי, לוסיאַ. זי וועט זיין בעתן „טרעפן" און זי וועט זיין אַן עדות פון מיין באַריכט. פּנחס שוואַרץ איז מסכּים געווען. איך מיט לוסיאַ מאָזעס זענען אַוועק צום זעלבן טרעפער ערגעץ־ווו אויף קליין סטעפּן־גאַס. די אָרעמע דירה פון דעם טרעפער איז געווען ענלעך צו אַ קוזשניע, פון וואַנען מען האָט אַרויסגענומען דעם בלאָז־זאַק און אַריינגעשטעלט בעטן מיט אַ טיש — די ווענט שוואַרץ, אַן אַ פּאָל, און פינצטער. דער טרעפער, אַ ייד מיט אַ ציגן בערדל און אָנגעטאָן אין אַן אויסגעשמירטן שפּענצער, אויף איין פוס איז איין הויז געווען אַריינגעלאָזט אין דעם שטיוול און אויפן צווייטן פוס איז דער הויז געווען אַרי־בערגעצויגן איבערן שטיוול — האָט אונדז געהייסן זיך אַוועקזעצן אויף זעסלען, אין וועלכע די פּיסלעך האָבן זיך געהאַלטן מיט ניסים. דער טרעפער האָט מיר

געפרעגט וואָס איך וויל און איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל ער זאָל מיר פאַר־אויסזאָגן וואָס מיר דערוואַרט, נאָר ער זאָל מיר זאָגן דעם גאַנצן אמת. איז דער ייד אַוועק, געבראַכט אַן אַלטן צעריסענעם ספר, געקוקט אויף איין דף, געקוקט אויף אַ צווייטן דף, זיך איינגעקוקט מיט איין פאַרזשמורעט אויג, ווי ער וואָלט פלוצים דאַרט אויסטערלישעס דערזען, און געזאָגט אַזוי: „ווערדליק די שטערן און מזלות זע איך, אַז דו ביסט אַ פּליט. עס דערוואַרט דיר זייער און זייער אַ לאַנגער וועג. אויף דעם לאַנגן וועג זע איך שטערונגען פון פּאַפּירלעך. יע, פון פּאַ־פּירלעך. די פּאַפּירלעך שטערן. איי, שטערן זיי. אַ סך וויל מען און דאָס איז עס".

איך מיט לוסיאַ מאָזעס זענען מיר צוריקגעקומען צו פליגקערן אין הויז און איבערגעחזרט וואָרט אין וואָרט וואָס דער טרעפער האָט מיר געזאָגט. איך האָב שוואַרצן אויפגעקלערט דעם זין פון דעם טרעפערס ווערטער: ערשטנס האָט ער פון מיין נישט־ליטווישן דיאַלעקט פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַ פּליט. און אויב איך בין אַ פּליט — וויל איך אַוועק פון דאַנען. און כדי אַרויסצופאָרן דאַרף מען דערלאַנגען אַ סך פּאַפּירלעך. דער ייד לעבט אין ווילנע און ער האָט אודאי געהערט וועגן די „אַווטאָביאָגראַפּיעס", די באַשטעטיקונגען פון דעם פּליטים־קאָמיסאַריאַט, פּאַספּאָרטן, וויזעס און אַנדערע צרות. „טרעפּט" ער אַלע פּליטים אויף דעם זעלבן אופן. דערפאַר האָט ער מיר געזאָגט גענוי דאָס זעלבע, וואָס ער האָט דיר געזאָגט.

פנחס שוואַרץ איז נישט געוואָרן איבערצייגט פון מיינע ווערטער, כאָטש לוסיאַ מאָזעס האָט אים פאַרזיכערט, אַז איך האָב גענוי איבערגעחזרט, וואָס דער טרעפער האָט געזאָגט. שוואַרץ איז געווען ביי דער מיינונג, אַז דערמיט וואָס איך האָב געדענקט די ווערטער, וואָס ער האָט פאַראויסגעזאָגט אים, פנחס שוואַרצן, האָב איך דעם טרעפער באַאיינפלוסט ער זאָל זאָגן דאָס זעלבע. כדי שוואַרצן צו ראַטעווען פון זיין פחד־פּסיכאָזע, האָב איך אויפן פּלאַץ געזאָגט:

„איך בין גרייט צו גיין מיט לוסיאַ מאָזעס צו אַ צווייטן טרעפער און הערן וואָס ער וועט מיר פאַראויסזאָגן".

פנחס שוואַרץ האָט זיך אין דעם אַנגעכאַפּט. מיר זענען אַיועק אויף דער דייטשער גאַס צו אַ קריסטלעכער טרעפערין. זי איז געווען אַן עלטערע פרוי, אַ פּוילישע. געזען אַז עס קומען צו איר אַ מאַן מיט אַ פרוי, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז אַ ראָמאַנטישע מעשה איז דערביי. זי האָט מיר געפרעגט וואָס עס איז אונדזער ווונטש. איך האָב איר געענטפערט, אַז דער ווונטש איז בלויז מיינער און איך וויל זי זאָל מיר פאַראויסזאָגן וואָס מיר דערוואַרט, נאָר זי זאָל מיר זאָגן דעם גאַנצן אמת.

די פרוי האָט געבראַכט צום טיש אַ גרינעם גלעזערנעם פלאַש־קלאַש, אַזעלכן וואָס מען פלעגט אַמאָל נוצן צו כאַפּן פליגן מיט וואַסער. זי האָט דעם פלאַש־קלאַש אַוועקגעשטעלט צווישן מיר און איר, זי האָט אויסגעטאַסעט אַ פאַרשמאַלצט פּעשל קאָרטן, פאַרזיכטיק, פאַרזיכטיק, ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַר אַן אויפרייס האָט זי אַרויסגעלייגט איין קאָרט, אַ צווייטע, אַ דריטע און אַ פערטע און אָנגעהויבן אַזוי:

„איך זע ווי עס ראַנגלען שטאַרקע געפילן. כדי פון די געפילן פון צוויי זאָל ווערן איינס און זיי זאָלן זיך צוזאַמענגיין, וועלן מיט דער צייט באַזייטיקט ווערן די שוועריקייטן, וואָס שטערן די געפילן פון צוויי זאָל ווערן איינס". די טרעפערין

האָט צוגעלעגט די אויגן, אַ טרייסל געטון דאָס פּעשל קאָרטן און אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ מלכה גרין: „אָ! — האָט זי אויסגערופן — דאָ זע איך ווי מיט בשות־פּותדיקע אָנשטרענגונגען האָט איר באַזייטיקט אַלע שוועריקייטן און איר קומט זיך צוזאַמען גליקלעכע".

לוסיאַ מאַזעס האָט פּלוצים אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. די טרעפערין איז צעטומלט געוואָרן און זיך אויפגעשטעלט מיט אַ געוואַלדיקן כעס. זי האָט צוזאַ־מענגענומען די קאָרטן און געזאָגט:

„איר האָט מיר איצט איבערגעריסן דעם טראַנס. איב מען גלויבט נישט אין פּאַראויסזאָגן די צוקונפט גייט מען נישט צו קיין טרעפערס!"

איך האָב געפּרוווט די פּרוי איבערבעטן — זי האָט זיך נישט געלאָזט איבער־בעטן. זי איז מוחל מיר זאָלן איר באַצאָלן, זי איז אונדז מוחל מיר זאָלן נאָך אַמאָל קומען צו איר. אַ גוטן טאָג! מיר זענען אַוועק גלייך צו פּלינקערן אין הויז און דערציילט די מעשה. פּנחס שוואַרץ האָט אונדז ביידע אָנגעקוקט ווי מיר וואָלטן געחוזקט פון אים. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. עס וואָלט זיכער געקומען צו אַ פאַמיליען־טראַגעדיע ווען נישט אַ צופאַל. דער דירעקטאָר פון „אינטוריסט", באַך פון פאַר דער מלחמה, ש. טקאַטש, וואָס האָט אויך געפירט דעם „אינטוריסט" שפּעטער, איז געקומען צוליפּן מיט אַ בשורה, אַז ער האָט אַ מעגלעכקייט אַרויס־צובאַקומען שוין באַלד און אַן וועלכע עס איז איבעריקע פאָרמאַליטעטן פיר אַרויספאָר־וויזעס. אויב מען וועט אים גלייך געבן די פּאַספּאָרטן פון פּנחס שוואַרץ און זיין פאַמיליע — ברענגט ער זיי צוריק מיט וויזעס. ער האָט באַקומען די פּאַספּאָרטן, דעם זעלבן טאָג האָט ער זיי צוריקגעבראַכט מיט די אַרויספאָר־וויזעס און נישט אָן שרעקלעכן פּחד איז שוואַרץ געגאַנגען צום צוג, אַוועקגעפאָרן און בשלום אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

זיין ברודער, הערמאַן קרוק, וואָס איך האָב געוווינט מיט אים אין זעלבן האָטעל־צימער, האָט געהאַט אַן אַמעריקאַנער וויזע אויף זיין „ליידימאַס". מיר האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט בלייבן, ווייל ער האַלט נישט פון אַרויספאָרן. ער איז געווען אַרבעטסלאָז, גאָרנישט אויסער אומקום האָט אים דאָרט דערוואַרט. דאָך האָט ער זיך נישט געלאָזט צורעדן ער זאָל זיך באַמיען וועגן אַן אַרויספאָר־וויזע. ער איז געבליבן און אומגעקומען. שפּעטער, ווען איך האָב געטראַכט וועגן די סיבות פון זיין בלייבן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויך ער, ווי זיין ברודער פּנחס שוואַרץ, איז געווען דורכגענומען מיט אַ פּחד־פּסיכאָזע, נאָר ער האָט דעם פּחד גוט אויס־באַהאַלטן פון זיינע פריינד. אויך הערש גוטגעשטאַלט, זיין פרוי מרים און זייער איינציקער זון גבריאל האָבן געהאַט אַמעריקאַנער וויזעס און דאָך זענען זיי גע־בליבן. אויך צוליבן פּחד פון צוזאַמענטרעפן זיך מיט דער ענ־קאַ־ווע־דע. אַזוי ווי גוטגעשטאַלט איז שוין איין מאָל געווען אַרעסטירט און דורכגעגאַנגען די נאַכט־פאַרשונגען, האָט ער זיכער מורא געהאַט נאָך אַמאָל זיך צוזאַמענטרעפן מיט דער ענ־קאַ־ווע־דע. ער האָט דעם שאָק נישט געקענט בייקומען. זיי זענען געבליבן און אויך זיי זענען אומגעקומען.

די צאָל קרבנות וואָלט זיכער געווען גרעסער ווען נישט גורלדיקע צופאַלן. פּנחס שוואַרץ, הערמאַן קרוק, הערש גוטגעשטאַלט און אַנדערע האָבן מורא געהאַט

פאַר דער ענ־קאַ־ווע־דע צוליב זייער סאָציאַליסטישער פאַרגאַנגענהייט. די יידישע קאָמוניסטן האָבן געוווּסט די ראָל פון פנחס שוואַרץ, ווי זיי האָבן געוווּסט, אַז הערש גוטגעשטאַלט איז אַמאָל געווען טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. עס זענען אָבער געווען אַזעלכע, וועלכע זענען געווען אומבאַקאַנט, זיי האָבן נישט פאַרנומען אין פוילן קיין שום דיספּאָנירטע אַמטן, דאָך האָבן זיי זיך אַליין צוגעקלעפּט בלעטלעך פון גרויסער וויכטיקייט. דאָס איז געשען דעמאָלט ווען די ליטווישע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז בלויז פּליטים מיט פרייע פּראָפעסיעס, אָדער אַנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע טוער און אַנדערע וויכ־טיקע פערזאָנען קענען בלייבן אין די גרויסע שטעט. דערקעגן די פשוטע פּליטים מוזן זיך איבערקלייבן אין די קליינע שטעטלעך. דעמאָלט האָבן זיך אַלע רעגיס־טרירט אין פּליטים־קאָמיסאַריאַט יוי וויכטיקע מענטשן, פירער פון פּאַרטייען. אָנפירער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן און זיי ענלעכע. די אַקטן פון אַט די מענטשן זענען געלעגן אין פּליטים־קאָמיסאַריאַט. ווען עמעצער האָט אָנגעגעבן אויף אַן אַרויספאַר־וויזע, האָט די ענ־קאַ־ווע־דע פאַר אַלעם נאָכגעזוכט אין די אַקטן פון פּליטים־קאָמיסאַריאַט מיט וועמען זי האָט צו טון. דער וואָס האָט געהאַט אָנגעגעבן, אַז ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, אָדער אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־טוער — וואָלט זיך אַליין אַריינגעלייגט צום טייוול אין די הענט, ווען ער גיט אָן אויף אַן אַרויספאַר־וויזע.

ס'איז אָבער געשען אַ גורלדיקער צופאַל, וואָס האָט די מענטשן מיט צוגע־קלעפּטער היפּערוויכטיקייט אָפּגעראַטעוועט: אין קאָפּע „מאָניקאַ" פלעגט אריינ־קומען דער פּליטים־קאָמיסאַר, וואָס איז געבליבן בלויז פּאַרמעל ווי אַ טעכנישער אַרויסהעלפער אין פונאַנדערקלייבן זיך אין אַרכיוו. דער פּליטים־קאָמיסאַר איז געווען אַ פּאָליאַק. פון צייט צו צייט פלעגט זיך מאַכן, אַז איך פלעג אים בעטן ער זאָל מיר דערלויבן זיך צוזעצן צו זיין טישל אויף אויסטרינקען אַ טעפּל קאַווע און אַמאָל פלעגט זיין פאַרקערט, ער האָט זיך צוגעזעצט צו מיין טישל. מיר האָבן גערעדט ווייניק צווישן זיך, אָבער פון דעם וואָס מיר האָבן יאָ גערעדט, האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז ער האָט פיינט געהאַט די פריערדיקע ליטווישע מאַכט און איצט האָט ער נאָך מער פיינט די רוסישע מאַכט. מיט נאָסטאַלגיע האָב איך דער־מאָנט די פריערדיקע צייטן, ווען אין ליטע האָבן זיך די געשעפטן געבראַכן פון אויסלענדישע לוקסוס־סחורות. מען האָט נאָר געדאַרפט האָבן ליטן און וואָס מען האָט געוואָלט האָט מען פאַר די ליטן באַקומען. איצט זענען אַ פּאָר שיך געוואָרן אַ חלום, אַ קופּאָן מאַטעריאַל אויף אַ קאָסטיום איז געוואָרן אַ לעגענדע, אַ גוט ענגליש העמד — אַ וויזיע. אַפילו דאָס טעפּל קאַווע אין „מאָניקאַ" איז שוין מער נישט קיין קאַווע נאָר ציקאָריע פון געברענטע גערשטן. אַ פּליט אין ליטע האָט דאָך געלעבט יוי אַ גראַף אַנטקעגן דעם איצטיקן לעבן פון הויכע באַאַמטע אינעם סאָוויעטישן רעזשים.

איך האָב דעם פּליטים־קאָמיסאַר, דעם פּאָליאַק, צוגעטראָפן. ער האָט עס מיר נישט געזאָגט אָפן, נאָר מיר אָנגעוויזן, אַז איצט, זומער־צייט, האָט ער געמוזט אָנטון זיינע ווינטערדיקע שטיוול, ווייל די זוילן פון זיינע קאַמאַשן האָבן זיך

אויסגעריבן און דער שוסטער וויל זיי נישט פֿאַריכטן סיידן ער וועט אים ברענגען אַ שטיקל לעדער אויף זוילן...

די מעשה מיט די זוילן איז מיר אַריין אין דער נאָז, ווי פֿעפֿער. ס'איז מיר איינגעפֿאַלן אַן אידייע, וואָס איך האָב זי נישט באַלד אינגאַנצן אַרומגענומען, נאָר פֿון דעם ווי עס איז מיר הייס געוואָרן, האָב איך געפֿילט, אַז אַ סך מענטשן קענען געראַטעוועט ווערן און צווישן זיי אויך איך.

אין ווילנע איז צווישן די פּליטים געווען אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען לענגער. ער איז געווען דער ערשטער מענטש אין רוסלאַנד, וואָס איז געהאַט פֿאַרשיקט געוואָרן אויף די סאָלעיאָווקער אינדזלען. שפּעטער איז ער באַפֿרייט געוואָרן און ווי אַ פּוילישער בירגער איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין פּוילן. זיין אָנקומען קיין פּוילן און זיינע דערציילונגען וועגן דער פֿאַרשיקונג, איז געווען אַ סענסאַציע פֿאַר דער וואַרשעווער יידישער פּרעסע. דורך דעם האָט ער זיך דערנענטערט צו יידישע צייטונגס־מענטשן און שרייבער און אויך אין ווילנע איז ער געווען נאָענט צו די פּליטים זשורנאַליסטן און שרייבער. ער האָט זיך באַמיט און באַקומען אַ וויזע קיין אַמעריקע, אָדער קאַנאַדע, יוו ס'האָט געלעבט זיין פֿאָטער, נישט אויף זיין נאָמען — לענגער — נאָר אויף דענגער. ער האָט מורא געהאַט, אַז ווען ער וועט אָנגעבן אויף אַן אַרויספֿאָר־וויזע אויפֿן נאָמען לענגער, וועט די ענ־קאַ־ווע־דע אין אירע רשימות געפֿינען זיין נאָמען און זיין פֿאַרגאַנגענהייט ווי אַ געוועזענער פֿאַרשיקטער אין רוסלאַנד, און דעמאָלט וועט ער צוריק אויסגעליפֿערט ווערן צו די ווייסע בערן. האָט ער זיינע פּאַפּירן געהאַט אויף לענגער און די רעטונגס־וויזע אויף — דענגער. זיין חלום איז געווען צו האָבן אין זיינע הענט אַ „ליידימאַס" אויפֿן נאָמען דענגער. אָט די מעשה האָט ער מיר געהאַט אָנגעטרויט, ווען ער פֿלעגט אַרויפֿקומען צו סעגאַלאָוויטשן צו קיבעצן אים ביים שפּילן אין קאָרטן מיט האַפּטקען.

ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָב איך לענגערן דערציילט וועגן דער מעשה מיט די אויסגעריבענע זוילן פֿון דעם פּליטים־קאָמיסאַרס קאַמאַשן. ווען אַ מענטש איז געווען געוווינט צו לעבן אויף אַ העכערן סטאַנדאַרט און פּלוצים האָט מען אים אַראָפּגעזעצט פֿון זיין מעמד אָן אַ מאָראַלישער רעקאָמפּענסאַציע — אַזא מענטש פֿאַרלירט זיין ווידערשטאַנדהאַפֿטיקייט קעגן קאָרופּציע. דער פּליטים־קאָמיסאַר האָט פֿיינט די ליטווינער. ער האָט פֿיינט די באָלשעוויקעס און ער האָט פֿיינט די אויסגעריבענע זוילן פֿון זיינע קאַמאַשן. „לענגער, נעם זיך צו אים!"

לענגער האָט זיך „גענומען" צום פּליטים־קאָמיסאַר און פֿאַרן פּרייז פֿון אַ קופּאָן ענגלישן שטאָף אויף אַ קאָסטיום האָט ער אים געבראַכט פֿון אַרכיוו זיינע אַקטן צוזאַמען מיט אַן אַלטן נישט אויסגעפֿילטן ליטווישן אויספֿרעג־בויגן. עס האָט געדויערט ווייניקער פֿון אַ שעה און דער אויספֿרעג־בויגן איז געווען אויסגעפֿילט אויפֿן נאָמען פֿון דענגער און דער פֿריערדיקער פֿאָרמולאַר איז פֿאַרניכטעט געוואָרן. אייפֿו סמך פֿון אָט די ענדערונגען האָט לענגער אַרויסבאַקומען פֿון פּליטים־קאָמיסאַריאַט אַ „ליידימאַס" אויפֿן נאָמען דענגער און ער איז געווען געראַטעוועט.

האָב איך געזאָגט צו לענגערן, אַז איצט, ווען דער פּליטים־קאָמיסאַר איז שוין

ברוך השם קאַרומפּירט, דאַרף מען ראַטעווען וואָס מער יידן. עס זענען געווען צענדליקער און צענדליקער סאָציאַליסטישע טוער, וואָס האָבן געהאַט זייער קאָמפּראָמיטירנדיקע אויספרעג־בויגנס און זיי האָבן אפילו נישט געקענט חלומען וועגן אָנגעבן אויף אַרויספאָר־וויזעס, ווייל גלייך ווי די ען־קאַ־ווע־דע וואָלט אַרויסגעשלעפּט פון אַרכיוו פון פליטים־קאָמיסאַריאַט זייערע אַקטן — וואָלטן זיי אַרעסטירט געוואָרן.

ביי אַ גלעזל ציקאָריע אין „מאָניקאַ" איז אָפּגעמאַכט געוואָרן מיט דעם פּליטים־קאָמיסאַר אַזוי: פאַר אַרויסגעבן יעדן אַקט מיט אַ נישט־אויסגעפילטן פרעג־בויגן באַקומט ער אַ פאָר נייע „אָפיצירישע" שטיוול, אָדער אַ קופּאָן ענגלישן שטאָף אויף אַ קאָסטיום, אָדער אַ פאָר געמזענע קאַמאַשן, אָדער אַ פאָר עלעגאַנטע פרויען־„טופלעס". דעם לוין באַקומט ער ביים „באַשטעלן" דעם אַקט און דער פאַריכטער אַקט ווערט אים צוריקגעגעבן נישט שפּעטער פון צוויי שעה נאָכן ברענגען אים.

נאָך דעם דאָזיקן אָפּמאַך בין איך אַוועק צו אַבראַם סטאָליאַר און אים פאַרטרויט די גאַנצע מעשה: די אַלע בונדיסטן, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס צוזאַמען מיט זייערע אַמעריקאַנער רעטונגס־וויזעס, קענען געהאָלפן ווערן. זייער גאַנצער יחוס, וואָס זיי האָבן אים געהאַט אַריינגעשריבן אין די אויספרעג־בויגנס, וועט פאַרשווינדן פון די אַקטן. אַנשטאָט די אַלטע טיטלען, ווי „סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון מעטאַל־אַרבעטער", „פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דער און דער פּאַרטיי", „מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט" און זיי ענלעכע, וועלן אין די אַקטן אַריינגעשריבן ווערן: פריזירער, גאַסן־ברוקירער, אָדער סתם שוואַרץ־אַרבעטער. כדי אָט די אָפּעראַציעס צו מאַכן, מוז מען דינגען אַ צימער ערגעץ אין אַן אָפּגעלעגענעם האָטעל, אָבער דער האָטעל מוז זיין אין שטאָט, כדי מען זאָל נישט דאַרפן ווייט שלעפּן די אַקטן. נאַטירלעך דאַרף די פּאַרטיי דעקן אַלע אויסגאַבן. פאַר מיין אָנטייל אין דער זאַך וויל איך אַזאַ סומע עפעקטיווע דאָלאַרן, וואָס עס פאָדערט דער „אינטוריסט" פאַר אַ בילעט מיט דעם טראַנס־סיבירישן עקספּרעס־צוג ביז וולאַדיוואָסטאָק און פאַר שפּייז־קופּאָנען אין רעסטאָראַן־וואַגאָן פון דעם עקספּרעס־צוג און אויך פאַרן האָטעל און רעסטאָראַן אין יולאַדיוואָסטאָק. אויסער דעם מוז איך האָבן פופציק דאָלאַר „לענדינג מאָני", אָן וועלכע די יאַפּאַנער לאָזן נישט אַריין אין זייער לאַנד און אויך אַ בילעט אויף דער יאַפּאַנישער שיף.

אַבראַם האָט גלייך צוגעשטימט. איך האָב אים פאַרבונדן מיט לענגערן און עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאַבריקאַציע פון „אויסגלייכן הויקערס". ס'איז אַוועק אַ גאָלדענע אַרבעט. איך בין געזעסן אין אַ האָטעל־צימער און געענדערט די אויספרעג־בויגנס און נאָכגעזען, אַז אַלע פּרטים זאָלן שטימען. נאָכן דורכלאָזן דורך מיינע הענט אַ צוואַנציק אַקטן און די „אויסגעבעסערטע" זענען אַרויסגעפאָרן, האָב איך געפאָדערט פון אַבראַמען אַ באַשטעטיקונג פון „אינטוריסט", אַז אויף מיין נאָמען איז איינגעצאָלט געוואָרן אויף אַ בילעט און באַשפּייזונג ביז וולאַדיוואָסטאָק און אַ באַצאָלטער האָטעל אין וולאַדיוואָסטאָק און אויך פופציק עפעקטיווע דאָלאַר. איך האָב אַבראַמען געזאָגט אויפריכטיק, אַז אויב די פּאַרטיי האָט

מיך באַשטראָפֿט פֿאַר מיין „ציוניזם" אין אַזאַ סכּנותדיקן מצבֿ און מיין נאָמען נישט איינגעשלאָסן אין דער רשימה צום אַרבעטער־קאָמיטעט — האָב איך נישט דעם מינדעסטן צווייפֿל. נאָך דעם ווי איך וועל האָבן געהאָלפֿן אַנדערע אַרויספֿאָרן, וועל איך דאָ איבערבלייבן נאָר דערפֿאַר, ווייל איך וועל נישט האָבן אויף קיין בילעט און אויף צו וויזן ביים לאַנדן אין יאַפּאַן פּופֿציק דאָלאַר. אַבֿראַם האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז שוין לאַנג ווי ער האָט מודיע געווען צו שלמה מענדעלסאָן און עמנואל שערער אין שטאָקהאָלם, זיי זאָלן צושיקן פֿאַר מיר דעם נויטיקן קאָנטי־גענט דאָלאַרן און מסתּמא וועט די סומע דאָלאַרן אָנקומען אַ ליאַדע טאָג. ער האָט גערעדט צו מיין געוויסן, אַז אויב איך וועל רעזיגנירן פֿון מיין הילף, קען דאָס קאָסטן מענטשלעכע לעבנס. די דאָלאַרן וועלן זיכער קומען ווייל איינער פֿון די אַרויסגעפֿאָרענע מיט מיין הילף האָט וועגן דער גאַנצער אונטערנעמונג אינפֿאָר־מירט מענדעלסאָנען.

דערווייל האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פֿון תּל־אָבֿיבֿ, פֿון דאַרען, אַז דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים האָט מיך באַשטעטיקט ווי אַ פֿאָרשונג־סטודענט, געווענליך פּופֿצן פֿונט שטערלינג פֿאַרן ערשטן לערן־יאָר און אַ דאַנק דעם איז פֿאַר מיר אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ סערטיפֿיקאַט צום בריטישן קאָנסולאַט אין קאָוונע. גלייך נאָך דעם האָב איך פֿון דעם קאָנסולאַט באַקומען אַ מעלדונג, אַז עס ליגט פֿאַר מיר אַן אַריינפֿאָר־וויזע קיין פּאַלעסטינע. דאָס איז געווען אַ בשׂורה, וואָס האָט מיך געדאַרפֿט אָנפֿילן מיט פֿרייד, אָבער די פֿרייד איז מיר פֿאַרשטערט געוואָרן. וואָרום גערעכט איז געווען דער ווילנער „טרעפֿער", וואָס האָט מיר פֿאָראויסגעזאָגט, אַז איך וועל דאַרפֿן אַ סך פּאַפּירלעך. צו די פּאַפּירלעך וואָס איך האָב שוין געהאַט, האָט מיר געפֿעלט דאָס וויכטיקע פּאַפּירל — די אַרויספֿאָר־וויזע און די נישט־ווייניקער וויכטיקע פּאַפּירלעך אין עפֿעקטיווע דאָלאַרן, וואָס דער „אינטוריסט" האָט געפֿאָדערט פֿאַר דעם באַן־בילעט ביז וולאַדיוואָסטאָק, פֿאַר אויסהאַלט אין רעסטאָראַן־וואַגאָן און פֿאַר דער שיפֿסקאַרטע.

די סאָוויעטישע מאַכט האָט נישט געפֿרעגט קיין קשיות פֿון וואַנען די אַרויס־פֿאָרנדיקע האָבן דאָלאַרן. האָבן ביי זיך דאָלאַרן איז געווען אַ קרימינעל פֿאַרברעך, און יעדער איינער, וואָס איז אַריינגעקומען אין „אינטוריסט" איינצאָלן פֿאַר אַ בילעט איז געווען אַ פֿאַרטיקער קאַנדידאַט צו באַקומען צען יאָר קאַטאָרגע. אָבער די אַגענטן פֿון ען־קאַ־וועַ־דע האָבן געקוקט דורך די פֿינגער אויף דעם האַנדל מיט דאָלאַרן אויפֿן שוואַרצן מאַרק. דאָס איז דאָך געווען דער שוואַרצער מאַרק פֿאַר דער סאָוויעטישער רעגירונג, וואָס צו איר אין קאַסע זענען דאָך סוף כּל סוף אַריינגעפֿלאָסן אַלע דאָלאַרן. דער פּרייז פֿון די „גרינע" איז דערגאַנגען צו אַזאַ קורס, אַז איך האָב אַפֿילו נישט געקענט חלומען וועגן מאָביליזירן רוסישע רובלס, אָדער ליטן אין אַזאַ סומע, וואָס מען האָט באַדאַרפֿט אויף צו קויפֿן די נויטיקע דאָלאַרן. מיין האָפֿענונג איז געווען, אַבֿראַם סטאָליאַר זאָל אויספֿירן דעם אָפּמאַך, וואָס איך האָב געשלאָסן מיט אים. אָבער אין שטאָקהאָלם האָט מען זיך נישט געאײַלט צוצושיקן פֿאַר מיר די נויטיקע דאָלאַרן.

ווערדליק דער גרויסער צאָל אַקטן, וואָס זענען אַדורך דורך דעם האָטעל־צימער, האָב איך געהאַט דאָס געפֿיל, אַז מיר דערנענטערן זיך צום סוף. ווי אַן אמתער

שיפס־קאַפּיטאַן, וואָס בעת אַ שיפֿברוך בלייבט ער דער לעצטער אויף דער אונ־טערגייענדיקער שיף, איז אַבראַם געבליבן דער לעצטער, הגם ער האָט אַ פרוי און אַ קינד, וואָס האָבן די זעלבע רעכט צו ראַטעווען זיך ווי עס האָבן אַנדערע. אַט די זעלטענע קרבנות־גרייטקייט אין אַזאַ ביטערער צייט צו בלייבן דער לעצ־טער, האָט געשטאַרקט אין מיר דעם גלויבן, אַז ער וועט אויך כלפּי מיר זיין סאָליד. האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דער אייפער צו ראַטעווען וואָס מער פון זיינע חברים, האָבן אים געמאַכט פאַרגעסן, אַז ער האָט כלפּי מיר די התחייבות צו באַזאָרגן מיך מיט דער נויטיקער צאָל דאָלאַרן.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט ער צוגעשיקט צו מיר אַ צעטל מיט פיר נעמען, וואָס מען דאַרף „אויסגלייכן זייערע הויקערס". צווישן די פיר נעמען איז אויך געווען דער נאָמען שאַפּראַן, פון איינעם פון די פּראָפּעסיאָנעלע טוער אין וואַרשע. די רוסן האָבן געהאַט זיין זון געכאַפּט אויף דער ליטווישער גרענעץ און אים פאַרשיקט אויף סיביר. דער שליח וואָס האָט מיר געבראַכט דעם צעטל מיט די פיר נעמען, האָט מיר האַפּערדיק געזאָגט, אַז ענדלעך וועלן מיט די פיר פאַרענדיקט דאָס אַרויסראַטעווען די אַלע, וואָס האָבן געהאַט „שלעכטע טעקעס". איך האָב זיך דערפילט אָפּגענאַרט און באַליידיקט. הגם אין דער שפּיל איז אַרייגעגאַנגען דער נאָמען פון אַ געליטענעם פאָטער, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן ביי אים צו־גענומען דעם איינציקן זון — און איך האָב שאַפּראַנען געקענט פערזענלעך ווי אַ פיינעם און איידעלן מאַן, האָב איך דעם שליח צוריקגעגעבן דעם צעטל און אים געזאָגט:

„די פיר וועלן בלייבן צוזאַמען מיט מיר צום חסד פון דער ענ־קאַ־ווע־דע. אַ צווייט מאָל וועט מען מיך נישט אָפּנאַרן. איך האָב נישט בדעה צו האָבן געהאָלפן צענדליקער מענטש און צום סוף זאָל איך בלייבן זייער געשטראָפטער אויסלייזער. איך בין נישט קיין יעזוסל. וואָס עס וועט זיין מיט מיר וועט אויך זיין מיט זיי".

ס'איז נישט פאַרביי קיין פערטל שעה און אַבראַם איז געקומען צו מיר. ער איז געווען צו גראַדלייניק, ער זאָל קענען אויסבאַהאַלטן זיינע געפילן. ער איז גע־ווען בלייך און צעטומלט. ער וויל וויסן, צי איך האָב עפּעס פערזענלעכס קעגן די פיר, וואָס זייערע נעמען זענען אויפן צעטל. איך האָב אים געפרעגט וואָס איז בנוגע אונדזער הסכם. „האַ, דאָס, וועגן דעם גייט עס? דאָס איז דאָך אַ קלייניקייט. באמת, עס לוינט נישט צו רעדן. אַ ליאַדע טאָג וועלן די דאָלאַרן אָנקומען. אַרום און אַרום איז עס דאָך אַ לעכערלעכע סומע".

„אמת, ס'איז אַ לעכערלעכע סומע און דעריבער איז די באַליידיקונג נאָך גרעסער, וואָס שוין וואָכן לאַנג דאַרף איך וואַרטן אויף די פּרוטות. ווען אַ צוויי־טער אויף מיין פּלאַץ וואָלט געמאַכט אויף קאָמערציעלע יסודות דאָס וואָס איך האָב געטון פריייוויליק, וואָלט מען פאַר דעם געדאַרפט באַצאָלן אַן אוצר. שטעל איך איצט אַ באַדינג: איר וועט מיר געבן דעם אַדרעס פון שלמה מענדעלסאָן און עמנואל שערער אין שטאָקהאָלם און דעם שיפער מיט וועלכן איר שרייבט זיך דורך. איך וועל זיי טעלעגראַפירן זיי זאָלן גלייך איבערווייזן פאַר מיר דעם נויטיקן סכום דאָלאַרן. און אַז איך וועל האָבן אַ פּאָזיטיוון און דירעקטן ענט־פער מיט אַ באַשטעטיקונג, אַז די דאָלאַרן זענען אָנגעקומען קיין קאָוונע אויף מיין

נאָמען — דעמאָלט װעלן אויך די פיר באַפרייט װערן פון זייערע קאָמפּראָמיטירנ־דיקע אַקטן אין פּליטים־קאָמיסאַריאַט״.

אַבראַם האָט זיך געפּרוּװט קעגנשטעלן מיין אולטימאַטום. דער אַדרעס און דער שיפער קיין שטאָקהאָלם איז די איינציקע פאַרבינדונג מיט דער אויסערלע־כער װעלט. טאָמער װערט קאַליע די פאַרבינדונג, בלייבט מען לגמרי אָפּגעריסן פון דער מעגלעכקייט צו קאָמוניקירן זיך מיט דער פרייער װעלט.

איך האָב אים געזאָגט: „אויב דער שטאָקהאָלמער אַדרעס און דער שיפער זענען מער װערט פון מענטשלעכע לעבנס — האַלט זיי ביז משיח װעט קומען און די פיר װעלן אויסגעשטעלט װערן צו דעם זעלבן גורל װאָס איך װעל האָבן. אויב אָבער מענטשלעך לעבן איז אייך טייער, װעט איר נאָכקומען מיין פאָדערונג אַן דעם מינדעסטן שאָדן פאַר דעם אַדרעס און פאַרן שיפער. אויף אייערע צור־זאָגענישן, אַז איר װעט טעלעגראַפירן, װעל איך זיך מער נישט פאַרלאָזן. טוט װי איר פאַרשטייט״.

אַבראַם איז אַװעק אַ בייזער און אויפגערעגטער, װאָס איך בין אָנגעשטאַנען אויף דער קאָנספּיראַציע. ער האָט מיר אַפילו קיין גוטן טאָג נישט געזאָגט. אָבער איך האָב זיך געפילט באַפרייט פון דער קלעמעניש, װאָס האָט מיך געקלעמט זייט איך האָב זיך דערװוּסט, אַז אין דער רשימה פון די װאָס דאַרפן גערעטעװעט װערן פון ליטע איז מיין נאָמען אויסגעמיטן געװאָרן װי אַ שטראָף פאַר די זינד צו האָבן אויסגעפירט אַ „ציוניסטישע שליחות״. איצט האָב איך דעם חשבון געהאַט רעגולירט.

מיט אַ שעה שפּעטער איז געקומען צו מיר דער שליח פון אַבראַמען. אַבראַם װיל מיך זען. ער װאַרט נעבן מוזיי. איך בין געגאַנגען אים זען און שפּאַצירנדיק האָט ער אָן הקדמות מיר איבערגעגעבן דעם אַדרעס פון שלמה מענדעלסאָן און אַ שיפרירטן טעקסט, װאָס ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער דריקט אויס מיין אול־טימאַטיװע פאָדערונג. צוזאַמען מיט דעם אַדרעס און טעקסט האָט ער מיר אויך צוגעגעבן דאָס צעטעלע מיט די פיר נעמען. איך האָב אים דאָס צעטעלע צוריק־געגעבן:

„איר װעט מיר די נעמען געבן נאָך דעם װי איך װעל האָבן אַ קאָנקרעטן ענטפער״.

אַבראַם האָט געשװיגן. איך בין אַװעק אויף דער פּאָסט און טעלעגראַפירט דעם שיפרירטן טעקסט אויף דעם אָנגעגעבענעם אין שטאָקהאָלם אַדרעס און מיין אדרעס פון האָטעל אין קאָװנע.

מיט דריי טעג שפּעטער האָט מען מיך אַרויסגערופן פון דער אַמעריקאַנער שיפס־געזעלשאַפט „קונאַרד ליין״ אויף לייסיוּעס אַלייע און מיר איבערגעגעבן, אַז פאַר מיינעטװעגן איז באַצאָלט פאַרן בילעט מיט דעם טראַנס־סיבירישן עקספּרעס ביז װלאַדיװאָסטאָק איינשליסלעך מיט די קופּאָנען פאַרן רעסטאָראַן־װאַגאָן און אַן אויפהאַלט אין „טשעלוסקין־האָטעל״ אין װלאַדיװאָסטאָק אַזוי לאַנג װי מיר װעט אויסקומען צו װאַרטן אויף אַ יאַפּאַנישער שיף און אַ שיפס־קאַרטע קיין יאַפּאַן.

אויפצומאַרגנס זענען „אויסגעגליכן געװאָרן די הויקערס״ פון די לעצטע פיר.

די פרייד, אַז אַט־אַט דערנענטער איך זיך צו האָבן אַלע „פּאַפּירלעך״ און איך װעל ענדלעך באַפרייט װערן פון דעם סאָװיעטישן קאָשמאַר, איז מיר פאַר־

שטערט געוואָרן דורך דער ידיעה, אַז די עג־קאַ־ווע־דע נעמט אַראָפּ אַרויספאָרנ־ דיקע פון דער באַן אַפילו ווען זיי האָבן אַרויספאַר־וויזעס. פון דער פרוי און זון פון ח. ש. קאַזדאַן איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון וועג קיין וולאַדיוואָסטאָק, אַז זיי פאָרן אַליין, ווייל זייער מאַן און פאָטער האָט מען אַראָפּגענומען פון דער באַן און ער געפינט זיך אין אַ מאָסקווער תפיסה. זיי האָבן אַפילו נישט געוווּסט, ווי קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז ער איז צוריקגעבראַכט געוואָרן קיין קאָוונע, וווּ ער ווערט געהאַלטן אין קעלער פון דער עג־קאַ־ווע־דע, וואָס פאָדערט פון אים ער זאָל צונויפשטעלן אַ ליסטע פון אַלע בונדישע פירער צווישן די פליטים. צום גליק האָט די עג־קאַ־ווע־דע נישט געוווּסט, אַז די ווייט גרעסטע מערהייט פון די, וואָס זי האָט זיך געגרייט צו פאַנגען, זענען שוין לאַנג געווען אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד. די ידיעה, אַז די עג־קאַ־ווע־דע נעמט אַראָפּ מענטשן פון דער באַן, האָט דערדריקט, אָבער גלייכצייטיק נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם דראַנג אַרויסצורייסן זיך. דאָס אַרויספאָרן איז אַ לאָטעריע מיט גוטע שאַנסן: די מערהייט וועט געווינען און אייגצלנע וועלן פאַרשיקט ווערן אויף סיביר.

דער ווילן צו לעבן און איבערהאַלטן איז געווען אַזוי מעכטיק, אַז אַזעלכע וואָס האָבן זיך געגרייט אַרויסצופאָרן, האָבן אויף דער ידיעה וועגן אַרעסטן זיך צוגעגרייט אויך אויף צו לאַנדן אין סיביר. ס'איז געוואָרן אַ מוראדיקער יקרות אויף „מענטשעלעך" און אויף קורצע פאַרביקע אונטערהייזלעך פון פילדעקאָס פאַר פרויען. די סחורה, וואָס איז געווען בחצי חינם אין די נאַרמאַלע צייטן, איז פאַרשוווּנדן פון די געשעפטן גלייך ווי די רויטע אַרמיי האָט אַריינמאַרשירט קיין ליטע. איצט איז זייער פרייז אויפן שוואַרצן מאַרק געווען צוגלייך מיט גאָלד. אַ „מענטשעלע" האָט מען גערופן אַ זייער דיקן וואַטאַקאַרטיקן אונטערבגד פון דעם אויבערשטן לייבל צוזאַמען מיט די הויזן. „אַריינגייגן" אין אַזאַ בגד, וואָס פאָלקסמענטשן פלעגן אים טראָגן אין די גרויסע פרעסט, האָט מען געקענט נאָר פון הינטן, פון דער פלייצע. דער שטאָף פון דעם בגד איז געווען אַזוי דיק, אַז מען האָט דעם בגד געקענט אַוועקשטעלן און דעריבער האָבן אים די פליטים אַ נאָמען געגעבן „מענטשעלע". אויף סיביר איז עס אַן אויסגעצייכנטע „כלי". פאַר די פילדעקאָס־הייזעלעך, וואָס זייער אויסוואַל איז געווען אין ראַשיק־ליכטיקע פאַרבן, פלעגן סאָוויעטישע פרויען משוגע ווערן. האָבן יידן געהאַלטן, אַז אויף סיביר וועלן אַזעלכע הייזעלעך זיין ווערטיקער פון גאָלד און בריליאַנטן. נישט אַלע וואָס האָבן זיך געגרייט קיין וולאַדיוואָסטאָק און געטראַכט אויך וועגן סיביר האָבן זיך געקענט באַזאָרגן מיט דעם סיבירישן אויסשטייער, וואָס אַפילו עמעצער האָט געהאַט געלט צו קויפן אים איז נישט געווען לייכט אים צו באַקומען.

אויסער דער שרעק צו לאַנדן אין סיביר, וואָס האָט איבעריקנס קיינעם נישט אָפּגעהאַלטן פון צו פאָרן קיין יאַפּאַן, זענען די ווייטגרעסטע מערהייט פליטים, וועלכע האָבן זיך אָריענטירט אויף ארץ־ישראל, געבליבן אין ווילנע און אין קאָוונע און געוואַרט אויף אַ נס. דער „דזשאָינט"־דירעקטאָר בעקעלמאַן, אַ מאַן פון אַ געוואַלדיקן פערזענלעכן קוראַזש, פלעגט אָפט פאָרן קיין מאָסקווע אויף אָפּצושרייען גזירות. אייניקע מאָל האָט געדראָט די געפאַר, די סאָוויעטישע מאַכט זאָל בכלל קיינעם נישט אַרויסלאָזן פון ליטע. נאָכן אַנעקסירן ליטע האָט די סאָ־

וויעטישע רעגירונג געהאַלטן פאַר נויטיק, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון דריי פערטל יאָר אַרויסצוגעבן אַ דעקרעט, אַז פּוילן האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן ווי אַ מדינה. די פּליטים פון פּוילן אין די גרענעצן פון ליטע זענען דעריבער געוועזן שטאַטלאָזע בירגער און ווערדליק דעם שטייגער פון די סאָוויעטן אויפצוצווינגען בירגערשאַפט, האָט זי געקענט די פּליטים פאַרוואַנדלען אין אירע בירגער. אויך אַן בירגערשאַפט האָט די ענ־קאַ־ווע־דע געהאַפט, אַז סוף כל סוף וועט איר געלינגען אַריינצובאַקומען אין אירע הענט אַלע „פאָלקס־שונאים" און „אַגענטן פון קאַפּיטאַליזם". איז די פראַגע פון אַרויספאַר־וויזעס כסדר געהאַנגען אויף משקולת. וואַרשיינלעך האָט דער כוח פון די אַמעריקאַנער דאָלאַרן, וואָס די סאָוויעטישע רעגירונג האָט זיך אויף זיי געקוואַפּעט, געהאָלפן בעקעלמאַנען פאַרלענגערן דאָס אַרויסגעבן וויזעס.

די וועלכע האָבן זיך אָריענטירט אויף ארץ־ישראל האָבן נישט געזען קיין שום לאָגיק אינעם פאָרן קיין יאַפּאַן מיט אַ וויזע, אַז מען דאַרף נישט קיין וויזע קיין קיראַסאַאָ... פון יאַפּאַן איז ארץ ישראל פיל מאָל ווייטער ווי פון ליטע. קיין סערטיפיקאַטן זענען נישטאָ, קיין געלט אויף אַזאַ לאַנגער רייזע איז נישטאָ. „איז וואָס עס וועט זיין מיט כלל ישראל וועט זיין מיט רב ישראל"... זענען קיין יאַפּאַן געפאָרן: די וועלכע האָבן געהאַט וויזעס קיין אַמעריקע, די וועלכע האָבן געהאַט וויזעס קיין קיראַסאַאָ און געטראַכט וועגן דרום־אַמעריקע, ציוניסטישע עסקנים וואָס האָבן געהאַט „ביידע וועלטן" — סיי וויזעס קיין אַמעריקע און סיי סערטיפיקאַטן קיין ארץ־ישראל — און באַשלאָסן, אַז וואָס זיכער איז זיכער. קיין ארץ ישראל וועלן זיי אויך קענען פאָרן נאָך דער מלחמה. אָבער דערווייל איז אַמעריקע נישט באַדראָט פון דער מלחמה און עס איז בעסער איבערצוואַרטן דעם שטורעם, וואָס באַדראָט אויך ארץ ישראל. אויסער דעם זענען קיין יאַפּאַן געפאָרן אַ צאָל „אַוואַנטוריסטן", וואָס ביי דער סאָוויעטישערווירקלעכקייט, מיט היטלערן ווי אַ שותף פון סטאַלינען אין שכנות, האָבן זיי אין דעם וועג קיין ארץ ישראל דורך יאַפּאַן און דעם ווייטן מזרח געזען אַ קאַצנשפּרונג אַנטקעגן דער גרויסער צאָל גרענעצן צווישן ליטע, רוסלאַנד, דייטשלאַנד און אַנדערע. בפרט אַז אין סיריע האָבן שוין דעמאָלט געהערשט די ווישי־לייט, וואָס האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין ארץ ישראל מענטשן אין מיליטער־עלטער. צווישן אָט די „אַוואַנטוריסטן", וואָס האָבן אין ליטע געפילט דעם אַנקומענדיקן חורבן, בין אויך איך געווען. סיי ווי איז די וועלט צעשניטן און צעפּיצלט דורך גרענעצן, וועלכע דערגרייכן אַפילו ביז צום הימל און אויך דאָרט זענען זיי פאַראַן — אַ גרענעץ צווישן גיהנום און גן־עדן און גרענעצן צווישן הימל און הימל, און סיי ווי איז מען אויסגעוואָרצלט — איז בעסער דער לאַנגער וועג וואָס איז זיכער, איידער וואַרטן אויף אַ קורצן וועג ווען משיח וועט קומען...

ווען איך האָב שוין געהאַט אַלע פּאַפּירן און פּאַפּירלעך פאַרטיק אַרויסצופאָרן, האָב איך אויף דער גאַס אין ווילנע געטראָפן אברהם און פריידקע סוצקעווער. איך ווייס נישט צי זיי האָבן מיך מקנא געווען ווען איך האָב זיי געזאָגט. אַז איך קלייב זיך אין וועג אַריין, אָבער אומעט און רעזיגנאַציע האָט אַרויסגעקוקט פון זייערע אויגן, ווי זיי וואָלטן פריער פאַרמשפּט געוואָרן צו ווערן בעל כורחו ליט־

ווישע בירגער און איצט זענען זיי בעל כורחו געווארן סאָוויעטישע בירגער. און זיי קומען אָפּ די שטראָף...

אין דעם טאָג ווען איך בין אַרויסגעפאָרן האָב איך געפאַסט; נישט צוליב רעליגיעזע מאָטיוון, נאָר ווייל איך בין געווען געשפּאַנט, מוראדיק געשפּאַנט. איך האָב אַפילו קיין גלאָז וואַסער נישט געקענט טרינקען. איך האָב געלאָזט וויסן מיינע נאָענטסטע פריינט אין ווילנע, ווען איך פאָר אַרויס פון קאָוונע מיטן צוג קיין מאָסקווע און ווען דער צוג וועט זיך פאַרהאַלטן אין ווילנע. אין קאָוונע האָט מיך צו דער באַן באַגלייט ז. סעגאַלאָוויטש און מיין „בעט־חבר" הערמאַן קרוק. איך האָב געזאָגט צו קרוקן:

„האָסט אַן אַמעריקאַנער וויזע. דיין באַשלוס צו בלייבן אין קאָוונע איז אַן איבעראײַלטער. רעווידיר אים. פאָר אַוועק. פאָר אַוועק! געדענק, צווישן די צוויי מערדער אין מאָסקווע און אין בערלין, איז פאַר אונדז נישטאָ קיין פּלאַץ".

קרוק האָט געשוויגן און סעגאַלאָוויטש האָט געזאָגט מיט טרויער אין זיינע גראָע אויגן:

„הלוואי וואָלט איך געהאַט אַזאַ וויזע, יעדע וויזע, וואָלט איך צופוס אַנטלאָפן. צאַנין, געדענק אין מיר. באַמי זיך איך זאָל קענען אַריינפאָרן קיין יאַפּאַן און דאָרט בלייבן אַ שטיקל צייט. דאָ, אין ליטע, עקט זיך די וועלט".

איך בין איינגעשטיגן אין דער באַן. מיין גאַנצער באַגאַזש איז באַשטאַנען פון אַן איינציק רענצל מיט אַ צוויי פאָר וועש און מיט אַ גרויסן ווורשט, אַז טאָמער פאַרגליסט זיך דער ענ־קאַ־ווע־דע מיך אַראָפּצונעמען פון דער באַן, זאָל איך אויף דעם ערשטן טאָג האָבן וואָס צו עסן...

אין דעם קופּע ווו איך בין אַריין זענען געזעסן צוויי רויט־אַרמייער, טייערע מוזשיקעס. באַלד ווי די באַן האָט גערירט, האָט איינער פון די מוזשיקעס אַרויס־גענומען אַ פלאַש שנאַפּס און מיט דער האַנטפלאַך אַרויסגעקלאַפּט דעם פּראָפּן — האָפּ! איינער האָט געגעבן אַ זופּ און איבערגעגעבן דאָס פלעשל צום צווייטן און אויך דער צווייטער האָט געטון אַ זופּ. ער דערלאַנגט מיר דאָס פלעשל, איך זאָל אויך נעמען אַ זופּ. ווייל איך נישט. בעטן זיי ביי מיר ווי מען בעט אַ גזלן: „בּוזשע, בערי, טאָוואַרישטש!" די אויגן ווערן זיי פייכט פון טרערן, ווי איך וואָלט זיי דאָ געגאַנגען באַליידיקן צום טויט. האָב איך גענומען דאָס פלעשל און אַ זופּ געטון פון דעם ביטערן טראָפּן. און נאָך מיר איז ווידער דאָס פלעשל געגאַנגען צום ערשטן אין דערנאָך צום צווייטן און דערנאָך ווידער צו מיר. האָב איך אַרויס־גענומען דעם ווורשט. וואָס איך האָב צוגעגרייט אויף סיביר, אָפּגעריסן פון אים שטיקער און מכבד געווען מיינע נייע פריינט. האָבן מיר אַלע צוזאַמען געטרונקען דעם שנאַפּס און פאַרטיק געמאַכט דעם ווורשט. אָבער אַזוי ווי איך בין געווען אין תענית און אַ יידישער שיכור בין איך — איז מיר דער שנאַפּס אַריין אין קאָפּ און אין די פּיס. און די צוויי רויטאַרמייער האָבן מיר זיך געטאָפּלט, פאַרדריי־מאָליקט און פאַרצענמאָליקט, ווי מיט מיר וואָלט געפאָרן אַ גאַנצע אַרמיי און זי באַשטייט פון מיינע פריינט, וואָס מיר עסן און טרינקען צוזאַמען. איך בין געווען שיכור.

ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ווילנע, האָב איך אויפן פּעראָן דערזען

מײַנע פֿרײַנט אינזשיניער מאיר האָפֿמאַן, אײנער פֿון די וואָס זענען מיט מיר געגאַנגען איבער דער גרענעץ קיין ווילנע, און פּרוי קאַסעל. איך האָב צו זיי גע־וואָלט אַרויסקריכן דורכן פֿענצטער, האָבן זיי מיר געהייסן גיין דורך דער טיר. איך בין אַראָפּ צו זיי, זיי אַרומגענומען, געקושט און געשריגן:

„איך האָב אין דר'ערד סטאַלינען! מיר וועלן אים אַלע איבערלעבן. זאָל סטאַ־לין זײַן אונדזער אַלעמענס כּפּרה!"

מאיר האָפֿמאַן האָט מיר מיט דער האַנט פֿאַרשטופּט דאָס מויל און געבעטן:

„צאַניק, שווײַג, שווײַג, דו ביסט שיכּור. וועסט ברענגען אַן אומגליק אויף אונדז!"

איך האָב זיך נישט געקענט באַהערשן. איך בין געווען שיכּור און נישט גע־פֿילט די געפֿאַר.

„אַנטלויפֿט פֿון סטאַלינס גיהנום! ער איז דער רויטער היטלער!" — האָב איך געשריגן.

מאיר האָט מיך אַנגעכאַפּט און ווידער פֿאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט. פֿרוי קאַסעל האָט אים געהאָלפֿן מיך צופֿירן צו דער טיר פֿון וואַגאָן. זיי האָבן מיך מיט כּוח אַרײַנגעשטופּט און איך בין געפֿאַלן. זיי האָבן הינטער מיר פֿאַרהאַקט די טיר. אַז איך האָב זיך מיט אַ סך מי אויפֿגעשטעלט, האָט די באַן גערירט. מײַנע פֿרײַנט האָב איך מער נישט געזען. זיי זענען אַנטלאָפֿן פֿון דער געפֿאַר, וואָס האָט דעמאָלט געשלאָגן פֿון מײַן שיכּורקייט, ווי איך בין אַנטלאָפֿן פֿון דעם סטאַלין־היטלערישן גיהנום...

פֿון דער שיכּרות האָב איך זיך אויסגעניכטערט ערשט אין אָוונט, ערגעץ־ווו אויף אַ זײַטיקער טומלדיקער סטאַציע, ווו עס איז פֿאָרגעקומען די פּאַספּאָרטן־קאָנ־טראָל. כאָטש ליטע איז געווען אַ סאָוועטישע רעפּובליק, אַ ברידערלעכע מדינה, איז די קאָנטראָל געווען לויט אַלע כּללים אויף דער גרענעץ צווישן צוויי ווילד־פֿרעמדע מדינות. אין דעם וואַגאָן וואָס האָט זיך היפּש איבערפֿולט מיט ציווילע און מיליטערישע פּאַסאַזשירן, איז אַרײַנגעקומען אַ מונדירטער קאָנטראָלער און געפֿאָדערט פּאַספּאָרטן און קאָמאַנדיראָווקעס. דער גרענעץ־קאָנטראָלער האָט זיך פֿײַן אײַנגעקוקט אין מײַן „לײַדימאַס", ווי ער וואָלט זיך אין אים געשפּיגלט. אין אים אַוועקגענומען אַן צו זאָגן אַ וואָרט. אין דער רגע בין איך געווען אַזוי ניכטער, ווי איך וואָלט אין מײַן לעבן נישט גענומען אין מויל אַרײַן אַפֿילו אַ טראָפּן הבדלה־ווײַן. נאָר דאָס לשון איז מיר אָפּגענומען געוואָרן און איך האָב נישט געקענט פֿרעגן דעם אַוועקגייענדיקן מאַן פֿאַרוואָס ער נעמט מיר צו מײַן פּאַספּאָרט.

וואָס האָב איך צו פֿרעגן? דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר צעקלאַפּט מיט האַס־טיקע קלעפּ. מסתּמא וועט מען מיך באַלד אַראָפּנעמען פֿון דער באַן און דאָס וועט זײַן דער סוף. אויס חלומות, אויס פֿרײַהייט און אַן עק צו אַלע האָפֿענונגען. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אַלע פּאַסאַזשירן אין מײַן קופּע און אויך די וועלכע שטייען אין קאָרידאָר קוקן אויף מיר און אויך זיי וואַרטן מיט פֿאַרדאַכט און נײַ־גער אויף דעם פֿינאַל, ווען מען וועט מיך אַראָפּנעמען. דערווײַל זענען אין קופּע אַרײַנגעקומען אַנדערע צוויי מונדירטע און געהייסן איך זאָל זיי ווײַזן מײַן

באַגאַזש. איך האָב געעפנט מיין איינציקע וואַליזע און זיי האָבן געלאָזן דורכגע־נישטערט מיין אָרעמקייט און געקוקט מער אויף מיין פנים ווי אויף דעם וואָס זייערע פינגער האָבן אויסגעטאַפּט.

אַ גוטער סימן איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן מיר געהייסן צוריק אַוועק־שטעלן מיין וואַליזע אויבן, אויף דעם באַגאַזשניק. נאָר פון דעם גוטן סימן האָבן די האַרץ־קלעפּ נישט אויפגעהערט ביז נאָך אַ וועלכער שעה האָט מיר דער קאָנ־טראָלער געבראַכט צוריק מיין „ליידימאַס" און מיר אים דערלאַנגט אין דער האַנט אַריין מיט אַ שאָקל, ווי ער וואָלט מיר געטון אַ פּערזענלעכע טובה וואָס צווישן די צוויי ריכטונגען סיביר און ווּלאַדיוואָסטאָק לאָזט ער מיך פאָרן קיין ווּלאַדי־וואָסטאָק... אַ שווערער שטיין איז מיר אַראָפּגעפאַלן פון האַרץ און איך האָב זיך אָנגעפילט מיט אַזוי פיל לעבנספרייד, אַז איך וואָלט זיך געכאַפּט קושן פרעמדע מענטשן. כ׳בין אַדורך נאָך איין גורלדיקע גרענעץ. ביי סמאָלענסק בין איך שוין געווען אַ היימישער מיט מיינע מיט־פּאַסאַזשירן, — גוטע מענטשן, נאָר זייער שלעכט אָנגעטון, אין אויסגעריבענע מאַנטלען, מיט בולטע סימנים, אַז זיי, די מאַנטלען, האָבן אַמאָל געהאַט סאַמעטענע, צי קאַראַקולענע, אָדער פאַקענע קעלנער.

אויף דער סמאָלענסקער סטאַציע האָב איך זיך צום ערשטן מאָל אָנגעטראָפן מיט דער אינסטיטוציע „קיפּיאַטאָק", וואָס איך האָב שפּעטער באַגעגנט אויף יעדער סטאַציע פון דעם לאַנגן טראַנס־סיבירישן באַן־טראַקט. ערשט אין סמאָ־לענסק האָב איך באַמערקט, אַז אַ טייל פון די פּאַסאַזשירן זענען באַוואָפנט מיט טשייניקעס און ווי נאָר די באַן שטעלט זיך אויף אַ סטאַציע, לויפן די לייט מיט די טשייניקעס נאָך „קיפּיאַטאָק".

אין ווילנע האָב איך געהאַט איינגעהאַנדלט אַ טערמאָס מיט אַ רויט באַקאַליטן טעפּעלע צוגעשרויפּט פון אויבן. איך האָב דעם טערמאָס געקויפט אויפן פּאַל די רוסן וועלן מיין רייזע אויסקערעווען אויף סיביר. אַנדערע האָבן פאַר דעם סיביר־פאַל איינגעהאַנדלט וואַטענע „מענטשעלעך", פאַרביקע ווייבערישע פילדע־קאָס־אונטערהייזלעך און ביוסטהאַלטערס. איך האָב אויף די אַלע גוטע זאַכן נישט געהאַט קיין געלט. האָב איך געקויפט אַ טערמאָס אויף דריי גלעזער טיי. ווי נאָר איך האָב געזען, אַז די מוזשיקעס גייען מיט טשייניקעס נאָך „קיפּיאַטאָק", האָב איך אַרויסגענומען פון מיין וואַליזע דעם טערמאָס, כדי נאָכצוטון וואָס אַלע טוען — נעמען „קיפּיאַטאָק". נאָר מיין טערמאָס פון שוואַרצן מעטאַל מיט דעם רויטן באַקאַליטן טעפּעלע פון אויבן האָט אויפגערודערט דעם גאַנצן עולם אין קופּע. איך בין געוואָרן זייער חשוב אין אַלעמענס אויגן. איך האָב געבראַכט אַ טערמאָס „קיפּיאַטאָק" און אים אַוועקגעשטעלט אויפן טישעלע נעבן פענצטער. אַלעמענס אויגן זענען געלעגן אויף מיר און אויף מיין טערמאָס. איינע, אַ יונגע פרוי, האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און מיר געפרעגט: „טשטאָ עטאָ?" — „עטאָ טערמאָס" — האָב איך געזאָגט און זי וואָלט פונקט אַזוי געוווסט וואָס דאָס איז ווען איך זאָל איר זאָגן, אַז דאָס איז אַ שרויף צו דער לבנה, אָדער אַ שפּיל־מאַשינקע. ערשט ווען איך האָב אין מיטן פאָרן אַראָפּגענומען דאָס רויטע טעפּעלע, געעפנט דעם פּראָפּן און אָנגעגאָסן אינעם רויטן טעפּעלע הייס וואַסער — האָבן זיך ביי אַלע געעפנט מויל און אויגן פון וואונדער. איך בין געווען אַ זייער וויכטיקער מענטש.

סוף־כל־סוף האָט מיין טערמאָס געכאַפּט אַן עין הרע, אָבער וועגן דעם וועל איך דערציילן ווען עס וועט קומען די עין הרע און די פאַרבינדונג פון דער געשעעניש.

איך בין אָנגעקומען קיין מאָסקווע באַגינען, ווען די שטאָט איז נאָך געשלאָפן. דער באַאַמטער פון אינטוריסט איז געווען דורכגעפרוירן, מיט אַ בלאָער נאָז און אין אַ לייכטן מאַנטל. עס איז אים געווען אַזוי קאַלט, אַז ער האָט נישט געקענט רעדן. איז מיר געוואָרן אַ רחמנות אויף אים און אָנשטאָט ער זאָל מיר העלפן האָב איך געזוכט מיט וואָס איך קען אים העלפן. האָב איך אים צוגעאיילט מיר זאָלן קודם כל אריינגיין אין וואָקזאַל און דערנאָך וועט מען זען. אין וואָקזאַל האָט ער אָנגעהויבן פּלאַנירן אין וועלכן האָטעל איך זאָל צופאָרן און וויפל אַזייגער איך דאַרף זיין אין „אינטוריסט", כדי צו רעזערווירן פאַר מיר אַ פּלאַץ אין דעם טראַנס־סיבירישן עקספּרעס קיין וולאַדיוואָסטאָק. נאָך אַ קורצן שמועס מיט מיין שלעכטן רוסיש בין איך געוואויר געוואָרן עטלעכע נישט פרייליכע זאַכן: ערשטנס, אַז דעם זעלבן טאָג גייט אָפּ דער טראַנס־סיבירישער עקספּרעס, אָבער אַזוי ווי איך האָב נישט קיין רעזערווירטן פּלאַץ, וועל איך קענען פאָרן ערשט אין צוויי טעג אַרום, ווייל דער עקספּרעס לויפט בלויז דריי טעג אין דער וואָך. צווייטנס, אַזוי ווי איך האָב נישט קיין רעזערווירטן האָטעל, וועל איך ווי אַ טראַנזיט־טוריסט מוזן צאָלן פאַרן האָטעל מיט דאָלאַרן. האָב איך געמאַכט אַ חשבון, אַז צוויי נעכט אין האָטעל מיט דאָלאַרן וועט מיר מאַכן אַ תל מיינע פּופּציק דאָלאַר, וואָס איך האָב באַהאַלטן ווי „לענדינג מאַני", וואָס אָן זיי וועט מען מיך נישט אריינלאָזן קיין יאַפּאַן.

האָב איך באַשלאָסן פאַר אַלעם פּטור ווערן פון דעם באַאַמטן פון „אינטוריסט" און אָנהייבן זאָרגן פאַר זיך אַליין, כדי נאָך דעם זעלבן טאָג אַריינבאַקומען זיך אינעם עקספּרעס צוג קיין וולאַדיוואָסטאָק. האָב איך געזאָגט צו מיין פאַרזאָרגער, אַז אַזוי ווי עס איז נאָך באַגינען און אַזוי ווי דאָס ביורא פון „אינטוריסט" איז נאָך נישט אָפן אין אַזאַ פריער שעה און אַזוי ווי אין דרויסן איז אַ וויסטע קעלט, וועל איך אויפן וואָקזאַל צוואַרטן ביז אַזייגער ניין און דעמאָלט וועל איך אַליין קומען אין ביורא פון „אינטוריסט", ווו מען וועט זאָרגן פאַר מיין האָטעל און פאַר אַ פּלאַץ אין צוג אין צוויי טעג אַרום. דעם באַאַמטן איז געפעלן מיין פּלאַן און איך בין פון אים פּטור געוואָרן אויף אייביק.

דעפּאָנירט מיין וואַליזע, בין איך געווען אַ פרייער מענטש אין מאָסקווע. איך האָב זיך אָוועקגעלאָזט אין שטאָט אַריין און דעם ערשטן וויזיט אָפּגעשטאַט אין אַ רעזורע. אויף אָט דעם ערשטן וועג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין דעם פּאָטער־לאַנד פון דער רעוואָלוציע איז די פרוי אויסגעגלייכט מיט דעם מאַן: די מאָטאָר־פירערין פון דעם טראַמוויי איז אַ פרוי אין וואַילאָקעס און מיט אַ גרויסער וואָלע־נער טוך אַרום קאָפּ. פרויען רוימען די גאַסן פאַרביי וועלכע דער טראַמוויי פאָרט. אין דער רעזורע האָט מיך גענומען אין דער אַרבעט אַריין אַ פרוי און מיך אָפּגע־שוירן און אָפּראַזירט בעסער ווי דריי מענער וואָלטן עס געמאַכט. דערנאָך בין איך געגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן ווו דער עולם האָט אויף פרישטיק געגעסן ווורשטלעך און פאַרטרונקען מיט וואָדקאַ. די ווורשטלעך מיט קרויט האָבן מיך אַרויפגעפירט

אויף אַן אידיי, אַז ווען איך וואָלט אין מאָסקווע באַקומען אַ גוטן און גרויסן טרו־קענעם ווורשט, וואָלט איך אים מיטגענומען אויפן וועג. וואָרום דער טראַנס־סיבירישער עקספרעס פאָרט ביז וולאַדיוואָסטאָק צוועלף טעג; איך האָב נישט קיין אנונג ווי אַזוי די פאַסאַזשירן ווערן געשפייזט אין דעם רעסטאָראַן־וואַגאָן, איז גוט צו האָבן מיט זיך אַ גרויסן, טרוקענעם ווורשט ווי אַ מעשה זאָל זיך נישט מאַכן...

די געשעפטן אויף די צענטראַלע גאַסן האָבן אויסגעזען גאַנץ לייטיש. אין די שויפענצטער ליגן סחורות: ווייבערישע „טופלעס", וואָס זעען אויס ווי קוליטשעס — אָבער דאָך „טופלעס"; מענערישע מאַנטלען, וואָס זעען אויס ווי גענייט פאַר מתים אין טרומנעס אריין — אָבער דאָך מאַנטלען. און אָט זע איך אַ געשעפט, וואָס איך זוך: אין שויפענצטער הענגען גרויסע און טרוקענע ווורשטן, פון אויבן אביסל פאַרשימלט, אַזעלכע וואָס מען פלעגט זען אין די וואַרשעווער און לאָדזשער יידישע ווורשט־געשעפטן פאַר דער מלחמה. איך האָב דערפילט דעם גוטן ריח פון דעם ווורשט און אין מויל איז מיר געוואָרן וואַסערדיק פון אַפעטיט. און טאַקע נישט ווייט פון דעם ווורשט ליגט אַ ריזיקער האַלבער ראָד פון אַ געלבלעכן שווייצער־קעז מיט גרויסע לעכער. און ווידער ווערט וואַסערדיק אין מויל פון אַפעטיט. אָבער איך דערמאַן זיך, אַז איך בין פליישיק נאָך דעם טרוקענעם ווורשט און דער אַפעטיט פאַרגייט מיר... האָב איך געמאַכט אַ חשבון וויפל טשערוואָנצעס איך האָב אין בוזעם־טאַש און אריין אין געשעפט פון ווורשט מיט שווייצער־קעז. דאָס געשעפט איז מיר באַלד נישט געפעלן געוואָרן: אויף די האַלב־ליידיקע פאָ־ליצעס איז פון איין זייט געשטאַנען אַ גרויסע סטאַלין־פיגור און נישט ווייט פון איר אַ קלענערע קאַלינין־סטאַטוע. פון דער צווייטער זייט זענען געלעגן אַ פאָר לעבלעך ברויט און עטלעכע בלעכענע שעכטלעך. די אַלע גוטע זאַכן האָבן מיר נישט אינטערעסירט, נאָר איך האָב דער פאַרקויפערין אָנגעוויזן אויפן שויפענצ־טער, אַז איך וויל אַ קיללאָ קאַללבאַס און אַ קיללאָ שווייצער־קעז. זי האָט מיר עפעס געענטפערט דיפלאָמאַטיש און איך בין צוגעשטאַנען, אַז איך ווייס וואָס איך וויל און איך וויל קאַלבאַס און שווייצער־קעז. די פאַרקויפערין האָט שנעל פאַרלוירן ס׳געדולד צו מיר. נאָר אַזוי ווי פון מיין רוסיש האָט זי פאַרשטאַ־נען, אַז מיין וויג איז נישט געשטאַנען אין מאָסקווע, האָט זי צוגערופן אַן עלטערע פרוי, מיט מער געדולד. און די עלטערע פרוי מיט מער געדולד האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אמתער קאַלבאַס און אמתער ווורשט האָט אין דער מינוט אויס־געפעלט און דאָס וואָס עס הענגט אין פענצטער איז אַ ווורשט־מאַנעקין פון האָלץ און דאָס וואָס עס ליגט אין פענצטער איז אַ שווייצערקעז־מאַנעקין פון פאַפיר. דאָס אמתע וועל איך זיכער באַקומען אין אַן אַנדער מאַגאַזין... איך האָב געפרווט מיין מזל און אין אַלע מאַגאַזינען פון שפייז האָב איך געזען גענוי די זעלבע הילצערנע ווורשטן און פאַפירענע שווייצערקעזן. אומעטום האָט דאָס אמתע אין דער מינוט אויסגעפעלט.

נאָך דעם נסיון מיט די ווורשטן איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך דאַרף פרווון דעם מאָסקווער מעטראָ, צי איז ער אַן אמתער, ווי מען באַשרייבט אים, אָדער דער מעטראָ איז אַ „מאַנעקין" אויף אָנצוקוקן, עס זאָל ווערן וואַסערדיק אין מויל פון אַפעטיט. איך בין פאַרבליפט געוואָרן פון זיין אמתדיקייט, פון די רחבותדיקע

פּאַלאַצנאַרטיקע אַריינגענג. מאַרמאָר און ליכט, פּאַרב און רייכקייט — קונסט־ווערק. אונטן, אין מעטראָ, הערשט אַזאַ מוראדיקער קאָנטראַסט צו דעם וואָס איז אויף דער אויבערפלאַך, אויף דער ערד. אויבן גראָ, פינצטער, די געביידעס שווערע, קאַזאַרמעדיקע, און אינטן — גלאַנץ און פּראַכט און ליכט, ליכט, ליכט. די וואַגאָנען ציכטיקע, עסטעטישע ווידער מיט אַ סך ליכט. נאָר די פּאַסאַזשירן זענען אין אַ מוראדיקן קאָנטראַסט צו דער גאַנצער ליכטיקער רייכקייט. די מענטשן זענען אָנגעטון אין אויסגעריבענע מאַנטלען פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און ווערליק די קורצע אַרבל איז צו זען, אַז די מאַנטלען זענען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געניייט געוואָרן פאַר אַנדערע און נישט פאַר די, וואָס טראָגן זיי אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ נאָך גרעסערער קאָנטראַסט זענען די ווייבער־פּאַסאַזשירן אין מעטראָ. אַלע האָבן אויסטערליש גרויסע הינטנס, וואָס צעשפּאַרן די אַלטמאָדישע מאַנטלען, און זייערע ליפּן זענען פאַרפּאַטשקעט מיט רויטע פאַרב. ווי נאָר עס פאַרמאַכן זיך די טירן פון מעטראָ ווערט שטיקעדיק און עס זעצט אין קאָפּ אַריין דער איבלדיקער ריח פון העליאָטראָפּ.

אין יענער צייט איז אין רוסלאַנד געוואָרן אַ מאָדע פרויען זאָלן זיך פאַרבן די ליפּן אויף רויט און נוצן אָ־דע־קאָלאָן, זיי זאָלן אויסזען מער ווייבלעך. אָבער די רוסישע פרויען האָבן נישט געקענט די קונסט ווי אַזוי צו שמירן די פאַרב אויף צו באַקומען אַן אינדיווידועלן עפעקט פון די ליפּן־ליניעס, נאָר זיי האָבן געשמירט גלייכע פּאַסן איבער די ליפּן. דאָס האָט די שלעכט־געקליידעטע פרויען געמאַכט נאָך אַרעמער און עלנטער. דער אָ־דע־קאָלאָן מיט דעם אַרעמען און איבלדיקן ריח פון העליאָטראָפּ, געגאָסן אין גרויסע מענגעס, האָט געקענט אַראָפּפירן פון זינען.

האָב איך שוין ליבערשט אויסגעקליבן די אויבערפלאַך פון דער ערד און אַוועק אין דער סאָבאָר־גאַלעריע אויפן רויטן פּלאַץ. דאָ, צווישן די בילדער און אי־קאָנעס, האָב איך ענדלעך אָפּגעפונען יענע אַטמאָספער פון דער רוסישער קולטור, פון וועלכע אויך מיין דור האָט אין זיין פריער יוגנט געגאָסן אין רייך געוואָרן.

אַז קאָמוניזם איז געוואָרן אַ נייע פאָרם פון דער אַלטער פּראַוואָסלאַוויע האָב איך געזען אין דעם לענין־מאַוזאָליי, ווו אַן אַלטיטשקע פרוי האָט זיך איבערגע־צלמט פאַר דער מומיע פון לענינען אין דער גלעזערנער טרומנע. נאָך איין צערק־וויאַלער הייליקער צו די אַלע פאַרהייליקטע באַטיושקעס, פּאַפּן און אַרכימאַנדריטן, וואָס ליגן באַגראָבן אין דער צערקווע אויף יענער זייט קרעמל־וואַנט. און דער גרינלעכער מאַרמאָר אין מאַוזאָליי איז אויך אויף אונטערצושטרייכן דאָס קלויס־טערדיקע

אזוי האָב איך אין דעם איינעם טאָג פאַרזוכט אַלע טעמים פון מאָסקווע און אַן אָנגעזעטיקטער פון די קאָנטראַסטן בין איך מיר נאָך מיטאָג אַוועק צום וואָקזאַל, פון וועלכן עס גייט אָפּ דער טראַנס־סיבירישער עקספּרעס צום וויטן מזרח.

פון מיין נסיון מיט סאָוויעטישע מענטשן איז ווילנע האָב איך געוווסט, אַז זיי זענען פילבאָר, ווי קינדער, אויף פאַרביקע קליינקייטן מיט עפעקטן. האָפּטקע, דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער יידישער אָפּטיילונג ביים אינערן־מיניסטעריום אין וואַרשע, האָט אין ווילנע געהאַט געדונגען אַ זייער גרויסע דירה. אַז די סאָוויעטן האָבן אָקופּירט ליטע האָבן זיי אויך רעקווירירט

צימערן פֿאַר אַפּיצירן פֿון דער רויטער אַרמיי, וואָס זענען געשטאַנען אין ווילנער גאַרניזאָן. האַפּטקען האָט מען מזכה געווען מיט צוויי מאַיאָרן־ליאַטשיקעס מיט ווייבער און קינדער. זיי האָבן זיך אין דעם הויז געפֿילט זייער היימיש, און אָפֿט, ווען איך פֿלעג אַרויפֿקומען צו האַפּטקען, זענען די אַפּיצירן געזעסן ביים טיש, געטרונקען טיי מיט וואַרעניע, וואָס האַפּטקעס פֿרוי האָט געהאַט צוגעגרייט, און געשמועסט וועגן עסן און קליידער.

דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן פֿון די אַפּיצירן איז געווען צו פֿאַרברענגען מיט זייערע פֿאַמיליעס אין דער גרויסער וואַנע. די אידיליע איז געווען אַזאַ: דאָס וואַנע־צימער איז גוט אָנגעהייצט געוואָרן, דאָס וואַסער אין קעסל האָט געדאַרפֿט זיין נישט צו הייס און נישט צו קאַלט. אין וואַנע־צימער האָט מען אַריינגע־שטעלט אַ גראַמאַפֿאָן. מאַן און ווייב מיט די קינדער האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דער וואַנע און געלאָזט אין גאַנג דעם גראַמאַפֿאָן. איינער פֿון די מאַיאָרן־ליאַטשיקעס האָט ספּעציעל ליב געהאַט די פּלאַטע אויף וועלכער עס איז געווען דאָס ליד „אַ קאַק דיאַדיאַ עלי", וואָס איז געווען נישט עפּעס אַנדערש ווי אַן איבערזעצונג אין רוסיש פֿון „אַז דער רבי אלימלך". די קינדערלעך האָבן זיך געפּליעסקעט אין וואַסער. דער מאַיאָר ליאַטשיק האָט געפֿידלט און גע־צימבלט צוזאַמען מיט דעם זינגער פֿון דער פּלאַטע און דאָס לעבן איז געווען שיין.

איינמאָל זיצנדיק ביים טיש האָב איך פֿון טאַש אַרויסגענומען אַ זייער פּרי־מיטיוון ציגאַרעטן־צינדער, וואָס אויפֿן רוקן האָט ער געהאַט אַ פֿלינט־שטיין און פֿון דער צווייטער זייט האָט מען אַרויסגעצויגן אַ מעטאַלן „שוועבעלע" מיט אַ קנויטל. אַז מען האָט דאָס מעטאַלענע „שוועבעלע" מיטן קנויטל אָנגעריבן אין פֿלינט האָט זיך עס אָנגעצונדן מיט אַ קנאַק און — איך האָב פֿאַררויכערט מיין ציגאַרעט. די אַפּיצירן, פּילאָטן פֿון עראָפּלאַנען, וואָס זענען פֿון טעכניש וווּנדער, זענען אַריין אין התפעלות פֿון מיין פּרימיטיוון ציגאַרעטן־צינדער און איינער האָט אויסגערופֿן „וואָט טיעכניקאַ!". ביידע האָבן געקוקט אויף דער טעכניק פֿון דעם גראַשנדיקן מכשיר, ווי ער וואָלט געווען מער קאָמפּליצירט ווי זייערע עראָפּלאַנען.

אַז איך האָב געזען וואָס עס רופֿט אַרויס התפעלות ביי אינטעליגענטע מענטשן האָב איך גלייך איינגעקויפֿט נאָך איין צינדער. טאָמער וועט ער מיר צונוצקומען. ער איז מיר צונוצגעקומען!

די באַן קיין וולאַדיוואָסטאָק איז געשטאַנען אַ גרייטע אויפֿצונעמען פּאַסאַ־זשירן, אָבער די טירן פֿון די וואַגאָנען זענען געווען פֿאַרשלאָסן און פֿאַר יעדן פּאַסאַזשיר באַזונדער האָט דער קאָנדוקטאָר געעפֿנט די טיר. בין איך צוגע־גאַנגען צו אַ קאָנדוקטאָר און אים דערלאַנגט מיין בילעט, וואָס איך האָב געהאַט פֿון „אינטוריסט" אין קאָוונע, און געבעטן ער זאָל מיר אַריינלאָזן אין וואַגאָן. „האָסט אַ רעזערווירטן פּלאַץ?" — האָט ער געפֿרעגט. איידער איך האָב אים געענטפֿערט האָב איך אַרויסגענומען אַ ציגאַרעט מיט דער פּרימיטיווער צינד־מאַשינקע, געגעבן אַ שאָס מיט דעם מעטאַלענעם „שוועבעלע" און דער ציגאַרעט איז פֿאַררויכערט. איך האָב נישט געדאַרפֿט צו פֿיל קוקן, כדי צו זען, אַז מיט דעם איינעם „שאָס" האָב איך פֿאַרכישופֿט דעם קאָנדוקטאָר. ערשט איצט האָב

איך געענטפערט אויף זיין פראַגע, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין צייט ווען צו רעזערווירן אַ פּלאַץ אין עקספּרעס־צוג, אָבער איך מוז מיטן לעבן זיין וואָס פריער אין וולאַדיוואָסטאָק, דאָרט וואַרט אויף מיר אַ שיף, וואָס איך קען פאַר־שפעטיקן. „זנאַיעטיע, מאָי פאַראָכאָד ז׳וולאַדיוואָסטאָקאַ...״ דער קאָנדוקטאָר הערט מיט איין אויער און מיט ביידע אויגן קוקט ער אויף מיין האַנט אין וועלכן איך האַלט דאָס וואונדער מיטן שאָס, נאָר איך האַלט עס שוין נישט אין מיין האַנט, איך האָב עס אַריינגעלייגט אין זיין האַנט. ער איז אין גאַנצן געוואָרן צעטומלט און פאַרשכורט, ווי איך וואָלט אין זיין האַנט אַריינגעלייגט די לבנה מיט דער זון מיט אַלע שטערן. ער שליסט אויף די טיר פון וואַגאָן, ער גייט דער ערשטער און איך נאָך אים, ער פירט מיך אַריין אין אַ קופּע און ווייזט מיר אָן אויף אַ פרייען פּלאַץ נעבן סאַמע פענצטער. איך פאָר! דאָס טעכנישע וואונדער פון מיין פּלינט־ציינד־שוועבעלע־מאַשינקע האָט געמאַכט כשוף.

אַזוי ווי דער וועג איז אַ לאַנגער, מען פאָרט צוועלף טעג, איז יעדער קופּע באַשטימט פאַר פיר פּאַסאַזשירן. אין אָוונט מאַכט מען פיר בעטן — צוויי אונטן, צוויי אויבן און ס׳איז היימיש. דער וואַגאָן איז אַ ציכטיקער, אַ גוט־געהייצטער און יעדער קופּע האָט אפילו אַ ראַדיאָ־הילכער צו הערן לידער. און דאָס ערשטע ליד, וואָס איך האָב דאָ געהערט איז געווען... „אַ קאַק דיאַדאַ עלי״... דאָס צונויפ־פאַלן זיך פון דעם כשוף מיט דער פּלינט־ציינד־שוועבעלע־מאַשינקע מיט דעם ליד „אַ קאַק דיאַדיאַ עלי״, וואָס איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט פון דער וואַנע־אַרויס ביי האַנטקען אין באָד־צימער, איז געווען פאַר מיר אַ סימן, אַז איך האָב אָנגעהויבן מיין רייזע מיטן רעכטן פוס און איך וועל מיט אייבערשטנס הילף פאַרפאָרן קיין וולאַדיוואָסטאָק.

מיינע מיט־פּאַסאַזשירן אין קופּע זענען געווען: אַן אַמעריקאַנער דאָקטאָר, וואָס האָט באַגלייט אַ קראַנקע פרוי פון שוועדן קיין אַמעריקע (די קראַנקע האָט געהאַט אַ באַזונדער קופּע ערשטע קלאַס), ער האָט געהייסן מילטאָן דזשעקסאָן. ער האָט ליב געהאַט צו ווייזן די פאָטאָגראַפיעס פון זיין פרוי און צוויי טעכ־טערלעך, וואָס ביידע האָבן אויף די פאָטאָגראַפיעס אויסגעזען ווי אויסגעקאָכטע מייערלעך. ער האָט די בילדער געוויזן אַזוי פיל מאָל און ער האָט געהאַט וועגן זיי צו דערציילן אַזוי פיל, אַז צום סוף האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דאָס זענען פאָטאָגראַפיעס פון מיינע נאָענטע קרובים. דער צווייטער מיט־פּאַסאַזשיר איז געווען אַ ווינער יידישער יונגערמאַן, אַ געוועזענער שוצבונדיסט, וואָס האָט זיך געהאַט מאָביליזירט אין דער פינישער אַרמיי אין דער צייט פון דער מלחמה מיט סאָוויעט־רוסלאַנד. ער איז געווען אַן אַקטיווער זעלנער אויפן פינישן פראָנט און געהאָלפן שלאָגן די באָלשעוויקעס. דאָס האָט ער מיר פאַרטרויט אויפן צווייטן טאָג פאָרן צוזאַמען. ער איז געווען זייער אַ שטילער און באַשיידענער מענטש און ער האָט זיך געקלאָגט פאַר מיר, אַז מיט דער אַנטוישונג אין סאָציאַ־ליזם, וואָס זיינע קאָמוניסטישע וואָרצלען זענען פאַרפוילט, איז אונטערגע־גאַנגען דאָס שענסטע וואָס ער האָט געהאַט אין זיין לעבן. זיין היים ווין איז פאַר־נומען דורך היטלערן. זיין אידיי איז געשלאָגן פון באָלשעוויזם, פאָרט ער קיין אַמעריקע, כדי צו ראַטעווען זיך פון פאַרצווייפלונג. דער פערטער מיט־פּאַסאַ־

זשיר איז געווען אַ יונגע פרוי, אַ סאָוויעטישע מעדיצינערין פון סמאָלענסק קאַטיאַ. זי איז געפאָרן קיין ביראָקאַן, אין דעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן, ווו עס האָבן געפעלט דאָקטוירים.

נייַן, אָדער צען טעג איז קאַטיאַ געפאָרן מיט אונדז, אָבער אין די אַלע טעג האָט זי נישט אַראָפּגענומען פון קאָפּ דעם רויטן בערעט. בלויז בייַנאַכט, צום שלאָפֿנגיין, האָט זי אויסגעטון דעם בערעט, אים אויסגעפּוצט און אָוועקגעלייגט, ער זאָל זיך נישט קנייטשן. קאַטיאַ האָט אויך געהאַלטן פון דער נייער סאָוויע־טישער מאָדע, אַז פרויען זאָלן שמירן די ליפּן מיט רויטס און נוצן אָדעקאָלאָן. אויך זי האָט גענוצט אָדעקאָלאָן מיט דעם ריח פון העליאָטראָפּ, וואָס האָט מיר געשלאָגן צום האַרץ. האָב איך איר איינגערעדט, אַז פון צופיל נוצן אָדעקאָלאָן ווערט פאַרברענט די הויט. זי האָט געגלויבט און באַהאַלטן דאָס פלעשעלע מיט דעם עקלהאַפטן אָדעקאָלאָן. די ליפּן־פאַרב האָט זי גענוצט ווי אַלע סאָוויעטישע פרויען: געשמירט די ליפּן אויף בלינד, צוויי העסלעכע שטרייפן, וואָס זענען אַרויס איבער די גרענעצן פון די ליפּן. באַגינען נאָכן צוריקקומען פון וואַשן זיך, האָט זי פאַרקעמט די האָר אויף בלינד און געמאַכט צוויי רויטע שטרייפן איבער די ליפּן אויף בלינד. מיט די צוויי רויטע שטרייפן איבער די ליפּן און מיטן רויטן בערעט האָט זי אויסגעזען ווי א מאַן, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר א פרוי, כאָטש זי איז געווען נישט קיין מיאוסע. דער דאָקטאָר מילטאָן דזשעקסאָן האָט גערעדט אַן ענגליש מסתמא פון די דרום־שטאַטן און איך האָב זיך געדאַרפט גוט איינ־הערן, כדי צו פאַרשטיין דאָס לשון, וואָס איז אים אַרויסגעקומען פון כמעט געשלאָסענע ליפּן. און ער האָט נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן וועגן קאַטיאַן: „שי איז עי טערקי״ (זי איז אַן אינדיק). מיר, די מענער אין קופּע, האָבן באַשלאָסן צו מאַכן פון קאַטיאַן אַ „מענטש״, זאָל זי נישט זיצן גאַנצע טעג מיט דעם רויטן בערעט אויפן קאָפּ, ווי זי וואָלט געפאָרן אין אַ טראַמוויי. צווייטנס זאָל זי אויפ־הערן מיט די צוויי שטרייפן אויף די ליפּן. ס׳איז געפאַלן אויף מיר די אויפגאַבע, איך זאָל קאַטיאַן אויסלערנען ווי אַזוי אַ פרוי דאַרף פאַרבן די ליפּן אויף צו מאַכן זיך שענער. דאָקטאָר מילטאָן דזשעקסאָן האָט איר געשאָנקען זיין טאַשן־שפּיגעלע און נאָך דעם ווי זי האָט זיך איינגעקוקט ווי זי זעט אויס מיט די צוויי רויטע שטרייפן, האָב איך איר געהייסן אָפּווישן די פאַרב פון די ליפּן און איך האָב איר געצייכנט מיט דעם פאַרב־שטיפט לויט די קאָנטורן פון די ליפּן. איר פּנים האָט באַקומען טויזנט חן. דאָקטאָר דזשעקסאָן האָט געהאַלטן, אַז איך דאַרף אַרומגיין איבער אַלע וואַגאָנען פון דעם טראַנס־סיבירישן עקספּרעס און „איבערמאַכן״ די ליפּן פון אַלע סאָוויעטישע פרויען־פּאַסאַזשירן. קאַטיאַ האָט זיך אַליין נישט דערקענט. זי האָט אָנגעהויבן עפּטער אַרויסגיין אין קאָרידאָר, כדי אַנדערע פרויען זאָלן זען ווי אַזוי מען פאַרבט ליפּן.

אָט די מעשה מיט קאַטיאַס ליפּן האָט אַרייַנגעלאָקט אין אונדזער קופּע אַן אַגענטין פון ענ־קאַ־ווע־דע, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון אַן „אינטוריסט״־באַגלייטערין. די אַגענטין איז געווען זייער אַ שיינע און ווערדליק דעם סאָוויע־טישן שטייגער איז זי אפילו געווען עלעגאַנט אָנגעטון, אָבער אַז אַן אַגענטין

פון ענ־קאָווע־דע זאָל זיין אַ מויד אָן אַפּגעריסענער נאָר האָב איך געזען צום ערשטן מאָל אין דער, וואָס האָט זיך איינסטאַלירט אויף שעהן לאַנג אין אונדזער קופּע. זי האָט נישט געמאַכט קיין סוד פון איר אַגענטישער ראָל און אפילו אונדז געוואָרנט מיר זאָלן נישט רעדן וועגן פּאָליטיק, וואָרום זי מוז וועגן אַלץ באַריכטן דעם „פּראַוואָדניק" פון דער באַן. אויף דער צייט ווי זי פלעגט אַריינקומען אין אונדזער קופּע האָבן מיר אויפגעהערט רעדן. האָט זי געפּלאַפּלט און געפּלאַפּלט אַליין, ביז עס איז איר נמאס געוואָרן און זי איז אַוועק. „איך ווייס — פלעגט זי זאָגן — איר ווילט נישט רעדן טאָמער וועל איך באַריכטן צום „פּראַוואָדניק"... אויף דעם איז זי געווען קלוג.

אַז מיר זענען זיך איינגעפאָרן דורך די צענדליקער און צענדליקער טונעלן און פאַרשניייטע סטעפּעס, וואָס האָבן קיין עק נישט געהאַט און די מעשה האָט זיך אַנגעהויבן צוועסן — איז מען יעדעס מאָל, ווי דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע, אַראָפּ נעמען קיפּיאַטאָק. די רוסן האָבן געהאַט טשייניקעס; און מיין קופּע בין איך געווען דער איינציקער וואָס האָט געהאַט און וואָס צו נעמען „קיפּיאַטאָק" — דעם שוואַרצן טערמאָס מיט דעם רויטן באַקאַליטן טעפּעלע. קאַטיאַ האָט געוואָרפן אַן אויג אויף מיין טערמאָס. דאָס רויטע באַקאַליטן טעפּעלע איז געווען פון דער זעלבער שאַטירונג וואָס איר רויטער בערעט. יעדן אין דער פרי האָט זי מיר דערציילט, אַז מיין טערמאָס האָט זיך איר געחלומט — דאָ זיצט זי אין חלום אין סמאָלענסק און טרינקט טשאַי פונעם טערמאָס און דאָ זיצט זי שוין אין איר דירה אין ביראָקאַן און טרינקט טשאַי פון דעם רויטן טעפּעלע פונעם טערמאָס. איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט: זאָל זיך איר חלומען — איך וועל איר דעם טערמאָס נישט געבן. וואָס מער זי האָט גערעדט וועגן טערמאָס, אַלץ מער איז אין מיר געוואַקסן די עקשנות דער טערמאָס זאָל בלייבן ביי מיר.

אָט זענען מיר שוין אַריבערגעפאָרן דעם טייך אירטיש, מיר דערנענטערן זיך צו נאָוואָסיבירסק. מיר פאָרן איבער סיביר. ווער ווייס דאָ שטערן אויב אויף איי־נער אַ סטאַנציע וועט מען מיך אַראָפּנעמען פון דער באַן און מיר זאָגן, אַז אויב איך בין שוין אין סיביר — וועל איך דאָ בלייבן?! אויב אַ טערמאָס מיט אַ רויט טעפּעלע איז אַזאַ וויכטיקע זאַך — דאַרף איך די וויכטיקע זאַך זאָל בלייבן מיט מיר אויף סיביר... איך גיב נישט דעם טערמאָס!..

אויפן ניינטן, צי אויפן צענטן טאָג האָט זיך די באַן דערנענטערט צו ביראָקאַן און קאַטיאַ האָט זיך געקליבן מיט אירע טשעמאָדאַנעס. זי האָט געקוקט אויפן טערמאָס מיט פאַרבענקטע אויגן, אַז ס'האָט געשניטן דאָס האַרץ, ווי זי וואָלט נישט געקענט זיך צעשיידן פון אַ געליבטן. איך האָב אויסגעהאַלטן דעם נסיון און דעם טערמאָס נישט אַוועקגעגעבן. מיט צוויי־דריי טעג שפּעטער, ביים אָנקומען קיין וולאַדיוואָסטאָק, האָב איך געוואָלט דעם טערמאָס אַריינלייגן אין מיין טשעמאָדאַן. איז ער מיר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און — טראַך! אויס טערמאָס, איך בין געבליבן ביים רויטן באַקאַליטן טעפּעלע...

דער רעסטאָראַן־וואַגאָן איז געווען אַ פּרעס־גן־עדן. אויף יעדער גרויסער סטאַנציע איז דער רעסטאָראַן־וואַגאָן באַזאָרגט געוואָרן מיט פּראָדוקטן. צו דעם „וויין־קעלער" פונעם רעסטאָראַן האָט גאָר קיין סוף נישט גענומען פון די גע־

שמאַקע קרימער ווייַנען. די קוכער האָבן געזאָרגט, אַז דער מעניו זאָל זיך נישט צועסן. אָבער דער דאָזיקער גן־עדן פאַרן גומען איז געווען נאָר פאַר די פּריווי־ליגירטע פּאַסאַזשירן. צוויי עקסטרעמע קלאַסן זענען געווען פאַרן רעסטאָראַן־וואַגאָן: פּאַסאַזשירן פון המונישן כאַראַקטער און פּאַסאַזשירן פון אַריסטאָקראַ־טישן כאַראַקטער. דער ערשטער האָט געקענט עסן סטאַנדאַרטע מאָלצייטן און דערצו באַשטעלן אַ פלאַש ביר. באַלד ווי ער האָט אָפּגעגעסן האָט זיך אַזאַ פּאַסאַזשיר געמוזט אַרויסטראָגן פון וואַגאָן, אויב ער האָט נישט געוואָלט דער „פּראַוואָדניק" פון דעם צוג, דער גאַנצער דעה־זאָגער כלפּי די פּאַסאַזשירן, זאָל אים אַרויסבעטן מיט אַ דיסקרעטן אָבער רוגזהדיקן „אוכאַדי סקאָריי!". דער צווייטער קלאַס פּאַסאַזשירן זענען געווען הויכע אָפיצירן, הויכע באַאַמטע און אויסלענדישע טראַנזיט־רייזנדיקע מיט קופּאָנען פון „אינטוריסט". פאַר די קופּאָנען האָט מען געגעבן גוט און געשמאַק צו עסן, מיט ווייַן אָדער ביר. די פּריווילעגירטע פּאַסאַזשירן, צו וועלכע אויך די טוריסטן (ווי איך און אַנדערע) האָבן געהערט, האָבן געקענט באַשטעלן באַזונדער די טייערסטע ווייַנען, שוואַרצן קאַוויאַר און געקליבענע שפּייַזן, און בלייַבן אין וואַגאָן אפילו ביז שפּעט אין דער נאַכט. די מערהייט זענען אַרויס פון דאַנען שיכורע ווי לוט.

דאָ אין רעסטאָראַן־וואַגאָן, האָב איך בעתן עסן מיטאָג באַקענט אַ יידישן פּולקאָווניק מיט זייַן רוסישער פרוי און צוויי קינדער אַ ייִנגל און אַ מיידל, ביידע מיט פאַרריסענע נעזלעך און פלאַקסענע האָר, טיפּיש ווייסרוסישע קינדער. ער, דער פּולקאָווניק, האָט געדעדט מיט פּסוקים פון תלמוד און מאמרי חז"ל, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַרויס פון אַ ישיבה. ביז זיבעצן יאָר, האָט ער מיר דער־ציילט, האָט זייַן זיידע געלערנט מיט אים גמרא. און כדי צו ווייזן, אַז אויך זייַנע קינדער זענען נישט אָוועק „לתרבות רעה", האָט ער געפרעגט זייַן קלייַנעם זון: „אַנו, אַליאָשאַ, די רעדסט יידיש?" „יאָ, פּאַפּושקאַ, איך רעד יידיש" און ער האָט אַ קוק געטון אויף זייַן מוטער מיט אַ שעלמישן שמייכל, ווי ער וואָלט איר אָנגעדייט, אַז זי איז נעבעך אַ שטומע צונג. דאָס קלייַנע מיידעלע, זייַן טעכטערל, איז אויך אַרויסגעשפּרונגען: „יאַ טאָזשע זנאַיו יידיש, פּאַפּושקאַ!" „זאָג עס אויף יידיש!" — האָט דער פאָטער געבעטן. דאָס קינד האָט אַראָפּגע־לאָזט די אייגעלעך אין טעלער און געזאָגט מיט אַ געשמאַקן ליטווישן אַקצענט: „נו, איך האָב געזאָגט, פּאַפּושקאַ, אַז איך קען יידיש"..

דער עקספּרעס האָט שוין געהאַט אַריבער דעם בייקאַל און געלאָפן אין דער ריכטונג פון ביראָבידזשאַן. איך האָב געוואָלט וויסן וואָס עס טראַכט אַ יידישער פּולקאָווניק וועגן דער „קומענדיקער יידישער רעפּובליק". האָט ער דעם ענטפער אָפּגעפּטרט מיט איין אייַנציקן זאַג: „יידישקייט איז ווייַניק; מען דאַרף עס אויך קענען אויסהאַלטן". מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען דער עקספּרעס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ערשטער סטאַנציע פון דעם „יידישן ראַיאָן" און איך האָב דערזען די עלנטע יידישע אותיות, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען פון דעם נעבעכ־דיקן וואָקזאַל־ביידל, האָב איך געוווּסט, אַז יידן וועלן דאָ נישט אויסהאַלטן קיין יידישקייט. אויף דער סטאַנציע אין ביראָבידזשאַן איז דער „פּראַוואָדניק" פון צוג געשטאַנען אויף דער וואַך, די ביראָבידזשאַנער יידן אויף דער סטאַנציע זאָלן

נישט רעדן מיט די פּאַסאַזשירן. דער „פּראַוואָדניק" האָט, אמת, געשטערט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט פּאַסאַזשירן אויך אויף אַלע סיבירער סטאַציעס, ווו אַנגעפּעלצטע מענטשן האָבן ביי אַ פופציק־זעכציק־גראַדיקן פראָסט אָפּגעוואַרט די באַן, כדי צו בעטלען אַ שעכטל שוועבעלעך, אָדער צו ווען קויפן פון די פּאַסאַזשירן אַ שעכטל ציגאַרעטן, אָדער אַ פּעקל מאַכאָרקע אָבער אויף דער סטאַציע ביראָבידזשאַן אין זיין שמירה געווען אַ באַזונדערע. ער האָט פון דער ווייטנס געטריבן די יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט דערנענטערן צו דער באַן. דאָס איינציקע געמויערטע איין־שטאָקיקע הויז אין שטאָט האָט אַריבערגעקוקט איבער אַלע הילצערנע הייזלעך צו דער סטאַציע, ווי עס וואָלט זיך געגרויסט מיט הויפּט־שטאָטישקייט... דעם עלנט האָט אונטערגעשטראָכן אַ ייד, וואָס האָט געפירט נאָך זיך אַ ציג אויף אַ שטריק. ער האָט די ציג געפירט אין דער זעלבער ריכטונג ווי די באַן איז געגאַנגען. אַז דער לעצטער וואַגאָן איז אים פאַרבייגעלאָפן האָט דער ייד אויפגעהויבן די האַנט און אויך פון אָט דער באַגריסונג האָט זיך געטראָגן אומעט און אויסזיכטלאָזיקייט.

אין ווילנע, אין קאָוונע און אויף דער גרענעץביים אַרויספאָרן פון ליטע האָב איך מורא געהאַט פאַרשיקט צו ווערן נאָר ווען איך בין אָנגעקומען קיין וולאַדיוואָסטאָק האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס פּאָר וואָס איך האָב מורא געהאַט, אַז די סאָוויעטישע מאַכט וועט טון מיט מיר, האָב איך געטון מיט זיך אַליין: איך בין פרייוויליק געפאָרן אויף פאַרשיקונג. איך בין אין אַ גרויסער אומגעלומפּערטער הקדש־שטאָט.

אין וולאַדיוואָסטאָק אויף דער באַן־סטאַציע הענגען צוויי זייגערס: איינער ווייזט די אָרטיקע צייט; דער צווייטער — די מאָסקווער צייט. דער אונטערשייד איז אין זעקס שעה. די וולאַדיוואָסטאָקער צייטונג „פּראַוודאַ" דערשיינט יעדן טאָג מיטאָגצייט. ווייל דעמאָלט איז אין מאָסקווע באַגינען, ווען עס דערשיינט די דאָרטיקע „פּראַוודאַ". אַזוי ווי די וולאַדיוואָסטאָקער „פּראַוודאַ" דרוקט די זעלבע נייעס וואָס די מאָסקווער „פּראַוודאַ" איז קלאָר, אַז די נייעס און אַרטיקלען טאָרן נישט דערשיינען מיט זעקס שעה פריער ווי זיי ווערן געדרוקט אין דעם צענטראַלן אָרגאַן אין מאָסקווע. דאָס אַמטלעכע און פּאַרטייאישע לעבן אין וולאַדיוואָסטאָק שפּילט זיך אָפּ אויף דער מאָסקווער צייט. איז וולאַדיוואָסטאָק די גרעסטע סאָוויעטישע פּאָרט־שטאָט אויפן ווייטן מזרח, אָן אָפּגעלעגענע, האָפּ־נונגסלאָזע פּראָווינץ־שטאָט. די מענטשן דאָ זענען געווען אָנגעטון ווי מדינה־גייער, מיט אָפּגעשאָסענע קליידער און שיך און וואַליאַקעס, וואָס האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן, אַז זיי זענען אַמאָל געווען שיך און וואַליאַקעס. די פענצטער פון די טראַמווייען זענען געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך ווו די שויבן זענען גע־ווען אויסגעשלאָגן.

פון „אינטוריסט" אויפן וולאַדיוואָסטאָקער וואָקזאַל האָט מען מיך אָפּגעשיקט אין דעם איינציקן „לוקסוס"־האָטעל אין דער שטאָט „טשעלוסקין". לויט די איי־ראָפּעאישע סטאַנדאַרטן אַ דריטראַנגיקער האָטעל, אָבער פאַר וולאַדיוואָסטאָק דאָס רייכסטע וואָס קען נאָר זיין. אין רעסטאָראַן פון דעם האָטעל זענען געווען צוויי אָפּטיילונגען — איינע פאַר אויסלענדישע רייזנדיקע און פאַר הויכע באַאַמ־

טע, און די צווייטע אָפּטיילונג פאַרן בירגערלעכן עולם. ביידע אָפּטיילונגען זענען געווען אין דעם זעלבן זאַל, זיי האָבן זיך אָבער אונטערשיידט דאָ מיט געדעקטע טישן מיט ווייסע טישטעכער און מיט ניקלענעם באַשטעק און דאָרט — פּראָסטע, נישט געדעקטע טישן מיט בלעכענעם באַשטעק. דאָ, פאַר די אויסלענדישע רייזנ־דיקע און הויכע באַאַמטע שפּייזן לויט דער שפּייז־קאַרטע, מיט קאַוויאַר, וואָדקאַ, ביר און „קוריצו" (הינער־פלייש) און דאָרט, פאַרן בירגערלעכן עולם — זופּ מיט ברויט און פיש.

אין אָוונט האָבן יונגע פּאָרלעך זיך געשטעלט אין אַ ריי צום רעסטאָראַן, וואָרום נישט אַלע האָבן געקענט אַריין. אין די אָוונטן האָט דאָרט געשפּילט אַן אָרקעסטער און די יונגע מענטשן האָבן געוואָלט פאַרברענגען ביי מוזיק און אויך טאַנצן און טרינקען ביר. זענען די יונגע מענטשן געשטאַנען אין דער ריי אַ שעה און אַנדערהאַלבן שעה. אין דרויסן האָט געברענט אַ פראָסט און זיי האָבן אויס־געהאַלטן געדולדיק, אַבי צום סוף אַריינצוקומען צו דער שעה מוזיק און טאַנץ — צו דערפילן זיך ווי לעבעדיקע מענטשן אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם העק, וולאַ־דיוואָסטאָק, ווו זעלטן וועלכער רוס האָט געוואָלט אַהערקומען פרייוויליק. און אַלע זענען דאָ געווען פאַרוואָגלטע. אין די צען טעג ווי איך בין געווען אין וולאַדי־וואָסטאָק האָב איך נישט געזען קיין איין איינציק לאַכנדיק פּנים.

אין „טשעלוסקין"־האָטעל האָב איך אָנגעטראָפן דעם העברעאישן לערער וויינגאַרטן, דעם ברודער פון דעם דראַמאַטורג יעקב פרעגער. ער איז מיט דער משפּחה געקומען אַ פּאָר טאָג פריער פון ווילנע און געוואַרט אויף דער זעלבער געלעגנהייט וואָס איך צו „כאַפּן אַ שיף" קיין יאַפּאַן. אין די פּאָר טעג, וואָס וויינ־גאַרטן איז דאָ געזעסן פריער, האָט ער שוין געהאַט דערקענט די וולאַדיוואָסטאָקער באַדינונגען. ער האָט געוואָלט פאַרקויפן זיין „סחורה". ווי אַ העברעאישער לערער האָט אויך וויינגאַרטן געהאַט אַ חשד, אַז אויפן וועג קיין וולאַדיוואָסטאָק קען עמעצער פאַרקערעווען זיין ריכטונג אויף סיביר. ער האָט זיך דעריבער פּראַק־טיש צוגעגרייט צו לאַנדן אין סיביר: ער האָט באַצייטנס איינגעהאַנדלט אין ווילנע אַ „מענטשעלע" אין אַרום אַ טוץ וויבערישע פילדעקאָסענע אונטערהייזלעך פון אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן. אויף סיביר האָט דאָס „מענטשעלע" געדאַרפט זיין דער סאַמע פּראַקטישסטער מלבוש און די פאַרביקע פילדעקאָסענע אונטערהייזלעך האָבן געדאַרפט דינען ווי דער קאַפּיטאַל אויף איבערצוהאַלטן די שווערע צייט. אַ „מענטשעלע" האָט מען גערופן אַן אָוועראַל־אונטערמלבוש (הויזן מיט אַ לייבל פון איין שטיק און פון אַ דיקן פילץ־שטאָף). מען האָט דעם אינטערמלבוש געקענט אָוועקשטעלן און אַריינגיין אין אים פון הינטן... פון דאַנען האָט זיך גענומען דער נאָמען „מענטשעלע". דאָ, אין וולאַדיוואָסטאָק, האָט וויינגאַרטן געוואָלט פּטור ווערן פון זיין „סחורה", אויב ער האָט אַ מזלדיקער אויסגעמיטן סיביר. בין איך מיטגעגאַנגען מיט דעם העברעאישן לערער און זיין פרוי צו זען ווי אַזוי ער פאַר־קויפט זיין „סיבירער סחורה".

מיט דעם „מענטשעלע" איז ער געגאַנגען אין אַ טאַרגמאַג. ווען ער האָט אויסגעפּאַקט דעם אונטערמלבוש און אים „אַוועקגעשטעלט" פאַר די אויגן פון די פאַרקויפער פרויען געשעפט און פאַר די קונים אינעם געשעפט, זענען אַלע איבער־

ראַשט געוואָרן פון דעם וואונדער. „קאַקאַיאַ קראַסיוואַיאַ שטוקאַ!" — האָבן זיך אַלע אַנטציקט און ווען זיי האָבן דערזען דעם „הינטערשטן אַריינגאַנג" אין דעם מלבוש, איז צו זייער התפעלות נישט געווען קיין גרענעץ. ער האָט דאָס „מענ־טשעלע" פאַרצוקערט כהרף עין.

אַ יונגערמאַן וואָס איז געווען דערביי, האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ מענטש וואָס האָט צו פאַרקויפן אַזאַ וואונדער, האָט מסתמא אויך אַנדערע וואונדער־סחורות. ער איז געווען גערעכט. ווייגגאַרטן האָט נאָך געהאַט צו פאַרקויפן זיין „סיבירישן קאַפּיטאַל" — די פאַרביקע פילדעקאָסענע „פּיגעס" (ווייבערישע אונטערהייזלעך). ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער יונגערמאַן איז אַ יידישער און פון פריוואַטער איניציאַטיוו. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען פאַריכטן צעבראָכענע גראַמאַפאָן־פּלאַטן און געפּלאַצטע פעדערס פון גראַמאַפאָן־געווערק. דער יונגערמאַן האָט געקענט אַזוי צוזאַמענקלעפּן די שטיקלעך און ברעקלעך פון אַ צעבראָכענער פּלאַטע, אַז צוזאַמען מיט די קרעכצן און פאַרהאַלטונגען בעתן דרייען זיך פון דער פּלאַטע, זאָל מען פון דעסטוועגן אויך הערן די מעלאָדיע... ער האָט ווייגגאַרטענען און זיין פרוי און מיך איינגעלאַדן צו זיך אַהיים, עס זאָלן נישט זיין קיין עדות ווען ער קויפט די „וואונדער־סחורה". דער יידישער יונגערמאַן האָט געהאַט אַ קריסטלעך מיידל פאַר אַ פרוי.

ס'איז נישט זעלטן צו זען ווי אַ יונגע פרוי אַנטציקט זיך מיט אַ שטיקל מלבוש, וואָס געפעלט איר, אָבער אַזוי ווי עס האָט רעאַגירט די יונגע רוסישע פרוי אויף דעם וואָס אירע אויגן האָבן דערזען, דאָס האָב איך געזען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן. ווען פרוי ווייגגאַרטן האָט פון איר טאַש אַרויסגענומען אַ פּאָר רויטע „פּיגעס" און געוויזן זייער פאַסאָן, האָט די רוסישע יונגע פרוי זיך איינגעשרומפּן פון התפעלות, און אויסגעשריגן „באָזשע מאָי!" מיט אַזאַ היסטערישער פרייד, אַז דער מאַן האָט זי אָנגעכאַפּט ביים אָרעם. ביים דערזען אַ צווייטע פּאָר „פּיגעס" — בלאָע! — האָט די יונגע פרוי זיך איינגעשניטן מיט די נעגל אין אירע באַקן און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט פרייד: „יעי באָגו, ניע ווידיעלאַ!" יעדעס מאָל ווי פרוי ווייגגאַרטן האָט אַרויסגעצויגן אַ נייע פּאָר „פּיגעס" פון אַן אַנדער פאַרב, איז די רעאַקציע פון דער פרוי געווען ווי די רעאַקציע ביים „כישוף" פון אַ מייסטערישן קונצנמאַכער, וואָס שלינגט פלאַמען, שטעכט זיך דורך מיט מעסערס און לאָזט אַרויס פון צילינדער אַ טשאַטע טויבן. צום סוף האָט פרוי ווייגגאַרטן אויך אַרויסגעצויגן אַ פּאָר פילדעקאָסענע הויטפאַרביקע זאָקן. דאָס איז שוין געווען איבער די כוחות פון דעם רוסישן מיידל. זי האָט זיך אָנגעהאָנגען אויף איר מאַן און אים געקושט און געהאַלדזט און געבעטן מיט תחנונים, ער זאָל דאָס אַלץ קויפן און אויב נישט וועט זי שטאַרבן און אַן עק. דער יידישער יונגערמאַן האָט זיכער ליב געהאַט זיין פרוי, וואָרום ער האָט זי באַרואיקט, ווי מען באַרואיקט אַ קינד. און ער האָט אָפּגעקויפט דאָס גאַנצע וואונדער.

מן וואַנען האָט זיך גענומען דער יונגערמאַן קיין וולאַדיוואָסטאָק? ער איז געווען איינער פון די, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון ביראָבידזשאַן. צוריק קיין ווייס־רוסלאַנד האָט ער נישט געקענט פאָרן. ס'איז צו ווייט און אָן אַ „פּראָפּוסק" קען ער אַפילו נישט באַקומען קיין בילעט און קיין פּלאַץ אין דער באַן, וואָס גייט

אין דער ריכטונג צו די „זאַפּאַדנאַיע ראַיאָנען" (מערבדיקע געביטן). לעבן אין ביראָבידזשאַן האָט ער נישט געקענט, און שטאַרבן דאָרט האָט ער נישט געוואָלט. איז ער אַנטרונען קיין וולאַדיוואָסטאָק. פון צוזאַמענקלעפּן גראַמאַפאָנען־פּלאַטן און פאַריכטן גראַמאָפאָנען פאַרדינט ער „שטיקער גאָלד" — ווי ער האָט געזאָגט — נאָר וואָס צו טון מיט דעם געלט האָט ער נישט. עסן דריי מאָל אַזוי פיל קען מען נישט. באַקומט נישט דאָס געלט. און ער האָט זיך פאַרטרויט, אַז ווען ער וואָלט געקענט ווערן אַ וואַנץ און מיר זאָלן אים אַרײַנלאָזן אין אייבעם פון אונדזערע טשעמאָדאַנעס, ער זאָל זיך קענען אַרויסבאַקומען אין דער פרייער וועלט, וואָלט ער אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט.

אין איינע פון די פאַרוואָלקנטע און פאַרבלאָטיקטע טעג פון וולאַדיוואָסטאָק, ווען עס איז מיר געוואָרן ענג, ווי איך וואָלט געווען אין אַ שטייג, בין איך אַוועק פּוצן מײַנע שיך. דער שיך־פּוצער איז געוויינטלעך געזעסן נעבן בנין פון דער פּאָסט. צוליב דער שרעקלעכער קעלט האָט ער זיך מיט זײַן קעסטעלע איבערגע־טראָגן אינעם זאַל פון דער פּאָסט. אויך דאָ זענען געהאַנגען צוויי זייגערס — איינער האָט אָנגעוויזן אויף דער אָרטיקער צייט און דער צווייטער אויף דער מאָסקווער צייט. ווען איך האָב אַוועקגעשטעלט מײַן פוס אויפן קעסטעלע פון דעם שוך־פּוצער, האָט דער מאַן אויפגעהויבן צו מיר זײַנע אויגן. איך האָב דערזען אַ פּאָר אומעטיקע יידישע אויגן. אים האָבן געוווּנדערט מײַנע שיך. ער האָט שוין לאַנג אַזעלכע „טופלעס" נישט געזען. פון וואַנען זענען זיי? צי בין איך אַ היגער? איך האָב אים נישט געענטפערט, נאָר געפרעגט: „אַ ייד?" ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער באַרשט אינעם קעסטעלע: „יאָ, אַ ייד". „דאָ געבוירן?" „דאָ ווערן יידן נישט געבוירן. דאָ שטאַרבן זיי. איך בין פון ביראָבידזשאַן". „און איך קום פון ליטע — האָב איך אים געזאָגט — איך בין אַ פּוילישער ייד". „פון פּאַנסקי פּוילן?" „פון פּאַנסקי פּוילן. און איר זענט פון וואַנען?" „פרעגט נישט — האָט דער שוך־פּוצער געזאָגט, — איך בין אַליין אַן אוקראַינער, נאָר דאָס אומגליק האָט מיך אַנגעשיקט עס זאָל זיך מיר פאַרגלוסטן אַן אייגענער ראַיאָן, אַ יידישער ראַיאָן". „איר האָט נישט מורא אַזוי צו רעדן?" — האָב איך געוואָלט וויסן. ער האָט געענטפערט פאַרביטערט: „אַז איך בעט אויף זיך אַליין דעם טויט — פאַר־וואָס קען איך נאָך מורא האָבן? איך האָב געזען אין ביראָבידזשאַן איך שטאַרב נישט, בין איך אַנטלאָפן טאָמער וועל איך קענען דאָ לעבן. אויך דאָ קען מען נישט לעבן און מען קען נישט שטאַרבן. אָבער אַ ניי פּנים זעט מען דאָך. אַ ניי פּנים איז אַ ניי לעבן. אָט ווי איך פּוץ איצט אײַערע שיך, קען איך אויסרעדן אַ וואָרט. אין ביראָבידזשאַן האָבן שוין אַלע אַלץ אויסגערעדט און אַלץ אויסגעהערט"...

ביז איך בין צוריקגעקומען אין „טשעלוסקין"־האָטעל זענען שוין מײַנע שיך ווידער געווען פאַרבלאָטיקט. ביים אַרויפגיין צו זיך אין צימער האָט עמעצער געזאָגט צו מיר אויף יידיש: „אַזעלכע שיינע „טופלעס" פּטרט מען אַוועק אין די בלאָטעס?" איך האָב זיך אומגעקוקט. ביי די טרעפּ איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן, וואָס איך וואָלט געשווירן, אַז ער איז אַ יונגער שרײַבער פון די ביאַליסטאָקער טעג און ער איז געשלאָפן אויף שענקעוויטש גאַס. אַרויסגעוויזן האָט זיך גאָר, אַז ער געהערט צו אַ רוסישער פאַרווײַלונגס־טרופּע פון זינגער, שפּילער, טענצער

און אַ קאָנפּעראַנסיער, וואָס מאַכט וויצן. די טרופּע פאָרט אַרום איבער גאַנץ רוסלאַנד, וואָגלט פון איין פּלאַץ צום צווייטן און זי פאָרט אַרום אַזוי לאַנג, אַז די אַקטיאָרן ווייסן שוין אַליין נישט ווו אייגנטלעך עס איז זייער באַזע. אין דער טרופּע זענען פאַראַן צוויי יידן. ער איז איינער פון די צוויי — דער קאָנפעראַנ־סיער, וואָס מאַכט וויצן און האָט מורא אַז סוף־כל־סוף וועט ער זיך אויסגליטשן מיט עפּעס אַ וויץ, וואָס וועט שלעכט פאַרשטאַנען ווערן און ער וועט פאַרשיקט ווערן אויף סיביר. איידער דאָס געשעט וואָלט ער וועלן האָבן אַ פּאָר גוטע וואָלע־נע אונטערהויזן. פון דעם פּערסאָנאַל אין האָטעל האָט ער זיך דערוווּסט, אַז לעצטנס פאָרן אַדורך פאַרשיידענע יידן פון די „זאַפּאַדנאַיע ראַיאָנען" קיין יאַפּאַן און זיי פאַרקויפן פאַרשיידענע זאַכן. דאָס האָטעל־מיידל אויפן ערשטן שטאָק האָט אים געזאָגט, אַז איך בין אויך איינער פון די, וואָס קלייבן זיך קיין יאַפּאַן. וויל ער, איך זאָל אים טון אַ טובה און אים פאַרקויפן אַ פּאָר וואָלענע אונטערהויזן. וואָס מען זאָגט, אַז זיי זענען זייער דין און זיי וואַרעמען ווי אַ פּעלץ.

פון דעם יונגנמאַנס ווערטער איז מיר געוואָרן שרעקלעך אומעטיק. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער איז די פאַרקערפּערונג פון אַלע עלנטע יידישע יתומים אויף דער וועלט. איך האָב פאַרגעסן ווו איך געפין זיך און געזאָגט צו אים: „קומט אַרויף אין מיין צימער. איך האָב זייער ווייניק זאַכן, אָבער עפּעס וואָס פון מיין וועש וועל איך אייך קענען געבן". דער יונגערמאַן האָט זיך אָפּגעטרייסלט: „צו אייך אין צימער טאָר איך נישט אריינגיין. מיר קענען ביידע שלעכט אָפּשניידן. אויב איר זענט מסכים וועל איך דאָ וואַרטן נאָך דער פאַרשטעלונג, און אויב איר וועט עפּעס האָבן זאָלט איר מיר עס דערלאַנגען ווען קיינער וועט נישט זען".

די זעלבע נאַכט האָב איך דעם יונגנמאַן אָפּגעוואַרט ווען ער איז מיט דער טרופּע צוריקגעקומען פון דער פאַרשטעלונג. אומבאַמערקט פון פרעמדע אויגן האָב איך אים דערלאַנגט אַ פּעקעלע. אויפצומאָרגנס האָט ער געפונען אַ געלעגנ־הייט מיר צו זאָגן פאַרבייגייענדיק מיין טישל אין רעסטאָראַן: „מיין מאַמע פלעגט זאָגן: וואַרף מיך גאָט ווו און ווי אַזוי דו ווילסט, נאָר וואַרף מיך צווישן יידן"...

ענדלעך איז פון דעם יאַפּאַנישן קאָנסול אין וולאַדיוואָסטאָק אָנגעקומען אין האָטעל אַ ידיעה, אַז עס קומט אָן אַ שיף פון יאַפּאַן און גלייך ווי זי וועט אויס־געלאָדן ווערן, וועט זי צוריקקערן קיין טסורוגע.

ס'איז שווער צו זאָגן וואָס פאַר אַ געפיל עס וואָלט געהאַט אַ טיף־רעלי־גיעזער ייד ווען מען זאָגט אים אָן די בשורה, אַז מאָרגן קומט משיח און ער וועט אויסגעלייזט ווערן פון אַלע פיינט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל ווען דער באַאַמטער פון דעם וולאַדיוואָסטאָקער „אינטוריסט" איז געקומען צו מיר אין האָטעל און געהייסן מיר צוגרייטן זיך צו פאָרן אין פּאָרט. דאָס איז אַ געפיל פון טרויעריקער שמחה. עס גלוסט וויינען אויף אַלע איבערגעלעבטע קלעמער־נישן, פאַרצווייפלונגען און פּחדים, וועלכע זענען געווען „אומזיסטע" אויב צום סוף קומט די דערלייזונג. איך שעם זיך נישט מודה צו זיין, אַז איך בין דעמאָלט געשטאַנען ביים פענצטער פון דעם „טשעלוסקין"־האָטעל, אַרויסגעקוקט צום בלאָטיקן שניי און געוויינט. געוויינט צוליב מיין אייגענער פרייד וואָס אָט־אָט

און איך וועל אויסגעלייזט, און געוויינט אויפן טרויער פון די פאַרבייגייער אין גאַס, געוויינט אויף דער פרייד פון יענעם רוסישן מיידל, וואָס איז אויף אַ רגע גליקלעך געוואָרן מיט די פאַרביקע פילדעקאַסענע אונטערהייזלעך, און געוויינט אויפן גורל פון דעם יידישן שיף־פוצער, וואָס „ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט אַן אייגענער יידישער ראַיאָן״, און געוויינט אויפן גורל פון דעם יידישן קאָנפע־ראַנסיער אין אַ רוסישער פּראָווינצעלישער וואַנדער־טרופּע, וואָס בעט מיט זיין מאַמעס תפילה גאָט זאָל אים וואַרפן צווישן יידן.

דאָך, אין מיין טרויעריקער שמחה, זענען אויך געווען ספקות. ספקות צי איך וועל אַריבער בשלום די גרענעץ. די צאָל־רעוויזיע איז געווען אַ לייכטע. די מונדורירטע מוזשיקעס האָבן זיך מער געוויצלט, ווי געזוכט אין מיין טשעמאָ־דאַן. אין גיהנום ווערט אין יעדער פאַרלייכטערונג אַריינגעלייגט אַ שלעכטע כוונה. און איך האָב פאַרדעכטיקט, אַז די מוזשיקעס מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי זוכן, וואָרום סיי ווי וועל איך צוריקקומען אין זייערע הענט. ניין, זיי האָבן מיך באַפרייט, געהאָלפן פאַרמאַכן דעם טשעמאָדאַן און איך האָב אים אַרויפגעשלעפּט אויף דער שיף. די שיף האָט מיר פון ערשטן בליק אויסגעזען ניט קיין רעאַלע. זי איז געווען אין גאַנצן פאַרקאָוועט אין וויסן אייז. אפילו די קאַבלס פון די מאַסטן זענען געווען באַצויגן מיט אַ דיקער שיכט אייז. אויפן דעק האָט מען געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון די קליינטשיקע אָנגעפּעלצטע מאַטראָזן, כדי צו קאָנען גיין אויף דעם גלאָז. ווי אַ צולאָג צו דעם אייז, איז די שיף געווען אַ קליינע. בלויז אַ צען־צוועלף טריט די ברייט און אַ פופציק טריט די לענג. ס׳האָט זיך קוים געגלויבט, אַזאַ אַזאַ מולטער וועט קענען אויסהאַלטן ים־כוואַליעס. אונטן, אין בויך פון דעם מולטער, איז די „פּאַסאַזשירן־אָפּטיילונג״ באַשטאַנען פון אַ מיטל־גרויס צימער, וואָס איז געווען צעטיילט דורך אַ שמאָלן קאַנאַל און פון דעם קאַנאַל האָבן זיך לייכט אויפגעהויבן צו די זייטן צוויי שיפּועים, באַ־דעקט מיט מאַטעס. אָט די צוויי שיפּועים זענען געווען דאָס קאָלעקטיווע געלע־גער פאַר אַלע פּאַסאַזשירן און אויך זייער עס־זאַל. דער אָפענער קאַנאַל צווישן די צוויי שיפּועים איז געווען די קאָלעקטיווע ברעך־שיסל פאַר אַלע פּאַסאַזשירן. מען האָט נאָר געדאַרפט זיך אויסדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ צום קאַנאַל און מען האָט געקענט ברעכן וויפל דעם מאָגן האָט זיך געגלוסט. די מעלה פון דער „פּאַסאַזשירן־אָפּטיילונג״ איז באַשטאַנען אין דעם וואָס דאָ איז געווען אויסער־געוויינלעך וואַרעם. די וואַרעמקייט האָט געשמעקט מיט זויערס און מיט ליזאָל, ווי אין אַ שפּיטאָל, אָבער דער גוף האָט געבענקט נאָך וואַרעמקייט און ס׳איז געווען גוט. דערצו האָט מען דאָ געזען, אַז די שיף איז אַ רעאַלע. זי איז טאַקע קליין, אָבער זי באַשטייט פון מעטאַל און האָלץ און פון וואַרטשענדיקע מאַשי־נען, וואָס איז אַ סימן, אַז זי וועט אויך שווימען...

סך הכל זענען מיר אויף דער שיף געווען אַ צענדליק פּאַסאַזשירן. אַלע יידן. אַלע פּליטים פון דער מלחמה. אויסער מיר און דער משפחה וויינטרויב, איז געווען אַ יונג פּאָרפּאָלק, וואָס האָט גערעדט אַ דייטשמערישן יידיש (זיי האָבן געשטאַמט פון ביעלסק אָדער קאַטאָוויץ), און עטלעכע בחורים. די יונגע פרוי, פון אַן אויסערגעוויינלעכער שיינקייט, איז געווען אָנגעטאָן ווי זי וואָלט געקומען אין

אַ גרויסשטאַטישן קאַפּע־הויז צו אַ „פּייף אַ׳קלאַק״ — אין אַ גוט גענייטן שוואַרצן קאָסטיום מיט ווייסע קריזע־מאַנקעטן און אַ ווייסן קריזע־קאַלנער. אין דער „פּאַר־סאַזשירן־אָפּטיילונג״ האָט מען צוליב די שיפּועים נישט געקענט שטיין נאָר מען האָט געמוזט זיך אָוועקזעצן. האָבן זיך אַלע אַוועקגעזעצט אויסער דער יונגער פּרוי, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט זעצן אויף די שטרוי־מאַטעס, כדי נישט צו פּטרן דעם גוט־געפּרעסטן קאָסטיום מיט די ווייסע קריזע־מאַנקעטן. האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט איבער דעם אָפּענעם קאַנאַל, מיט איין פוס אויף איין שיפּוע און מיטן צווייטן פוס אויף דעם צווייטן שיפּוע און געזאָגט מעשה קאַפּיטאַן: „קיין וואָרט ביז מאָרגן פרי; סאָוויעטישע דאַמפּערס באַגלייטן די שיף ביז צו דער גרענעץ פון די טעריטאָריאַלע וואַסערן. קיין וואָרט ביז מאָרגן פרי״... עמעצער האָט געמאַכט אַ שלעכטן וויץ, אַז די סאָוויעטישע דאַמפּערס קענען צווינגען די שיף צו שווימען אויף צפון, צו די גאָלדגראָבנס פון קאַמטשאַטקאַ. די שיף איז נאָך געווען פאַראַנקערט, אָבער פון דעם וויץ האָט מיר אָנגעהויבן איבלען, ווי איך וואָלט באַקומען ים־קראַנקהייט. די רעשטלעך פון דער פריער־דיקער שמחה האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאַצניאַמער.

גלייך ווי די שיף האָט אָפּגעשלאָגן פון ברעג, האָט זיך באַשטעטיקט וואָס די יונגע פרוי האָט פאָראויסגעזאָגט: צוויי סאָוויעטישע פּאַטרול־שיפלעך זענען גע־שווומען פון ביידע זייטן. אויף אונדזער שיף האָבן מאַטראָזן אָנגעהויבן אָפּ־שווענקען דאָס אייז. פון אונטער די שטראָמען הייס וואַסער האָט זיך אויסגע־שיילט אַן אַלטע לאַסט־שיף. זי האָט צעשוימט די וואַסערן פון ביידע זייטן און זיך געשניטן פאָראויס. אָבער די סאָוויעטישע גרענעץ איז מיט אונדז מיטגע־שווומען. די רויטע פאָנען אויף די באַגלייטנדיקע שיפלעך. האָבן מיר אויסגעזען ווי זיי וואָלטן קאָנצענטרירט אין זיך אַלע פלעמלעך פון די קוילן, וואָס די סאָ־וויעטישע פּאַטרולן האָבן אויסגעשאָסן אויף „מיינע״ גרענעצן. און איצט באַ־גלייטן זיי מיך צום אָפּענעם אומענדלעכן ים.

די נאַכט איז געווען אַ קאַשמאַרע. וועגן אויסטון זיך און זיך לייגן אויף אַ באַקוועמען געלעגער האָט נישט געקענט זיין קיין רייד. אַלע זענען מיר „גע־שלאָפן״ אויף דעם קאָלעקטיוון „בעט״, אויף די שטרויענע מאַטעס, אין די קליידער און מיט דעם געפּיל, אַז מיר זענען כסדר אויף דער סאָוויעטישער גרענעץ. פון נישט קענען שלאָפן האָבן זיך עטלעכע אויפגעזעצט און זיך גענומען שפּילן אין קאָרטן. די יונגע שיינהייט מיט די ווייסע קריזע־מאַנקעטן און מיטן ווייסן קריזע־קאַלנער האָט אָנגעפירט מיטן קאָרטן־שפּיל. מיט איר נישט אויסגעשלאָפענעם געלעכטער בעת דעם שפּילן האָט זי דערמאָנט אין אַ לעגענדאַרער פאַרפירערין...

באַגינען בין איך אַרויס אויפן דעק און מיט מיין גאַנצן כוח אויסגעשריגן פון פרייד פון דעם וואָס מיינע אויגן האָבן דערזען: „אַ קללה אויף סטאַלינען! נידער מיטן באָלשעוויסטישן גיהנום! מיר וועלן אים אַלע איבערלעבן!״ די סאָוויע־טישע באַגלייט־שיפלעך זענען מער נישט געווען. אונדזער שיף איז געשווומען אַליין, אָפּגעשווענקט פון אייז און אַן דער באַגלייטונג האָט די אַלטע שיף געהאַט טייזנט חן. פון מיינע מטורפע געשרייען זענען אויך אַנדערע אַרויס אויפן דעק. נאָר זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך שריי זיך אויס די לונגען. איך האָב

זיך דערמאָנט מיינע אויסרופן קעגן סטאַלינען אויף דער סטאַציע אין ווילנע, נאָר דאָרט בין איך געווען שיכור און נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. איצט בין איך ניכטער און שעלט דעם גרוזינער באַנדיט אַ באַפרייטער פון זיין גיהנום. כאָטש נישט אויסגעשלאָפן, האָט די אַנטשפּאַנונג געשמייכלט אויף אלעמענס פּנימער.

אַביסל שפּעטער האָט זיך באַוויזן דער קאַפּיטאַן פון דער שיף. אַ קליינגע־וויקסיקער מיט אַ שמייכלענדיק פּנים. ער האָט יעדן באַזונדער באַגריסט אויף יאַפּאַניש און אים מכבד געווען מיט אַ מאַראַנץ. ער האָט נישט אויפגעהערט שמייכלען און מיט באַוועגונגען סטימולירט מען זאָל אָפּשיילן און עסן די מאַראַנצן. ס'איז אַ יאַפּאַנישע „תיבה", וואָס שווימט אויף די וואַסערן צו אַ נייעם טאָג נאָכן מבול...

די אידיליע אויפן ים האָט נישט געדויערט לאַנג. וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צו אַ וואַרעמען־שטראָם, וואָס גייט אַדורך אין יענעם ראַיאָן, אַלץ מער האָט זיך די שיף צעוויגט, פונעם וויגן זיך איז זי איבערגעגאַנגען צו לייגן זיך איין מאָל אויף דער רעכטער זייט און איין מאָל אויף דער לינקער זייט, דערנאָך טוט זי זיך אַ הויב און אַ לאָז אַראָפּ און זי רייסט מיט די געדערעם. איצט האָב איך געזען, אַז די שיף־בויער, וואָס האָבן געמאַכט אַן אָפענעם קאַנאַל צווישן די צוויי שיפועדיקע קאָלעקטיווע געלעגערס זענען נישט געווען משוגע. ס'איז געווען פּראַקטיש. דער עולם האָט זיך מיט די קעפּ אַוועקגעלייגט איבער דעם קאַנאַל און אויסגעבראָכן דער מאַמעס מילך. די „קלוגע", וואָס זיי האָט נאָך נישט געכאַפּט די ים־קראַנקהייט, האָבן געשמייכלט מיט חוזק פון די „שוואַכע", וואָס ליגן איבערן קאַנאַל און רעווען, ווי אָקסן פון נישט האָבן מער מיט וואָס צו ברעכן. באַלד דערנאָך האָט עס געכאַפּט אויך די חוזקער און אויך זיי ליגן שוין איבערן קאַנאַל. דעם קומענדיקן פרימאָרגן האָט שוין די אויסערגעוויינטלעכע שיינהייט מיטן שוואַרצן קאָסטיום נישט געהאַט מיט וועמען צו שפּילן אין קאָרטן. אַלע זענען געווען קראַנק. בלויז זי איינע אַליין און איך האָבן זיך געהאַלטן אויף די פיס. כדי צו בלייבן אויף די פיס בין איך אָפּט אַרויס אויפן דעק צו כאַפּן פרישע לופט. איינער אַ יונגערמאַן, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געבראָכן מיט דער גריגער גאַל האָט זיך באַגינען אַרויסגעשלעפּט אויפן דעק און כדי ער זאָל זיך נישט אַראָפּגליטשן אין ים־אַריין פון די שיף־טרייסלענישן, האָט ער אַרומגעאָרעמט אַ מאַסט און געבליבן אַזוי שטיין שעהן לאַנג. ער איז געוואָרן בלוי פון די איבלענישן און פון דעם ווינט וואָס האָט אים געפּאַטשט אין פּנים. פון זיין אויסזען האָט אויך מיר אָנגעהויבן איבלען, בין איך אַראָפּ צוריק אין בויך פון דער שיף. איז מיר דאָ געוואָרן נישט גוט פון דעם עולם וואָס האָט גערעוועט איבער דעם קאַנאַל.

די אויסערגעוויינטלעכע שיינהייט מיטן שוואַרצן קאָסטיום און מיט די ווייסע קריזע־מאַנקעטן איז אויך געווען אויף די זעלבע צרות וואָס איך. זי האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. האָט זי מיך איינגעלאַדן איך זאָל מיט איר שפּילן אין קאָרטן. און איך קען שפּילן אין קאָרטן געננוי ווי איך קען שפּילן פּיאַנע. מיינע שלימזלדיקע געננג האָבן זי אויפגערעגט און נאָך מער פאַרגרעסערט איר שלעכט זעלבסטגעפיל. האָט זי מיך אָנגעהויבן קיבעצן: „אָב זי גייען זאָ ווי זי גייען, דאָן

האַבען זי צוויי ליַנקע ביינע". „לייגן זי, ביטע, אַוועק דעם קאָפּ ווירד דאָס זיין טרעפלעכער אַלס זי לייגן אַוועק די קעניגין". מיר איז געווען זייער נישט גוט. ווען איך קען אָפּברעכן וואָלט מיר אוודאי דער קאָפּ געוואָרן לייכטער. און מיינע געבנג וואָלטן אפשר געווען לאָגישער. קען איך נישט און דער קאָפּ מישט זיך מיר. און די אויסערגעוויינטלעכע שיינהייט, וואָס איז אין יענער מינוט געווען הימל־ווייט פון אַ שיינהייט, רעגט מיך אויף מיט איר קיבעצן און איך האָב געזאָגט צו איר: „מאַדאַם, טשעפּען זי מיך נישט, וואָרום איך וועל נעמען ראכע. איך וועל אינען זאַגען, אַז אויף זאָ איין לוקסוס־דאַמפּער האַבן זי געזאָלט לאַססען אופשטייגען אין איינע קריגאָלינע, דאַן וואָלטען אירע קריזע־מאַנזשעטן און קראַגען נישט געהאַט קיין פּנים פון סקאַרפּעטן". דאָס גאַנצע פּעשל קאָרטן, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איר האַנט, האָט זי מיר געוואָרפן אין פּנים אריין מיט אַ צולאָג פון „אידיאָט!"

איך האָב איר מוחל געווען. עס איז איר געווען ביטער ווי דער טויט און מיר — נישט בעסער. דאָס איז געווען דער קריזיס פון טרייסלעניש און וואַרפּעניש. דער ים האָט זיך אָנגעהויבן באַרואיקן און די שיף האָט אויפגעהערט אירע קאָנוואולסיעס. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן אויפשטעלן, אָפּשטויבן די קליידער און אַרויסקריכן אויפן דעק.

פּאַרנאַכט איז די שיף אָנגעקומען אין דעם אידילישן פּאָרט טסורוגאַ, אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג און אויפן ברעג פאַרביקע יאַפּאַנישע הייזלעך פון ברעטלעך און גלאָז. אָפּגעוואַרט אונדזער שיף האָט אַ פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה אין קאָבע. ער איז אויך געווען אַ פאָרשטייער פון „דזשאָינט". ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט די פּאָרט־באַאַמטע און מיט דער פּאָליציי. זיין זאַפטיק יידיש לשון, זיין „גוטנאָווגט, יידן" האָט אונדז מיט איין מאָל היימיש געמאַכט דאָס פרעמדע עקזאָטישע לאַנד. ער האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן נישט האָבן קיין שוועריקייטן ביים לאַנדן און ווירקלעך זענען מיר פריי געוואָרן פריער ווי אַלע אַנדערע אויסלענדער. וואָס האָט אויסגעזען, אַז זיי זענען אָנגעקומען אין פּאָרט פריער.

אין מיין „ליידימאַס" האָב איך געהאַט אויפגעשריבן, אַז איך בין פון דער „פּראָפעסיע" אַ סטודענט. מיין סטודענטשאַפט האָט מיך אויסגעטיילט פון דער גאַנצער גרופּע כלפּי דער יאַפּאַנישער זיכערהייט־מאַכט. אַ ציווילער מאַן האָט מיך העפלעך פאַרבעטן איך זאָל מיט אים מיטגיין אויפן ערשטן שטאָק, נאָר אויף אַ רגע. „אַ נייע גרענעץ?" — האָב איך געטראַכט און געוואָרן אומרואיק. דער ציווילער מאַן האָט מיך אַריינגעבעטן אין אַ ליכטיק וואַרעם צימער, ווו אַרום אַ גרויסן טיש זענען געזעסן אַ צען מענער אין שוואַרצע אייראָפּעאישע אָוונט־קליידער. די מענער האָבן זיך אויפגעשטעלט, זיך איינגעבויגן און מיך באַגריסט מיט אַן אויסגעצויגענעם „וועלקאַמען" און מיך פאַרבעטן איך זאָל זיך זעצן אויבנאָן. איך האָב נאָך נישט געוווסט וואָס פאַר אַ כבוד די לייט גייען מיר דאָ אָפּגעבן און נישט געווען זיכער, צי זיי נעמען מיך נישט אָן פאַר עמעצן אַנדערש, אָבער אַז זיי האָבן מיר פאָרגעלייגט אַ גוט טעפּל קאַווע, האָב איך גערן אָנגענומען די „אָפּערטע" און נאָך איידער איך האָב געזאָגט „יעס, דזשענטלמען" — האָט שוין

די הייסע קאַווע געשמעקט אונטער מיין נאָז. דערנאָך איז אַוועק אַ סעריע העפ־לעכקייט־פראַגן, וואָס אַזעלכע האָב איך שוין לאַנג נישט געהערט, און קיינער, קיינער האָט מיר נישט געפרעגט זייט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן און איבער אַלע מיינע גרענעצן: „נישט געליטן פון דער רייזע?“ „אָ, יעס, דער הייסער שטראָם, סאָרי, וועדי סאָרי“, „מיר האָפן, אַז איצט פילסטו זיך גוט, נישט מיין הער?“, „אָ, יעס, אַ גוטע סאַונאַ וועט דיך דערפרישן. אָ, יעס“. „אין וולאַדיוואָסטאָק האָסטו געהאַט גענוג פרישע שפייז, מיין הער?“ „אָ, יעס, פּאַר אויסלענדער האָבן זיי הינער“.

פון זייערע פראַגן, העפלעכע, אומדירעקטע און נישט אַגרעסיווע, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז פון איין זייט ווילן זיי זיין זיכער, אַז איך בין נישט קיין סאָ־וויעטישער אַגענט און פון דער צווייטער זייט ווילן זיי פּרטים וועגן דעם לעבנס־שטייגער אין רוסלאַנד. זיי האָבן געשטעלט אַ צוואַנציק־דרייסיק פראַגן און איך האָב אויסגעטרונקען (זייער נישט העפלעך פון מיין זייט) דריי טעפלעך קאַווע (וואָס אַזאַ געשמאַקע קאַווע האָב איך נישט געטרונקען זייט דעם סוף פון דער גוטער קאַווע אין „מאַניקאַ“ אין קאָוונע). איך האָב געענטפערט אויף זייערע פראַגן אָן צו טראַכטן און זיי האָבן זיך געזעגנט מיט מיר מיט אַזאַ היימישקייט, ווי זיי וואָלטן געווען מיינע פעטערס און איך זייער הייסגעליבטער גלידשוועסטערקינד. איך בין אַריבער די ערשטע גוטע גרענעץ...

אין קאָבע

אין קאָבע האָב איך איסער באַקאַנטע פון ווילנע און קאָוונע, געפונען אויך טייערע היימישע יידן, וואָס זענען אַוועק פון רוסלאַנד נאָכן אויסברוך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אין יאַפּאַן געפונען זייער היים. דאָ האָט זיך אויך גע־פונען אַ ייד, אַן אַלטער סיביראַק, וואָס איז אין יאָר 1905 פאַרשיקט געוואָרן קיין צפון־סיביר, בעת דער באַלשעוויסטישער רעוואָלוציע גענומען די פיס אונטער די אָרעמס און אַנטלאָפן קיין מאַנדזשוריע, כדי פּטור צו ווערן פון ביידע מיני רוסן, סיי פון די ווייסע און סיי פון די רויטע. צווישן די היימישע יידן האָב איך אין קאָבע געטראָפן מענדל מאַזעס מיט זיין פאַמיליע, יעקב קענער, דעם יוגנט־פירער פון די לינקע פועלי ציון אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע, דעם וואַרשעווער רעפּאָרטער לייבל ביין און סתם באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פנימער פון צווישן די פליטים אין ווילנע.

כאָטש אין יאַפּאַן האָט געהערשט אַ טאָטאַליטאַרער רעזשים, מיט מלחמה און שפּייז־ראַציאָנירונג, האָבן די יידישע פליטים געלעבט אין אַ גן־עדן פון פריי־הייט. נישט אַלע פליטים האָבן אָפּגעשאַצט די גאַסטפריינטלעכקייט פון די יאַפּאַ־נער און אַ היפש ביסל מיסגעברויכט מיט דער שפּייז־ראַציאָנירונג, וואָס די יאַ־פּאַנער האָבן אָפּגעהיט מיט אַ געוואַלדיקן אייפער. אייניקע האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין ספּעקולאַציע און אָנגעהויבן קאָרומפּירן יאַפּאַנישע קרעמער און סוחרים. אין אַלע פאַלן פון אַנטדעקן, אַז קרעמער פאַרקויפן צו די יידישע ספּעקולאַנטן

שפייז־אַרטיקלען אָן קאַרטן און אין גרעסערע קוואַנטומס, זענען נישט באַ־שטראָפט געוואָרן די יידן, נאָר די יאַפּאַנישע קרעמער און סוחרים. פון צייט־צו־צייט האָט מען געקענט זען ווי די פּאָליציי פירט אַרויס אין דער מיט גאַס אַ קרעמער, ער ווערט אַוועקגעשטעלט אויף די קני און ער באַקומט קלעפּ מיט באַמבוס־שטעקנס פאַר די אויגן פון די פאַרבייגייער. דער קרעמער זאַפּט איין די קלעפּ אָן איין איינציקן געשריי.

דאָס לעבן העכער אַ יאָר צייט ווי פּליטים, געיאָגטע און געטריבענע און נישט זיכערע מיטן טאָג, האָט ביי אַ טייל איינגעבראָכן די מאָראַל און זיי האָבן געוואָלט „אַריינכאַפּן״ וואָס נאָר עס לאָזט זיך. אָט דער שטייגער איז געווען אין אַ שרייענדיקער סתירה צו דעם געאָרדנטן און דיסציפּלינירטן לעבן פון די יאַפּאַנער. איך האָב זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן פון דער קאָרעקטקייט פון יעדן יאַפּאַנישן מענטש, מיט וועלכן איך בין געקומען אין קאָנטאַקט. און אויסער דער קאָרעקט־קייט — אָרנטלעכקייט און סאָלידקייט. אַז איך בין געפאָרן מיט דער באַן פון קאָבע קיין יאָקאָהאַמאַ און געהאַט אַ בילעט צווייטע קלאַס און אין דער צווייטער קלאַס איז נישט געווען קיין זיץ־פּלאַץ און איך בין איבערגעגאַנגען אין דער דריטער קלאַס, האָט דער קאָנדוקטאָר מיר געגעבן אַ צעטל צו דער קאַסע אין יאָקאָ־האַמאַ, מען זאָל מיר צוריקצאָלן דעם אונטערשיד צווישן צווייטער און דריטער קלאַס. און איך האָב דעם אונטערשיד צוריקבאַקומען. אַז איך האָב פאַרגעסן אַ רעשט צו נעמען אין אַ וואָרנהויז אין קאָבע, האָט מען מיר די רעשט געבראַכט אין יידישן קאָמיטעט און דער ברענגער האָט אָפּגעמשלט ווי איך זע אויס. אין יענער צייט איז פאַר אַן אייראָפּעער אין טאָקיאָ געווען זייער שווער צו געפינען אַן אַדרעס. האָט דער קאָנדוקטאָר פאַר מיר אָפּגעשטעלט דעם אויטאָבוס אין מיטן וועג, געגעבן ביי דעם ווינקל וווּ איך האָב געדאַרפט, כדי איך זאָל נישט בלאָנדזשען. טייל געקומענע קיין יאַפּאַן האָבן אויסגענוצט אָט דעם שטייגער אויף אָפּצונאַרן און אויף צו שעפּן רווחים.

אַנדערע ווידער האָבן געוואָלט „מאַכן אַ לעבן און זיך אָפּנעמען״. יאַפּאַן האָט צעפּלאַקערט די פאַנטאַזיע מיט אירע גיישעס און פּראָסטיטוטקעס. איינער אַ וויכטיקער פּאַרטיי־מנהיג, וואָס דאָס גליק האָט אים צוגעשפּילט און ער האָט געהאַט סיי אַ סערטיפיקאַט קיין פּאַלעסטינע און סיי אַן אַמעריקאַנער וויזע און ער האָט אויסגעקליבן אַמעריקע — האָט געוואָלט מאַכן אַזאַ „לעבן״ און זיך אָפּנעמען איידער ער קומט קיין אַמעריקע, וווּ ער וועט מוזן פירן אַ סאָליד לעבן. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרזוכן דעם טעם פון אַ יאַפּאַניש פּראָסטיטוציע־הויז. גע־וווינט האָט ער אין דעם זעלבן האָטעל וואָס איך און די משפחה פון מענדל מאָזעס, נאָר דער פּאַרטיי־מנהיג האָט געוווינט איבער מאָזעסן. אַזוי ווי אין די יאַפּאַנישע האָטעלן זענען נישט פאַראַן אַזעלכע באָד־איינריכטונגען ווי אין איי־ראָפּעאישע האָטעלן און דער פּאַרטיי־מנהיג האָט געוואָלט קומען אין דעם פּראָס־טיטוציע־הויז אַ ריינער, האָט ער געפּרוווט מאַכן אַ באָד אין דער וואַש־שיסל. די וואַש־שיסל איז געווען צוגעפּעסטיקט צו דער וואַנט. האָט ער צוגעשטעלט אַ שטול און פון דער שטול זיך אַריינגעזעצט אין דער שיסל. נאָר אַזוי ווי דער מאַן איז געווען אַ דיקער, אַ שווערער און אויך אַ נידעריקער, איז ווי נאָר ער

האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער שיסל, האָט זי זיך אָפּגעריסן פון דער וואַנט און דער בעל־עבירהניק איז געבליבן ליגן אויפן דיל צווישן שערבלעך פון דער צע־טראַסקעטער שיסל. מענדל מאָזעס האָט דערהערט דעם שרעקלעכן טראַסק איבער זיין באַלקן און ער איז געלאָפן זען וואָס איז געשען מיט דעם פּאַרטיי־מנהיג. אויך איך האָב אים געזען אין זיין ביטערן מעמד, אַ צעקלאַפּטן צווישן די שערבלעך. מיר האָבן אים אַריינגעלייגט אין בעט, ער זאָל קומען צו זיך פון דעם שאָק. ער האָט נישט באַקומען קיין שאָק ווי מיר האָבן געמיינט.

נאָך דעם זעלבן אָוונט איז ער אַוועק אין אַ פּראָסטיטוציע־הויז און עס איז געשען מיט אים אַ צווייט און ענדגילטיק אומגליק.

אין יאַפּאַנישע הייזער, סיי פּריוואַטע און סיי עפּנטלעכע, פּירט זיך, אַז מען גייט נישט אַריין אין די שיך, נאָר באָרוועס אָדער אין די זאָקן. צוליב היימישקייט נעמט מען אַראָפּ פון גאַסט זיין אייראָפּעאישן זשאַקעט און מען טוט אים אָן אין אַ קימאָנאָ. ווי נאָר דער פּאַרטיי־מנהיג איז אַריינגעקומען אין דעם פּראָסטיטוציע־הויז זענען אים אַנטקעגנגעגאַנגען צוויי מיידלעך, איינע האָט אים אויסגעטון דעם זשאַקעט און די צווייטע — די שיך. אָט די צוויי אומשולדיקע פּעולות האָבן דעם מענטש אין גאַנצן צעטומלט. אין בוזעם־קעשענע פון זשאַקעט האָט ער גע־האַט זיין „ליידימאַס" מיט דער אַמעריקאַנער וויזע, די 50 דאָלאַר „לענדינג מאַני", וואָס מען האָט געמוזט האָבן ביי זיך ביז צום אַרויספאָרן פון יאַפּאַן און אויך אַנ־דערע דאָקומענטן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע, אויף קראָכמאַלנע גאַס, פּלעגן פּראָסטיטוטקעס באַגנבֿענען זייערע געסט אויף דעם שטייגער פון צונעמען זייערע רעקלעך און אויסטון זיי די שיך. אָבער דאָ האָט דער פּאַרטיי־מנהיג נישט געקענט צוזאַמענרעדן זיך מיט די מיידלעך, וואָס האָבן אים רק געשלעפּט און אַרויפגעפירט אויפן ערשטן שטאָק צו אַן אָבליגאַטאָרישער באָד איידער ער וועט אַריינגיין צו אַ פרוי.

אַ יאַפּאַנישע באָד איז אין אַ פאַס און אין דער פאַס איז דאָס וואַסער אַזוי הייס, אַז אַן אייראָפּעער קען פון אַזאַ היץ ווערן אַ קאַליקע. אין אָט אַזאַ גיהנום־פאַס האָבן די צוויי מיידלעך אַראָפּגעלאָזט זייער קליענט. ער האָט אָנגעהויבן שרייען געוואַלד, ער ווערט אָפּגעקאָכט, די מיידלעך האָבן אים אַרויסגעשלעפּט קוים אַ לעבעדיקן, אַרויפגעוואָרפן אויף אים די קימאָנאָ און אים אַריינגעפירט אין אַ צימער צו אַ „גיישע".

עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דערציילט, אַז דער פּאַרטיי־מנהיג האָט ביי דער „גיישע" געחלשט, דאָס זודיקע וואַסער האָט אים צוגענומען דעם אָטעם און זי האָט אים קוים, קוים אָפּגעמינטערט. אָבער האַלטן אים לאַנג אַ קראַנקן, אַן אָפּגעבריטן האָט זי נישט געקענט, איז ווי נאָר ער איז געקומען צום פולן באַוווסט־זיין האָט זי אים אַרויסגעשטעלט אויף יענער זייט טיר. פון דעם וואָס איז געקומען אויף אים איז ער נאָך געווען היפּש צעטומלט און אַנשטאָט ער זאָל אַראָפּגיין פון די טרעפּ צו זיין רעקל און שיך, איז ער צוריק אַריינגעגאַנגען אין דער קאַמער פון די פעסער מיט זודיק וואַסער. פון דעם האָט דער מענעדזשער פון דעם הויז געמאַכט דעם אויספיר, אַז דער קליענט וויל אים אָפּנאַרן, נאָך אַמאָל דורכמאַכן די באָד און נאָך אַמאָל אַריינגיין צו אַ פרוי. דער פּאַרטיי־מנהיג איז געצוווּנגען

געוואָרן צו באַצאָלן פאַר אַ צווייטן בילעט, כאָטש ער האָט פאַרן מענעדזשערס נאָז געפּאַכעט מיטן ערשטן בילעט, אַז ער האָט אים נישט אויסגענוצט צוליב דעם וואָס ער האָט זיך אָפּגעקאָכט און געחלשט. נאָר דער מענעדזשער פון דעם יאַפּאַנישן פּראָסטיטוציע־הויז האָט נישט פאַרשטאַנען די טענות אין יידיש און דער פּאַרטיי־מנהיג איז צוריקגעקומען אין האָטעל אַן אָפּגעקאָכטער און מיט צוויי בילעטן...

כאָטש ווייניק מענטשן האָבן געוווּסט וועגן דעם ביטערן דורכפאַל פון דעם פּאַרטיי־מנהיג, דאָך האָט זיך אים געדאַכט, אַז די גאַנצע שטאָט רעדט וועגן דעם און ער האָט זיך געשעמט צו ווייזן אין יידישן קאָמיטעט. איז ער אַוועקגעפאָרן קיין טאָקיאָ אויף אַ וואָך צייט, וואָס איז געווען גענוג די מעשה זאָל ווערן נישט וויכטיק. וואָרום עס זענען געווען אַ סך וויכטיקערע זאַכן פאַר די אַנגעפּאַרענע פּליטים.

די וועלכע האָבן געהאַט אַמעריקאַנער וויזעס זענען געווען פריי פון אַלע פּראָבלעמען. זיי האָבן נאָר געדאַרפט באַשטעלן אַ פּלאַץ אויף אַ שיף און וואַרטן אויף דעם טאָג ווען די שיף וועט אָפּגיין. אַלע אַנדערע זענען געווען צעטומלט, נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט זיי זענען. אַ טייל פון די וועלכע האָבן גע־האָט וויזעס קיין פּאַלעסטינע, האָבן מורא געהאַט צו נעמען זיך אין וועג אַריין. זיי האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז די היטלערישע אַרמייען וועלן אויך איינגעמען דעם גאַנצן מיטעלן מזרח צוזאַמען מיט פּאַלעסטינע. איז וואָס פאַר אַ זין האָט עס צוריק אַריינצופאַלן אין די הענט פון די דייטשן נאָך דעם ווי מען האָט זיך פון זייערע הענט קוים געראַטעוועט מיטן לעבן? און וואָס פאַר אַ טעם, אויב אַזוי, האָט געהאַט דאָס ראַטעווען זיך פון די רוסן? די וועלכע האָבן אַזוי געטראַכט, האָבן געזוכט צו עמיגרירן פון יאַפּאַן אין אַזעלכע לענדער, וואָס וועלן אויסמיידן די מלחמה. זיי האָבן זייערע אויגן געוואַנדן צו די דרום־אַמעריקאַנער לענדער און צו דרום־אַפריקע. צו די לענדער האָבן אויך געשטרעבט די אַלע, וואָס האָבן געהאַט וויזעס־אַז־מען־דאַרף־נישט־קיין־וויזעס קיין קיראַסאָ. אָבער די לענדער זענען אינגאַנצן געווען פאַרשלאָסן פאַר יידן. זיי האָבן אַריינגעלאָזט נאָר קריסט־לעכע עמיגראַנטן און אויך געשמדטע יידן. פון ווילנע און קאָוונע זענען נישט געקומען קיין בעלנים אויף שמדן זיך, נאָר אויף ראַטעווען זיך ווי יידן.

צווישן די וועלכע האָבן געהאַט וויזעס קיין פּאַלעסטינע און געזוכט צו עמיג־רירן אין אַן אַנדער לאַנד, וואָס געפינט זיך אויסער דער מלחמה־סטרעפע, איז געווען איינער אַ רב, וואָס איך וועל נישט דערמאָנען נישט זיין נאָמען און נישט דעם פּלאַץ אין פּוילן ווו ער איז געווען מרא דאתרא. אין דער שטאָט ווו ער איז געווען רב, איז ער אויך געווען אַ שליח פון קרן־הקיימת, געזאַמלט געלט פאַר ארץ־ישראל אין זיין קהילה. ער האָט נעבעך זייער שטאַרק נישט געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל, נישט אַזוי צוליב דער סכנה אַז היטלער־דייטשלאַנד וועט אויך איינגעמען דאָס הייליקע לאַנד (ער האָט געהאַט טיפע אמונה, אַז צו אַזאַ אומ־גליק וועט הקב״ה נישט דערלאָזן), ווי צוליב זיין שלעכטער מיינונג וועגן די יידן אין פּאַלעסטינע, אַז זיי עסן זיך אויף איינער דעם אַנדערן, און איינער וואָלט דעם צווייטן דערטרונקען לא עלינו אין אַ לעפל וואַסער.

דער רב האָט זייער אַ סך געערעדט וועגן דעם, אַז אין די דרום־אַמעריקאַנער

לענדער זענען פאַראַן זייער ווילע יידן, יידן מיט יידישע הערצער און מיט גאָט אין זייערע הערצער, נאָר זיי זענען נעבעך בורים גמורים אין דער תורה און זיי וואָלטן זיך מחיי נפשות געווען ווען צו זיי זאָל קומען אַ רב אַ בן־תורה, וואָס זאָל זיי מדריך זיין צו מצוות און צו מעשים טובים. פון דעם איז געווען קלאָר, אַז דער רב צאַפּלט צו עמיגרירן אין אַ דרום־אַמעריקאַנער לאַנד. אָבער די טויערן פון די אַלע לענדער זענען פאַר יידן פאַרקלאַפּט, בפרט נאָך פאַר אַ רב מיט אַ שוואַרצער געדיכטער באָרד, וואָס איז געווען צוויי מאָל אַזוי ברייט און צוויי מאָל אַזוי לאַנג ווי די שיינע באָרד פון טעאָדאָר הערצל. אויסער יידיש און אַ הונדערט ווערטער פויליש האָט דער רב נישט געקענט קיין איין איינציק אייראָפּעאיש לשון. איז ער אין יאַפּאַן געווען אַ שטומע צונג. אָבער סיי אין יאַפּאַן און סיי שפּעטער איבער די ברייטע ימים און יבשות פון אַזיע האָט דער רב באַוויזן, אַז יידיש איז אַן אוניווערסאַל לשון, אויב מען האָט נאָך צו יידיש אַזאַ געניאַלע אָריענטאַציע, ווי דער רב האָט געהאַט.

אין איינעם אַ טאָג איז דער רב פאַרשוווּנדן פון קאָבע. ער האָט קיינעם נישט געזאָגט וווּהין ער פאָרט און ווען ער וועט צוריקקומען. ער איז אַוועקגעפאָרן אין אַ געדריקטער שטימונג און אפילו איבערגעלאָזט זיין גאַנצן באַגאַזש, אויסער טלית־און־תפילין. נאָך אַ פּאָר טעג איז ער צוריקגעקומען אַ ניי געבוירענער מענטש, האָפּערדיק און פול מיט בטחון. פון דעם וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבן סודען מיט געוויסע סוחרים און פאַבריקאַנטן פון פוילן, אַזעלכע וואָס האָבן פון פריער זיך געהאַט באַזאָרגט מיט געלט אין אַמעריקע, אָדער אין דער שווייץ, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דעם רבס נעלם ווערן האָט געהאַט אַ טיפן מיין. און אַזוי ווי דער רב האָט זיך געסודעט מיט מער ווי מיט אַ מנין יידן, איז דער סוד באַלד אַ פּאָר טעג געוואָרן אויס סוד און... אויך מיט אַ סוד. און די מעשה איז געווען אַזוי: דער רב האָט אויסגעפונען, אַז אין יאָקאָהאַמאַ געפינט זיך אַ יאַפּאַנער אַן ערנקאָנסול פון פּערו אָדער אורוגוויי. דער ערנקאָנסול איז אַ רייכער און גוטער יאַפּאַנער. צו אים איז געפאָרן דער רב און פאַר אים אויסגעגאָסן זיין האַרץ (אין יידיש, פאַרשטייט זיך), אַז אין פוילן האָט ער איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט קינדער, וואָס בלב ונפש וויל ער זיי אַרויסראַטעווען. קיין פּאַלעסטינע וועט ער זיי נישט קענען אַרויסראַטעווען ווייל היטלער ימח שמו איז אַ שונא ישראל, אָבער אין אַ דרום־אַמעריקאַנער לאַנד וועט ער זיי אויף זיכער קענען אַרויסראַטעווען. דעריבער זאָל זיך דער קאָנסול מרחם זיין איבער זיין ווייב, זיינע קינדער און איבער אים אַליין און אים געבן אַ וויזע אין דעם לאַנד, וואָס ער, דער קאָנסול, רעפּרעזענטירט.

דער רב האָט אויף דעם יאַפּאַנער געמאַכט אַ געוואַלדיק שטאַרקן איינדרוק. ווערליק דעם ווי אין יאַפּאַן זענען דריי האָר אויף דער גאָמבע פון אַ מאַן אַ רחבותדיקע באָרד, האָט דעם רבס געדיכטע באָרד געקענט באַקליידן מיט בערד אַ מיליאָן יאַפּאַנער און דעם רב גופא זאָל נאָך בלייבן אַ גאַנץ היפּשע באָרד. אויסער דער באָרד האָט דער רב געהאַט צוויי גליענדיקע אויגן, ווי שטיינדעלעך פון סמבטיון. זיי האָבן נישט גערוט קיין רגע. האָט דער רב איבערגערעדט דעם ערנקאָנסול צו געבן אים אַ וויזע אויף דריי חדשים צו זיין אין יענעם דרום־

אַמעריקאַנער לאַנד. אויף מער האָט דער רב נישט געדאַרפט. ער איז געווען זיכער, אַז ווי נאָר ער וועט אַריבערטרעטן די שוועל פון יענעם לאַנד, וועט שוין זיין פוס פון דאָרט נישט אַרויס. אָבער אַזוי שנעל ווי דער קאָנסול האָט מסכים געווען צו געבן אים אַ וויזע, האָט זיך דער רב מיישב געווען, אַז אויב דער גוי איז מרוצה צו געבן איין וויזע, איז ער נישט קראַנק צו געבן צען וויזעס, וואָס וועלן אים, דעם רב, אויסשלאָגן די הוצאות. דעריבער איז ער צוריקגעקומען קיין קאָבע אַ האָפּערדיקער און זיך געסודעט מיט רייכע יידן. נאָכן סודען זיך איז דער רב ווידער נעלם געוואָרן אויף אַ פּאָר טעג און ווידער צוריקגעקומען אַ גע־האָלפענער. אויסער אַ וויזע פאַר זיך, האָט ער אַרויסבאַקומען אויף נאָך ניין „ליידימאַס" ענלעכע וויזעס אויף אויפצוהאַלטן זיך אין יענעם דרום־אַמעריקאַנער לאַנד במשך פון דריי חדשים. פאַר יעדער וויזע האָט דער רב באַקומען טויזנט דאָלאַר — צוזאַמען ניין טויזנט דאָלאַר אויסער דעם עולם־הבא פאַר העלפן יידן אין אַן עת צרה.

אָט די מעשה האָט זיך כהרף עין צעטראָגן איבער גאַנץ קאָבע און יידן האָבן מקנא געווען די געהאָלפענע וואָס זיי וועלן זיך באַלד דערוויטערן אין אַ לאַנד, וווּ די מלחמה וועט זיי נישט דערגרייכן.

עס זענען קוים אַריבער עטלעכע טעג ווי אין יידישן קאָמיטעט האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ יאַפּאַנער אין אַן עלעגאַנטער קימאָנאָ, אַן אַדעליקער שמייכ־לענדיקער מאַן, און ער האָט זיך פאַרמאַכט אין קאַבינעט מיט דעם אָנפירער פון דעם יידישן קאָמיטעט, אַ כאַרבינער ייד, וואָס איז בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלו־ציע אַנטלאָפן פון רוסלאַנד. ווען דער יאַפּאַנער איז אַוועק האָט דער אָנפירער פאַרבעטן צו זיך דעם רב און אים דערציילט, אַז פון יאָקאָהאַמאַ איז געקומען דער ערנקאָנסול, וואָס האָט ספּעציעל דורכגעמאַכט די לאַנגע רייזע ביז קאָבע, וואָרום — האָט דער קאָנסול געזאָגט — ער האָט פאַרגעסן אונטערצושרייבן די צען וויזעס און אַן זיין אונטערשריפט וועט מען די באַזיצער פון די וויזעס נישט אַריינלאָזן אין יענעם לאַנד. דעריבער דאַרף דער רב צוזאַמענעמען די ניין פּאַספּאָרטן און צוזאַמען מיט זיין אייגענעם אַוועקטראָגן צום קאָנסול אין האָטעל אויף אונטער־צושרייבן די וויזעס.

איז דער רב געלאָפן איבער די האָטעלן, אויסגעזוכט די יידן מיט די וויזעס, איינגעזאַמלט די פּאַספּאָרטן און זיי אַלע אַוועקגעטראָגן צום ערנקאָנסול אין זיין האָטעל. דער יאַפּאַנער האָט דעם רב געהייסן קומען אין אַ שעה אַרום. פּונקט צו דער שעה און אפשר נאָך אַביסל פריער איז דער רב געקומען און דער קאָנסול האָט אים דערלאַנגט אַלע צען פּאַספּאָרטן מיט איבערגעשטראָכענע, אומגילטיק־געמאַכטע וויזעס. דער ערנקאָנסול האָט שטאַרק איבערגעבעטן דעם רב, הלמאי ער האָט אומגילטיק געמאַכט די וויזעס. ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו געבן אַריינפאָר־וויזעס אָן אָנצופרעגן אין דער אַמבאַסאַדע פון יענעם לאַנד אין טאָקיאָ. נאָר ווען ער האָט אין טאָקיאָ געמאָלדן, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן די וויזעס, האָט מען אים באַפוילן זיי אומגילטיק צו מאַכן, כדי אויסצומיידן אַ סקאַנדאַל...

די דין־תורה אין קאָבע האָט געפסקנט, אַז דער רב דאַרף יעדן איינעם פון די געפּסלטע וויזעס צוריקצאָלן צו טויזנט דאָלאַר און אַלע צוזאַמען דאַרפן דעקן

די הוצאות, וואָס דער רב האָט געהאַט ביים פאָרן אַהין און אַהער קיין יאַקאַ־האַמאַ.

יאַפּאַן איז אַ וווּנדערבאַר לאַנד, שיין ווי אַ מעשהלע. עקזאָטיש און מיט קאַר־נאַוואַלן כמעט במשך פון אַ גאַנץ יאָר. די שענסטע שטעט און היסטאָרישע פּלע־צער האָב איך שוין געהאַט געזען. איך האָב שוין אפילו געזען די אַלטע טעאַטער־שטאָט קיאָטאָ און אירע ווונדערלעכע פּאַרשטעלונגען. געווען אפילו ביים וווּלקאַן פודזשי יאַמאַ. אָבער איך בין געווען אַ פּליט, קיין אייגענע געלט־מיטלען האָב איך נישט געהאַט און אפילו ווען דער „דזשאָינט" האָט געגעבן זיין הילף מיט אַ ברידערלעכער האַנט און אויף קיין איינציקער רגע נישט געלאָזט פילן, אַז ער העלפט — געהערט עס נישט צו די גרויסע אַנגענעמלעכקייטן צו זיצן אויף דזשאָינטישע קעסט אָן אַ סוף. האָב איך באַשלאָסן צו נעמען זיך אין וועג אַריין קיין ארץ־ישראל.

איך בין געווען דער ערשטער, דער „פּיאָנער", צו עפענען דעם וועג פון יידן־פּליטים פון פּוילן, פון יאַפּאַן קיין ארץ־ישראל.

אויסער דער משפחה מאָזעס האָבן מיך צו דער שיף באַגלייט פאָרשטייער פון דעם יידישן קאָמיטעט און די ברידער סאָסנאָוויק, ביידע העברעאישע לערער, קאָנאַקעדיקע העברעאיש־קענער, וואָס האָבן פון מיין אַרויספאָרן אויף דער שיף קיין ארץ־ישראל געהאַט מער רייזע־פיבער ווי איך אַליין. ס'איז געווען אַ גאַל־דענער טאָג, מיט אַ מילדער נישט צו־ליכטיקער זון. איך האָב זיך געפילט זייער יום־טובדיק. טאָקע דערפאַר ווייל איך בין געווען דער ערשטער אויף דעם וועג. און איך בין זיך מודה, אַז אין יענער שעה האָב איך איבערגעלעבט אַ זיס געפיל פון נקמה אין יענע ציוניסטישע מנהיגים, וואָס צווישן אַמעריקע און ארץ־ישראל, האָבן זיי אויסגעקליבן אַמעריקע — און איך פאָר קיין ארץ־ישראל. איך האָב נקמה גענומען פאַר זייערע זויערע מינעס און פאַר זייער מבייש זיין מיך בעת איך בין מיט מענדל מאָזעס אַריינגעקומען אין דעם „פּאַלעסטינע־קאָמיטעט" אין קאָונע... די ברידער סאָסנאָוויק האָבן געפאָכעט מיט די הענט אַרויף צו מיר אויפן שיף־דעק: „להתראות בארצנו! להתראות בירושלים!"

פּלוצים איז אָנגעלאָפן דער רב מיט אַ צעפאָכעטער באָרד און צעפאָכעטע פּאָלעס. צוויי טרעגער טראָגן אים נאָך טשעמאָדאַנעס: ער פאָרט אויך! איך האָב אויפריכטיק געהאַט הנאה. איך וועל האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן אויף דעם לאַנגן וועג. אָבער דער רב איז אַרויף אויפן שיף־דעק אָן אָנגעכמורעטער, אַ דערשלאָגן־צעטומלטער. איצט איז דער „להתראות בארצנו!" און דער „דרך צלחה!" געווען פאַר ביידע, פאַר מיר און פאַרן רב. אָבער אין זיין דערשלאָגנקייט האָט דער רב נישט רעאַגירט. ערשט ווען די שיף האָט אָפּגעשלאָגן פון ברעג, האָט ער זיין אָנגעכמורעטקייט אויסגעגאָסן אויף מיר. ער האָט אָנגעהויבן פון באַווייזן אונדז ביידע וווהין מיר פאָרן. דעם רחמנות אויף זיך האָט ער איבער־געטראָגן אויף מיר: „ווי וווהין דו פאָרסט... פאָרסט אויס די גאַנצע וועלט און צום סוף פאַלסטו אַריין קיין פּאַלעסטינע, צו די כליצעם מיט כליצעס. ס'איז נישט צום לעבן און נישט צום שטאַרבן, רחמנא לצלן". ער האָט דאָס יאָדען מיך צע־טיילט אויף פּאַרציעס, ווי מען טיילט גיפט.

די שיף מיט וועלכער מיר זענען געשוווּמען איז געווען אַ גרויסע לאַסט־שיף, אויף וועלכער דאָס גאַנצע פּאַסאַזשירן־לעבן האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן דעק. בלויז אויף ביינאַכט איז מען אַראָפּ אין ענגע דומפּיקע קאַיוטעס, פון וועלכע מען האָט געמוזט שנעל רעזיגנירן און זיך איבערטראָגן אויפן דעק כדי צו קענען איינשלאָפן אויף אַ פּאָר שעה. דערפאַר איז מען באַלוינט געוואָרן מיט אַ לאַנד־שאַפט וואָס מען האָט זיך נישט געקענט געבן גענוג אָנזעטיקן מיט איר שיינקייט. דריי טעג איז די שיף געשוווּמען אין דעם אַזוי גערופענעם אינערלעכן ים צווישן די יאַפּאַנישע אינדזלען, ווו פון ביידע זייטן האָט מען געזען די ברעגעס און דאָס לעבן, וואָס האָט אויף דער פּרעכטיקער לאַנדשאַפט אויסגעזען ווי אַ גן־עדן־אידיליע. די שיינקייט איז מיר נישט באַקומען צוליב דעם יאַדעניש פונעם רב.

איידער איך בין אַרויף אויף דער שיף האָב איך איינגעקויפט פאַר מיר אַ גאַנצן טראַנספּאָרט פיש־קאָנסערוון. אין יאַפּאַן האָב איך בשום אופן נישט געקענט זיך צוגעוווינען צו די דאָרטיקע שפּייזן. די יאַפּאַנישע באַשפּייזונג איז באַזירט אויף ים־באַשעפענישן. אַלץ וואָס די נעץ שלעפּט אַרויס פון ים איז צום עסן, אָנהויבנדיק פון ים־קאָטערס און ענדיקנדיק אויף מעדוזעס און אויסטערלישע ים־חיות, וואָס איך האָב צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אַזעלכע געזען. איך האָב אָפּט געהאַט דעם איינדרוק, אַז אונטער דעם צודעק פון רייז געפינט זיך אין טעלער אַ קליין חיהלע. איך האָב זיך דעריבער אין יאַפּאַן געשפּייזט מיט רייז, ברויט, קעז, פיש און פּרוכטן. כדי נישט צו זיין אויסגעשטעלט צו דער שפּייז פון דער שיף, האָב איך אָנגעקויפט שעכטלען פיש־קאָנסערוון. באַלד ווי די שיף האָט אָנגעהויבן שווימען האָט דער רב אַרויפגעלייגט אויף מיר צוויי אויפגאַבן: ערשטנס, איך זאָל רעדן מיטן קאַפּיטאַן און אים דערציילן, אַז דער מיט דער באָרד איז אַ רב און ער עסט נאָר כשר עסן. דעריבער זאָל ער אים געבן דריי אייער אַ טאָג, ברויט, פּרוכטן און אייראָפּעאישן טיי מיט צוקער. (די יאַפּאַנער טרינקען גרינעם טיי און אויך ביטער). די צווייטע אויפגאַבע: אַזוי ווי איך האָב אים דער־ציילט וועגן מיינע פיש־קאָנסערוון, זאָל איך זיך טיילן מיט אים מיט די קאָנסערוון, כדי ער זאָל נישט ליידן קיין הונגער. דאָס צווייטע — צו געבן אים מיינע פיש־קאָנסערוון — איז געווען זייער לייכט, און באַלד דעם ערשטן טאָג האָט ער גע־מאַכט אַ פּאַגראָם אין מיינע פיש. דאָס ערשטע — דערקלערן דעם יאַפּאַנישן קאַפּיטאַן וואָס דאָס איז אַזעלכעס אַ רב און וואָס דאָס איז אַזעלכעס כשר — איז שווערער ווי קריעת ים־סוף. איך האָב געפּרוווט מיט באַוועגונגען, מיט טרייסלען און שאָקלען זיך און מיט אָנצייכענען אויף מיין ברוסט די קאָנטורן פון דער באָרד איבערגעבן דעם קאַפּיטאַן געענוי וואָס דאָס איז אַ רב. אָבער פּונקט ווי ער האָט ניש פאַרשטאַנען פון מיינע ווערטער האָט ער אויך נישט פאַרשטאַנען פון מיינע באַוועגונגען. האָב איך געפּרוווט מיט פאַרגלייכונגען: „לייק איי הינדו מאָנק — ווי אַ הינדו־נזיר; לייק איי פּייאָס בודיסט — ווי אַ פרומער בודיסט" — דאָס האָט זיך אים געלייגט אויפן שכל, ער האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז דאָס מיין איך רב, בעת מיט זיינע אויגן זעט ער, אַז דער מיט דער באָרד איז נישט קיין אינדיער. צום סוף האָב איך רעזיגנירט און אָפּגעמאַכט מיטן קאַפּיטאַן ער זאָל מיך שפּייזן מיט אייער, פּרוכטן און זיסן טיי און דאָס איבעריקע וועל איך שוין מאַכן...

צוליב דעם וואָס דער קאַפּיטאַן האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס איז אַ רב און וואָס עס איז כשר, האָט דער רב זיין גאַנצן ירגזון אויסגעלאָזט צו מיין קאָפּ און צו מיינע פּיש. צוליב דער היץ אויפן ים האָט געזעצט אַן עיפּושדיקער ריח פון די שיף־מאַגאַזינען און דעם רב האָט געאיבלט — בין איך געווען שולדיק דערין. „אַנגעשיקט אַן אומגליק צו פאָרן — האָט ער געגרימט אויף מיר — אויס־געקליבן אַ לאַנד, פּאַלעסטינע... וואָס דערוואַרט דיך דאָרט?... צרות, נאָר צרות... אַ בראָך צו דיינע יאָרן... אין דעם שטינקעריי ווערסטו דערפּאָרן?... ס'שווינדלט דאָך פאַר די אויגן..."

אויך מיר איז געווען הייס, אויך מיר האָט געאיבלט פון דעם געשטאַנק פון די שיף־מאַגאַזינען, אָבער איך האָב זיך באַהערשט אויס דרך־ארץ פאַרן רב און אים נישט געענטפערט. אָבער שוין אויפן דריטן טאָג האָט געפּלאַצט מיין גדולה. ער האָט געגעסן מיינע פּיש, געגעסן די אייער וואָס איך האָב אויסגעבעטלט ביים קאַפּיטאַן, געגעסן די עקזאָטישע געפּרעסטע פרוכטן און דאָך זיצט ער אויף מיר ווי אַ זלידנע פליג און זשומעט מיר אין די אויערן צו וואָס פאַר אַן אומגליק מיר פאָרן. איך האָב געזאָגט דעם רב ברוטאַל, ווי אַ מערדער: „אויב איר וועט נישט איפּהערן מיר דערגיין די יאָרן, אויב איר וועט מיך ווייטער באַקלאָגן פאַרוואָס איך פאָר קיין פּאַלעסטינע, וועל איך אייך אַריבערוואַרפן איבערן באָרט אין ים אַריין". אויף דעם האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט באַלד געפילט, אַז איך בין אַ גזלן, נאָר איצט זעט ער עס מיט פאַקטן.

איך האָב געזוכט מיט עפּעס אים ווי צו טאָן פאַר זיין איזדעקעווען זיך איבער מיר, פאַר מאַכן מיך שולדיק דערפאַר וואָס אין דרויסן איז אַ חמימה, דערפאַר וואָס פון די שיף־מאַגאַזינען זעצן די שלעכטע ריחות און פאַר אַנדערע דערפאַרן, ווייל אים איז געווען נישט גוט.

אויפן פערטן טאָג האָט זיך מיר געמאַכט אַ געלעגנהייט זיך „נוקם" צו זיין אין אים.

די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קוילן־פּאָרט גאַיאַ, נישט ווייט פון הירא־שימאַ, וווּ עס איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געוואָרפן געוואָרן די ערשטע אַטאָם־באָמבע. דאָס שטעטל גאַיאַ איז באַשטאַנען פון בלויז איין איינציקער לאַנגער גאַס, אויף וועלכער עס האָט קורסירט אַהין און צוריק צום פּאָרט אַן איינציקער טראַמוויי. פון ביידע זייטן גאַס זענען געשטאַנען נידעריקע יאַפּאַנישע הייזלעך און פאַר יעדן הייזל האָט אַ פּראָסטיטוטקע געוואַרט אויף געסט. אַ טיפּישער קוילן־פּאָרט — פאַרשטויבט און פאַרחושכט מיט דעם שטויב פון קוילן און אָפּגע־לאָזן. אונדזער שיף האָט זיך דאָ פאַרהאַלטן אויף אַ גאַנצן טאָג. ס'האָט נישט געהאַט קיין זין צו בלייבן אויף דער שיף. אויפן דעק איז געווען אַ שטויב פון די קוילן־לאַדונגען, אין בויך פון דער שיף איז נישט געווען קיין ביסל לופט. זענען מיר ביידע, איך און דער רב, אַראָפּגעגאַנגען אין שטעטל צו שפּאַצירן און צו זיין וואָס ווייטער פון דעם שטויב. גלייך ווי מיר זענען אַרויס אויף דער לאַנגער גאַס און איך האָב באַמערקט דעם כאַראַקטער פון דעם שטעטל מיט די פאַרביקע מיידלעך פאַר די טירן פון די הייזלעך, איז מיר איינגעפאַלן, אַז דאָ האָב איך אַ גוטע געלעגנהייט חוזק צו מאַכן פונעם רב און אים לערנען דרך־ארץ. פאַרביי־

גייענדיק האָב איך אָבסערווירט די מיידלעך און געזוכט אַזאַ מיט אַן אַגרעסיוון אויסזען נאָכן אָפּשפּאַצירן אַ צוויי הונדערט טריט האָב איך באַמערקט אַ מיידל מיט אַ זייער סימפּאַטיש פּנים און מיט שעלמיש־לאַכנדיקע אויגן פאַרבייגייענדיק איר האָט זי נאַטירלעך געמאַכט אונדזי אַ פאַרשלאַג און איך האָב איר געזאָגט „טייק הים!" — נעם אים איך בין זיכער. אַז נישט דאָס מיידל און נישט וועלכע עס איז מיידל אין יאַפּאַן האָט אין איר לעבן געזען אַ מאַן מיט אַזאַ גרויסער און געדיכטער שוואַרצער באָרד. אויך אין די באַדינגונגען פון אייראָפּע איז אַזאַ באָרד אַ וואַלד. אָבער ווען די שיטערע ציגן־בערדלעך פון יאַפּאַנער איז אַזאַ באָרד א גאַנצער דזשונגל אין אָט דעם דזשונגל האָט זיך דאָס מיידל אַריינגעלאָזט מיטביידע הענט און זי האָט זיך אָנגעהויבן לאַשטשען און לאָקן דעם מאַן. דעם ־בס פּנים איז אי רויט און אי בלאַס געוואָרן. ער איז געוואָרן ווי פאַראַליזירט. ער האָט מורא געהאַט אָנצורירן דאָס מיידל מיט די הענט און זיך באַפרייען פון איר. איז ער געוואָרן שטייף און געקוקט צו מיר מיט צעטומלטע אויגן און גערופן: „נעם זי אַוועק פון מיר! זאָל זי מיך אָפּלאָזן! אַ חרפּה. אַ חרפּה. אַזוי טוט א ייד צו אַ רבֿ בישׂראל? נעם צו די חוצפּה!" דאָס מיידל האָט אים צוגעדריקט צו זיך און איך האָב באַקומען רחמנות אויף אים וואָס ער ווערט אויסגעחוזקט אין מיינע אויגן. איך האָב אים באַפרייט פונעם מיידלס הענט. באַלוינט איר פאַר דער טרחה מיט צוויי יען און מיר זענען אַוועק.

דער רבֿ האָט זיך באַליידיקט. ער האָט נישט געוואָלט מער רעדן צו מיר. געגאַנגען באַזונדער אין דער גאַס, צוריקגעקערט האָבן מיר צו דער שיף אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן אויף אַ צען טריט און ביז שאַנכיי האָט ער צו מיר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט...

איידער די שיף האָט צוגעשלאָגן צום ברעג פון שאַנכיי האָט דער רבֿ פּלוצים אָנגעהויבן רעדן צו מיר און דווקא מיט זיסע רייד. אַז יידן דאַרפן זיך האַלטן אין אחדות און ביי דער געלעגנהייט געלויבט ביזן זיבעטן הימל אַריין די שאַנכייער יידן. צום אַראָפּגיין פון דער שיף האָט ער זיך אָנגעטון אין אַ דריי־פערטלדיקער געהאַקטער קאַפּאָטע, מיט אַ סאַמעטענעם קאַפּעלוש און מיט א שוואַרצן שטעקן מיט אַ זילבערן הענטל. פון זיינע רייד און פון זיין הלבשה האָב איך פאַרשטאַנען. אַז ער קלייבט זיך אויפצוטון אין שאַנכיי גרויסע זאַכן. מיט די זיסע רייד צו מיר האָט ער געוואָלט פאַרלויפן דעם וועג, איך זאָל אים חלילה נישט קאַליע מאַכן די מערכה. ווי נאָר די שיף האָט פאַראַנקערט אין פּאָרט איז ער נעלם געוואָרן ווי אַ שטיין אין וואַסער איך האָב אים געזוכט צווישן די אַראָפּגייענדיקע פּאַסאַזשירן און ער איז נישט געווען, ווי ער וואָלט בכלל אויף דער שיף נישט געווען.

אויף אַן אויגנבליק האָט זיך מיר אַ דריי געטון אין קאָפּ און איך האָב פאַרלוירן די אָריענטאַציע. אויף צו מאָרגנס. נאָך דעם ווי די שיף איז אַרויסגעשווומען פון פּאָרט גאָיאַ. איז געשטאָרבן איינער פון דער מאַנשאַפט און איך בין בייגעווען ביי דער צערעמאָניע פון דער לוויה און „קבֿורה". די סצענע פון אַראָפּלאָזן דעם טויטן אין ים אַריין האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק. ווי דער געשטאָרבענער וואָלט געהאַט אַ גאָר נאָענטן שייכות צו מיר. דאָס נעלם ווערן

פון דעם רבֿ אויף אַזאַ מיסטעריעזן אופֿן, אַז איך האָב אפֿילו נישט באַמערקט ווי אַזוי ער איז אַראָפּ פֿון דער שיף, האָט אין דער רגע פֿון פֿאַרלירן די אָריענטאַציע מיר געגעבן דאָס געפֿיל, אַז איך בין אַראָפּ פֿון זינען און ערשט איצט גיב איך זיך אָפּ אַ חשבון, אַז די לוויה און די „קבֿורה" אויף דער שיף איז חלילה געווען פֿונעם רבֿ...

די פּאָר טעג וואָס די שיף איז געשטאַנען אין שאַנכײַ האָב איך דעם רבֿ נישט באַגעגנט. אין ייִדישן קלוב האָב איך זיך געטראָפֿן מיט דעם זשורנאַליסט מנחם פֿלאַקסער וואָס איז געהאַט אַוועקגעפֿאָרן פֿון ווילנע מיט חדשים פֿריער און ער האָט אין שאַנכײַ געהאַט נאָענטע פֿרײַנד. ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט די ייִדן אינעם ציוניסטישן קלוב און ער האָט זיך אויסגעצייכנט אָריענטירט אין דעם ווילדן, רײַכן און אויסגעלאַסענעם דזשונגל, וואָס הייסט שאַנכײַ. מיר האָבן צוזאַמען באַזוכט די אָפּיום־ און שפּיל־הײַזער. ווו מענטשן קויפֿן גליק פֿון באַרוישונג און פֿאַרברענען זייער לעבן אין געציילטע מינוטן. בײַ לאַנגע טישן אין אָנגערויכערטע צימערן זיצן מענטשן מיט בערג געלט און זיי וואַרפֿן ביינדלעך די שעלמישע פֿאַרווײַלונגס־מיידלעך לאָקן די מענער צו האַזאַרד און נאָך יעדער רונדע פֿון וואַרפֿן ביינדלעך ווערט קלענער דער באַרג געלט בײַ דעם און יענעם. ווערט גרעסער בײַ אַן אייינציקן און דער קרופּיער שאַרט צו צו זיך הויפֿנס באַנקנאָטן. נאָך אַ שעה שפּילן לאָזט זיך אויס פֿון דעם באַרג אַ טייך. דער און יענער שפּילער זוכט אין זײַנע טאַשן אַן איינציקן דאָלאַר, אַ זכר לחורבן פֿון זײַן רײַכקייט און ער געפֿינט נישט ער איז באַנקראָט. באַקומט ער פֿון דעם קרופּיער צוויי קופּאָנען: איינעם אויף אַן אומזיסטן אָונטברויט אין רעסטאָראַן פֿון שפּיל־הויז אין דעם צווייטן אויף אַן אומזיסטער טאַקסי אויף צו פֿאָרן אַהיים אַ פֿאַרשפּילטער.

אין אָפּיום־זאַל ליגן אויסגעלייגט מענטשן אויף בעטלעך, וואָס שטייען פֿון בײדע זײַטן ווענט. אייינצלנע רויכערן, פּיפּקען די ליולקעס און זייערע אויגן גלאַנצן אַן אויסדרוק ווי די אויגן פֿון פֿיש. אַנדערע זענען פֿאַרזונקען אין באַרוישונג, זייערע פּנימער זענען טויט־בלייך אונטער דער נאַטירלעכער געלקייט. מילדע בהמהשקייט, פֿון בהמות וואָס עסן גראָז, איז אויסגעגאָסן אויף זייערע פּנימער. אין דער מיט פֿון זאַל דרייט זיך אַרום אַן אַלטע כינעזערין, וואָס באַוועגט זיך מיט קליינע טריטלעך; אירע פֿיס זענען אויפֿן אַלטן־אַלטן שטייגער אַרײַנגעוואָקסן אין קליינע שיכעלעך נאָך פֿון איר קינדהייט. זי האַלט אין די הענט עטלעכע ליולקעס. וואָס זי האָט אַוועקגענומען פֿון די וואָס זענען אײַנגעזונקען אין באַרוישונג. אַ יונגער כינעזער קומט אַרײַן מיט אַ זוכנדיק פּנים, ער טוט אַ זאָג צו דער פֿרוי אַ צוויי־דרײַ פֿאָנפֿענדיקע קורצע ווערטער און אָט ליגט ער שוין אויף אַ בעטל אַ גרייטער אויפֿצונעמען דעם רויכנדיקן חסד פֿון אָפּיום...

אויף די עקן פֿון די גאַסן זיצן קוליס אויף די האַלאַבלעס פֿון זייערע ריקשיס, לויזן זיך און וואַרפֿן אין די מײַלער אַרײַן זייערע אייגענע לײַז, ווי אומגעזעענע אַרבעסלעך... אויפֿן ריזיקן כינעזישן מאַרק, צווישן טעפּ און קוישן און טויזנט זאַכן זיצן מוטערס מיט קינדער אויף דער ערד און זיי וואַרטן אויף אַ קונה, ער זאָל קויפֿן בײַ זיי איינס פֿון זייערע קינדער־מיידלעך... אויף דער גאַס פֿון די

בענק, אויפן ברעג פון טייך, שטייען אַנטקעגן זיך צוויי קאָנטראַסטן, וואָס שרייען צו די פאַרשלאָסענע הימלען; פון איין זייט די בענק, ווו עס איז מאַגאַזינירט דער גאָלד־שטראָם פון כינע. זיי ווערן געהיטן פון קרעפטיקע סיקיס מיט פאַר־קנוילטע בערד און באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערס און גומי־שטעקנס. געפאַנ־צערטע אויטאָ ברענגען זעק געלט, אָדער פירן אַוועק זעק געלט און די שומרים רויען אַרום מיט ביקסן אַרום די אויטאָס. אונטן, אויפן געלן, מוטנעם און שמוציקן טייך, זענען אָנגערויעט טויזנטער שיפלעך, אויף וועלכע ס׳וווינען און האַנדלען מיט דלות טויזנטער און טויזנטער משפחות... אויף דער בריק, אויף דער גרענעץ צווישן דער יאַפּאַנישער און אַמעריקאַנער קאָנצעסיע גייען כינעזער מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ פון הכנעה. די יענקיס נעבן דעם גרענעץ־ביידל לאַנגווייליקן זיך און זיי וואַרטן אויף אַ „סצענע״ — ווען אַ כינעזער גייט פאַרביי מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, אָדער ער דערהערט נישט דעם באַפעל פון דער יאַפּאַנישער וואַך, שפּרינגען צו אים צו די יאַפּאַנישע זעלנער און קלאַפּן אין אים מיט די ביקסן־קאָלבעס ווי אין קרויט... אויף נאַנקין־ראָוד האַנדלט מען מיט גאָלד, מיט זנות, מיט עקספּאָרט און אימפּאָרט, מיט שפּיאָנאַזש און מיט אַלץ פון וואָס מען קען מאַכן געלט. אפילו דאָס לויטערסטע גאָלד איז אויף נאַנקין־ראָוד שמוציק און זינדיק... אינעם יאַפּאַנישן שטאָט־פּערטל, נישט ווייט פונעם פּאָרט, ווו אונדזער שיף האָט זיך געשטעלט, געפינט זיך אַ געטאָ פון יידישע פליטים פון דייטשלאַנד און עסטרייך. בלויז איינצלנע רייסן זיך אַרויס פון דאַנען און הייבן אָן אַ ניי לעבן; די מאַסע לעבט פון האַנדלען מיט דלות און מיט דער באַשפּייזונג פון דזשאָינט. (שפּעטער האָבן די יאַפּאַנער איינגעשלאָסן אין דעם געטאָ אויך די פליטים פון ווילנע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין ענד־וויזעס און געבליבן שטעקן אין יאַפּאַן אָדער שאַנכיי. צווישן זיי האָבן זיך געפונען דער ליטעראַטור־קריטיקער י. ראַפּאַפּאָרט מיט זיין משפחה, אליעזר פּינעס, לאַזאַר קאַהאַן און זיין פרוי די שוישפּילערין שושנה קאַהאַן. קאַהאַן איז געשטאָרבן אין דעם געטאָ.

שאַנכיי איז געווען די שטאָט פון אַלע פאַרברעכנס, אָבער אויך פון אַלע אויסטערלישע מעגלעכקייטן. איז מיר איינגעפאַלן צו פּרוּוון אפשר וועט מען קיין שאַנכיי פון אַלע מעגלעכקייטן קענען ראַטעווען דאָרעס מוטער, וואָס איז געבליבן אין שטעטל וואָלבראָם, אין דעם היטלער־אָקופּירטן פּוילן. איך האָב נאָכגעפרעגט אין עטלעכע רייזע־ביוראָען און קיינער האָט מיר נישט געגעבן קיין האָפענונג. אין איין פּלאַץ, טאַקע אויף נאַנקין־ראָוד, האָט מען מיר געגעבן אַן עצה, אַז בנוגע ענינים פון פּוילן וואָס איז אָקופּירט דורך די דייטשן איז צום זאַכלעכסטן צו ווענדן זיך צו דער שיפס־געזעלשאַפט „האַמבורג־אַמעריקען ליין״.

איך בין אַוועק אין דער שיפס־געזעלשאַפט. פון אָנהייב האָט דער באַאַמטער געשטוינט: ברענגען פון אָקופּירטן פּוילן אַ יידישע פרוי? ס׳איז אַ קאָמפּלי־צירטער ענין. דאָך האָט ער מיר געהייסן צוואַרטן. נאָך אַ פּופצן מינוט האָט ער מיר אַריינגעבעטן אין צימער פון אַ העכערן באַאַמטן און ער האָט מיר געזאָגט, אַז כאָטש דאָס איז דער ערשטער פאַל זעט ער נישט קיין שוועריקייטן אין

ברענגען עמעצן פון פוילן. ס'איז נאָר אַ פראַגע פון הוצאות מיט דער באַן פון פוילן קיין האַמבורג און פון דאָרט מיט נייטראַלע שיפן קיין שאַנכיי. אויך אַן אַרויספאָדערונג קיין שאַנכיי דורך אַ טעלעגראַם וועט קאָסטן אַ 50 דאָלאַר. דער באַאַמטער האָט אויסגעחשבונט, אַז אַלץ דאַרף קאָסטן אַרום 500־550 אַמעריקאַנער דאָלאַר. אויב איך וועל זיך דעצידירן אויף דער סומע וועל איך אים דאַרפן איינצאָלן פאַר אַ טעלעגראַפישן בריוו קיין האַמבורג און נאָך דעם וועט ער אויסחשבונען גענוי וויפל איך דאַרף באַצאָלן פאַר דער גאַנצער רייזע.

מיין גאַנץ פאַרמעגן איז דעמאָלט געווען פערציק דאָלאַר (פון די 50 דאָלאַר „לענדינג־מאַני"). איך האָב דעם באַאַמטן צוגעזאָגט צו קומען אויפצומאָרגנס. איך בין מער נישט געקומען. אין אָוונט אינעם יידישן קלוב, אין אַ זייער וואָרע־מער אַטמאָספער, האָב איך די מעשה מיט „האַמבורג־אַמעריקען־ליין" דער־ציילט צו צוויי רייכע יידן. זיי האָבן געפילט, אַז מיט מיין דערציילונג גיב איך זיי אָנצוגעהערן, אַז איך האָב בדעה צו זאַמלען די סומע פון 500 דאָלאַר. האָט מיר איינער געזאָגט אַזוי: „דאָ גייט אַרום אַ פּוילישער רב און ער זאַמלט ביי יידן געלט צו ראַטעווען זיין משפחה פון פוילן. אויף באַנקין־ראָוד האָט ער אין יידישע געשעפטן היינט געמאַכט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר. איר וואָלט זיך געדאַרפט פאַרבינדן מיט אים. ער קען שוין די מלאכה פון זאַמלען געלט". איך האָב געענטפערט: „דעם רב קען איך. איך האָב זיך שוין פאַרבונדן מיט אים דורך מיינע פיש־קאָנסערוון. גלויב איך נישט, אַז ער וועט זיך פאַרבינדן מיט מיר דורך זיינע געשנאָרטע דאָלאַרן"... איך האָב מער וועגן דעם ענין „האַמבורג־אַמעריקען ליין" נישט געוואָלט רעדן. ווי אַ פּוילישער ייד האָב איך נישט געוואָלט שאַפן דעם איינדרוק ביי יידן אין שאַנכיי, אַז די יידישע פליטים פון פוילן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער וועלט אויף שנאָרעריי.

אין דעם טאָג ווען די שיף האָט געדאַרפט אָפּשלאָגן פון שאַנכייער פּאָרט, איז דער רב געקומען צו לויפן אין דער לעצטער מינוט, ממש פאַרן אויפהייבן דעם אַנקער. ער איז געווען פאַרשוויצט און פריידיק צעיאָכמערט, פונאַנדער־געקנעפּלט און מיטן קאַפּעלוש אַרויפגערוקט אויפן שפּיץ קאָפּ.

„טייערע יידן, גאָלדענע יידן אין שאַנכיי — האָט ער געזאָגט מיט התלהבות באַלד ביים צוזאַמענטרעפן זיך מיט מיר — דער רבונו של עולם האָט געוווּסט וואָס ער טוט ווען ער האָט געמאַכט, אַז אומעטום ווו אַ ייד קומט זאָל ער האָבן אַ מנין".

„בלויז צוליב אַ מנין האָט ער עס געטון, אָדער אויך אַז אַ ייד זאָל האָבן ביי וועמען צוזאַמענצוקלויבן אַ פּאָר דאָלאַרן?" — האָב איך געפרעגט.

ער האָט מיין פראַגע אַראָפּגעשלונגען. זי איז געקומען אומגעריכט פאַר אים. איך האָב אים נישט צורו געלאָזט:

„צי האָט איר עפּעס געטון אויף אַרויסצוראַטעווען אייערע בני־בית פון פוילן?"

„וואָס הייסט צי איך האָב געטון? — האָט ער געענטפערט — וואָס קען מען טון פון אַזאַ מהלך רב? ס'איז דען דאָ ווו אַ טיר אָנצוקלאַפּן?"

„ווען איר זאָלט זיך האָבן אינטערעסירט דערמיט, ווי איר האָט זיך אינטע־

רעסירט מיט... אַנדערע זאַכן, וואָלט איר געוווסט, אַז אין שאַנכײַ איז יאָ דאָ ווו אַנצוקלאַפּן אין אַ טיר, ווי למשל „האַמבורג־אַמעריקען ליין", וואָס איז גרייט צו ברענגען מענטשן פון פוילן פאַר 500 דאָלאַר אַ פּערזאָן".

ער האָט זיך דערפילט שלעכט. איך האָב אים אָנגערירט אין אַ שוואַכן פּונקט און אַראָפּבייגנדיק דעם קאָפּ איז ער אַוועקגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט דעק און זיך אָנגעלענט מיט ביידע הענט אין באָרט. ער האָט געליטן.

וואָס מער די שיף איז געשווומען אויף דרום אַלץ הייסער און הייסער איז געוואָרן. אַפילו דער ווינט איז געווען אַ הייסער און דומפּיקער. דערצו זענען אין שאַנכײַ אַרויף אויף דער שיף בורמעזער און אינדיער, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך קוישן מיט שפּייז, מעשענע טעפּעלעך און טעלערס און אַפילו נאַפּט־אייוועלעך צו קאָכן מאָלצייטן. די מאָלצייטן האָבן זיי געווירצט מיט פאַרשיידענע שאַרפע געווירצן, וואָס זייערע ריחות האָבן געשלאָגן צום האַרצן און ווו אויס־צובאַהאַלטן זיך פון זיי איז נישט געווען. די שאַרפע איבלדיקע ריחות האָבן די היץ אין דרויסן געמאַכט נאָך שטאַרקער. אויך פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעלייגט און אויסגעזעצט אויפן דעק האָט געשלאָגן אַ מוראדיקע היץ. איך בין אַרומגעגאַנגען כמעט אַ נאַקעטער און עטלעכע מאָל אין טאָג האָב איך זיך געשטעלט אונטער אַ קראַן און געגאָסן אויף זיך וואַסער. דער רב האָט צום ערשט אויסגעטון זיין רעקל, וואָס ער האָט געטראָגן אויף דער שיף, דערנאָך האָט ער אויסגעטון דאָס וועסטל, דערנאָך האָט ער אויסגעטון דאָס אויבערהעמד און געבליבן אין טלית־קטן, וואָס ער האָט געטראָגן אויף אַ ווינטערדיק וואָלן לייבל. איז ער פון היץ און דומפּיקייט געלאָפן לענגאויס דעם באָרט, טאָמער וועט ער מיט זיין אייגענעם גוף מאַכן אַביסל קילן ווינט, ער זאָל האָבן מיט וואָס צו עטעמען. אין לויפן האָט ער געוויקלט אַרום די פינגער די ציצית, אָדער אונטער־געהויבן די יאַרמולקע און ער איז געווען אין כעס אויף מיר, אויף די בורמעזער און אינדיער, אויף די איבלדיקע געווירצן — אויף דער גאַנצער וועלט. איך האָב אים געעצהט ער זאָל אָנשטאָט דעם ווינטערדיקן וואָלן לייבל ליבערשט אָנטון דאָס אויבערהעמד, צו זיין קערפּער זאָל צוקומען אַביסל לופט. האָט ער פאַרדעכטיקט, אַז איך ווייס וועגן דעם אַז ער האָט אין לייבל איינגענייט געלט און נאָר דערפאַר רעד איך אים צו ער זאָל אויסטון דאָס לייבל. אַלץ וואָס איך זאָג אים, איז נאָר צו עסן אים די גאַל. ער האָט זיך געפּייניקט מיט דער היץ און מיט די ריחות, אַז נאָך עטלעכע טעג איז ער געוואָרן בלייך ווי אַ לונגענקראַנקער.

אָבער נישט געקוקט אויף זיינע ליידן האָט דער רב געהאַלטן חשבון וועגן דער געאָגראַפיע. אַז מיר זענען פאַרבייגעפאָרן פאָרמאָזע, האָט ער זיך אָנגעהויבן גרייטן אויף צו לאַנדן אין האָנג־קאָנג אויף דער צייט ווי די שיף וועט זיך דאָרט פאַרהאַלטן. ער איז געוואָרן רואיקער. אין זיינע הענט האָט זיך באַוויזן אַ קליין נאָטיץ־ביכעלע מיט שוואַרצע טאָוועלעך און ער האָט אָפט אַריינגעקוקט אין דעם ביכעלע ווי אין אַ תהילימל. ערשט אַ סך, אַ סך שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אין דעם שוואַרצן נאָטיץ־ביכעלע האָט ער פאַרשריבן ווען און אין וועלכע פּאָרטן די שיף וועט זיך פאַרהאַלטן און אויף ווי לאַנג און אויך אַדרעסן פון יידן אין אַלע פּאָרטן און אויף אַלע אינדזלען פונעם מאַרשרוט פון אונדזער שיף.

באַגינען פון דעם טאָג ווען די שיף האָט געדאַרפֿט צושלאָגן צו האָנג־קאָנג, האָט דער רב אַרויפגעבראַכט אויפן דעק אַ שוואַרצן אַלפּאַגענעם קאָסטיום און אים אויסגעגלעט מיט די הענט פון די קנייטשן. אויך אין דעם פאַל האָט ער אָנגעטון אַ קאַפּעלוש מיט ברייטע ראַנדן, אָבער נישט דעם פּלושענעם, ווי אין שאַנכיי, נאָר אַ קוילן־שוואַרצן פילצענעם „באָרסעלינאָ". אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן אָנטון זיך האָבן די בורמעזער און אינדיער נישט אַראָפּגעלאָזט זייערע אויגן פון אים. אַזאַ עלעגאַנט אָנגעטוענעם און ציכטיקן מאַן האָבן זיי מסתמא געזען דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן. דער שטעקן מיטן זילבערן הענטל האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן זיין וויכטיקייט אַזוי, אַז ווען די שיף האָט פאַראַנקערט און אויפן דעק איז אַרויף אַן ענגלישער פּאָליציי־אָפיציר צו קאָנטראָלירן ווער עס יאָ און ווער ס׳נישט אַראָפּצולאָזן אין פּאָרט, האָט ער ביים רב נישט געבעטן ווייזן זיין פּאַספּאָרט. מיט דרך־ארץ האָט ער אים אָנגעוויזן ער זאָל זיין פאָרזיכטיק ביים אַריבערגיין דאָס בריקל. און ווי דער רב איז אַריבער דאָס בריקל, אַזוי איז ער נעלם געוואָרן פון מיינע אויגן, ווי מיט אַ כישוף.

איך האָב נישט געהאַט די מינדסטע אָנונג צי אין האָנג־קאָנג זענען פאַראַן יידן און אויב יאָ — ווי אַזוי זוכט מען זיי אויס. די שטאָט איז אַ גרויסע, אַ צעוואָרפענע און באַרגיקע. די לאַנדשאַפט, וואָס דערמאָנט אין חיפה, איז אַ פאַרכאַפּנדיקע. ווען מען וועל איך דאָ פרעגן צי עס זענען פאַראַן יידן און ווו מען קען זיי געפינען, אויב אויף צו זען די גאַסן־סצענעס, די רייכע געשעפטן און דעם אויבנדיקן שיינעם פּאַרק דאַרף מען פאַרברענגען דאָ כאָטש אַ דריי טעג, בעת די שיף וועט דאָ אָנקערן נישט מער ווי ביזן אָוונט. האָב איך אין אַן אייראָפּעאישן גוטן רעסטאָראַן צום ערשטן מאָל נאָך חדשים געגעסן אַ מלכותדיקן מאָלצייט מיט וויין און געבראָטענע ווייסע פיש אין אַ זאַפטיקן פּרוכטן־סאַלאַט, וואָס האָט געהאַט דעם טעם גן־עדן. צוויי כינעזישע קעלנער האָבן אַרום מיר אַרומגעטאַנצט און געטריבן די פליגן, זיי זאָלן מיר נישט שטערן אין פאַרנעמען דעם מאכלדיקן טעם פון דעם וואָס זיי האָבן מיר דערלאַנגט. כאָטש די האָנג־קאָנגער פליגן זענען געוואַלדיקע עקשנים און ווען די קעלנער האָבן זיי אַרויסגעטריבן פון מיין טעלער האָבן זיי רק געוואָלט זיך באַהאַלטן אין מיינע אויערן, פון דעסטוועגן האָב איך געגעסן בנעימות און פון יעדן ביסן געניאָסן עולם הזה. דערנאָך בין איך געגאַנגען אין אַ צווייטן, קלענערן רעסטאָראַן, צו געניסן פון אַ גוט פריש טעפל קאַווע. אַ כינעזיש מיידל איז געזעסן אויף אַ מאַטע מיט די פיס אונטער זיך און געשפּילט אויף אַן אויסטערלישן סטרונע־אינסטרומענט, וואָס האָט דערמאָנט אַ יאַפּאַנישן סאַמיסען, נאָר אַ סך גרעסער. זי האָט פון די סטרונעס אַרויסגעריסן מיט אַלע צען פינגער סענטימענטאַלע זמירות און אונטערגעקרעכצט מיט פאַרהאַלטענע ליידנשאַפטלעכע קרעכצן. אַזוי ווי איך בין געווען דער איינציקער קאָנסומענט — האָט זי אַלע קרעכצן געקרעכצט צו מיר. צום סוף זענען מיר די קרעכצן צוגעגעסן געוואָרן און איך האָב אָנגעהויבן גיין איבער די יוּוועליר־געשעפטן צו פרעגן וואָס עפּעס קאָסט. אַלץ וואָס איך האָב געגומען אין האַנט אַריין האָט געקאָסט אַ פאַרמעגן, פון וועלכן די סוחרים זענען גרייט געווען אַראָפּצולאָזן צען פּראָצענט. איך האָב זיי נישט געקענט זאָגן, אַז ווען איך וואָלט דעמאָלט פאַרמאָגט די צען

פראַצענט, וואָס זיי זענען גרייט געווען אַראָפּצולאָזן פון די פרייזן, וואָלט איך געווען רייך... פון די אַלע אַרומוואַנדערונגען האָט מיר אַ כינעזער צוגערעדט איך זאָל ביי אים קויפן אַ מאַלפּעלע, אַ פריילעך זשוואַווע חיהלע מיט מענטש־לעכע קלוגע אויגן. ער איז אַזוי צוגעשטאַנען צו מיר, אַז איך זאָל ביי אים קויפן דאָס מאַלפּעלע אין האַלבן פרייז, אַז כדי פון אים פטור צו ווערן האָב איך געזאָגט, אַז איך קויף נאָר מאַלפּעס מיט אַ באַשטעטיקונג פון אַ וועטערינאַר, אַז זיי האָבן נישט קיין פליי...

בעת איך האָב געמאַכט די אַלע „קניות" איז דער רב געווען פאַרנומען מיט אויסגעפינען יידן, וואָס זאָלן אים געבן אויף־צו־שטייער צו ראַטעווען זיין משפחה פון פוילן. ער האָט געזוכט און געפונען, און די יידן האָבן געגעבן. צוריקגייענדיק צום פּאָרט האָב איך אים באַמערקט ווי ער איילט אין דער זעל־בער ריכטונג און אַ כינעזיש ייִנגל טראָגט אים נאָך אַ לעדערנע וואַליזע באַשלאָגן מיט מעשענעם באַשלאָג. איך האָב אַ קלאַפּ געטון מיט די פינגער אין דער וואַליזע ווי אין אַ קעסלפּויק און געפרעגט דעם רב: „וויפל האָט איר באַצאָלט פאַר דעם שיינעם מעבלשטיק? ס'דאַרף קאָסטן אַ פאַרמעגן". דער רב האָט בטולדיק אַ דריי געטון מיטן קאָפּ: „איך זאָל דאַרפן באַצאָלן וואָלט איך עס נישט געקויפט. אַ ייִד האָט געזען איך טראָג אַ פּעקל אונטערן אָרעם האָט ער מיר געשענקט דעם טשעמאָדאַן". „זייער אַ גוטער ייִד" — האָב איך געזאָגט. דער רב האָט מיך דורכגעשטאָכן מיט זיינע אויגן ווי מיט מעסערלעך: „געלויבט דעם אייבערשטן, אַלע יידן זענען דאָ מיט יידישע הערצער. ווער עס איז גוט און ווער איז נאָך בעסער; קיין שלעכטע האָב איך גאָרנישט אָנגעטראָפן". „אַ סך יידן דאָ?" — האָב איך געוואָלט וויסן. „נישט צום פאַרזינדיקן" — האָט ער זיך אַרויס־געדרייט פון אַן ענטפער. ווי דאָס וואָלט געווען אַ מיליטערישער סוד.

אין די קומענדיקע טעג האָב איך געזען, אַז דער טשעמאָדאַן פון האָנג־קאָנג איז בעזרת השם נישט געווען ליידיק. איין מאָל אין אַן אינדערפרי האָב איך אים באַמערקט, דעם רב, ווי ער שפּאַצירט אויפן דעק פון דער שיף אין אַ פּראַכט־פולן „שלאָפראָק", וואָס איז געווען נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ כינעזישע קימאָנאָ, וואָס וואָלט געפּאַסט פאַר אַ מאַנדאַרין. די ברייטע אַרבל זענען געווען מיט גרויסע ווייסע פליסן און אַזוי אויך דער קראַגן. בלויז די ברייטע און לאַנגע באָרד האָט דעם רב „געמסרט", אַז ער איז נישט קיין מאַנדאַרין. איך האָב געפרעגט דעם רב וויפל ער האָט באַצאָלט פאַר דעם קעניגלעכן מלבוש. האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ פראַגע: פון וואַנען האָב איך געלט צו קויפן אַזעלכע זאַכן? אַ ייִד האָט געזען איך קוק זיך איין און אַז די זאַך געפעלט מיר האָט ער געזאָגט: „איר האָט עס פון מיר אַ מתנה און זאָל עס אייך ווויל באַקומען". דאָך וויפל יידן עס זענען פון דעסטוועגן פאַראַן אין האָנג־קאָנג האָט ער מיר נישט געוואָלט זאָגן, אפילו ווען די שיף איז שוין געווען דערווייטערט צוויי טעג פון האָנג־קאָנג און זיך דערנענטערט צו מאַנילאַ וואָס אויף די פיליפּינער אינזלען.

מיין פריערדיקער פאַראורטייל און כעס צום רב איז פולשטענדיק פאַר־שוונדן. אַנשטאָט דעם, האָב איך אָנגעהויבן באַוווּנדערן זיין אויסערגעוויינט־לעכן טאַלאַנט און אָריענטאַציע. אויסער ייִדיש רעדט ער נישט קיין שום אַנדער

לשון. אין האַנג־קאָנג האָבן געקענט זיין בלויז איינצלנע יידן פֿון אשכנזישן שטאַם, וואָס האָבן עווענטועל פֿאַרשטאַנען יידיש, אָבער די מערהייט זענען דאָך דאָרט געווען באַגדאַדער יידן — ווי אַזוי האָט ער זיך פֿאַרשטענדיקט מיט זיי? ווי אַזוי האָט ער זיי איבערצייגט זיי זאָלן אים „געבן צושטייער צו ראַטע־ווען זיין משפחה פֿון פּוילן"? און אַז ער האָט אין האַנג־קאָנג געזאַמלט אַ היפּשע סומע, איז געווען קענטיק פֿון זיין גוטער שטימונג, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט אפֿילו די שרעקלעכע היץ אויף די דרומדיקע וואַסערן. די היץ האָט אים מער נישט געפּייניקט און יעדעס מאָל ווי ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפֿן מיט מיר, האָט ער נישט פֿאַרמיטן צו זאָגן: „געלויבט השם יתברך"! אויך אין מאַנילאַ זענען דאָ יידן.

אַראָפּצוגיין אין מאַנילאַ האָט זיך דער רב אָנגעטון געגוי אַזוי ווי פֿאַר האַנג־קאָנג. ער האָט זיין שיינע באָרד געקעמט מיט די פֿינגער און געהאַלטן דעם שטעקן מיטן זילבערן הענטל אָנגעהאַנגען אויפֿן אָרעם.

„אין מאַנילאַ זענען פֿאַראַן יידן?" — האָב איך אים געפֿרעגט.

„פֿאַרוואָס זאָלן דווקא אין מאַנילאַ נישט זיין קיין יידן?" — האָט ער געוואָלט איך זאָל אים ענטפֿערן.

„אשכנזישע?"

„געלויבט השם יתברך".

„אַ סך?"

„יידן ציילט מען נישט".

אין מאַנילאַ זענען מיר אַראָפּ פֿון דער שיף צוזאַמען. דער רב איז געווען נישט צופֿרידן דערפֿון. ער איז געוואָרן ברוגז און אומרואיק, ווי איך וואָלט אים געשטערט. איז ער געפֿאַלן אויף אַ המצאה, וואָס נאָר אַ מענטש מיט אַ געניאַלער אינטואיציע קען קומען אויף אַזאַ. נישט אין יאַפּאַן, נישט אין שאַנכיי און נישט אין האַנג־קאָנג בין איך געפֿאָרן אויף אַ ריקשי. איך האָב זיך גאָרנישט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז אַ מענטש וועט זיין מיין פֿערד און איך דער פּאַסאַזשיר. איך האָב געזען ווי אַזוי די קוליס סאָפּען אַרויס זייערע לונגען ביים לויפֿן געשפּאַנט אין אַ ריקשי. אַלע זענען זיי אויסגעדאַרט, ווי עס זענען געווען אויסגעדאַרט יידישע שקאַפּעס אין די קליינע שטעטלעך. אַז זיי לויפֿן — לויפֿן זיי מיט אָפֿענע מיילער און זייערע אויסגעדאַרטע פּנימער זענען פֿאַרגאָסן מיט שווייס.

ווי מיר גייען אַרויס פֿון פּאָרט־שטח און פֿאַרביי די רייען ריקשיס, שטעלט זיך פּלוצים אָפּ דער רב און זאָגט אַזוי: „אייגנטלעך אייל איך זיך. אַז כ'וועל גיין צופֿוס וועל איך גאָרנישט אויפֿטון. איך פֿאָר!" ער האָט זיך אויסגעדרייט צוריקגעגאַנגען צו די ריקשיס, זיך אַריינגעזעצט אין איינער און עפּעס אַ זאָג געטון צום קולי מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט גערעדט דעם קוליס לשון און וואָלט געווען אויסגעקאָכט אין דער געאָגראַפֿיע פֿון מאַנילאַ. דער קולי איז שנעל אַנטלאָפֿן מיטן רב.

איך האָב אויסגעפונען, אַז דער אינטערעסאַנטסטער פּלאַץ אין מאַנילאַ איז דער גרויסער שפּייז־באַזאַר מיט זיין פאַרביקייט פון פּרוכטן, פיש און געווירצן. הייס איז דאָ געווען ווי אין אַ גיהנום און די זון האָט געברענט איבערן קאָפּ אַזש די אויגן האָבן מיר ווי געטון. האָב איך זיך אָוועקגעזעצט אונטערן שאָטן פון אַ מאַטע און אָנגענומען די עצה פון דעם געטראַנקן־קרעמער, ער זאָל מיר צוגרייטן אַ קאַלטן טרונק, וואָס ער האָט צוזאַמענגעמישט מיט אַ געווירץ, וואָס איז געווען ענלעך צו וואַנצן־פּולווער. דער געטראַנק האָט מיך אַביסל געשטאַרקט און איך האָב באַשלאָסן צו גיין זוכן יידן. ווו זוכט מען יידן אין אַזאַ חמימה? וואָלט איך כאָטש געהאָט מיט וואָס צוצודעקן דעם קאָפּ, וואָלט איך געשוויצט אונטערן קאַפּע־לוש און נאָכגעפרעגט אויף יידן. צוליב דער היץ בין איך זיך אַליין נמאס געוואָרן. דער סוף איז געווען, אַז איך האָב אָנגעטראָפן אויף אַ געשעפט פון בורמעזער, וואָס האָבן געזאָלט זיין יידן...

דער רב איז צוריקגעקומען צו דער שיף פול מיט התפעלות אויף דער וואַרעמ־האַרציקייט פון די יידן אין מאַנילאַ. קיין סך יידן אין מאַנילאַ זענען טאַקע נישטאָ — האָט ער געזאָגט — אָבער דער מנין יידן, וואָס איז יאָ פאַראַן איז נישט אָפּצושאַצן. אַ שאָד, וואָס די שיף בלייבט דאָ נישט איבער שבת, וואָרום די יידן האָבן אים געבעטן, ער זאָל בלייבן, שבת וועלן זיי דאַווענען מיט אַ מנין און ער, דער רב, וועט זיין דער בעל־תפילה און זיי וועלן אים דערפאַר באַלוינען מיט אַ ברייטער האַנט. אַ שאָד.

איך האָב ענדגילטיק רעזיגנירט פון מיין איינרעדעניש, אַז איך האָב אַ טאַלאַנט אויסצוגעפינען יידן. אָט די רעזיגנאַציע האָט זיך אין מיר נוקם געווען אין סינגאַפּור.

אין סינגאַפּור האָט זיך די שיף פאַראַנקערט אויף גוטע עטלעכע טעג. דאָ האָט זיך דער רב אָנגעטון אַנדערש ווי אין האָנג־קאָנג און אין מאַנילאַ. ער איז אַראָפּ אין זיין דריי־פערטלדיקער געהאַקטער קאַפּאָטע מיט דעם פּלושענעם קאַ־פּעלוש און מיטגענומען טלית און תפילין. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ סימן, אַז ער קלייבט זיך צו זיין אַ לאַנגער אורח. אויב אַזוי מוזן דאָ זיין אַ סך יידן. סינגאַ־פּור האָב איך געקענט נאָר פון די רייזע־באַשרייבונגען פון עקספּעדיציעס קיין סו־מאַטראַ און באָרנעאָ, וואָס איך האָב געלייענט אין מיינע ייִנגלשע יאָרן. אין די דאָזיקע באַשרייבונגען איז נישט געווען קיין איין וואָרט, אַז אין סינגאַפּור זענען פאַראַן יידן.

גלייך ווי דער רב איז אַראָפּ פון דער שיף איז ער מיר נעלם געוואָרן ווי אַ שאָטן. פון דעם פּאָרט צום שטאָט־צענטער האָט געפירט אַ לאַנגע גאַס, וואָס דורכ־גיין זי האָט געדאַרפט דויערן מינדסטנס אַ פופצן מינוט, אָבער דער רב איז פון דער גאַס פאַרשוווּנדן אין איין אויגנבליק. האָב איך נישט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער און באַלד ווי איך בין אַראָפּ פון דער שיף האָב איך געפרעגט אַן איינגע־בוירענעם פּאָליציאַנט, צי ער קען מיר אָנווייזן דעם אַדרעס פון אַ יידיש הויז, אָדער אַ יידיש געשעפט אין שטאָט.

„אָ, יאָ! — האָט מיר דער פּאָליציאַנט געענטפערט — דאָ נישט ווייט געפינט זיך די רעזידענץ פון ליידי סאַסון”.

„פון ליידי סאַסון?" — האָב איך איבערגעפרעגט, פונקט ווי איך וואָלט גע־ווּסט וועמען ער מיינט.

„יאָ, פון ליידי סאַסון".

זאָל זיין ליידי ששון אַבי אַ יידיש הויז, וואָרום די מעשה, וואָס דער רב געפינט יידן וויפל ער וויל און וויפל ער דאַרף און איך געפין גאָרנישט, האָט מיר אָנגע־הויבן פאַרדריסן. דער פּאָליציאַנט האָט מיר אָפּגעמשלט ווי אַזוי איך דאַרף גיין און איך בין געגאַנגען. אויפן וועג האָט מיך געכאַפּט אַ טראָפּישער רעגן — עס שיינט די זון און פון הימל פלייצט אַ מבול. דאָס איז א גוטער סימן, בפרט איך האָב געטראָגן דינע לייוונטענע הויזן מיט אַ העמד, וואָס האָבן זיך אויסגעטריקנט נאָך איידער איך בין צוגעקומען צו דער רעזידענץ פון ליידי ששון. די רעזידענץ האָט זיך געפונען אין א גרויסן גוט־געהאַלטענעם בלומען־גאָרטן. דאָס רחבות־דיקע הויז האָט געהאַט צוויי פליגל. דער אַריינגאַנג איז געווען אין דער מיט. קיין טיר צום אַריינגאַנג איז נישט געווען, נאָר עס האָט געפירט אַ לאַנגער טונקעלער פּרוזדור. וואָס טיפער איך בין געגאַנגען אלץ פינצטערער איז געוואָרן. פּלוצים זענען פאַר מיר אויסגעוואַקסן צוויי הויכע מאָגערע מענער, אָנגעטון אין ווייסע קיטלען ביז צו די קנעכל, אַרומגעגאַרטלט מיט ברייטע רויטע גאַרטלען און מיט רויטע פעסקעס אויף די קעפּ. נעבן זיי איז מיט די זעלבע געלאַסענע טריט גע־גאַנגען אַ הויכער מאָגערער הונט, אַ ווייסער מיט געלע לאַטעס. איך האָב זיך אָנ־געמאָלדן, אַז איך וויל זען ליידי ששון. איינער פון די צוויי סרסים איז אַוועק און דער צווייטער מיטן הונט איז געבליבן אין מיין געזעלשאַפט. באַלד איז יענער צוריקגעקומען און מיך אַריינגעבעטן.

טיפער אין דעם פּרוזדור איז געווען אַ ברייטע טיר. איינער פון די צוויי לייט האָט געעפנט פאַר מיר די טיר, איך בין אַריין און דערפילט אַ דערקוויקנדיקע קילקייט, ווי איך וואָלט אין איין רגע איבערגעטראָגן געוואָרן פון דעם טראָפּישן קלימאַט אין אַ פּאַלאַץ אין מזרח־אייראָפּע. אין אַ ריזיקן האַלב־טונקעלן גאַסט־צימער איז אין אַ טיפן ווייסן פאָטעל געזעסן אַן אַלטיטשקע פרוי. זי האָט געהאַלטן צוגעלענט די אויגן און באַוויגן מיט די פינגער אויף די אָנלענען פון דעם פאָטעל. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די פרוי איז פּאַראַליזירט. איך האָב אַרויפגע־לייגט מיין האַנט אויף איר האַנט און זי האָט רעאַגירט מיט אַ לייכטן דרוק מיין האַנט, אָבער נישט זי האָט געעפנט די אויגן און נישט זי האָט עפּעס געפרעגט.

„גוד אַפטערנון, ליידי סאַסון". — האָב איך איבערגעחזרט מיין באַגריסונג צום צווייטן מאָל.

זי האָט אַ לייכטן מאַך געטאָן מיט די פינגער פון דער רעכטער האַנט, וואָס האָט געקענט הייסן, אַז זי בעט מיך, איך זאָל זיך זעצן, אָדער ווי זי וואָלט גע־וואָלט זאָגן: „וואָרט צו ביז איך וועל זיך אויסשלאָפן", אָדער פּשוט „האָק מיר נישט קיין טשייניק".

איך האָב אַ קוק געטון אויף איינעם פון די סרסים, און זייערע טונקעלע פּנימער זענען געווען פונקט אַזוי קאַלט ווי דאָס פּנים פון דער אַלטער ליידי. דער איינ־ציקער פּרצוף וואָס האָט דאָ געהאַט אַן אויסדרוק איז געווען דער פּרצוף פונעם הונט. האָב איך דערפילט, אַז אויף אַרויסצובאַקומען אַ וואָרט פון דער ליידי, אָדער

פון די לייט מיט די לאַנגע קיטלען, וועל איך דאָ דאַרפן זיצן אַ זומער מיט ווינטער. האָב איך געזען, אַז פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט נישט זיין און זיך אויפגע־שטעלט. איך האָב געזאָגט צו די צוויי לייט מיטן קעלבערנעם הונט:

„איך זע, אַז די לײדי איז נישט געזונט, איז עס ריכטיק?"

„יעססס" — האָט איינער פון די צוויי לייט אַרויסגעסיקעט.

„איך וועל קומען שפּעטער" — האָב איך ווידער געזאָגט.

„יעססס" — איז געקומען אַ הסכמה.

איך בין נישט געקומען נישט שפּעטער און נישט מאָרגן, קיין מאָל נישט.

האָב איך זיך איבערצייגט, אַז קיין אָנפירער פון אַן עקספּעדיציע צו זוכן ייִדן אויפן ווייטן מזרח, אָדער אַ שליח פון קרן הקיימת וועל איך שוין קיין מאָל נישט זיין, און האָב באַשלאָסן אויסצונוצן די פּאָר טעג אויף צו באַזוכן עטלעכע פּלעצער אויפן מאַלייאַישן האַלב־אינדזל. די באַן וואָס האָט מיך געפירט איז נישט געווען קיין בלאָער עקספּרעס, נאָר קוים עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט דערמאָנט אַ באַן אין צאַרישן רוסלאַנד — זי האָט געפּייפט, געסאָפּעט, אַלע מאָל האָט זי זיך גע־שטרויכלט ווי זי וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי זאָל זי גיין פאָראויס, אָדער טאַקע פאָרן הינטערוויילעכץ אויף צוריק. זי איז געפאָרן פאָראויס קיין מאַלאַקאַ, קיין סערעמבאַן, לומפּור, טייפּינג און פּענאַנג. פון דעם וואָס מיינע אויגן האָבן געזען און די אויערן האָבן געהערט האָב איך זיך געפונען אין אַ ראַיאָן פון סול־טאַנאַטן מיט אַ מוראדיקער אָרעמקייט און ווו עס לעבן צוזאַמען מאָסלעמער, בור־דיסטן, שינטאָאיסטן און סתם פּאַנאַטישע געצנדינער. די מעטשעטן געפינען זיך נישט ווייט פון די שינטאָאיסטישע שריינען און באַלד אין שכנות געפינט זיך אַ מקדש, ווו מען שפּייזט די געטער מיט געבראָטענע פיש און שאר ירקות.

אין פּענאַנג האָט מיך די היץ שיעור נישט פאַרברענט. בין איך געגאַנגען אין אַ מעטשעט זוכן אַביסל שאָטן. אַז איך האָב פאָרן אַריינגאַנג אויסגעטון די שיך, האָט אַ מאָסלעם, וואָס האָט זיך אונטערגענומען מיך צו פירן, געזאָגט צו מיר אַזוי: „דיינע שיך זענען צו שיינע און צו גוטע דו זאָלסט זיי לאָזן אין דרויסן. קיין שום מאָסלעם וועט נישט גנבענען קיין שיך פון איינעם וואָס געפינט זיך אין מעטשעט. אָבער דאָ נישט ווייט איז דער טעמפּל ווו די געצנדינער ברענגען עסן די געטער. אויב די געטער עסן פיש און גרינסן דאַרפן זיי אויך האָבן שיך. וועלן די געצנדינער וואָס גייען דאָ פאַרביי צונעמען די שיך ביי דיר און זיי אָוועקגעבן צו זייערע געטער".

כדי צו זיין זיכער מיט מיינע שיך, האָט זיי דער מאָסלעם פאַרשטעקט אונטער זיין קיטל און ער האָט זיי מיר צוריקגעגעבן ווען מיר זענען צוריק אַרויס פון מעטשעט.

אין צוויי טעמפּלען האָב איך געזען ווי אַזוי מען קאָרמעט די געטער: אין פּענאַנג און אין לומפּור. די ווענט פון די טעמפּלען און די געטער, וואָס זענען אויסגעשטעלט אויף פאַכן אַרום די ווענט, זענען שוואַרץ פון סאַזשע. אין דער מיט אויף אַ מזבח ברענט אַ שייטער. גוטע מענטשן קומען אַהער מיט קוישן גרינס, מיט קוישן פיש, מיט קוישן קאָקאָס־ניס און אַנדערע מאכלים און יעדער וואַרפט

אַריין דאָס געברענגטע אין פייער. איינער פון די גלויביקע האָט מיר אויפגעקלערט ווי אַזוי די שפייזן דערגרייכן צו די געטער:

„דו זעסט, דאָס פייער פאַרברענט די שפייזן. די שפייזן גיבן אַרויס אַ רויך און יעדער רויך האָט אַן אַנדער ריח. דער רויך מיטן ריח קרייזן אַרום דעם טעמפּל און די געטער אָטעמען אַריין די שפייזן און דערקוויקן זיך".

איך האָב דעם מאַן פאַרזיכערט, אַז איך בין אין דעם פולשטענדיק איבער־צייגט. מען זעט עס באַשיימפּערלעך, אַז אַזוי איז עס. נאָר פאַר זיך האָב איך געטראַכט, אַז „ווי די מתים עסן אַזאַ פּנים האָבן זיי" און ווי די געטער ווערן פאַר־טשאַדעט אַזאַ אַפּעטיט צו עסן רויך האָבן זיי...

אין לומפּור איז פאַר אַזאַ טעמפּל, וווּ מען האָט געשפּייזט די געטער, געשטאַ־נען אַ בעטלער און געשנאָרעט. ווײַדליק מיין אויסזען האָט דער בעטלער פאַר־שטאַנען, אַז איך בין נישט קיין מאַלייער און ער האָט זיך געוואָנדן צו מיר אויף ענגליש: „פאָר דהי גאָדס, סער, פאָר דהי גאָדס" — פאַר די געטער, הער, פאַר די געטער. איך האָב אים געענטפערט אויף יידיש: „אויב דיינע געטער ווילן פרעסן, זאָלן זיי אַרבעטן, אָדער אַרבעט דו פאַר זיי". ער האָט מיר נאָכגעשריגן מיט אַ הייזעריקלעכער שטים: „פּיטי פאָר דהי גאָדס, פּיטי פאָר דהי גאָדס" — רח־מנות פאַר די געטער, רחמנות פאַר די געטער. דאָס האָט ער געזאָגט אמת. ס'איז געווען אַ ביטער רחמנות אויף די געטער, וואָס האָבן זיך אין טעמפּל געראיכערט ווי הערינג.

אויך אויף מיר איז געווען גרויס רחמנות. אין לומפּור האָב איך נישט געפונען קיין גוטן האָטעל ווייל ס'איז נישט געווען און אויב עס וואָלט יאָ געווען וואָלט איך זיך נישט געקענט דערלויבן אויף דעם לוקסוס. בין איך געשלאָפן אין אַ מאַ־לייעשער קרעטשמע און אַ גאַנצע נאַכט געפּירט אַ פון פאַראויס פאַרשפּילטע שלאַכט מיט אַן אַרמיי וואַנצן. זיי האָבן מיך געביסן נישט ווי וואַנצן נאָר ווי הינט. צוויי מאָל האָב איך אויפגעוועקט דעם האָטעל־אייגנטימער, ער זאָל זיך מרחם זיין איבער מיר. צוויי מאָל האָט ער מיך אַוועקגעלייגט אויף אַן אַנדער בעטל און יעדעס מאָל האָט די אַרמיי וואַנצן געפונען דעם וועג צו מיר, געמאַכט אַ גענעראַל־אָפענסיווע, און לסוף מיך פאַרטריבן אין דרויסן.

דאָס איז מסתמא געווען די שטראָף פאַר דעם וואָס איך האָב אין סינגאַפּור נישט געקענט געפינען יידן. און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אין סינגאַפּור איז יאָ געווען אַ היפּשע יידישע קהילה פון היימישע יידן.

וועגן דעם האָב איך זיך דערוווסט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן:

אין דעם טאָג ווען די שיף האָט זיך געדאַרפט נעמען ווייטער אין וועג אַריין, בין איך צוריקגעקומען קיין סינגאַפּור. מיין באַשפייזונג אויף דער שיף במשך פון די אַלע טעג איז געווען זייער אַ שלעכטע. אויסער אַביסל רייז האָבן מיר אַלע אַנדערע שפּייזן אויסגעזען זייער פאַרדעכטיקט, ווי מען וואָלט מיר סערווירט אויפן טעלער ים־מייזעלעך. איך האָב די חזירייען נישט געגעסן. ווידער אויף מאַ־לייע זענען די שפייזן מיט פייער. אַלץ וואָס זיי סערווירן איז מיט קאַרי און אַנ־דערע שאַרפע געווירצן, וואָס פאַר אַן אייראָפּייער זענען זיי אַלע פלאַם־פייער. מען פילט נישט אין עסן קיין טעם און נאָכן עסן וואָלט מען געדאַרפט פייערלעש־

שער, וואָס זאָלן לעשן די שריפה אין מויל. האָב איך באַשלאָסן צו באַזאָרגן זיך אין סינגאַפּור מיט אַנאַנאַסן, וואָס זאָלן מיר סטייען ביז ציילאָן. האָב איך אויפֿן סינגאַפּורער הויפּט־מאַרק אײַנגעהאַנדלט אַן אַנאַנאַס אין דער גרויס פֿון אַן עמער. טראָגן אַזאַ ריזיקן אַנאַנס ביז צו דער שיף איז מיר צוליב דער שרעקלעכער היץ געווען אוממעגלעך און איך האָב נישט געפֿונען קיין טרעגער. האָב איך באַשלאָסן, אַז דאָס מאָל וועל איך צוליב נויט זיך מתיר מאַכן צו פֿאָרן מיט אַ ריקשי.

אַרויפֿגעזעצט זיך מיט מיין אַנאַנאַס אויף דער ריקשי, הייבט אָן דער קולי צו לויפֿן און צו סאָפּען, ווי זיינע לונגען וואָלטן געווען בלאָז־זעק. איך האָב דאָס סאָפּען נישט געקענט פֿאַרטראָגן און אָנגעקלאַפּט דעם קולי אין פּלייצע, ער זאָל נישט לויפֿן. איז ער געגאַנגען אַ צען־פֿופֿצן טריט און ווידער אָנגעהויבן לויפֿן. האָב איך ווידער אָנגעקלאַפּט דעם קולי אין פּלייצע און געבעטן ביי אים אַ פּער־זענלעכע טובה, ער זאָל נישט לויפֿן. ער האָט מיר ווידער געטון די טובה און באַלד דערנאָך — ער לויפֿט שוין ווידער. ביים דריטן מאָל בעטן אים, ער זאָל נישט לויפֿן, איז אים די שפּיל נמאס געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיר געבעטן איך זאָל אַראָפּגיין. ער וויל מיך נישט פֿירן. ער איז מיר אַפֿילו מוחל איך זאָל אים באַצאָלן פֿאַר דעם שטיקל וועג וואָס ער האָט מיך געפֿירט. קיין שום בעטן אים האָט נישט געהאָלפֿן, איך האָב אים אויפֿגערעגט, איך האָב אים פֿאַר־מאַטערט מיטן איבערייסן זיין געלויף. ער האָט מיך איבערגעלאָזט אין דער מיט וועג, און אַ מהלך רב האָב איך אויפֿן אַקסל געמוזט שלעפּן מיין אַנאַנאַס אין דער גרויס פֿון אַן עמער.

איך בין אָנגעקומען צו דער שיף מיט גרויס מאַטערניש, אײַנגעאָרדנט מיין אַנאַנאַס, די נייע כוואַליע פּאַסאַזשירן — אַלע דעם מלך אביונס אונטערטאַנער — זאָלן מיר אים נישט צוגנבֿענען, און זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן דעק אָפּרוען. ערשט איך זע: פֿון דער ווייטנס גייט אין דער ריכטונג צו דער שיף עפּעס ענלעכס צו אַ דעמאָנסטראַציע. ס׳איז מיר אײַנגעפֿאַלן: אפֿשר האָט דער קולי אָרגאַניזירט קעגן מיר אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע פֿאַרוואָס איך האָב אים מערדערלעך עקס־פּלאָאַטירט דערמיט וואָס איך האָב אים נישט געלאָזט לויפֿן און אויססאָפּען זיינע לונגען... באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז נישט קיין דעמאָנסטראַציע קעגן מיר, נאָר ס׳איז אַ מאַניפֿעסטאַציע פֿאַרן רבֿ: ער גייט פֿאַראויס אין זיין דריי־פֿערטלדיקער געהאַקטער קאַפּאָטע מיט דעם שטעקן מיטן זילבערן הענטל און נאָך אים גייען נאָך אַ צוויי צענדליק ווייבער און עטלעכע מענער. אַלע טראָגן קוישן, פּעקלעך און רענצלעך. די פּילצאָליקע פּאַסאַזשירן אויפֿן דעק, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגענומען פֿון אַלע פּאָרטן, האָבן געקוקט מיט באַוווּנדערונג, ווי דער רבֿ וואָלט געווען נישט ווינציקער ווי דער אינדישער וויצע־קעניג. וואָס ווערט באַגלייט פֿון אַ סוויטע אין דער אימפּעריאַלער קאָלאָניע סינגאַפּור. די יידן האָבן אָנגעטראָגן פֿון אַלדאָס גוטס: קוילישן, פּוטער־קוכנס, זיסע סוכאַרעס, פּרוכטן פֿון אַלע מינים, וואָס וואַקסן אין טראָפּישן קלימאַט, פֿיש און פֿלייש־מאַרינאַטן, זיי זאָלן אויסהאַלטן אַ פּאָר טעג אין דער חמימה. צוויי קוליס האָבן דאָס אַלץ געשלעפּט אַרויף אויפֿן דעק און דער רבֿ ווי אַ קאַפּיטאַן פֿון אַן עקספּעדיציע, האָט דיריגירט מיטן שטעקן ווו אַוועקצושטעלן אַ קוישל און ווו אַ רענצל. דערנאָך

האָט דער אמתער קאַפּיטאַן פון דער שיף געהייסן אויפהייבן דעם אַנקער און די שיף האָט אָפּגעשלאָגן פון ברעג. צוויי צענדליק ווייבער און עטלעכע מענער האָבן געפּאַכעט מיט די הענט צום רב און ער האָט זיך געבויגן דאָ אַהער דאָ אַהין ווי ביי שמונה עשרה און געמאַכט פרומע העוויות. און איך?... איך האָב געטראַכט צי מיין אַנאַנאַס דאַרט אונטן, אין בויך פון דער שיף איז נאָך מיינער, אָדער עמעצער פון מלך אביונס אונטערטאַנער האָבן אים צערעכט געמאַכט..

ערשט שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אין ארץ־ישראל, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין סינגאַפּור געפינט זיך אַ גרעסערע יידישע קהילה און די פאַמיליע פון דעם שוואָגער פון מלך ראַטבאַרד אין תל־אביב (אמאַל איציק מאנגערס מעצע־נאַט אין לאָדזש) איז פון די חשובסטע אין סינגאַפּור.

נאָר דעמאָלט, אפילו ווען די שיף איז שוין געהאַט אַרויסגעשווּמען פון דעם מאַלייאַ־סומאַטראַ דורכגאַנג, האָט מיר דער רב נישט געוואָלט דערציילן גאָרנישט וועגן די יידן אין סינגאַפּור, אויסער, אַז זיי זענען טייערע יידן, גוטע יידן, וואָס קיין בעסערע זענען גאָרנישטאָ אויף דער וועלט. כדי אים צו קיבעצן האָב איך אים געפרעגט:

„איר האָט כאָטש אָפּגעשטאָט אַ וויזיט ביי ליידי ששון?"

ער האָט איך מיר זייטיק אַ קוק געטון, און איך האָב ווייטער געזאָגט:

„איך זע שוין, אַז ביי ליידי ששון זענט איר נישט געווען. אַז איר זענט געווען אין שאַנכיי האָט איר געהערט וועגן די ששונס? דאָרט זענען זיי באַנקירן און האָבן אייגענע דאָקן און שיפן. ראָטשילד איז אַן אביון קעגן די ששונס אין שאַנכיי, סינגאַפּור און באָמביי. זיי זענען אויך פון די גרעסטע יידישע מנדבים אויף דער וועלט. שענקען אַ ייד טויזנט פונט שטערלינג איז ביי זיי ווי ביי מיר אויסטרינקען אַ גלאָז וואַסער".

ער האָט געשוויגן. פון זיין פאַרביסענעם שווייגן האָב איך געפילט, אַז די מעשה טוט אים שטאַרק וויי און אַז דער נאָמען ששון איז אים גוט אַריין אין די ביינער. שפּעטער איז די זאַך מיט די ששונס קאַפּויער געקומען, נאָר לאָמיר נישט כאַפּן דעם שפּעטער פאַר דעם פריער.

ווי אין יעדן פּאָרט האָט זיך דער רב זייער דיסקרעט אַרויסגעמאַכט אויך אין קאָלאָמבאָ, הויפּטשטאָט פון דעם אינדזל ציילאָן. דאָ האָט די שיף פאַראַנ־קערט בלויז אויף איין טאָג, צו נעמען זיס וואַסער און איפּצונעמען פּאַסאַזשירן. נאָך מיין דורכפאַל מיט זוכן יידן אין סינגאַפּור, האָב איך שוין דאָ, אין קאָלאָמבאָ, אפילו נישט געפרעגט אויף יידן. איך בין ליבערשט אַוועק אויפן מאַרק, וואָס איז תמיד עקזאָטיש אין די אַזיאַטישע שטעט. איך בין מסתמא געווען דער איינ־איינציקער אייראָפּעער אויפן מאַרק און צוויי יונגע מענטשן האָבן מיט מיר פאַרפירט אַ שמועס וועגן... דעם בריטישן אימפּעריאַליזם, פון וועלכן זיי ווילן זיך באַפרייען.

צוליב מיין אייראָפּעאיש פּנים האָבן זיי מיך, אַ פּליט פון ליטע, אַן אויס־געוואָרצלטן און נע־ונדן ייד, געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס ענג־לאַנד וויל זיי נישט געבן אומאָפּהענגיקייט. ס'האָט זיך באַלד געמאַכט אַ קרענצל אַרום מיר און איך האָב זיך געפילט געצוווּנגען צו ענטפערן אויף די אַטאַקעס.

האָב איך זיי קודם כל געזאָגט, אַז פון מיין ענגליש דאַרפן זיי פאַרשטיין, אַז איך בין נישט קיין ענגלענדער. אין דעם זענען זיי געווען נוטה צו גלויבן, הגם מיין זייער שלעכטער ענגליש איז געווען בעסער פון זייער ענגליש. צווייטנס האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך בין אַ ייד. דאָ זענען די יונגעלייט צעמישט געוואָרן. זיי ווייסן נישט וואָס עס איז אַ ייד. האָב איך געפּרוווט געבן זיי אַ סימן: „פּראָם דהי פּיפּל אָף דהי בייבל", פון דעם פאָלק פון תנ"ך. האָבן זיי נישט געהערט וועגן אַזאַ זאַך ווי די בייבל. ווייל איך זיי געבן נאָך אַ סימן און זאָג, אַז אויך די ענגלענדער זענען זייער שטאַרק צוגעבונדן צו דער בייבל. דאָ האָב איך גע־מאַכט אַ פּאָליטיש־סטראַטעגישן פעלער, ווייל אויב די בייבל איז אַ בשותפות־דיקע זאַך צווישן מיר און די ענגלענדער, געהער איך צו די ענגלענדער. ס'איז מיר נישט געבליבן עפּעס אַנדערש ווי אָנשליסן זיך אין זייער ווילן צו באַפרייען זיך פון דער ענגלישער אימפּעריע. איך בין שנעל נעלם געוואָרן פון דעם פּלאַץ, ווייל איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך בין נישט מער ווי אַ פּליט און איך בין אָפּ־הענגיק פון דעם חסד פון די ענגלענדער, וואָס האָבן מיר געגעבן אַ וויזע קיין אינדיע, וואָס איז זייער קרוין־קאָלאָניע. צווישן אַזאַ עולם צעיילאָנער קענען זיך געפינען אַזעלכע וואָס זענען ענגלישע אַגענטן און איך קען דאָ פאַרקאָכן אַ קאַשע.

קאָלאָמבאָ איז אייגנטלעך נישט קיין גרויסע שטאָט און אויסער דעם מאַרק און דעם שטאָט־טייל פון די רייכע אייראָפּעער און פון דער רעזידענץ פון די בריטישע באַאַמטע, איז נישטאָ וואָס צו זען. די געסלעך פון דער אָרעמקייט זענען שמוציק און דומפּיק. דער טומל פאַרטויבט. בין איך אַוועק אין דער שטי־לער געגנט ווו עס געפינט זיך די רעזידענץ פון די אייראָפּעער. דאָ זענען די ווילעס איינגעשאָטנט צווישן בלומיקעביימער און פון די בלומען־גערטנער טראָגט זיך אַ געשמאַקער פייכטלעכער ריח. אין דער געגנט, אויפן עק פון צוויי גאַסן, געפינט זיך דער איינציקער אייראָפּעאישער האָטעל — אַ צווייִשטאָקיקער בנין און דער אַריינגאַנג איז אויף אַ פינף־זעקס שטיגן שטיגן דורך אַ קליינער טאַראַסע אַנטקעגן דער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין דעם גאַנצן אַרום, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז איך הער געשרייען פון האָטעל, ווי מענטשן וואָלטן זיך דאָרט געקריגט. וואָס צו טאָן האָב איך סיי ווי נישט — דאַרף מען זען וואָס עס געשעט אין דעם האָטעל ווו מענטשן קריגן זיך. איך בין אַרויף אויף די טרעפּלעך, געעפנט די טיר און... אין פאָיע דערזען דעם רב און איינעם אַ דיקן מאַן אין אַ ווייסן קאָסטיום. דער רב האָט געפּאַכעט מיט דער האַנט, אין וועל־כער ער האָט געהאַלטן אַן ענגלישן פונט, און געשריגן אויף יידיש: „איך בין נישט קיין שנאָרער! שעמט זיך, שעמט זיך אין אייער ווייטן האַלדז אַריין!"

דערזען מיך, האָט זיך דער רב נישט פאַרלוירן און אַ זאָג געטאָן צו מיר: „ער גייט מיר איינרעדן אַז ער איז נישט קיין ייד און וואַרפט מיר צו אַ פונט. אַזאַ העזה, לייקענען אַז ער איז אַ ייד!"

דער מאַן אין ווייסן קאָסטיום האָט זיך געוואָנדן צו מיר: „דו יו ספּיק אינג־ליש? — רעדסט ענגליש?"

„יעס, איי דו — איך רעד".

„ווער איז דער מאַן און וואָס פאַר אַ שפּראַך רעדט ער?"
„ער איז אַ ראַביי און רעדט יידיש".
דער מאַן אין דעם ווייסן קאָסטיום האָט מיך נישט פאַרשטאַנען. ער האָט נישט געוווּסט וואָס איז ראַביי און וואָס איז יידיש. האָב איך אים געזאָגט, אַז ראַביי איז דאָס זעלבע וואָס אויף ענגליש רעווערענד, ער איז אַ „דזשואיש רעווערענד" און ער רעדט דאָס לשון פון דעם „דזשואיש פּיפּל".
„באָט איי עם נאָט דזשו!" איך בין נישט קיין ייד — האָט דער מאַן אויס־געריפן — „איי עם איי טערק!" איך בין אַ טערק.
איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן און געזאָגט צום רב:
„וואָס טוט זיך מיט אייך? איר ווילט פון אַ טערק מאַכן אַ ייד? ער זאָגט דאָך אַז ער איז אַ טערק!"
„דאָס איז אַ תירוץ פאַר די פליגן" — האָט דער רב געזאָגט — „מיר וועט ער נישט איינרעדן, אַז ער איז אַ טערק".
איך בין צוגעשטאַנען צו אים און אים אויפמערקזאַם געמאַכט, ער זאָל אים צוריקגעבן דעם פונט און פאַרלאָזן דעם פּלאַץ איידער דער טערק רופט אַריין פּאָליצײַ און ס'וועט אויסברעכן אַ סקאַנדאַל. דער רב האָט דעם פונט נישט צו־ריקגעגעבן, נאָר אים פאַרשטעקט אין דער בוזעם־קעשענע און פאַרענדיקט די קאָמעדיע. דער טערק האָט גוטמוטיק געשמייכלט.
„איי עם נאָט אַ דזשו, רילי, איי עם איי טערק" — האָט דער טערק געשמייכלט.
איך האָב באַמערקט אויף דער וואַנט איבערן טאָמבאַנק דעם פּאָרטרעט פון אַטאַטורק נעבן דעם פּאָרטרעט פון דעם ענגלישן מלך דזשאָרדזש דער זעקסטער. דער טערק האָט זיך ווירקלעך אַרויסגעוויזן ווי אַ טערק...
ענדלעך, נאָך וואָכן שלעפּן זיך איבער די וואַסער־גרענעצן פון זיבן ימים, האָט די שיף פאַראַנקערט אין פּאָרט פון באָמביי. און באַלד איז קלאָר געוואָרן, אַז אין אינדיע בלייב איך שטעקן אַן דער מעגלעכקייט צו דערגרייכן פּאַלעסטינע.
אויף דער צייט ווי איך האָב געוואַנדערט פון קאָוונע אַרום אַ האַלבער וועלט ביז דעם מערבדיקן ברעג פון אינדיע, האָט זיך די מלחמה דערווייל אויסגע־ברייטערט און איז אַריבער דעם בעקן פון מיטלענדישן ים. אין דער באַנטסטער צוקונפט האָט דערוואַרט, אַז די סכנה פונעם פאַראויסמאַרש פון די היטלערישע חיילות זאָל אויך באַדראָען פּאַלעסטינע. כאָטש די ענגלענדער זענען געזעסן אין מיטעלן מזרח, האָבן די אַראַבער נישט געמאַכט קיין סוד פון זייערע סימפּאַטיעס פאַר היטלערן. מצרים, וואָס האָט זיך נאָך פריער געהאַט אָפּגעזאָגט אַדורכצו־לאָזן דורך איר טעריטאָריע יידן קיין פּאַלעסטינע, איז געוואָרן נאָך מער פאַר־עקשנט. דאָס האָט מיך געטראָפן. די וועגן צו דערגרייכן פּאַלעסטינע זענען פאַר־שלאָסן פון אַלע זייטן.
ביים אָנקומען קיין באָמביי האָט שוין דאָרט לאַנגע יאָרן געאַרבעט אַ יידי־שער פליטים־קאָמיטעט, וואָס איז געשטיצט געוואָרן פונעם דזשאָינט אין אַמע־ריקע. דער פליטים־קאָמיטעט איז געהאַט געשאַפן געוואָרן צו העלפן די דייטשע יידן, וואָס נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, האָבן זיי געוואַנדערט איבער ימים און קיין שום לאַנד האָט זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן. ענגלאַנד האָט דער־

לויבט אַ געוויסע צאָל פּליטים פון צווישן די דייטשע יידן זיי זאָלן באַקומען אַזיל אין אינדיע. טייל פון די פּליטים אין באָמביי האָט זיך שוין געהאַט גוט איינגעאָרדנט און געוואָרן אַ טייל פון דער דאָרטיקער אייראָפּעאישער קאָלאָניע. געבליבן איז אַ קליינע צאָל וואָס האָט געהאַט שוועריקייטן ביים איינאָרדענען זיך און אָט די געבליבענע האָבן געוווינט אין אַ בשותפותדיקער היים, וואָס דער פּליטים־קאָמיטעט האָט געהאַט אויף וויקטאָריאַ ראָוד. די היים האָט זיך געפונען אין דער סאַמע געדיכטעניש פון אַ מין מיטלקלאַסיקער קאַסטע אינדיער (מאַראַטי) און אין דער זעלבער געגנט האָבן אויך געוווינט „בני ישראל" און ווייניקער־פּאַרמעגלעכע „באַגדאַדער יידן" — אַלע אין באַזונדערע הייזער און איין מין האָט זיך נישט געמישט מיטן צווייטן.

אין דער היים פאַר פּליטים האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט יידישע טיפּן, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט נישט געקענט און אויך פאַר זייער וועלט, פאַר דער פון דייטשע יידן, זענען זיי געווען יוצא דופנס צוליב וואָס זיי האָבן זיך נישט געקענט איינאָרדענען. איינער איז געווען אַ יונגערמאַן פון פראַנקפורט, וואָס האָט אַ סך יאָרן געלערנט אין דער סלאָבאָדקער ישיבה און גערעדט אַ פּערפעקטן אידיאָמאַטישן ליטווישן יידיש. ער איז געווען אַ טיפּ פון אַן אַסקעט, אַ פייערדיקער שומר מצוות, וואָס צוליב אָפּגעהיטנקייט האָט ער נישט געוואָלט עסן אויפן זעלבן טיש וואָס אַלע. צוליב כשרות האָט ער זיך געשפּייזט בלויז מיט גרינסן, פּרוכטן, אייער און ברויט, פון וועלכע ער אַליין האָט גענומען חלה. ער האָט אַלעמען געקוקט אויף די הענט, זיי זאָלן נישט טאָן עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז אַן עבירה און קען מכשיל זיין אַנדערע. מיט מיר האָט ער געשלאָסן אַ בייטראַליטעט־בונד: ער וועט טאָלערירן מיין התנהגות און דערפאַר זאָל איך אים נישט שטערן אין זיין התנהגות. זיינע תפילות זענען געווען שטילע און לאַנגע. אַ שעה צייט האָט ער געקענט אָפּשטיין מיטן פּנים צו דער וואַנט און אויסלחשן די תפילות.

דער צווייטער יוצא דופנדיקער טיפּ איז געווען אַ יעקע אַ זעלטענער עם־הארץ, וואָס איז גאָר שווער געווען צו טרעפן צווישן דייטשע יידן. וועגן יידישקייט האָט ער נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג, אָבער אויך וועגן אַלעם אַנדערן האָט ער ווייניק געוווּסט. זיין „שחרית" איז געווען די „קאַנע קאַפּע", וואָס ער פלעגט טרינקען זיבן אַזייגער אין דער פרי מיט פּאַרגעטערונג. זיין „מאָלצייט" האָט ער אָפּגעהיט ווי אַ הייליקייט. ווען דער זייגער האָט געוויזן איינס, פלעגט ער זיך זעצן צום טיש, אַרומבינדן זיך מיט אַ ווייסן סערוועט און עפענען דאָס מויל צום עסן. אויב עמעצער האָט אים אָנגעוויזן אויף זיין זייגער, אַז ס'איז שוין פינף מינוט נאָך איינס, האָט ער זיך דערשראָקן און געזאָגט: „אָבער וואָ, מיט אַ שעה צוריק האָב איך מיין זייגער רעגולירט אויף דער פּאָסט. איצט איז געגנוי איינס", און ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער עסט זיין מאָלצייט פּינקטלעך איינס. נאָכן עסן האָט ער אַ צען מינוט שפּאַצירט דורך די צימערן מיט גלייכמעסיקע טריט און מבשר געווען, אַז „האַנס געהט שלאָפען!" האַנס האָט זיך אַרומגעבונדן די אויגן מיט אַ שוואַרץ טיכל, זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין בעט און אויסגערופן: „רוהע, ביטע!"

אַ דריטער טיפּ איז געווען אַ יונגער בחור, אַ צוגעלייגטער, קיין מאָל אויפן פּנים קיין שמייכל נישט אַרויסגעבראַכט און מיט קיינעם נישט גערעדט. פון אַלע 122 שפּראַכן אין אינדיע האָט ער אויסגעקליבן צוויי שפּראַכן צו לערנען — הינדו און מאַראַטי. ער האָט די שפּראַכן געלערנט גאַנצע טעג. אים האָט נישט געאַרט צי אין דער היים איז אַ טומל, אָדער נישט — פאַר אים איז אַלע מאָל געווען שטיל צו לערנען. אין איינער פון די צוויי שפּראַכן האָט ער שוין גע־רעדט צו זיך אַליין. נאָך איינער אַ טיפּ פלעגט יעדעס מאָל ביים קומען פון דער שטאָט אויסרופן: „יאָ, הויטע איז עס גוט! פּערפעקט! נאָך איין טאָג בענטער צום שלום און צוריק אַהיים".

אָט אין דער סביבה בין איך אַריינגעפאַלן צוזאַמען מיט דעם רב.

צווישן דעם סלאָבאָדקער פון פראַנקפורט און דעם פּוילישן רב האָט זיך באַלד געשאַפן אַ קעגנערשאַפט, אַז ס'איז געווען געפערלעך אַדורכצוגיין צווישן זיי ביידע. דער סלאָבאָדקער האָט נישט פאַרטראָגן דעם רבס געוואַלדיקע באַ־וועגלעכקייט, זיין אָפּכאַפּן דאָס דאַווענען אין דער פרי, זיין פינף־מינוטיקע מנחה און דאָס זאָגן „אשר יצר" אין דער זעלבער צייט ווי ער האָט געקנעפּלט די הויזן. דער סלאָבאָדקער האָט גאַרנישט געגלויבט, אַז דער רב איז אַ רב און ער האָט אים מבטל געמאַכט ערגער ווי דעם עם־הארץ האַנס.

איך האָב זיך געראַטעוועט פון דער אויסטערלישער אַטמאָספער אין דער פּליטים־היים אַדאַנק דעם וואָס איך בין געוויר געוואָרן, אַז אין באָמביי געפינט זיך דער שרייבער־פאָלקלאָריסט, דער מחבר פון „ראַזשינקעס און מאַנדלען", ד"ר עמנואל אַלשוואַנגער. אַלשוואַנגער איז שוין געזעסן אין באָמביי עטלעכע וואָכן ווי אַ שליח פון קרן־היסוד און געזוכט אַ וועג צו דער באָמבייער ליידי ששון. אויפגענומען צו ווערן פון דער ליידי ששון אין איר פּאַלאַץ איז געווען נישט לייכטער ווי אויפגענומען צו ווערן פון דער ענגלישער קעניגין. אַלשוואַנגער האָט געזוכט דעם וועג דורך די דירעקטאָרן פון דער פירמע „טאַטאַ", וואָס האָט געהערט צו פּאַרסיס, גלויביקע אין זאַראַהאַסטראַ. ווי די פאַמיליע ששון איז גע־ווען אַ קאָמערציעל־אינדוסטריעלער טראַסט, אַזוי איז אויך די פּאַרסי־געזעלשאַפט געווען אַ טראַסט פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען — אייזן און טעקסטיל.

דערווייל איז אַלשוואַנגער געזעסן אין אַ זייער גוטן און באַקוועמען האָטעל, דעם גרעסטן דעמאָלט אין באָמביי, אין דעם שטאָטפּערטל פון מאַהאַראַדזשיס און אָנגעהעריקע צו דער העכסטער אַדעליקער קאַסטע. ער האָט דעמאָלט געהאַלטן אין איבערזעצן דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע" אויף העברעאיש. אויסער דעם האָט זיך אַלשוואַנגער זייער שטאַרק פאַרנומען מיט די „בני ישראל". ער האָט זיי פאַטערלעך ליב געהאַט. ער פלעגט זיך אָפּט טרעפן מיט די אינטעלעקטועלע קרייזן פון די „בני ישראל" און די מערהייט צווישן די אינטעלעקטואַלן זענען געווען פרויען — אַן אמתע גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע. פלעג איך אָפּט פאַרברענ־גען מיט אַלשוואַנגערן. ער האָט פאַר מיר פאָרגעלייענט פראַגמענטן פון דער „געטלעכער קאָמעדיע" און מיך אַריינגעפירט אין די סודות פון זיין איבערזעצונג. אַדאַנק אים האָב איך זיך באַקענט מיט באָמבייער „בני ישראל", מיט דער גע־שיכטע און פאָלקלאָר פון אָט דעם מערקווירדיקן יידישן שבט, וואָס איז געהאַט

אַנטדעקט געוואָרן פון אַ יידישן שקלאַפן־הענדלער ראַהאַבי. צוזאַמען מיט אַלשוואַנגערן האָבן מיר געמאַכט אויספלוגן אין די דערפער און אין די פּלאַנטאַציעס פון די „בני ישראל" אויף דער אינדישער יבשה, באַזוכט דעם אַלטן בית־עולם, ווו עס געפינען זיך די קברים פון די ערשטע „בני ישראל", וועלכע האָבן געליטן אַ שיף־ברוך ביים אָנקומען צו אינדישע ברעגעס און די כוואַליעס האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג פון באָמביי...

יעדעס מאָל ווען מיר פלעגן זיך טרעפן, פלעגט מיר אַלשוואַנגער דערציילן ווי עס האַלט מיט זיינע באַמיאונגען אויפצונעמען צו ווערן פון ליידי ששון. און ס'האָט געהאַלטן זייער גוט. דער דירעקטאָר פון דער פּאַרסי־פירמע „טאַטאַ" האָט אים געמאָלדן, אַז אין פּרינציפּ איז ליידי ששון מסכים אים אויפצונעמען, נאָר זי וועט באַשטימען דעם געהעריקן טערמין. וואַרט ער אויפן טערמין.

אין די וואָכן, וואָס זענען געלאָפן, בין איך עטלעכע מאָל געווען ביי דער בריטישער מאַכט אין באָמביי צו פאַרלענגערן מיין וויזע און אינטערוועניר, אַז די צענטראַלע בריטישע מאַכט אין ניו דעלהי זאָל געפינען פאַר מיר אַ פרייען דורכפאָר קיין פּאַלעסטינע. די בריטן — האָב איך געטענהט — דאַרפן דאָך זיין פאַראינטערעסירט איך זאָל נישט בלייבן זיצן אין אינדיע. אויב די מלחמה וועט זיך אויסשפרייטן אויך אויפן מיטעלן מזרח, וועל איך אויף תמיד בלייבן שטעקן אין אינדיע. צוזאַמען מיט מיינע טענות האָב איך אויך געבראַכט פּלענער. אַזוי האָב איך פאָרגעשלאָגן די ענגלענדער זאָלן מיר דערמעגלעכן צו פאָרן דורך פּערסיע און טערקיי. אויף דעם איז געקומען אַ קאַלטער ענגלישער: „נאָ סער". בין איך אַן אַנדערש מאָל געקומען מיט אַ צווייטן פּלאַן, זיי זאָלן מיר דערלויבן אַריינצופאָרן קיין פּאַלעסטינע דורך דעם פּאָרט אַקאַבאַ אין אַבדאַללאַס מלוכה. אויך אויף דעם איז געקומען אַ „נאָ, סער". מיין לעצטער פּלאַן איז געווען, די ענגלענדער זאָלן מיר געבן אַן אַדורכפאָר־וויזע דורך זייער פּראָטעקטאָרישן אינדזל באַהריין, אין פּערסישן ים־איינגוס, און פון דאָרט וועל איך דורך באַסראַ און באַגדאַד און דמשק אָנקומען קיין פּאַלעסטינע. איך האָב געפּרוווט ווירקן אויף די ענגלענדער אויך דורך דעם פּוילישן קאָנסול, אַבער דער פּוילישער קאָנסול אין באָמביי איז שוין דעמאָלט פאַר די ענגלענדער געווען אַן אָפּגעקלאַפּטע הושענה. דער קאַלטער „נאָ, סער" איז אויך געווען פאַר אים. די איינציקע, וועמען דער פּוילישער קאָנסול האָט יאָ געקענט העלפן, זענען געווען אַזעלכע יידן פון פּוילן, וואָס האָבן זיך געוואָלט פאַרמעל שמדן, כדי צו באַקומען אַריינפאָר־וויזעס קיין דרום־אַפריקע, אָדער דרום־אַמעריקע. זעקס אָדער זיבן אַזעלכע יידישע פאַרפעלקער האָבן זיך געפונען אין באָמביי. זיי זענען אַהער געקומען דורך רומעניע און איטאַליע. אַלע האָבן זיי געשטאַמט פון קראָקע און זיי זענען געווען אַזוי שמענדריקיש־אַסימילירט, אַז זיי האָבן אפילו נישט געוואָלט פאַרברענגען מיט יידן. דער איינציקער, וואָס האָט זיי געקענט ראַטעווען פון יידן און זיי דערמעגלעכן „גוטע וויזעס" איז געווען אַ גלח. דער פּוילישער קאָנסול איז געווען אַ קאַטאָליק און ער האָט געהאַט אַ געוויסע השפּעה אויף דעם איינציקן קאַטוילישן גלח, וואָס איז געווען אין באָמביי. אַבער אין יענע חדשים האָט ער זיך געפונען אויסער באָמביי און די זעקס פאַרפעלקער האָבן אויסגעקוקט אויפן

צוריקקער פון דעם גלח, ווי אויף ביאת המשיח. ווי משיח איז נישט געקומען, אַזוי איז דער גלח נישט געקומען. האָט זיי דער פוילישער קאָנסול אַרויסגעגעבן דאָקומענטן אַלס קריסטן און אויך באַשטעטיקונגען, אַז זייערע טויף־מעטריקעס זענען זיי פאַרפאַלן געוואָרן. דער פוילישער קאָנסול, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אויף גרויסע פינאַנציעלע צרות, איז פון די זעקס פאַרפעלקער אַביסל אויפגעריכט געוואָרן, זיי האָבן דיספאָנירט מיט באַדייטנדיקע פינאַנציעלע מיט־לען, וואָס זיי האָבן אַרויסגעפּאָדערט פון דער שווייץ. זיי האָבן באַקומען וויזעס קיין בראַזיל.

אויף דער צייט וואָס איך בין געווען פאַרנומען מיט דער געאָגראַפיע אויף צו געפינען נייע פלענער ווי אַזוי דאָך אָנצוקומען קיין פּאַלעסטינע, איז דער רב געווען פאַרנומען מיט אַ מער פּראַקטישן ענין: איינבירגערן זיך אין באָמביי. באָמביי איז דעמאָלט געהאַט געבליבן אָן אַ רב, אָן אַ חזן און אָן אַ שוחט. די מערהייט יידן אין באָמביי זענען דעמאָלט געווען אַזוי גערופענע באַגדאַדער, מיט אַ קלענערער קאָלאָניע אשכנזישע יידן פון דייטשלאַנד און פוילן. די „בני ישראל״ האָבן זיך נישט גערעכנט פאַר יידן, נישט ביי די באַגדאַדער און נישט ביי די אשכנזים, וואָס האָבן געקוקט אויף די „בני ישראל״ ווי אויף אַ נידעריקער קאַסטע, פאַריער פון עפּעס אַ וויטן יידישן אָפּשטאַם. ווי נאָר דער רב האָט זיך דער־ווּוסט, אַז באָמביי איז אָן כלי קודש, האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַלץ — סיי רב, סיי חזן און סיי שוחט. רב איז ער געווען, אַ בעל תפילה האָט ער אויך גע־קענט זיין, אָבער שחיטה האָט ער נישט געקענט. האָט ער ערגעץ־וווּ איינגע־האַנדלט אַ חלף און אָנגעהויבן זיך לערנען שחיטה. די פּראַקטישע זייט פון הלכות שחיטה האָט ער געלערנט אין דער פליטים־היים אויף וויקטאָריאַ ראָוד. עטלעכע מאָל האָט מיר אפילו האָנס, דער יעקישער עם־הארץ, אָנגעהויבן דערציילן וועגן עפּעס אַ סקאַנדאַל — „יאַ, הויטע וואָרע׳ס״ — וואָס איז פאָרגעקומען יענעם טאָג אין דער היים, אָבער איך האָב נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיינע ווער־טער. נאָר איין מאָל איז מיר באַשערט געווען בייצוזיין אַזאַ סקאַנדאַל:

עס זענען געווען זייער הייסע טעג. איך האָב געשוויצט ווי אַ ביבער. איך האָב נישט באַוויזן אָפּצוגיין צען טריט און מיין העמד איז געווען ווי איך וואָלט עס אָנגעטאָן גלייך פון וואַסער אַרויס. איך האָב נאָך נישט געוווּסט דעם שטיי־גער, אַז אויב איך וויל נישט צו פיל אָפּגעשוואַכט ווערן, דאַרף איך אין דער פרי צוזאַמען מיטן „מודה אני״ אַראָפּשלינגען אַ לעפל זאַלץ. איך האָב דאָס נישט געטאָן און דעריבער געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט. איך האָב רק געוואָלט שלאָפן.

אין איינעם אַ פאַרמיטאָג האָב איך זיך מער נישט געקענט האַלטן אויף די פיס, איך האָב צוריקגעקערט אין דער היים און זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין. פלוצים האָט מיך פון שלאָף אַרויסגעריסן אַ פאַרצווייפלט געשריי. איך האָב געעפנט די אויגן און דערזען פאַר זיך אַ סצענע פון אַ שלעכטן חלום: ביי מיין בעט איז געשטאַנען דער רב מיט אַ גרויסן חלף אויף צו שעכטן בהמות אין איין האַנט און אין דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ הון, פון וועלכער עס האָט זיך געגאָסן בלוט גלייך אויף מיין בעט אַרויף. אַ פּאָר טריט ווייטער איז געשטאַנען דער סלאַבאָדקער פון פראַנקפורט, מיט די הענט אויפגעהויבן אין

דער הויך און געשריגן מיט אַ וויינענדיק קול: „פושע עוכר ישראל!", „ממזר בן הנידה!", „חוטא שחייב גיהנום!". איך בין אַרויס פון בייזן־חלום־בעט און צוגעלאָפן צום סלאָבאָדקער: „וואָס טוט זיך דאָ? וואָס איז געשען?" „וואָס איז געשען? — האָט ער איבערגעפרעגט און אָנגעוויזן אויף דער בלוטנדיקער הון אין די הענט פונעם רב — ער האָט געשאָכטן אַ הון מיט געבונדענע פיסלעך; ער וועט, חלילה, ברענגען אַן אומגליק אויף יידן דער ממזר בן הנידה!"

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער רב האָט אויסגעקליבן צו לערנען זיך שעכטן הינער דווקא נעבן מיין בעט ווען איך בין נישטאָ אין דער היים. דער סלאָבאָד־קער פון פראַנקפורט האָט אים געקוקט אויף די הענט און אים אָפּט געמאַכט סקאַנדאַלן פאַרוואָס ער שעכט הינער מיט אַ גרויסן חלף. דאָס מאָל האָט ער אים געכאַפּט ווי ער שעכט אַ הון מיט געבונדענע פיסלעך (לויט דער הלכה טאָר מען נישט בינדן קיין בעל־חי בעת דער שחיטה). נאָך אין מיטן פון סקאַנדאַל, ווען איך האָב זיך איינגאַנצן אויסגעטשוכעט פון שלאָף, איז מיר געוואָרן נישט גוט. די סצענע מיטן גרויסן חלף אין איין האַנט און מיט דער נישט־דערשאָכטע־נער הון אין דער צווייטער האַנט, האָט ביי מיר צוגענומען דאָס לעצטע ביסל כוחות. האַנס דער יעקעשער עם־הארץ, האָט מיר דערלאַנגט אַ גלאָז זאַלץ־וואַ־סער און געזאָגט: „זאָוף מאָל דאָס דרעק. דאָס מאַכט גוט". ס'האָט מיר אויף אַן אמת גוט געמאַכט. איך בין געוואָרן געשטאַרקט, נאָר איך בין נישט געווען בכוח צו לאַכן פון דער קאָמישער סצענע ווי דער רב שטייט נאָך אַלץ מיט דעם חלף און מיט דער הון אַנטקעגן דעם סלאָבאָדקער פון פראַנקפורט אוןביידע שפּרינ־גען זיך אין די פּנימער ווי צוויי הענער.

דעם זעלבן נאָכמיטאָג בין איך אַוועק צו עמנואל אַלשוואַנגער אין האָטעל, כדי צו פאַרברענגען אַ שעה אין זיין גוטער געזעלשאַפט און פאַרגעסן מיינע צרות. איך האָב אים געטראָפן אין אַן אויסערגעוויינטלעך גוטער שטימונג. ער האָט זיך געגרייט צו גיין אין אָוונט צו דער ליידי ששון. ענדלעך, ענדלעך, וועט זי אים היינט אין אָוונט אויפנעמען. זי אַליין האָט געקלונגען צו אים אין האָטעל און אים פאַרבעטן אויף אָוונט־ברויט. ער האָט מיר געבעטן איך זאָל בלייבן מיט אים ביז ער וועט זיך אָנטאָן, ווייל ער איז אַביסל אַ צעשטרייטער און עס איז מעגלעך ער זאָל מאַכן אַ פעלער אין זיין אָוונט־קליידונג.

אַלשוואַנגער איז געווען צוגעגרייט מיט אַלע כלים, וואָס זענען נויטיק אויף אַן אַריסטאָקראַטישער אויפנאַמע אין אָוונט: אַ סמאָקינג, אַ ווייס העמד מיט אַ שטייפן גאָרס און אַ שוואַרץ שלייפל און אַ פּאָר עלעגאַנטע אויסגעגלאַנצטע שיך, ווי פון לאַק. נאָר די צרה איז געווען וואָס סיי אין האָטעל און סיי אין דרויסן איז געשטאַנען אַ דומפּיקע היץ און אַלשוואַנגער איז געווען זיכער, אַז ווי נאָר ער וועט אַריין אין די אָוונט־קליידער מיטן שטייפן קראַגן און גאָרס, וועט ער זיך באַגיסן מיט שוויס און ביז ער וועט קומען צו דער ליידי ששון אין דעם געקילטן פּאַלאַץ, וועט ער האָבן אַ נאַסן סמאָקינג און אַ צעווייקטן קאָלנער. און דאָס איז דער דעצידירנדיקער אָוונט צוליב וועלכן ער איז געקומען פון ירושלים קיין באָמביי! אַלשוואַנגער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכן הומאָר. פּלוצים, אין מיטן אָנטאָן זיך, האָט ער געזאָגט: איך האָב אַ פּלאַן. איך וועל איינשטייגן

אין דער טעקסי אַ נאַקעטער און אויפן וועג וועל איך אַרויפציען דעם קאַמפּס־מונדיר. און ווירקלעך האָט ער אפילו נישט אַרויפגעצויגן די שעלקעס אויף די אַקסלען, גענומען דעם סמאָקינג אונטערן אָרעם און אַזוי אַרום זיך אַרויסגעמאַכט פון האָטעל. אַ טעקסי איז צוגעפאָרן און ער איז אַוועק.

דער אָוונט איז נאָך געווען זייער פרי, נאָר אין באָמביי ווערט אין פריען אָוונט נאַכט. מענטשן לייגן זיך באַצייטנס שלאָפן אויף די טראָטואַרן. זיי דאַרפן וייניק — בלויז אויסשפרייטן אַ שטיקל לייוונט אויף דעם האַרטן צעמענט, אַנדערע דאַרפן אַפילו דאָס אויך נישט. ווי זיי גייען און שטייען לייגן זיי זיך אַוועק מיט דער האַנט אונטערן קאָפּ און שלאָפן איין מיט אַ האַרטן און זיסן שלאָף.

פון די אָנגעגליטע מויערן זעצט צוריק אַרויס די היץ וואָס זיי האָבן איינגעזאַפּט גאַנצן טאָג. די היץ אין די הייזער טרייבט אַרויס די איינוווינער אויף דער גאַס. ווער עס וווינט נידעריק שלעפּט אַרויס אַ הילצערן, צי אַן אייזערן בעטל; די וואָס וווינען אויף די העכערע שטאָקן, שלעפּן אַראָפּ אַ מאַטע. אַלץ שלאָפט אויף די טראָטואַרן. די שפּעטשעריען צווישן משפּחות פאַרן איינשלאָפן און דאָס כראָפּען פון די שוין איינגעשלאָפענע מענטשן שאַפט אַ גערויש פון סודותפולקייט. עפּעס גייט דאָ ווערן אויף די גאַסן, נאָר עס ווערט נישט גאָרנישט. העכער אין שטאָט, אויף דעם מאַרק־סקווער ליגן אויף די פלעצער מענטשן צוזאַמען מיט די קי, וואָס וואַנדערן אַרום אַ גאַנצן טאָג איבער דער שטאָט, ווי בעטלער, און אין אָוונט קומען אויך זיי ווו די מענטשן־בעטלער שלאָפן אויף דער גאַס. נאָר דאָ, אין אינדיע, איז די קו הייליק און נישט דער מענטש. ווען אַ קו גייט מיטן טראָטואַר און שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין אַ טיר־עפענונג פון א געשעפט, וועט מען איר נישט אָפּזאָגן אַ פרוכט, אָדער אַ ביסל גרינס, אָבער אַ מענטשן־בעטלער טרייבט מען אָפּ אַוועק מיט אַ ביטול־באַוועגונג מיט דער האַנט. דער „אַנטאַטשאַייבל" (אַ מענטש פון דער קאַסטע, וואָס מען ווערט טמא ווען מען רירט אים אָן) וועט בכלל נישט גיין אויפן טראָטואַר. נאָך דער אַנטשטייאונג פון אַן אומאָפּהענגיק אינדיע איז אָט די נידעריקסטע, מבזהדיקע קאַסטע אָפּגעשאַפט, אָבער דערמיט איז נאָך דער מענטש נישט געוואָרן אַזוי הייליק ווי עס איז די קו.

אין יענער נאַכט האָב איך ביז שפּעט געוואַנדערט איבער די גאַסן פון דער שטאָט און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך שפּיל מיט אין אַ לעבעדיק טעאַטער: ד"ר עמנואל אָלשוואַנגער, דער שליח פון קרן היסוד אין ירושלים, איז מיטן סמאָקינג אונטערן אָרעם אַוועק אין פּאַלאַץ פון ליידי ששון אויף אַן אָוונט־ברויט, בעת די טראָטואַרן און סקווערן זענען פול מיט שלאָפנדיקע מענטשן, צווישן זיי רוענדיקע קי און דרימלענדיקע הינט. און איך, אַ ייד, אַ פּאַרוואָגלטער פּליט פון פּוילן, גיי אויף די באָמבייער גאַסן צווישן דעם שלאָפנדיקן דלות. מיר איז אַזוי אומעטיק, אומעטיק. און דאַך זע איך אין די ליגנדיקע מענטשן אויף די טראָטואַרן נאָך מער עלנטע ווי איך בין, כאָטש זיי זענען אין זייער אייגן פאָטער־לאַנד, צווישן זייער אייגן פאָלק...

איך גלויב, אַז מענטשן זענען פעאיק איבערצוטראָגן זייערע געפילן צו אנדערע אויף א ווייטן מרחק. אויפצומאָרגנס האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דעם אָוונט, ווען איך בין געגאַנגען צווישן די שלאָפנדיקע מענטשן אויף די טראָטואַרן, איז מיר

באַפאַלן אַזאַ אומהיימלעכע דערדריקטקייט. זי האָט זיך וואַרשיינלעך איבערגע־טראָגן צו מיר פון אַלשוואַנגערן אויף דעם אָוונטברויט ביי ליידי ששון.

איך האָב געהאַט אַלשוואַנגערן דערציילט די פּאַרלויפּעניש מיטן רב אויפן וועג פון יאַפּאַן קיין אינדיע און ער האָט געהאַלטן, אַז איך בין אַ בעל־גוזמא און אַז איך האָב אויסגעמישטווירקלעכקייט מיט פאַנטאַזיע. ס'איז אוממעגלעך — האָט ער געהאַלטן — אַז אַ רב, וואָס קען נישט קיין שום לשון אויסער יידיש, זאָל זיך אַזוי גוט אויסגעפינען אין דער וועלט און אַריינדרינגען אין אַלע לעכער. אויפּצו־מאָרגנס האָב איך געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו זאָגן אים:

„דאָקטאָר אַלשוואַנגער, איר זענט אַ נישקשהדיקער בעל גוזמא. איר מישט ווירקלעכקייט מיט פאַנטאַזיע".

די געלעגנהייט איז געווען, ווען אַלשוואַנגער האָט מיר איבערגעגעבן, ווי אַזוי עס איז דורכגעגאַנגען דער וויזיט ביי ליידי ששון. דער רעצעפּט נישט אָרויפצוציען די שעלקעס אויף די אַקסלען און האַלטן דעם סמאָקינג אונטערן אָרעם האָט גוט געאַרבעט. נאָענט צום פּאַלאַץ האָט ער די שעלקעס אַרויפגעצויגן און ערשט פאַרן עפענען די טיר פון אויטאָ האָט ער אָנגעטון דעם סמאָקינג. ער איז אַריין אין הויז אַ טרוקענער, אַן עלעגאַנטער. ד"ר אַלשוואַנגער איז געווען אַ טיפּ פון אַן אַריסטאָקראַט, מיט אַ הויכער שלאַנקער פיגור און אַ נעט שטיל פּנים מיט אַ דין שמייכעלע פון חכמה אַרום זיינע ליפּן. זיינע גרויע האָר האָבן אים צוגעגעבן דיס־טינקציע. האָט ער דערציילט: דורך צוויי לאָקייען בין איך אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסן האַלב־טונקעלן זאַל, וווּ ביי אַ לאַנגן טיש זענען שוין געזעסן איינ־געלאַדענע געסט. אַ גוט אָנגעטוענער דזשענטלמען האָט געבעטן איך זאָל צוגיין צו ליידי ששון און זיך פאָרשטעלן פאַר איר. זי איז געזעסן אין אַ טיפן פאָטעל אויבנאָן ביים טיש. זי האָט אויסגעצויגן צו מיר אַ מאָגערע האַנט, אַ לייכטן שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט: „דאָקטאָר אַלסוואַנגער, דו יו נאָו ראַביי...?" (צי קענסטו דעם רב?) און זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר רעכטער זייט. ביי איר רעכטער זייט איז געזעסן דער רב מיט דער ברייטער און לאַנגער באָרד, מיט אַ גרויסן סאַמעטענעם קאַפּל אויפן קאָפּ. ער האָט דערלאַנגט אַלשוואַנגערן אַ ווייכן שלום עליכם און אים געפרעגט מיט אַ בנעימותדיקן יידיש, אַן אונטערזינ־געַנדיקן, ווי אין זיין שטעטל: „וווּעס הערט זיך עפּעס אין ארץ־ישראל, פאַניע אַלשוואַנגער?"

אַלשוואַנגער, אַ מאַן מיט אייראָפּעאישער קולטור, האָט זיך נישט פאַרלוירן, ער האָט זיך אָבער קוים איינגעהאַלטן פון אויסברעכן אין אַ געלעכטער, ווייל די סצענע ווי דער רב זיצט ביי דער רעכטער האַנט פון ליידי ששון, בעת ער האָט וואָכן לאַנג געדאַרפט אַרבעטן פאַר פּראַקטעקציע אַריינצוקומען אין הויז פון דער ליידי, האָט אים בולט געמאַכט די סצענעס, וואָס איך האָב אים געמאָלן. דערנאָך איז געקומען דער קאַצניאָמער. ער האָט זיך געשפּילט דערשלאָגן און ווי אָפּגענאַרט. דער גאַנצער אָוונטברויט איז שוין שפּעטער געווען פאַר אים אַן אָפּקומעניש. אַלשוואַנגער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט ליידי ששון באַזונדער; ער איז דאָך געקומען צו איר אין אַ שליחות און ער האָט געדאַרפט זיין דער הויפּט־גאַסט. אָבער דער רב האָט שוין אָפּגעהיט נישט צו דערלאָזן אַלשוואַנגער זאָל

ווערן זיין קאָנקורענט ביי דער ליידי. דער חשובסטער גאַסט דעם אָוונט איז געווען דער רב... דער ראַביי...

אָלשוואַנגער האָט באַלד צוגעטראַכט פֿאַר אים אַ נאָמען. צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ נידעריקער האָט ער אים אָנגערופֿן „דער האַלבער ראַספּוטין״.

נאָך ־ַ חודש פֿון מיין זיין אין באָמביי, זענען פֿון יאַפּאַן אָנגעקומען נאָך פֿינף יונגעלייט אויפֿן וועג קיין פּאַלעסטינע. צווישן זיי זענען געווען שמואל ראָזענבערג, די צוויי העברעאישע לערער די ברידער סאָסנאָוויק, איינער וואָס איז געפֿאָרן אין קיבוץ יגור און איינער אַ רעליגיעזער יונגערמאַן. ער האָט זיך געקליבן אין אַ רעליגיעזן קיבוץ.

הגם דער רב האָט שוין נישט געוווינט אין דער פּליטים־היים אויף וויקטאָריא ראָוד (ער איז עולה לגדולה געוואָרן און אַריבער אין אַ פּריוואַטער וווינונג) איז אין דער היים נישט געווען קיין פּלאַץ פֿאַר די פֿינף געקומענע. דער פּליטים־קאַמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען אין דער מערהייט פֿון יעקעס, האָט די „אָסט־יודען״, דאָס הייסט די פֿינף געקומענע און אויך מיך, באַשטאַט אין אַן אַכסניה פֿאַר אַנגלאָ־הינדוסן. די אכסניה האָט זיך געפֿונען אין אַ זייער שטילער און ציכטיקער געגנט, נעבן דעם דזשייקאָב סערקל (אַ פּלאַץ אָנגערופֿן אויפֿן נאָמען פֿון אַ פֿאַרדינסטפֿולן ייִד). די איינוווינער פּענסיאָנערן זענען געווען יונגע בחורים, זין פֿון ענגלישע פֿאָטערס און אינדישע מוטערס. זייער שפּראַך איז געווען ענגליש, אויך זייער קליידונג איז געווען אייראָפּעאיש, אָבער זייער אויסזען — אינדיש און זייער שפּייז — אין אינדישן שטייגער: אַלץ געקאָכט מיט דעם ברענענדיקן געווירץ קאַרי.

ווי אַ יוצא דופֿן האָט אין דער אכסניה געוווינט אַ בריטישער פּענסיאָנער, אַ געוועזענער פּאָליציי־קאָמענדאַנט פֿון באָמביי. ער איז געווען פֿאַרליבט אין אינדיע און נישט געוואָלט צוריקקערן קיין ענגלאַנד. האָט ער דאָ, אין האָסטל פֿאַר אַנגלאָ־הינדוסן געהאַט אַ באַזונדער צימער און ער האָט געפֿאָרשט די פּרויען־טיפּן אין תנ״ך. מער פֿון אַלץ האָט ער ליב געהאַט דעם תנ״ך. ער איז געווען אַ בן־בית ביי די נביאים און ער האָט געוווּסט, וואָס יעדער איינציקער וואָלט געזאָגט וועגן אַקטועלע ענינים. אָבער פֿאַר די פּרויען אין תנ״ך איז ער אויסגעגאַנגען. ער האָט זיי אַלע געקענט מיט זייערע שוואַכקייטן און שיינקייטן, און ער האָט שעהן לאַנג געקענט רעדן וועגן זייער קליידונג. די מוטער שרה איז געווען זייער אַן עלעגאַנטע, אַ ליידי. רייטשל (רחל) איז געווען אָנגעטון מיט געשמאַק און באַשיידנקייט. ערגער איז געווען מיט לאהן. זי איז געווען אַ בעדואינערין און נישט געזאָרגט וועגן אירע קליידער.

פֿון אָנהויב האָט דער ליבהאָבער פֿון תנ״ך־פֿרויען געוואָלט פֿון מיר מאַכן זיינעם אַ צוהערער, ער זאָל אין מיר אריינרעדן זיינע באַוווּנדערונגען פֿאַר „דהי ווימען אין דהי ביבל״, אָבער איך האָב געהאַט מיינע אייגענע צרות און ס׳איז מיר געווען צו הייס צו פֿאַרנעמען זיך מיט פֿרויען פֿון תנ״ך.

דער דירעקטאָר פֿון דער אכסניה איז געווען אַן ענגלישער לערער. זיין ענגליש האָט ער ממש אויסגעזונגען. ער האָט געשעפּט נחת פֿון זיין אייגענער וווּנדערבאַרער דיקציע. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ גאַנצן טאָג וואַרט ער ביז ביין אין אָוונט

צו קענען צוזאַמענרופן אַלע פּענסיאָנערן, איינשליסלעך אונדז יידישע פּליטים, און זאָגן פאַר אונדז די נאַכט־תפילה. וואָרום ער האָט אין די תפילות אריינגעלייגט אַזוי פיל האַרץ און אַזוי פיל ליבשאַפט צו גאָט און ער האָט צו גאָט גערעדט מיט אַזאַ פראַכטפולן אָקספאָרדער ענגליש, אַז נישט נאָר ער, נאָר אויך איך בין געווען איבערצייגט. אַז די תפילות גייען גלייך אין הימל אַריין. ער איז געווען זייער אַ גוטער און אויסערגעוויינלעכער טאָלעראַנטער מענטש. אויב ער האָט געוואָלט עפּעס דערגרייכן האָט ער עס דערגרייכט מיט שטילע און איבערצייגנדיקע ווער־טער.

זיין גוטסקייט און טאָלעראַנץ האָט דובלירט די באַלעבאָסטע פון דער אכ־סניה, אַן אַלטיטשקע ענגלענדערין, אַ טיפּ פון אַ יידישער מאַמען. דאָס עסן אין דער אכסניה איז געווען זייער שאַרף. די אַנגלאָ־היגדוסן פלעגן געווני אונ־טערשיידן וואָס עס איז איינגעקאָכט אין דער קאַרי: קאַרי־קאַרטאָפל, קאַרי־רייז, קאַרי־הון, אַלץ מיט קאַרי. און זיי האָבן געלעקט די פינגער פון דעם עסן. איך האָב נישט געקענט אונטערשיידן. איך האָב אַפילו נישט געפילט, נישט קיין קאַרטאָפל, נישט קיין רייז, נישט קיין הון, נאָר אַ וויסטע שריפה אין מויל. אפילו די לאַקריץ־זיסע פודינגס נאָך דעם פייערדיקן עסן האָבן די שריפה נישט גע־קענט לעשן. די שאַרפע שפּייזן אין דעם קלימאַט פון מערב־אינדיע זענען אַ סגולה צו האַלטן זיך אויף די פיס. האָבן מיר ווי עס איז געגעסן דאָס פייער. דער איינ־ציקער וואָס האָט זיך נישט געקענט צווירן צו דעם שאַרפן עסן איז געווען שמואל ראָזענבערג. נאָך איידער ער האָט פאַרזוכט, האָט ער שוין געשריגן „גע־וואַלד עס ברענט!". נישט בלויז דאָס אינדישע עסן האָט אים געברענט, אינדיע האָט אים געברענט. ער האָט נישט פאַרטראָגן דעם קלימאַט. ער האָט אָנגעהויבן ליידן אויף די פיס. פון דעסטוועגן פלעגט ראָזענבערג זיך זעצן צום אַלגעמיינעם טיש, ווייל אַזוי האָט געוואָלט די באַלעבאָסטע, טאָמער וועט איר געלינגען אים צורעדן ער זאָל דאָך עפּעס טועם זיין פון דעם פייער. איין מאָל, ווען זי האָט געזען ווי ראָזענבערג זיצט ביים טיש און קוקט מיט מיטגעפיל ווי די אַנדערע רייבן די פייערדיקע סעודה, איז זי צוגעגאַנגען צו אים, געגלעט אים דעם קאָפּ און זיך געבעטן ביי אים, ווי מען בעט זיך ביי אַ קינד:

„עס. מיין דאַרלינג. געדענק אַז דו מוזט עסן אַזיסטן ווערסטו פאַרלירן דיינע כוחות און דאָס געזונט. עס. דאַרלינג. אזיסטן ווערסטו שטאַרבן".

שמואל ראָזענבערג האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דער גוטער פרוי און איר געזאָגט אויף יידיש:

„אוי. באָבעשי. ווען דו קענסט מיר געבן אַ שיסל באָבעלעך מיט פאַרפל, וואָלסטו מיך דערהאַלטן ביים לעבן".

ראָזענבערג האָט אויך נישט פאַרטראָגן די אַטמאָספער אין דער אכסניה. כדי זיך צו ראַטעווען פלעגט ער פאַרברענגען אין אַן אַנדער „אכסניה" — אין אַן עלעגאַנטן פּענסיאָן, וווּ עס האָבן געלעבט עטלעכע רייכע יידישע פאַרפעלקער פון פוילן. אייך זיי זענען געווען פּליטים. צווישן זיי זענען געווען די ברידער יאַגלאָם, דער פאַרוואַלטער פון אשר קאָנס פאַבריקן אין לאָדזש, אַ ביאַליסטאָ־קער מאַנופאַקטור־פאַבריקאַנט און אַנדערע. כאָטש זיי זענען געווען פּליטים,

האָבן זיי געלעבט ווי פּענסיאָנערן. זיי האָבן פֿון פֿאַר דער מלחמה געהאַט געלט אין אַמעריקע. אָדער אין דער שווייץ און זייער לעבן איז געווען אָן זאָרגן. זייער פֿאַרבינדונג מיט אייראָפּע איז געווען דורך בי.בי.סי. פֿון לאָנדאָן, צו וועלכן זיי האָבן זיך דריי מאָל אין טאָג זייער און זייער שטאַרק צוגעהערט און שפּעטער געהאַט וואָס צו קאָמענטירן און מיט וואָס צוצוהעלפֿן טשערטשילן אין דער סטראַטעגיע פֿון דער מלחמה...

צווישן זיי האָט זיך שמואל ראָזענבערג זייער גוט געפֿילט. זייער לעבן איז געווען אַ נאָרמאַלס. דער פּענסיאָן איז געווען אַ פּראַכטפֿול הויז אויפֿן ברעג פֿון ים, אין דער רייכסטער געגנט פֿון דער שטאָט, נישט ווייט פֿון דעם האָטעל אין וועלכן עס האָט געוווינט ד״ר אַלשוואַנגער. דער פּענסיאָן איז געווען אַ יידי־שער. יעדן ערב פּסח פֿלעגט אַהערקומען דער בריטישער ראַטגעבער פֿון דעם מלך (ניזאַם) פֿון היידעראַבאַד און דאָ פּראַווען דעם פּסח טראַדיציאָנעל, מיט מצות. ער פֿלעגט קומען אין פּענסיאָן אינקאָגניטאָ.

דער היידעראַבאַדער מלך, פֿון די רייכסטע צווישן די דעמאָלטיקע הערשער אין די אינדישע פּראָווינצן, איז געווען אַ מאָסלעם. דער בריטישער ראַטגעבער איז פּאַקטיש געווען די „רעגירונג" פֿון היידעראַבאַד און ער האָט געהאַט די אויפֿגאַבע צו פֿאַרוואַלטן מיט דעם לעגענדאַר ריזיקן פֿאַרמעגן פֿון דעם ניזאַם און צו הערשן איבער זיין „פֿאָלק", אַרום אַ דריי פֿערטל מיליאָן טעפּיך־פֿלעכ־טער, טעקסטיל־אַרבעטער און פּאַפּיר־אַרבעטער. צוליב דעם קאָנפֿליקט צווישן דעם ציוניזם און די אַראַבער וואָלט דער מאָסלעמישער ניזאַם נישט טאָלערירט קיין יידישן ראַטגעבער, איז דער בריטישער ראַטגעבער אַנגעגאַנגען ווי אַן ענג־לענדער. דעריבער פֿלעגט ער אויף פּסח קומען אין דעם יידישן פּענסיאָן קיין באָמביי אינקאָגניטאָ.

ביסלעכווייז האָט זיך געשאַפֿן אַ געוויסע פֿאַרבינדונג צווישן די יעקעס און די פּוילישע יידן, אָבער נישט קיין צו נאָענטע. די יעקעס זענען שוין געווען גוט איינגעאָרדנט (אויסער די שלימזלען צווישן זיי), זיי זענען געווען דאָקטוי־רים, אינזשיניערן, גרויסע סוחרים. די סעקרעטאַרין פֿון דעם פּליטים־קאָמיטעט איז געווען אַ ווינער יונגע יידישע פֿרוי. זי האָט, נאַטירלעך, פֿאַר דעם אמת נישט גענומען קיין געהאַלט, ווי אַלע האָבן דאָ געאַרבעט פֿרייוויליק. די יונגע פֿרוי פֿון ווין האָט זיך דאָ געפֿונען זייט דער צייט ווען היטלער־דייטשלאַנד האָט אַנעקסירט עסטרייך.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט אין ווין שטודירט מעדיצין אַ זייער רייכער איני־דיער, אַ זון פֿון אַ מאַהאַראַדזשאַ. ער האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ יידיש מיידל און געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. אָבער נישט דאָס מיידל גופֿא און נישט אירע עלטערן האָבן געוואָלט הערן פֿון דעם שידוך. דאַך ווען דער יונגערמאַן איז צור־ריקגעפֿאָרן אַהיים, האָט ער געזאָגט צו דעם מיידל, וואָס ער האָט ליב געהאַט: אויב ווין וועט באַהערשט ווערן פֿון היטלעריזם און וועסט נישט קענען דאָ לעבן און דו וועסט וועלן ווערן מיין פֿרוי, לאָז מיר דעמאָלט וויסן און איך וועל דיך ברענגען קיין אינדיע צו מיר אַהיים. באַלד נאָך דעם ווי היטלער־דייטשלאַנד האָט אַנגעשלאָסן עסטרייך צום דייטשן רייך, האָט די געסטאַפּאָ אַרעסטירט דעם

מיידלס פאַטער און אים פאַרפייניקט. זי איז געבליבן אַליין מיט איר מוטער. דאָס לעבן פון יידן אין ווין איז געוואָרן אַ גיהנום. האָט דאָס מיידל באַשלאָסן געניסן פון דעם וואָס דער יונגער אינדיער האָט איר אַנגעזאָגט. זי האָט אים געמאָלדן, אַז זי וויל קומען צו אים און ער האָט זי צוזאַמען מיט איר מוטער גע־בראַכט קיין באָמביי. די יונגע פרוי האָט פאַר דעם שידוך געהאַט אַ באַדינג: זיי זאָלן זייער הויז איינאָרדענען אייראָפעאיש־ווינעריש. דער אינדער האָט אויף דעם מסכים געווען און אין דעם הויז פון דעם פאַרפאָלק איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אייראָפעאיש מעבל, אין שלאָפצימער איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אַ בעט און דער טיש איז סערווירט געוואָרן מיט לעפל און גאָפל — אַן אייראָפעאיש ווינ־קעלע אין האַרץ פון באָמביי.

די אייראָפעאישע אידיליע האָט געדויערט אַ האַלב יאָר. נאָך דעם האַלבן יאָר האָט דער יונגערמאַן געמאָלדן זיין יונגער פרוי, אַז ער האָט נישט מער קיין כוח צו שלאָפן אין אַ בעט; פון דעם ווינער בעט ברעכן אים די ביינער און ער שטייט אויף אַ מידער. וואָס שייך דעם טיש, האָט ער נישט בדעה ווייטער צו שטופן אין מויל אַריין די שטיקער אייזן פון לעפל און גאָפל. ער וויל פילן אַ טעם אין עסן און דאָס קען מען נאָר ווען מען עסט מיט די פינגער, ווי עס איז דער שטייגער אין מזרח. די פרוי האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, דאָס הויז פון דעם פאַרפאָלק איז צעטיילט געוואָרן אויף צווייען: איין העלפט אַן איי־ראָפעאישס, פאַר איר, און די צווייטע העלפט אַן אינדיש — פאַרן מאַן. זי און איר מוטער האָבן געגעסן אייראָפעאישע שפייזן און מיט לעפל־גאָפל, און ער — אינדישע שפייזן — מיט די פינגער. די פרוי איז געשלאָפן אין איר ווינער בעט און ער איז געשלאָפן אויף זיינע קישנס אויף דער ערד. ביסלעכווייז איז די צעטיילונג פאָרגעקומען אויך אין זייער געזעלשאַפטלעך לעבן: די פרוי פלעגט איר פרייע צייט פאַרברענגען צווישן אירע יעקעס און דער מאַן פלעגט זיין פרייע צייט פאַרברענגען צווישן זיינע אינדישע קאָלעגן.

אין פאַרבינדונג מיט די פליטים האָט די יונגע פרוי געפירט הילפס־אַרבעט ווי די סעקרעטאַרין פון דעם פליטים־קאָמיטעט. הגם זי אַליין איז ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַליין געווען אַן אַנטלאָפענע פון היטלעריזם, האָט זי צו די ניי־געקומענע פליטים געהאַט אַ באַליידיקנדיקע באַציאונג. פליטים און אָסט־יודען דאָס זענען צוויי „אייגנשאַפטן", פון וועלכע אַ יעקעטע פון משהס גלויבן האָט נישט געקאָנט האָבן קיין נחת. זי האָט נאָך מער מאַניפעסטירט איר „העכערקייט", ווייל לגבי די אמתע יעקעס איז זי געווען נישט מער ווי אַ ווינערין פון גאַליציע (אירע עלטערן האָבן געשטאַמט פון גאַליציע)... דאָך האָט זי פאָרמעל געפּרווט זיין קאָרעקט צו די אָסט־יידישע פליטים.

דער פליטים־קאָמיטעט, מיט דער אונטערשטיצונג פון דער בריטישער מאַכט, האָט זיך געוואָנדן צום הויפּט־רב פון מצרים נחום עפענדי, ער זאָל זיך באַמיען ביי דער מצרישער מאַכט, זי זאָל אַדורכלאָזן דורך איר טעריטאָריע אַ צאָל יידן, וואָס האָבן וויזעס קיין פאַלעסטינע און זיצן אין אינדיע. די בריטן זענען נישט געווען גליקלעך וואָס יידישע פליטים פון מזרח־אייראָפּע זאָלן בלייבן זיצן אין אינדיע אין דער צייט פון מלחמה. אויב פון אָנהויב האָט מען אין אינדיע איבער־

הויפּט נישט געוווּסט פון מלחמה, סיידן מען האָט געלייענט די צייטונגען, אַזוי איז שפּעטער־צו די אַטמאָספער געוואָרן אַ מלחמה־געשפּאַנטע. אויך צווישן די אינדיער האָט מען אָנגעהויבן רעדן, אַז אויב די דייטשן וועלן דורכברעכן דעם פראָנט פון מיטעלן מזרח, אַזוי וועלן זיי אָן אָפּהאַלט אויך אָנקומען קיין אינדיע. דער אומרו האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג־צו־טאָג, כמעט יעדן טאָג זענען פאַרגעקומען דעמאָנסטראַציעס קעגן ענגלאַנד און נישט ווייניקער ווי צוויי מאָל אַ וואָך האָבן די בריטן איינגעפירט „קאַרפיו" (פאַרבאָט אַרויסצוגיין פון די הייזער ביינאַכט). אַלס אייראָפּייער האָט מיך דער „קאַרפיו" נישט פאַרפליכטעט און דאָס זענען געווען די איינציקע אָוונטן ווען איך פלעג שפּאַצירן פריי איבער די טראָטואַרן פון באָמביי, ווייל קיינער איז אויף די טראָטואַרן נישט געשלאָפן. אפילו די הינט, וואָס געוויינלעך פלעגן זיי זיך אַוועקלייגן נעבן די מענטשן, האָבן בעת „קאַרפיו" געזוכט די נאָענטקייט פון די מענטשן אין די אָנגעהיצטע, דומפּיקע הייזער, ווו די מענטשן זענען געווען פאַרשפּאַרט און נישט געקענט שלאָפן.

די בריטישע זיכערהייט־אינסטאַנץ (סי.איי.די.) אין באָמביי האָט געקוקט מיט אַ שלעכט אויג אויף צוויי פרויען פון צווישן די פּליטים. איינע פלעגט זיך אָנטאָן זייער אויפרייסנדיק מיט אויסבריליאַנטירטע פינגער און אויערן. די געגנט, אין וועלכער די פרוי האָט געוווינט, איז געווען זייער אַ רייכע און זי איז מסתמא געווען די צום ווינציקסטן פאַרמעגלעכע צווישן אַלע איינוווינער־אינדיער. אין אינדיע רעכנט זיך נישט רייכקייט מיט די דימענסיעס פון אייראָפּע, וואָס פרויען פּאַקן אַרויף אויף די פינגער און אויף דער ברוסט. דאָרט רעכנט זיך רייכקייט אויף דער וואָג פון גאָלד און איידלשטיינער אַנטקעגן דער פיזישער וואָג פון דעם באַזיצער פון דעם צירונג. אָבער רייכע אינדישע פרויען טוען נישט אָן קיין צירונג, וואָס זאָל אויפרייסן די אויגן. אין זייער אויסערלעכקייט זענען זיי זייער און זייער באַשיידן. דאָס האָט מען נישט געקענט זאָגן וועגן דער יידישער פרוי. מען האָט אויך אָנגעהויבן דערציילן רכילות, אַז די פרוי האָט אַ פלירט מיט איינעם פון די בריטישע פּאָליציי־אָפיצירן אין באָמביי. אַ צווייטע יונגע יידישע פרוי, פון האָלאַנד, אַן אָנגעהעריקע צו אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג, האָט אַרומגעטומלט אין די בריטישע אַמטן אין באָמביי מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט, אַז די פּאָליציי האָט עטלעכע מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט דעם פּליטים־קאָמיטעט, ער זאָל זיך באַמיען וואָס שנעלער זי משלח צו זיין קיין פּאַלעסטינע. די פּאָליציי האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז זי איז אַ שפּיאָן און געהאַלטן אויף איר אַן אויג.

די בריטן אין אינדיע זענען אין יענע טעג געווען ספּעציעל נערוועז. מאַהאַטמאַ גאַנדי האָט פאַרשטאַרקט זיין פּאַסיווע ווידערשטאַנד־באַוועגונג און איינער פון זיינע סעקרעטאַרן, אַ יידישער יונגערמאַן פון לאָדזש, האָט זיך באַמיט, אַז די בריטן זאָלן דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד פילן זייער אַקטיוו... דער לאָדזשער יונגערמאַן איז טאַקע געווען אַ בודיסט און זיך געקליידט אין דעם בידנעם שטיקל לייוונט, וואָס אַלע מענטשן אַרום מאַהאַטמאַ גאַנדי, ער האָט אָבער פאַרמאָגט דעם חסידישן ברען פון פּוילישע יידן און ער האָט אָנגעטאָן די בריטן נישט ווייניקער צרות, ווי יידישע יונגעלייט קאָמוניסטן האָבן אָנגעטאָן צרות דער פּוילישער מאַכט אין לאָדזש...

די בריטישע מאַכט אין באָמביי האָט זיך פון די צוויי יידישע פרויען און פון מאַהאַטמאַ גאַנדיס יידישן סעקרעטאַר פון לאַדזש געפילט מער „באַדראָט“ ווי פון די פיר מיליאָן אינדיער און מאָסלעמס אויפן באָמבייער אינדזל. די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן וואָס אַמאָל מער דריקן, די פּליטים, וואָס האָבן ציל־וויזעס, זאָלן וואָס שנעלער אַרויספאָרן, אָדער זאָלן גיין אין דער אַרמיי. די מלחמה מיט היט־לער־דייטשלאַנד ברייטערט זיך אויס, זי דערנענטערט זיך צום מיטעלן מזרח און די בריטישע אַרמיי מוז האָבן וואָס מער זעלנער.

מיין טענה איז געווען: די בריטן זיצן אין אינדיע, זיי זיצן אין פּאַלעסטינע, אין עבר־הירדן, אין מצרים. אויב זיי ווילן מיך נישט האָבן אין באָמביי, זאָלן זיי מיר דערמעגלעכן אַנצוקומען קיין פּאַלעסטינע...

דערווייל בין איך נישט געזעסן ליידיק. די פרייע צייט האָב איך אויסגענוצט אויף צו באַקענען אינדיע. נעהרוס בוך „דאָס פּראָבלעם פון אינדיע“ האָט אויף מיר געמאַכט אַ זייער שטאַרקן איינדרוק. איך האָב געלעבט אין דער מיט פון מיליאָנען אינדיער, געגאַנגען אויף זייערע חתונה־מאַניפעסטאַציעס און נאָכגע־גאַנגען זייערע לוויהס ביזן פאַרברענען די מתים, געזען זייער שטייגער אין די הייזער און אויף די מערק. ס'איז נישט געווען קיין טעמפּל פון קיין איין קאַסטע איך זאָל אים נישט האָבן באַזוכט. בלויז אין די טעמפּלען פון די פּאַרסיס האָט מען מיך נישט אַריינגעלאָזט צוליב דעם וואָס איך בין אַן אומגלויביקער וועדליק זייערע באַגריפן.

די פּאַרסיס, וואָס זייער נביא איז זאַראַהאַסטראַ (פון וועלכן פרידריך ניטשע האָט גענומען זיין העלד זאַראַטוסטראַ) גלויבן אין די פיר עלעמענטן: הימל, ערד, פייער און וואַסער. הימל, ערד און וואַסער זענען תמיד־עלעמענטן, אָבער פייער ווערט אויף אַ צייט פאַרלאָשן. דעריבער ברענט אין זייערס אַ טעמפּל אַ תמיד־פייער. ביי יעדער פּאַרסי־טעמפּל ווערן פאַרקויפט שייטלעך האָלץ. ווען אַ גלויביקער גייט אין טעמפּל, קויפט ער אַ שייטל האָלץ פאַר דעם אש־תמיד. אין זייער קליידונג אונטערשיידן זיך די פּאַרסיס (וואָס זייער אָפּשטאַם איז פון אַלטן פּערסיע) פאַרשיידן אַנדערש פון די אינדיער. זיי טראָגן דריי־פּערטלדיקע גע־האַקטע קאַפּאָטעס און גייען מיט צוגעדעקטע קעפּ. פיזיאָנאָמיש זענען זיי ענ־לעך צו יידן, זיי זענען זייער קולטורעל און סאָליד. זענען אויסגעצייכנטע סוחר־רים און גוטע אינדוסטריעלער. ווען איך האָב זיי געזען צום ערשטן מאָל מתפּלל זיין ביים ברעג פון ים האָט זיך מיר געדאַכט, אַז יידן שטייען און דאַווענען. ביי די תפילות באַוועגן זיי זיך ווי חסידישע יידן. צוליב דעם וואָס אַלע פיר עלעמענטן אין וועלכע זיי גלויבן — פייער, וואַסער, הימל און ערד — זענען הייליק, באַגראָבן זיי נישט זייערע טויטע, זיי פאַרברענען זיי אויך נישט, ווי דאָס טוען די אינדיער; זיי גיבן זייערע טויטע צו די שפּאַרבערס אויפצועסן און דער־מיט, האַלטן זיי, טוען זיי אַ חסד צום לעבן: מיט זייערע טויטע שפּייזן זיי לע־בעדיקע נפשות...

אין דער געגנט, ווו עס איז געווען די אכסניה פאַר די אַנגלאָ־הינדוסן האָבן געוווינט פּאַרסיס. אויב עס איז געשען און עמעצער פון דער עדה איז געשטאָרבן, בין איך געגאַנגען זען דעם שטייגער, ווי די סביבה פירט זיך אויף אין אַזאַ פאַל.

איך בין איבערראַשט געוואָרן צו זען, אַז דער שטייגער ביי די פּאַרסיס איז ענ־לעך צום שטייגער ווי ביי יידן אין אַזעלכע פאַלן: די שפּיגלען זענען פאַרהאַנ־גען געוואָרן, דער מת איז געלעגן אויף דער ערד און שפּעטער איז ער געטראָגן געוואָרן אויף אַ מיטה. די מלווים זענען געווען אָנגעטאָן אין ווייסן, וואָס איז ביי די פּאַרסיס אַן אויסדרוק פון טרויער.

איך בין געגאַנגען מיט דער לוויה ביז צו זייער „בית הקברות", צו זען ווי אַזוי שפּאַרבערס פּראַוועןן אַ סעודה פון אַ חשובן פּאַרסי.

אין דעם רייכן שטאָט־פּערטל מאַלאַבער היל אין באָמביי געפינט זיך אַ גרויסער פּאַרק. פאַרבייגייער ווערן אויפמערקזאַם אויף דער גרויסער צאָל שוואַר־צע שפּאַרבערס וואָס טומלען אויף די ביימער אין פּאַרק. די שפּאַרבערס זענען דאָפּלט גרויס ווי קראָען. אינעם פּאַרק געפינען זיך צוויי טורעמס, וואָס רופן זיך אויף ענגליש „דהי טאַוערס אָף סיילענס" — די טורעמס פון שטילקייט. איינער פון די טורעמס איז אַ קהלהשער; דער צווייטער — אַ פּריוואַטער, פון אַ רייכער פאַמיליע. דער טויטער ווערט אַרויפגעטראָגן אויף איינעם פון די טורעמס און נאָך אַ געוויסער צערעמאָניע, וואָס גרייט צו דעם מת צו זיין וועג אין דער איי־ביקייט אַריין, ציען זיך צוריק די מלווים. דעמאָלט ווערט דער מת באַפאַלן פון הונדערטער שפּאַרבערס און ער ווערט אויפגעפרעסן במשך פון איין שעה.

די פּאַרסיס האָבן אַ רייכע ליטעראַטור וועגן זייער רעליגיע, וואָס זיי האַלטן נאַטירלעך פאַר דער דערהויבנסטער פון אַלע רעליגיעס. וועגן דער דאָזיקער רעליגיע, וואָס האָט נישט קיין סך צערעמאָניעס, קען מען זאָגן דאָס זעלבע וואָס וועגן בודיזם — ס'איז מער פילאָזאָפיע ווי רעליגיע. אפשר דערפאַר האָבן די פּאַרסיס, וועלכע זענען אין אינדיע אַ גאַר קליינע מינדערהייט און זיי זענען כמעט אַלע קאָנצענטרירט אין באָמביי, נישט געוווסט פון וועלכער עס איז דיס־קרימינאַציע אָדער פאַרפאָלגונג. פאַרקערט, זיי זענען אויסערגעוויינלעך גע־שעצט, און אין דער הערארכיע פון קאַסטעס פאַרנעמען זיי אַ געהויבענעם פּלאַץ, הגם זיי מישן זיך נישט מיט דער אַרומיקער געזעלשאַפט.

אין דער ערשטער העלפט פון חודש מאַי 1941 האָט געשלאָגן די שעה צו נעמען זיך אין וועג אַריין.

דער הויפּט־רב פון מצרים נחום עפענדי האָט אויסגעפועלט ביי דער מצרי־שער מאַכט וויזעס פאַר די אַלע פּליטים, וועלכע זיצן אין באָמביי און האָבן וויזעס קיין פּאַלעסטינע.

אויף די ימען האָבן דעמאָלט געהערשט גרויסע סכנות. דער אינדישער אָקעאַן און דער אַראַבישער ים זענען געווען באַדראָאָט פון דייטשע אונטערוואַסער־שיפן. דעמאָלט איז נאָך נישט געווען איינגעפירט דער סיסטעם פון קאָנוואָיען און די איינאַזם־שווימענדיקע בריטישע צי פראַנצויזישע שיפן פלעגן אויפגעריסן ווערן ווי באַלאָנען. האָבן מיר אויסגעוויילט אַ האָלענדישע שיף, וואָס האָט געפירט אַלגעמיינעם טראַנספּאָרט פון אינדיע קיין האָלאַנד.

צוזאַמען מיט אונדז זעקס, וואָס האָבן געווינט אין דער אַנגלאָ־אינדישער אכסניה, איז אויך געפאָרן דער ענגלישער דירעקטאָר פון דער אכסניה. ער איז געפאָרן אויף אינטעלידזשענס־דינסט קיין מצרים. מיט אונדז איז אויך געפאָרן

דאָס מיידל פון האָלאַנד, וואָס די ענגלענדער האָבן זי פאַרדעכטיקט, אַז זי איז אין דינסט פון אַ פיינטלעכער מדינה. צוליב דער שעהן־לאַנגער זוכונג אין איר באַגאַזש איז די שיף אָפּגעשווומען פון באָמביי מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון פיר שעה. די רייזע האָט זיך געצויגן ווי עס ציען זיך שלאָפלאָזע נעכט. די האָלענדישע שיפס־אָפיצירן און זייערע נישט־יידישע געסט האָבן די רייזע פאַרקירצט דורך טרינקען אויסערגעוויינלעכע מענגעס וויסקי. זיי האָבן אָנגעהויבן טרינקען באַלד אין דער פרי און געענדיקט אין האַלבער נאַכט. זיי זענען קיין מאָל נישט געווען שיכור. דער אַלקאָהאָל האָט זיי געמאַכט געמיטלעך און רואיק. אפילו ווען זיי האָבן גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט, אַ דייטשע אונטערוואַסער־שיף זאָל טאָרפּעדירן אונדזער שיף, אויב זיי וועלן פאַרדעכטיקן, אַז מיר פירן מיליטערישן קאַרגאָ פאַר די ענגלענדער, האָבן זיי אויף קיין רגע נישט פאַרלוירן די געמיטלעכקייט. האָט מען שוין נישט געקענט האָבן קיין טענות אויב זיי האָבן מיט דער זעלבער רואיקייט ספּעקולירט, ווער עס וועט באַווייזן אָנצוקומען פריער — די דייטשן צום סועץ־קאַנאַל, אָדער אונדזער שיף צום מיטללענדישן ים... אויך דער ענגלענדער, דער דירעקטאָר פון דער אכסניה, האָט נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז די דייטשן קענען „עפּעס" טון, כדי צו פּרווון פאַרכאַפּן מצרים און פּאַלעסטינע, איידער אונדזער שיף וועט פאַראַנקערן אין סועץ. מיר, די זעקס יידישע יונגעלייט, זענען נישט געווען אַזוי רואיק, ווי די האָלענדער און דער ענגלענדער. מיר זענען שוין אַלע געווען געפּרוווטע פון די דייטשן און אפילו בלויז דאָס רעדן וועגן אַ מעגלעכקייט, די דייטשן זאָלן אָקופּירן פּאַלעסטינע, האָט אָנגעיאָגט אַ ציטערניש. דאָך, וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צום רויטן ים, אַלץ געהויבענער איז געוואָרן אונדזער שטימונג. די ספּעקולאַציעס זענען אפשר געווען צוליב דעם, וואָס די שיף איז געשווומען אויף די טיפע וואַסערן, ווו עס ראָיען די דייטשע אונטערוואַסער־שיפלעך. אַנדערש ביי די ברעגן. די בריטישע קריגס־שיפן אין אַדען און שפּעטער די פאַרביישווימענדיקע בריטישע שיפן אויפן רויטן ים האָבן געגעבן זיכערקייט אין דעם כוח פון די ענגלענדער.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אין פּאָרט פון סועץ. ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט און דאָ האָבן מיר דאָס ערשטע מאָל דערפילט די אַטמאָספער פון מלחמה. די שטאָט סועץ איז געווען פאַרטונקלט. אפילו די האָלענדישע שיף, וואָס דעם גאַנצן וועג האָט זי נאָך מער פאַרשטאַרקט איר באַלייכטונג, כדי מען זאָל פון דערווייטנס זען די פאַרבן פון דער האָלענדישער פאָן, האָט אין סועץ נישט אָנגעצונדן די ליכטער.

דער וואָקזאַל און די באַן־פּעראָנען אין סועץ זענען געווען פול מיט טראַנספּאָרטן מיליטער. דאָס זענען געווען אויסטראַליער, וואָס האָבן געאיילט צו פאַרשטאַרקן מיט זיך בריטישע כוחות. אין דער פינצטערניש און אין דער שטופּעניש האָט מען קוים געקענט זיך פונאַנדערקלייבן אין וועלכער ריכטונג עס פאָרט די אָדער יענע באַן. צוזאַמען מיט די זעלנער־טראַנספּאָרטן זענען מיר געפאָרן אויף צפון, קיין קאַנטאַראַ, פון וואַנען מיר דאַרפן זיך איבערזעצן אין אַ באַן, וואָס וועט אונדז אַוועקפירן קיין פּאַלעסטינע — קיין ארץ־ישראל. אויך קאַנטאַראַ איז געווען פאַרטונקלט און ס'איז געווען אוממעגלעך פונאַנדערצוקלייבן זיך ווו מיר זענען.

בלויז פון די אויסרופן פון די קאָנדוקטאָרן האָבן מיר געוווּסט ווו מיר געפינען זיך. אָבער די מצרישע פּאָליציי האָט יאָ געוווּסט ווער מיר זענען און ווו מיר זענען. זי האָט ביי אונדז צוגענומען אונדזערע דאָקומענטן און אונדז אַוועקגעפירט אין... תפיסה. קיינער האָט אונדז אפילו נישט דערקלערט פאַרוואָס מיר ווערן אַרעסטירט, אויב מיר האָבן לעגאַלע טראַנזיט־וויזעס. און איידער וואָס־ווען האָבן מיר אפילו נישט געוווּסט ווער עס האָט צוגענומען אונדזערע דאָקומענטן, וואָס אָן זיי זענען מיר פאַרלוירענע. בלית ברירה האָבן מיר געמוזט אָננעמען די תפיסה פאַר ליב.

ס'איז געווען אַן אויסטערלישע תפיסה. אַז דער טויער האָט זיך הינטער אונדז פאַרשלאָסן האָבן מיר זיך געפונען אין אַ גרויסן הויף. פון הויף האָט מען אונדז אַריינגעפירט צו צוויי אין אַ קאַמער, ווו מיר האָבן אין דער פינצטער אויסגעטאַפּט האַרטע בעטלעך. צודעקן האָט מען נישט געדאַרפט. די נאַכט איז געווען אַ הייסע און טרוקענע. ס'איז דער חודש יוני ביים סועץ־קאַנאַל. אַנטקעגנאיבער ליגט דער מדבר סיני. איינשלאָפן איז געווען שווער. מיר געפינען זיך אויף דעם פּלאַץ. פון וועלכן משה רבינו האָט אָנגעהויבן זיין קאַמפּאַניע־מאַרש מיט די יידן פון מצרים קיין ארץ־ישראל. דער גאַנצער חומש איז געקומען קאַפּויער און די בילדער האָבן זיך געשטופּט אין מוח אָן אַ סדר: איצט וועט נישט דויערן פערציק יאָר אפילו נישט קיין פערציק שעה און מיר וועלן זיין אין ארץ־ישראל. זיין אין ארץ־ישראל? פאַרוואָסזשע האָט מען איצט איינגעזעצט אין אַ תפיסה?... עבדים היינו לפרעה במצרים. ס'געהערט צום עסק... איז דער פינצטער האָבן די מצרים אוודאי נישט געקאָנט קאָנטראָלירן די דאָקומענטן און די וויזעס... און ס'איז מלחמה־צייט... ס'קען גאָר זיין, אַז די האַנט פון די ענגלענדער איז דערביי... צום סוף בין איך איינגעשלאָפן מיט גוטע חלומות און זיך אויפגעוועקט ווען די בלאַנקענדיקע זון איז שוין געשטאַנען איבערן תפיסה־הויף.

ערשט איצט האָט מען געקאָנט זען ווו מיר זענען אין דער וועלט: אַן אויסערגעוויינלעך ציכטיקער הויף, ביי די זייטן געווייסט מיט קאַלך, איינריכטונגען צו וואַשן זיך, אויך די קאַמערן זענען ציכטיקע. מיר זעקס זענען די איינציקע אויפן הויף, אויסער איין שומר. אַרומגעוואַשן זיך, אָנגעטון זיך און עפּעס טועם געווען פון דעם, וואָס דער שומר האָט אונדז דערלאַנגט, האָט מען אונדז אַרויסגעפירט פון דער תפיסה צום וואָקזאַל.

ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מזרחדיקע דינגעניש. דאָס דינגעניש איז געווען נישט מיט אונדז, נאָר צווישן די מצרים גופא. ס'האָט גענומען גענוג לאַנג ביז זיי, די מצרישע גרענעץ־פּאָליציי און די צאָל־באַאַמטע, זענען צווישן זיך דורכגעקומען, אונדז צוריקגעגעבן די דאָקומענטן און אונדז באַגלייט צום צוג, וואָס האָט געוואַרט אויפן פּעראָן.

יעדע גרענעץ, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען ביז דעמאָלט, איז געווען פאַרבונדן מיט האַרץ־קלאַפּעניש. אויך ביים איינשטייגן אין דער באַן צו דער גרענעץ פון ארץ־ישראל האָט מיר דאָס האַרץ געוואַלדיק געקלאַפּט. נאָר דאָס איז געווען האַרץ־קלאַפּענישן נישט פון שרעק, נישט פון שפּאַנונג, נאָר פון דערוואַרטונג: ענדלעך, ענדלעך דערנענטער איך זיך צו דער לעצטער גרענעץ, און די לעצטע

גרענעץ איז ארץ־ישראל, וואס כדי אנקומען צו איר האב איך געמאכט א רונד איבער א האלבער וועלט. כ׳בין געווען אזוי אויפגערודערט, אז ווען דער מצרישער קאנדוקטאר איז אריינגעקומען אין אונדזער וואגאן צו קאנטראלירן די בילעטן און געמאכט א באמערקונג, בין איך געווען צו אים חוצפהדיק אן א פארוואס און א פאר ווען. איך האב געוווסט, אז איך בין נישט גערעכט. אבער זאל ער מיר נישט שטערן דא. די באן לויפט דורך דעם מדבר סיני. ווו געפינט זיך דא דער בארג סיני? דורכן פענצטער זעט מען דעם פלאכן מדבר פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט זעט מען דעם ים. מסתמא האבן די מצרים ספעציעל געבויט די באן ווייט פון בארג סיני, כדי מען זאל זיי נישט שטעכעלירן מיט דער מעשה פון חומש ווי די יידן־קנעכט האבן זיך ארויסגעמאכט פון די געצנדינער און אויפן הר סיני אנגענומען גאטס תורה. שווער געווען זיך אפרייסן פון פענצטער. דאס איז געווען א געפיל ענלעך צו דעם, וואס עס האט א מענטש ווען ער קערט צוריק צום ארט פון זיין אפשטאם נאך צענדליקער יארן אפוועזנהייט. איך בין זייער פילבאר אויף ריחות, האב איך דעמאלט דעם מדבר געפילט מיט דעם ריח פון די בלעטער פון דעם חומש, פון וועלכן איך האב ווי א יינגל געלערנט אין חדר ביי דעם מלמד שלמה־לייזער־ראשעס... האב איך נישט געהאט קיין געדולד צום קאנדוקטאר...

אויף דער סטאציע אין עזה איז מיר די מעשה מיט שמשון הגבור, וואס האט געוויזן זיין גבורה אויף דעם פלאץ, צעשטערט געווארן פון אן אנדער גבור — פון א בריטישן פאליצײ־אפיציר. ער איז אײנגעשטיגן אין דעם זעלבן וואגאן ווו מיר זענען געזעסן און געשטאנען, געמאכט דעם אנשטעל כלא ידע, ווי מיר וואלטן אים בכלל נישט אנגעגאנגען, אבער ווען די באן האט גערירט, האט ער געזאגט אזוי רואיק, ווי רואיק עס קען זאגן אן ענגלענדער:

„פליז דזשענטלמען, די פאספארטן".

ער האט אריינגעקוקט אין די פאספארטן, צונויפגעזאמלט זיי און געזאגט מיט דער זעלבער רואיקייט:

„פון איצט־אן זענט איר אונטער מיין אויפזיכט און איר וועט גיין מיט מיר".

מיין ערשטער געדאנק איז געווען: אט אזוי איז מיט א לעגאלער גרענעץ, משטיינסגעזאגט. אז מען וויל לעגאל אדורכגיין א גרענעץ מוז מען זיין אויסגע־שטעלט אויף אזעלכע מיני זאכן ווי פרייער זיצן א נאכט אין קאזע אין קאנטארא און איצט וועט אונדז ווידער דער בריטישער פאליצײ־אפיציר פירן אין זיין קאזע.

און אזוי איז געווען. דער פאליצײ־אפיציר האט אונדז אוועקגעפירט מיט דער באן קיין לוד. אן א ווארט אויסצורעדן האט ער באפוילן מיר זאלן אונדזערע טשעמאדאנעס אנלאדן אויף אן אויטא און דערנאך זאלן מיר אליין זיך אנלאדן און ער האט אונדז אוועקגעפירט קיין עתלית גלייך אין א לאגער אריין.

הייסט עס, אז אויב עס איז באשערט א לאגער, וועט מען אים נישט אויס־מיידן. איך האב מורא געהאט פאר א לאגער אין סיביר און אים באקומען אין ארץ־ישראל. דער גאנצער חומש איז מיר אויסגערונען געווארן און קיין איין איינציקע פרשה איז נישט געבליבן.

דער לאגער אין עתלית האט געמאכט א שרעקלעכן איינדרוק. צווישן די

שטעכלדראָטן זענען געשטאַנען רייען גרויסע לייוונטענע געצעלטן און צווישן די געצעלטן האָבן זיך אַרומגעדרייט אָפּהענטיקע מענטשן. פון הינטער די לייוונטענע ווענט האָבן זיך געטראָגן קרעכצן און אָכצן. אַ גרויסער טייל פון די אינטערנירטע איז געווען קראַנק אויף „פּאַפּאַטאַטשאַ״, אַן אומאַנגענעמע פיבערקראַנקהייט, וואָס אַ סך עולים האָבן זי געמוזט דורכמאַכן. און ווער עס האָט נישט דורכגעמאַכט „פּאַפּאַטאַטשאַ״ האָט געמוזט דורכמאַכן פורונקאָלאָזע, אָדער קדחות, אָדער אַלע דריי. האָבן די געצעלטן אויסגעזען ווי לאַזאַרעט־ביידלעך הינטער אַ מלחמה־פראָנט. הייס איז געווען, די קראַנקע האָבן געפּיבערט, זענען זיי געלעגן אויף די בעטן אָפּגעדעקטע, צעשויבערטע, קרעכצנדיקע און די וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען האָבן געהאַט זייערע אייגענע צרות און געדאַרפט האָבן דעם קרעכץ פאַר זיך.

איידער איך האָב זיך נאָך געהאַט ריכטיק פונאַנדערגעקליבן ווו מיר זענען אין דער וועלט, האָט דער בריטישער שומר אונדז אריינגערופן אין אַ באַראַק און יעדן איינעם פון אונדז געגעבן זיין אויסשטייער: אַן אייזערן בעטל, אַ שטרויזאַק, אַ בלעכענעם טעלער, אַ בלעכענעם לעפל, אַ בלעכענעם גאָפל, אַ בלעכן טעפל און אַ בלעכן געמיט. די מעשה האָט אָנגעהויבן פאַרדריסן. וואָס טוט זיך דאָ? אויסגעפאָרן אַ האַלב וועלט, געוואָרן אויסגעריסן, געהאַפּט און געטרוימט און געהיטן די וויזע, ווי מען היט דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, און נאָך אַלעמען ביסטו אין אַ לאַגער, ווי דו וואָלסט זיך אין דעם לאַנד אריינגעשמוגלט.

דער ענגלענדער לאָזט נישט טראַכטן: יעדער מוז דעם אויסשטייער שלעפּן אויף זיינע פּלייצעס און אים אריינטראָגן אין אַן אָנגעוויזענעם געצעלט. דאָס בעטל שטייט שוין, דער שטרוי־זאַק ליגט שוין, די דעקע איז שוין פאַרשפּרייט, און וואָס ווייטער? אויף ווי לאַנג זענען מיר דאָ אָנגעקומען אויף בריטישע קעסט?

„פּליז, סער״, „פּליז, מיסטער״... דער ענגלענדער הערט נישט. עס העלפט נישט דאָס סערעווען, דאָס מיסטערווען, ער ווייסט גאָרנישט, וויזעס גייען אים נישט אָן מיר זענען אין „קאַסטאַדי״ און וואָס ווייטער גייט אים נישט אָן און ס'איז נישט זיין באַבעס דאגה.

פאַרנאַכט זענען מיר שוין געשטאַנען מיט די בלעכענע טעלערס און טעפּלעך אין אַ ריי נאָך זופּ מיט ברויט. פון לאַנגוויל האָט דער עולם געקלאַפּט מיט די בלעכענע לעפל אין די בלעכענע טעלערס און דער ענגלענדער האָט גערופן עס זאָל זיין שטיל. נאָר שטיל איז נישט געוואָרן, ווייל פון די געצעלטן האָבן זיך געטראָגן די געשרייען פון די קראַנקע. ווי אַ טאַנץ פאַרבייט נישט קיין עסן, אַזוי פאַרבייט נישט דאָס קראַנק זיין אַ טעלער זופּ. און אויך קראַנקע האָבן געוואָלט עסן.

דערוויל האָב איך צווישן די קראַנקע אויף „פּאַפּאַטאַטשאַ״ געפונען אַ פריינד פון וואַרשע, אינזש. וולאַדעק גאָלדשטיין, וואָס מיר צו פאַרדאַנקען האָט ער זיך געהאַט אַרויסגעראַטעוועט פון וואַרשע און דורך איטאַליע אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל און געלאַנדעט אין לאַגער אין עתלית. אַזוי האָבן מיר ביידע געשלאָסן דעם קרייז אַרום אַ האַלבער וועלט, ער פון איין זייט און איך פון דער אַנדערער, גרעסערער זייט. דאָ אין לאַגער האָט קיינער גאָרנישט געוווסט. עס איז שווער

געווען זיך פאַרצושטעלן ווי אַזוי לאַגער־איינוווינער קענען זיין אַזוי ווייניק אָריענטירט. איינער האָט געזאָגט, אַז דאָ האַלט מען דריי חדשים, אַן אַנדערער האָט געטענהט, אַז אויב די ענגלענדער ווילן, קענען זיי דאָ האַלטן איבער דער גאַנצער מלחמה. אַן אָפּטימיסט האָט געוווסט, אַז מען קען אויך אַרויס פון דאַנען נאָך איין חודש. איך האָב דאָ גאָרנישט געפונען וואָס זאָל סטימולירן אַ גוט געפיל.

איך בין דורכגעשלאָפן די נאַכט אונטער דעם „קאָנצערט" פון די קרעכצענישן פון די קראַנקע, דעם געוויין פון די שאַקאַלן און דעם גערויש פון דעם נאָענטן ים. איך וועל נישט זאָגן, אַז אַלע דריי האָבן געשפּילט אויף איין אָקטאַווע... דער סוף איז געווען: איך האָב זיך באַגינען אויפגעהויבן אַ שיכורער און קוים זיך דערשלעפּט נאָך אַ טעפּל קאַווע מיט אַ שטיקל ברויט מיט מאַרמעלאַד. דער אָנבליק פון די שטעכלדראָטן אַרום דעם לאַגער האָט מיך דערשלאָגן.

באַלד נאָכן טעפּל קאַווע האָט דער ענגלישער לאַגער־אויפזעער געמאָלדן, אַז ער וויל זען אונדזערע טשעמאָדאַנעס. אין אינדיע האָב איך איינגעהאַנדלט אַ לעדערנעם טשעמאָדאַן, וואָס האָט אַליין געוויגן מער ווי אַלע מיינע זאַכן אינעם טשעמאָדאַן. געוויינלעך האָב איך אים געקענט שלעפּן איינער אַליין, אָבער די קאָשמאַרע נאַכט האָט מיך אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז איך האָב געשלעפּט דעם טשעמאָדאַן, ווי ער וואָלט געווען אָנגעפּולט מיט בליי. דער ענגלענדער האָט געקוקט אויף מיר מיט פאַרדאַכט ווי באַלד וועט ער פון טשעמאָדאַן אַרויסשלעפּן כאָטש אַ טאַנק. איך האָב געעפנט דעם טשעמאָדאַן און דער בלויער גלאַנציקער אונטערשלאַק פון טשעמאָדאַן האָט אים גלייך באַרואיקט. האָט דער ענגלענדער בנעימותדיק דורכגעטאַפּט יעדע קלייניקייט, געזוכט און גענישטערט, אויסגעטאַפּט צי דער טשעמאָדאַן האָט נישט קיין דאָפּלטע ווענט, אָדער חס וחלילה אַנדערע געהיימע באַהעלטענישן. ער האָט אויסגעטאַפּט אפילו די זוים פון מיינע נאָזטיכלעך. צום סוף האָט ער געפּסקנט, אַז ער האָט גאָרנישט געפונען און געזאָגט שטיל, ווי עס וואָלט נישט ווערט געווען וועגן דעם צו רעדן, אַז באַלד וועלן מיר זיין פריי. מיר דאַרפן נאָר פריער שלעפּן אויף צוריק, פון געצעלט צום מאַגאַזין, וואָס מיר האָבן נעכטן געשלעפּט פון מאַגאַזין אין געצעלט אַריין. מיר האָבן אַלץ געטון לויט דעם געזעץ און וועדליק דער אָרדענונג און דער טויער פונעם לאַגער האָט זיך פאַר אונדז געעפנט — מיר זענען פריי — גוד ביי!

ניין, מיר זענען אַריבער בלויז איין זייט פון דער גרענעץ. פון יענער זייט טויער שטייט אַ הילצערן ביידל. לעבן דעם הילצערן ביידל שטייט אַ יונגערמאַן אין קורצע כאַקי־הויזן, מיט אַ העמד מיט אַן אויסגעלייגטן קאָלנער, ער זאָגט אונדז שלום און פאַרבעט אונדז אין ביידל אַריין.

אין ביידל זיצן אַ זעקס־זיבן יידן, דאָס זענען די לייט פון דער סוכנות, וואָס נעמען אויף נייע עולים. עס גייט ביי זיי זייער שנעל: ווי הייסטו? ווער ביסטו? וואָס פאַר אַ פּאַרטיי? תודה, שלום. שלום.

די ערשטע ווערן באַפרייט די צווי ברידער סאָסנאָוויק, העבּרעאישע לערער. זיי קנאַקן אַ פייערדיקן העבּרעאיש, אַז די לייט פון דער סוכנות שעפּן נחת. דער צווייטער ווערט באַפרייט דער, וואָס גייט אין קיבוץ, אַ פּועלי־ציוניסט, דורכגעמאַכט די הכשרה דאָ און דאָ. תודה, שלום, שלום. דער דריטער קומט דער רעליי־

גיעזער יונגערמאַן. ער געהערט צו „מזרחי" און קלייבט זיך אין דעם און אין דעם רעליגיעזן קיבוץ. תודה, שלום. דערנאָך קום איך: ווי הייסטו? ווער ביסטו? וואָס פאַר אַ פּאַרטיי?

אָן צו טראַכטן זאָג איך:

„פאַר דער מלחמה האָב איך במשך פון דריי יאָר געהערט צום ,בונד'".

ווען איך וואָלט אין דעם מאָמענט געוואָרפן אין געצעלט אַ גראַנאַט, אָדער אויסגעשלאָגן אַלע שויבן, וואָלט מסתמא דער איינדרוק געווען אַ שוואַכערער, ווי דער, וואָס איז געווען נאָך דעם ווי איך האָב דערמאָנט דאָס וואָרט „בונד". די לייט האָבן זיך אָנגעהויבן סודען און שושקען און שוויצן. יעדער איינער האָט געוואָרפן אויף מיר אויגן, ווי איך וואָלט ווייניקסטנס געווען אַ מערדער.

שמואל ראָזענבערג, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר, האָט צו מיר שטיל געזאָגט:

„צאַניך, ס'איז נישט גוט. צו וואָס האָסטו דאָס געזאָגט?"

איך האָב זיך פאַרלוירן ווי עס פאַרלירט זיך אַ פאַרברעכער, וואָס מען כאַפּט אים ביי דער האַנט. די לייט שושקען זיך נאָך. איינער דרייט אויס דעם קאָפּ צו ראָזענבערגן און זאָגט אים עפּעס. ראָזענבערג ווידער זאָגט צו מיר:

„צאַניך, ס'איז נישט גוט. ס'איז דאָ אַ פאָרשלאָג, מען זאָל דיך צוריקשיקן אין לאַגער".

ערשט איצט האָב איך זיך געכאַפּט וואָס פאַר אַ נאַרישקייט איך האָב אָפּגעטון און געזאָגט צו ראָזענבערגן: „דו מוזט מיך ראַטעווען. אויב זיי שיקן מיך צוריק אין לאַגער אריין מיט דעם, אַז איך בין פּאָליטיש געפערלעך, וועלן מיך די ענג־לענדער האלטן אינטערנירט ביז צום סוף פון דער מלחמה"

ראָזענבערג האָט פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון מיין מצב און געזאָגט צו די לייט:

„כמעט אַ האַלב יאָר האָבן מיר געוווינט אין איין צימער, אַ בעטל נעבן אַ בעטל. איך קען צאַנינען זייער גוט. באַפרייט אים אויף מיין אחריות".

זיי האָבן ראָזענבערגן געקענט ווי אַ באַאַמטן פון פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע און זיי האָבן לסוף באַשלאָסן: זיי באַפרייען מיך אויף זיין אחריות.

די געפאַר, אַז די סוכנות־מענטשן האָבן מיך געקענט איבערגעבן אין די הענט פון די ענגלענדער ווי אַ פּאָליטיש געפערלעכן מענטש, האָט מיך אַזוי דערשלאָגן, אַז ווען איך בין אָנגעקומען אין בית־עולים אין חיפה און דער דאָר־טיקער באַאַמטער האָט מיר געוואָלט געבן אַ פונט, איך זאָל האָבן אויף רייזע־הוצאות קיין תל־אביב און אויף די ערשטע אויסגאַבן — האָב איך ביי אים דעם פונט נישט געוואָלט נעמען און אויסגערעדט די ערשטע פאַר העברעאישע ווער־טער אין ארץ־ישראל: „לא מדובשך ולא מעוקצך"...

מיט אַ דריי טעג שפּעטער האָב איך אין תל־אביב באַקומען אַן אויפפאָדערונג פון דער בריטישער סי. איי. די. (זיכערהייטס־פּאָליציי), איך זאָל קומען אין דעם אַמט, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער גרענעץ פון תל־אביב און יפו, פּינקטלעך 9 פאַר מיטאָג.

איך האָב זיך געשטעלט אין דער געהעריקער צייט און אויפגענומען האָט

מיך אַ פּאָליציי־אָפיציר אַ ייד, וואָס שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער הייסט שטיינבערג און מיט קיין גרויסער אינטעליגענץ האָט, ווייזט אויס, שטיינבערג נישט געזינדיקט. דערפאַר אָבער האָט ער פאַרמאָגט אַ ים מיט פאַר־ריסנקייט און אַראָגאַנץ. וואָרום ער האָט זיך אָפילו נישט באַמיט צו זיין דיסקרעט בנוגע דעם וועג, מיט וועלכן ער איז געקומען צו מיר. נאָכן אויספרעגן די פּער־סאָנאַליען — נאָמען, עלטער, געבוירן־אָרט, טאַטע, מאַמע, ווען געקומען אין לאַנד אַריין, איז ער אַרויס מיט דער ערשטער פראַגע:

„צי דערלויבט דער „בונד" חתונה האָבן מיט שיקסעס?"

אזוי ווי פון דער פראַגע בין איך אָריענטירט געוואָרן ווי אַזוי די בריטישע זיכערהייטס־פּאָליציי איז געקומען אויף די שפּורן פון מיין פאַרברעך, האָב איך א טויט־ערנסטער געענטפערט אזוי:

„דער „בונד" אין פוילן האָט פאַר יידן געפאָדערט נאַציאָנאַלע קולטור־אויטאָנאָמיע, במילא האָט ער פאַרבאָטן חתונה צו האָבן מיט שיקסעס, סיידן די שיקסע איז געווען אַ שיינע".

„הייסט עס אַז דער „בונד" האָט יאָ דערלויבט חתונה צו האָבן מיט שיקסעס?"

— האָט ער געפּרוווט מיך כאַפּן ביי א סתירה.

איך האָב ווידער געענטפערט רואיק און זייער ערנסט:

„אין פּרינציפּ האָט ער נישט דערלויבט. דער אויסנאַם פאַר שיינע שיקסעס נעמט זיך פון דעם, וואָס דער „בונד" געהערט צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, צו דעם זעלבן, צו וועלכן עס געהערן די רעכטע פּועלי־ציון. אָבער כדי די גוים אין אינטערנאַציאָנאַל זאָלן אונטערשיידן דעם „בונד" פון די רעכטע פּועלי ציון, האָט דער „בונד" געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר שיינע שיקסעס".

דער טיפּש אינעם פּאָליציי־מונדיר האָט אַראָפּגעשלונגען מיין ענטפער, ווי איך וואָלט אים אַנטדעקט אַ נייע וועלט. פון דעם מאָמענט אָן האָב איך שוין געוווּסט מיט וועמען איך האָב צו טון און אויף יעדער שאלה זיינער געענטפערט אַזוי, אַז דאָס וואָרט שיקסע זאָל זיין אַריינגעמישט. אזוי האָב איך פאַר אים אויפגעקלערט, אַז דער פּראָגראַם פון „בונד", אויסער וואָס ער באַהאַנדלט די פראַגע פון שיקסעס, האָט געקעמפט פאַר די נאַציאָנאַלע און קלאַסן־אינטערעסן פון די יידן אין פוילן און פאַר בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. דער „בונד" איז דעם ערשטן מאַי געגאַנגען אין אַ באַזונדער דעמאָנסטראַציע, אין אַנדערע גאַסן ווי עס איז געגאַנ־גען די דעמאָנסטראַציע פון די רעכטע פּועלי ציון, כדי די רעכטע פּועלי ציון זאָל נישט וואַרפן קיין לאַזונגען קעגן די בונדיסטן, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט שיינע שיקסעס".

אזוי האָב איך שטיינבערגן אָנגעשיקסעוועט א גאַנצן פּראָטאָקאָל ביז עס איז געפאַלן די לעצטע פראַגע:

„צוליב וועלכע פּאָליטישע צוועקן ביזטו געקומען קיין פּאַלעסטינע?"

דאָ האָב איך דערפילט די ערנסטקייט פון מיין מצב און אים געענטפערט:

„אויב פאַרענדיקן צו זיין אַ פּליט איז אַ פּאָליטישער צוועק, בין איך געקומען אַהער צו ווערן אויס פּליט".

נאָך דעם ענטפער איז געקומען זיין פּאָליצייאישע דעקלאַראַציע:

„ביי אונדז זענען בונדיסטן און קאָמוניסטן די זעלבע פֿאַרברעכער. איך וואָרן דיך, אַז יעדע דיינע פּאָליטישע טעטיקייט אין לאַנד וועט זיך ענדיקן מיט תפיסה".

איך האָב געהאַט אויף דער צונג אַן ענטפער, אָבער איך האָב אים ליבערשט אַראָפּגעשלונגען. איך האָב מורא געהאַט פאַר שטיינבערגס טעמפּקייט. וואָס האָב איך אים געקענט דערציילן וועגן מיינע איבערלעבונגען איבער ווייסטע גרענעצן, וועגן פראָנט־איבערלעבונגען, וועגן מיינע איבערלעבונגען אין דעם באָמבאַרדירטן וואַרשע, וועגן די סכנות וואָס האָבן מיר געדראָט פון די קאָמוניסטן אין ביאַליסטאָק? דער אַגענט פון סי. איי. די. אַפילו ווען ער איז אַ ייד, וועט דאָס אַלץ נישט פאַרשטיין.

שטיינבערג בכבודו ובעצמו האָט מיר אָנגעטון אויף דער ברוסט אַ שילדל מיט אַ נומער און מיך פאָטאָגראַפירט פון אַלע דריי זייטן ווי אַ פאַרברעכער — פון פאָרנט, דעם רעכטן און דעם לינקן פּראָפיל, חוץ־נאָך מיט שוואַרצע פאַרב אָפּגעדרוקט אַלע מיינע פינגער און באַזונדער די הענט־פלאַכן — איך בין פאַר־אייביקט געוואָרן אין אַלבום פון די פאַרברעכער אין פּאַלעסטינע.

ווען איך בין אַרויס פון דעם טויער פון סי. איי. די. האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין ענדלעך אַריבער די לעצטע געפערלעכע גרענעץ. דאָך אַן אונטערשייד איז געווען: ביי אַלע געפערלעכע גרענעצן, וואָס מיר איז אויסגעקומען אַריבערצוגיין, האָב איך שפּעטער געהאַט אַ געפיל פון דערהויבנקייט, ווי איך וואָלט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. דאָ, נאָכן אַריבערגיין די גרענעץ פון סי. איי. די. בין איך געווען דערשלאָגן. דאָך פון אָט דעם נסיון האָב איך פאַרשטאַנען אַ סך פריערדיקע און שפּעטערדיקע דערשיינונגען, וועלכע וואָלטן געבליבן פאַר מיר א פארמאכט בוך...

מיט אַ זיבן חדשים שפּעטער, זיצנדיק אין דעם דעמאָלט באַרימטן קאַפע־הויז „גינתי" ביי אַ טישל צוזאַמען מיט ז. סעגאַלאָוויטש, איז צו מיר צוגעקומען דער רעדאַקטאָר פון דעם „עתון מיוחד", זאובער, און מיט אַ גוט־ברודעריש געלעכ־טערל געזאָגט אַזוי:

„צאַנין, אויב איר וועט שטעלן אַ האַלב גענדזל מיט ביר, וועט איר זיך דער־וויסן וועגן זיך עפּעס זייער אינטערעסאַנטס".

דער „עתון מיוחד" איז געווען אַ רכילות־צייטונג, וואָס אַלע סוחרים פון דער הרצל־גאַס האָבן פאַר אים מורא געהאַט. אָבער זאובער ווי די סוחרים פון הרצל־גאַס האָבן פאַר אים מורא געהאַט אַזוי איז ער אין דער געזעלשאַפט פון זשורנאַ־ליסטן און שרייבער געווען אַן אָנגענעמער מענטש. ער האָט געקענט לערנען און אויסער אַ גוט האַרץ האָט ער אויך געהאַט הומאָר און ליב געהאַט צו טון אַ טובה. האָבן מיר זיך אָפּגעשמועסט אויף אַן אָוונט אין רעסטאָראַן „המוזג" אויף דער אלנבי גאַס וווּ עס פלעגן דעמאָלט אַריינקומען אַראַבער פון יפו און סתם פריילעכע לייט פון תל־אביב — דאָרט וועט זיין דאָס האַלבע גענדזל מיט ביר.

אין דער אָפּגעשמועסטער צייט האָט שוין דאָרט געוואַרט דער געהיים־אַגענט דודעק, וואָס פריער האָב איך אים עטלעכע מאָל געזען אויף דער גאַס און אין קאַפע „גינתי", אָבער איך האָב נישט געוווסט, אַז מער ווי איך זע אים זעט ער מיך... דודעק האָט מיר דערציילט, אַז במשך פון אַ האַלב יאָר איז ער געווען מיין

שאָטן, מיר נאָכגעגאַנגען און פאַרשריבן געננוי ווען איך בין אַרויס פון שטוב, מיט וועמען איך האָב זיך געטראָפן און ווו איך האָב זיך געטראָפן מיט וועמען. ער איז מיר נאָכגעגאַנגען פוסטריט אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט דעם בריטישן קעניג און ביי דער געלעגנהייט אויך אין נאָמען פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער אינסטיטוציע.

ערשט נאָך דעם האָלבן געגנדזל מיט ביר האָב איך אויפריכטיק דערפילט, אַז איך האָב שוין אַלע גרענעצן הינטער זיך און בין ענדלעך אין דער היים אונטער די בלויע ארץ־ישראלדיקע הימלען.

(סוף)